STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04223

ARTAPANUS KUMT TSURIK AHEYM

M. Tsanin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער ירדן פֿאַלט אַרײַן
אין ים המלח

✡

אַרטאַפֿאַנוס
קומט צוריק אַהיים

[illegible]

פ. צמען

ארטאפאנוס
קומט צוריק אהיים

ראָמאַן

* * * * * * * *

מ. צאַנין

דער ירדן פֿאַלט אַרײַן אין ים המלח



ה. לייוויק - פאַרלאַג
בײַם פאַראיין פון יידישע שרײַבערס
און זשורנאַליסטן אין ישראל

הירדן נופל אל תוך ים המלח
מאת מ. צאַנין

THE JORDAN RIVER DROPS INTO THE DEAD SEA
by M. Tsanin

Copyright by M. Tsanin

אַלע רעכט געהערן דעם מחבר
כל הזכויות שמורות למחבר

נדפס בישראל תשמ״א
Printed in Israel 1981

דפוס משה חמיאל
תל־אביב, טל. 33 84 43

מיין זון זאב מיט ליבשאַפֿט

1

נאָך צוויי וואָכן זיצן אין קיבוץ וועגן זייַן שנור יהודית, האָט ד״ר אליעזר אַרטאַפּאַנוס זיך אויפגעהויבן און צוריקגעפאָרן קיין תל־אביב. אַז דער זון, דוד, האָט געזען ווי דער פאָטער פאַרנעמט זיך אַוועקצופאָרן, האָט אויך ער, אָן צו פרעגן וואָס און ווען, געמאַכט אַ פּעקל פון זייַנע פאַר זאַכן און מיטגעגאַנגען אינעם פאָטערס פוסטריט.

כאָטש עס איז שוין געווען לאַנג נאָך סוכּות איז דער טאָג געווען אַ חמימהדיקער, מיט אַ הייסן טרוקענעם ווינט, וואָס מען פילט אים ווי ער וואָלט געטריקנט דעם מוח. ד״ר אליעזר האָט די חמימה פאַרגעפילט מיט אַ טאָג פריִער. דער קאָפּ האָט אים ווי געטאָן מיט אַ קלעמענדיקן ווייטיק. ער האָט געהאַט אַ געפיל אַז ער ענדיקט זיך. אַז אויף צו מאָרגנס באַגינען איז דער טאָג אויפגעקומען מיט אַ הייסן זאַמדיקן ווינט און דאָס האַרץ אין אים האָט זיך געוואָרפן מיט טויטשרעק, האָט ער באַשלאָסן איבערצושנייַדן די צייַט און אַנטלויפן פון עמק. ער איז אַפילו נישט געגאַנגען אין חדר־האוכל צו טרינקען אַ קאַווע. ער האָט שנעל און נאַכלעסיק זיך אָפּראַזירט און אַוועק צו יהודיתן זיך געזעגענען מיט איר. אויפן וועג האָט ער געפּלאַנט וואָס פאַר אַ תּירוץ צו זאָגן פאַר זייַן אַוועקפאָרן, אָבער ער האָט גאָרנישט צוגעטראַכט. ער האָט נישט געדאַרפט קיין תּירוץ. אינעם באַגינען איז יהודית געזעסן בייַם נידעריקן טיש אין איר צימער, פאַרקוקט אין צוויי פאָטאָבילדער אונטערגעשפּאַרט מיט ביכער. פאַר איר, פאַר יהודיתן, האָט זיך די צייַט פאַרלוירן אין אומצייַט. זי האָט אַפילו נישט באַמערקט איר שווערס אַרייַנקום. ער האָט לייַכט אַוועקגעלייגט זייַן האַנט אויף איר אַקסל. נישט אַוועקנעמענדיק אירע אויגן פון די צוויי פאָטאָבילדער האָט זי צוגעדעקט זייַן האַנט מיט איר האַנט און זי אַ גלעט געטאָן. האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן, אַ קוש געטאָן איר אין קאָפּ און איר אַרייַנגעפּליסטערט אין אויער:

„טאָכטער, די לעבעדיקע מוזן בעל־כּורחם ווייַטער לעבן. איך...״

„פאָטער, איך ווייס״, האָט זי אַ דריק געטאָן זייַן האַנט, „מיר זענען פאַרמשפּט צו לעבן. איז עס נישט אַכזריותדיקער ווי זייַן פאַרמשפּט צום טויט?״

„ניין, יהודית״, האָט ער געגלעט אירע האָר, „מיר ווילן אַלע דעם גזר־דין צו לעבן... איצט מוז איך זייַן אין תל־אביב...״

ד״ר אליעזר האָט געאײַלט צום הויפּט־כּביש. דוד האָט אים אָנגעיאָגט און

זיך אויסגעגלײַכט מיט אים. פּאַטער און זון האָבן געשוויגן. אויסער אַ פּעקל, האָט דוד געהאַלטן אונטערן אָרעם עפּעס וואָס האָט געקענט זײַן אַ טייל פון אַ פּיזשאַמע, אָדער אַ טיכל, וואָס ער זאָל האָבן געכאַפּט אין דער לעצטער מינוט. אין די צוויי וואָכן אין קיבוץ איז דוד געוואָרן נאָך מער אומגעדולדיק ווי ער איז עס געווען פון דער נאַטור. די טעגלעכע שמועסן מיט יוכבדן דורכן טעלע־פאָן פון תל־אביב און זײַן זונס קינדערישע שטימע: „אַבאַלע, אַבאַלע, קום אַהיים" האָבן געריסן פון אים שטיקער. אַלץ איז געוואָרן אומוויכטיק און לעס־טיק. ווען וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן? קען זיך כאַאָס ענדיקן? קען זיך דער מענטשלעכער שגעון ענדיקן? ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זײַנע אייגענע ווערטער האָבן זיך אויסגעליידיקט, געוואָרן פּלעווס אָן קערנער. ער איז געזעסן אין קיבוץ נאָר דערפֿאַר ווײַל דער פּאַטער האָט געוואָלט זײַן נעבן יהודיתן און אויך דערפֿאַר ווײַל ער האָט געוויטיקט דעם פּאַטערס ווייען, און ער האָט אים אַזוי פֿאַרערט אַז ער האָט געוואָלט זײַן נאָענט צו אים און אים פּײַניקן, כּדי דער פּאַטער זאָל אים פֿילן...

סײַ אויפֿן כביש און סײַ אויף די פעלדער איז נישט געווען קיין סימן פון לעבן. צווישן די פֿאַרחלשטע פעלדער און דעם געלבלעכן הימל איז געהאַנגען אַ זאַמדיקער נעפּל. דער עמק האָט אויסגעזען צו זײַן נאָך נידעריקער ווי ער איז און אויסגעברענט ווי נאָך אַ שׂריפֿה. פונעם הימל האָט אַראָפּגעפּלאָקערט אַ פֿײַערדיקער בעקן, וואָס האָט געזאָלט אַנצייכענען דעם פּלאַץ פון דער זון. פון דעם געלאַטעטן אַספֿאַלט האָט געשלאָגן אַ בראַנדיקע היץ. טראַכטנדיק, אַז זיי וועלן לאַנג נישט אויסהאַלטן אויפֿן כביש, אין דער שׂריפֿה, ביז עס וועט זיך באַווײַזן אַן אויטאָבוס, צי אַ פֿאַרבײַפֿאָרנדיקער אויטאָ, האָט אליעזר געזאָגט:

„זי וועט עס נישט איבערלעבן".

דוד האָט פון אונטערן אָרעם אַפּערגענומען דאָס שטיקל בגד, וואָס ער האָט דאָרט געהאַלטן און עס דערלאַנגט דעם פּאַטער:

„האָב רחמנות אויף זיך און פֿאַרדעק דעם קאָפּ. ווי אַ צוגאָב צו די מלחמות וועלן אונדז די כאַמסינען פֿאַראויסשוויצעווען".

דער פּאַטער האָט אָפּגעשטופּט די האַנט פון דעם זון און אָנגעוויזן אויף זײַן קאָפּ:

„ע ר דאַרף האָבן אַ ביסל קילקייט. היט אים". אַליין האָט ער פון זײַן פּעקל אַרויסגענומען אַ צײַטונג און מיט איר פֿאַרדעכלט זײַן קאָפּ. פּאַטער און זון, דער מיט אַ שטיקל פֿאַרביק געוועב אויפֿן קאָפּ און דער פֿאַרדעכלט דעם קאָפּ מיט אַ צײַטונג, האָבן באַקומען דעם אויסזען פון צוויי פֿאַרוואָגלטע, וואָס געפֿינען זיך נישט אויס אין אַ וויסטעניש. זיי ווייסן נישט אין וועלכער ריכטונג צו גיין און אויף וואָס צו וואַרטן. די מלחמה האָט די אויטאָבוסן און אויטאָס פֿאַרשלעפּט צו די פֿראָנטן. זייערע שאָפֿערן זענען פֿאַרטאָן אין דער מלחמה אויפֿן גולן, אָדער אין סיני. זענען אויך די פעלדער פֿאַריתומט פון מענטש, און אויך די וועגן ליגן עלנטע און אויסגעדורשטע נאָך באַוועגונג.

פון דער זײַט פון מגידו האָט זיך אינעם נעפּל אײַנגעשטאָכן אַ טונקעלער פונקט און באַלד איז דער פונקט פאַרווישט געוואָרן. דערנאָך האָט זיך זיי געדאַכט: ערגעץ ווו רוישט אַן אויטאָ־מאָטאָר. אויך דער גערויש איז פאַרווישט געוואָרן. דער פײַערדיקער בעקן אינעם געלבלעכן פאַרנעפּלטן הימל האָט זיך נאָך מער צעהיצט. דוד האָט אַרויסגעוואָרפן אַ שטילע קללה, וואָס דער פּאַטער האָט נישט געהערט, אָבער זיך אָנגעשטויסן. אליעזר האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און אין דער רגע איז אומבאַמערקט אָנגעלאָפן אַ „געשפּאַן". עס איז געווען אויב נישט אַ גילגול פון אַ ציגײַנערישן דיליזשאַנס, וואָס האָט אײַנגעשלונגען דאָס פערד, און דאָס באַשעפעניש כראָכלט אַרויס מיט יִאוש, ווי עס וואָלט נאָכגעמאַכט אַ צעהיצטן מאָטאָר. פון אונטער דעם צעפליקטן ברעזענט פון דעם שברי־כלי־טענדער האָבן אַרויסגעקוקט פאַרזשאַווערטע רייפן, ווי די ריפּן־ביינער פון אַ גרויסן פּגר. דורך דער פאַרשטויבטער ווינטשויב האָט אַדורכגעקוקט אַ פּנים, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שטיקל פון דעם קרוע־בלוע־ברעזענט. אויך פאַר דעם פּנים האָבן די צוויי געשטאַלטן אויפן מיטן כּביש, איינער מיט אַ צײַטונג איבערן קאָפּ און דער צווייטער מיט אַ שטיקל געוועב אויפן קאָפּ און ביידע מיט צעטומלטע אויגן, אויסגעזען נישט־דאָ־וועלטיק.

„ווו דאַרפט איר?" האָט ער געפרעגט מיט אַן אויסגעטריקנט קול. ער האָט נישט געוואָרט אויף אַן ענטפער. ער האָט געעפנט די טיר פון דער קאַבינע פון דער שברי־כלי און אָנגעוויזן אַ פּלאַץ נעבן זיך.

„זעסט, אַפילו ווען דער הימל איז פאַרשאָטן מיט זאַמד האָט זיך דאָך געפונען אַ שפּאַרע פאַר אַ טרייסט", האָט אליעזר אַרויפגעקלעטערט דער ערשטער און מיט אַ פּנים פון אַ דערלייזטן אַרײַנגעשמייכלט אין פּנים פון דעם שאָפער.

„ער איז אַ וואַזשנער אויפטוער!" האָט דער שאָפער אָנגעוויזן אליעזרן, ער זאָל זיך צורוקן נענטער צו אים און מאַכן נאָך אַ פּלאַץ.

„ווועמען מיינט איר?" האָט דוד געפרעגט זיך מאַכנדיק באַקוועם.

דער שאָפער האָט מיטן דיקן פינגער אָנגעוויזן אויף אויבן און ביידע, פּאַטער און זון, האָט זיך געדאַכט, אַז דער שאָפער האַלט גאַר אַ בײַטש און מיט איר ווײַזט ער אָן צום הימל. זײַן פּנים איז געווען פאַרשטויבט און פון צווישן דעם שטויב האָבן אַרויסגעשטעקט האָר־שפּילקעלעך פון זאַמדיקער און גראָער פאַרב. אַרום די אויגן האָבן זיך אָפּגעזעצט דאָפּלטע רעמלעך — זאַמדיקע, און נענטער צו די אויגן — רויטלעכע. איבער זײַן צעקנייטשטן שטערן האָט זיך געבאָמבלט אַ פאַרשטויבטער לאָק, וואָס האָט אויסגעזען מער ווי אַ קאָלטן.

„איך הייס ווועלוול שפּירא", האָט דער שאָפער מבשׂר געווען גלײַך ווי ער האָט אַ יאָג געטאָן זײַן צעכראָכלטע מאַשין, „איך פאָר פון גולן... נעכטן האָב איך אים געזוכט אַ גאַנצן טאָג... כ'האָב שוין געוואָלט אויסדרייען דעם וואָגן, ערשט ער איז דאָ. געשלאָפן נעבן אַ טאַנק בעסער ווי איך שלאָף אין מײַן אייגן בעט". מיט אַ פאַרשטויבטן אַרבל האָט ער אָפּגעווישט דעם שווייס פון זײַן פּנים און ווײַטער געצויגן: „איר וואָלט אים געדאַרפט זען, מײַן מאָטקען.

מיט צוויי קעפּ העכער פון מיר. איך האָב געוווסט: מײַן מאַטקע וועט נישט אָפּטאָן דעם ט אַ ט ן. פון קליינווייז אָן געווען אַ חברה־מאַן. „טאַטע, זאָגט ער צו מיר, גיב איבער דער מאַמען אַ קוש מיט אַ ד״ש און זאָג איר, זי זאָל וועגן מיר נישט זאָרגן׳. גוט צו זאָגן „נישט זאָרגן׳. זײַט יום־כּיפּור איז זי שיִער נישט אַראָפּ פון זינען. „וועלוול גיי׳, וועלוול פאַר׳, „וועלוול טו עפּעס׳. גיי זוך אַ נאָדל אין אַ ברענענדיק הויז״.

„אָן איינציק קינד?״ האָט אליעזר געפרעגט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און באַהאַלטן געקוקט אין דער זײַט פון דודן.

„דרײַ, געלויבט צו גאָט!״ האָבן זיך וועלוולס אויגן צעליכטיקט. „מ׳האָט זיי מיר אײַנגעטיילט: דער עלטסטער, מאָטקע, איז אויפן גולן. דער יינגסטער, יאָסעלע, האָט מיט צוויי טעג צוריק גערעדט פון גושן פון אַ טעלעפאָן ווײַט ווי פון דער לבנה. קוים געהערט אַ וואָרט: „ד״ש לאמא עטל ואבא וועלוול שפירא ולכל המשפחה, אַל דאגה, יאָסעלע אַי־שם׳. געזונט זאָל ער מיר זײַן. דער מיטל־סטער, שלמהלע, וויל נישט זאָגן ווו ער איז. אַפילו נישט קיין „אַי־שם׳. ער געהערט צו די רויטע מעשטעס. שפּרינגט, לויפט, הו־האַ אויפן הימל אַ יאַריד, די גאַנצע מדינה טראָגט ער אויף זײַנע פּלייצעס״.

„איך ווינטש אײַך איר זאָלט זיי אַלע באַלד האָבן געזונטע אין דער היים״, איז אליעזר אַ גערירטער אים אַרײַנגעפאַלן אין דער היץ פון זײַנע רייד.

„אַ יישר־כּוח״, האָט וועלוול אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און דער פאַרשטויב־טער האַרטער לאָק איבערן שטערן האָט זיך אַ טרייסל געטאָן ווי אַן אומרו פון אַ זייגער. „אויב דער ראַדיאַטאָר וועט אויסהאַלטן וועל איך זיך אַראָפּלאָזן צו מײַן יינגסטן אין גושן, צו יענער זײַט קאַנאַל. דאַכט זיך ערשט נעכטן געפּראַ־וועט זײַן בר־מיצווה און איצט איז ער מיר אַ פּײַטער, „אַי־שם׳. איין וועג וועל איך זען פון וואַנען משה האָט אַרויסגעפירט די ייִדן און וווהין משה האָט זיי אַרײַנגעפירט. זאָל נאָר דער ראַדיאַטאָר אויסהאַלטן. ער קאַכט ווי אַ קעסל. דער מאָטאָר — זאָגט שוין גאָרנישט. ער שרפּעט, דעכעט מיט די זײַטן און זעט ווי ער אַרבעט. טאָמער וועט ער אויסהאַלטן דעם סיני וועל איך אים דערפאַר מאַכן נײַע רינגען״.

אָנגעקלעמט פון די צוויי וואָכן אין קיבוץ האָט אליעזר בלויז מיט כּוח גע־קענט אײַנהאַלטן זײַנע טרערן. עס האָט אים קוים געסטײַעט רויִקייט אַרויסצו־זאָגן די ווערטער „איר זענט אַ טײַערער טאַטע״.

וועלוול האָט דעם שבח מבֿטל געמאַכט מיט אַ וויש אונטער דער נאָז ווו ס׳איז אים געהאָנגען אַ זאַמדיקער טראָפּן שווייס:

„כ׳ווייס... דאָרט, אין ראַדעם, האָב איך פאַרלוירן... איר זענט פּוילישע?... געהאַט אויף זיך מײַדאַנעק, בוכענוואַלד... די ערשטע טאָכטער וואָלט שוין הײַנט אַלט געווען אַ פינף און דרײַסיק יאָר. דאָס קינד מיט וועלכן מײַן ווײַב האָט געשוואַנגערט וואָלט שוין אויך אַלט געווען אַ דרײַסיק־צוויי און דרײַסיק...״ ער האָט פּלוצים אָפּגעהאַקט. ערשט ווען די שברי־כּלי איז אַרויף אויפן כּביש טבעון־

חיפה, האָט ער זיך ווידער צוזאַמענגעקליבן און געזאָגט: „איר ווייסט וואָס עס מיינט אין ישׂראל אויסהאָדעווען דרײַ ווילע קינדער?... ניין, איר ווייסט נישט... איר וואָלט זיי געדאַרפט זען... נאָר זי הערט נישט אויף צו וויינען... זי איז די צווייטע בײַ מיר... אויך אירע ערשטע קינדער זענען אַוועק... ס'איז נאָר איר מלחמה, זאָגט זי..."

פאַר די טראַפיק־ליכטער צום כּביש קיין עכּו האָט דער מאָטאָר אָנגעהויבן הוסטן, קרעקן זיך און קאָפּען. דאָס וואַסער אין ראַדיאַטאָר האָט געקאָכט און פון אונטער דעם דעק האָט געזעצט אַ פּאַרע. וועלוול האָט אָראָפּגעפּירט זײַן טענדער צום ראַנד פונעם כּביש און פאַרלאָשן דעם מאָטאָר. מיט ביידע אָרבל האָט ער געווישט דעם שווייס דאָ פון איין זײַט פּנים און דאָ פון דער צווייטער זײַט פּנים.

„כ'האָב אײַך געזאָגט: איך מוז לאָזן שווענקען דעם ראַדיאַטאָר", האָט ער זיך פאַרענטפערט, „די וועלט איז אַזוי געשטעלט, אַז אַ מאָטאָר, ווי אַ מענטש, מעג זיך פּײַניקן, אָבער ער טאָר זיך נישט היצן. ער וועט ווײַט נישט פאַרפאָרן..."

אויף צו מאָרגנס נאָכן אויסברוך פון דער יום־כּיפּור־מלחמה האָט יהודית טעלעפאָנירט צו איר שווער, ד"ר אליעזר אָרטאָפּאַנוס. זי האָט אים געפונען בײַ זײַן זון און שנור. מיט אַ שלעכט־בשׂורהדיקער הייזעריקייט האָט זי אַרײַנגע־קרעכצט אין טרײַבל:

„פּאָטער, דני איז נעכטן אַוועק אויפן גולן... דאָרט איז אַ גיהנום..."

„אַלע זענען מאָביליזירט. ס'איז מלחמה, טאָכטער מײַנע", האָט אליעזר גע־מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז אין גאַנצן רויִק, „דני איז אַ פאַרנונפטיקער בחור".

„פּאָטער, ער איז אַן איינציקער בײַ מיר... דאָ הערן מיר די אויפרײַסן פון די באָמבעס אויפן גולן..." האָט יהודית אַרײַנגעהעשעט אין טעלעפאָן.

„יהודית טײַערע, ס'איז נאַטירלעך וואָס דו הערסט די אויפרײַסן. מלחמה איז נישט קיין קומזיץ. אַז ס'פאַלן באָמבעס הערט מען די אויפרײַסן... דני איז פאַר־זיכטיק ווי אַ קעצל. זײַ רויִק. האָב צוטרוי אין דײַן זון". זײַן געלאַסנקייט און זיכערקייט האָבן נישט געשטילט איר בהלהדיקן אומרו. מיט דער זעלביקער צע־בראָכנקייט האָט זי אַרײַנגעוויינט אין טעלעפאָן:

„דאָס האַרץ, פאָטער... דאָס האַרץ! איך בין אומגליקלעך".

„אַלע זענען מיר אומגליקלעך", האָט אליעזר געהעכערט זײַן שטים אויף צו שטראָפן זי, „פאַר אַלע איז די מלחמה אַ קאַטאַסטראָפע! אַ פאָלק גייט אָפּ אין בלוט. איך וויל נישט הערן דיך וויינען, יהודית!"

די פאַרבינדונג האָט זיך פּלוצים איבערגעריסן. דער סיגנאַל פון איבעררײַס האָט אים אַרײַנגעפײַפט אין אויער, דאָך האָט ער ווײַטער גערופן: „יהודית, יהודית!" דער לאַנגער סיגנאַל האָט אים געהילכט אין אויער ווי אַן אויסגעצויגן מענעריש געוויין. ער האָט אַוועקגענומען דאָס טרײַבל פון אויער און געקוקט

אויף דעם שוואַרצן הערלעכל, ווי אין דער עפּענונג פון אַ פינצטערן אָפּגרונט פון וואַנען עס דערגייען די ווייגעשרייען פון יִיאוש. נעבן אים איז געשטאַנען דוד אַ האַלב־נאַקעטער און באָרוועסער פון דער כאַמסינישער היץ און מיט אַ בלייך מיד פּנים. ער האָט אַרויסגענומען פון דעם פּאַטערס האַנט דאָס טרײַבל און עס אַוועקגעלייגט אויפן אַפּאַראַט.

„דני איז מאָביליזירט... מער האָט איר נישט געפעלט... אפשר צופאָרן אין קיבוץ?" — האָט דוד געפּאָרשט דעם פּאַטערס פּנים.

איך בין געווען זיכער, אַז ער איז מאָביליזירט, דאָך בין איך דערשיטערט", האָט אליעזר זיך אָנגעלענט אָן דודס אַקסל, „זעט אויס, אַז די מלחמות וועלן אונדז דאָ אויפעסן".

„קינדער שפּילן זיך מיט די שפּילצײַג, וואָס די עלטערן גרייטן זיי צו", האָט דוד געזאָגט שטיל, כּדי נישט צו שטאַרקן דעם פּאַטערס לײַדן, „איך וועל מאַכן קאַווע... דו דאַרפסט נישט זײַן אַזוי איבערראַשט ווי דו זעסט אויס".

„איבערראַשט... אומגליקלעך... דערשיטערט... וואָס פאַר אַ ווערטער! אָפּגע־ריבענע בלעכלעך", האָט אליעזר אײַנגעפּויסט די האַנט וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דודס אַקסל, „מאַך אַ קאַווע. די נאַרישע לעבעדיקע מוזן טרינקען קאַווע, עסן פרישטיק, טאָן אַלץ וואָס די טויטע טוען נישט".

„אַ, טאַטע, דו הייבסט שוין אָן רעדן ווי דײַן זון. איך האָב נחת פון דיר!", האָט דוד אויסגערופן אויף צו מאַכן שטימונג, „נאָך אַ ביסל און דו וועסט קענען זאָגן: ,איך האָב געירשנט פון מײַן זון' ".

אליעזר האָט אַ זײַטיקן קוק געטאָן אויף דודן. כאָטש ער איז געווען נישט ראַזירט, מיט צעפּלאָשעטע האָר ווי ער וואָלט נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט ער אים אויסגעזען שענער ווי אַלע מאָל און רירנדיק זיס. ער איז געווען צופרידן, און די צופרידנקייט טיף אויסבאַהאַלטן, וואָס אים, דודן, האָט מען דער־ווײַל נישט מאָביליזירט. אין דער רגע האָט דוד געזאָגט:

„כ'ווייס וואָס דו האָסט אין דער סעקונדע געטראַכט. האָסט געטראַכט, אַז ס'איז גוט וואָס איך האָב אַ נידעריקן געזונט־פּראָפיל און מען האָט מיך נישט גערופן".

„ריכטיק", האָט דער פּאָטער אַ קלאַפּ געטאָן דעם זון אין דער פּלייצע, „איך האָב אַזוי געטראַכט, ווײַל דו פילסט אַזוי".

„אויך ריכטיק", האָט דוד מודה געווען, „איך האָב אויך געטראַכט, אַז מלחמות האָבן ליב געזונטע יונגען. אַ געזונטן זעלנער הרגעט זיך גאָר אַנדערש ווי ווען מען וואָלט געהרגעט אַ חלוש. טויטן אַ חלוש מוז גיין צוזאַמען מיט רחמנות. מלחמה האָט עס פײַנט. פע, אַ חלוש".

בעת דוד איז געווען פאַרנומען אין קיך מיט מאַכן קאַווע, איז אליעזר אַוועק אין סאַלאָן און זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע. ס'האָט אים באַהערשט אַ פּלוצימדיקע שוואַכקייט. ער האָט קוים געקענט זיך האַלטן אויף די פיס. יהודיתס אַרײַנהעשען אין טעלעפאָן און דער סיגנאַל פון דעם איבערגעריסענעם געשפּרעך,

האָט אויפגעעפנט אין אַרטאַפּאַנוסן אַלטע ווונדן, און די ווערטער פון זיין אייגע־נעם זון האָבן די ווונדן צעראָיעט. ווי נאָענט יהודית איז אים געווען אין די אַלע יאָרן איז זי אים איצט נאָך טײַערער געוואָרן. פּלוצים איז ער באַהערשט געוואָרן פון אַ האַסטיק געפיל, אַז דער טעלעפאָן־רוף מיינט מער יהודיתן ווי זײַן אייניקל דני. ער גייט זי פאַרלירן. זי איז אין געפאַר. ער איז אַראָפּ פון דער סאָפע און געאײַלט צו דער קיך:

„עמעצער פון אונדז וועט מוזן צופאָרן אין קיבוץ", האָט ער פאַרויסגעשיקט די ווערטער איידער ער איז אַרײַן אין דער קיך, „יהודית טאָר איצט נישט בלײַבן אַליין".

„מיינסטו, פאָטער, ס'איז גוט איך זאָל צופאָרן?" האָט דוד אַוועקגעשטעלט דעם הייסן קאַווע־פינדזשאַן אויף אַ שטרויענער טאַץ, „כ'קען עס טאָן. מײַן יוכבד איז סײַ ווי פאַרטאָן אין שפּיטאָל".

„ווען איך וואָלט וויסן וואָס עס איז גוט!... מען דאַרף נישט פאַרשטאַרקן אין איר די בהלה. ס'איז אפשר בעסער פאַר אַ מוטער זי זאָל זיך אײַנלעבן מיט דעם גורל, אַז איר קינד איז אויפן פראָנט. פון דער צווייטער זײַט..." אליעזר האָט מיט די פינגער פון איין האַנט געקעמט זײַנע האָר, אַנשפּאַרנדיק דעם עלנ־בויגן אָן דעם קיך־טיש.

„זי האָט אַ סך פרײַנד אין קיבוץ", האָט דוד באַמערקט.

„פרײַנד", האָט אליעזר אים נאָכגעזאָגט, „פרײַנד. אויף שמחות איז נישטאָ עפּעס בעסערס. ווען עס קלעמט־צו אויף אַן אמת ווערט דער מענטש לעסטיק אַפילו פאַר פרײַנד. ס'איז מענטשלעך. דעמאָלט דאַרף מען אַ בלוט־נאָענטן. אויף אַרײַנצוווינען אין אים. בפרט יהודית".

„אויך אין קיבוץ?" האָט דוד געפרעגט און געקוקט צום פאָטער איבערן ראַנד פון דער קאַווע־טאַסע.

„דער קיבוץ ענדערט דעם שטייגער פון מענטשן; ער ענדערט נישט זײַנע אינסטינקטן, זײַן אינטימיטעט. ווען דער מענטש פילט זיך אַליין, איז ער איינזאַם אַפילו צווישן טויזנט פרײַנד. דו קענסט יהודיתן נישט וויניקער ווי איך קען זי".

יהודית איז אַ טאָכטער פון אַלט־אײַנגעזעסענע זכרונער ישובניקעס. אין איר קינדהייט האָט זי אין איר סביבה זיך אָנגעהערט וועגן חלוצים און חלוצות, וואָס קומען אַהער פון פּוילן און זיי פירן אַ שטייגער־לעבן, וואָס די לײַט אין ישוב ווילן נישט וועגן אים רעדן אויפן קול, זייערע קינדער זאָלן נישט הערן. דערפאַר וויל מען זיי אַפילו נישט געבן קיין אַרבעט אין פּרדס, אָדער אויפן פעלד. זיי ווילן בויען עפּעס אַזעלכס וואָס מען רופט סאָציאַליזם און דערווײַל לעבן זיי צווישן זיך ווי מאַן און ווײַב אָן חופּה וקידושין. פון דעם געהערטן האָט זיך אָנגעצונדן יהודיתעס דמיון צו באַקענען פון דער נאָענט די מענטשן אויף וועלכע אויך אירע עלטערן קוקן מיט חשד. פון דעם געהערטן האָט זי געוווּסט, אַז אויך

איר אָפּשטאַם איז פון פוילן, פון פּאָדאָליע. נאָר געקומען קיין זכרון איז איר זיידע ווען ער איז נאָך געווען אַ בחור. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ מויד פון ראש־פּינה. יהודיתס עלטערן זענען געבוירן אין זכרון. זענען עס אַנדערע מענטשן פון די וואָס קומען אַהער ווי חלוצים, און די זכרונער קווענקלען זיך צו געבן זיי אַ טאָג אַרבעט. דער נייַגער וואָס פּאַר אַ ס׳גאַל מענטשן עס זענען די נייַע, האָט יהודיתן געבראַכט צום „השומר הצעיר״ און שפּעטער איז זי געווען צווישן די ערשטע אַרויפּצוגיין אויפן באַדן פונעם נייַעם קיבוץ אין עמק.

פון איר מוטער האָט יהודית געירשנט טונקל־רויטע האָר און גרין־גרויע אויגן, וואָס זייער שאַרפקייט שפּיזט־דורך און מאַכט אַנגעגעם רויק. איר שלאַנקייט איז אַזאַ אַז ס׳דאַכט זיך טאָמער וועט זי זיך אַנשלאָגן אָן עפּעס, וועט זי זיך איבערברעכן אין דער העלפט, אָבער אין דעם שלאַנקן צעברעכלעכן גוף קעלטערט זיך אַ מאַגישער כוח צו געווינען מענטשן.

אין יענער צייַט ווען דער פּוילישער גענעראַל אַנדערס האָט פון רוסלאַנד געבראַכט זייַן אַרמיי דורך טעהעראַן קיין ארץ־ישׂראל, האָט דער קיבוץ געשיקט יהודיתן אויף דרום, זי זאָל צורעדן יידישע זעלנער צו דעזערטירן פון דער פּוילישער אַרמיי און בלייַבן אין לאַנד. יהודית האָט זיך נישט געגויטיקט אין די אָנווייַזן פון די „מוסדות״ ווי אַזוי זי זאָל רעדן ציוניזם און איבערצייַגן די יידן אין דער אַרמיי ווי וויכטיק עס איז צו בויען אַ היים פאַר דעם יידישן פאָלק אין ארץ־ישׂראל. אירע גרין־גרויע אויגן און איר ווייַבלעכע „צעברעכלעכקייט״ האָבן אַרייַנגעלאָקט אין די „תנובה״־קרעמלעך אין גדרה און אין רחובות מער זעלנער ווי עס האָבן אין די פּאַרנאַכטן זיך געשטעלט צום אַפּעל אין די לאַגערן. קיין מאָל איז זי אין יענע טעג נישט צוריקגעקומען אין קיבוץ אַרייַן אַ ליידיקע. פון די לעצטע וואָס זי האָט געבראַכט אין קיבוץ אַרייַן איז געווען אַביגדור אַרטאַפּאַנוס.

אַביגדור איז געווען אַ שעמעוודיקער און צוריקגעהאַלטענער יונגערמאַן. פון אָנהייב האָט ער געטראַכט, אַז מיט אַנדערסעס אַרמיי וועט ער נאָך דער מלחמה דערגייין צוריק קיין פּוילן, צו זייַנע עלטערן און נאָענטע. ער איז אַנטלאָפן פון וואַרשע אויף מזרח אין אָנהייב פון דער מלחמה. אין די פּאָר יאָר אין רוסלאַנד האָט ער זיך געפילט שולדיק וואָס ער האָט געטראַכט בלויז וועגן זיך און איבער־געלאָזט זייַנע עלטערן אויף מלחמה־הפקר. מוז ער צוריקקומען צו די עלטערן און זיי זאָגן, אַז ער איז נישט געווען גערעכט.

אַזוי האָט ער געפּלאַנעוועט זייַט אַנדערסעס אַרמיי האָט פאַרלאָזט די גרעניצן פון רוסלאַנד. אָבער אַז ער האָט דערבליקט יהודיתן אין דעם „תנובה״־קרעמל אין גדרה, האָט אים אַ בענקשאַפּטלעכע צעטומלעניש צעמישט די פּלענער. ער וואָלט געשווירן, אַז ער קען זי, ער האָט זי שוין אַ מאָל געזען. אפשר איז זי געווען צווישן די „פּעסטקעס״, ווי מען האָט גערופן פרויען־זעלנער אין אַנדערסעס אַרמיי? ניין, זי איז אים צו נאָענט דערויף. איר העברעיִש לשון איז אַזאַ שנעלס און האַלדזיק־שאַרפס אַז אַזוי רעדט מען ווען מען ווערט מיט דער

שפּראַך געבוירן. אַזוי צי אַזוי האָט ער אין דעם „תּנובה"־קרעמל מיט דעם ווײַסן קעז, ווײַסע מילך און ווײַסן יאָגורט, געזען אַלץ מיט גרין־גרויער זיסיקייט און אַנגענעמען אומרו, וואָס איר בליק האָט פאַרשפּרייט. כּדי צו זען זי וואָס לענגער האָט ער מיט איין מאָל באַשטעלט דרײַ סלוייִקלעך „לעבען" און דעם „לעבען" געשלונגען מיט איבעררײַסן ווי ער וואָלט גענומען אַ רפואה. צום סוף האָט ער איין סלוייִקל איבערגעדרייט, דאָס פולע לעפּעלע מיט „לעבען" האָט אים פאַר־גאָסן די גאָמבע און דעם מונדיר און זי, יהודית, האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַזאַ צעליכטיקט און שטראַלנדיק פּנים, אַז צו דער היץ פון דעם טאָג האָט אויף אים אַ פּעלג געטאָן אויך אַ היץ פון אינעווייניק. ער האָט זיך געשעמט צו לאַכן פון זײַן אייגענער פאַרלוירנקייט און דאָך געלאַכט. זײַן ייִנגלערישע צע־טומלעניש האָט אויף אַן אויגנבליק געמאַכט ערנסט יהודיתס פּנים און ביידע האָבן זיך אויף אַ לענגערער ווײַל פאַרפלאָכטן מיט די בליקן.

אויף צו מאָרגנס פון דעם טאָג האָט אַביגדור זיך אַרויסגעמאַכט פונעם לאַגער באַלד נאָכן מאָרגן־אַפּעל און אַוועק אין „תּנובה"־קרעמל. ער האָט געוואַרט אויף איר ביז פאַר מיטאָג. זי איז נישט געקומען. דער קרעמער האָט באַמערקט זײַן אומרו. האָט ער אים געעצהט ער זאָל רעדן מיט איינעם פון די סוכנות־לײַט און ער וועט געפינען פאַר אים אַ פּלאַץ צו מאַכן אַ ויברח. אַביגדור האָט באַשטעלט אַ גאַזאַז און אַפילו נישט געהערט די עצה פון דעם קרעמער. ער האָט געבענקט נאָך יהודיתס פּנים און נאָך דער זיסער קלעמעניש וואָס ער האָט געפילט ווען זייערע בליקן האָבן זיך פאַרפלאָכטן.

מיט צוויי טעג שפּעטער איז זי ווידער געווען אין גדרה, אָבער אַביגדור, וואָס איז אַ יאָר צײַט געווען אין אַ פאַרשיקונגס־לאַגער אין דעם ווײַטן וואָרקוטאַ און אויסגעשלאָפן אויף צענדליקער וואָגזאַלן אין די רוסישע לענדערײַען; זיך געשלאָגן מיט יונגע ברויט־רויבערס, האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי צו דערנענטערן זיך צו דעם רויט־האָריקן מיידל. ס'איז געקומען פון איר. דער „תּנובה"־קרעמער האָט איר אָנגעוויזן אויף דעם „יונגן פּאָליאַק", וואָס דרייט זיך דאָ אַרום ווי אַ כּהן אַרום אַ קבר פון אַ געליבטער, ווי ער האָט געזאָגט, און עס זעט אויס, אַז ער איז שוין רײַף צו זאָגן אַנדערסן „שלום!" איז יהודית צוגעגאַנגען צום טישל, בײַ וועלכן אַביגדור האָט לעפּעלעכווײַז געשלונגען זײַן „לעבען", און געזאָגט צו אים אַזוי ווי זיי וואָלטן פריִער שוין געהאַט אַ סך מאָל געשמועסט צווישן זיך:

„איר דאַרפט באַשליסן. אַז אײַער איינהייט וועט אַוועק קיין עגיפּטן, וועט איר אַהער נישט קענען צוריקקומען. בײַ מיר אין קיבוץ איז אַלץ גרייט פאַר אײַך. שוין הײַנטיקע נאַכט קענט איר שלאָפן בײַ מיר אין קיבוץ, אין עמק".

ער האָט זיך אויפגעשטעלט פאַר איר מיט פּוילישער ריטערלעכקייט און זעלנעריש־שטײַף. אָבער וואָס מער ער האָט געהערט איר היימישן ייִדיש, אַלץ מער איז ער געוואָרן ייִנגלעריש־געהאַרכזאַם; ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, מסכּים געווען מיט אַלץ וואָס זי האָט געזאָגט. נאָר זי, יהודית, האָט אים נישט געזען ווי אַ ייִנגל. דער קורצער מרחק צווישן אים און איר איז פאַרוואָלקנט

געוואָרן פון זײַן מענלעכן רייץ, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אים מיט דעם ריח פון זאַטל־לעדער. זײַן זון־פאַרברענט פּנים איז געווען פול מיט לעבן ווי אונטער דער ברוינלעכער הויט וואָלט געזידט זײַן כּוח.

די נאַכט פון דעם זעלבן טאָג איז שוין אַביגדור געשלאָפן אין קיבוץ. נישט ווײַט פון דעם צריף אין וועלכן יהודית האָט געלעבט. דעם אמת געזאָגט איז ער נישט געשלאָפן. ער האָט געהאַט אַ נאַכט פון פיבער — צווישן וואָר און חלום, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט אין דער הייסער נאַכט. ער איז אָפּגעגאַנגען אין שווייס. עטלעכע מאָל האָט ער געציילט די קלעפּ פון זײַן דופק, כּדי צו זײַן זיכער, אַז ער איז נישט קראַנק. דער זייגער האָט אים אויסגעזען צו גיין אויף צוריק. באַלד ווי עס האָט אָנגעהויבן טאָגן איז ער אַרויס אין דרויסן. דער גרינער גראָז־פּליין פאַר אים האָט אים אויפגעוועקט. ער האָט צעשפּרייט די אָרעמס ווי ער וואָלט וועלן אַלץ אַרומנעמען און פאַרהיימישן. די יונגע זון האָט אים אַרײַנגעבלענדט אין די אויגן. אַ מידע רויִקייט האָט זיך אויף אים אויסגעגאָסן.

נאָך אַ פּאָר טעג אין קיבוץ האָט מען קוים געקענט גלייבן, אַז אָט דער שעמעוודיקער יונגערמאַן האָט דורכגעמאַכט אַ סיבירער פאַרשיקונגס־לאַגער און יאָרן פון הונגער. מער וואָלט געווען אָנצונעמען, אַז פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה האָט ער דורכגעמאַכט די הכשרה אין דעם קיבוץ אין גראָכאָוו, נישט ווײַט פון וואַרשע, וואָס איז געווען אַן אויסבריי־פּלאַץ פאַר חלוצים און חלוצות. דאָ, אין עמק, האָט ער שנעל פאַראייגנט די אָפּט באַנוצטע ווערטער: „סידור העבודה", „מרכּז הקיבוץ", „חדר־האוכל", „מיקלחת". געמאַכט אַ קפיצת־הדרך פון וואַרקוטאַ צו עמק־יזרעאל.

ווי יהודית האָט אים באַפרײַט פון די פיל סלוויִקלעך „לעבען" און לאַנדעריין־שמעקנדיקן גאַזאַ, אַזוי האָט זי אים אויך באַפרײַט פון זײַן שעמעוודיקייט. אין חדר־אוכל האָבן זיי געגעסן בײַ איין טיש און אין דער זעלבער צײַט, און יהודית האָט איבערגעלייגט פון איר טעלער אין זײַנעם וואָס זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט דערפון הנאה האָבן. שפּעטער אַ ביסל, אין די נעכט ווען אַביגדור פלעגט אַרויס אויף שמירה אַרום דעם קיבוץ, איז יהודית געקומען צו אים, מיטגעבראַכט מיט זיך — זיך אַליין און אַ געשמאַקן ביסן פון דער קיך פון דעם וואָס איז געבליבן פון אָוונטברויט.

זייערע נעכט האָבן אָנגעהויבן ווערן צו קורץ און די טעג — לאַנגע און אויסמאַטערנדיקע. האָט יהודית באַצײַטנס אָנגעהויבן זיך באַמיִען וועגן אַ צימער פאַר אַ בשותפותדיק לעבן.

איין מאָל, ווען פון חיפה איז געקומען אַ רב, כּדי צו געבן חופּה־וקידושין צו זעקס פּאָרלעך, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט דורכן יאָר חתונה צו האָבן, האָט אַביגדור געזאָגט צו יהודיתן:

„ס'האָט נישט קיין זין צו וואַרטן. ביז דער רב וועט קומען אַ צווייט מאָל קען נעמען אַ יאָר. לאָמיר זיך צושטעלן ווי אַ זיבעט פּאָרל און דער טיש פון קיבוץ וועט ווערן אַ רייכער..."

„ס׳איז אַ גוטער אײַנפֿאַל״, האָט יהודית אים פֿאַרגאָסן מיט ליבשאַפֿט, „נאָר צוויי זאַכן: מײַנע עלטערן ווייסן גאָרנישט דערפֿון, און זיי וועלן מסתּמא וועלן וויסן, און מען דאַרף געפֿינען ווער עס זאָל דיך פֿאַרטרעטן הײַנטיקע נאַכט אין שמירה״.

„לאָמירביידע שטעלן פֿאַר פֿאַקטן״, האָט ער דערנענטערט זײַן פּנים צו אירן, „דײַנע עלטערן וועלן קומען צום ברית, וועלן זיי פֿאַרשפּאָרן אַ מתּנה, און וואָס שײַך דער שמירה, האָב איך ליב, אַז דער הימל קוקט אויף אונדז ביידן...״

יהודית האָט אַביגדורן אַרײַנגענומען צו זיך אין צימער ביז דער צײַט ווען זיי וועלן באַקומען אַ געראַומען שיכון פֿאַר אַ פּאָרפּאָלק. זי האָט פֿון איר צימער געמאַכט אַ „פּאַלאַץ״, מיט אַן אייגענעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, מיט אַן עלעקטרישער פּלאַטע און אַ פּאָר קליינע טעפּלעך אויף צוצוגרייטן מאכלים ווי בײַ דער מאַמען אין זכרון. דער קיבוץ האָט פֿאַר אַביגדורן געקויפֿט אַ מתּנה אַן עלעקטריש קאַווע־טעפּל, און צום מיידלשן ריח אין צימער זענען צוגעקומען די ריחות פֿון זאָטל־לעדער און פֿון קאַווע.

די פֿרייד וואָס איז נאָך אַנאַנד געהאַנגען אין דעם קליינעם צימער האָט אין אַביגדורן געעפֿנט די שלוזן פֿון אַלץ וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין אים פֿאַר אַלע צײַטן, אויך פֿון יענע וואָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט איבערגעלעבט מיט יהודיתן אין אַן אַנדער גלגול. ווי ער האָט געהאַט אַ באַדערפֿעניש צו דער־ציילן, אַזוי האָט זי געהאַט אַ באַדערפֿעניש צו וויסן אַלץ, אַלץ. און אַלץ וואָס ער האָט דערציילט האָט געקלונגען ווי אַ מעשׂה. ווי אַזוי האָט זי וועגן אַזעלכע זאַכן געקענט נישט וויסן?

צום מערסטן האָט אַביגדור אָנגעצונדן יהודיתעס דמיון מיט זײַנע עלטערן. זי איז באַשטאַנען דערויף, אַז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, זאָל דער קיבוץ טאָן אַלץ וואָס מעגלעך זיי זאָלן קומען קיין ארץ־ישׂראל. לעבן צוזאַמען אין קיבוץ. אויך דערפֿאַר איז אַביגדור געווען צווישן די ערשטע וואָס האָבן זיך פֿרײַ־וויליק אָנגעמאָלדן אַראָפּצונעמען פֿון שיפֿן אומלעגאַלע עולים, וואָס האָבן אָנגע־הויבן אָנקומען אין די נעכט גלײַך ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט. ער האָט געחלומט וועגן אַ נס. ס׳איז נישט מעגלעך, אַז אַלע ייִדן אין די געטאָס פֿון פּוילן זאָלן האָבן אומגעקומען. צווישן די וועלכע האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט געפֿינען זיך זיכער זײַנע נאָענטסטע.

אָפֿט איז אַביגדור געפֿאָרן קיין חיפֿה כּדי געוואָר צו ווערן ווען און בײַ וועלכן פּונקט פֿונעם ים־ברעג צווישן עתלית און קיסריה עס וועט צושלאָגן אַ שיף מיט פּליטים. ער האָט געוואַכט אין די נעכט צווישן די זאַמד־דיונעס בײַם ברעג. אָפֿט אַהיימגעקומען אַ טויט־מידער און דורכגעווייקטער ווי אַ פֿישער, וואָס האָט זײַן אייגענעם גוף אַרויסגעראַטעוועט פֿון די ים־כוואַליעס. צענדליקער אומ־באַקאַנטע האָט ער אויף זײַנע פּלייצעס אַרויסגעטראָגן פֿונעם וואַסער. אין דער שטאָקפֿינצטערניש פֿון די נעכט אַפֿילו זייערע פּנימער נישט געזען, אָבער ער

איז געווען זיכער, אַז ווען עס וואָלט געווען עמעצער פון זײַנע לײַבלעכע — מיט דער נאָז וואָלט ער אים דערשנאַפּט.

ביסלעכווײַז האָט זיך אין אַביגדורן צעוואָסערט די האָפענונג, אַז עמעצער פון זײַנע נאָענטסטע איז געבליבן לעבן, און ווידער האָט זיך געשטאַרקט אין אים דאָס געפיל פון אַ שווערער שולד דערפאַר וואָס ער האָט זײַנע עלטערן איבער־געלאָזט אויף מלחמה־הפקר אין וואַרשע. צי איז מעגלעך, אַז פון אַלע זײַנע נאָענט־סטע איז ער געבליבן איינער אַליין אויף דער וועלט? אויף אַן אויגנבליק, טאָקע נישט מער ווי אויף אַן אויגנבליק, ווי עס געשעט ווען אַ מענטש פאַרלירט אויף אַן אויגנבליק דאָס גלײַכגעוויכט, איז ער באַפאַלן געוואָרן פון אַ יאוש און פון אַ פראָסטיקער איינזאַמקייט. ער האָט אײַנגעקלאַמערט יהודיתן אין זײַנע אָרעמס, ווי זי וואָלט געווען אַ מאַסט אויף אַ שיפל, וואָס האָט פאַרלוירן דאָס גלײַכגע־וויכט, און אין איר אַרײַנגעקושט די ווערטער: „ווי גוט איז מיר וואָס איך האָב דיך געפונען. ווי גוט איז מיר“.

„ביסט בלייך“, האָט זי אים אַרײַנגעקוקט אין פּנים. „פילסט זיך נישט גוט?“

„איך בין געזונט, נאָר פון צײַט צו צײַט ווער איך אַ נאַר און דערשרעק זיך פאַר מײַן אייגן לעבן. ווייסט, אַז איך גיי נאָכן אַקער, זע איך מער און אַ סך טיפער פון דעם וואָס איז אַרום מיר. עס פאַרטראָגט מיך אַזוי ווײַט אַז איך פיל סײַ די שיינקייטן און סײַ די שרעקעוודיקייטן פון אַלץ, וואָס וועט זײַן אין לאַנגע צײַטן נאָך מיר. די שרעקעוודיקייטן וואָלט איך געוואָלט נעמען מיט זיך און פאַר יענע שיינקייטן וואָלט איך וועלן האָבן מײַנע אייגענע, נאָענטע עדות, זיי זאָלן קענען זאָגן: ,אַ דאַנק אײַך, אָבות, פאַר דעם וואָס איר האָט אונדז געבראַכט אויף דער וועלט‘. פאַר אַ ווײַב דאַרף זײַן נאָענט אַזאַ געפיל. האָסטו אַ מאָל אַזאַ געפיל?“

יהודית האָט זיך געטוליעט צו אים:

„נישט אַזוי קלאָר ווי דו זאָגסט עס. אַ פרוי וויל ברענגען קינדער אויף דער וועלט. דאָס וואָס דו זאָגסט האָט מסתמא די פרוי אין אירע אינסטינקטן. אַ פרוי טראַכט נישט וועגן קומענדיקע שרעקעוודיקייטן פון אירע קינדער. זי טראַכט, אַז די צײַט ווען זי וועט געבוירן קינדער וועט זײַן אַ בעסערע ווי די וואָס איז געווען“.

„איך וויל האָבן פינף; דרײַ זין און צוויי טעכטער, ווי מיר זענען געווען אין אונדזער משפחה“, האָט אַביגדור איר אַרײַנגעשושקעט אין אויער. „און וואָס עס וועט זײַן מער וועט עס זײַן דײַנס“.

„אויך די פינף וועלן זײַן מײַנע“, האָט יהודית זיך געדונגען.

„די זין — דײַנע; די טעכטער — מײַנע“, האָט ער זיך געדונגען אַ צוריק אויסגעלײַטערטער.

דאָך ווי יהודית האָט געירשנט פון איר מוטער די טונקל־רויטע האָר און די גרין־גרויע אויגן, אַזוי האָט זי נישט געירשנט איר קינדלען. זייער איינציקער

זון, דני, איז געבוירן געוואָרן ערשט שפּעטער. נאָך אים האָט יהודית נישט גע־קענט מער פאַרשוואַנגערן.

אין די מלחמה־יאָרן, נאָכן אויסרופן די מדינה, זענען די קיבוצים אין עמק באַלאַגערט געוואָרן דורך קאַוגדזשיס צעווילדעוועטע אַפּטיילונגען, צו וועלכע עס האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן די יונגע אַראַבישע מענער, וואָס זייערע פאַמיליעס זענען אַנטלאָפן פון די שכנותדיקע דערפער. כאָטש אַביגדור אַרטאַפּאַנוס האָט פון אַנדערסעס אַרמיי מיטגעבראַכט ווינציק מיליטערישע חכמה, איז אויך די חכמה פון די אַראַבישע אַריַינדרינגלערס נישט געווען גרעסער. פון דעסטוועגן איז אַביגדורס אַלטער בריטישער קוילנוואַרפער פון דעם קיבוצישן „סליק” געווען הצלחהדיק. אַז ס'איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן די באַלאַגערונג פון עמק, האָט ער זיַין קוילנוואַרפער געטראָגן אַרויף, צום גליל, ביז צו דער גרענעץ פון לבנון. פאַר זיַין צילעוודיק שיסן און פיזישער אויסהאַלטעוודיקייט איז אַביגדור צוגעטיילט געוואָרן צו אַן אַפּטיילונג אויף צו באַקעמפן די פעדאַיִנס. זיַין ראַנג פון לייטענאַנט אין אַנדערסעס אַרמיי איז געהעכערט געוואָרן אויף קאַפּיטאַן. זיַיט דעמאָלט פלעגט סרן אַביגדור אָפט אויפגעוועקט ווערן אין די נעכט צו איַילן צו דער אומרויִקער גרענעץ. נאָך אַ נאַכטגעיעג פלעגט ער צוריקקומען אַהיים מיט די לעצטע כוחות און אַ פאַרשטויבטער ווי אַ מילנער. צען שעה שלאָפן האָט אים קוים צוריקגע־געבן די כוחות, וואָס ער האָט פאַרלוירן אין דער נאַכט.

צוויי טעג פאַר דער סיני־אַקציע, קוים אַ וואָך פאַר דעם פינפטן געבוירן־טאָג פון זיַין זון דני, האָט אַביגדור זיך געזעגנט מיט יהודיתן, געלאָפן אין קינ־דערהויז אַ קוש טאָן זיַין יונג, און אים צוגעזאָגט צו קומען צום יום־הולדת. ער איז צו זיַין, דניס, יום־הולדת נישט געקומען.

אויף צו מאָרגנס אין אָוונט, נאָכן אָנהייב פון דער סיני־אַקציע, זענען אין קיבוץ אַריַינגעקומען צוויי מיליטער־לייַט און אָנגעזאָגט יהודיתן, אַז איר מאַן, סרן אַביגדור אַרטאַפּאַנוס, איז פאַרנדיק מיט אַ דזשיפּ איבער דער עזה־גרענעץ אין דער ריכטונג פון כאַן־יוניס אַרויף אויף אַ וועגמינע. ער איז פאַרוווּנדעט און געפינט זיך אין שפּיטאָל אין רחובות.

כהרף־עין האָט זיך יהודיתעס וועלט איַינגעבראָכן. כאָטש אויך פריִער איז אַביגדורס לעבן אָפט געווען אין סכנה, דאָך פלעגט זי מיט רו און זיכערקייט אויסקוקן זיַין צוריקקער. באַציַיטנס פלעגט זי פאַר אים צוגרייטן פרישע וועש, פרישע זאָקן, פרישע כאַקי־הויזן, און זיי אָוועקלייגן אויף אַ טאַבורעט נעבן דער סאָפע, אַז ווי נאָר ער וועט צוריקקומען זאָל ער נאָך אַ טוש זיַין אַ „פרישער מענטש”. דאָס מאָל האָבן די געשטאַלטן פון די צוויי מיליטערישע שליחים אָנגע־יאָגט אויף איר אַ בהלה. זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין ציכטיקע כאַקי־מונדירן, זייערע האָר זענען געווען נישט באַטירלעך גלאַטיק צוגעקעמט, מיט וויַיסע שרונטן, ווי אָנגעצייכנט מיט קריַיד, און שטיַיפע ווי יום־כיפור־ליכט. ביז דעמאָלט האָט

יהודית נאָך נישט געהאַט געזען די ישׂראל־אַרמיי זאָל האָבן אַזעלכע אויסגע־צוואָגענע אָפיצירן. זיי האָבן איר דערמאָנט די זכרונער חברה־קדישא־לײַט, וואָס האָבן געטאָן רעכט צו איר זיידן ווען זי איז געווען אַ קינד.

ווי די צוויי האָבן געבראַכט מיט זיך בהלה, אַזוי איז די בהלה געוואָרן שטאַרקער נאָך זייער אַוועקגיין. זי איז פאַרווירט געוואָרן פון דעם וואָס נאָך זייער אַוועקגיין איז זי געבליבן אין איר היים. וואָס טוט זי דאָ, אויב אַביגדור איז אין רחובות אַ פאַרוווּנדעטער? זי מוז שוין זײַן אין שפּיטאָל! ניין, זי מוז פריִער זײַן אין זכרון, בײַ די עלטערן. זי פילט: עס מוז געשען אַ נס. אָן אַ נס וועט דער יום־הולדת פאַר דני זײַן אַ פאַרשטערטער. אין זכרון ווייסן די אַלטע לײַט וועגן אַזעלכע זאַכן.

ווי עמעצער וואָלט איר אונטערגעזאָגט, האָט איר אַ בליץ געטאָן אין מוח אַ דערמאָנונג: „דער שטערן איבער דער חורבה". וואָס פאַר אַ חורבה? וועלכער שטערן? פון וואַנען נעמט זיך צו איר דער אײַנפאַל? זי האָט געבראַכן די פּינ־שטײַג, דערנאָך געקלאַפּט אַ פּויסט אָן אַ פּויסט. זי האָט געטוישטערט אין די פאַר־גער, געשפּרײַזט איבער דעם ענגן שטח פונעם צימער ווי אַ געפאַנגענע אין אַ לעגענע יאָרן פון איר קינדהייט און ערגעץ ווו האָט זי אין אַ פינצטערער טוכלע־קייט געזען אַ פונק פון געדעכעניש: אַ „שטערן איבער דער חורבה".

ערשט אויפן וועג צום שפּיטאָל אויף דרום, האָט זי אַברהמלען, וואָס האָט געשאָפערט דעם קיבוצישן טענדער, געזאָגט, אַז זי מוז פריִער אָפּטרעטן בײַ אירע עלטערן אין זכרון. אָן צו זײַן בײַ זיי קען זי נישט קומען אין שפּיטאָל אַרײַן. זי פילט עס ווי עס איז אָוונט איבער דער וועלט. אַברהמל, אַן אַלטער בחור מיט אַ פאַרקלײַענט פּנים, ווי אַ שטובנמאָלער וואָלט אים פונעם לייטער אַראָפּ באַ־שפּריצט מיט פאַרב, און ער הערט נישט אויף צו פינטלען מיט די אויגן, האָט יהודיתן אָפּגערעדט פון זכרון.

„דײַן טאַטע איז אַ ווילער ייִד, אָבער קיין פּראָפעסאָר צאָנדעק איז ער נישט. וואָס זשע גייסטו זוכן ביי די מושבניקעס? אַלע גוטע דאָקטוירים זענען איצט מאָביליזירט".

„כ'מוז!" האָט זיך יהודית געהאַלטן בײַ אירס.

„יהודיתל", האָט אַברהמל נישט נאָכגעלאָזט, „ווען דו וואָלסט געוווּסט ווי אַזוי עס רײַסט אויף אַ מינע אונטער אַ דזשיפּ, וואָלסטו נישט געמאַכט קיין בהלה: דעם ערשטן שאָק פון דעם אויפרײַס כאַפּן אויף די רעדער. פּלאַצט אַ ראָד. מילא. אַ כּפּרה אַ ראָד. די קאַראָסעריע פונעם דזשיפּ זיצט אויף רעסאָרן. איז העכסטנס רײַסט זיך אָפּ אַ רעסאָר. איז עס אויך נישט קיין גרויס אומגליק. אין ערגסטן פאַל קאַטשעט זיך איבער דער דזשיפּ און וואַרפט אַרויס די פאַרערס. אויפן גלײַכן וועג קען עס אויך געשען. מ'האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן. איז וואָס זשע די בהלה? סתּם איבערשרעקן דײַנע עלטערן?"

יהודית האָט אַפילו נישט באַגריפן וואָס אַברהמל האָט איר אויפגעקלערט.

זי איז געווען אַרײַנגעטאָן אין זיך. ווען ער האָט געענדיקט רעדן האָט זי זיך אויפגעוועקט:

„אַברהמל, וועסט אַרויספאָרן קיין זכרון. איך פיל, איך וועל זיך אָן דעם איצט נישט באַגיין".

אין זכרון איז שוין געווען שפּעטער אָוונט. אַפילו די ווינציקע עלעקטרישע גאַסן־לאַמטערנס האָבן מיט זייער גרינלעך ליכט געגענעצט אויף נאַכט. אַ פּאָר־שפּעטיקטער ריח פון פּאַרברענטע צווײַגן, ווי מען פילט זיי אין אַראַבישע דער־פער, איז דורכגעלאָפן מיט ביטערלעכן סוואַנד און פאַרשווונדן. צוויי הינט האָבן זיך נאָכגעיאָגט ווי צוויי שוואַרצע נאַכט־לאַטעס און ס׳האָט נישט אויסגעזען, אַז זיי האָבן בדעה זיך צו כאַפּן. אויפן נידעריקן הימל זענען די שטערן געווען אײַנגעוויקלט אין נעפּל, ווי ליכטיקע אתרוגים זענען אײַנגעוויקלט אין אַ דינעם שיכט וואַטע.

ווי ווען זי איז געווען אַ קינד, האָט יהודית נישט אָנגעקלונגען אין דער טיר פון דעם הויז פון אירע עלטערן, נאָר אָנגעקלאַפּט מיט דריבנע קינדערשע קלעפּ. צוזאַמען מיט די קלעפּ האָט זיך בײַ איר אַרויסגעריסן דער רוף „מאַמע, מאַמע!" נעבן דער טיר איז געשטאַנען דאָס קליינע אומבאַהאָלפענע מיידעלע, יהודיתל, וואָס האָט געוואַרט אויף דער הילף פון איר מאַמען.

די עלטערן האָבן שוין געהאַט זיך געגרייט צו לייגן שלאָפן. די מוטער, ביילע, אַ פרוי מיט אַ געמיטלעך מאַמעדיק פּנים, האָט דעם קאָפּ געהאַט פאַרבונדן מיט אַן אַראַביש טיכל. פון אונטער דעם טיכל האָבן זיך אַרויסגעשטופּט געדיכטע האָר, טייל טונקל־רויטע און טייל גרויע. דער טאַטע, אליעזר, טאַטערס בשורה האָט זי אויסגע־הערט מיט באַוועגן די פּאָלע פון איר פאַרטעך אַרום די לענדן און צום סוף געזאָגט מיט צוגעלעגטע אויגן:

„געלויבט צו גאָט, אַבי ער איז אַרויס מיטן לעבן. הײַנטיקע צײַטן דאַרף מען גומל בענטשן".

יהודית איז נישט געווען געטרייסט. דווקא די רויִקע ווערטער פון דער מאַמען האָבן אין איר צעוויגט בהלה.

„מאַמע, עס מוז געשען אַ נס!" האָט זי אויסגערופן און אַרויפגעפאַלן אויף דער מוטערס ברוסט. ביילע האָט די טאָכטער צוגעדריקט צו זיך, מיט איין האַנט געגלעט איר קאָפּ, געגנוי אַזוי ווי זי פלעגט עס טאָן ווען יהודית פלעגט ווי אַ קינד אַרײַנלויפן אין שטוב אַ פאַרוויינטע און מחמת עפּעס זיך פאַרקלאָגן.

„דער אייבערשטער ווייסט בעסער וואָס אַ מענטש דאַרף", האָט ביילע גע־טרייסט איר טאָכטער.

„אויב ער דאַרף אַ נס, וועט דער־אין־הימל אים צושיקן", האָט צוגעהאָלפן דער פאָטער.

ברוך, דער פאָטער, איז געשטאַנען בײַם צווייטן עק טיש אַן אומבאַהאָלפענער.

בײַם פֿאַרשפּילען דאָס וועסטל האָט זיך אים די לאַנגע גרוילעכע באָרד פֿאַר־לייגט אָן אַ זײַט, ווי זי וואָלט פּלוצים אײַנגעשלאָפֿן. ער האָט זיך נישט געריכט, אַז אין אַזאַ שפּעטער שעה זאָל די טאָכטער קומען אַזש פֿון עמק.

„זעצט אײַך", האָט ער אַבֿרהמלען אָנגעוויזן אויף אַ שטול, „וואָס עס זאָל נישט געשען דאַרפֿן די פֿיס זײַן אויסגערוטע".

„הײַנטיקע צײַטן דאַרף מען נישט קיין אויסגערוטע פֿיס, מען פֿאָרט מיט מאַשינען", האָט דער קיבוצישער גאַסט געזאָגט מיט אַ לוסטיקער שטים, כּדי צו מאַכן אַ ביסל שיטערער די נאַכט־געשפּאַנטע לופֿט אין הויז.

„זעט איר טאַקע ווי מען פֿאַרפֿאָרט מיט די הײַנטיקע מאַשינען!" האָט אים ברוך געכאַפּט, „אָן אײַלעניש ווי מען וואָלט, נישט געשטראָפֿט זאָל איך ווערן פֿאַר די רייד, געלאָפֿן איבעריאָגן דעם מאָרגן".

„ס'איז מלחמה, יהודיתס טאַטע!" האָט אַבֿרהמל אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ צו ברוכן און אים געוויזן זײַן פֿאַרקלײַעַנט פּנים.

פּלוצים איז ברוך געוואָרן גערייצט און אַ בורע געטאָן:

„מלחמה, רק מלחמה. מיר ווערן ווי די גויים. נעכטן פֿאַריאָגט די ענגלענדער און איצט גייען מיר צוזאַמען מיט זיי פֿירן מלחמה. אַראָפּ פֿון זינען! וואָס זוכט דאָרט דודל פֿון סעדזשערע צוזאַמען מיט די ענגלענדער? דעם נעכטיקן ,ברכו נפֿשי' זוכט ער דאָרט?"

אַבֿרהמל האָט אונטערגעהוסטלט. ער איז נישט געווען אײַנגעשטעלט אויף צו פֿירן איצט וויכּוחים. האָט ער זיך אָנגעקגעזעצט און אַ זופּ געטאָן מיט דער נאָז. ווען נישט די פֿאַרטרויערטע יהודית וואָלט ער גראָד געהאַט וואָס צו ענט־פֿערן דעם זכרונער מושבניק, וואָס מסתּמא מיינט ער, אַז ס'איז נאָך אַלץ די צײַט ווען זיי האָבן געטאָפּט די מוסקלען פֿון די חלוצים און די אַרבעט אָוועקגע־געבן די אַראַבער.

„ברוך, פֿאַר וואָס דערלאַנגסטו נישט קיין כּיבוד?" האָט ביילע זיך פּלוצים דערמאָנט. „אין אײַזקאַסטן שטייט צוף. אפֿשר מאַכן עפּעס וואַרעמס?"

„אַ יישר־כּוח", האָט אַבֿרהמל אָפּגעפּטרט מיט אַ האַנט־באַוועגונג צום באַלקן. „מיר דאַרפֿן זיך אײַלן, נישט אָנצוקומען קיין רחובות נאָך האַלבער נאַכט".

„אײַלט זיך, קינדערלעך, פֿאַמעלעך", האָט אים ביילע איבערגעשלאָגן. „פֿון אײַלעניש פֿאַרשטעכט מען זיך אַ פֿינגער. ווען אַ מענטש זאָל וויסן וואָס אַלץ ער צעאַרבעט לרעה זיך אַליין, וואָלט ער ליבערשט געמאָלקן די קי פֿינף מאָל אַ טאָג אַבי נישט אַרומהאָווען".

זי האָט יהודיתן באַפֿרײַט פֿון אירע אָרעמס און פֿאַר איר אַרויסגערוקט אַ שטול. מיט פֿאַמעלעכע טריט האָט ברוך אַרײַנגעבראַכט ווײַסע טעפּלעך מיט אָפּגעבראָכענע אויערלעך און אַ סלוי צוף און דאָס אַלץ אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש. ביילע האָט מיט אַ שאַרפֿער באַוועגונג פֿאַרנומען די ווײַסע טעפּלעך און מיט אַ כּעסיקן זאָג, ,מענער טויגן זיך אויס נאָר אויף צו פֿאַרטרײַבן שדים', איז זי פֿאַרשוווּנדן פֿון דער קאַמער. זי איז צוריקגעקומען מיט גלעזער מיט באַגיל־

דעטע ראַנדן און זיי אויסגעשטעלט הינטער דעם הויכן סלוי מיט צוף ווי זעל־נערלעך צו אַ פּאַראַד.

„מאַמע‟, האָט יהודית אַ קרעכץ געטאָן הייזעריקלעך. „ווען איך בין געווען אַ קינד האָב איך אַ מאָל געהערט וועגן נסים מיט אַ שטערן איבער עפּעס אַ חורבה. געדענקסט עס?‟

ביילע האָט פֿאַרשעריש געקוקט אין פּנים פֿון איר טאָכטער און דעם צע־טומלטן בליק איבערגעטראָגן צו איר מאַן ווי עפּעס אויסטערלישס וואָלט צו שטאַנד געקומען.

„וואָס פֿאָלט דיר איַין?‟ האָט ביילע אויפֿגעהויבן דעם סלוי מיט צוף און מיט ציטערנדיקע הענט אָנגעפּילט די גלעזער. זי האָט געוואָרט איר ברוך זאָל עפּעס זאָגן און ער האָט געשוויגן.

„מאַמע, איך געדענק ווי עס וואָלט היַינט געווען‟, האָט יהודית אַרויסגע־וואָרפֿן פֿון זיך אומגעדולדיק. „איך זע עס פֿאַר מיַינע אויגן. ווי קען עס זיַין, דו... איר זאָלט אַזאַ זאַך נישט געדענקען?‟ האָט זי געקוקט דאָ צו דער מוטער און דאָ צום פֿאָטער.

„אוי, טאָכטער־לעבן, מיטן אָרעמען מענטש געשעען אַזוי פֿיל נסים אַז ווען ער וואָלט זיי אַלע געדאַרפֿט געדענקען וואָלט ער געדאַרפֿט האָבן דעם באַראָנס קאָפּ‟, האָט ביילע פֿאַרריכט דאָס טיכל אויף איר קאָפּ און אַריַינגעשטופּט די האָר. פּלוצים איז זי אויפֿגעקומען און אַ טרייסל געטאָן מיט די היפּטן: „וואָס עפּעס איז דיר איַינגעפֿאַלן אַ נס? מיַינע שׂונאים זאָלן דאַרפֿן נסים! אַ שיף מיט זויערמילך איז דיר אונטערגעגאַנגען, צי וואָס? אַ קיבוצניק מיט נסים! עס זאָל נישט געשען ווי עס געשעט, אַ מענטש פֿאָלט חלילה איַין. איז אויף דעם פֿאַראַן אַ פֿאָטער אין הימל. געדענקסט, ברוך, נישט היַינט געדאַכט, די משוגענע פֿרידה ווי זי האָט דיר דערלאַנגט מיט די הינטערשטע קאָפּיטעס אונטערן האַרץ?... צוויי וואָכן איז דער טאַטע געלעגן נישט אויף ד ע ר וועלט און נישט אויף י ע נ ע ר וועלט. וויפֿל קליַיען עס איז דעמאָלט געווען אין זכרון האָב איך אויסגעקויפֿט, פֿאַרקאָכט פּאַפּקעס און געלייגט קאָמפּרעסן. צו די צוויי וואָכן האָט זיך דער טאַטע אויפֿגעהויבן ווי קיין מאָל גאָרנישט. פֿרעג איך אים: ‚ברוך, ווו גייסטו אַ טויט־קראַנקער?‘ ענטפֿערט ער: ‚איך גיי געבן דער פֿרידה אַ ביסל שטרוי‘. כ'האָב געמיינט, מיַינער איז חס־וחלילה אַראָפּ פֿון זינען. געלויבט צו גאָט. זע!‟ האָט זיך איר פּנים צעשמייכלט און באַלד צוריק ערנסט געוואָרן: „פֿאַר אַראָפּ קיין רחובות און זע וואָס עס מאַכט אַביגדור. אַ וויַיבס האַנט איז אַ היילונג‟.

ברוך איז געשטאַנען ווי ער וואָלט געווען אַ זיַיטיקער. מיט די פֿינגער פֿון ביידע הענט האָט ער אַרויפֿגעקעמט זיַין לאַנגע באָרד, וואָס האָט אין דער רגע פֿאַרשטעלט זיַין פּנים און די באָרד האָט באַקומען אַ צורה ווי זי וואָלט געוואַקסן אַרויף, קאַפּויער.

„דאַכט זיך, אַז זי רעדט נישט פֿון וועג‟, האָט ברוך אָפּגעלאָזט די באָרד און זיך אַריבערגעבויגן איבערן טיש. „עפּעס מיגעט מיר אין מוח. אַזוי פֿיל יאָרן

און אַזוי פיל מלחמות, ס'איז גאָטס ווונדער אויב מען געדענקט דעם אייגענעם נאָמען".

„וואָס אַזעלכס מיגעט דיר אין מוח?" האָט ביילע געפּרוּווט נאָכמאַכן זײַן טאָן. „מײַנע שונאים! איך זאָג טאָג, זאָגט ער נאַכט. איך זאָג, טאַכטערל, רײַס נישט אײַן קיין וועלטן. פאַר אַראָפּ אין שפּיטאָל און גאָט וועט העלפן, ווי איך האָב דיר געזאָגט: אַ ווײַבס האַנט איז אַ היילונג".

„אַ ווײַבס האַנט איז אַ היילונג זאָגסטו?" האָט יהודית איבערגעחזרט דער מאַמעס ווערטער, „און אַ ווײַבס האַרץ ווייסט נישט דעם אמת? טאַטע", האָט זי זיך אַ קער געטאָן צום פאָטער, „דערמאָן זיך, פרעג בײַ עמעצן. איך בין דאָך פּלוצים נישט אַראָפּ פון זינען!"

ברוך און ביילע האָבן זיך אָנגעקוקט. זיי דערקענען נישט זייער טאָכטער. בעת זי האָט ווי אַ יונג מיידל געהערט צו דער „תנועה" האָט זי אַפילו אויף דער מזוזה אויפן בײַשטידל נישט געוואָלט קוקן. זי האָט געחוזקט פון דעם באַראָנס יידן, וואָס אַפילו אין ארץ־ישׂראל זענען זיי געבליבן אין גלות און זיי גלייבן אין אַלע גלותדיקע נאַרישקייטן. אַז אויף דער טיר איז געהאָנגען אַ פּאַדקאָווע, ווי אַ סגולה אויף מזל, האָט זי אויפגעקלערט מיט אויסטערלישע ווערטער, אַז דאָס מזל איז גרויס וואָס די מיקראָבן אין די לעכער פון די פּאַדקאָוועס שטעקן נישט אָן דאָס גאַנצע הויז מיט כאָלערע, צי מיט אַן אַנדער קרענק. דעמאָלט, בײַ די שומר־הצעירניקעס, האָט איר מער געקימערט וואָס עס טוט זיך בײַ די גויִים אין מאָסקווע ווי וואָס עס טוט זיך בײַ די מושבניקעס אין זכרון. איצט איז זי געקומען צו טאַטע־מאַמע וועגן נסים. געלויבט צו גאָט, זי איז צוריקגעקומען קיין זכרון!

„ווייסט, ברוך־לעבן", האָט זיך ביילע מיַשב געווען, „אויב יהודית באַשטייט אויף אירס און דיר דאַכט זיך עפּעס וועגן אַ נס מיט אַ שטערן, וואָלט מען גע־דאַרפט פרעגן בײַ נתן ראשונער".

פּלוצים האָט זי אַ פּאַטש געטאָן מיטביידע הענט און זיך גענומען צופּעסטיקן די קנופּן פון איר טיכל אויפן קאָפּ:

„אַ לעבן אויף מײַן קאָפּ. אוי, טאָכטערשי, האָסטו אַ זכרון! איך דערמאָן זיך. געדענקסט אַבו־רחמים דאָ בײַם עק לייקל? זײַן טאָכטער, די וואָס האָט שפּעטער חתונה געהאַט קיין מטולה, איז נישט דאָ געדאַכט געליימט געוואָרן און ס'ליימע־ניש איז אָפּגעשריגן געוואָרן בײַ דער חורבה".

„חורבה, שטערן, נסים. מיר וועלן דאָ זיצן אַ גאַנצע נאַכט און זיך שפּילן אין טרעפעניש", האָט ברוך זיך אויפגעשטעלט, פאַרקנעפּלט דאָס וועסטל און אַרויס פון שטוב. ער איז געגאַנגען צו נתן ראשונער. ער האָט אים דערווישט ווי ער זאָגט אין דער פינצטער „קריאת־שמע" מיט אַ קרעכץ, אויף צו לייגן זיך שלאָפן.

נתן ראשונער האָט עפּעס געפּאָנפּעט, כּדי נישט מפסיק צו זײַן און צוריק געמאַכט טאָג. ער האָט אָנגעצונדן אַ ליכטל און זיך פאַרענטפערט, אַז דאָס עלעק־טרישע לעמפּל האָט זיך אויסגעברענט און דער יקרות ברענט סכּנת־נפשות. אַ

לעמפּל קאָסט שוין באַלד מער ווי אַ חמור. פון דעסטוועגן וועט ער בײַ אַ געלעגנהייט אַ זוך טאָן אין פּתח־תקווה אַן עלעקטריש לעמפּל צום אַלטן פּרײַז.

ברוך האָט אים דערציילט וואָס עס איז געשען מיט זײַן אײדעם דעם „קעפּטן" און אַז זײַן טאָכטער איז געקומען פון עמק וועגן אַ נס בײַ אַ חורבה מיט אַ שטערן. ער, ברוך, דערמאָנט זיך עפּעס. ס'מיגעט אים אין מוח ווי אַ צאַנקענדיק פלעמל, נאָר ער זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין צער ווי ער ווייסט נישט די מעשׂה אַזוי ווי זי איז געשען, אויב זי איז טאַקע געשען.

נתן ראשונער האָט אונטערגעצויגן די הויזן און אַ שפּעט געטאָן:

„אוי, ברוך, ברוך, הײַנטיקע יונגעלײַט געדענקען נישט אַפילו ווען זיי האָבן חתונה געהאַט. לויף אַראָפּ אין כּפר פורײדיס און וועק אויף אין דער מיט נאַכט דעם אַלטן פואַד איבן אַחמעד וועט אַפילו ער דיר זאָגן די סגולה מיטן שטערן איבער דער חירבע".

נתן וואָלט אים דאָ אויפן פלאַץ דערציילט די גאַנצע מעשׂה און ער וואָלט אויף ס'נײַ איבערגעחזרט די גאַנצע „קריאת־שמע" און געלייגט זיך שלאָפן, נאָר ברוך געהערט דאָך צו די הײַנטיקע יונגעלײַט, וועט ער מסתּמא אויפן וועג פאַרגעסן וואָס ער האָט געהערט. וועט ער אויף ס'נײַ קומען צו אים, אַרויסשלאָגן אים פון שלאָף און אים פּטרן די נאַכט. האָט ער אין דער האַלב־פינצטערניש אַרומגעשמאַרעט, געזוכט דעם הויזן־רימען, זיך געבייזערט הלמאי ער רופט זיך נישט אָפּ. פּלוצים האָט ער אים געפונען, בייז אים אַ ריס געטאָן צו זיך און מיט אים אַרומגעפּאַסעוועט די הויזן. ערשט דערנאָך האָט ער מיט כּוח אַרײַנגעשטופּט דאָס העמד אין די הויזן און מיט אַ הוקע פאַרלאָשן דאָס ליכטל.

נתן ראשונער איז אַרײַנגעקומען צו ביילען אַן אויפגעלייגטער, אין גאַנצן אַן אויסגעטשוכעטער פון שלעפעריקייט, און נאָך איידער ער האָט אַריבערגעשטעלט דעם צווייטן פוס איבער דער שוועל, האָט ער גערופן מיט אַ חנדעלע:

„ביילע, ביילעשי, האָסט נאָך עפּעס פון דעם אַלטן גוטן טיי פון לאָרד סאַמועלס צײַטן? זיד מיר אויף אַ גוט גלעזל טיי; אַ האַלבער ‚קריאת־שמע' איז מיר געבליבן שטעקן אין האַלדז. איך מוז אים אַראָפּשווענקען".

נתן ראשונער האָט באַוועגנדיק מיט דער נאָז ווי אַ האָז באַוווּנדערט יהודיתעס שיינקייט. ער האָט מיט אַ גלוסטיקן שמייכל איר אַרײַנגעקוקט אין פּנים און זי אויפן קול אָפּגעשאַצט, אַז זי איז ווערט אַ מאָהאַר פון אַ טויזנט פאַר־מלחמהדיקע פונטן. מיט דער נאָז האָט ער געשמאַרעט דעם שײַכות צווישן איר און דעם פרעמדן יונגן־מאַן און צום סוף געפרעגט:

„אויך פון די קיבוצניקעס, אָדער ווייס איך וואָס אַ קינד פון זכרון?"

„קיבוץ", האָט אַברהמל אָפּגעהאַקט.

„מען זעט באַלד", האָט ער אַ בייזן פאָנפע געטאָן און גלײַך אויפגעהויבן דאָס קול, גערופן אין דער קיך אַרײַן:

„הערסט, ביילע, דײַן ברוך קומט צו מיר אין האַלבער נאַכט פרעגן, צי איך

ווייס וועגן די נסים פון דער חורבה. ווער ווייסט עס נישט? די גאַנצע וועלט ווייסט עס. קום אַרײַן, ביילעשי, איך האָב נישט קיין כּוח צו שרײַען". מיטן גאַנצן גוף האָט ער זיך אויסגעדרייט צו יהודיתן און געשאָקלט מיטן קאָפּ: „איז דײַן קעפּטן, הייסט עס, טאַקע פאַרווונדעט געוואָרן אין דער מלחמה? צו וואָס דאַרף דײַנער די מלחמה?... אוי־וואַ! פילסט דעם ריח פון טיי?... האָסט אַ מאַמען אַ צירונג. ביילעשי, איך פיל, דו האָסט נאָך דעם גוטן טיי", האָט ער ווידער געהעכערט זײַן שטים.

ביילע האָט אַרײַנגעבראַכט טיי אין בלאַנקענדיקע גלעזער מיט מאַטע העלדז־לעך. דער טיי האָט אַדורכגעפינקלט ווי אַ שטאַרק טונקעלער ווײַן. נתן האָט אויסגעשטרעקט די הענט און מיט כּוונה גענומען זײַן גלאָז.

„אײַ־אײַ־אײַ!" האָט ער באַוווּנדערט, „איז, הערסטו, ביילע? ברוך, מעגסט זיך אויך צוהערן. אַז דער ווײַבערישער רבי, די לודמירער מויד, האָט געלערנט אין דער חירבע, זענען דאָרט די נסים געוועזן אָנצוטאַפּן מיט די פינגער. יעדן טאָג זענען זיי געשען. וואָס זאָג איך יעדן טאָג? יעדע שעה און יעדע מינוט. אַ ייִד איז אויפן וועג באַפאַלן געוואָרן פון גזלנים און ער איז געבליבן אין איין העמד; אַ קינד איז, נישט דאָ געדאַכט, אײַנגעפאַלן; אַ קימפעטאָרין איז שווער געגאַנגען צו קינד — איז גענוג געווען צוגיין צו דער חירבע, פאַרבייגיין דאָס אָרט ווו די מויד איז געזעסן און געלערנט תורה און דער נס איז געשען. אַז די מויד איז נסתלק געוואָרן האָט גאַנץ ירושלים געוויינט ווי אויפן חורבן בית־המקדש. ווי וועלן ייִדן אויסקומען אָן נסים? פאַרלאָזט נישט דער רבונו־של־עולם זײַן פאָלק ישׂראל. ווער נאָך ווי ער אין הימל ווייסט אַז ווי אַ לעבעדיק נפש קען נישט לעבן אָן וואַסער, אַזוי קען אַ ייִד נישט לעבן אָן נסים. ס׳גאַנצע לעבן זײַנס איז איין גרויסער נס... אַ יישר־כּוח, ביילע. אוי־וואַ, דער טיי שמעקט טאַקע ווי אין לאַרד סאַמועלס צײַטן... באַבריט אויף פאַרע?... איך ווייס, ביילעשי, אין גאַנץ זכרון טרינקט מען נישט אַזאַ גלעזל טיי ווי בײַ דיר... איז ווו האַלט איך?... יאָ, אַז די לודמירער מויד איז אַרויפגעקומען אין הימל און די חירבע איז פאַריתומט געוואָרן, האָט דער־אין־הימל געזען, אַז ס׳איז נישט גוט. ייִדן וועלן חלילה בלײַבן הפקר. האָט ער גענומען און פון גן־עדן גערופן צו זיך דעם ווײַבערישן רבי און געזאָגט צו איר אַזוי... באַלד... ווי האָט זי געהייסן, די מויד?... אײַ־אײַ־אײַ, כ׳האָב טענות צו די הײַנטיקע יונגעלײַט, אַז זיי געדענקען נישט פון דאַנען ביז אַהער און מיט מײַן קאָפּ איז שוין אויך דאָס זעלבע... פאַרגעסן אַזאַ זאַך?... שׂרה... רבקה... לאה... חנה... אוי, געזונט זאָל ער מיר זײַן, מײַן קאָפּ. חנה־רחל האָט זי געהייסן, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן. אַז סע שטייט געשריבן ‚אדוני נתן' איז עס נתן פון נתן־לאַנד... זעסט, ביילע, ווער נתן ראשונער איז?... האָט דער־אין־הימל געזען, אַז ס׳איז ביטער, האָט ער גערופן צו זיך דעם ווײַבערישן צדיק און געזאָגט צו איר אַזוי צו זאָגן: חנה־רחל־לעבן, ס׳איז נישט גוט. זײַט איך האָב דיך אַרויפגענומען צו זיך, איז די חירבע געבליבן לא עלינו עלנט ווי אַ שטיין, און אַז אַ ייִד דאַרף האָבן אַ נס איז כאָטש גיי פון בריק

אין וואַסער. איז דער זכות גרויס וואָס דו זיצסט אַ גאַנצן טאָג אין גן־עדן און דו לערנסט תורה. אָבער, טאָכטערשי, זיי וויסן אַז הילף פאַר רב ישׂראל איז כּנגד לערנען תורה. דערום באַפעל איך דיר, חנה־רחל, אַז יעדן טאָג, באַלד נאָך מינחה־מעריב, זאָלסטו זיך אַוועקשטעלן איבער דער חירבע און דייַן פּנים וועט אַראָפּשייַנען פון הימל, ווי עס שייַנען אַראָפּ אַלע ליכטיקע שטערן פון הימל. אַז ייִדן וועלן צוקומען צו דער חירבע און איבער איר דאַך זען דעם ליכטיקן שטערן, וועלן זיי בעטן וואָס זיי דאַרפן בעטן און עס וועלן געשען נסים ווי דעמאָלט ווען דו ביסט געזעסן אין דער חירבע און געלערנט תורה... זייַט דעמאָלט זענען ייִדן ווייַטער געקומען אַהין און ווי נאָר זיי האָבן דערווישט דעם ליכטיקן שטערן איבער איר דאַך, אַזוי האָבן זיי אויסגעגאָסן זייערע פולע הערצער און די נסים זענען געשען... זיי וואָלטן אויך הייַנט געשען. די ייִדישע צרות האָבן זיך נישט געענקט, נאָר אַז עס איז געמאַכט געוואָרן די ייִדישע מדינה, זענען באַפאַלן די עמלקים, געמאַכט מלחמה, ביז דודל פון סעדזשערע האָט געלאָזט דעם מלך אַבדאַללאַ פאַרנעמען די אַלטשטאָט פון ירושלים און זייַט דעמאָלט איז די חירבע אין גלות נעבעך. דאָס ליכטיקע פּנים פון דער לודמירער מויד קוקט ווייַטער אַראָפּ איבער דער חירבע, נאָר איר פּנים איז פאַראומערט. זי זעט נישט דאָרט קיין ייִדיש געשטאַלט״.

אויף אַ ווייַל איז געוואָרן שטיל. די שטילקייט האָט גערווישט, ווי אַ ווידער־קול פון נתנס דערציילן. נאָר אַז ער האָט ווייַטער נישט דערציילט, האָט יהודית אויסגעשטרעקט צו אים איר קאָפּ און מיט דעם גאַנצן אומעט אויף איר פּנים געפרעגט:

„די חורבה איז אין דער אַלטשטאָט פון ירושלים?״

„הלוואי וואָלט זי געווען אין זכרון ווי זי איז דאָרט״, האָט נתן מיט אַ געשמאַקן זופּ אויסגעטרונקען דעם לעצטן טראָפּן פון דעם שמעקעדיקן טיי.

יהודית האָט זיך ווי אייַנגעבראָכן אויף איר שטול. זי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף אַברהמלס אָרעם, ווי זי וואָלט געבעטן ער זאָל איר פאַרגעבן פאַר עפּעס וואָס זי זאָגט נישט. אַברהמל האָט אַ שמאַרע געטאָן מיט דער נאָז און געקוקט דאָ אויף יהודית, דאָ אויף נתן דעם ראשונער און געפרעגט אין דער לופטן אַרייַן:

„איז וואָס זשע זיצן מיר אַז מיר האָבן שוין געקענט זייַן אין רחובות?״

יהודית האָט צוגעלענט די אויגן און אַריבערגעוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן.

„פילסט זיך נישט גוט?״ האָט די מוטער מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט דער טאָכטערס קני, אפשר וואָלסטו געבליבן אויף נאַכטלעגער און געפאָרן אין שפּיטאָל באַגינען?״

יהודית איז אויפגעשפּרונגען:

„מאַמע, אַביגדור איז פאַרבייַ!... קום, אַברהמל!״

מיט אַ געכליפּ איז זי אַרויפגעפאַלן אויף דער מוטערס ברוסט, אַרומגענומען

דעם פּאָטער און נישט זאָגנדיק אַפילו קיין „שלום״ איז זי אַרויס פון אירע עלטערנס הויז.

דער דרויסן איז געווען אַ קילער און אַ פייַכטער. דער ריח פון פאַרברענטע צווייַגן איז געווען שאַרפער ווי ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין זכרון. אויך די שטערן זענען געווען ליכטיקערע און קלאָרערע ווי פריִער. איידער יהודית איז אײַנגעשטיגן אין טענדער האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל און געזוכט צווישן די שטערן דעם ליכטיקסטן.

אַברהמל האָט געפרעגט מיט אַ טאָן פון האַלב שפּאַס און האַלב ערנסט:

„וואָס זוכסטו, יהודיתל, דאָס ליכטיקע פּנים פון חנה־רחל דעם ווייַבערישן צדיק?״

2

ד״ר אליעזר אַרטאַפּאַנוס איז געווען אײַנגעגלייבט אין נאַטור־סימנים. אין זײַן לעבן, פול מיט נסיונות, איז ער געקומען צו דער דעה, אַז אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, אַזוי ווי אַלע דוממס, סײַ די וואָס אויף דער אייבערפלאַך פון דער ערד און סײַ די וואָס זענען פאַרבאָרגן אין די אינגעווייד פון דער ערד, באַווירקן זיך קעגנזײַטיק. אַלע רעדן זיי צווישן זיך מיט אַ לשון פון רמזים. אין דער מיט פון זיי אַלע שטייט דער מענטש. ווי אַלץ באַווירקט דעם מענטש, אַזוי איז דער מענטש דורך זײַנע מעשׂים משפּיע אַלץ וואָס רינגלט אים אַרום. דאָס גלײַכן די שטערן אין הימל. זיי זענען משפּיע דאָס לעבן פון דעם בן־אָדם נישט ווייניקער ווי עס באַווירקן אים דער וואַלד און דער טײַך, די זון און די לבנה, דער אָפּפלוס און צופלוס פון ימים.

פון לאַנגע יאָרן איז די שטערן־גרופּע „דער קליינער בער״ געוואָרן אליעזרס באַגלייטער. אַלע מאָל, אין אַלע אויסגעלײַטערטע אָוונטן, גייען מיט אים די שטערן דאָרט ווו ער גייט, ווי זיי וואָלטן געווען לעבעדיקע באַשעפענישן וואָס האָבן זיך מיט אים פאַרהיימישט און זיי ליכטיקן אַרײַן אין זײַן שאָטן.

אין יענעם אָוונט, אין וועלכן עס איז געקומען אויף דער וועלט זײַן ייִנגסטער זון, דוד, איז אליעזר שפּעטלעך אַרויס פון דער קליניק, וווּ זײַן ווײַב, לאה, איז געלעגן געוואָרן. ער איז געווען איבערפולט מיט דערהויבענער פרייד ווי דער בײַ־געבוירענער וואָלט געווען זײַן ערשטער זון נאָך אַ לאַנגן וואַרטן. די קילבלעכע לופט האָט געשמעקט מיט דעם טערפּקן ריח פון רײַפע קאַשטאַנס. דער אָוונט איז געווען אַ פּרי־האַרבסטיקער. דער הימל — באַשיט מיט שטערן ווי עמעץ וואָלט אויסגעשאָטן דימענטן אויף טונקל־בלויען געוואַנט. פון דעם אימפּעט פונעם וווּרף באַוועגן זיך די דימענטן אָן אַ סוף און זיי ציטערן און פינקלען מיט פון אַ ווײַט־געקומענעם ליכט. דער פּאָלאַר־שטערן פון „דעם קליינעם בער״ האָט אים פריילעך־בשׂורהדיק אַנטקעגנגעגלימערט. „לאה האָט מיר געגעבן אַ זון״, האָט אליעזר ייִנגלעריש געזאָגט צום שטערן, און באַלד איז דער פּאָלאַר־שטערן גופא געוואָרן לאה. זײַן שטערן־משפּחה איז פול: זיבן שטערן אין דער קאָנסטעלאַציע און זיבן נפשות אין זײַן משפּחה! ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז טאָמער צעשפּרייט ער זײַנע אָרעמס, וועלן זיי ווערן פליגל און זיי וועלן אים אַוועקטראָגן איבער די הײַזער פון די צעליכטיקטע גאַסן, ווײַט, ווײַט אַרויף, דאָרט צו זײַנע שטערן.

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום הימל און אָנגערופן די שטערן פון צפון צו דרום: לאה, אַביגדור, נחמה, רפאל, רחל, און איצט — דער ניי־געבוירע־נער; און איך אַליין. די שטערן, דער הימל, די עלעקטרישע לאַמטערנס אויף די גאַסן און אַפילו די פאַרביילויפנדיקע טראַמווייען האָבן גערעדט צו אים, יעדעס מיט די רמזים פון זיין לשון. ער האָט געפילט דאָס געפיל פון נצח, אַז אַזוי ווי עס לייכטן צוזאַמען די שטערן, אַזוי געבונדן איז זיין משפחה אין דער אייביקייט אַריין...

ביז דעם אויסברוך פון דער מלחמה האָט ד״ר אליעזר געהאַט אַ סך סימנים, אַז זיינע שטערן וועלן זיין שטאַנדהאַפטיק ווי עס זענען שטאַנדהאַפטיק דער טאָג און די נאַכט. אָבער אַז אין דער מלחמה איז געשען וואָס עס איז געשען, האָט ער געטריבן פון זיך די מחשבה, אַז די נאַטור־סימנים זענען צעטרייסלט געוואָרן אין זייער געזעצמעסיקייט; אַז אַ קאָסמיש געוויטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון ערגעץ ווו אַנדערע וועלטן און אין זיין געווירבל אַריינגעריסן די ערד און דעם הימל, דעם וואַלד און דעם מענטש. דער שייכות פון זאַכן צום מענטש איז פאַרשניטן און דאָס לשון פון רמזים איז פאַרשטומט געוואָרן. ווי אַן אָפּגעריסענער בלאַט פון אַ בוים, אַזוי איז אליעזר אַרטאַפּאַנוס אין דעם געווירבל פאַרטראָגן געוואָרן קיין בירקענאַו, וואָס אין אוישוויץ. זיינע אויגן האָבן נאָך דעם פּלאַץ נישט געזען, אָבער זיינע נאָזלעכער האָבן דערפילט דעם ריח פון קרעמאַטאָריע־רויך. ער האָט געזוכט אַן אָנהאַלט אין זיינע שטערן אין הימל, אָבער דער קרעמאַטאָריע־רויך האָט פאַרשטעלט דעם הימל ווי מיט אַ שטורעם־כמאַרע.

אין איינער אַ נאַכט האָט אליעזר אַרטאַפּאַנוס דורך דעם שמאָלן פענצטער פון זיין באַראַק געזען אויף דעם שפּיץ פון דעם קרעמאַטאָריע־קוימען אַ רויטלעכן וואָלקנקנויל. דער וואָלקנקנויל האָט זיך ביסלעכווייז אויפגעלייזט אין אַ לויפער, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט און אַוועקגעשוועבט אין דער פינצטערניש. איבער דעם לויפער האָט ער דערזען דעם פּאָלאַר־שטערן. אויך ער איז געווען רויטלעך, ווי ער וואָלט אַרויס אַן אָנגעגליטער פון דעם קרעמאַטאָריע־קוימען. אליעזר איז געווען אויפן ראַנד פון יאוש. ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם רמז, צי זענען די שטערן פון זיין משפחה אין דעם רויך־וואָלקן? צי איז דער ווונק פון דעם פּאָלאַר־שטערן אַ סימן, אַז זיין נצח איז נצח? אָדער אפשר ברענט דער נצח אינעם קרעמאַטאָריע־אויוון?

צוויי יאָר מיט פיר און פערציק טעג איז אליעזר אַרטאַפּאַנוס געווען איינגעקלעמט אין בירקענאַו. ער האָט געציילט די טעג ווי מען ציילט קרעלן אויף אַן אָנגעצויגענעם פאָדעם, און ביי יעדן אַפּעל געציטערט, צי ער איז נישט דער לעצטער געציילט צו ווערן. ער איז געווען איינער פון די געהילפן אין דער „קראַנקענשטובע״. צווישן אים און די קראַנקע איז פאַרשניטן געוואָרן אַ נישט־אָפּגערעדטער בונד, אַז די, פאַר וועלכע ער גנבעט אַן אַספּירין, צי אַ סולפור־פּיל, אָדער אַ ביסל קויל קעגן טויט־שלשול, וועלן צוזאַמען מיט אים גיין אין דער גאַז־

קאַמער אויב זײַנע מעשׂים וועלן אויפֿגעדעקט ווערן. נאָך יעדן אָוונט־אַפּעל פֿלעגט אליעזר זוכן אין הימל זײַנע שטערן. און אַז ער האָט זיי דערווישט, איז ווי גאָט אַליין וואָלט זיך באַוויזן און ער פֿינקלט אַראָפּ צו אים אמונה אין דער חשכות, אַז פֿון דעם קאָסמישן געוויטער וועט זײַן משפּחה אַרויס אַ נישט־צעשטערטע.

בלויז איין מאָל האָט אים אין דער בירקענאַו־נאַכט פֿאַרלאָזט די אמונה. ס'איז געווען דעמאָלט ווען די דײַטשע לאַגערמאַכט האָט עוואַקויִרט אוישוויץ און די האַלבע „מוזולמענער“ אַרויסגעטריבן פֿון בירקענאַו אויף זייער טויטנמאַרש. אליעזר אַרטאַפּאַנוס האָט געדאַרפֿט „גיין“ מיט קראַנקע פֿון דער „קראַנקענשטובע“, וואָס זענען מיט זייערע לעצטע כּוחות אַראָפּ פֿון די בעטן, כּדי נישט דערשאָסן צו ווערן. די וועלכע זענען דערשאָסן געוואָרן אין די בעטן האָט ער פֿריִער געמוזט אַרויסשלעפּן צו דער קופּע מתים בײַ דער צפֿונדיקער וואַנט פֿון דער „קראַנקענשטובע“. מיט דעם לעצטן מת האָט ער אַליין זיך אַרונטערגעגראָבן אונטער דער קופּע בר־מינס אַזוי ווי אַ קרעט גראָבט זיך אַרײַן אין דער ערד בײַם אָניאָג פֿון סכּנה. דער שווערער און האַסטיקער אָטעם פֿון שוואַכקייט און שפּאַנונג איז אים געוואָרן נאָך שווערער אונטער דער לאַסט פֿון די קנאָכנדיקע גופֿים.

כאַטש אין דרויסן איז געווען קאַלט, איז ער אָפּגעגאַנגען אין אַן עיפּושדיקן שווייס. ער האָט מער נישט אונטערשיידט צווישן דעם ריח פֿון זײַן אייגענעם שווייס און דעם געשטאַנק פֿון די מתים. פֿון אָנהייב האָט די קופּע אים צוגעדריקט מיט וויטיק, ווי בײַם האַרץ וואָלט זיך אים עפּעס אײַנגעבראָכן. דערנאָך זענען זײַנע גלידער אײַנגעשלאָפֿן, כּדי אַ ים נעדעלעך זאָלן לויפֿן איבער זײַן גוף מיט שטעכעניש. ביז ער האָט מער נישט געפֿילט זײַן אייגן לײַב. ס'איז געוואָרן שטיל ווי דאָס לעבן און דער טויט אין אוישוויץ וואָלטן פֿאַרלאָשן געוואָרן. פֿון דער פֿריִערדיקער בהלה, פֿון דער געבילערײַ פֿון מענטשן און פֿון הינט, פֿון די קורצע שאָסן און אויסגעשרייען איז געוואָרן מידבּרדיק שטיל. דעמאָלט האָט אליעזר אַרטאַפּאַנוס מיט אַ פּויסט, ווי אין איר וואָלט זיך אײַנגעזאַמלט דאָס לעצטע ביסל לעבן אין אים, געגראָבן אַ לופֿט־רער צווישן די מתים און דער וואַנט פֿונעם באַראַק. די פּויסט האָט זיך אַרויפֿגעגראָבן און צוריקגעפֿאַלן אין אוממאַכט, כּדי באַלד מיט באַנײַטן כּוח ווידער צו גראָבן. און אַז ער האָט דערפֿילט אַ קאַלטן שטראָם לופֿט, איז די פּויסט געוואָרן פֿאַרחלשט ווי זײַן גאַנצער גוף. די קאַלטע לופֿט איז געווען אַ ביטערע און פֿינצטערע. די פֿינצטערניש האָט אים דערמאָנט הימל. איז נאָך פֿאַראַן אַ הימל? האָט ער געפּרוּווט באַוועגן די האַנט מיט דער פּויסט, כּדי צו דערגראָבן זיך צו די שטערן, און ער האָט זיך דערגראָבן צו אַ שטינקענדיקער נאַכט. דעמאָלט איז אים באַפֿאַלן אַ תּענוגדיקער לוסט אײַנצושלאָפֿן. אַ שטילע, שטילע זעליקייט האָט זיך צעגאָסן אין אים, ער האָט זיך אונטערגעגעבן דעם תּענוג און זיך אויסגעלאָשן.

ער איז אויפֿגעקומען פֿון דעם הילך פֿון קולות, וואָס האָבן דאָ זיך דערנענטערט און דאָ זיך דערווײַטערט כוואַליעדיק. אויך ווען די קולות זענען געווען נאָענט האָבן זיי אים זיך אויסגעוויזן ווי זיי וואָלטן געקומען פֿון אַן אומהיימלעכער

אָפּהילכנדיקער װײַטקייט, װי בת־קולות פון װיסטעניש. ער איז געלעגן אין אַ בוימלדיקער קאַלטער נעץ. אויף זײַנע ליפּן האָט ער געפילט דעם טעם און דעם זײַערלעכן ריח פון טיפוס־פיבער. דורך דעם לופטקוימען בײַ דער װאַנט פונעם באַראַק האָט זיך אַרײַנגעזײַעט אַ גראָ־גרינלעך ליכט. די קולות און דאָס ליכט האָבן געהאַט דעם זעלבן אײַטער־קאָליר און דעם זעלבן בת־קול־קלאַנג. אין זײַן פאַרנעפּלטער מחשבה האָט זיך אַליעזורן אויסגעדאַכט, אַז ער געפינט זיך אין אַן ענגשאַפט פון יענער זײַט לעבן.

פּלוצים האָט זײַן געהער זיך אויפגעריסן. ער האָט דערהערט לעבעדיקע מענטשלעכע רופן. דאָס רופן איז געװען בולט אין רוסיש לשון. װי אַ פיש אויסערן װאַסער האָט ער געעפנט דאָס מויל און געשריגן מיט אַ פאַרייאושט קול, נאָר קיין קול איז נישט אַרויסגעקומען. ער האָט זיך אַליין נישט געהערט, בלויז דאָס רופן פון פרעמדע. װי עס האָט זיך פּלוצים אויפגעריסן זײַן געהער, אַזוי איז פּלוצים אויפגעקומען כּוח אין זײַנע אָרעמס און ער האָט מיט זיי אָפּגעשטופּט די פאַרשטײַפטע קנאָכיקע מתים בײַ דער װאַנט. אַ העל פאַרנעפּלט ליכט האָט אים פאַרגאָסן, נאָר אין דעם ליכט האָט ער גאָרנישט געזען. ער האָט פאַרנומען אַ געװאַלדיק טומלדיק געשריי:

„לעבט דאָ עמעצער ?!"

דאָס געשריי האָט זיך אין אים אײַנגעקריצט אויף זײַן גאַנץ לעבן. ס'איז געװען דאָס געשריי פון אַ רוף צום לעבן, אָבער גאָרנישט איז געבליבן אין זײַן געדעכעניש פון זײַן ענטפער: צי האָט ער בכלל געענטפערט אויף דעם רוף און װי אַזוי ער האָט געענטפערט.

צום ערשטן מאָל האָט ער װידער דערזען דעם הימל און דאָס טאָגליכט דורך דעם אָפענעם פענצטער פון אַ שפּיטאָל־צימער. דער טאָג איז געװען אַ זוניקער, אַ פרילינגדיקער, ער האָט געזונגען מיט ריחות פון אַ נאָענט פעלד און מיט געטשװיטשער פון פייגל. דאָס געזאַנג פון דעם טאָג האָט זיך אין אים אַרײַנגעגאָסן װי אַ פאַרשיכּורנדיקער געטראַנק. האָט ער געשלאָסן די אויגן, זיך אײַנגעהערט אין דעם געזאַנג און געבענקט נאָך דעם אָװנט. און אַז דער אָװנט איז צוגעפאַלן און אַ קראַנקן־שװעסטער האָט זיך געקליבן פאַרמאַכן דאָס פענצטער אַנטקעגן זײַן בעט, האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגעשטרעקט צו איר אַ בעטנדיקע האַנט, אַזוי װי אַן אֶביון שטרעקט אויס זײַן האַנט נאָך אַ נדבה, און געבעטן:

„פאַרמאַכט נישט דאָס פענצטער, שװעסטער. איך דערװאַרט דעם אָװנט װי איך װאָלט דערװאַרט מײַנע נאָענטסטע".

„קרובים דאַרפן קומען ?" האָט די שװעסטער פאַרהערט.

„פון הימל, שװעסטער. איך בעט אײַך, לאָזט אָפן דאָס פענצטער".

די שװעסטער האָט אים צו ליב געטאָן. זי האָט דאָס פענצטער נישט פאַרמאַכט. און אַרטאַפּאַנוס האָט געזוכט שטערן אין הימל, אַזוי װי אַ פרומער ייִד זוכט זיי בײַם אויסגאַנג פון שבת. ער האָט די שטערן אַנטדעקט: אָט איז איינער און אָט איז נאָך איינער. זיי לײַכטן־אויף װי אַ נישט געזעענע האַנט װאָלט זיי

אַנגעצונדן, איינער נאָך דעם אַנדערן. אַלע האָבן אים געפרייט. נאָר זײַן שטערן־גרופּע האָט ער נישט געזען. ער האָט נאָכגעפרעגט, צו וועלכער זײַט פון דער וועלט עס גייט אַרויס דאָס פענצטער, און אַז ער האָט געהערט ס׳איז דרום־זײַט איז ער געטרייסט געוואָרן. ער וואָלט אַראָפּ פון בעט און געלאָפן זוכן אַ צפון־פענצטער, אָדער ער וואָלט אַרויס אין דרויסן און אַרומגענומען דעם הימל פון אַלע פיר זײַטן. זענען אים די גלידער שוואַך און דער גאַנצער גוף איז אים אויסגעפילט מיט ווייטיק אַז יעדער פּרווו זיך אויפצוזעצן איז ווי ער וואָלט אַרומ־געכאַפּט געוואָרן פון אַ בראַנד. אָבער ווען ער איז געגעזן געוואָרן און ער האָט געקענט אַראָפּ פון בעט, האָט קיין שום כוח נישט געקענט אים צוריקקערן צו זײַן געלעגער אין די ערשטע אָוונטן. אײַנגעטוליעט אין אַ שפּיטאָל־דעק און אָנגע־שפּאַרט אָן דער וואַנט, האָט ער גערעדט מיט די שטערן פון זײַן קאָנסטעלאַציע ווי ער פלעגט אין זײַן הויז רעדן מיט די שטוביקע. ער האָט נאָכגעקוקט יעדנס גלאַנץ און שימער און געהערט ווי זיי רעדן צווישן זיך. און אַז אַ קראַנקן־שוועס־טער איז געקומען אים אַרײַנבעטן אין צימער, ווײַל די נאַכט איז אַ קילע און זײַן גוף איז נאָך שוואַך ווי דער גוף פון אַ שוועלבעלע, האָט אליעזר געבעטן ווי אַ קינד, וואָס אים איז שווער זיך צו שיידן פון זײַנע נאָענטסטע: „נאָך אַ ווײַלע, שוועסטער. זיי זענען פאַר מיר די בעסטע רפואה” האָט ער מיט אַן אויסגעשטרעק־טער האַנט געוויזן צום הימל.

מיט דרײַ חדשים שפּעטער, צווישן די חורבות פון וואַרשע, האָט אליעזר אָפּגעפונען זײַן יינגסטן זון, דוד. אייגנטלעך האָט דער זון אָפּגעפונען דעם פאָטער. וואָרום דוד איז געקומען אין דער אויסגעחרובעטער שטאָט באַלד ווי די מיליטע־רישע מאַכט האָט דערלויבט אַרײַנצוקומען אין דער לײדיקער געשפּענסטער־שטאָט. די ערשטע מענטשן אין דער וויסטער שטאָט האָבן געזוכט און געפונען אַ פּאַרטל ווי אַזוי זיך אָפּצוגעפינען: די גאַנץ־געבליבענע מויערן פון מערקלעכע בנינים זענען געוואָרן טאָוולען פאַר וואַנטבריוו. דוד האָט אַזאַ אײנציקן בריוו גע־פונען אויף דער וואַנט פון דער עוואַנגעלישער קירך אין האַרץ פון דער אַמאָלי־קער יידישער געגנט. זײַן אויפגעקלעפּטער בריוו איז געווען דער צווייטער אויף דער מויער:

„דוד אַרטאַפּאַנוס, דער זון פון אליעזר און לאה, זוכט זײַנע עלטערן, שוועס־טער און ברידער — נחמה, רחל, אַביגדור און רפאל. אויף דעם פּלאַץ וועל איך וואַרטן יעדן זונטיק און יעדן מיטוואָך צווישן 12 און 2 נאָך מיטאָג”.

אין די ערשטע וואָכן האָט דוד נישט פאַרפעלט צו קומען צו דער מויער פון דער עוואַנגעלישער קירך אין די טעג און אין די שעהען, וואָס ער האָט אָנגע־שריבן אין זײַן וואַנטבריוו. ער פלעגט אַפילו קומען אַהער אויך אין אַנדערע טעג, ווײַל די מויער פון דער קירך איז געוואָרן די קרובים־בערזע פון צעריסענע משפּחות, און די פאַלן פון אָפּגעפינען זיך פון קרובים איז געווען אַ גוטע געלעגנ־הייט נישט צו פאַרלירן די האָפענונג. אָבער אַז דוד האָט אַרײַנגעזאַפּט אין זיך

עטלעכע אַזעלכע סצענעס פֿון פֿרייד און אין אים האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרפֿעדעמען קינאה צו די, וואָס זיי האָט אָפּגעגליקט, האָט ער אָנגעהויבן קומען צו דער מויער פֿינקטלעך אין די טעג און אין די שעהען און אויך אָוועקגיין פֿינקטלעך, וואָרום די האָפֿענונג אָפּצוגעפֿינען עמעצן האָט זיך אָנגעהויבן אויסדריוולען. און אַזוי האָבן זיך אויך אָנגעהויבן אויסדריוולען סײַ די טעג און סײַ די שעהען. דאָ האָט ער פֿאַרפֿעלט אַ זונטיק און אַ צווייט מאָל אַ מיטוואָך, און די באַשטימטע שעהען האָבן פֿאַרלוירן זייער באַשטימטקייט. די מויער פֿון דער קירך איז שוין געווען באַקלעפּט מיט צענדליקער און צענדליקער בריוו. די קומענדיקע צו דער מויער האָבן זיך געמערט פֿון טאָג צו טאָג. דוד האָט זיך אָנגעהויבן אײַנלעבן מיט דער מחשבה, אַז ער איז דער איינציקער פֿון זײַן משפּחה, וואָס איז געבליבן בײַם לעבן.

דאָך אין איינעם אַ באַגינען פֿון אַ שבת־טאָג איז ער אין שלאָף באַנומען געוואָרן פֿון אַן אומרו, אַז אויף דעם עק פֿון די גאַסן קאַרמעליצקע און לעשנאָ, אַ צוויי חרובע הייזער פֿון דער עוואַנגעלישער קירך, איז אַ צוזאַמענלויף פֿון אַ סך מענטשן, מער מענטשן ווי עס קומען געוויינטלעך צו דער מויער. דאָרט האָבן זיך אָפּגעפֿונען מאַן און ווײַב וואָס האָבן זיך אַרומגעהאַלדזט אַזוי שטאַרק, אַז זיי קענען זיך מער נישט אָפּרײַסן פֿון איינאַנדער. זייערע אָרעמס זענען פֿאַרשטײַפֿט געוואָרן אין אַרומנעמען זיך און די וועלכע פּרוּוון זיי אָפּרײַסן איינעם פֿון דעם צווייטן סטײַעט נישט גענוג כּוח. האָט זיך דורכגעשפּאַרט ער, דוד, ער האָט זײַנע אייגענע אָרעמס אַרײַנגעשטופּט צווישן די קעפּ פֿון די צוויי פֿאַרשטײַפֿטע און מיט אַן אימפּעטיקן ריס אויף בײדע זײַטן, האָט ער די צוויי צעשיידט. פּונעם אויסגעשריי פֿון ווייטיק פֿון אָפּגעריסן ווערן האָט ער דערקענט, אַז דאָס זענען זײַן מאַמע און פֿאָטער. דוד האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין שווייס און אין בהלה. ער האָט דעם חלום ווײַטער געחלומט אויף דער וואָר אַפֿילו ווען ער איז שוין געלאָפֿן מיט די גאַסן, וואָס צווישן די חורבות פֿון בײדע זײַטן האָבן זיי אויסגעזען ווי אויסגעטריקנטע טײַך־געלעגערס.

עק לעשנאָ און קאַרמעליצקע, דאָרט וווּ עס האָט געזאָלט זײַן דער צוזאַמענ־לויף, איז געווען מידבּרדיק ליידיק. פֿון צווישן די לעכער פֿון די צעשטערטע הײַזער האָט נאָך אַרויסגעהויערט די נאַכט. עס איז געווען אַזוי פּוסט און לער, אַז ווען דוד האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם שפּיציקן טורעם פֿון דער קירך, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער טורעם איז אַ מענטשלעכע האַנט וואָס האָט דעם שפּיץ פֿונעם צלם אַרײַנגעשטאָכן אין הימל. די האַנט מיט דעם שפּיז איז געליימט געוואָרן. דער שפּיץ פֿונעם צלם איז געבליבן שטעקן אין הימל, וואָס איז דער־שטאָכן געוואָרן.

דוד האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די שטיינערנע טרעפּ בײַם אַרויפֿשטײַג צו דער קירך, אונטערגעשפּאַרט זײַן קאָפּ מיט בײדע הענט און געדריקט זײַנע שלייפֿן, כּדי צו וויסן, צי ער חלומט, אָדער ס׳איז וואָר. ער האָט זיך אַליין נישט געגלויבט, אַז אין דער וואָר זיצט ער אויף די שטיינערנע טרעפּ.

ער האָט געדאַרפֿט האָבן נאָך סימנים. איז ער אַרויפֿגעשטיגן צום אַרײַנגאַנג

אין דער קירך און אָפּגעשטופּט די הויכע שווערע טיר. אַ ריח פון אַ פײַכטן קעלער געמישט מיט דעם געשטאַנק פון נישט געוואַשענע מענטשלעכע לײַבער האָט גע־יאָגט אויף אים פון אינעווייניק. אין דעם פוסטן חלל פון דער קירך איז די נאַכט געהאָנגען ווי גערדיכטע פאָרהאַנגען פון שפּינגעוועב. זײַנע פאָרזיכטיקע טריט האָבן אָפּגעקלונגען ווי אָפּגעריסענע קלעפּ פון אַ האַמער אין אַ פּוסטער פּאַס. ער האָט נישט באַמערקט דאָ קיין סימן לעבן, כאָטש איינצלנע גופים אין שמאַטעס זענען געשלאָפן זייער שלאָף אין טאָג אַרײַן.

דודס אַרײַנקומען האָט צערודערט די נאַכטיקע שטילקייט. פון צווישן די רײַען מיט טינק פאַרשטויבטע בענק איז געקומען אַן אויפגעוועקטע שטים: „וויפל איז דער זייגער?“ אַ פאַרשלאָפענע הייזעריקע שטים האָט פון ערגעץ ווו אין דער נאָענט אַ קרעכץ געטאָן: „דער זייגער האָט אויפגעהערט גיין“. נאָך דעם איז געקומען אַ פאַרשפּעטיקט כיכקען, ווי עמעצער וואָלט געוואָלט לאַכן פון דעם געהערטן און ער האָט דאָס געלעכטער דערשטיקט. דוד האָט זיך דערנענטערט צום פלאַץ פון וואַנען עס איז געקומען דאָס כיכקען. ער האָט זיך פּלוצים אָנגע־טראָפן אויף אַן איינציק גלאַנצנדיק אויג פון אַן אויפגעלאָפן פּנים מיט בראַנד־גרײַפּלעך. ער האָט געשטעלט אַ טריט ווײַטער און אונטער זײַן פוס האָבן גע־פּלאַצט שטיקער גלאָז. ער איז געשטאַנען צווישן צוויי רייען שוואַרץ־ברוינע פאַר־שטויבטע בענק אין דורכגאַנג צום אַלטאַר. שטיקער האָלץ און טינק צוזאַמענ־געמישט מיט פאַרביק גלאָז האָבן פאַרפולט דעם פּאָדיום. פון די אויסגעזעצטע וויטראַזשן אויבן האָבן אַראָפּגעפּאַטשט צעשראָקענע טויבן, דורכגעפלויגן דעם חלל פון דער קירך און צוריק אַרויס דורך אַן אויסגעזעצט פענצטער אין אַ זײַטיקער וואַנט. דוד האָט נאָכגעקוקט דעם פלי פון די טויבן ווי פּלוצים האָט ער דערזען פאַר זיך אַן אויסגעשטרעקטע האַנט. נאָך דער אויסגעשטרעקטער האַנט האָט זיך אויפגעשטעלט אַ מאַן און דער מאַן האָט ספקדיק געפרעגט: „דוד?“ איידער דוד האָט זיך פונאַנדערגעקליבן, צי ער הערט די שאלה אין חלום, אָדער אויף דער וואָר, האָט דער מאַן אים באַדעקט מיט זײַנע אָרעמס ווי מיט צוויי פליגל: „דוד, זון מײַנער! ווי אַזוי?...“ דער מאַן האָט געקושט דאָס צעטומלטע פּנים פון דודן און ער האָט אים געמונטערט: „דוד, דאָס ביסטו!“

ערשט איצט האָט דוד באַגריפן וואָס עס געשעט און ער האָט זיך מיט זײַן פּנים אײַנגעקנעטן אין דעם פאָטערס האַלדז. עמעצער האָט אויסגערופן מיט אַ פויגל־קול: „האַ־האַ! זיך אָפּגעפונען?!“ פאָטער און זון האָבן זיך געהאַלטן אין די אָרעמס מיט אַזאַ כּוח ווי אויס מורא זיך ווידער צו צעשיידן, ווילן זיי זיך פאַרשמעלצן אין איין גוף. אליעזר האָט געפילט אויף זײַן האַלדז, אַז דער זון כליפּעט אַרײַן אין אים. ער האָט אים נישט געשטערט. ער האָט נאָך דעם זונס קול נישט געהערט, נאָר זאָל ער כליפּען. מיט קליינע צאַרטע קלעפּעלעך אין דער פּלייצע האָט ער אים געהאָלפן אויסהעשען זײַנע טרערן. און ווי ער האָט געהאַלטן זײַן זון אין די אָרעמס אַזוי האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ווען ער איז פאַרנומען געוואָרן אין דעם טראַנספּאָרט, וואָס האָט אים געפירט קיין אוישוויץ, האָט ער

דודן איבערגעלאָזט ווי אַ יינגל. איצט טוליעט ער צו זיך אַ דערוואַקסענעם מאַן. ער פילט די שטאַרקייט פון זײַנע אָרעמס.

האָט אליעזר גענומען אין ביידע הענט דעם קאָפּ פון זײַן זון, אַרײַנגעקוקט אים אין די אויגן און געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

„אַ דערוואַקסענער בחור". פאַרשנדיק זײַן פּנים האָט ער באַמערקט שוואַרצע הערעלעך אונטער זײַן נאָז. האָט ער ווידער צוגעדריקט אים צו זיך און אים אַרײַנגעפּליסטערט אין אויער: „זעסט אויס גאַרנישט מלחמהדיק, מײַן זון".

„איך בין געווען אין אַ קלויסטער. און דו, פאָטער? ביסט אַזוי מאָגער גע־וואָרן... מיר איז געווען גוט... געדענקסט..." האָט דוד נישט געוווּסט וועגן וואָס פריִער צו רעדן.

„צוויי יאָר מיט פיר און פערציק טעג בין איך געווען אין אוישוויץ", האָט אַרטאַפּאַנוס גענומען דעם זונס האַנט אין זײַנער. „צוויי יאָר מיט פיר און פערציק טעג לויט דעם מענטשלעכן קאַלענדאַר; לויט דעם קאַלענדאַר פון גיהנום צוויי הונדערט יאָר און פיר און פערציק זונפאַרגענג אין זיבעטן הימל... אייגנטלעך, וואָס שטייען מיר דאָ, אין דער קירך?... איך האָב נישט געהאַט ווו צו שלאָפן..." האָט ער זיך פאַרענטפערט, „כ'האָב געזוכט אונדזער היים. די מאַמע..." אויף אַ רגע האָט ער אָפּגעלאָזט דעם זונס האַנט, צוריקגעגאַנגען צום פּלאַץ ווו ער איז געשלאָפן און פאַרנומען זײַן אָרעם פּעקל. „מיר דאַרפן וואָס שנעלער געפינען אַן אייגן ווינקל", האָט ער אַ צי געטאָן דעם זון נאָך זיך.

דער טאָג איז געווען אַ שפּעט־זומערדיקער. ווײַסע וואָלקנדלעך האָבן זיך געשפּילט מיט דעם זון־באַלם, דאָ אים פאַרשטעלט און דאָ אים אָפּגעדעקט. איבער די חורבות פון ביידע זײַטן גאַסן איז געהאַנגען אַ בית־עלמינדיקע שטילקייט. דער אָפּהילך פון די טריט פון פאָטער און זון זענען אײַנגעזאַפּט געוואָרן אין דער שטילקייט ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אויף גראָז און נישט אויף צעזעצטע טראָטואַרן און ציגלברוך.

„איך האָב געזוכט אויף די חורבות פון אונדזער הויז און קיין צייכן נישט געפונען", האָט אליעזר געזאָגט, כּדי איבערצורײַסן די אומהיימלעכע שטילקייט.

„אויך איך", האָט דער זון נאָכגעזאָגט, „איך האָב זיך דערגראָבן ביז צום קעלער און גאָרנישט".

„וואָס איז געשען מיט דער מאַמען?" האָט אליעזר אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דודן און זיך געשטרויכלט אָן אַ ברוכשטיק פון אַ מויער.

„זי האָט מיך באַגלייט ביז צום קלויסטער... איך האָב נישט געוואָלט אַרײַנ־גייען, האָט זי געוויינט און מיך אַרײַנגעשטופּט אין טויער. איך האָב נישט גע־קענט צוזען אירע טרערן, בין איך געבליבן..."

„די מאַמע..." האָט אליעזר געפּליסטערט, „האָסט גוט געטאָן, דוד. אפשר זענען אויך נחמה, רחל און רפאל געראַטעוועט געוואָרן אין אַ קלויסטער? און די מאַמע?"

פּלוצים האָט דוד אָנגעכאַפּט דעם פאָטער בײַם אָרעם און שטיין געבליבן:

„מיר האָבן זיך נאָר וואָס באַגעגנט און איך האָב געטראַכט אַז טאָמער וועל איך עמעצן פון אונדזערע באַגעגענען וועל איך נישט דערציילן", איז ער אַרויפּגעפאַלן מיטן קאָפּ אויף דעם פאָטערס אַקסל, „איך האָב געטראַכט נישט צו דערציילן, אַז איך בין נישט מער קיין ייִד... אין קלויסטער..."

„לאָמיר נישט שטיין אויף אַ פּלאַץ", האָט דער פאָטער זיך טומלענדיק באַפרײַט פון דעם זונס אָרעמס, „מיר וועלן זוכן אַ פּלאַץ ווו זיך אַוועקצוזעצן... האָסט באַמערקט?... אויף דעם טעאַטער־פּלאַץ האָט זיך געעפנט אַ קליין קאַפעעלע מיט טיי פון לינדבוים־בלעטער... מען קען דאָרט אויך עפּעס עסן... געצוווּנגענער שמד איז נישט קיין שמד... אַ ייִד אַזוי לאַנג ווי ער לעבט קען ער נישט ווערן אויס ייִד..."

„קיינער האָט מיך נישט געצוווּנגען, פאָטער", האָט דוד געזאָגט אַ ביסל צערייצט, „דער ייִדישער גאָט דאַרף נישט מער קיין ייִדישע מאַמעס און קיין ייִדישע קינדער. איך בין נישט מער דוד. מײַן קריסטלעכער נאָמען איז סטעפאַן".

„לאָמיר איצט דערפון נישט רעדן", האָט אליעזר געטרייסלט מיטן קאָפּ ווי ער וואָלט זיך וועלן אָפּשאָקלען פון אַ זלידנעם אינזעקט, „צום ערשטן וועלן מיר אָפּגעפינען די אונדזעריקע און דערנאָך וועלן מיר האָבן צײַט אויף אַלץ... פאַרזיכטיק", האָט ער דודן פאַרהאַלטן פאַר אַ טיפער עפענונג אויפן טראָטואַר.

דוד, ווי ער וואָלט נישט באַמערקט דעם גרוב אויפן טראָטואַר, האָט געוואָלט ממשיך זײַן. דער פאָטער האָט אים מיט נאָך מער כּוח פאַרהאַלטן:

„צווישן חורבות דאַרף מען מער אַכטונג געבן ווי רעדן".

דוד האָט געפילט, אַז דער פאָטער וויל נישט הערן פון דעם וואָס ער דערציילט אים. האָט זיך אין אים אויפגעוועקט קינדערשער דערווידער. אַריבערשפּרײַזנדיק די שטערונג האָט ער ווידער געזאָגט:

„איך מוז דיר אַלץ דערציילן, פאָטער. אין די אַלע יאָרן האָט מיר דאָס האַרץ וויי געטאָן פאַר וואָס די מאַמע איז נישט אַרײַן צוזאַמען מיט מיר אין קלויסטער. דאָרט זענען געווען צוויי ייִדישע פרויען. זיי האָבן זיך געשמדט און געבליבן לעבן. די מאַמע האָט געהאַט אַ ,גוט פּנים' און אויך זי וואָלט געבליבן לעבן".

„צו וואָס זאָלסטו רעדן וועגן דער מאַמען ווי זי וואָלט נישט געלעבט?" האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט אָן תּרעומות, „איך האָף, אַז אַלע אונדזערע לעבן. אויב איך האָב אויסגעהאַלטן אין בירקענאַו, גלייב איך אַז יעדן גיהנום קען מען איבערלעבן..."

„אויסער די וועלכע מען האָט דערשאָסן, אָדער פאַרברענט", האָט דוד פאַרענדיקט דעם פאָטערס ווערטער.

קוקנדיק פון אַ זײַט אויף זײַן אָפּגעפונענעם זון האָט אַרטאַפּאַנוס באַמערקט, אַז אויך די מוסקלען פון דודס קינבאַקן זענען פון אַ רײַפן מאַן. ווען ער רעדט מיט זײַן טיף־מענערישער שטים באַוועגט זיך אים בולט דער שלונגביין. צי זענען אָפּגעלאָפן נישט מער ווי דריטהאַלבן יאָר זײַט זיי זענען צעשיידט געוואָרן? אפשר איז די צעשיידונג געווען אין אַן אַנדער גלגול? דער שאַרפער פּראָפיל פון זײַן

זון האָט דעם אויסדרוק פון פאַרביסנקייט. אַזאַ שאַרפקייט האָבן פעלדזן, וואָס דער שטורעם האָט זיך אַרייַנגעריסן אין זייערע שפּאַלטן און זיי צעריסן. וויפל שטורעמס האָבן דורכגעוויטעוועט איבער דודן אין די צוויי און אַ האַלב יאָר?

פּאָטער און זון האָבן זיך מער נישט צעשיידט. און כאָטש אויסערלעך האָט ער אויפן פּאָטער געווירקט ווי אַ רייַפער מאַן, איז אליעזר וועגן אים געווען באַזאָרגט ווי זייַן זון וואָלט געווען אַ קינד, וואָס מען דאַרף עס באַוואַכן אָן איבעררייַס. אַרטאַפּאַנוס האָט נישט געוואָלט הערן, צי רעדן וועגן דעם, אַז דוד האָט זיך געשמדט; ער האָט נישט גערן געהערט דעם זונס פאַרביטערטקייט. דאָך דאָס ביז איצט געהערטע האָט זיך אייַנגעפרעסן אין אים ווי אַ קראַנקייט. עס האָט נישט געהאָלפן די טרייסט, אַז „אַ ייִד, אַפילו ווען ער זינדיקט, בלייַבט ער אַ ייִד״. ער האָט געפונען דעם זון נאָכן חורבן און גראַד איצט האָט ער מורא אים צו פאַרלירן. מוז ער אים אָפּרייַסן פון דעם פּלאַץ וווּ זייַן יונגע נשמה איז פאַרוווּנדעט געוואָרן. אַנטלויפן פון דער סביבה, ווו אַלץ דערמאָנט חורבן.

האָט אליעזר איין מאָל געזאָגט:

„די מלחמה ענדיקט זיך; פאַר אונדז הייבט זי זיך אָן. מיר זענען די פאַרשפּילטע ביז צום סוף. פון אונדזער פּוילן איז געוואָרן אַ מידבר. אַפילו נישט קיין בית־עולם! ווען מיר דאָ נישט בלייַבן. ניין, מייַן זון. ווי נאָר עס וועט זיך עפענען אַ מעגלעכקייט וועלן מיר אַוועק פון דאַנען. מיר וועלן אַוועק קיין פּאַלעסטינע. דאָרט האָבן די ייִדן אויסגעמיטן טרעבלינקע און אוישוויץ. זיי זענען נישט באַליידיקט געוואָרן ווי מיר דאָ. אפשר וועלן מיר דאָרט ווידער קענען לעבן אַ מענטשלעך לעבן? איך בין זיכער, אַז אויב די מאַמע לעבט, וועט אויך זי קומען קיין פּאַלעסטינע. אויך רפאל, נחמה... כ׳האָב דאָך מייַן גאַנצן לעבן געחלומט ווידער צוריקקומען קיין ארץ־ישראל״.

„איך נישט!״ האָט דוד איבערגעריסן זייַנע רייד, „איך בין נישט מער קיין ייִד! אַפילו ווען איך זאָל האָבן זיך נישט געשמדט, וואָלט איך מער נישט געוואָלט זייַן אַ ייִד. דער ייִדישער גאָט איז אין פּאַלעסטינע דער זעלבער ווי דאָ. אויב ער האָט דאָ צוגעלאָזט דערצו מען זאָל אויסהרגענען זייַנע ייִדן, וועט ער דאָרט זיך מיט זיי נישט באַגיין בעסער. איך האָב נישט וואָס צו זוכן אין פּאַלעסטינע. איך — נישט״.

„און דאָ האָסטו יאָ וואָס צו זוכן?״ האָט אליעזר געמאַכט אַ באַוועגונג אַרום זיך.

„איך ערגעץ נישט, פּאָטער״, האָט דוד אַרויסגעוואָרפן פון זיך מיט ביטערקייט. „דאָס איינציקע וואָס איז געבליבן פאַר מיר, אין מייַן עלטער, איז פאַרפאַלן ווערן״.

„אין דער קריסטלעכער וועלט? וואָס האָט צוגעהאָלפן צו אונדזער אומגליק?״ האָט אליעזר געפרעגט.

„פאַר וואָס זאָלן קריסטן האָבן געווען מיט מער חסד ווי דער ייִדישער גאָט איז געווען צו זייַנע ייִדן?״ האָט דוד אויסגערופן אַ גערייצטער. „איבעריקנס,

איך און אַנדערע זענען געראַטעוועט געוואָרן דורך קריסטן. ווען נישט זיי, ווען נישט דער קריסטלעכער גאָט..."

"אָ, וואָס אַ טראָפּן טויפוואַסער קען מאַכן פון אליעזרס זון", האָט דער פּאָטער געזאָגט האַלב ערנסט און האַלב אין שפּאַס.

"נישט דער שפּריץ טויפוואַסער, פּאָטער", האָט דוד געזאָגט נישט אָן אַ טרער אין זײַן קול. "איך בין נישט קיין קריסט, איך בין נישט קיין ייִד און אַפילו נישט קיין מענטש, אויב מענטשן האָבן געקענט מאַכן וואָס זיי האָבן געמאַכט מיט אונדז. איז עס דען בכלל איצט אַ כּבוד צו זײַן אַ מענטש?"

"זייער פילאָזאָפיש", האָט אליעזר אַרײַנגעוואָרפן.

"ווען האָב איך געהאַט צו לערנען פילאָזאָפיע, אויב איך האָב געמוזט לערנען דעם קאַטעכיזם?" האָט דוד נישט געלאָזט איבעררײַסן זײַנע ווערטער. "הלוואי וואָלט איך געקענט אַנטלויפן פון זיך אַליין און נישט האָבן צו טאָן מיט אַ קריסטלעכן גאָט, מיט אַ ייִדישן גאָט, מיט מענטש..."

אין דעם זעלבן טאָן ווי עס האָט גערעדט דוד האָט דער פּאָטער אָפּגעשלאָגן זײַן טענות:

"האָסט נישט געהאַט ווען צו לערנען און מסתּמא נאָך ווייניקער צײַט געהאַט צו פאַרטיפן זיך, אין דײַן עלטער, וועגן גאָט און זײַן שײַכות צום מענטש. דאָס איז נישט אַזוי פּשוט ווי דו מיינסט, דוד. פון דיר רעדט אַרויס יאוש. איך פאַרשטיי. איך האָב נישט צו דיר קיין טענות. אויך איך בין פאַרביטערט, אוי, ווי פאַרביטערט איך בין נאָך דעם אַלעמען. דאָך נאָך אַלע מײַנע נסיונות אין מײַן לעבן ווייס איך אויף זיכער, אַז אונדזער אומגליק האָט אַ שײַכות צום מענטשן און נישט צו גאָט. אונדזער חשבון איז מיט דעם מענטש אויף דער ערד און נישט מיט גאָט אין הימל".

"פאַר וואָס זשע זענען די מענטשלעכע תּפילות צו גאָט און נישט צום מענטש?" האָט דוד אויסגערופן.

ער האָט אָנגעשטעלט זײַנע יונגע לײַכטנדיקע קאַרע אויגן אויפן פּאָטער, ווי ער וואָלט אים מיט איין מאָל פאַרשטעלט אַלע וועגן צו ענטפערן אויף דער שאלה.

דער פּאָטער האָט געזאָגט שטיל:

"תּפילות זענען מער נייטיק דעם מענטש גופא איידער גאָט. גאָט קען זיך באַגיין אָן דעם מענטשנס תּפילות; דער מענטש — נישט. ווען איצט מײַן תּפילה זײַן, מיר זאָלן זיך מער נישט צעשיידן. לייג אַוועק אָן אַ זײַט דאָס אַלץ וואָס דיך מאַטערט. איך וועל אָנשרײַבן אַ דאַנקבריוו צום קלויסטער וואָס האָט דיך געראַטעוועט. דאָס קומט דעם קלויסטער לכל הדעות. די גוטע מענטשן דאָרט וועלן פאַרשטיין אַז פאַר אָפּראַטעווען דײַן גוף ביסטו נישט מחויב צו באַצאָלן מיט דער נשמה. מיר זענען איצט פרײַע מענטשן! דו ביסט מײַן זון, און ווי איך — ביסטו אַ ייִד".

"פאַר וואָס און צו וואָס?" האָט דוד ווידער געפרעגט מיט ביטערניש און רעזיגנירט.

„אויף איין פוס ווילסטו איך זאָל דיר ענטפערן אויף שאלות פון מער ווי צוויי טויזנט און אפשר גאָר דריי טויזנט יאָר?" האָט אַרטאַפּאַנוס איינגעמעריש גע־ענטפערט. „אַז דו וועסט קומען אין מיין עלטער וועסטו, ווי איך, פאַרשטיין, אַז ווי גאָט האָט אין די ערשטע זעקס טעג אָנגעצונדן אַ שטערן אין הימל און פאַר אים באַשטימט זיין אומפאַרענדערלעכן גורל און פּלאַץ צווישן אַלע שטערן, אַזוי איז אויך באַשטימט דער גורל און דער פּלאַץ פון דעם ייִד צווישן מענטשן. די מענטשלעכע שפּראַך פאַרמאָגט נישט די דינע באַגריפן, מיט וועלכע מען וואָלט דאָס געקענט דערקלערן, אָבער דער נסיון גיט דעם ענטפער..."

דוד האָט באַמערקט, אַז זינט ער האָט אָפּגעפונען דעם פאָטער זעט ער אויס אַ סך ערגער ווי ער האָט אים באַגעגנט אין דער וואַנגעלישער קירך. אַן אויס־טערלישע עלטער־מידקייט איז אים באַפאַלן. דוד האָט די שולד דערפאַר גענומען אויף זיך. ער האָט נישט געמוזט באַלד אַלץ דערציילן דעם פאָטער. אָדער אפשר גייט ער איין ווייל ער האָט ביז איצט נישט אָפּגעפונען, נישט די מאַמע און נישט עמעצן פון די שוועסטער און ברידער? האָט דוד אָפּגעמאַכט ביי זיך: ער וועט מער נישט ערגערן דעם פאָטער מיט זיינע ביטערנישן.

צו פאָטער און זון איז שוין דעמאָלט געהאַט דערגאַנגען, אַז אין דייטשלאַנד, אין די געוועזענע שקלאַפן־לאַגערן, זאַמלען זיך איין די לעבן־געבליבענע, דאָרט געפינען זיך אַפּ קרובים, און ביסלעכווייז עפענען זיך וועגן צו דער פרייער וועלט.

3

אויף אַ קליינער, קרעכצנדיקער שיף, אַן איבערפולטער מיט פליטים, וואָס האָט אין אַ הייסער זומערנאַכט אָפּגעשלאָגן פון אַ דרום־איטאַליענישן ברעג אויפן וועג קיין ארץ־ישׂראל, האָט אליעזר אַרטאַפּאַנוס דערציילט דעם זון וועגן זײַן פאַרבינדונג מיט די שטערן פון דעם „קליינעם בער". דער גלויבן אין נאַטור־סימנים, וואָס האָט געהאַט אין אים צעטרייסלט געוואָרן, האָט זיך צוריק אָנגעהויבן פאַרפעדעמען. אָט איז דער ים, וואָס אין דער פרי איז ער געווען צעשטורעמט, געוואָרן אײַנגעשטילט און מילד, כּדי צו טראָגן די שיף ווי אַ וויגל אײַנצוויגן אַ קראַנק קינד. דער הימל איז געהאַנגען נידעריק איבערן ים, ווי צו דערגרייכן אים מיט דער האַנט. די שטערן, צעליכטיקטע לאַמפּיאָנען, האָבן אַראָפּגעלויכטן מיט שפּילעוודיקן זילבער־גרינעם ליכט. „דער קליינער בער" האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך געהוידעט אויף אַן אַקס, כּדי אליעזרן צו באַווײַזן זײַן באַלאַנסירטע שטאַנדהאַפטיקייט. מיט אַלע פינף פינגער פון דער אויסגעשטרעקטער רעכטער האַנט האָט דער פאָטער געגעבן צו פאַרשטיין דעם זון:

„ד ע ר, אויבן, דער סאַמע ליכטיקסטער, איז דער פּאָלאַר־שטערן. געדענקסט דער מאַמעס פּנים ווען זי איז געווען אויפגעלייגט? די פרייד האָט פון איר אַרויסגעליכטיקט. דעם שטערן רוף איך לאה, דײַן מאַמע. דײַן פּלאַץ איז נעבן איר, רעכטס פון דעם אונטערשטן אָרעם פון דעם קוואַדראַט. זעסט דעם שטערן? איצט גיי פון דעם פּאָלאַר־שטערן אַראָפּצו און דו וועסט געפינען: 'אַביגדור', 'נחמה', 'רפאל' און 'רחל', איבער דיר. איך זאָג דיר: אויך זיי וועלן קומען קיין פּאַלעסטינע. 'דער קליינער בער' וועט אונדז נישט פאַרלאָזן".

אליעזר האָט מיט דער צווייטער, לינקער האַנט, געדריקט דעם אָנלען פונעם באָרט און גערעדט וועגן די שטערן ווי פון אַ חלום אַרויס. פון מאָל צו מאָל האָט ער אַ קוק געטאָן, צי זײַן זון הערט זיך אײַן אין זײַנע ווערטער און צי ער זעט די שטערן ווי ער זעט זיי. כאָטש די טונקלקייט פון דרויסן איז אַ געדיכט־גרויע, האָבן זיך די אויגן פון פאָטער און זון צוזאַמענגעטראָפן און זיי האָבן זיך דערזען מער ווי מען דערזעט זיך אין דער ליכטיקייט.

„פון וואַנען נעמט זיך צו דיר אַזאַ שטאַרקער גלויבן?" האָט דער זון געפרעגט.

אליעזר האָט אָנגענומען דעם זונס אָרעם און געזאָגט:

„נסיון פירט אָדער צו כּפּירה, צו פֿאַרלייקענען, אָדער ער מאַכט טיפֿער דעם גלויבן. וואָס שייך דײַן פּאָטער, איז וואָס מער איך וועל געשטעלט פֿאַר נסיונות, אַלץ שטאַרקער ווערט מײַן גלויבן. הערסט דאָס קלאַפּן פֿונעם שיף־מאָטאָר? הער זיך אײַן. מיט דער רגע ווען די קלעפּ פֿונעם מאָטאָר זאָלן אויפֿהערן, וועט אונ־דזער שיף אויפֿהערן צו באַוועגן זיך פֿאָרויס. מיר וועלן דעמאָלט בלײַבן אין דער מיט פֿונעם ים פֿאַרלוירענע. אַלע דאָ וועלן באַהערשט ווערן פֿון בהלה און אַ טייל מסתּמא אויך פֿון ייאוש. צו וואָס זאָל איך מאָלן וואָס אַלץ עס קען געשען ווען דער שיף־מאָטאָר זאָל אויפֿהערן קלאַפּן און טרײַבן אונדזער מולטער פֿאָרויס? בלויז דאָס רעדן וועגן אַזאַ פֿאַל איז עלול גורם צו זײַן בהלה. גלויבן, מײַן זון, איז דער מאָטאָר פֿון לעבן. אָן גלויבן וועלן מיר קיין מאָל און אין ערגעץ נישט דערגייען, אויסער צו פֿאַרלוירנקייט. וואָס פֿאַר אַ זין האָט דאָס לעבן אָן אמונה?"

פֿון דער רגע ווי דער פּאָטער האָט אים דערציילט זײַן סוד מיט די שטערן, איז אויך דוד פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דעם שטערן־צויבער אין הימל. אין דער פֿײַכטער היץ פֿון די זון־פֿאַרבלענדטע טעג האָט ער, ווי דער פּאָטער, געוואַרט אויף די אָוונטן, די שטערן־לאַמפּיאָנען זאָלן זיך צעליכטיקן, יעדער מיט זײַן אייגענעם שימער און לשון.

אין די אָוונטן האָט זיך אין אים אויפֿגעוועקט דער פֿרומער ציטער מיט וועלכן ער האָט געלעבט אין קלויסטער און אַ בענקשאַפֿט. די בענקשאַפֿט איז געווען צו אַ קלויסטער־שוועסטער, ווי אויך זי וואָלט געווען אויף דער שיף נאָענט צו אים. דאָרט, אין קלויסטער, האָט זי פֿאַר אים אַנטפּלעקט דעם סוד פֿון ליבשאַפֿט. סאָפֿיאַ האָט זי געהייסן. אַ זיסע, גלוסטיקע שיינקייט האָט אַרויסגעלויכטן פֿון צווישן די אײַטערדיקע קרעצלעך אויף איר פּנים. אונטער איר אַפּאָטרופּסות אין קלויסטער איז ער רײַף געוואָרן און מעגלעך אויך, אַז אירע באַהאַלטענע קושן האָבן זײַן רײַפֿן צוגעאײַלט. עס איז אים זיס הייס געוואָרן ווען זי פֿלעגט אים ערגעץ ווו אין אַ ווינקל אַרומכאַפּן, אַ ברײַזיקן קוש טאָן אין די יונגע ליפּן. זי האָט געשמעקט מיט דעם ריח פֿון בענקשאַפֿט און נאָך אַזאַ קוש פֿלעגט ער בלײַבן שטיין אַ צעטומל־טער און הינטער אַ נעפּל, פֿון הינטער וועלכן ער האָט קיין מאָל נישט געזען ווו זי ווערט נעלם. ביז זי האָט אים איין מאָל געבעטן ער זאָל איר העלפֿן אַרײַנ־טראָגן פֿון שפּײַכלער קעסטלעך גרינס אין דער קלויסטער־קיך. אַ היציקע דער־וואַרטונג האָט אין אים אויפֿגעפֿלאַמט פֿון אירע ווערטער און מיט ציטער איז ער איר נאָכגעגאַנגען צום שפּײַכלער. ער איז אַרײַן דער ערשטער. סאָפֿיאַ האָט זיך אַרומגעקוקט דאָ אויף רעכטס און דאָ אויף לינקס און זי האָט פֿאַרקײַטלט די טיר פֿון אינעווייניק. דוד האָט געציטערט, און ווען זי האָט גענומען זײַן יינגלש פּנים אין אירע הענט, האָט זי קושנדיק אים געפֿרעגט: „ציטערסט פֿאַר מײַנעט וועגן? קום, איך וועל אײַנשטילן דײַן ציטער". אירע ווערטער זענען געווען ווי פֿון אַ שיכּורער און זיי האָבן אויך אים שיכּור געמאַכט. ער האָט זיך פּלוצים געפֿונען צווישן צוויי בערגלעך יונגע הייפּטלעך קרויט. זי האָט אָפּגעדעקט איר בוזעם. פֿוןביידע זײַטן פֿון איר אַראָפּהענגענדיקן האַלדז־צלם פֿון שוואַרץ האָלץ האָבן גע־

לויכטן צו אים צווי בלייך־ראָזע בריסט מיט ברוינלעכע נאָפּלען ווי יאַסטער־בלומען. ער האָט די בריסט, וואָס האָבן זיך וואָס אַ מאָל מער דערנענטערט צו אים, געזען ווי דורך אַ נעפּל און צום סוף האָבן זיי מיט אַ באַטויבנדיקער וואַרעמ־קייט פאַרדעקט זײַן פּנים. דער ריח פון איר לײַב און פון דעם יונגן קרויט האָבן אים פאַרשווענקט אין אַ היץ פון פאַרגעסנקייט. ער איז ווי צערונען אונטער איר גוף, וואָס האָט זיך אַלץ מער אָפּגעדעקט פאַר אים, און ער האָט זיך אַרײַנגעקנעטן אין איר פיבערדיק לײַב. ער איז מער נישט געווען.

דערנאָך האָט ער סאָפיאַן נישט געזען אַ וואָך צײַט. ווען ער האָט זי צופעליק דערזען, האָט זי אים אויסגעמיטן. ער האָט געבענקט צו איר. ער האָט אין די נעכט געחלומט וועגן איר און זי איז נישט געווען. ער האָט געפונען געלעגנהייטן צו זוכן זי אין שפּײַכלער, אין דער קיך, ערב די תּפילות פאַר נאַכט. זי איז ווי נעלם געוואָרן פון קלויסטער. דערנאָך האָט זי זיך פּלוצים אָפּגעפונען און געגעבן אים אַ צייכן צו קומען אין שפּײַכלער. ער איז געגאַנגען אַהין מיט האַרץ־קלאַפּע־ניש ווי אַ גנב. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע ווייסן צו וואָס ער גייט אַהין און אַז פון אַלע פענצטער פון בײדע זײַטן קלויסטער־אַפּיצינעס קוקן אַרויס צו אים די שוועסטער מיט די פליגל־הויבן. די טיר פונעם שפּײַכלער איז געווען אָפּגע־לענט מיט אַן אָפענעם אַראָפּהענגענדיקן אַלטן קופּער־שלאָס. סאָפיאַ איז נישט געווען. ער איז צוגעגאַנגען צו די אַנשיטן יונגע הייפּטלעך קרויט און זי געזוכט מיט די אויגן און מיט די נאָזלעכער. די הייפּטלעך קרויט האָבן אים אויסגעזען ווי בריסט, וואָס אַלע רופן זיי אים. די כּוחות האָבן אים פאַרלאָזט און ער וואָלט מסתּמא זיך אײַנגעבראָכן ווען סאָפיאַ זאָל אים נישט האָבן אַרומגעכאַפּט ווי אַן אויפרײַסנדיקער פלאַם. זי האָט פון אים אַראָפּגעריסן די קליידער און אויסגע־קושט זײַן לײַב און געקרעכצט: „דו ביסט ווי דער קליינער יעזו; אַזאַ איז געווען דאָס לײַב פון יעזו". זי האָט דודן פאַרברענט אין איר פײַער, כּדי באַלד ווידער אים אָנצוצינדן מיט נאָך שטאַרקערער צעפלאַמטקייט. ביז ער איז געבליבן ליגן ווי אַ קינד נאָך אַ פעליקן טאָג פון מידיקן אַרומוואָיוועז. סאָפיאַ האָט אים געוועקט ער זאָל זיך אָנטאָן, ער זאָל זיך אַרויסמאַכן פונעם שפּײַכלער. ער האָט קוים געהערט איר שטים. עס איז אים זיס געווען צו בלײַבן ליגן, מיט דער זיסקייט, מיט וועלכער אַ מענטש שלאָפט אײַן אין אַ פראָסט...

ערב אָוונט איז די אַלטע לאָמע דינערין אין דער קיך, טערעסאַ, אַרויסגע־לאָפן פונעם שפּײַכלער מיט געשריי און בהלה ווי אַ צום טויט־דערשראָקענע הון. צלמענדיק זיך האָט זי באַוויגן מיט די אָרעמס ווי מיט אָפּגעשוואַכטע פליגל און אוועקגעלאָמט איבערן לאַנגן הויף מיט אַ קוויטשיק געשריי: „אַ יעזו, אַ מאַטקאַ באָסקאַ!* אַ יעזו! אַ יעזו!" פון די פינצטערע אײַנגענג אין די אַפּיצינעס האָבן זיך אַרויסגעשפּאַרט קלויסטער־שוועסטער און מיט זייערע ווײַסע פליגל־הויבן אויף די קעפּ זענען זיי ווי געענדז געלאָפן אַנטקעגן די געשרייען פון דער לאָמער

---

* „אַ גאָטס מוטער!"

דינעריך. זיי האָבן קוים פון איר אַרויסבאַקומען, אַז אין שפּײַכלער, צווישן די סטערטעס הייפּטלעך קרויט, האָט זי מיט די אייגענע אויגן געזען אַ שד. ער איז אין גאַנצן נאַקעט. אַזוי ווי די מאַמע האָט אים געהאַט. און ווען די שוועסטערס האָבן טערעסאַן אויסגעפּרעגט וועגן דעם געשטאַלט פונעם שד, האָט דוד זיך באַוויזן אויף דער שוועל פונעם שפּײַכלער. ער האָט זיך געפילט שולדיק. אַרויס־גייענדיק צום לאַנגן הויף האָט ער געוואָרט מען זאָל אים באַפאַלן און שלאָגן.

אויף צו מאָרגנס אין דער פרי האָט אים גערופן צו זיך די מאַטראָנע פונעם קלויסטער. זי האָט געהאַט אַ שטרענג פּנים פון אַ בייזן מאַן, מיט אויגן פון אַ צעיאַכמערטן האָן, נאָר איר שטים איז געווען פול מיט זיסקייט. זי האָט געוואָלט וויסן וואָס ער האָט געטאָן אין שפּײַכלער און פאַר וואָס ער איז דאָרט געווען נאַקעט.

„קוק מיר גלײַך אין די אויגן און דערצייל מיר דעם גאַנצן אמת!" האָט זי געזאָגט און אירע אויגן האָבן געלויכטן מיט האָן־גלוסט.

דוד האָט געקוקט אין אירע אויגן און געלייקנט, אַז ער איז געווען נאַקעט אין שפּײַכלער:

„טערעסאַ איז אַלט און זי איז אַ קאַליקע, טראַכט זי אויס שלעכטס", האָט דוד געליגנערט, „איך בין געווען אָנגעטאָן אַזוי ווי איצט".

האָט די מאַטראָנע געוואָלט וויסן וואָס ער האָט געהאַט צו טאָן אין שפּײַכלער און דערויף האָט דוד געענטפערט מיט אַ שטים פון זיכערקייט, אַז ער האָט ליב די ריחות פון אײַנגעשפּײַכלערטע פּרוכטן און גרינסן. די ריחות דערמאָנען אים זײַן היים.

„רעד נישט וועגן דײַן היים", האָט זי וואָרענענדיק איבערגעריסן זײַנע ווער־טער און אויסגעשטרעקט צו אים דעם גרויסן באַגילדעטן צלם, וואָס זי האָט גע־האַט פאַרהאַנגען אויף איר בוזעם. דוד האָט געקניט פאַר איר און אַ קוש געטאָן דעם צלם. פאַר איבערשרעקן „די אומגליקלעכע טערעסאַ" האָט זי דודן באַ־שטראָפט, ער זאָל הונדערט מאָל זאָגן די תּפילה „געזונט ביסטו, מאַריאַ..."

פון דעמאָלט אָן האָט ער מער קיין מאָל נישט געזען סאָפיאַן. אָפט, אין זײַן בענקשאַפט צו איר, האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי איז געווען בלויז אַ חלום, איינער פון יענע חלומות, וואָס פליישן זיך אײַן אין געדעכעניש אויף אַ גאַנץ לעבן. און ווי עס עפנט זיך פּלוצים אַן אַלטע, פון לאַנג פאַרהיילטע וווּנד, אַזוי האָט זיך אויף דער שיף קיין ארץ־ישׂראל, געעפנט אין דודן די בענקשאַפט־וווּנד צו דער קלויסטער־שוועסטער, וואָס האָט אין אים אויפגעוועקט זײַן מענערישקייט.

ווי דער פאָטער איז געווען אײַנגעקוקט אין די שטערן פון דעם „קליינעם בער", אַזוי האָבן אַלע שטערן געוועקט אין דודן בענקשאַפט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער בענקשאַפט צו דער זיסער שיינקייט, וואָס האָט אַרויסגעלויכטן פון צווישן די אײַטערדיקע קרעצלעך אויף סאָפיאַס פּנים...

ווען די אויגן פון אַנדערע אויף דער שיף זענען געווען פאַרקוקט אין דער

געדיכטער פינצטערניש פונעם ים, טאָמער וועלן זיי דערבליקן אַן אַנטקעגן־שווימענדיקע בריטישע מיליטערישע שיף, זיי צו פאַרקערעווען אויף צוריק — איז דוד געווען פאַרקוקט אין דעם גלימער פון די שטערן. די בענקשאַפט איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שטאַרקער און פרעסנדיקער: די שטערן זענען אַוועקגע־שווומען אויף צוריק מיט אַ לאַנגזאַמער באַוועגונג, ווי זיי וואָלטן מער קיין מאָל נישט געדאַרפט צוריקקומען. געבונדן צו אײנאַנדער, זענען פאָטער און זון איז די נעכט אויף דער דעק פון דער קרעכצנדיקער שיף, געווען פאַרטאָן אין דער זעלבער וועלט, אין דער וועלט פון בענקשאַפט.

אין אײנער אַ נאַכט איז די שיף אַרײַן אין געדיכטע וואַסערן. אַזאַ איז געווען דאָס געפיל, ווײַל די שיף האָט פאַרלאַנגזאַמט איר אַזוי אויך פּאַמעלעכדיקן שווים. דער שיף־מאָטאָר האָט דאָ האַסטיק געקלאַפּט, זיך אַנגעשטרענגט בײַצוקומען די געדיכטע וואַסער־מאַסן, און דאָ האָט ער אָפּגעשטעלט זײַן געקלאַפּ, ווי די כּוחות וואָלטן אים אויסגעגאַנגען. אַלץ אויף דער שיפדעק איז געווען געשפּאַנט. ווי אַ שטיק נעפּל אין נאַכטיקער קלאָרקייט האָט זיך אָפּגעדעקט אַ מטושטשער ברעג. אין די רגעס ווי דער שיף־מאָטאָר האָט אויפגעהערט קלאַפּן, האָבן זיך געהערט ווײַטע מענטשלעכע שטימעס פונעם ברעג. צווישן דעם ברעג און דער שיף האָבן מענטשן אינעם וואַסער, וואָס אין פלוג האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען ברעג־פעלזן, גערופן אין דעם היימישן ייִדישן לשון, אַז ווער עס קען שווימען זאָל שפּרינגען אין וואַסער.

אליעזר האָט אָנגענומען זײַן זון בײַם אָרעם און ווי נאָר זיי האָבן זיך דורכ־געשטופּט צום באָרט, האָט ער אַ באַפעלערישן רוף געטאָן:

„מיר שפּרינגען!"

אַליין האָט אליעזר זיך געשטעלט אויף דעם מיטלסטן שטאַנג פונעם באָרט, געוואַרט דוד זאָל טאָן דאָס זעלבע, און צוזאַמען האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער. אליעזר האָט געהערט דעם וואַסער־פליוך פון זײַן אייגענעם גוף, אָבער נאָך איידער ער האָט געווענדט זײַן פּנים אָן דער זײַט, האָט ער דערפילט אויף זײַן אַקסל זײַן זונס האַנט.

„איך בין נעבן דיר, טאַטע!" האָט ער אויסגערופן אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט אַ פול מויל מיט ים־וואַסער.

אַנטקעגן זיי, אינעם וואַסער, איז אויסגעוואַקסן אַ מטושטש געשטאַלט וואָס האָט אויסגעזען מער ווי אַ קלאָץ איידער ווי אַ מענטש.

„גייט נאָך מיר", האָט דאָס געשטאַלט געזאָגט מיט אימפּעט. „מיר זענען אַ פּאָר מעטער פונעם ברעג".

„ארץ־ישׂראל?" האָט אליעזר געפרעגט און אויסגעשטרעקט אַ האַנט צום ברעג.

„אַ ייִדישע קשיא", האָט דאָס געשטאַלט געענטפערט קאַלט.

וואָס נענטער צום ברעג אַלץ העכער איז דאָס געשטאַלט געוואָרן, און ווען ער האָט זיי דערלאַנגט זײַן האַנט בײַם לעצטן שריט ברעג־אַרויף, איז כאָטש זײַן

האַנט איז געווען נאַס און גליטשיק פון ים־וואַסער איז זי געווען האַרט ווי לעדער.

פּלוצים האָט דוד געזאָגט צום פאָטער:

„דריי אויס דעם קאָפּ, טאַטע, דער ,קליינער בער׳ איז מיט אונדז".

דער מאַן, וואָס האָט זיי געפירט, האָט געפרעגט אַ צעטומלטער:

„אין אַזאַ צייַט פירט איר מיט זיך אַ בער?"

„מיר דאַרפן אים נישט פירן", האָט אליעזר אָפּגעשאָקלט דאָס וואַסער פון די קליידער, „ער גייט אונדז נאָך".

דער פרעמדער איז געווען צעטומלט. ער האָט קיין בער נישט געזען, נישט פון הינטן און נישט פון פאָרנט, נאָר פרעגן מער האָט ער נישט געפרעגט.

נאָך אַ שווערן, אויסמאַטערנדיקן וועג דורך זאַמד־דיונעס, אין שיך פול מיט גליטשיקן וואַסער, האָט דער פרעמדער זיי אַרייַנגעפירט אין דער פלאַנטאַר־פּינצ־טערניש פון אַ פּרדס. ער האָט זיי געהייסן זיך אַוועקלייגן אויף דער ערד און וואַרטן. אַליין איז ער אַוועק אויף אַ רגע און געבראַכט מאַראַנצן:

„פרישע פון בוים", האָט ער געשטופּט אַ מאַראַנץ דאָ צו אליעזרן און דאָ צו דודן. „אַז מען עסט אויף צוויי, איינעם נאָך דעם אַנדערן, ווערן די קליידער גלייַך טרוקן".

„דער גוטער מענטש צאָלט אונדז דאָ אָפּ פאַר אונדזער ,קליינעם בער׳", האָט אליעזר דערנענטערט זייַן פּנים צום פּנים פון דודן און געשמעקט צו דער פּרוכט.

„אָט איז ער!" האָט דוד אָנגעוויזן אויפן הימל איבערן ים.

אַזוי איז די שטערן־משפחה געוואָרן די שותפות צווישן פאָטער און זון: פאַר אליעזרן אַן אָנשפּאַר פון דער האָפענונג, אַז זייַנע נאָענטסטע וועלן זיך אייַנזאַמלען אין ארץ־ישׂראל; פאַר דודן — אַ רינג וואָס האָט אים צוגעשמידט צום פאָטער.

דוד איז געווען דער איינציקער עדות פון דעם ווייטאָג וואָס דער פאָטער האָט געליטן, ווען יעדן טאָג, טאָג־איין, טאָג־אויס, פלעגט ער צוריקקומען אין זייער קליינעם צימער אין תל־אביב מיט ליידיקע הענט. טאָג־איין, טאָג־אויס דער זעל־בער פּזמון: „עס קומען פּליטים. אונדזערע — נישט". דורך די יאָרן האָט אליעזר ווי אַ דאָקטאָר אין די מעברות פאַר די מאַסן ניי־געקומענע דורכגענישטערט אַלע עקן לאַנד, נאָכגעפרעגט ביי געקומענע פון די לאַגערן אין דייַטשלאַנד, ביי גע־קומענע פון פּוילן און: „אַלע קומען; אונדזערע — נישט". אליעזר האָט זייַן ווייטאָג גוט אויסבאַהאַלטן, כּדי נישט צו שפּייַזן די פאַרביטערטקייט פון זייַן זון. אָבער אין די נעכט, אין שלאָף, האָט ער זייַן ווי נישט געקענט באַהערשן. דוד האָט געהערט זייַן קרעכצן און אין שלאָף דערמאָנען די נעמען פון זייַנע נאָענט־סטע.

4

אין זײַן צעקלעמטקייט האָט אליעזר געזוכט אַן אָנלען, אַ האַנט, וואָס זאָל אים אָפּהאַלטן פון יאוש. דער מאַן, וואָס זײַן גאַנץ לעבן האָט ער זיך געהאַלטן ווי אַ טיף פאַרוואָרצלטער בוים — נעמט אויף די שטורעם־געוויטערס און לייגט זיך נישט, האָט דווקא דאָ, אין ארץ־ישׂראל, אין זײַן דערגרייכטער היים, זיך פאַרלוירן. וואָס אייגנטלעך האַלט אים נאָך בײַם לעבן? צוריקגעקומען איז ער אַ ליידיקער. אויסער דודן האָט ער אַלע און אַלץ פאַרלוירן. אַפילו ווען דוד גלייבט נישט מער אין גאָרנישט, און איז ציניש צו גאָט און צו לײַט, ווערט ער דאָ זיך פאַרוואָרצלען. און ער אַליין? איז דאָך זײַן חלום געווען: צוריקקומען אַהיים אַ פולער מיט יאָרן און נסיונות, און דאָ, אין שלווה, אַוועקלייגן דעם קאָפּ אויף דער ערד און צוריקגעבן זײַן נשמה דעם באַשעפער. זײַן חלום איז געוואָרן וואָר. צי איז עס אַ געזעץ, אַז חלומות וואָס ווערן וואָר, זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ לאַסט און אין אַנטוישונג? אליעזר איז געווען אויפן ראַנד פון יאוש. אפשר דערפאַר ווײַל דער טויט קומט נישט אין דעם דינעם גרענעצדיקן אויגנבליק צווישן דער לעכצונג זיך אויפצולייזן און דעם בהמישן אינסטינקט צו קלאַמערן זיך אינעם לעבן אַפילו אין געפאַלנקייט, ווי דעמאָלט אונטער דער שטינקענדיקער קופּע מתים הינטער דער וואַנט פון דער „קראַנקענשטובע" אין אוישוויץ.

ווי אַ רופא איז ער מסוגל צו באַשטימען דעם גורל פון די מענטשן וואָס טרויען זיך אים אָן: לעבן אָדער טויט. נאַטירלעך איז זײַן באַגער אַלע מאָל: אויפהאַלטן דאָס לעבן, אַפילו אין די פאַלן ווען עס איז נישט קיין לעבן נאָר אַ פּײַן אָן האָפענונג. אין אַזעלכע פאַלן האָט ער די ברירה: אַוועקנעמען זײַן שיצבדיקע האַנט און גורם זײַן דעם גענעזנדיקן טויט. כּלפּי זיך אַליין האָט ער נישט די ברירה. ער מוז לעבן, ווי דאָס לעבן וואָלט געווען אַ גזר־דין פון אַן איבערנאַטירלעכן כּוח. זיך אַליין גורם זײַן דעם טויט — דאָס קען ער נישט.

אין דעם טאָג ווען ער איז אַריבער אין געטאָ האָט ער זיך באַוואָפנט מיט אַ דאָזע ציאַנקאַלי, ווי אַ לעצט ווערטיק פאַרמעגן. אָבער אַפילו דעמאָלט ווען ער איז געפירט געוואָרן אין אַ קאַלכוואַגאָן קיין אוישוויץ און געזען די וועלט דורך דעם שטעכלדראָט־פענצטערל ווי אַ לויפנדיקע לענטע, וואָס אָט באַלד עקט זי זיך אין אַן אייביקער פינצטערניש, אַפילו דעמאָלט האָט ער דעם דערלייזערישן ציאַנקאַלי נישט גענומען. דער נישט געלאָשענער קאַלך אין וואַגאָן האָט אונטער דער

ווירקונג פונעם אורין פון די פאַרשפּאַרטע אויסגעפּאַרעט גאַזן, וואָס האָבן אַ סוף געמאַכט צו די שוואַכע; אין דער וואַגאָן־ענגשאַפט האָט ער אַליין געטראָטן אויף גוססדיקע און טויטע. אָבער אַרויסנעמען דעם ציאַנקאַלי־אוצר פון דער איבער־שטער הויזן־זוים און זיך אויסלייזן — דאָס האָט ער נישט געקענט פּועלן ביי זיך. נישט מתוך שוואַכקייט, נאָר מתוך בונט און פּראָטעסט.

אַזוי אויך דאָ, נאָך זיין צוריקקער אַהיים, אַ חלום־פּאַרווירקלעכטער, במילא אַ פאַרלוירענער ביז צום ראַנד פון יאוש. ה׳ עס טרעפט אָפט ביי מענטשן, וואָס ווען עס ענדיקן זיך אַלע זייערע וועגן דעקט זיך פּלוצים אָפּ דער פינצטערער וואָלקן און זיי דערזעען פאַר זיך אַ נייעם ליכטיקן וועג, אַזוי איז אויך געשען מיט אליעזר אַרטאַפּאַנוס אין זיין פאַרלוירנקייט: ירושלים. אַהער האָט ער גע־לעכצט אויף זיין לאַנגן וועג. דורך די יאָרן און יאָרן זענען אין זיין דמיון פאַר־ווישט געוואָרן די פּלאָגן פון ירושלים: די זעלבסטמאָרד־מלחמות צווישן יידן גופא; די פאַרניכטונג־מלחמות צווישן יידישע הערשערס; די צעשטערערישע פאַרריסנקייט פון די רייכע און מאַכטיקע.

טיף באַהאַלטן אין זיין זכרון איז געבליבן דאָס ירושלים פון ליכט, שיינקייט און מיידלשער ציכטיקייט. עס האָבן געלעבט אין אים די אומבאַרירלעכע ירושלי־מער שוצמויערן פון געטעסטע פעלזן־בלאָקן. פון איבער די שוצמויערן האָבן אַריבערגעלויכטן די טורעמלעך און קאַרניזן איבעם ווייסן מאַרמאָר פונעם בית־המקדש. פון דער ווייטנס, פון אַ הויכקייט, האָט עס אויסגעזען ווי דער בית־המקדש וואָלט געווען פון ווייס־געוואַשענער וואָל און געוועבט מיט די איידעלע פינגער פון די צאַרטע ירושלימער טעכטער. אין די זונפאַרגענג, ווען דאָס גאָל־דענע ליכט פון איבער דער פאַרשטאָט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אָן דעם ווייסן מאַר־מאָר פון די טורעמלעך און קאַרניזן, האָט דאָס ווייסע זיך געביטן אין דער איידע־לער פאַרב פון אַלאַבאַסטער. רו און פרומקייט האָט אין אַזאַ שעה זיך אָפּגעזעצט אין די הערצער, אויב נאָר די הערצער זענען נישט געווען באַהערשט פון ברידער־שׂינאה און גייציקייט. אין די פאַרנאַכטן, ווען דער טוי האָט אַראָפּגענידערט אויפן רוקן פון דער אונטערשטער שטאָט, איבער דעם קידרון־טאָל, האָבן די קעניגלעכע רויזן־גערטנער פאַרשפּרייט זייערע פאַרשיכּורנדיקע ריחות. די רויזן־ריחות זענען מיטגעפלאָסן מיט דעם לעצטן ליכט פון דער זונאָפּשיין און דערגרייכט ביז דעם מאַרק אויף דער מערבדיקער זייט פון דער איבערשטער שטאָט. אויך דער ריח פון די געווירצן האָט אַרויסגעשפּאַרט פון די בשׂמים־מישרייען, וואָס נעבן דעם שילוח־געוויסער, זיך אויסגעמישט מיט די רויזן־ריחות און געוועקט גלוסטונג, ווי עס וועקט דער ריח פון וויי.

אין אַזעלכע פאַרנאַכטן פלעגט דער שטראָז, וואָס שניידט דורך ירושלים פון דעם דרומדיקן טייל פון דער איבערשטער שטאָט ביז דעם פרויען־טורעם אויף צפון פון דער נייער שטאָט, אויסגעפילט ווערן מיט די שיינע טעכטער פון ירו־שלים, אָנגעקליידטע אין בלאַנקווייסע טוניקעס. די גאַרטלען אַרום זייערע מיידלשע לענדן האָבן בולט געמאַכט זייערע בריסט, וואָס אויך זיי, האָט זיך געדאַכט, שמעקן

מיט רויזן־ און בשׂמים־ריחות. אין צײַטן פֿון רויִקייט, און אויב נאָר אײנע פֿון די אָפּטע מלחמות האָט נישט דערשיטערט די שלווה, האָט זיך איבער דעם שטראָז געטראָגן מײדלש געלעכטער געריצט פֿון די בליקן פֿון די צדוקישע יונגע מענער, וואָס אויך זײ זענען אויפֿן שטײגער פֿון העלענער געווען אָנגעקלײדט אין ווײַסע טוניקעס און אין סאַנדאַלן.

אַזאַ איז דאָס ירושלים וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אין זכּרון פֿון אליעזר אַרטאַפּאַנוס, און אַזאַ איז עס פֿאַר אים אויפֿגעקומען אין די מינוטן פֿון בענקשאַפֿט אַהײם.

אליעזר וואָלט נישט געקענט דערקלערן פֿאַר וואָס ער איז צום ערשטן מאָל געפֿאָרן קײן ירושלים מיט אַן אַראַבישן אויטאָבוס פֿון יפֿו און נישט מיט אַ ייִדישן אויטאָבוס פֿון תּל־אָבֿיבֿ. אפֿשר דערפֿאַר ווײַל יפֿו איז געווען אײַנגעקריצט אין זײַן געדעכעניש אַזוי ווי ירושלים? אפֿשר דערפֿאַר ווײַל דורך יפֿו איז ער ווי אַ געפֿאַנגענער פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון זײַן הײם? אַפֿילו ווען דער מוח פֿונעם מענטש איז קלאָר ווי קוואַלוואַסער, זענען זײַנע מעשׂים נישט אַלע מאָל צו דערקלערן. דער טומל אין יפֿו, דער אַראַבישער לבֿוש און אויך די ריחות וואָס האָבן אַרויסגעאָטעמט פֿון די קראָמען, האָבן אין אים געוועקט אָפּפֿילונגען פֿון לאַנג־לאַנג געלעבטע צײַטן.

ווי אַ מענטש אויף דער עלטער גאַרט נאָך אַ מאָל איבערלעבן די אײַנדרוקן פֿון זײַן יוגנט, אַזוי האָט אויך אליעזר געזוכט דערמאָנונגען פֿון זײַן יוגנט אין דעם מיזרחדיקן טומל אין יפֿו און צו זײַן אין ירושלים, צו געפֿינען דאָרט אַן אָנהאַלט אַנטקעגן זײַן פֿאַרלוירנקייט.

זײַנע אויגן זענען געווען צוגעשמידט צו דער אָפֿענער פֿענצטער־ראַם פֿונעם אויטאָבוס. די היץ האָט אים געשלאָגן פֿון אַלע זײַטן מיט דומפּיקייט פֿון פֿאַרשוויצטע לײַבער און ביליקן טאַבאַק. אָבער אליעזר האָט כּמעט נישט געפֿילט — נישט די דומפּיקייט פֿון די פֿאַרשוויצטע לײַבער פֿון די פּאַסאַזשירן און נישט די טאַבאַק־ריחות. ער איז אין גאַנצן געווען אויפֿן וועג קײן ירושלים. אויף דעם שמאָלן אַספֿאַלטירטן וועג מיט דיקע לאַטעס און אויסגעריסענע שטיקער, האָט דער אַלטער אויטאָבוס דאָ זיך אויפֿגעהויבן, ווי זיך אָפּצורײַסן פֿון די רעסאָרן און דערהרגענען די פּאַסאַזשירן, און דאָ זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט מיט האַרטע קלעפּ און אויפֿגעטרײסלט די געדערעם. אליעזר האָט געזוכט סימנים צי ער פֿאָרט מיט דעם אַלטן וועג קײן ירושלים, און קײן אַחיזה האָט ער נישט געפֿונען. ערשט ווען דער אויטאָבוס איז אַרײַנגעפֿאָרן אין שער הגיא, איז אַ ליכטיקייט אויפֿגעקומען אין אים. דער וואַלד וואָס איז געפֿלאַנצט געוואָרן פֿון בײדע זײַטן בערג איבער דעם טאָל דורך דעם בריטישן הויך־קאָמיסאַר וווקאָפּ, האָט אים אויסגעזען צו זײַן דער וואַלד וואָס איז געבליבן ערגעץ ווו אין זײַן דמיון פֿון די רײַט־קאָמפּאַניעס צו דער שפֿלה. ווײַטער אַרויף פֿונעם קאַסטעל האָט זיך אָפּגעדעקט די גרויע נאַקעטקייט פֿון די בערג און טאָלן און דאָס געמיט איז אים טריב געוואָרן. אַ זון־פֿאַרברענט וויסטעניש. אויף די באַרג־רוקנס האָט ער געפֿונען אַן

אָנהאַלט אין די ווײַטע אַראַבישע דערפער, וואָס פונעם אויטאָבוס־פענצטער האָבן זיי אויסגעזען ווי אויך זיי וואָלטן געווען פאַרלאָזט און וויסט. ער האָט פלוצים דערפילט די היץ, כאָטש אַרויפצו איז די לופט געוואָרן ווינטיקלעך און קילער. ער איז אָפגעגאַנגען אין שוויס. זײַן נאָזטיכל איז שוין געווען אין גאַנצן נאָס, דאָך האָט ער נישט אויפגעהערטווישן דעם שטערן, טאָמער וועט אַ טראָפן שוויס פאַרמײַדן פון זײַנע אויגן אײַנצוזאַפן די באַרגיקע וויסטעניש קיין ירושלים.

דער אַלטער אויטאָבוס האָט שווער געסאָפעט און געקרעכצט בײַם אַרויפשטײַגן מיט די שמאָלע סערפענטינעס. בײַם אײַנשליסן די נידעריקע גענג האָט די מאַשין אַ צי געטאָן אויף צוריק און די ציין־רעדער פון די געגג האָט געגרילצט ווי אויפצורײַסן דאָס גאַנצע געלענדער. דער רויך פון דעם פאַרברענטן בענזין שפּאַרט זיך אַרײַן דורך די אָפענע פענצטער מיט אַ בלוילעך־גרויען געשטאַנק און מאַכט שווער דעם אָטעם. דער אַראַבישער שכן נעבן אליעזרן וויל אים מכבד זײַן מיט מאַכאָרקע און מיט אַ בלעטל זײַדפאַפיר, ער זאָל פאַרדרייען אַ ציגאַרעטל, און ער ווענדט זיך צו אים מיט „כאַוואַדזשאַ". דער פאַרטראָגענער אליעזר באַמערקט נישט — נישט דאָס אונטערגעטראָגענע שעכטל מאַכאָרקע, נישט דאָס בלעטל זײַדפאַפיר, און ער פטרט אָפ דעם שכן אויף ייִדיש, און גאָרנישט אין זײַן שטייגער: „לאָזט מיך צו רו".

דער אָפגעדעקטער גרויער און זון־פאַרברענטער טאָל אונטער דער סערפענטינע און די צפונדיקע באַרג־קייט, ווי אַ ריזיקע שלאָפנדיקע חיה, האָבן אים געצויגן צו זיך. „די בערג פון ירושלים", האָט ער געמורמלט צו זיך אַליין. „אֶל־קודס", האָט באַמערקט זײַן אַראַבישער שכן און מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויף די ערשטע ירושלימער הײַזער וואָס האָבן זיך קוים אָנגעזען אויף אַן אַקעגן־איבערדיקער באַרג־שיפוע. אליעזר האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז „אֶל־קודס" איז אויף אַראַביש ירושלים און ער האָט געפרעגט מיט אומגעדולד: „איז עס נישט ירושלים?" „אֶל־קודס", האָט באַשטעטיקט זײַן אַראַבישער שכן, אָבער אליעזר איז געוואָרן נאָך מער אומרויִק, צי דער אויטאָבוס פאַרפירט אים נישט ערגעץ ווו אין אַן אַראַבישער שטאָט.

דער אַרײַנפאָר קיין ירושלים האָט מיט איין מאָל געלאָשן די אויפגערודערטקייט פון אליעזרן. אָט האָט זיך אים נאָר וואָס געדאַכט, אַז דער אויטאָבוס פאַרפירט אים אין אַן אַראַבישער שטאָט, און אָט פאָרט ער דורך אַ שמאָלער ייִדישער גאַס אין אַ שטעטל נישט ווײַט פון וואַרשע. נאָר די ייִדן דאָ זענען אָנגעטאָן אַ ביסל אַנדערש ווי אַ מאָל ד אָ ר ט. אפשר אַזוי ווי אין אַ שטעטל אין גאַליציע אַ מאָל, אַ מאָל, מיט באָרד־און־פיאות און אין קאַפעליטשן. דאָ ווערט דעם אויטאָבוס לײַכטער און ער לויפט אַראָפ מיט דער יפו־גאַס, פאַרקערעוועט צום שער שכם און פאַרהאַלט זיך הינטער דער מויער אַרום דער אַלטשטאָט. דער אויטאָבוס ליידיקט זיך אויס. אליעזר שטײַגט אַראָפ מיט די לעצטע פאַסאַזשירן. עס זעט אויס ווי זײַן פריִערדיקער פאַרדאַכט וואָלט זיך באַשטעטיקט. ער איז אין אַן אַראַבישער שטאָט. ווי האָט געזאָגט זײַן שכן אין אויטאָבוס? „אֶל־קודס"? אפשר

איז עס אַן אַנדער שטאָט נעבן דעם ייִדישן ירושלים? ער פרעגט פּאַרבײַגייערס: „איז עס ירושלים?" „אַוואַ, אֶל־קודס" איז דער ענטפער, און ער ווייסט ווײַטער נישט ווו ער געפינט זיך. ער גייט צוריק, אין דער אַנטקעגנדיקער ריכטונג ווי עס האָט אים געבראַכט דער אויטאָבוס, און צווישן די אַראַבער אין ווײַסן לבוש דערזעט ער אַ ייִד מיט אַ בלאָנדער באָרד און לאַנגע געקרײַזלטע פּיאות, אין אַ ווײַסן געשטרײַפטן כאַלאַט, מיט אַ קאַפּעליטש פון אונטער וועלכן עס קוקן אַרויס דער ראַנד פון אַ ווײַסער יאַרמולקע.

„איר רעדט ייִדיש?" האָט אליעזר געפרעגט.

„אַז איך בין אַ ייִד רעד איך ייִדיש. וואָס דען, טערקיש זאָל איך רעדן? אַ מאָל האָט מען דאָ גערעדט טערקיש... אַ מאָל!" האָט דער ייִד צוגעשאָקלט מיט אַ פינגער.

„גוט איך האָב אײַך באַגעגנט", איז אליעזר געוואָרן אויסגעלײַטערט, „איר וועט מיר אַוודאי זאָגן ווו עס איז די אייבערשטע שטאָט".

„די אייבערשטע שטאָט?" האָט דער ייִד זיך געוווּנדערט באַוועגנדיק דעם קאָפּ, און זײַנע פּיאות האָבן זיך צעהוידעט ווי שאָלן פון אַ וואָג. אַ ווײַלע האָט ער געטראַכט און אַרײַנגעקוקט אליעזרן אין די אויגן: „אויב איר מיינט ירושלים־של־מעלה איז זי דאָ, דאָ, די אייבערשטע שטאָט", האָט ער מיט אַ פויסט געקלאַפּט זיך אין דער ברוסט.

„דאָס ווייס איך, דאָס ווייס איך", האָט אליעזר איבערגעחזרט אַ צופרידענער. „דאָס ירושלים איז קיין מאָל נישט חרוב געוואָרן. אייגנטלעך זוך איך דעם הר־הבית".

„דעם הר־הבית?" האָט דער ייִד איבערגעפרעגט. „מסתּמא מיינט איר די כּותל מערבֿי. דער הר־הבית איז נעבעך אין גלות בײַ די ישמעאֵלים. ער וועט אויסגעלייזט ווערן ווען משיח צדקנו וועט אַלע ייִדן אויסלייזן פון גלות. צו דער כּותל מערבֿי וועט איר זיך מטריח זײַן... באַלד... באַלד..." ער האָט זיך אַרומגעקוקט דאָ אויף דער זײַט און דאָ אויף דער צווייטער זײַט, און מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אין דער ריכטונג פון שער שכם: „גייט ליבערשט דאָרט אַרום, דורך דעם שער שכם. איר זענט מסתּמא אַ פרעמדער אויב איר קענט זיך נישט אויס אין ירושלים".

„ניין, פעטער, איך בין נישט קיין פרעמדער אין ירושלים", האָט אליעזר געזאָגט אין גאַנצן אַ באַרויִקטער. „אַז מען פאָרט אַוועק פון דער היים און מען קומט צוריק נאָך צענדליקער... נאָך... הונדערטער און ווער שמועסט נאָך נאָך טויזנטער יאָרן... ווער קען דערקענען די שטאָט, די גאַסן, די הײַזער און ווו אַלץ איז געווען?... ווער קען?"

דער ירושלימער האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף זײַנע ליפּן און פאַרזשמורענדיק די אויגן האָט ער אויף אליעזרן געקוקט מיט חשד:

„איר זענט טאַקע אַ ירושלמי?"

„אַ ירושלמי", האָט אליעזר באַשטעטיקט.

דער ירושלימער ייִד איז נישט געווען אין גאַנצן זיכער. מסתמא האָט דער פּרעמדער אַ סיבה נישט צו זאָגן דעם גאַנצן אמת וועגן זיך. און אויב מען זאָל טראַכטן פאַרקערט... דער ייִד האָט אויפגעהערט טראַכטן און געגעבן אליעזרן אַ באַרעכטיקונג:

„אויב יעדער ייִד איז געשטאַנען בײַם הר סיני בײַ מתן תורה, פאַר וואָס זאָלן אַלע ייִדן אויף גאָר דער וועלט נישט זײַן קיין ירושלמים?" ער האָט דער־לאַנגט אליעזרן אַ האַנט מיט ווײַכע פינגער און מיט דער צווייטער האַנט נאָך אַ מאָל אָנגעוויזן אין דער ריכטונג צו שער שכם: „פון יענעם טויער וועט איר אָנקומען צו דער הייליקייט".

דורך דעם שער שכם איז אליעזר אַרטאַפּאַנוס אַרײַן אין דעם געפּלאָנטער פון די געסלעך און לייקעס אין דער אַלטשטאָט. הײַזלעך אָנגעוואָרפן איינס אויף ס'אַנדערע, ווי די ענגשאַפט וואָלט זיי אַרויפגעשטופּט אין דער הויך. און אין דער ענגשאַפט — קירכעס און קלויסטערס מיט גלאָקן־טורעמס און אָן גלאָקן־טורעמס, ווי אויך אין דער הויך וואָלט געווען אָן ענגשאַפט ווי זי איז אין דער ברייט. די געטעסעטע שטיינער פונעם ברוק זענען גלאַנציקע, ווי דאָ וואָלטן אַלע געגאַנ־גען באָרוועס. נאָר אין אָט די קריסטלעכע געסלעך זעט מען קוים אַ מענטש. פאַר די וויניקע קראָמען זיצן אַלטע לײַט אויף נידעריקע טאַבורעטן און גלעטן מיט די פינגער גרויסע ברוינע און געלע קרעלן אויפגעצויגענע אין בײַטשלעך. דאַכט זיך, אַז אין די קראָמען פאַרקויפט מען גאָרנישט, נאָר די אַלטע לײַט וואַרטן אויף עפּעס וואָס דאַרף צו זיי דערגרייכן. אליעזר בלאָנדזשעט צווישן די געסלעך. ער פרעגט נישט מער בײַ קיינעם מיט וועלכן וועג צו גיין. ער איז באַהערשט פון אַן אויסערגעוויינטלעכער שלווה. פון אַ זײַטיק לייקל אײַלט אַרויס אַ געזעמל גלחים אין הויכע שוואַרצע צילינדערס אָן ראַנדן און אין לאַנגע שוואַרצע סוטאַנעס מיט ברייטע אַרבל. זיי שפּאַנען אַוועק אַזוי שטיל, אַז מען הערט בלויז דעם שאָרך פון זייער לבוש, אָבער נישט דעם קלאַפּ פון זייערע טריט. אין אַן אַנדער געסל באַגעגנט ער אַ גרופּע קלויסטער־ברידער אין ברוינע שווערע קליידער מיט ווײַסע נאַרטלען. זיי גייען הכנעהדיק, מיט די הענט אין די אַרבל און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ ווי אבלים. פּלוצים צעקלינגט זיך אַן איינצלנער שאַרפער גלאָק. ער קלינגט מיט אײַליקע קלאַנגען און הערט אויף מיט דער זעלבער פּלוצימדיקייט ווי ער האָט אָנגעהויבן. פון ערגעץ ווו דערטראָגט זיך צו אליעזרס נאָזלעכער דער ריח פון ברענענדיקע וואַקסענע ליכט און דאָס האַרץ הייבט אים אָן קלאַפּן העפטיקער פון דער היימישקייט פון דעם ריח. פון וואַנען? פון ווען? ער שטעלט זיך אָפּ צו פילן וואָס לענגער דעם וואַקס־ריח.

דער סקריפּ פון אַ שווערער אײַזערנער טיר באַפּוצט מיט גאָלדפאַרב וועקט איבער אליעזרן און ער אײַלט אַוועק מיט אַ געפיל ווי ער וואָלט אין דער רגע קעגן עמעצן באַגאַנגען אַן עוולה. קעגן וועמען? קעגן וואָס און פאַר וואָס? ער אײַלט מיט שנעלע טריט און פאַלט אַרײַן אין אַן אַנדער וועלט — אין געסלעך

פון טומל, פון ענגשאַפט און קרעמלעך. די קרעמלעך זענען צוזאַמענגעשטופט איינס נעבן אַנדערן, באַהאַנגען מיט פאַרביקע סחורות. אליעזר איז נישט משׂיג פון וואָס איז דער טומל, אויב די קרעמערס שטייען אָדער זיצן שווייַגנדיקע פאַר זייערע קראָמען און די קונים באַטאַפּן שטיל די סחורות נישט צו פרעגן זייער פּרייַז. באַלאָדענע אייזלען מיט אויסגעשטופּטע לאַסטזעק פון ביידע זייַטן שטייַגן אַרויף און שטייַגן אַראָפּ אין דער מיט פון די געסלעך. זיי גייען מיט פאַרמאַכטע אויגן. ס׳איז זיי אַלץ איינס וווהין די אַנטרייַבערס שטופן זיי מיט די שטויס־פלעקענער אין די הינטנס. איבער די קרעמלעך הייבן זיך אויף בלאָ־געפאַרבטע ווענט פון הייַזלעך, וואָס זענען אָנגעהויפט איינס איבער ס׳אַנדערע און ס׳דאַכט זיך, אַז גאָר אין דער הויך קומען זיי זיך צונויף. גאָט־דער־איינציקער ווייסט פון וואַנען עס קומט דאָס ביסל ליכט פאַר די געסלעך.

אין גאַנג קומט אים אָן אַנטקעגן דער ריח פון פלייש און פוילנדיקע קרייַטעכ־צער. ער איז אינעם געסל פונעם שפּייַזמאַרק, ווו דער ריח פון פלייש און פוילנ־דיקע קרייַטעכצער שלאָגט זיך מיט דעם ריח פון שאַרפע געווירצן. טשאַטעס פליגן פראַווען אַ זשומענדיקע שׂמחה אויף די זייַטלעך שעפּסנפלייש אַרויסגעהאָנ־גענע אויף שוואַרצע האָקנס נאָענט צו די נעז פון די קונים. עטלעכע הינט מיט די ווידלען צווישן די פיס יאָגן זיך נאָך אַ צויג, וואָס לויפט פאַרויס און זוכט אַן אַנטרינונג. אַ צעשראָקענע געלע קאַץ האָט זיך געדראַפּעט אויף אַ גלייַכער בלויער וואַנט, אַראָפּגעזאַרגעט און נעלם געוואָרן, ווי די ערד וואָלט זי אייַנגע־שלונגען. אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט צווישן קעסטלעך ציבל און באָנדזשינעס זיצט אויף די בלאָטיקע ברוקשטיינער אַ בלינדער בעטלער מיט אַ שטיק צעקנאָדערט געוואַנט אויפן קאָפּ. ער האַלט אויסגעשטרעקט אַ האַנט אין דער הויך און אויך דעם קאָפּ האַלט ער פאַרריסן אין דער הויך, ווי די נדבות וואָלטן צו אים געדאַרפט קומען פון אויבן.

פלוצים איז אויפגעגאַנגען אַ שאַרפער געציקלטער מיזרח־ניגון. ער איז גע־קומען פון ערגעץ־נישט, אָבער ער איז דערגאַנגען צו אליעזרן מיט אַזאַ שאַרפ־קייט ווי דער זינגער וואָלט דעם ניגון אַרייַנגעציקלט אין זייַן אויער.

ווי אומגעריכט עס האָבן זיך אָפּגעביטן די קירכן־געסלעך אויף די געסלעך און לייקעס פון קרעמערס און מאַרקשטייערס, אַזוי אומגעריכט איז אַרטאַפּאַנוס אַרייַן אין דעם שטח פון דער כּותל מערבֿי. ס׳האָט אים נאָך באַגלייט דער אָפּהילך פון דעם מיזרחדיקן ציקלדיקן געזאַנג, ס׳האָט אָבער נישט געשטערט דער פייַער־לעכער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אינעם זאַק־געסל לענגאויס דער כּותל. די גרויסע שטיינער־בלאָקן האָבן אויפן ערשטן בליק אויסגעזען צו אליעזרן ווי זיי וואָלטן געווען לעבעדיקע. אין זייער ברוין־גרינלעכער פּייַכטלעכקייט האָט זיך געשפּילט דער בלוי פון די ווענט פון די אַקעגן־איבערדיקע אַראַבישע אָנגע־גאָרנטע הייַזלעך. דער בלוי האָט זיך געוויגט איבער דער געקאָרבטער פאַטינע פון די שטיינער און זיי אָנגעפילט מיט אָטעם. די שטיינער האָבן אליעזרן גאָר־נישט דערמאָנט, דאָך אָנגעפילט אים מיט אַ לייַכטן ציטער ווי אויך ער וואָלט

באַוועגט געוואָרן פֿון דער לעבעדיקער פֿאַרבנשפּיל. אין דער פֿײַערלעכער שטיל־קייט האָבן דרײַ געשטאַלטן געקלעפּט צו די שטיינער־בלאָקן, אויך אַזעלכע שטי־לע, ווי זיי וואָלטן געווען אַ טייל פֿון דער כּותל. זיי האָבן קוים אַרויסגעוויזן אַ צייכן פֿון לעבן בעת זייערע שטילע אַרײַנזיפֿצענישן אין די שפּאַלטן צווישן די שטיינער־בלאָקן. צופֿוסנס דער וואַנט פֿון די אַראַבישע הײַזלעך, אויף די הוילע גלאַנציקע, געטעסעטע ברוקשטיינער איז מיטן פּנים צו דער כּותל געזעסן אַ מאַן — נישט יונג און נישט אַלט — ווי אַ סקולפּטור וואָס עלטערט זיך נישט. אויפֿן קאָפּ האָט דער מאַן געטראָגן אַן אויסטערלישן געלן טורבאַן, אַן ענלעכן צו דעם וואָס מען זעט אויף די בילדער פֿון שבתי צבֿי. דער מאַן האָט אין זײַן אומ־באַוועגלעכער אויסגעשטרעקטער האַנט געהאַלטן אַן אויפֿגעמישטן ספֿר. זײַנע אויגן — אומבאַוועגלעכע ווי זײַן אויסגעשטרעקטע האַנט — זענען געווען פֿאַר־קוקט אין דער הויך, צו די טונקל־גרינע קוסטן, וואָס וואַקסן אַרויס פֿון צווישן די שטיינער־בלאָקן. אליעזר האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, אפֿשר צו זען אין וואָס דער אומבאַוועגלעכער מאַן איז פֿאַרקוקט, און פֿון דאָרט איז געקומען דאָס מיזרח־דיקע געזאַנג — פֿון דעם הר־הבית. דאָס געציקלטע געזאַנג האָט אים מיט אַ ניגון קלאָר געמאַכט וואָס דער ירושלימער ייִד האָט אים פֿריִער געזאָגט, אַז דער הר־הבית איז אין גלות בײַ די ישמעאלים. ער האָט צוגעלענט די אויגן און זיך געזען אַ שטייענדיקן אויף אַ דאַך פֿון אַ הויז אויף דער אייבערשטער שטאָט. די זון איז שוין ווײַט געגאַנגען צו מערבֿ און איר ליכט באַלײַכט אויף מיזרח די טורעמלעך און קאַרניזן פֿונעם בית־המקדש, וואָס ליכטיקן אַריבער איבער דער שוצמויער, ווי זיי וואָלטן געווען נישט פֿון מירמלשטיין, נאָר פֿון געוואַשענער וואָל און גע־וועבטע פֿון די אײדעלע פֿינגער פֿון די ירושלימער טעכטער.

צוויי טעג האָט אליעזר אַרטאַפּאַנוס געזוכט דאָס ירושלים פֿון זײַן יוגנט, די שיינקייטן און איבערבלײַבענישן. ער האָט זיי נישט געפֿונען — נישט אין די קירכן־געסלעך, נישט אין די אַראַבישע געסלעך, נישט אין דעם ייִדישן שטאָט־פֿערטל און אויך נישט מחוץ דער מויער. ער האָט זיך געפֿילט ווי אַ מענטש וואָס קערט צוריק אין זײַן אַלטער היים נאָך לאַנגע יאָרן און ער דערזעט, אַז אין זײַן היים איז אַלץ אָרעמער, אײַנגעשרומפּן און קלענער געוואָרן — די שיינקייט פֿון זײַן היים איז פֿאַרזונקען אין אים, נאָר אין אים. און אַז מיט אַן אָוונט שפּעטער האָבן זיך אין דער אַלטשטאָט צעקלונגען די גלאָקן פֿון די קירכן־טורעמס, האָט זיך אין זײַן דמיון אויסגעמישט ירושלים מיט זײַן לעצטער היים — וואַרשע. אַ דריקנדיקע בענקשאַפֿט האָט אים געקלעמט צו אַלץ דעם וואָס איז מער נישטאָ.

אין דער אָוונטיקער טונקלקייט, בלויז בײַם ליכט פֿון די שטערן, האָט ער געזוכט אַ וועג אַרויף, אַרויף, איבער ירושלים, און ער האָט זיך אָפּגעפֿונען אויף דער מיזרחדיקער הויך פֿון הר־הזיתים. פֿון דאַנען האָט ער איבער דעם משופּע־דיקן בית־עלמין אַריבערגעקוקט צו דעם לעבעדיקן ירושלים, וואָס פֿון די ווייניק ליכטער האָט עס דערמאָנט אַ שטעטל, ווו די שלאָפֿנדיקע האָבן פֿאַרגעסן אויס־צולעשן דאָס ליכט. די קלעמענדיקע היים־בענקשאַפֿט האָט אים נישט אָפּגעלאָזט.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל און געזוכט זײַנע שטערן — „דעם קליינעם בער״. ער האָט די קאָנסטעלאַציע אָפּגעפונען און מיט אַ געפיל פון זעלבסט־טרייסטונג האָט ער מיט ד׳י אויגן געגישטערט אין דעם ליכט פון יעדן שטערן באַזונדער. פון צפון־מערב האָט געבלאָזן אַ מילדער ווינט און געבראַכט מיט זיך פון די שכנותדיקע ירושלימער בערג דעם ריח פון צימרינג און געלאָשענע פעלזן. ווי ער וואָלט געקומען צו זיך נאָך אַ לאַנגער חלשות האָט אליעזר אַרײַנגעאָטעמט אין זיך די קילע פרישקייט פונעם ווינט און אין זײַנע נאָזלעכער האָט ער דערפילט דעם ריח פון זײַן ירושלים. זײַנע שטערן זענען צעלויכטענע געהאָנגען איבער אים ווי גרין־זילבערדיקע לאַמפּיאָנען.

5

עטלעכע טעג פֿאַר דער סיני־אַקציע האָט ד״ר אליעזר אַרטאַפּאַנוס באַקומען אַ מאָביליזאַציע־רוף זיך צוצושטעלן אין שפּיטאָל אין רחובות. ער האָט אויף דעם רוף געוואַרט. אויך צו אים האָט זיך צוגעקלעפּט דער נײַער מלחמה־פֿיבער מיט אַן אויסטערלישער שטימונג ווי אַ פֿולע ליקוי־חמה וואָלט באַגלייט געוואָרן מיט אַ מיליטערשן מאַרש.

אין די קאַפֿע־הײַזער אויף דער דיזענגאָף־גאַס אין תל־אביב האָבן אָנזאָרגיקע פֿראַנצייזישע יונגעלײַט געזוכט פֿריילעכקייט. ייִדישע יונגעלײַט בײַ שכנותדיקע טישלעך אין די זעלבע קאַפֿעען האָבן נישט אויסבאַהאַלטן זייער פֿאַרלוירנקייט. ווידער מלחמה. נאָר דער אָנבליק פֿון דער גרויסער צאָל פֿראַנצייזישע יונגעלײַט האָט אין דער ערב־מלחמה אַרײַנגעבראַכט שאַנסאָן־אַרטיקע לײַכטקייט. דאָס מאָל וועלן אין דער מלחמה זײַן פֿראַנצייזישע און בריטישע שותּפֿים. די אָנזאָרגיקע פֿראַנצייזן, דערווײַל אין ציוויל־קליידונג, זענען מיליטערישע לופֿטפֿליִערס, וואָס זייערע באָמבאַרדירערס רוען אויף די מיליטערישע פֿליפֿעלדער אין דרום פֿון לאַנד. אויף דעם אינדזל ציפּערן זענען גרייט בריטישע מיליטערישע פֿליִערס. אַז עס וועט קומען דער באַפֿעל צו שטורעמען, וועלן די באָמבאַרדירערס פֿון ציפּערן און די פֿראַנצייזישע עראָפּלאַנען אין לאַנד זיך אַ לאָז טאָן צום סועץ־קאַנאַל צוריק־צונעמען פֿון מצרים דעם נאַציאָנאַליזירטן קאַנאַל און די ישׂראל־טאַנקען וועלן ראָלן צום ים־סוף פֿאַר אַ פֿרײַען וועג צו די דרומדיקע וואַרעמע אָקעאַנען...

ד״ר אליעזר איז אָנגעקומען אין שפּיטאָל אין רחובות מיט אַ שווער באַלאָדן געמיט. אַ פּלוצימדיקע מידקייט איז אים באַפֿאַלן, ווי דער בלײַ פֿון אַלע איבער־געלעבטע מלחמות וואָלט זיך געהאַט אָפּגעזעצט אין אים און געוואַרט אויף דער רגע צו לאָזן אים פֿילן. כאָטש אין דרויסן איז נאָך געווען הייס, האָט ער געפֿילט אַ קעלט אין די ענדגלידער. דאָס האַרץ האָט אים געקלעמט ווי עס געשעט ווען אַ מענטש ווערט באַנומען מיט אַ שלעכט פֿאָרגעפֿיל.

די איבערגעלעבטע עינויים אין אוישוויץ האָבן אין זײַן אײַנגעבוירענער פֿיל־באַרקייט צו מענטשלעכע לײַדן צוגעגעבן אַ באַזונדער שאַרפֿקייט, די שאַרפֿקייט וואָס אין אַ נישט־אין־גאַנצן־פֿאַרהיילטער ווונד, וואָס בײַם מינדסטן אָנריר מאַכט זי אויפֿשפּרינגען פֿון ווייטאָג. כאָטש פֿון דער אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה זענען געהאַט אָפּגעלאָפֿן זעקס־זיבן יאָר, האָט אַפֿילו בלויז זײַן אָנקומען אין שפּיטאָל

אויפגעוועקט אין אים די קוים־איינגעדרעמלטע קאַשמאַרן פון דעם טויטן־לאַגער אין בירקענאַו און מלחמה.

דעמאָלט, אין דער אומאָפהענגיקייטס־מלחמה, איז ער געווען דאָקטאָר אין דעם פעלדשפּיטאָל אין רמלה. אַהין זענען געבראַכט געוואָרן די פאַרוווּנדעטע און גע־פאַלענע פון דעם שחיטה־טאָל אין לטרון, אויפן וועג קיין ירושלים. יעדע נאַכט פלעגן צום פראָנט געבראַכט ווערן יונגעלייט, כמעט נאָך ייִנגלעך, אין האַלב־מיליטערישע און האַלב־ציווילע קליידער. זיי זענען געבראַכט געוואָרן פון די שיפן, ווער פון דעם לאַגער אין ציפּערן און ווער פון די לאַגערן אין דייטשלאַנד. ווייני־קע פון זיי האָבן דאָס לאַנד געזען אין טאָגליכט. די שיפן האָבן צוגעשלאָגן צו די ברעגן פון לאַנד אין דער פינצטערניש פון די נעכט און מיט לאַסטמאַשינען זענען די יונגעלייט אָנגעקומען צום פראָנט אין דער מיט נאַכט.

באַלד פון אָנהייב איז דאָס שלאַכטפעלד אינעם טאָל פון לטרון געוואָרן צו אַ שחיטה־טאָל. אין די נעכט איז די פראָנטליניע אָנטקעגן די בערג באַפעסטיקט געוואָרן מיט פרישע יונגע זעלנערישע כּוחות. איידער זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן צו די פראָנט־פּאָזיציעס האָט אַ מאַן מיט אַ הייזעריקלעך טרוקן קול אויפגעקלערט דעם ציל פון דער שלאַכט: דעראָבערן אַן אַנטקעגן־איבערדיקן באַרגרוקן, מיט אַ קלויסטער פון רעכטס, וואָס רופט זיך „דער קלויסטער פון די שווייגערס״, און לינקס־אַרויף מיט אַ פּאָליציי־פעסטונג, וואָס רופט זיך „טייגער״, דערמיט וועט דורכגעבראָכן ווערן דער וועג צו דער באַלאַגערטער ירושלים. קלאָר? קיינער האָט נישט געענטפערט.

די שטילקייט פון דער נאַכט, וואָס פלעגט פון צייט־צו־צייט אויפגעריסן ווערן פון אַ געוואַי פון שאַקאַלן, און די וויכטיקייט־מיסטעריע פון דעם „קלויסטער פון די שווייגערס״ און „טייגער״, און דער פּחד פאַר דעם אָנקומענדיקן טאָג, האָבן צוגענומען דאָס לשון פון די זעלנער ערב זייער ערשטער שלאַכט. אין דער פּייכ־טער קילקייט פון ערב־באַגינען האָבן די נאַכט־מידע און געשפּאַנטע זעלנער געוואַרט עס זאָלן זיך אָפּדעקן דער „קלויסטער פון די שווייגערס״ און דער „טיי־גער״, ווי בלויז צוליב דעם אַליין ליגן זיי דאָ אויפן פעלד, צווישן פעלזן...

אין יענע טעג פלעגט די זון אויפגיין אין טרויעריקער פייערלעכקייט. נישט ווי אינעם שטייגער פון ארץ־ישׂראל, ווו די נאַכט באַפאַלט און דערשטיקט דעם טאָג און דער טאָג שפּרינגט־אויף און וואַרפט פאַר זיך די צעגליטע זון — האָט דעמאָלט די זון זיך אַרויסגעשאַרט פון הינטער די בערג מיט אַן אָפּציִענדיקער געלאַסנקייט, און געלאַסן אָפּגעדעקט דעם הימל איבער לטרון, ווי דער הימל וואָלט געווען פאַרהאָנגען מיט אַ שווער געוואַנט, וואָס אַ נישט־געזעענער כּוח רוקט אַוועק. פון דעם נאַכט־פּייכטן טאָל האָט זיך אַ נעפּל געוואָלקנט אַרויפצו און זיך אויסגעוואָלקנט אין אַ טיול, וואָס האָט קוים דורכגעלאָזט די רויטלעכקייט פון דעם דאַך איבער דעם „קלויסטער פון די שווייגערס״. און נאָך איידער דער נעפּל האָט זיך אויסגעדריוולט האָט זיך פון דער באַרג־קייט געעפנט אַ פייער מיט פייפנדיקע און הוזשענדיקע קולות און מיט אַ ווילד געיאָמער. דער קלויסטער־דאַך האָט גע־

ברענט מיט בלוט און איבער דעם „טײַגער"־בלאָק האָט זיך אויפגעהויבן אַ שוואַר־צער רויכוואָלקן ווי פֿון אַ קראַטער. דאָס קרעכצן פֿון די פֿאַרוווּנדעטע אין טאָל איז אײַנגעזאַפּט געוואָרן אין דער ערד...

די פֿאַרוווּנדעטע און געפֿאַלענע זענען שפּעטער געבראַכט געוואָרן אין פֿעלד־שפּיטאָל אין רמלה. ד"ר אליעזר האָט זיך געפֿעדערט אַז וואָס מער פֿון די גע־בראַכטע זאָלן אַדורכגיין זײַנע הענט — סײַ די פֿאַרוווּנדעטע און סײַ די טויטע. ער האָט די פֿאַרוווּנדעטע אויפגענומען ווי אַלע וואָלטן זיי געווען זײַנע זין. און אַזוי האָט ער אויך צו זיי גערעדט און זיי געטרייסט און זיי אָנגערופֿן בײַ די נעמען פֿון זײַנע זין, די פֿעלנדיקע שטערן אין דער קאָנסטעלאַציע פֿון דעם „קליינעם בער":

„רפֿאל, זון מײַנער, ביסט אַ גראַטעוועטער, בלויז אַ קליינע קויל אין אָרעם... אַביגדורל, יאָ, אַזוי הייסטו, טײַערער זון? אָטעם מיט אַן אָפֿן מויל, אָטעם טיף, דער וויטיק זאָל זײַן שוואַכער... אָט אַזוי, ביסט אַ גוטער זון... הייסטו טאַקע אַביגדור, אָדער האָסט אַן אַנדער נאָמען?... צי בײַם ברית מיט גאָט, צי בײַם ברית מיט מענטש — אַ ייִד מוז בלוטיקן... אָט באַלד האָב איך די קויל אין מײַן האַנט... אַ קויל זאָל זיך פֿאַרקלײַבן אַזוי טיף!"

איז דאָך אויך דוד מאָביליזירט געוואָרן אין דער נײַער אַרמיי. זינט ער איז אַוועק פֿון דער היים האָט ער פֿון אים נישט געהערט. עס קען זײַן, אַז ער קעמפֿט ערגעץ ווו אין גליל, אָדער אין דרום. און עס קען זײַן, אַז אַ נאַכט פֿריִער איז ער געבראַכט געוואָרן צום פֿראָנט אין לטרון, וואָס ווערט נישט זאַט מיט קרבנות. זוכט ער, אליעזר, צווישן די פֿאַרוווּנדעטע און טויטע, וואָס זענען אויסגעלייגט אויף דער ערד אונטער אַ ריזיקן גרויען געצעלט מיט אָפּגעדעקטע פּאָלעס. קיין פּנימער אונטערשיידט מען נישט, ווי אַלע וואָלטן געווען פֿאַרמעקט מיט וויטאָג; ווי אַלע וואָלטן געווען איינער, וואָס די וויטאָגן כּפֿלען אים.

מיט געמאַכטער מיליטערישער טרוקנקייט האָט אליעזר נישט אויפגעהערט דערמאָנען די סאַניטאַרן:

„אַ נאָמען וויל איך וויסן! טויט אָדער לעבעדיק — זאָל מיר זײַן דאָס בלעכל, אַ שטיקל פּאַפּיר, אַ בריוול!" אַליין האָט ער בײַ די פֿאַרוווּנדעטע געזוכט די האַלדז־בלעכלעך און געגרימט אויף זיך אַליין הלמאי זיי זענען געקומען צום פֿראָנט ווי אַנאָנימע, אַפֿילו אָן אַ נומער־בלעכל, ווי ער גופֿא וואָלט אין דעם אַלעם געווען שולדיק.

כאָטש אַליין איבערגעגעבן מיט אַלע זײַערע כּוחות, האָבן דאָקטוירים־קאָלעגן אין פֿעלדשפּיטאָל געקוקט אויף אליעזרן ווי ער וואָלט געווען אַ באַנומענער. ער שלאָפֿט נישט כּמעט. אָט פֿאַרשווינדט ער אויף אַ שטיקל צײַט און באַלד לויפֿט ער אָן צוריק ווי ער וואָלט עפּעס גאָר וויכטיקס פֿאַרשפּעטיקט. די פֿאַרוווּנדעטע פֿון דער נאַכט זענען שוין אַוועקגעפֿירט געוואָרן אין די שפּיטעלער. די טויטע זענען אַוועקגענומען געוואָרן צו באַערדיקן. אָבער ער, ד"ר אַרטאַפּאַנוס, שמײַעט נאָך אַרום אין דעם פֿעלדשפּיטאָל, ווי ער וואָלט געהאַט פֿולע הענט מיט אַרבעט.

ער זוכט אין זײַנע אייגענע טאַשן פֿון דעם ווײַסן כאַלאַט די צעטעלעך און בריוועלעך, וואָס ער האָט נישט געפֿונען בײַ די געבראַכטע פֿון שחיטה־טאָל. צווישן זיך האָבן די דאָקטוירים־קאָלעגן געשמועסט, אַז אַלע די וואָס זענען ניצול געוואָרן פֿון די גאַזקאַמערן און קרעמאַטאָריעס אין פּוילן זענען גײַסטיק נישט מיט אַלעמען. צו יעדן איינעם האָט זיך צוגעטשעפּעט אַן אַנדער מאַנקאָליע. די מאַנקאָליע פֿון אליעזר אַרטאָפּאַנוס איז צו זוכן נעמען. און אַלע מאָל מיט דעם זעלבן רעפֿריין: „אַביגדור, רפאל, דוד און פֿון די אָבות — אברהם, יצחק און יעקב".

נאָך אַ טאָג פֿון אַרײַנקוקן אין דעם צעריסענעם לײַב פֿון יונגע מענטשן, פֿלעגט אליעזר אַראָפּציִען פֿון זיך דעם בלוט־פֿאַרפֿלעקטן כאַלאַט און זיך אומזיסט באַמיט זיך אויסטאָן פֿון דעם פֿעלדשפּיטאָל. די יונגע מיט ווײַטאָג פֿאַרביטערטע פּנימער פֿון די פֿאַרוווּנדעטע און די פֿאַרווישטע פּנימער פֿון די געפֿאַלענע האָבן זיך פֿאַרפֿלייצט אין אים. כאָטש ער איז געווען אײַנקוואַרטירט אין אַ נאָך־אַראַביש הויז דערווײַטערט פֿונעם שפּיטאָל, איז אין דעם הויז געשטאַנען דער ריח פֿון בלוטנדיקן לײַב געמישט מיט דעם ריח פֿון פֿאַרלאָזנקייט. האָט ער אויסגעשפּרייט אַ גרויע זעלנערישע דעק אויפֿן פֿאַרשמוצטן און פֿאַרעיפּושטן הויף, און ליגנדיק מיט די אויגן צום הימל האָט ער געוואַרט אויף דעם אָנקום פֿון דער טונקלקייט, וואָס זאָל אָפּדעקן די שטערן. פֿאַר זיך אַליין האָט ער נישט געוואָלט מודה זײַן, אַז זײַן כּוונה פֿון לייגן זיך אין דרויסן אויף דער האַרטער אויסגעקוואַרטער ערד, צווישן ברוך פֿון ערדענע טעפּ און אײַזנוואַרג, איז נישט אַזוי פֿאַר דעם פֿרײַען אָטעם, וואָס ער האָט געזוכט נאָך דעם טאָג פֿון שפּאַנונג, נישט אַזוי מחמת דעם ריח פֿון בלוט און פֿאַרלאָזנקייט אין דעם הויז, נאָר כּדי צו האָבן פֿאַר זיך דעם אָפֿענעם הימל.

דער הימל האָט געשפּילט מיט אים. אָט האָט ער זיך פֿאַרשטעלט מיט נעפּל, וואָס האָט זיך געקנוילט פֿון דער ערד ווי דער רויך פֿון אַ צווײַגן־שײַטער, און אָט האָט ער זיך פֿאַרדעקט מיט אַ זאַמדוואָלקן געבראַכט פֿון דעם ווײַטן מדבר. אין אַזעלכע שעהען איז אליעזרס נישטערן מיט די אויגן צווישן נעפּל, אָדער וואָלקן, געווען ענלעך צו איינעם וואָס נישטערט אויף אַ פֿעלד צווישן געדיכטע גראָזן און אומקרויט, כּדי אָפּצוגעפֿינען אַ פֿאַרלוירן צירונג.

אין סך־הכּל פֿון דעם טאָג האָט ער געזוכט דעם אָנהאַלט פֿאַר זײַן האָפֿענונג — די שטערן פֿון דעם „קליינעם בער".

נאָך דעם ערשטן פֿײַער־איבעררײַס, ווען דוד האָט צוריקגעקערט אַהיים אַ געזונטער, אַן אויסגעמאָגערטער און זון־פֿאַרברענטער, ווי אַ שטיק אויסגעהאַמערטער קופּער, האָט אליעזר זיך געפֿרייט ווי אַלע זײַנע האָפֿענונגען וואָלטן מקוים געוואָרן.

מיט זײַן אָנקומען אין שפּיטאָל אין רחובות האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער חלומט אַ קאָשמאַרן חלום, נאָר דער חלום איז וואָר. ער איז צוריק אין דער

אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה. דוד איז צוריק מאָביליזירט געוואָרן און ער איז אַוועק פון שטוב מיט ביטערניש. מיט אַ יאָר פריִער האָט ער זיך געקליבן אַוועקפאָרן פון לאַנד, כּדי — ווי ער האָט געזאָגט — פאַרלוירן צו ווערן צווישן גוייִם, אויב דער קלויסטער, ווו ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה אין פּוילן, האָט מיט שמד אים אַרײַנגענומען צווישן די גוייִם. דער פּאָטער האָט אים אָפּגערעדט:

„דער גורל איז ווי דער שאָטן פונעם מענטש. ער באַגלייט דיך אומעטום. וועסט פון אים נישט אַנטלויפן".

„אויב דער גורל איז סײַ ווי אַ ביטערער, זאָל ער מיך באַגלייטן צווישן גוייִם און מיר פאַרשפּאָרן מײַנע טענות דאָ אין לאַנד".

דער פּאָטער האָט פאַרבויגן זײַן שטאָלץ און געזאָגט צו דודן, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געזאָגט:

„איך פיל, אַז איך ווער אַלט, מײַן ווידערשטאַנדהאַפטיקייט איז שוין מער נישט די, וואָס איך האָב אַלע מאָל געהאַט. וועסטו מיך איבערלאָזן אַליין ווען איך האָב נישט מער ווי דיך?"

דוד האָט געשוויגן, און ווי אליעזר וואָלט פאַרשטאַנען דעם מיין פון זײַן שווײַגן, האָט ער זיך באַוואָרנט:

„נאָר זאָלסט מיר קיין מאָל נישט פאַרוואַרפן, אַז דו בלײַבסט אין לאַנד פאַר מײַנעטוועגן. דו בלײַבסט פאַר דײַנעטוועגן!"

„יאָ, פּאָטער", האָט דוד צוגעשטימט ווי ער וואָלט געווען אַ ייִנגל.

נאָך דעם האָט אליעזר געטראַכט, אַז אייגנטלעך האָט ער נישט געדאַרפט אים אָפּרעדן פון פאַרלאָזן דאָס לאַנד. די יאָרן אין ארץ־ישׂראל האָבן נישט שוואַכער געמאַכט די ביטערניש, מיט וועלכער ער, דוד, האָט זיך אָנגעזאַפּט אין די מלחמה־יאָרן אין פּוילן. כּאָטש כּלפּי דעם פּאָטער האָט ער זיך געקלאַמערט אין זײַן גוייִש־קייט, האָט ער אין דער אמתן אין גאָרנישט געגלויבט. איצט, ווען ער האָט באַקומען דעם מאָביליזאַציע־רוף, האָט ער זיך נישט געקענט אָפּהאַלטן פון אויסברוך:

„וואָס ווילן זיי פון דעם גוי? אין וויפל מלחמות דאַרף איך עס קעמפן, אויב איך האָב נישט מער פאַר וואָס און פאַר ווענען צו קעמפן? אין ערגעץ נישט! אין ערגעץ נישט!"

„ס'איז די זעלבע מלחמה", האָט אליעזר געלאַסן געזאָגט. „זי האָט זיך אָנגע־הויבן אין יאָר נײַנצן נײַן און דרײַסיק און זי ענדיקט זיך נישט. מיר זענען אַזוי שטאַרק געשלאָגן, אַז ווער ווייסט, צי זי וועט זיך ענדיקן אַפילו אין צוואַנציק צי אין דרײַסיק יאָר אַרום. און וואָס שײַך דעם ,פאַרוואָס' — קעמף פאַר זיך, יונגער מענטש! דוד, דו ביסט מײַן זון, קעמף פאַר זיך! צי איז דאָס ביסל טויף־וואַסער אין קלויסטער געווען וויטריאָל, וואָס האָט אויסגעברענט אין דיר אַזאַ טיפע וווּנד, אַז זי קען זיך נישט פאַרהיילן?"

„זעסט נישט, פּאָטער, אַז איך בין די וווּנד אַליין?!" האָט דוד אויסגערופן מיט אַ געבראָכן קול. „ווײַל איך בין דײַן זון גיב איך זיך אָפּ אַ חשבון, אַז איך בין די וווּנד פון דעם וואָס איז געשען. אַלע געטער און שטותערײַען זענען מיר

דערווידער. דײַן גאָט איז נישט בעסער פֿון מײַנעם. צי האָסטו מיר נישט געלערנט, אַז ייִדן זענען אַ בעסער פֿאָלק פֿון אַנדערע? איך האָב עס געוואָלט פֿילן, לכל־הפּחות זען, אַז ס'איז בעסער, כּדי צו האָבן אַן אָנלען. זעסטו, אַז ווען מיר קומען צו נסיונות פֿאַלט אַוועק דײַן אײַנרעדעניש. מיר זענען געגנוי אַזעלכע ווי די אַנדערע".

„האָסט נאָך גאָרנישט געזען", האָט דער פֿאָטער געזאָגט מיט רחמנות. „יונגע מענטשן זענען הייס געבאָדן. דווקא יונגע מענטשן, וואָס האָבן אַ סך צײַט, האָבן נישט קיין געדולד. האָב געדולד, דוד!"

פֿאַרן אַוועקגיין האָט דוד געזוכט אַ געלעגנהייט ווי צו טאָן דעם פֿאָטער, כּדי באַלד דערויף חרטה צו האָבן, און ער האָט געזאָגט מיט סאַרקאַזם:

„מיך, פֿאָטער, דאַרפֿסטו נישט באַשולדיקן אין נישט האָבן קיין געדולד. איך בין געבליבן אין לאַנד, כּדי צו וואַרטן מיט געדולד און דערלעבן, אַז צוזאַמען מיט די פּאַרהאַסטע בריטן פֿון נעכטן און צוזאַמען מיט די פֿראַנצויזן זאָלן מיר אָנהייבן אַ בשותּפֿותדיקע מלחמה. דו ביסט אַוודאי ווי אַנדערע דאָ שטאָלץ דער־מיט, וואָס מיר זענען געוואָרן אַ פֿאָלק מיט פֿעלקער גלײַך, און איך דײַן זון, דער גוי, גיי צוזאַמען מיט אַנדערע גויים אין אַ פֿרייליכער מלחמה!"

דער פֿאָטער האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט געקענט זײַן זון, און דוד איז דער איינציקער אָפּגעראַטעוועטער שטערן פֿון זײַן אַמאָליקער משפּחה־קאָנסטע־לאַציע. איצט גייט ער אויף ס'נײַ אין אַ מלחמה, די דריטע מלחמה אין זײַן יונג לעבן. ער האָט געקוקט אויף די גרויסע, גרוי־געוואָרענע זעלנערישע שיך, אויף דעם רעזערוויסטן־זעקל, און פֿאַרטריבן פֿון זיך די מחשבה, וואָס איז אים דורכ־געלאָפֿן אין מוח: „גאָט ווייסט דעם וועג, מיט וועלכן די שיך וועלן אים פֿירן".

פֿאָטער און זון האָבן זיך אַרומגענומען. דער פֿאָטער האָט דעם זון אײַנגע־רוימט אין אויער:

„זײַ פֿאָרזיכטיק, דוד".

און דער זון האָט דעם פֿאָטער אַרײַנגעקוקט אין פּנים:

„פֿון וואַנען נעמט זיך צו דיר אַזאַ שטאַרקע אמונה, פֿאָטער?"

זיי האָבן זיך צעשיידט — דער זון צום פֿראָנט און דער פֿאָטער צום שפּיטאָל, צו היילן די וווּנדן פֿון די, וואָס וועלן די וווּנדן באַקומען אויפֿן פֿראָנט.

אין שפּיטאָל אין רחובות זענען געמאַכט געוואָרן צוגרייטונגען צו אַ שווערער מלחמה. די צאָל בעטן איז פֿאַרגרעסערט געוואָרן. טייל קראַנקע זענען אַהיימ־געשיקט געוואָרן, כּדי עס זאָלן זײַן גענוג פּלעצער פֿאַר די, וועלכע וועלן גע־בראַכט ווערן פֿונעם פֿראָנט. פֿון די אַרומשוועבנדיקע און מיט עפּעס פֿאַרטועגע קראַנקן־שוועסטערס אין די ווײַסע כאַלאַטן און הויבן האָט זיך געטראָגן אַן אַרויס־רופֿערישער ווײַבלעכער רייץ. אויף זייערע פּנימער איז געלעגן די בלייכקייט פֿון חופּה־כּלות אין דערוואַרטונג. אַ סימן — מלחמה. האָט ד"ר אליעזר געטראַכט, און

אויף זיך אַליין געפילט די געשטאַרקטקייט צו וועלן לעבן. פּלוצים האָט ער זיך אויסגעלייטערט. ער האָט געהאַט דאָס באַוווסטזיין, אַז עס איז די אייביקע מיס־טעריע־שפּיל פון ווייב און מלחמה, דאָך האָט ער זיך אונטערגעגעבן דעם באַרויש. ער האָט אין זיך גופא אַריינגעשמייכלט.

הגם די צוגרייטונגען אין שפּיטאָל זענען געווען צו מלחמה, האָט דאָ געהערשט אַן ערב־פייערלעכקייט. עמעצער האָט געוווסט צו פאַרזיכערן, אַז דאָס מאָל וועט די מלחמה זיין אַ קורצע און די לעצטע מלחמה. די ישׂראל־אַרמיי וועט פאַרנעמען דעם סיני מיט דעם גאַנצן ברעג לענגאויס דער אילת־בוכטע; די ענגלענדער און די פראַנצייזן וועלן באַזעצן די שטעט לענגאויס דעם סועץ־קאַנאַל און אַלע מלח־מות פאַר דער יידישער מדינה וועלן זיין פאַרענדיקט אויף אַלע מאָל.

אליעזר האָט געטראַכט וועגן דודן. אויב די מלחמה וועט זיין אַ קורצע און די לעצטע, וועט ער שנעל צוריקקומען און געפינען אַ ווייב. ער וועט אים אויספילן די ליידיקייט מיט אייניקלעך. אפשר וועט ער פאַרכאַפּט ווערן פון איינער פון די שוועסטער, אפשר גאָר פון דער וואָס הערט נישט אויף צו זיין טיכטיק און שמייכלט אַנטקעגן יעדן מאַן מיט אירע קעציש־גרויע תאווה־אויגן: „אַ יאָ, דו ווילסט מיך באַשלאָפן?" ער האָט געהערט איר נאָמען: יוכבד. אַזאַ שוועסטער איז אַ גייענדיקע רפואה פאַר יעדן פאַרוווּנדעטן זעלנער. ווען דוד וואָלט דאָ איצט געווען אַ געזונטער!...

נאָך איידער דער ראַדיאָ האָט געגעבן צו וויסן, אַז די מלחמה האָט אויסגע־בראָכן, האָט אַ ווייטער פעלד־טעלעפאָן מיט אַ מאַט קול געמאָלדן, דער שפּיטאָל אין רחובות זאָל זיין גרייט אויפצונעמען פינף שווער פאַרוווּנדעטע מיליטער־לייט. „עבור!" דאָס קול האָט זיך אָפּגעבראָכן, כדי באַלד ווידער אַריינצוקלינגען און מעלדן אַזוי ווי די ערשטע מעלדונג וואָלט נישט געווען: „רחובות? פינף שווער פאַרוווּנדעטע. נויטיק גרייטקייט פון דער כירורגישער אָפּטיילונג. עבור!" עס איז געקומען אַ נאָכקלונג, אָבער נישט מער דאָס מאַטע קול. ד"ר אַרטאַפּאַנוס איז צוריק געוואָרן אומרויק. די קאַלטקייט אין די ענדגלידער האָט צוריקגעקערט. ער האָט געטראַכט וועגן דודן. ווו געפינט ער זיך איצט? ער וואָלט געדאַרפט פרעגן פון וואַנען עס איז געווען דער טעלעפאָן. ניין, ער וועט נישט פרעגן! ס'איז נישט בלויז זיין מלחמה. אָט זענען פינף פאַרוווּנדעטע. פינף דודס... טראַפּנס קאַלטע אַנגסטן האָבן זיך אַרויסגעזעצט אויף זיין שטערן.

דער מיליטערישער אַמבולאַנס איז אָנגעקומען אין אָוונט. ד"ר אליעזר איז שוין דעמאָלט געווען אויסער זיין דיזשור. ער האָט געוואָלט זיין ביים אָפּערירן די פאַרוווּנדעטע און דאָך זיך אָפּגעהאַלטן. ער האָט געטראַכט, אַז אייגנטלעך איז ער געווען גערעכט ווען ער האָט געהאַט אויסגעטאָן דאָס שעם־היטל און געזאָגט צו דודן, אַז ער ווערט אַלט און ער האָט נישט מער די שטאַנדהאַפטיקייט וואָס ער האָט געהאַט אַ מאָל. אין דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, אין רמלה, האָט ער גע־האַט כוח צו זוכן אין יעדן פאַרוווּנדעטן זיין זון דוד, אָדער אפשר אַן אַנדער זון. איצט, מיט אַכט יאָר שפּעטער, האַלט אים אָפּ אַן אומזיכערקייט צו גיין זען ווי

אַזוי די געבראַכטע זעלבער זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן און ווער זיי זענען. האָט ער אין זײַן צימער זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט, אין די קליידער, און זיך פאַר־נומען לייענען אַ בוך.

דאָס עלעקטרישע ליכט בײַ זײַן בעט האָט צוגעצויגן מאָסקיטן, וואָס האָבן אים געזשומעט אין די אויערן מיט פּלוצימע אַנפֿליִען און אים פאַרווישט די כּוונה צו לייענען. ער האָט סײַ ווי די כּוונה נישט געהאַט. ער האָט די ווערטער און שורות אינעם בוך געזען מיט די אויגן, דאָך זענען זיי נישט דערגאַנגען צו אים. ער האָט געפּרוּווט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל און נישט געפילט דעם מינדסטן טעם פון די ווערטער. אין דער מלחמה מיט די זלידנע מאָסקיטן און מיט די אָנ־טעמיקע ווערטער אין די שורות פונעם בוך, איז ער באַזיגט געוואָרן און אײַנגע־שלאָפן מיט דעם בוך אין דער האַנט. אויפגעוועקט האָט אים די פאַרטאָגיקע פּײַכטע קילקייט. ער איז אויפגעקומען אַ צעביסענער פון די אינזעקטן בעת זײַנע גלידער זענען נאָך געשלאָפן. אינעם שפּיגל איבער דער וואַש־שיסל האָט ער זײַן אייגן פּנים נישט דערקענט. ער האָט זיך געזען אויסטערליש נישט ער, מיט אַ פּנים צעביסן פון מאָסקיטן און באַוואַקסן, ווי ער וואָלט עטלעכע טעג זיך נישט ראַזירט. האָט ער אַראָפּגעוואָרפן די קליידער ביז אין דער העלפט און אונטער־געשטעלט דעם קאָפּ אונטער אַ שטראָם קאַלט וואַסער. בײַם ראַזירן זיך האָט ער זיך צעבלוטיקט און אַ טראָפּן אַראָפּגערונען בלוט האָט אים דערמאָנט די פאַרוווּנ־דעטע. די דערמאָנונג האָט אים געמאַכט אומרויִק. ער האָט מער נישט געהאַט קיין געדולד צו טאָמען דאָס בלוט אויפן פּנים, און אַוועקוואַרפנדיק דעם פאַר־פלעקטן האַנטעך האָט ער זיך געלאָזט גיין צו דער כירורגישער אָפּטיילונג.

ער האָט באַגעגנט די שוועסטער יוכבד.

„איר האָט זיך צעשניטן דאָס פּנים", האָט זי באַמערקט. ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג פון ביטול און אַ קוק געטאָן אויף איר פּנים. זי איז געווען בלייך און מיד פון דעם נאַכטיקן דיזשור, נאָר אויסגעזען האָט זי ווי זי וואָלט געווען אויס־געמאַטערט פון גוזמהדיקע געשלעכטלעכע באַציִונגען. זי האָט נישט אויסגעהאַלטן זײַן בליק און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

„וואָס איז מיט די פאַרוווּנדעטע?" האָט ער געפרעגט.

„ערשט מיט אַ שעה צוריק אַראָפּגענומען דעם לעצטן פון אָפּעראַציע־טיש. שווערע פאַלן. אַלע זענען אין קאָמאַ". זי איז געגאַנגען פאָרויס און ד"ר אליעזר נאָך איר. צוליב עפּעס האָט ער באַקומען רחמנות אויף דער יונגער שוועסטער. דאָס האַרץ האָט אים געקלעמט. אין דעם צימער, ווו די אָפּערירטע קומען צו זיך, איז געווען אויסטערליש און אומהיימלעך לער, כאָטש אין פינף בעטן זענען גע־לעגן גרויסע קוקלעס פון מאַרלע מיט פאַרהאַנגענע אין דער לופטן פיס און הענט. אין די אין מאַרלע אײַנגעוויקלטע פּנימער פון די קוקלעס שטעקן רערלעך מיט זויערשטאָף און אויף הענגערס בולבען אינפוזיעס. אין צימער הויערט די שטיל־קייט. ד"ר אליעזר רירט אָן אַ קאַבעל, אויף וועלכן עס איז פאַרהאַנגען אַ דיקער

מאַרלע־פּוס, ווי פון אַ שניי־מענטש, און ער כאַפּט צוריק די האַנט ווי ער וואָלט זיך אָפּגעבריט.

יוכבד רייַסט איבער די שטילקייט:

„אַ דזשיפּ איז אַרויף אויף אַ וועגמינע נעבן רפיח. זעט אויס אַ קאָמאַנדאַ. אויסער די פינף פאַרוווּנדעטע איז איינער געפאַלן אויפן פּלאַץ".

ווי ער וואָלט נישט געהערט דאָס געזאָגטע האָט אליעזר אויסגעצויגן די האַנט צום בעט־אָנלען נעבן וועלכן ער איז געשטאַנען, כּדי צו זען די ביולעטין־קאַרטע.

„אפשר מאַכן אַ שטאַרקע קאַווע?" האָט יוכבד פּלוצים געפרעגט. „דער דאָק־טאָר זעט אויס ווי ער וואָלט נישט גענוג געשלאָפן".

„אַן אויסגעצייכנטע אידעע", האָט אליעזר זיך אויפגעכאַפּט און אַוועקגענומען די האַנט פון דעם ביולעטין־רעמל, „האָסט אַ סך אַזעלכע גוטע אידעען? איך דאַרף זיי נויטיק!"

„מעגלעך, אַז זיי קומען לויט דער ריי ווי זיי זענען נויטיק", האָט יוכבד גע־שמייכלט מיט אַ מידן שמייכל און אָפּגעדעקט ווייַסע ציין מיט רויטע פלעקן פון ליפּנפאַרב.

„איז וואָס וועגן פּטור ווערן פון מלחמות? האָט אליעזר געוואָלט וויסן און אָנגערירט יוכבדס אָרעם, זי זאָל גיין פאָרויס.

„דאָס דאַרפסט איר פרעגן בייַ בן־גוריונען און נישט בייַ אַ קראַנקן־שוועס־טער", האָט יוכבד אַרויפגעקוקט צו אים, ווי זי וואָלט געזוכט אַ קאָמפּלימענט פאַר דעם געזאָגטן.

ערשט בייַם דערלאַנגען אים אַ שמעקעדיקע קאַווע, האָט יוכבד געזאָגט וואָס זי האָט פריִער געוואָלט זאָגן:

„מען וועט נישט פּטור ווערן פון מלחמות אַזוי לאַנג ווי מענער וועלן אָנפירן מיט מדינות".

„זייער שיין געזאָגט", האָט אליעזר אַ שמעק געטאָן צו דער הייסער קאַווע, „נאָר עס וועט העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס, טאָכטער זיסע. דאָס איינציקע וואָס איז גוט וואָס פרויען פירן נישט אָן מיט מדינות איז די אילוזיע, אַז זיי וואָלטן געשאַפן אַ בעסערע וועלט". ער האָט געלאָסן פאַרשאַרצט דעם אָרבל פון זייַן ווייַסן כאַלאַט און איר געוויזן דעם גראָ־בלוילעכן אויסטאַטויִרטן נומער אויף זייַן אָרעם: „זעסט, טאָכטער, דאָס איז אַ מתנה פון אוישוויץ. אין דעם לאַגער פאַר פרויען, אין בירקענאַו, האָבן געהערשט פרויען. לאַגער־פירערינס און קאַפּאָס פרויען. אויב אַזעלכע פרויען וואָלטן געפירט מדינות, אָדער וואָלטן געווען מלחמה־קאָמאַנדירן..."

ער האָט נישט פאַרענדיקט. ער האָט אַ זופּ געטאָן פון דער קאַווע און אַ פּעטשל געטאָן יוכבדן אין אָרעם:

„גאָטס געטראַנק... איידער גאָט האָט באַשאַפן די וועלט האָט ער מסתּמא אויסגעטרונקען אַזאַ שמעקעדיקע און שטאַרקע קאַווע... ווען ענדיקסטו דייַן די־

זשור? דאַרפסט זיך אויסשלאָפן און אָפּהיטן דײַן שיינקייט. דו ביסט די בעסטע רפואה פאַר פאַרוואונדעטע זעלנער!"

„און פאַר געזונטע נישט?" האָט זיך ביי איר אַרויסגעכאַפּט און איר בלייך פּנים האָט זיך שטאַרק פאַררויטלט.

ד"ר אליעזר האָט געלאַכט:

„דאַרפסט קענען מײַן דודן! איך וועל אײַך באַקענען. אַ טײַערער יונגערמאַן, אַ גוטע נשמה. איך בין זיכער ער וועט דיר געפעלן... נאָר ביז דעמאָלט דאַרפסטו זײַן אַ רפואה פאַר די, וועלכע מען ברענגט אַהער פון פראָנט".

כּהרף־עין האָט זיך דער שמייכל אויף יוכבדס פּנים געביטן, און אָנוויַיזנדיק מיט אַ באַוועגונג מיטן קאָפּ אויף דעם קאָרידאָר, האָט זי שטיל געזאָגט:

„יענע דאָרט וואָלטן אַפילו פון בריזשיט באַרדאָ נישט געטרייסט געוואָרן".

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ שטילער און רויקער. טאָמער וואָלט דער ראַדיאָ נישט געהויערט אַזוי אָפט וועגן דער מלחמה אין סיני און אַז די ישׂראל־טאַנקן אײַלן פאָרויס אָן ווידערשטאַנד, וואָלט מען אין שפּיטאָל נישט געוווסט, אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן. די קאַמף־עראָפּלאַנען, וואָס האָבן מיט רוישיקן אימפּעט זיך אויפגעהויבן פון דעם נאָענטן מיליטערישן פליפעלד און זיך געלאָזט אויף דרום, זענען אויך נישט געווען קיין באַווײַז פאַר מלחמה. יעדן טאָג פון אַ גאַנץ יאָר הייבן זיך דאָ אויף מיליטערישע עראָפּלאַנען צו זייערע איבונגס־פליִען. האָט דער שפּיטאָל אין רחובות געדרימלט.

ד"ר אליעזר אַרטאָפּאַנוס איז שוין געווען אַרײַנגעצויגן אין לייענען דאָס בוך, וואָס ער האָט אָנגעהויבן דעם אָוונט פריִער. דאָך ווי אַ רעפלעקס פון דעם נעכטיקן אָוונט האָט ער פון צײַט צו צײַט בײַם לייענען געגעבן זיך אַ קראַץ דאָ אין אָן אויער דאָ אין אַ באַק, אין אַ צוגעדעקטן פוס, ווי ער וואָלט געשטערט געוואָרן פון אַ מאָסקיט. בײַם אָפּרײַסן זיך אַ רגע פון לייענען האָט ער אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער צום גרין־באַגראָזטן פליין. די שוועסטער און די דאָקטוירים אין זייערע ווײַסע כאַלאַטן האָבן צוליב עפּעס, אָדער גאָר אָן אַ סיבה, דאָ זיך אײַנגעזאַמלט אויפן גרינעם גראָז, און דאָ זיך פונאַנדערגעגאַנגען. אין די אויגן פון אליעזרן האָבן זיי אויסגעזען ווי ווײַסע גענדז, וואָס אָט לויפן זיי זיך צוזאַמען אין אַ סטאַדע און מתּוך אַ סיבה, וואָס נאָר זיי אַליין וויסן, קאַטשען זיי זיך אַוועק יעדע באַזונ־דער. ער האָט פאַרמאַכט דאָס בוך מיט אַ פינגער צווישן די געלייענטע זײַטן און זיך אָוועקגעלאָזט מיט זײַנע מחשבות:

צי זענען די מענטשלעכע מעשׂים דורכגעטראַכטע, באַוווסטזיניקע, אָדער אפשר זענען זיי אַזעלכע ספּאָנטאַנע ווי עס איז דער אָנלויף פון אַ וואָלקן, צי פון אַ זאַמדשטורעם אין דער מדבר? דאַכט זיך, קיינער וויל נישט מלחמה, דאָך ברעכט זי אויס קעגן יעדנס פאַרנונפט. די וועלכע שטויסן צו מלחמות וויסן פון פאָרויס, אַז אויסער צו מענטשלעכע לײַדן און חורבן וועלן זיי צו מער גאָרנישט דערפירן. דאָך נעמט נישט קיין סוף צו די מלחמות. מער פון אַלע וויסן דעם סוד יידן. ווי קרבנות אין אַלע מלחמות האָבן זיי געלערנט די אײַטלקייט און דעם אומזין פון

מלחמות. קיין שום פאָלק ווערט נישט רײַכער, אָדער גליקלעכער פון אַ מלחמה, פון דעסטוועגן ברעכן אויס מלחמות מיט דער זעלבער ווילדער ספּאָנטאַנישקייט ווי פאַרפּלייצונג, ווי ערדציטערניש. צי גייען ייִדן אין זייער באַנײַטער מדינה דעם זעלבן וועג, וואָס אַלע פעלקער? צי האָבן די נײַע ייִדישע פירערס פאַרגעסן, אַז מלחמות זענען געווען דער גורם פון אומקום פון דער ייִדישער מלוכה אַמאָל, דאָ, אין דעם זעלבן לאַנד? יונגע מענטשן לערנען נישט פון דעם אַנגעזאַמלטן נסיון. אַלע נסיונות מוזן זיי אַליין דורכגיין כּדי צו לערנען. „דוד. ווען ער וואָלט געוואָלט לערנען פון מײַנע נסיונות, אַ, וויפל לײַדן ער וואָלט פאַרמיטן!"

פון ערגעץ אַ ווײַטן אָפּענעם פּענצטער האָט דער ראַדיאָ סיגנאַליזירט די אָנקומענדיקע נײַעס. אליעזר האָט זיך נישט אָנגעשטרענגט צו הערן די נײַעס. ער האָט זײַן געהער אויסגעשלאָסן מיטן לייענען דאָס בוך. און כאָטש נאָך מיטאָג האָט ער געהאַט דיזשור, איז ער געבליבן אין זײַן צימער. ער האָט געבעטן אויף אַ רויִקן נאָך מיטאָג און נאַכט, כּדי צו פאַרענדיקן דאָס לייענען.

אין שפּעטן אָוונט זענען אין שפּיטאָל אַרײַן אָנגעקומען קרובים, וואָס זיי איז געמאָלדן געוואָרן, אַז זייערע נאָענטסטע זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן, ווען אַ דזשיפּ איז אַרויף אויף אַ וועגמינע נעבן רפיח.

די געקומענע, צו צוויי און צו דרײַ, האָבן געבראַכט מיט זיך שטילע בהלה און פּחד. יעדע גרופּע איז געשטאַנען בײַ אַן אַנדער בעט מיט איינע פון די קוקלעס אין מאַרלע. איבער יעדן צוקאָפּנס — די זעלבע רערלעך, די זעלבע פּוזיעס אַרײַנגעשטאָכן אין די מאַרלע־באַלמס, מיט לעכער, דורך וועלכע עס דאַרפן אַרויס־קוקן אויגן. די קוקלעס אונטערשיידן זיך בלויז מיט זייערע פאַרהאַנגענע ענד־גלידער. בײַ איינעם איז מיט אַ קאַבעל אויפגעצויגן אין דער לופטן דער רעכטער פוס, בײַ אַ צווייטן דער לינקער פוס מיט דער רעכטער האַנט, בײַ אַ דריטן צוויי הענט אויסגעשטרעקטע אין דער לופטן, ווי צוויי ווײַסע קלעצער. די קרובים שטייען שטילע, אומבאַהאָלפענע. זיי קוקן אין די צוויי אויגן־לעכער פון דער מאַר־לע, און אַז קיין לעבעדיקער בליק קומט נישט פון דאָרט — קוקן זיי נישט מער און זוכן נישט מער. דער איינציקער צייכן פון לעבן זענען די בלעזעלעך אין די פאַרהאַנגענע אינפוזיע־פלעשער.

איינע פון די געקומענע פרויען האָט זיך בײַם בעט אײַנגעבראָכן און אָוועק־געפאַלן. צוויי קראַנקן־שוועסטער מיט דער הילף פון אַ מאַן, וואָס איז געשטאַנען נעבן דעם זעלבן בעט, האָבן די פאַרחלשטע אָוועקגעפירט אין אַמבולאַטאָריע־צימער. די שוועסטער יוכבד איז געקומען אין צימער פון ד"ר אליעזר צו בעטן זײַן הילף. די פרוי כאַפּט זיך אויף פון איין חלשות און פאַלט באַלד אַרײַן אין אַ צווייטער. אליעזר האָט איבערגעלאָזט זײַן בוך אָפן, מיט די בלעטער אַראָפּ, און אָוועק צו דער אַמבולאַטאָריע. אויפן וועג, דורכן קאָרידאָר, האָט ער געפרעגט: „פון פראָנט, אַ פרוי?" „אַ קרובה פון איינעם פון די פאַרוווּנדעטע" האָט יוכבד געענטפערט און געוואָרט אויף באַפעלן.

מיט רמזים האָט ער געבעטן זי זאָל אים דערלאַנגען וואָס ער האָט נויטיק.

אַליין האָט ער צעשפּילעט די קליידער פון דער פרוי, מאַסאַזשירט איר האַרץ און באַמערקנדיק די צעשראָקענע אויגן פון דעם פרעמדן מאַן, וואָס איז דערביי געשטאַנען, האָט ער געזאָגט באַרויִקנדיק:

„אַ יונגער גוף דאַרף האָבן כּוח אַליין ביַיצוקומען אַ צוזאַמענברוך".

„איר מאַן...", האָט דער פרעמדער מרמז געווען.

„מלחמה...", האָט אליעזר צוגעגעבן און נישט אויפגעהערט מאַסאַזשירן דאָס האַרץ פון דער פרוי.

די פרוי האָט פּלוצים געעפנט די אויגן און מיט מידע פאַרווירטע בליקן זיך אַנגעטראָפן אויף די דיקע טראָפּנס שוייס אויף אליעזרס פּנים. אַ טראָפּן שוייס האָט זיך אָפּגעריסן און צעשפּריצט געוואָרן אויף איר שטערן. זי האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט אויפגעקומען פון אַ לאַנגן און טיפן שלאָף און זי באַגרייפט נישט ווו זי געפינט זיך. דאָס פאַרשוויצטע פּנים פונעם דאָקטאָר מיט די הערערלעך פונעם סטעטאָסקאָפּ אין די אויערן, האָט איר אויסגעזען ווי אין אַ חלום.

ד״ר אַרטאַפּאַנוס האָט איר אַ לײַכט פּעטשל געטאָן אין פּנים און מיט דער זעלבער האַנט איר אַ גלעט געטאָן איבער די האָר:

„איר זענט בסדר... איַיך וועט גאָרנישט זיַין... וועמען האָט איר דאָ צווישן די פאַרוואונדעטע? אַ מאַן, אַ ברודער?" האָט ער געפרעגט ווי ער וואָלט פריִער נישט געהערט וואָס דער פרעמדער האָט געזאָגט.

„איר מאַן..." האָט אַברהמל איבערגעחזרט.

די פרוי, יהודית, האָט באַוויזן מיט די ליפּן אַן איר לשון זאָל אַרויסגעבן אַ קלאַנג. זי האָט געפּרוּווט עפּעס זאָגן, נאָר אַנשטאָט אַרויסצובאַקומען ווערטער, האָבן אירע אויגן אויסטערליש נאָכגעקוקט יעדע באַוועגונג און יעדן פּנים־אויסדרוק פונעם דאָקטער. זי האָט געזוכט אַברהמלס אויגן, צו פרעגן אים עפּעס, נאָר ער איז געווען פאַרקוקט אויף יוכבדן, וואָס האָט צוגעגרייט אַן איינשפּריצונג. יהודית האָט שוין באַגריפן, אַז זי געפינט זיך אין שפּיטאָל, נאָר דאָס געשטאַלט פונעם דאָקטער קומט איר פאָר אויסטערליש. זי קען דאָס פּנים, זי קען די שטים, זיין שמייכל און זיין רויִקייט, נאָר זי געדענקט גאָרנישט, גאָרנישט.

יוכבד האָט אים דערלאַנגט אַ גרייטן שפּריץ. ווי מען רעדט איין אַ קינד אין אַזאַ פאַל האָט אליעזר געזאָגט סתּמיקע ווערטער צו יהודיתן און אַריינגעשטאָכן אין איר אָרעם די נאָדל:

„צום געזונט", האָט ער געזאָגט אַרויסציִענדיק די נאָדל. „איצט וועט איר בלייבן ליגן אַ צען־פופצן מינוט ביז איַיער מעבל וועט זיך צוריק איינשטעלן. איר האָט געהאַט ערד־ציטערניש, האָט זיך דאָס מעבל צערוקט!"

אַז ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג צו יוכבדן, זי זאָל אים דערלאַנגען דעם בלאָק צו שרייבן אַ באַריכט, האָט אים יהודית אָנגעכאַפּט ביַים אָרעם און אויסגערופן:

„דאָקטער, עפּעס געשעט מיט מיר! אַלץ איז מיר אַזוי אויסטערליש".

„נישקשה, היינטיקע ציַיטן איז אַלץ אויסטערליש", האָט ער געזאָגט מיט גע־

מאַכטער פּריילעכקייט. „גאַרנישט דאַרף איבעררײַשן. ווי איז אײַער נאָמען?" האָט ער אַ טרייסל געטאָן מיט דער פּעדער אויפצושאָקלען דעם טינט.

„יהודית", האָט זי געענטפערט און נישט אַראָפּגעלאָזט איר צעטומלטן בליק פון זײַן פּנים, פון זײַנע הענט.

„יהודית, יהודית", האָט ער איבערגעחזרט, „זייער אַ שיינער נאָמען, אַן אמת ייִדישער נאָמען. פון תל־אביב, ירושלים?"

„פון אַ קיבוץ. אין עמק", האָט זי געענטפערט.

„ווי דען אַנדערש?" האָט ער אויפגעהויבן זײַן שטים צוזאַמען מיט דעם בלאַק. „די קיבוצניקעס זענען די ערשטע אין אַלע פאַלן: מלחמה — די קיבוצניקעס; טאַמאַטן — די קיבוצניקעס; די ערשטע פאַרוווּנדעטע — ווידער אַ מאָל קיבוצניקעס! ווי איז אײַער פאַמיליע־נאָמען, יהודית?"

„אַר־טאַ־פּאַ־נוס", האָט זי שטיל סילאַביזירט איר נאָמען.

די רעכטע האַנט, אין וועלכער אליעזר האָט געהאַלטן די פּען, האָט אַ ציטער געטאָן און געבליבן אַ פאַרחלשטע אויף דעם באַריכטן־בלאַק. מיט דער לינקער האַנט האָט ער אָנגענומען יהודיתעס אָרעם און זיך אָנגעלענט אָן איר מיט זײַן גאַנצער וואָג. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום באַלקן און פאַרקוועטשט די אויגן, ווי עס וואָלט אים באַפאַלן אַ פּײַניקנדיקער קאָפּווייטאָג. אין צימער האָט געהויערט אַ געשפּאַנטע שטילקייט. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ערגעץ ווײַט, ווײַט קלינגט אַן עלעקטריש גלעקל. דערנאָך האָט אליעזר אָפּגעאָטעמט ווי נאָך אַ שווערער פיזישער אָנשטרענגונג און געפרעגט, נישט אויפהערנדיק צו האַלטן דעם קאָפּ אין דער הויך, צום באַלקן:

„ווי הייסט דײַן פאַרוווּנדעטער מאַן, יהודית?"

„אַביגדור הייסט ער. אַביגדור אַרטאַפּאַנוס", האָט יהודית געענטפערט מיט אַ ציטערנדיקער שטים און מיט די הענט זיך געקלאַמערט אָן ביידע זײַטן פונעם שמאָלן בעטל, ווי זי וואָלט געטרייסלט געוואָרן אין פיבער. איצט האָט אליעזר זיך אָנגעבויגן צו דער ליגנדיקער פרוי און צוגעלייגט זײַנע ליפּן צו איר שטערן אין אַ שוויַיגעניש, וואָס סײַ פאַר דער שוועסטער און סײַ פאַר אַברהמלען האָט זי אויסגעזען אַן אייביקייט. צום סוף האָט ער זיך אויפגעשטעלט און ווידער מיט דעם פּנים צום באַלקן, מען זאָל נישט זען זײַן געזיכט, געפרעגט מיט אַן אײַנגעהאַלטענער שטים:

„פאַר וואָס האָט מיר קיינער נישט געזאָגט, אַז איינער פון די פינף פאַרוווּנדעטע הייסט אַביגדור אַרטאַפּאַנוס? צי האָט דאָ קיינער מײַן נאָמען אליעזר אַרטאַפּאַנוס נישט געהערט?"

מיט אַ פּלוצימען אימפּעט אַז די פּאָלעס פון זײַן אָפענעם ווײַסן כאַלאַט זענען זיך צעפלויגן אויף די זײַטן, איז ער אַוועק צו די פאַרוווּנדעטע און געפונען דעם נאָמען פון זײַן עלטסטן זון אין דעם ביולעטין, צו וועלכן ער האָט באַגינען גע־האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, נאָר יוכבד די שוועסטער האָט אָפּגעצויגן זײַן אויפמערקזאַמקייט מיט דער שאלה, צי זאָל זי מאַכן פאַר אים אַ שטאַרקע קאַווע.

איצט האָט ער געגומען דעם ביולעטין אין דעם בלעכענעם רעמל אין זײַנע הענט און פונעם צופּוסנס פון דעם בעט געקוקט אויף דעם באַלם אין מאַרלע, מיט די צווײ אויסגעשניטענע אויגן־לעכער און מיט דעם זויערשטאָף־רערל אַרײַנגעשטופּט ווי אינעם מויל פון אַ שנײ־מענטש. ער האָט אין די לעכער געזוכט אַ שײַן פון אויגן, אַ סימן פון לעבן. בלויז דאָס בלעזלען זיך אין דער פאַרהאָנגענער אינפּוזיע־פלאַש האָט אים מבשׂר געווען, אַז זײַן זון לעבט.

איצט איז ער, אליעזר, געגוי ווי די אַנדערע קרובים אַרום די בעטן, געשטאַנען אַן אָנגעשפּאַנטער און אין דער מחשבה איבערגעחזרט פאַר זיך אַליין: „שטאַרק זיך, שטאַרק זיך. איצט דאַרפסטו האָבן די כּוחות". דווקא דאָס איבערחזרן פאַר זיך אַליין צו זײַן שטאַרק, האָט מיט איין מאָל לויז געמאַכט אַלע זײַנע העמונגען. האָט ער מיט אײַליקע טריט, כּדי קיינער זאָל אים נישט זען אין דעם מצב פון שוואַכקייט, געשפּרײַזט איבער דעם לאַנגן קאָרידאָר און אַרויס אויף דער פרײַער לופט.

די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע און פאַרנע, האָט ער מיט אַן אָפן מויל געזוכט אַ ביסל פרישע קילבלעכע לופט און נישט געפונען. אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אָן דער וואַנט האָט ער מיט דעם אָפענעם לופט־דורשטיקן מויל געקוקט צום הימל. טרערן זענען אים אָנגעפלאָסן אין די אויגן. ער האָט פאַרלוירן איבער זײ די שליטה. זײ האָבן אַראָפּגעפליצט איבער זײַן פּנים, ווי עס פליִיצן אַראָפּ די טרערן פונעם פּנים פון אַ וויינענדיק קינד. דורך די טרערן האָט ער געקוקט צום אויסגעשטערנטן הימל און זײ געפונען מטושטשע, טרערן־פאַרווישטע. ער האָט אָפּגעזוכט אין דער קאָנסטעלאַציע פון דעם „קליינעם בער" דעם שטערן, וואָס ער האָט געהאַט פאַרגליכן צו אַביגדורן, און דער שטערן האָט נישט געגלאַנצט; ער איז געווען זילבערדיק־ווײַס, ווי ער וואָלט געווען אײַנגעוויקלט אין מאַרלע. איז ער געבליבן אַ ווײַלע מיט די אויגן פאַרהאָנגען אויף דעם שטערן און געפּרוווט צו אים שמייכלען, ווי אַ דערוואַקסענער שמייכלט צו אַ קינד, וואָס ער וויל געווינען זײַן פאַרטרויען.

יהודית איז געלעגן אויפן בעטל אַ צעטרייסלטע. נעבן איר, אויף אַ שטול, איז געזעסן אַברהמל מיט די הענט אַראָפּגעלאָזט צווישן די קני, אַ ביסל אײַנגעהויקערט, און ער האָט אָפּגעקוקט צו יהודיתן מיט אַ פאַרדישן בליק. צוליב עפּעס האָט ער שטאַרק רחמנות געהאַט אויף זיך. אין דעם אַלעמען וואָס דאָ געשעט איז ער סײַ אַן אייגענער און סײַ אַ פרעמדער. יהודית האָט נאָך נישט געהאַט אין גאַנצן באַגריפן, וואָס עס איז דאָ צו שטאַנד געקומען, האָט זי איר צעטומלטקייט אָפּגעלייגט אויף דעם וואָס זי האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן. די טרערן? פאַר וואָס זאָל זי נישט וויינען ווען איר אַביגדור פאָכעט מיט דער נשמה?

„יהודיתל, איך זאָג דיר, אַז דאָס אַלץ איז נישט גלאַט אַזוי", האָט אַברהמל עטלעכע מאָל איבערגעחזרט בלחש, ווי ער וואָלט מיט אַ העכערער שטים מורא געהאַט נאָך מער אויפצורייצן יהודיתעס טרערן.

יהודית האָט אויסגעצויגן צו אים אַ ציטערנדיקע האַנט:

„האָסט זיך איַינגעקוקט אין זייַן פּנים? האָסט זיך צוגעהערט צו זייַן שטים? די באַוועגונגען!"

ד"ר אַרטאַפּאַנוס איז צוריק אַרייַן אין צימער. ביַים טישל מיט פלעשעלעך איז די שוועסטער יוכבד געשטאַנען אַ פאַרשולדיקטע און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי באַמערקט נישט אַז דער דאָקטער איז אַרייַנגעקומען. יהודית האָט געקוקט דאָ אויף דעם אַרייַנגעקומענעם און דאָ אויף אַברהמלען, און ער, אַברהמל, האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. פון אַ זייַט האָט ער געקוקט אויף יהודיתן. ד"ר אַרטאַפּאַנוס, ווי גאָרנישט ביז איצט וואָלט געשען, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעטל, אָנגענומען דאָס פּנים פון יהודית, זי זאָל אים קוקן אין די אויגן און ער האָט געזאָגט:

„שוועסטער יוכבד, איצט דאַרפסטו געבן מייַן טאָכטער נאָך אַן איַינשפּריצונג אויף צו שטאַרקן זי. זי דאַרף האָבן אַ סך כּוח".

ווי יוכבד וואָלט פאַרהערט, אַז די ווענדונג איז צו איר, האָט זי זיך אויסגעדרייט אַ צעטומלטע און געפרעגט:

„דאָקטער?..."

„נאָך אַן איַינשפּריצונג פאַר מייַן טאָכטער אויף צו קרעפטיקן זי", האָט ער איבערגעחזרט.

יוכבד האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. דער דאָקטער האָט זי פאַרהאַלטן:

„פאַר איין וועגס נעם צוויי אַמפּולעס און צוויי נאָדלען. אויך פאַר מיר".

יהודית האָט געפיבערט. זי האָט נישט געקענט געפינען קיין אָרט פאַר איר קאָפּ אויף דעם צעראַטעוועטעם קישן און זי האָט אָנגעכאַפּט דעם אָרעם פון אליעזרן, ווי זי וואָלט געליטן גרויסע ווייטיקן. ער האָט אַרויפגעלייגט זייַן האַנט אויף איר האַנט און געזאָגט מיט אַ באַרויִקנדיק קול:

„באַהערש זיך, טאָכטער. מיר דאַרפן איצט ביידע אַ סך כּוח כּדי צו העלפן אַביגדורן געזונט ווערן".

מיט פאַרמאַכטע אויגן און זוכנדיק אַ פּלאַץ פאַר איר קאָפּ אויף דעם קישן האָט זי געוויינט:

„איך האָב געפילט! די אויגן, דאָס פּנים, די שטים. פאָטער, וואָס טוט זיך מיט מיר?"

„דאָס זעלבע וואָס מיט מיר... אָט גייט אַן איַינשפּריצונג", האָט ער פון יוכבדס האַנט איבערגענומען אַ גרייטע שפּריץ מיט אַן אויפגעזעצטער נאָדל. אַברהמל האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך אַוועקגערוקט אין אַ ווינקל. יוכבד האָט זיך איבערגעבויגן איבער יהודיתן און געזוכט דעם דאָקטערס בליק, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אויף דעם אָרעם פון זייַן שנור.

„צום געזונט", האָט ער געזאָגט, אַרויסנעמענדיק די נאָדל פון איר לייַב.

6

אין אַ גוטער שעה האָט אליעזר געהאַט אַרויסגעזאָגט פאַר דער קראַנקן־שוועסטער יוכבד, אַז זי וואָלט געדאַרפט קענען זײַן זון דוד. נאָך צוויי חדשים זײַט דעם פײַער־איבעררײַס אין דער סיני־מלחמה, איז דוד דעמאָביליזירט געװאָרן. מיט דעם שטויב פון דער מדבר אויף זײַן אויסגעשוויצטן האַקי־מונדיר און אויף זײַן פּנים איז ער אָנגעקומען צום פאָטער אין שפּיטאָל אין רחובות, כּדי צו ווײַזן זיך, אַז ער לעבט און אַז ער האָט פאַרענדיקט נאָך איין „דרעקישע מלחמה", ווי ער האָט זי אָנגערופן. דאָ, אין שפּיטאָל, האָבן אויף דודן געוואַרט צוויי בשׂורות: אַז זײַן עלטסטער ברודער, אַביגדור, לעבט, אָדער ראַנגלט זיך פאַרן לעבן, און די שוועסטער יוכבד.

בעת דוד איז צוגעקומען צום בעט פון זײַן ברודער, האָט אַביגדור קוים אויפגעהויבן די האַנט צו באַגריסן אים. זײַן קאָנטוזירטקייט האָט אין אים געשאַפן אַ מורא פאַר יעדער איבעריקער באַוועגונג, טאָמער וועט זי אים גורם זײַן וויטיקן. אַפילו זײַן שמייכל איז געווען נישט אַזאַ ווי ער וואָלט מסתּמא געוועזן ווען די צוויי ברידער וואָלטן זיך צוזאַמענגעטראָפן געזונטע. דוד האָט דעם ברודער געקלעפּלט אין אַקסל. ער איז געווען אויסגעבלייכט און דאָס פּנים ווי אָנגעשוואָלן.

„אָט אַזוי טרעפן מיר זיך ווידער", האָט דוד געזאָגט מיט טרערן אין האַלדז. ער האָט די טרערן פאַרהאַלטן. אַביגדור האָט זײַנע טרערן נישט געקענט פאַרהאַלטן. זיי האָבן זיך אַראָפּגעקײַקלט אויף זײַנע בלייכע באַקן בעת זײַנע אויגן זענען געווען טרויעריק צעשמייכלט.

„מײַנע פיס..." האָט אַביגדור ענדלעך אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט.

„די פיס זענען קאָנטוזירט", האָט דער פאָטער ווי ממשיך געווען דעם זונס ווערטער, „ס'וועט נעמען אַ שטיקל צײַט ביז ער וועט קענען גיין".

אליעזר האָט פון אַ זײַט געקוקט אויף דודן. מיט זײַן האַנט אויף אַביגדורס אַקסל, איז ער געשטאַנען אַ געליימטער, ווי אַלץ וואָס ער וואָלט וועלן זאָגן זײַן ברודער ליפערט ער אים איבער אָן ווערטער, דורך דער האַנט, פון לײַב צו לײַב.

„קום", האָט אליעזר געזאָגט צו דודן, „אַביגדור טאָר נישט אין זײַן מצב איבערלעבן צו שטאַרקע געפילן". געמיינט האָט ער אייגנטלעך נישט אַזוי אַביגדורן, ווי דודן. נאָך פון פריִער האָט ער געפּלאַנט צו פאַרמײַדן פון אים צו שטאַרקע

סצענעס בײַם באַגעגענען זיך מיט דעם אָפּגעפּונענעם ברודער אַ שווער פֿאַרוווּנ־דעטן. יוכבד האָט אים געהאָלפֿן דעריין. ער האָט געהאַלטן פֿון דער אַלטער שול אין דער מעדיצין, אַז אַ בלוט־אויפֿטרייסלונג איז אַ גוטע רפֿואה פֿאַר אַ שלאַבע־ריק געוואָרענעם גוף. פֿאַר אַ יונגן מאַן איז נישטאָ קיין בעסערע בלוט־אויפֿטרייס־לונג ווי די באַגעגעניש מיט אַ גלוסטיקער פֿרוי. אליעזר האָט נישט געמאַכט קיין טעות. ער האָט אַרײַנגערופֿן צו זיך אין צימער יוכבדן און געזאָגט כּלומרשט מיט קאַלטער אָפֿיציעלקייט:

„אָט דער זעלנער", האָט ער מיט אַ פֿינגער אָנגעוויזן אויף דודן, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ פֿאַרשטויבטע פּאַלמע שטייט בײַם ראַנד פֿון אַ וועג, „איז מײַן זון. ער הייסט דוד. נישט וויכטיק וואָס ער איז מײַן זון. ער איז אַ זעלנער. זע, אַ שטיק שטויב, אויסער די אויגן. טאָמער וואָלט ער אָנגעקומען אַהער אַ צע־פֿליקטער און צעריסענער פֿון קוילן, צי אַנדערע שוואַרץ יאַר, וואָלסטו אים אַרומ־געוואַשן און אים צוגעגרייט צו אַן אָפּעראַציע. ,דאָס' האָט ער פֿאַרמיטן פֿון דיר. נאָר זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז ער ,איז' און ער דאַרף מיטן לעבן אַ הייסע וואַנע וואַסער, פֿרישע וועש, און אַ פּאָר הויזן פֿון מײַנע..."

בעת אליעזר האָט גערעדט וואָס ער האָט גערעדט, האָבן זיך די צוויי יונגע מענטשן פֿאַרפּלאָנטערט מיט די בליקן. אירע גרויע קעציש̈ע תּאווה־אויגן זענען שוין געלעגן אין זײַנע קאַרע, בלישטשענדיקע אויגן און אַרײַנגעטריפֿט אין זײַן בלוט אַ זיסן ציטער. יוכבד האָט קוים געהערט וואָס דער דאָקטער רעדט צו איר. זײַנע ווערטער זענען דערגאַנגען צו איר ווי פֿון יענער זײַט וואַנט. נאָר ווען אליעזר האָט אַ קוק געטאָן און באַמערקט ווי די צוויי שטייען פֿאַרבליפֿטע אַנטקעגן אײנאַנדער און ער האָט זײַנע ווערטער אָפּגעהאַקט, האָט ערשט די פּלוצימע שטיל־קייט אַלאַרמירט יוכבדס וואַכזאַמקייט. זי האָט זיך געטאָן אַ נערוועזן באַוועג, ווי זי וואָלט זיך דערמאַנט אָן אירע שוועסטער־פֿליכטן, און געזאָגט דינסטמעסיק:

„זיכער, דאָקטער, איך גרייט שוין צו אַ וואַנע!" און זי איז אַרויס פֿונעם צימער.

אליעזר האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ צו זײַן זון און שטיפֿעריש געשמייכלט, ווי עס שמייכלט אַ מאַן ווען אַ צווייטער מאַן ווערט פֿאַרכאַפּט פֿונעם רייץ פֿון אַ ווײַב.

„איצט וואַרף אַראָפּ פֿון זיך, ווי דו האָסט געזאָגט, די ,דרעקישע מלחמה', דו זאָלסט מיר דאָ נישט פֿאַרמידבּרן מײַן ריינעם צימער. דאָ האָסטו מײַן ווײַסן כאַלאַט און מיט אים וועסטו גיין אין וואַנע־צימער. יוכבד איז אַ גוטע מויד. זי וועט צוגרייטן פֿאַר דיר וועש אָן דער מינדסטער לאַטע... יעדער געזונטער מאַן וואָלט געדאַרפֿט אַזאַ קראַנקן־שוועסטער אַ גאַנץ יאָר. זי איז פֿילבאַר ווי אַ שפּרינג־פֿעדער..."

מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט יוכבד אַרײַנגערוקט דעם קאָפּ אין צימער. באַמערקנדיק דודן אַ נאַקעטן האָט זי געזאָגט „אַמטלעך":

„די וואַנע איז גרייט", און זי איז פֿאַרשוווּנדן.

דוד האָט זי נישט געזען ביז אָוונט. אַפילו ווען דער פאָטער האָט אים גע־פירט צום בעט פון אַביגדורן האָט זי זיך נישט באַוויזן.

יוכבד איז נאָר וואָס געהאַט אַרייַן אין איר איין־און־צוואַנציקסטן יאָר. ווי אין שטייגער פון די סאַבּרישע מיידן איז זי געווען ליכטיק־צעבליט. יעדער איר גליד, יעדער איר באַריר מיט אַ האַנט, צי אַ בליק האָט דערציילט וועגן איר רייַפקייט. זי האָט געהאַט אַ גאַווהדיק באַוווסטזיין פון איר ווייַבלעכן כּוח. אַלע מאָל בייַם צוזאַמענטרעפן זיך מיט אַ מאַן, לייענט זי זייַנע מחשבות, אַז דאָס אייג־ציקע וואָס עֶר וויל איז: באַשלאָפן זי. זי האָט מורא געהאַט פאַר אַן איבעראייַלטן שריט. אויך זי האָט געוואָלט באַשלאָפן ווערן, נאָר איר מחשבה איז געלאָפן ווייַ־טער: וואָס וועט זייַן שפּעטער? צי וועט דער מאַן, וואָס זי וועט מיט אים שלאָפן, זי נעמען ערנסט, אָדער ער וועט זי פאַרלאָזן און זי וועט זוכן צו שלאָפן מיט אַ צווייטן?

אַן אייניקל פון אַן אַלטער קאָלאָניסטישער משפּחה אין ראשון־לציון, האָבן אַלע אינעם מושב זי געקענט. ווער עס האָט געהאַט אַ גרויס מויל האָט זי באַרעדט אַן זי זאָל האָבן געזינדיקט. אַז אַ מויד איז שיין מוז זי זינדיקן. ס׳באַרעדן האָט זיך אָנגעהויבן דווקא פון דער יונגער ראשונער חברה, וואָס זי האָט נישט געוואָלט מיט זיי שלאָפן. האָט יוכבד געהיט איר גוטן שם, דערפאַר „משוגע געמאַכט״ די מענער, וואָס זי האָט אָנגעטראָפן אין איר וועג. אַפילו צו ד״ר אליעזר, וואָס וואָלט אַוודאי געקענט זייַן איר זיידע, האָט זי זיך געחנדלט און ער האָט געפילט דעם אַרויסרוף פון איר ווייַבלעכקייט: „באַשלאָף מיך״.

מיט דער רגע ווי זי האָט דערבליקט אין דעם צימער פון דאָקטער דעם מדבר־פאַרשטויבטן דודן, וואָס זייַן גאַנצער גוף, מיט דעם אויסגעשוויצטן האַקי־מונדיר, טונקל־בלאָנדע האָר, קאַרע־גלאַציקע אויגן און אָפּגעברענט פּנים, איז געווען גראַזאַמדיק פאַרשטויבט — האָט זי געוווסט: ,דאָס איז עס׳! זייַט זי האָט אָנגעזאָגט אין צימער פונעם דאָקטער, אַז די וואַנע איז גרייט, האָט זי זיך געפילט אי אַ פאַרלוירענע און אי אַ בשורה־אָנגעזאָגטע וועגן עפּעס, וואָס זי האָט דערויף זיך אויסגעקוקט די אויגן. ביז אָוונטעסן האָט זי אויסגעמיטן סייַ דעם דאָקטער אַרטאַפּאַנוס און סייַ דודן.

צום אָוונטעסן, וואָס דער דאָקטוירים־פּערסאָנאַל און די שוועסטערס האָבן געגעסן צוזאַמען, האָט זיך יוכבד באַוויזן אין אַ פּריש־אויסגעפּרעסטן בלאַנק־ווייַסן כאַלאַט מיט אַ שטייַף־געקראָכמאַליעטן הויב אויפן קאָפּ, אַדורכגעשטרייַפט מיט אַ שוואַרץ סאַמעטל און מיט אַ רויט בלימל אין דער ברוסט־טאַש פונעם כאַלאַט. אַז זי איז אַרייַנגעקומען אין עסצימער האָט דוד זי באַמערקט דער ערשטער. זי האָט אַ בלענד געטאָן מיט איר ווייַסער און רייצנדיקער ציכטיקייט. ער האָט אויפגעציטערט ווי אַ הירש. דער פאָטער האָט עס באַמערקט. אין אים האָט אויפגעבליצט אַ געדעכעניש: אַ מאָל, וואַנדערנדיק אין די טאַטרען־בערג, האָט ער באַמערקט ווי פון צווישן די פעלזן איז אַרויסגעוואַקסן אַ הירש. די חיה

איז געשטאַנען אַן אָנגעשפּאַנטע, ווי אַ פֿײַל, מיט שנאַפּנדיקע גלאַנציק־פֿײַכטע נאַזלעכער — נקבה אָדער סכּנה? אַזוי האָט דאָס מאָל אויפֿגעציטערט דוד ווען ער האָט דערזען יוכבֿדס אַרײַנקום. דער פֿאָטער האָט דאָס תּענוגדיקע בילד אַרײַנגעשמייכלט אין זיך. דוד, אַן אויסגעבאָדענער, פֿריש־ראַזירטער, מיט דער טונקל־בלאָנדער הפֿקרדיקער טשופּרינע און אין אַ ווײַס צעכראַסטעטע העמד, וואָס איז צו קליין אויף אים, זעט אויס ווי אַ יונגער הירש, וואָס האָט צום ערשטן מאָל דערפֿילט אין דער נאָענט אַ רײַפֿע „זי". דוד האָט געגעסן אומרויִק, אָדער דעם פֿאָטער האָט זיך אַזוי געדאַכט. האָט ער לײַכט באַרירט זײַן אָרעם און געזאָגט:

„וואָרשײַנלעך האָט זי הײַנט נישט קיין דיזשור. וועסט קענען מיט איר שמועסן".

„וועגן וועמען רעדסטו, פֿאָטער?" האָט דוד געמאַכט דעם אָנשטעל.

„נו, נו", האָט דער פֿאָטער אויפֿגעהויבן אַן אַקסל, „דו ווייסט וועגן וועמען איך רעד, סײַדן דו האַלסט דײַן פֿאָטער פֿאַר אַ לעמעשקע, אָדער אַ כּניאָק".

„כ'האָב שוין לאַנג די ווערטער נישט געהערט", האָט דוד געוואָלט אָפּווענדן פֿון דער טעמע.

„כ'וועל זיי דיר דערמאָנען אַלע מאָל ווען דו וועסט מיינען, אַז איך בין עס", האָט דער פֿאָטער געזאָגט מיט צופֿרידנקייט.

„אַגבֿ", האָט דוד באַמערקט ווי די זאַך וואָלט געווען נישט וויכטיק, „אויב מען קען דאָ געפֿינען אַ זעלנעריש נאַכטלעגער, וואָלט איך דאָ געבליבן אויף איבער נאַכט".

„זעלנערישע נאַכטלעגערס האָסטו געהאַט איבער גענוג", האָט דער פֿאָטער געזאָגט, „עס זענען פֿאַראַן דאָ ליידיקע בעטן צוגעגרייטע פֿאַר פֿאַרווונדעטע זעלנער. פֿאַר וואָס זאָל אַ געזונטער נישט קענען נהנה זײַן פֿון איין בעט?"

דוד האָט אָפּגעווישט די ליפּן און אַ קוש געטאָן דעם פֿאָטער:

„פֿאַר איך הײַנט נישט קיין תּל־אָבֿיבֿ".

דער פֿאָטער האָט אַרומגענומען דעם זון און אים צוגעדריקט צו זיך:

„מיר איז אַפֿילו נישט אײַנגעפֿאַלן דו וועסט הײַנט פֿאָרן קיין תּל־אָבֿיבֿ. אָפּגעפֿונען אַ ברודער, דער ברודער ליגט דאָ אין שפּיטאָל, וועסטו נישט זײַן דאָ כאָטש איין נאַכט?..."

ווי נאָר דוד האָט באַמערקט יוכבֿד ענדיקט איר עסן, איז ער ייִנגלעריש אויפֿגעשפּרונגען, איבערגעבעטן דעם פֿאָטער און געאײַלט צו איר טיש.

„איך וויל אײַך דאַנקען פֿאַר אויסלאָדן מיך פֿון די סיני־שטויבן. דאָס וואַסער אין דער וואַנע איז געווען עקסטראַ און אויך דאָס העמד איז עקסטראַ, כאָטש עס איז אַ ביסל צו ענג אויף מיר", האָט ער אָנגעצויגן די עלנבויגנס און געוויזן, אַז דאָס העמד פּלאַצט אויף אים.

יוכבֿד האָט זיך אויפֿגעשטעלט און מיט בײדע הענט צו רעכט געמאַכט דודס צעכראַסטעטן קאָלנער, ווי זיי וואָלטן זיך געקענט פֿון קדמונים:

„ס'איז ווירקלעך צו קליין", האָט זי מיט בײדע הענט געגלעט דאָס העמד

אויף ביידע זײַטן פון זײַן ברוסט. איר באַריר האָט אים אַ ברי געטאָן און ער האָט אָנגעכאַפּט אירע הענט. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און איר אײַנגערוימט אין אויער בעת זײַן שטערן־לאָק האָט באַרירט איר ווײַסן הויב:

„דו פֿאַרברענסט מיך!" ער איז רויט געוואָרן פון זײַן אייגענער פּלוצימער דרײַסטקייט.

יוכבד האָט אים אַרומגענומען מיט אירע קעציש־גרויע אויגן, וואָס בײַם עלעקטרישן ליכט זענען זיי געוואָרן נאָך מער אַרויסרופנדיקע. אין דעם מאָמענט זענען אירע אויגן אומנאַטירלעך גרויס געוואָרן, זיי האָבן פֿאַרנומען איר גאַנץ פּנים און דוד איז אין זיי פֿאַרברענט געוואָרן.

„ס'איז געפֿערלעך הייס דאָ. כ'האָב זיך אָפּגעוווינט פון ווענט", האָט דוד זיך אַרומגעקוקט. „וואָס טראַכטסטו וועגן דעם דרויסן?"

„נישט מיך פון וועג? פון אָוונטברויט?" האָט זי זיך געשפּילט מיט אים.

ייִנגלעריש האָט ער אַ טרייסל געטאָן מיט זײַן טשופּרינע:

„צה"ל לערנט נישט צו זײַן שעמעוודיק. אַז איך וועל זײַן מיד וועל איך דיר זאָגן: ,קום, לאָמיר זיך אָוועקזעצן'."

יוכבד האָט אויסגעטאָן דעם ווײַסן הויב, לאַכנדיק צו אים מיט אַ באַהאַלטן תאווהדיק געלעכטער.

צווישן די פּרדסים, מערבדיק פונעם שפּיטאָל, האָט געשמעקט מיט ציטריך. כאָטש דער טאָג איז געווען אַ הייסער האָבן קורצע כוואַליעס קילקייט דורכגעשניטן דעם אָוונט. די קילע כוואַליעס האָבן ערגעץ־ווו צווישן די ביימער, נידעריק צו דער ערד, פֿאַרקערעוועט און צוריקגעקומען מיט פּײַכטער וואַרעמקייט. די קילקייט איבער זייערע קעפּ און די פּײַכטע וואַרעמקייט בײַ זייערע פיס האָבן געשפּילט מיט די צוויי יונגע מענטשן, וואָס האָבן שפּאַצירנדיק געזוכט און געפונען זייערע ביידנס הענט און זיך געהאַלטן בײַ די הענט ווי קינדער.

„כ'טראַכט אָן אויסטערליש טראַכטעניש", האָט יוכבד געצויגן אירע ווערטער. „איין ברודער איז אין שפּיטאָל אַ שווער־פֿאַרוווּנדעטער, דער פֿאָטער איז אַ דאָקטער אין דעם שפּיטאָל און דער צווייטער זון איז פון דער זעלבער מלחמה געקומען אין דעם זעלבן שפּיטאָל אַ ניצול געוואָרענער. איך, די קראַנקן־שוועסטער, וואָס איז זיך מטפּל מיט דעם ערשטן ברודער, שפּאַציר מיטן צווייטן ברודער צווישן שמעקעדיקע פּרדסים. זעט עס נישט אויס ווי אין אַ געשריבענעם ראָמאַן?"

„אָן אַנטי־מלחמה־ראָמאַן", האָט דוד אויסגעבעסערט. „איצט שרײַב ווײַטער דעם ראָמאַן ווי אומגליקלעך איך וואָלט געווען ווען איך זאָל דיך זען פון שפּיטאָל־בעט־אַרויס אַ געליימטער. איך וואָלט געטראַכט וועגן מײַנע ווונדן און נישט וועגן דעם וואָס איך טראַכט איצט".

„וועגן וואָס טראַכטסטו איצט?" האָט זי אַרויפגעקוקט צו אים אין דער טונקלקייט און ס'איז איר אײַנגעפֿאַלן, אַז ער טראַכט מסתמא, ווי עס טראַכטן אַלע מענער מיט וועלכע זי באַגעגנט זיך: שלאָפן מיט איר.

„איך טראַכט איצט, אַז דאָס לעבן פון אַ מענטש, אַלנפֿאַלס מײַן לעבן, איז

ווי דאָס וועטער. אַ מאָל געוויטעריש, אַז ס׳דאַכט זיך: עק וועלט, אָן האָפענונג, און אַ מאָל כאַמסיניש, אַז דער מוח טריקנט אויס און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ טאַמפּאָן פון טרוקענער וואַטע. איצט שמעקט מיט ציטרין, מיט ביטערלעכקייט פון ציטרוס־בלעטער, עס שמעקט מיט בליַעכץ פון יוכבד און מיט שטערן־חופּה איבער אונדז כאָטש נעם אַרום מיטביידע אָרעמס די גאַנצע וועלט״.

„דאָס איז שוין אַן אַנדער ראָמאַן״, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און געזוכט זיַין בליק.

„זאָג נישט אַ שונד־ראָמאַן״, האָט אויך ער זיך פאַרהאַלטן.

„וואָס איז עס אַזעלכס אַ שונד־ראָמאַן?״ האָט זי געוואָלט וויסן.

„שונד מיינט ביליקע ליטעראַטור, נאָר אָפט איז דאָס סאַמע מענטשלעכסטע און דאָס סאַמע רירנדיקסטע אין דער ווירקלעכקייט — שונד אין דער ליטעראַטור״.

ער האָט אָפּגעהאַקט און געשוויגן. ביידע האָבן געשוויגן שטייענדיק נאָענט צו זיך. פּלוצים נעמט זי אָן זיַין צווייטע האַנט, הייבט אויף דעם קאָפּ צו זיַין פּנים און זי זאָגט שטיל:

„איך בענק אַזוי שטאַרק נאָך שונד. נישט אין דער ליטעראַטור; איצט, דאָ, צווישן די ציטרוס־ביימער, מיט דעם ריח פון דער מדבר, וואָס דו האָסט היַינט געבראַכט מיט זיך אין שפּיטאָל אַריַין און ער איז אַריַינגעדרונגען אין אַלע מיַינע אֵברים... איך וואָלט געוואָלט דער אָוונט זאָל דויערן, דויערן... איז דאָס שונד?״

„אין דער ליטעראַטור יאָ, אָבער איצט...״ ער האָט זי אַרומגענומען מיט ביידע אָרעמס ווי מיט הייסע רייפן און ביידע האָבן צו זיך אַנטקעגנגעאיַילט מיט זייערע צעהיצטע ליפּן אין אַ לאַנגן פאַרקראַמפּטן קוש.

זיי זענען וויַיטער געגאַנגען מיט דעם זאַמדיקן וועג צווישן די פּרדסים, אַרומגענומענע און צוגעדריקטע צו זיך אַז איינער האָט געפילט דעם פיבער פון דעם צווייטנס לײַב. ווי צוגעדריקט צו זיך מיט די לײַבער אַזוי זענען זיי געוואָרן פאַרפלאָכטן אין איינאַנדערס מחשבות. זיי האָבן געשוויגן אַזוי טיף, אַז זיי האָבן געהערט דעם נאַכטרויש פון די ציטרוס־ביימער. פּלוצים האָט זיך ביי דודן אַרויסגעריסן אַ קללה אויף פּויליש. זי האָט בלויז פאַרשטאַנען דעם טאָן, אָבער נישט דעם טיַיטש פון די ווערטער:

„וואָס איז געשען?״ האָט זי געפרעגט.

„ס׳האָט געקענט געשען...״ האָט ער זיך פאַרהאַלטן און אַרויפגעלייגט זיַינע אָרעמס אויף אירע אַקסלען. „עס האָט געקענט געשען, אַז די דרעקישע מלחמה זאָל מיך אָפּקאָסען ווי אַ זאַנג און עס זאָל האָבן אויף אייביק פאַרמיטן געוואָרן פון אונדז אַזאַ נאַכט...״

„איצט איז אָוונט און נישט נאַכט״, האָט זי מיט די שפּיצן פון אירע פינגער באַרירט זיַינע ליפּן.

ער האָט געציטערט און וועלנדיק באַהערשן דאָס ציטערן האָט ער געזאָגט מיט אָנשטרענגונג:

„די נאַכט געהערט צו אונדז. קיינער וועט זי פון אונדז נישט פאַרמיַידן״.

„דו ציטערסט ווי אַ ייִנגל", האָט זי זיך געטוליעט צו אים.
„ווי אַ קינד", האָט ער געזאָגט שטיל און זי אַראָפּגעפּירט צווישן דיביימער. זיי האָבן זיך פּלוצים געפונען ליגנדיקע אויף דער פאַרראָסטעטער ערד. יוכבד האָט אַ שטיף געטאָן:
„האָסט מיר צוגעזאָגט, אַז ווען דו וועסט ווערן מיד וועסטו זאָגן ,קום, לאָמיר זיך אָוועקזעצן' און צום סוף ליגן מיר".
„צום סוף וואָלט איך דיך אויפגעגעסן!"
ער האָט זי אײַנגעקלאַמערט אין זײַנע אָרעמס מיט אַ ווײ־טוענדיקן כּוח, און זי האָט זיך געצויגן צו אים, ווי זי וואָלט זיך וועלן אַרײַנשפּאַרן אין זײַן ציטערנדיקן גוף. דער אָוונטדיקער נעפּל איז געוואָרן געדיכטער און זיך אויפגעהויבן ביז צו דער העלפט פון די ביימער־שטאַמען. דער נעפּל האָט פאַרדעקט די צוויי פלאַטערנדיקע לײַבער פון דוד און יוכבד, ווי מיט אַ מושלין־דעק, און איבער דעם נעפּל האָבן געפלאַטערט די בלעטער פון די ביימער און העכער, העכער האָבן געפלאַטערט די שטערן אין הימל, וואָס זייער געלאַשן ליכט האָט זילבערדיק געמאַכט די טונקלקייט אין פּרדס.
דער האַרבסטיקער געהויך איז געוואָרן וואָס אַ מאָל קילער און אָפּגעקילט די פאַרברענטע לײַבער. יוכבד האָט געזוכט וואַרעם־שוץ אין די אָרעמס פון דודן, בעת אים האָט אַ פראָסט געגלעט איבער דעם רוקן. ער האָט מיט די פינגער געקעמט יוכבדס האַר, געגלעט די צאַרטע הויט פון איר פּנים און ווי אַ צעצערטלט קינד געבעטן: „דערוואַרעם מיך". יוכבד האָט מיט אירע הענט געזוכט צו דערוואַרעמען אים דעם רוקן און אויסגעפונען, אַז דאָס העמד אויף אים איז צעריסן, געפלאַצט. זי האָט פּלוצים אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער און זיך פאַרשטעלט דאָס מויל, מען זאָל איר פרײַ געלעכטער נישט דערהערן פון דער ווײַטנס:
„ווער האָט דיר צעריסן דאָס העמד?" האָט זי געבאָדן איר פּנים אין זײַן ברוסט.
„מסתמא אַן אייפערזיכטיקע מכשפה", האָט ער געזאָגט מיט געמאַכטער ערנסטקייט.
„דאָס האָט די מכשפה דיר געגעבן אַ צו קליין העמד. איך וואָלט עס סײַ ווי צעריסן אַפילו ווען איך זאָל האָבן דיר געגעבן אַ העמד ווי פאַר אַ העלפאַנד".
די מיטנאַכטיקע קילקייט האָט זיי פאַרטריבן פון פּרדס. זיי זענען צוריקגעגאַנגען אין דעם נעפּל, וואָס האָט זיך זילבערדיק געצויגן נאָך זיי ווי אַ טונקל־זילבערנער שלעפּ. די עלעקטרישע ליכטער אויפן שמאָלן כּביש צום שפּיטאָל זענען שוין געווען פאַרלאָשן. ערגעץ פון גאָר, גאָר ווײַט האָט געקרייט אַן איינציקער האָן. דער געקריי פון דעם האָן איז דורכגעריסן געוואָרן פון אַ בענקשאַפטלעכן בילן פון אַ הונט. אַלץ איז געקומען פון זייער, זייער ווײַט, אפשר פון די ווײַטע שטערן, וואָס האָבן קאַלט אַראָפּגעפינקלט פון צווישן וואָלקן־פלעקן. איינער פון די שטערן האָט זיך אָפּגעריסן און אַראָפּגעפאַלן געלאַסן, געלאַסן און, דאַכט זיך, געלאַנדעט דאָ נישט ווײַט, אפשר אויף דעם נאָענטן מיליטערישן פעלד...

יוכבד האָט פאַרהאַלטן דודן אין שאָטן, ווײַטער פון דעם באַלויכטן אַרײַנגאַנג אין שפּיטאָל.

„איך וועל דיר אַרויסברענגען אַ כאַלאַט, צי אַ מאַנטל, מען זאָל דיך נישט זען ווי דו וואָלסט געקומען פון מצרישער געפאַנגענשאַפט", האָט זי אים אַ ביס געטאָן אין די ליפּן און אַוועק מיט שנעלע טריט, פאַררײַכטנדיק אירע האָר. באַלד איז זי אַרויסגעקומען גאָר פון אַן אַנדער זײַט, אַרויפגעוואָרפן אויף דודן אַ מאַנטל און אַנגעמענדיק אים בײַ אַ האַנט האָט זי אים געפירט צו דעם פּלאַץ פון וואַנען זי איז געקומען. זי האָט אויסגעמיטן דעם שפּיטאָל-קאָרידאָר, געפירט אים איבער אַ שטיקל פינצטער פעלד און אים אַרײַנגעפירט אין אַ צימער:

„צינד נישט אָן דאָס ליכט", האָט זי געזאָגט. „די שוועסטער, וואָס וווינט דאָ איז אויף אַ פּאָר טעג געפאָרן קיין ירושלים. קריך אַרײַן אין בעט אויף צו דער־וואַרעמען זיך".

„לאָזסט מיך אַליין?" האָט ער געפרעגט ווי אַ ייִנגל.

„די מאַמע וועט באַלד קומען", האָט זי געענטפערט און אין דער פינצטער מיט דער צונג אַ לעק געטאָן זײַן פּנים, ווי דאָס טוט אַ קו מיט אַ קעלבל.

אַליין איז זי אַוועק צום דאָקטער אליעזר. אין זײַן פענצטער איז נאָך געווען ליכטיק. זי האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר:

„דאָקטער אַרטאַפּאַנוס?" — האָט זי געפרעגט מיט אַן אַמטלעכן טאָן.

„קום אַרײַן, יוכבד, די טיר איז אָפן", האָט זי געהערט זײַן שטים פון יענער זײַט טיר.

„אַ דאַנק, נאָך צוועלף אַ זייגער גייט נישט אַ שוועסטער אין פּריוואַטן צימער פון אַ דאָקטער", האָט זי ווײַטער געצויגן מיט דעם געמאַכטן אַמטלעכן טאָן. „איך וויל אײַך נאָר זאָגן איר זאָלט נישט זאָרגן פאַר אײַער זון. איך האָב אים באַ־זאָרגט מיט אַ נאַכטלעגער בײַ איינעם פון דער דינערשאַפט".

„איך בין געווען זיכער, אַז דו וועסט זאָרגן פאַר אַן עלנטן זעלנער וואָס איז צוריקגעקומען פון אַ פאַטערלענדישער מלחמה", האָט זײַן שטים געקלונגען אַזוי ווי ער וואָלט זיך דערנענטערט צו דער טיר.

האָט יוכבד אײַליק באַשטעטיקט:

„אַוודאי דאַרף מען זאָרגן פאַר אונדזערע באַשיצער", און זי איז שנעל אַוועק. זי האָט אָפּגעטראָטן אין דער קיך, שנעל פאַרנומען עפּעס פון דעם אײַזקאַסטן, עפּעס פון אַ זײַטיק שענקל, געכאַפּט אַ קענדל מילך, אַלץ אַרײַנגעפּאַקט אין אַ לײַוונטענער טאָרבע און דערמיט געלאָפן צו דודן.

„דעם אמתן טעם פון מאכלים פילט מען ערשט דעמאָלט ווען מען עסט זיי נאָך האַלבער נאַכט. פאַר דעם האָט נישט דאָס עסן קיין מענטשלעכן טעם", האָט זי געזאָגט גלײַך ווי זי האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך און זיך דערנענטערט צום בעט. דוד האָט זי אַרומגעכאַפּט און זי אַ ציִ געטאָן צו זיך. יוכבד האָט זיך געשטרויכלט איבער דער פולער לײַוונטענער טאָרבע און אַרויפגעפאַלן אויף אים:

„דעם אמתן טעם פון אָט ד ע ם מאכל פילט מען ערשט רעכט נאָך האַלבער נאַכט", האָט ער געזאָגט אין דעם זעלבן טאָן וואָס זי.

אין דעם שוואַכן ליכט, וואָס האָט זיך אַרײַנגעזייעט דורך דער מאָסקיטן־נעץ איבערן פענצטער האָט יוכבד געגרייט צום טיש. בײַם זוכן טעלערס אין דער טונקלקייט האָט זי געזאָגט אַזוי, ווי זי וואָלט דערציילט אַ מעשׂה:

„אַלס קליין מיידל האָב איך אַ מאָל געהערט ווי מײַן זיידע האָט דערציילט וועגן צוויי קאַרגע ייִדן. די ייִדן האָבן נישט געשפּילט שאַך, זיי האָבן נישט גע־לערנט די הייליקע ספרים, נאָר געשמועסט. האָט איין ייִד געזאָגט צום צווייטן: שמועסן שמועסט זיך זייער גוט אין דער פינצטער. איז אַ שאָד צו ברענען ליכט אומזיסט און אומנישט. האָט דער צווייטער פאַרלאָשן דאָס ליכט. זאָגט ווידער דער ערשטער: אויב ס'איז שוין פינצטער און אין דער פינצטער שמועסט זיך גוט — איז אַ שאָד עס זאָלן זיך אויסרײַבן די הויזן פון זיצן אין זיי. און ביידע האָבן אויסגעטאָן די הויזן און עס איז זיי געווען גוט צו שמועסן".

„אויף דער אידעע בין איך געפאַלן נאָך איידער דו ביסט צוריקגעקומען", איז דוד אַרויסגעשפּרונגען פון בעט.

יוכבד איז געבליבן שטיין פאַר אים אַ פיל נידעריקערע ווי זי איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. זי האָט פאַרלייגט אירע אָרעמס אַרום זײַן האַלדז, זיך אַרויפגעצויגן צו אים און געזאָגט:

„אַז צוויי האָבן זיך ליב, האָבן ביידע די זעלבע מחשבות".

7

נאָך אַביגדורס צוריקקומען אַהיים האָט דער קיבוץ געמאַכט אַ נשף. פון אַלע חברים אין קיבוץ, וואָס זענען געהאַט מאָביליזירט געוואָרן אין דער סיני־מלחמה, איז בלויז אַביגדור געטראָפן געוואָרן. ער ווי אויך יהודית האָבן געדאַרפט דער־מוטיקונג. אַביגדור איז אַהיימגעקומען אויף אַן אינוואַלידן־וועגעלע. ביידע זײַנע פיס זענען נאָך געווען געליימט. אייגנטלעך האָט אַ דאָקטוירים־קאָמיסיע באַשלאָסן צו שיקן אים אין אַ סאַנאַטאָריע אויף פיזיאָטעראַפּישער היילונג, אָבער דער פּאַטער האָט נישט געמאַכט קיין סוד דערפון, אַז די היילונג אין דער סאַנאַטאָריע איז אַ מעשׂה אויף אַ צוויי יאָר און אפשר לענגער. דעמאָלט איז אַביגדור באַשטאַנען דערויף, אַז אַפילו די היילונג אין קיבוץ זאָל דויערן דאָפּלט לענגער ווי אין דער סאַנאַטאָריע, וויל ער ליבערשט זײַן אין דער היים נעבן יהודית און דעם קליינעם דני.

דערוואָקסענע מוזן נעמען אויף זיך די לאַסט און דעם פּיין פון מלחמה. אפשר האָבן זיי מיט זייערע טואונגען, אָדער נישט־טואונגען גורם געווען די מלחמה. אָבער קינדער? פאַר וואָס זאָל דער קליינער דני זײַן אַ געשלאָגענער אין דער מלחמה? אַז יהודית האָט אויפגעקלערט פאַר איר פינף־יאָריקן זון, אַז די מלחמה האָט פאַרהאַלטן דעם פּאַטער און ער קען נישט קומען צו זײַן יום־הולדת, האָט דאָס קינד געזען אין דער מלחמה אַן אָנשיקעניש פון שלעכטע מענטשן, וואָס האָבן באַצוווּנגען זײַן פּאַטער. ער האָט רק געוואָלט וויסן ווען די שלעכטע מענטשן וועלן באַצוווּנגען ווערן, דער פּאַטער זאָל ווידער זײַן פרײַ.

איצט, ווען אַביגדור איז צוריקגעקומען אַהיים אויף אַ וועגעלע, האָט זיך דני געפילט פאַרשעמט פאַר אַנדערע קינדער, כאָטש יהודית האָט אים צוגעגרייט, אַז אַביגדור וועט אַ צײַט נישט קענען גיין אויף זײַנע אייגענע פיס. זײַן פּאַטער איז נישט דער זעלבער ווי אַלע פּאַטערס. ער קען זיך נישט פרייען מיט אים אַזוי ווי אַלע קינדער פרייען זיך מיט זייערע פּאַטערס, פאַר נאַכט, נאָך דער אַרבעט. אַ מאָל פלעגט ער רײַטן אויף דעם פּאַטערס אַקסלען, פלוצים ווערן הויך און פּרוּוון מיט די הענטלעך דערגרייכן צו די וואָלקנס, אָדער ווייניקסטנס אָנכאַפּן די עלעקטרישע דראָטן אין דער הייך, אויף צו הוידען זיך. אָדער דער פּאַטער פלעגט זיך אַוועקלייגן אויפן גראָז און ער, דני, האָט געריטן אויף זײַן ברוסט ווי אויף אַ לעבעדיק פערדל.

דני האָט פון דער מוטער געירשנט די טונקל־רויטע פאַרב פון אירע האָר און די גרויסע גרין־גרויע אויגן, וואָס האָבן געמאַכט פון אים אַ ברענענדיקן דזשינ־דזשי. דאָס אינוואַלידן־וועגעלע מיט די גרויסע ניקל־כראָמירטע רייפן האָט זיך אַריינגעשטעלט צווישן אים און דעם פאָטער. דעם פאָטערס הענט זענען כסדר פאַרנומען מיט באַוועגן די רעדער און, אַז ער, אַביגדור, לייגט אַרויף די האַנט אויף דניס קאָפּ, האָט דאָס קינד רחמנות אויף דעם פאָטער. ווען ער זאָל זיך נישט שעמען וואָלט ער זיכער געוויינט.

מיט אַביגדורס אַהיימקומען איז יהודית געווען גליקלעך און פאַרלוירן. זי האָט אים צוריק אַ לעבעדיקן אין דער היים. דורך די לאַנגע חדשים ליגן צו בעט איז זי כּמעט יעדן צווייטן, צי דריטן טאָג געפאָרן אין שפּיטאָל אין רחובות, געשלעפּט זיך שעהענווייז מיט אַן אויטאָבוס און טרעמפּן. עס האָבן נישט געהאָלפן ד״ר אליעזרס תחנונים זי זאָל היטן איר אָפּגעשוואַכט געזונט און זעלטענער קומען אין שפּיטאָל. ווער נאָך אַזוי קען אים צוהיטן ווי ער, אליעזר, היט זיין אָפּגעפונענעם בכור ? אויך יוכבד איז צו אים נישט ווי אַ קראַנקן־שוועסטער, נאָר ווי אַ לייב־לעכע שוועסטער. פאַר אַביגדורן איז זי אַלע מאָל אין דיזשור. אָבער יהודית איז געווען זיכער, אַז נאָר איר „איינלייגן וועלטן״ האָט אים אַרויסגעריסן פון די הענט פונעם טויט; נאָר זי שטאַרקט זיין באַגער צו לעבן זייט ער האָט געעפנט די אויגן און זי דערזען אַ זיצנדיקע אויפן ראַנד פון זיין בעט. דורך די חדשים איז יהודית געוואָרן איינגעדאַרט און איינגעשרומפּן. איר פּנים האָט באַקומען די פאַרב פון יענע קיבוצישע פּרויען, וואָס פון שווערער האָרעוואַניע און אָנשטרענ־גונג איבער די כּוחות ווערן זיי פאַרקוואַרט פאַר דער צייט. בלויז וויניקע צייכנס זענען געבליבן פון יענער יהודית, וואָס האָט מיט אירע גרויסע גרין־גרויע אויגן און טונקל־רויטע האָר צעברעקלט אַנדערסעס אַרמיי און אַריינגעצויגן אין די קיבוצים מער פון זיינע זעלנער ווי די מיט וועלכע ער איז אַוועק קיין מצרים...

דער נשף איז אויסגעפאַלן אין די שיינע פרילינגדיקע טעג אין עמק. די פעל־דער זענען געווען באַלאָדן מיט פרישן גרינס און גוט־ריפנדיקער תבואה. די מענטשן אין קיבוץ זענען געווען אויפגעוועקט ווי די פייגל אונטערן הימל. דער דרויסן האָט געשמעקט מיט צייטיקייט און זאַטקייט. צום נשף זענען געקומען מענטשן אפילו פון די קיבוצים אין ירדן־טאָל, אָפיצירן און אונטעראָפיצירן אין דער קאָמאַנדע, צו וועלכער אַביגדור געהערט. אין מיליטערישע אויטאָמאָבילן זענען פון חיפה און פון גליל געקומען יונגע, זון־פאַרברענטע מענטשן, וואָס זייער טונקעלע הויט האָט זיך פיערלעך אָפּגעשלאָגן פון זייערע בלאַנק־ווייסע העמדער מיט די פאַרשאַרצטע אַרבל און צעכראַסטעטע קאָלנערס. דוד בן־גוריון האָט גע־שיקט זיינעם אַ פאַרשטייער, אַן אָפיציר אין ראַנג פון אַביגדורן מיט אַ פּערזענ־לעך בריוו, אַז ער, אַביגדור, „האָט אויסגעפירט אַ העלדישע שליחות, וואָס די אומה וועט זי אים קיין מאָל נישט פאַרגעסן״. אַלע געסט צוזאַמען מיט די מענטשן פון קיבוץ האָבן אויסגעזען ווי איין גרויסע משפחה, וואָס אַ גאַנץ יאָר איז נישטאָ

קיין צײַט זיך צו באַגעגענען, נאָר איצט טרעפן זיי זיך ענדלעך אויף אַ „מה שלומך?"

פון אָנהייב דעם נשף האָבן זיך אליעזר אַרטאַפּאַנוס, דוד און יוכבד געפילט ווי זיי וואָלטן געהערט צו אַן אַנדער וועלט, אַ געפיל וואָס עס האָבן מענטשן פון שטאָט, וואָס נוצן אויס די גאַסטפרײַנדלעכקייט פונעם קיבוץ, און נישט גע־קוקט דערויף וואָס אויפן טויער הענגט אַן אָפּגעבליאַקעוועט שילדל, אַז „אין קיבוץ הערשט די קראַנקייט פון מויל און טלאָען", כאַפּן זיי זיך אַרײַן אין עס־צימער, לענען זיך אונטער דאָס האַרץ און פאַרשווינדן... באַלד אָבער ווי עס איז באַוווסט געוואָרן, אַז צווישן די געקומענע געפינט זיך אַביגדורס פאָטער, אַ דאָק־טער אין צוויי מלחמות אין ישׂראל, און אַז ער האָט אָפּגעפונען דעם זון ערשט ווען ער איז אַ שווער־פאַרוווּנדעטער געבראַכט געוואָרן אין שפּיטאָל — איז ער, ווי דער ברודער דוד און זײַן שטאָטישע „חתיכה" יוכבד, אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער משפּחה, ווי זיי וואָלטן דאָ געווען ותיקים.

חברים פון קיבוץ האָבן מאַניפעסטירט זייערע מוזיקאַלישע און קינסטלערישע פעיִקייטן. דער אַלטער בחור אַברהמל האָט געשפּילט אויף אַ האַרמאָשקע אוווער־טורעס פון מייערבערס און ווערדיס אָפּערעס. אַ פּאָרל זינגערס פון חיפה האָבן אויסגעזונגען נאָסטאַלגישע פּלמ"ח־לידער, וואָס אַ סך האָבן זיי אונטערגעכאַפּט, און קוקנדיק איינער אויפן צווייטן, האָבן זיי די לידער מער אַרײַנגעזונגען אין זיך ווי אַרויסגעזונגען פון זיך. אַביגדור, אויף זײַן וועגעלע, האָט געהאַלטן דנין אויף די קני און געבאָדן זײַן פּנים אין דעם קינדס נאַקן; פון אַ זײַט האָט אַביגדור געקוקט אויף זײַן פאָטער, וואָס איז געזעסן נעבן אים, אויפן גראָז. דער פאָטער האָט אים אויסגעזעצן מיד און אַלט. חדשים האָט ער אים געזען אין שפּיטאָל. דער ערשטער מענטש וואָס ער האָט דערזען דורך די מאַרלע־לעכער, ווען ער איז צוריקגעקומען צום באַוווסטזײַן, איז געווען דער פאָטער. דורך דער צײַט האָבן זיי אַ סך געשמועסט, אָבער אַביגדור האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דער פאָטער האָט נאָך גאָרנישט דערציילט. עפּעס איז געשען וואָס לאָזט אים נישט דערציילן אַלץ...

מײַערבערס און ווערדיס ניגונים האָבן זיך פאַרמישט מיט די ניגונים פון די פּלמ"ח־לידער און ביידע האָבן זיך אויסגעלאָזט אין אַן אומעטיקער בענקשאַפט, כאָטש דער עולם איז בפירוש געווען פריילעך. ווי אַלע וואָלטן געפילט, אַז „ס'איז נישט דאָס וואָס וואָלט געדאַרפט זײַן", האָט אַן עמעצנס צייכן דער עולם פאַר־לייגט די הענט אויף איינאַנדערס אַקסלען און געטאַנצט אַ האָרע. ביידע, אַברהמל מיט זײַן האַרמאָשקע און דאָס פּאָרל זינגערס מיט דער גיטאַרע, האָבן אונטער־געכאַפּט דאָס זינגען פון די האָרע־טענצער. יוכבד, וואָס איז געזעסן נעבן דודן אַן אויסגעצויגענעם אויפן גראָז מיט דעם פּנים צום הימל, האָט אים אַ קיצל גע־טאָן: „קום, מ'טאַנצט האָרע!" דוד האָט אָנגעכאַפּט איר האַנט און אַ מורמל געטאָן: „איך וואָלט איצט מיט דיר אַנדערש געטאַנצט". יוכבד האָט אים אַ קוש געטאָן אין די ליפּן, אויפגעשפּרונגען און זיך אַרײַנגעריסן אין האָרע־ראָד. דוד האָט זיך אויסגעדרייט אויף אַ זײַט און נאָכגעקוקט יוכבדס טאַנצן. איר גאַנצער גוף האָט

געטאַנצט מיט אַ קעצישער ווייכקייט. די האָר האָבן דאָ פֿאַרדעקט איר פּנים, דאָ אָפּגעדעקט דאָס פּנים, ווי זי וואָלט אַזוי אַרום געוואָלט רייצן דעם יונגנמאַן, וואָס האָט געטאַנצט פֿון איר רעכטער זײַט. דודן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער יונגער־מאַן האָט בכיוון פֿאַרשאַרצט דעם קורצן אַרבל פֿון יוכבדס בלוזע, כּדי צו באַרירן איר נאַקעטן אַקסל. האָט עס אים אַ ריס געטאָן פֿון אָרט, ווי עפּעס וואָלט אים אַ ביס געטאָן פֿון גראָז, און ער איז מיט כּוח אַרײַן צווישן יוכבדן און דעם יונגנמאַן. יוכבד האָט זיך אײַנגעקלאַמערט אין זײַן נאַקן, געביסן זײַן קאַרק מיט די נעגל און ער האָט געקלעמט איר אַקסל ווי ער וואָלט געוואָלט איר ווײ טאָן. פֿאַרבײַטאַנצנדיק אַביגדורן האָט דוד צו אים געשמייכלט און מיט איין האַנט אַ רוף געטאָן דנין, ער זאָל זיך אָנשליסן אָן טאַנץ. דני האָט אַרומגעכאַפּט דעם פֿאָטער מיט ביידע אָרעמס, זיך געקלאַמערט צו אים, ווי ער וואָלט אים נישט ווען פֿאַרלירן.

„קום, טאַטע“, האָט דוד אַ רוף געטאָן זײַן פֿאָטער. אליעזר האָט פֿון אַ זײַט געקוקט אויף אַביגדורן און זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

יהודית, מיט אַ טיכל אויפֿן קאָפּ און אַרומגעבונדן מיט אַ פֿאַרטעך, האָט גע־קלאַפּט מיט אַ קאָכלעפֿל אין דער דנאָ פֿון אַ פֿאַן און גערופֿן דעם עולם אין חדר־אוכל. דער טאַנץ האָט זיך איבערגעריסן, דער עולם האָט געאײַלט צום חדר־אוכל. אַביגדור האָט אַראָפּגעלאָזט דנין פֿון זײַנע קני און דער פֿאָטער אליעזר האָט אָנגע־הויבן שטופּן דאָס וועגעלע. דני האָט אים געהאָלפֿן. זיידע און אייניקל האָבן איבער דעם גראָז געשטופּט דאָס אינוואַלידן־וועגעלע מיט זייער זון און פֿאָטער.

יוכבד און דוד זענען נעלם געוואָרן אינעם צימער פֿון יהודית און אַביגדור. די פֿענצטער זענען געווען פֿאַרשאָטנט מיט קלעטער־געוויקסן און עס האָט אויס־געזען ווי מיט אַ מאָל וואָלט אין דרויסן געוואָרן טונקל. די שטילקייט איז געווען אַזאַ ווי אין גאַנצן אַרום וואָלט קיין לעבעדיקער מענטש נישט געווען.

„נישט איצט“, האָט אים יוכבד געררייצט. „דאָרט וועט מען ווערן אויפֿמערק־זאַם, אַז מיר זענען פֿאַרשוווּנדן“.

„זיי וועלן דאָרט טאַנצן האָראַ, נאָר אָן דיר“, האָט ער יוכבדן געדריקט צו זיך און זי באַדעקט מיט קושן.

„וואָס וועלן מיר טאָן שפּעטער?“ האָט זי זיך אונטערגעגעבן זײַנע צערט־לעכקייטן.

„דאָס זעלבע וואָס איצט“, האָט ער געמורמלט און געוואָרן שיכּור.

„פֿאַרשליס די טיר! איך וויל זײַן מיט דיר פֿרײַ ווי קיינער מער ווי מיר וואָלטן אויף דער וועלט נישט געלעבט“, האָט זי געזאָגט און דאָך אים נישט באַפֿרײַט פֿון אירע אָרעמס. זיי זענען געפֿאַלן אויף דער שטרויענער מאַטע ווי איין גוף. זי האָט אַראָפּגעריסן פֿון אים דאָס העמד נישט ווי עס וואָלט געווען פֿון לײַוונט, נאָר ווי עס וואָלט געווען אַ וואַנט, וואָס שטערט איר צו זײַן נאָענט צו אים, און אויף זײַנע צערטלעכקייטן אים געענטפֿערט מיט גערייצטן קרעכצן פֿון תּענוגדיקן ווייטיק.

אין דרויסן איז שוין געווען גוט טונקל און אין חדר־אוכל האָט מען געהאַלטן אין דער מיט פון רעדעס, ווען דוד און יוכבד האָבן זיך אַריַינגעשאַרט שטיל און זיך אַוועקגעזעצט אָן אַ זיַיט. אין חדר־אוכל איז געווען וואַרעם און דומפּיק, נישט געקוקט דערויף וואָס די פענצטער זענען געווען צעפּראַלט. עס האָט גערעדט אַ יונגערמאַן מיט אַ רונדן קאָפּ ווי אַ באַלם, מיט געקריַיזלטע בלאָנדע האָר אויף אַ קורצן האַלדז און מיט פעסטע שטאַרק־אָפּגעברענטע אָרעמס. מיט אָפּגעהאַקטע סטאַקאַטאָ־זאַצן האָט ער גערעדט וועגן נעמען נקמה אין די אַראַבער פאַר יעדן טראָפּן יידיש בלוט. די בעסטע נקמה איז צו פאַרטריַיבן זיי אין דער מדבר אַזוי וויַיט, אַז זיי זאָלן קיין מאָל מער נישט געפינען דעם וועג צו אונדזער לאַנד.

„פאַר מדבר־מענטשן און קעץ זענען נישטאָ קיין פאַרשטעלטע וועגן", האָט עמעצער געמאַכט אַ לאַכנדיקן צווישנרוף און דער רעדנער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

„אויך פאַר אַזעלכע מיט אָפּגעהאַקטע פיס ?!"

אויף אַ רגע איז געוואָרן שטיל. דער רעדנער האָט זיך פאַרלוירן, ער האָט געריבן דעם שטערן און צום סוף פאַרענדיקט מיט אַן אויסרוף:

„זאָל לעבן אונדזער גיבור סרן אַביגדור!"

כדי צו פאַרטריַיבן די שפּאַנונג וואָס דער יונגערמאַן האָט גורם געווען מיט זיַינע ווערטער, האָט זיך אויפגעשטעלט איינער פון די קיבוצים־חברים און זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז נישט קיין רעדנער, נאָר ער מוז זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם אַלץ וואָס ער האָט געהערט אין די איצטיקע רעדעס. איידער ער האָט אָנגעהויבן זיַינע פּאָר ווערטער האָט ער אַראָפּגעשלונגען זיַין שלונגביין אַ צען מאָל, געריבן אַ האַנט אָן אַ האַנט און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט „חברות וחברים יקרים":

„מאַרקס און באָראָכאָוו לערנען אונדז, אַז עס קען נישט זיַין קיין פּערמאַנענטע רעוואָלוציע", האָט ער אויסגערופן און געבליבן אַ געהעמטער ווי די מחשבה וואָלט זיך אים אויסגעפּעדעמט. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך אָפּגעפּונען און וויַיטער געזאָגט: „מיר האָבן די רעוואָלוציע געמאַכט, מיר האָבן אַן אייגענע מדינה. דאַרפן מיר איצט אונדזער ניַיעווירקלעכקייט איַינלעגערן אין דעם גע־לעגער פון דער רעוואָלוציע. דאָס וועלן מיר נישט קענען דערגרייכן דורך מלח־מות, נאָר דורך אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, מיר זאָלן קענען בויען אונ־דזער אייגענעם סאָציאַליזם נעבן דעם אַראַבישן סאָציאַליזם. מאַרקס און ענגעלס האָבן געלערנט, אַז די השפּעה פון דער רעוואָלוציע גראָבט אונטער דעם באָדן פון דער רעאַקציע אַפילו דאָרט ווו די רעאַקציע האָט זיך פאַרפּאַנצערט. איך וויל דערמיט זאָגן, אַז אונדזער רעוואָלוציע וועט אַ סוף מאַכן צום אַראַבישן פעאָדאַליזם און ציַיטיק מאַכן די אַראַבישע מאַסן צום סאָציאַליזם. נאָר דעמאָלט וועלן מיר וויסן פון רו און מיר וועלן נישט דאַרפן קיין מלחמות און קיין נקמה און אַזעלכע קרבנות ווי עס האָט געגעבן מיט זיך אַליין אונדזער ליבער חבר אַביגדור, וואָס מיר האָבן אים צוריק אין אונדזער קיבוץ".

ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז עמעצער וועט אים נישט לאָזן רעדן, איז פּעדערדיק אויפגעשפּרונגען אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, מיט אָפּגעבליאַקעוועטע האָר און אַ שטאַרק אָפּגעברענט פּנים, מיט טיפע שאָטנדיקע קנייטשן אויפן שטערן. אָנשפּאַרנדיק זײַנע פעסטע פויסטן אויפן טיש׳ל האָט ער אַרויפגעקוקט צום סופית און געזאָגט מיט אַ זעלבסטזיכערן זעלנערישן טאָן:

„איך בין דאָ אַ גאַסט. אין אַ קיבוץ פון השומר הצעיר. נאָר איך האָב ליב דוגרי. וואָס מיר מאַרקס, וואָס מיר ענגעלס צי דאָרט אַנדערע. מיר האָבן דאָ אונדזער אייגענעם וועג פון יל״ג, פון בערלען און בי. דזשי.. וואָס האָט אונדז דערפירט ביז אַהער. נאַרישקייטן מיט דעם גאַנצן סאָציאַליזם, אויב מיר וועלן פריִער נישט האָבן קיין גרויסע ציוניסטישע מדינה, כדי זי אָנצופילן מיט סאָציאַליזם. אין אַזאַ טעפל״, האָט ער אויפגעהויבן אַ ווײַס פאַרצעלײַען קאַווע־טעפל, „קאָכט מען נישט קיין זופּ. פאַרשטאַנען? אָט האָבן מיר איינס און צוויי אײַנגענומען דעם סיני ביז שאַרם־אַ־שייך און איצט פאָדערן פון אונדז די סאָציאַליסטישע גרויסמאַכט און די קאַפּיטאַליסטישע גרויסמאַכט מיר זאָלן צוריקגעבן וואָס מיר האָבן אײַנגענומען פון דעם וואָס קומט אונדז און פאַר וואָס אויך אונדזער טײַערער סרן אַביגדור האָט אוועקגעגעבן זײַן געזונט. נאַרישקייטן מיט די אַלע רייד אַזוי לאַנג ווי מיר אַליין וועלן אין דעם ראַיאָן נישט זײַן קיין גרויסמאַכט און פאַרפעסטיקן זיך אין אַזעלכע אויסגעברייטערטע גרענעצן, וואָס זאָלן אונדז מעגלעך מאַכן צו דיקטירן די אַראַבער אַ שלום אויף אונדזערע באַדינגונגען. ווי דער קאָמאַנדיר פון סרן אַביגדור זאָג איך אײַך: אָן קרבנות גייט עס נישט. נאָר מיר דאַרפן ווערן אַזוי שטאַרק מיליטעריש, אַז די אומפאַרמײַדלעכע קרבנות זאָלן נישט גיין לאיבוד, נאָר זאָלן אונדז דערפירן צו אַ גרויס ישׂראל מיט אַזעלכע גרענעצן, וואָס זאָלן דערמעגלעכן צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם ווי מיר פאַרשטייען אים. איצט ווערן מיר געצוווּנגען צוריקצוגיין פון סיני, אָבער עס וועט קומען אַ טאָג, אַז נישט נאָר דער סיני וועט זײַן אונדזערער, נאָר גאַנץ ארץ־ישׂראל וועט געהערן צו אונדז. ווינטש איך סרן אַביגדור ער זאָל שנעל און פולשטענדיק געזונט ווערן, כדי ער זאָל ווײַטער זיך קענען אַקטיוו באַטייליקן אין אויסברייטערן אונדזערע גרענעצן פאַר דעם שלום פון אונדזער פאָלק״.

די לעצטע ווערטער האָבן דודן אַ ברי געטאָן.

„ביז וואַנען?״ האָט ער אויסגערופן נישט קענענדיק זיך אײַנהאַלטן.

„ביז דעם פּרת און פון ביידע זײַטן ירדן״, האָט יוכבד געענטפערט אָנשטאָט דעם רעדנער.

די אויגן האָבן זיך געוואַנדן צו דעם יונגן פאָר, וואָס איז געזעסן אָן אַ זײַט בײַם אַרײַנגאַנג. דער רעדנער האָט געפאָכעט מיט דער האַנט, כדי צו ציִען די אויפמערקזאַמקייט פונעם עולם אויף זיך, און אַז ס׳איז געוואָרן רויִק, האָט ער אַריבערגערעדט איבער די קעפּ פון אַלע צו דעם פאָר, וואָס האָט געמאַכט דעם צווישנרוף:

„איך ווייס נישט, צי די פראַגע איז געווען אַן ערנסטע צי איראָנישע. לויט

דעם גאַסטגעבערישן הויז איז זי אַוודאי געווען אַן איראָנישע און עס קען זײַן, אַז אַזוי אויך דער ענטפֿער פֿון דער שיינער חברה דאָרט. אויב אָבער זי האָט זיך אויסגעדריקט ערנסט...״

„זייער ערנסט! איך טראַכט אַזוי״, האָט יוכבד אים איבערגעשלאָגן און ווידער האָבן זיך די אויגן פֿון אַלע געוואָנדן צו דעם פּאָר.

„אויב אַזוי איז גוט״, האָט דער רעדנער ממשיך געווען. „די גרענעצן פֿון ישׂראל ווי אונדזער מדינה דאַרף זײַן, האָבן אָנגעצייכנט אונדזערע אָבות מיט פֿיר טויזנט יאָר צוריק...״

„ערשט בײַם הר סיני!״ — האָט דוד ווידער אויסגערופֿן.

„בײַם הר סיני זענען אונדזערע גרענעצן ראַטיפֿיצירט געוואָרן״, האָט דער רעדנער נישט געלאָזט מער מען זאָל אים איבעררײַסן, „און אויב קיינער פֿון אונדז וועט נישט צווייפֿלען אין אונדזערע צילן וועלן מיר די צילן דערגרייכן. איך ווינטש דיר אַ שנעלע גענעזונג, סרן אַביגדור, איך זאָל דיך צוריק האָבן אין אונדזער אײנהייט פֿאַר דערגרייכן אונדזערע צילן״.

איצט איז געקומען די צײַט פֿאַר דעם פֿאַרשטייער פֿון דעם פּרעמיער־ און זיכערהייט־מיניסטערס שליח. פֿון אַ גרויסער קאַרטאָן־טעקע האָט ער אַרויסגע־נומען אַ קליין בייגעלע פּאַפּיר, דאָס פּאַפּירל האָט געציטערט אין זײַנע הענט, ווי עס וואָלט געווען לעבעדיק און עס רײַסט זיך אַוועקצופֿליִען. ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ צום פּאַפּירל און אַרויסגעלייענט מיט פֿײַערלעכער אָפֿיציעלקייט:

„טייערער סרן אַביגדור אַרטאַפּאַנוס, איך באַגריס דיך צו דײַן אויסהיילן זיך פֿון די וווּנדן, וואָס דו האָסט באַקומען בײַם אויספֿירן דײַנע פֿליכטן פֿאַר דער הייליקער זאַך פֿון דער יִדישער מדינה. דו האָסט אויסגעפֿירט אַ העלדישע שליחות, וואָס די אומה וועט זי דיר קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן. פֿאַר אונדז, און אויך מיט דײַן באַטייליקונג, שטייען נאָך גרויסע אויפֿגאַבן וואָס איך בין זיכער, אַז מיט אַזעלכע זעלנער ווי דו וועלן מיר זיי דער־גרייכן. דרך־אַגב, צוזאַמען מיטן געזונט ווערן דאַרפֿסטו העברעיִזירן דײַן נאָמען. אַרטאַפּאַנוס איז אַ פֿרעמדער נאָמען. ווי מיר וואַרפֿן אָפּ אַלץ וואָס דער גלות האָט געשאַפֿן אַזוי דאַרפֿן מיר אויך די גלות־נעמען פֿאַרבײַטן אויף העברעיִשע. שלום. דוד בן־גוריון״.

דער שליח האָט דאָס פּלאַטערנדיקע בריוועלע צוריק אַרײַנגעלייגט אין דער גרויסער קאַרטאָן־טעקע און זי דערלאַנגט צו אַביגדורן. בעת די אויגן פֿון אַלע זענען געווען געווענדט צו אַביגדורן, האָט ד״ר אַרטאַפּאַנוס זיך דערנענטערט צום פּאָדיום און נאָך איידער ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן האָט ער געזאָגט מיט פֿאַמיליאַ־רער פֿרײַקייט:

„איך בין דער פֿאָטער פֿון דעם סרן אַביגדור און פֿון יענעם זעלנער, וואָס זיצט דאָרט, בײַם אַרײַנגאַנג, דוד הייסט ער, צוזאַמען מיט דער שיינער יוכבד,

וואָס האָט אַ גרויסן טייל אין אָפּראַטעווען דאָס לעבן פון מײַן זון. איך האָב געהאַט נאָך אַ זון, רפאל, צוויי טעכטער, נחמה און רחל, און זייער מוטער לאה... לאה... געדענקט איר, מײַנע זין, אײַער מוטער לאה?", האָט ער זיך געוואָנדן אין זאַל אַרײַן. „יהודית איז פון דעם מין מוטערס. פאַר דעם בלוט פון מײַנע קינדער און זייער מוטער און פאַר דעם בלוט פון אַזוי פיל ייִדישע קינדער און זייערע מוטערס איז אונדז געגעבן געוואָרן אַן אייגענע מדינה און נישט פאַר עפּעס אַנדערש. טייל פון די וועלכע האָבן דאָ גערעדט האָבן אויף מיר געמאַכט דעם אײַנדרוק פון דעראָבערער, וואָס זענען נאָך נישט זאַט דערמיט, וואָס זיי האָבן דעראָבערט און זיי זוכן וועגן ווי צו גיין ווײַטער און אין דער זעלבער צײַט צו געפינען אַ באַרעכטיקונג פאַר דער לעגיטימקייט פון זייערע מעשים איצט און אין דער צוקונפט. איך פיל זיך נישט ווי אַ דעראָבערער און אויך איר זענט נישט קיין דעראָבערער. וואָס שײַך מיך בין איך דאָ געבוירן געוואָרן מיט עפּעס מער פון אַ צוויי טויזנט יאָר צוריק. מײַן נאָמען טראָג איך פון דאַנען און נישט פון גלות, סײַדן פון דעם גײַסטיקן העלעניִשן גלות, וואָס איז געווען דאָ, אין ארץ־ישׂראל, מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, גענוי אַזוי ווי עס שאַפט זיך בײַ אונדז הײַנט אַ גײַסטיקער גלות — נישט קיין ייִדישער, נישט קיין העלענישער, נאָר אַן אַנגלאָזאַקסישער, אַ מאָדערנער גלות אינעם אייגענעם לאַנד. אויך איר אַלע דאָ זענט געבוירן אין ארץ־ישׂראל מיט צוויי, צי מיט דרײַ טויזנט יאָר צוריק, נאָר איר געדענקט נישט. איר זענט דורכגעגאַנגען דורות גלגולים, זיבעציק אָדער אַכציק דורות, און איר האָט פאַרגעסן. איר האָט פאַרגעסן וואָס דאָ איז געשען מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק און פאַר וואָס מיר זענען אַוועק אין גלות, גענוי אַזוי ווי איר האָט פאַרגעסן, וואָס איר אַליין האָט געשאַפן אין גלות אויסער ארץ־ישׂראל. מיר זענען אַוועק פון דאַנען אָרעמע, מיט זיטן איבערגענומען פון געצנדינער, אָדער פאַרחושכטע פון קנאיזם, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט אַן אַנדער געצנ־דינערײַ, און אין דעם לאַנגן גלות האָבן מיר געשאַפן אַזעלכע רײַכע גײַסטיקע אוצרות און אַזאַ נאַציאָנאַלע שטאַנדהאַפטיקייט, ווי מיר וואָלטן געווען אַ מעכטיקע מלוכה מיט אַלע כּלים, וואָס זענען נויטיק צוריקצוקומען אַהיים. איר האָט פאַר־געסן! איך געדענק ווי עס וואָלט געווען הײַנט. אוי, ווי איך געדענק! איך זע פאַר זיך דעם אַוואַנטוריסטישן מלך ינאי, וואָס מלחמות זענען געווען פאַר אים, ווי הײַנט דער ספּאָרט פון פוסבאָל. איך געדענק זײַנע זין אַריסטאָבול, וואָס דער־מאָנט מיר הײַנט דעם קאָמאַנדיר פון דער סיני־קאַמפּאַניע, אַ קאַמפּאַניע וואָס פאַרשאַפט אונדז נישט קיין גרויסן מאָראַלישן כּבוד, כאָטש זי האָט אַ שיינעם נאָמען... קדש, און הורקנוס, וואָס ווען ער וואָלט הײַנט געלעבט וואָלט ער מיט זײַנע אומפעיִקייטן זיך גוט אַרײַנגעפּאַסט צו זײַן אַ חבר־הכּנסת פון אַ רעליגיעזער פּאַרטיי מיט אַמביציעס פאַר אַ מיניסטער. און ווײַל איר געדענקט נישט, גיט איר זיך נישט אָפּ קיין חשבון פאַר וואָס די ייִדישע מדינה מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק איז אונטערגעגאַנגען נאָך דעם ווי זי איז לעוואַנטיניזירט געוואָרן אין פרעמדן שטייגער און קולטור, וואָס איז געבראַכט געוואָרן נישט פון די אינטעלעקטואַלן

פון יענעם פרעמדן שטייגער און קולטור, נאָר פון מיליטערישע צי ציווילע קאַלאַ־ביאַלע באַאַמטע. ינאַי און זײַן זון אַריסטאָבול האָבן געוואָלט דאָס זעלבע וואָס איך האָב דאָ געהערט: מלחמה און אויסשפּרייטונג, נאָר וועגן דעם מיט וואָס אָנצופילן די אויסגעברייטערטע גרענעצן, איז נישט געווען ווער עס זאָל טראַכטן. אַז אונדזער פאָלק און זײַן רײַכע קולטור זענען חרוב ונחרב געוואָרן דורך די דײַטשן, און אַז מיר אַליין, דאָ, פאַרלייקענען און זאָגן זיך אָפּ פון די ווערטן, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן אין זײַן שפּעערישן גלות, מיט וואָס וועט איר אָנפילן די גרויסע מדינה פון ביידע זײַטן ירדן? מיט טאַנקען? מיט האַרמאַטן? מיט קולט פאַר זעלנערײַ, וואָס איז דער ערשטער שריט צו פאַרגרעבטקייט? מיט פרעמדע זיטן און נאָכמאַלפּעווען? מיט באַדינען אַנדערע פאַר אַ געלט־לוין? מיט וואָס? צי איז דער ציל פון דער מדינה צו שאַפן אַ באַפּעסטיקטן געטאָ אַרומ־געדראָטעוועט און אַרומגעמויערט? אַזאַ געטאָ מוז גורם זײַן נישט ווייניקער און אפשר נאָך מער קרבנות ווי מיר האָבן געליטן אין פרעמדע גלותן. צו אַ באַפעס־טיקטן געטאָ מיט מלחמות, אַפילו ער זאָל זײַן אַרומגעדראָטעוועט מיט גאָלדענע דראָטן, וועלן יידן פון דער וועלט נישט קומען. זיי וועלן אויסקלײַבן דעם פיזישן גלות מיט שלום. די וועלכע זענען געקומען אַהער מיט דער מאַסן־עליה וועלן אין דעם באַפעסטיקטן געטאָ בלײַבן אין אַ קולטור־ליידיקייט, צעריסענע אויף שטיקער און צו מאָל פײַנטלעכע קעגנאייגנאַנדער. די ווילדקייט וואָס עס שאַפט מלחמה בלײַבט נישט אויף די פראָנטן, זי דרינגט אַרײַן אין פאָלק און צעזעצט עס. צי טראַכטן וועגן אָט דעם אַלעמען די וועלכע זענען באַנומען מיט דער מאַניע פון מלחמה און אויסשפּרייטונג און זיי זעען נישט ווי מיר ווערן מאָראַליש אײַנגע־שרומפּן און קאָרומפּירט? איך בין נישט אַהיימגעקומען צו אַזאַ מדינה פון וועל־כער איך בין פאַרטריבן געוואָרן — אַן אינערלעך צעריסענע מיט מלחמה־ און אויסשפּרייטונג־גלוסטן, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט חורבן. איך בין אַהיימגע־קומען מיט דער האָפענונג צו בויען אַ מדינה וווּ מיר זאָלן ממשיך זײַן און מערן די גרויסע יידישע און אַלמענטשלעכע ווערטן וואָס מיר האָבן דעראָבערט אויף דעם לאַנגן וועג פונעם פיזישן גלות, כּדי מיר זאָלן נישט דערגיין צו דעם זעלבן וואָס האָט גורם געווען דעם גלות. כ'ווינטש זיך, איך בין מתפּלל מײַנע זין זאָלן מער נישט דאַרפן גיין אין מלחמה; איך זאָל מער נישט דאַרפן אַרײַנקוקן אין די יונגע לײַבער צעריסענע פון קוילן און שראַפנעל־שפּליטערס. דאָס האָב איך גע־וואָלט זאָגן דווקא דאָ!"

פון איין טייל פון דעם זאַל זענען געקומען אַפּלאָדיסמענטן; אין אַ צווייטן טייל האָבן די אָנוועזנדיקע זיך איבערגעקוקט. עמעצער האָט באַמערקט אויפן קול:

„אַ גלות־ייִד בלײַבט אַ גלות־ייִד". יוכבד האָט אַ צי געטאָן דודן ביים אָרעם:

„וואַרט אַ רגע. זיי קענען דאָ דעם פאָטער צערײַסן אויף שטיקער".

דוד האָט זי באַרויִקט:

„ייִדישע גזלנים. זיי וועלן אים נישט צערײַסן. ער האָט זיי צעריסן".

8

אין הויז פֿון יוכבדס עלטערן האָט געשמעקט מיט מילכיק געבעקס און יוסטקייט. די מוטער, אסתּר, אַ דיקלעכע פּרוי אין די מיט פֿופֿציקער, וואָס האָבן נישט פֿאַרווישט איר ווייַבלעכע שיינקייט, מיט אַ שפּעדיקן בוזעם און שמייכלענדיקע אויגן, איז געווען שטאַרק פֿאַרהאַוועט. אייגנטלעך איז זי אַלע מאָל אַרייַנגעטאָן אין דער באַלעבאַטישקייט ביז איבערן קאָפּ. אַלע מאָל איז בייַ איר, ווי זי זאָגט, ערב פּסח.

כאָטש איר עלטסטע טאָכטער, דינה, איז שוין אַליין אַ מאַמע פֿון דרייַ קינדער, און די פֿיר זין, אַלע דערוואַקסענע, זענען זעלטן אין דער היים, צעפֿלויגענע בכל ארבע פּינות הארץ, האַלט אָן אסתּר דעם אימפּעט ווי דעמאָלט ווען די קינדער זענען געווען קליין און איר איבערגעדרייט דאָס הויז.

דאָס מאָל פֿעדערט זיך אסתּר מער ווי אַלע מאָל. יוכבד דאַרף קומען מיט איר חבֿר. די מויד איז שוין אַלט איין און צוואַנציק יאָר. מיידן דאַרף מען אויסגעבן וואָס שנעלער. איר באָבע, פּעסע, עליה השלום, פֿון די ערשטע אייַנגעזעסענע ראשון־לציונער, פֿלעגט זאָגן, אַז אַ טאָכטער איז ווי גערשטן, ווערט ער צייַטיק — שנייַד אים אָפּ, אַנישט שיט ער זיך אויס און גיי זוך די זשאַרנעס אין פֿעלד. איר מאַמע, רחל, עליה השלום, האָט חתונה געהאַט צו זיבעצן יאָר. זי אַליין, אסתּר, איז צו נייַנצן יאָר שוין געווען אַ מאַמע. איר דינהן האָט זי אויסגעגעבן צו אַכצן יאָר און — ברוך־השם. נאָר יוכבד איז שוין איין און צוואַנציק און ערשט איצט האָט זיך באַוויזן אַ בחור.

יוכבד זאָגט נישט, צי דער חבֿר געפֿעלט איר יאָ, צי ער געפֿעלט איר ווייניקער, אויסער וואָס ער איז אַ פּוילישער, פֿון די געקומענע פֿון ד אָ ר ט, און אַז זייַן פֿאָטער איז אַ דאָקטער.

יוכבד האָט אָנדערציילט אַ גאַנצע מעשׂה ווי אַזוי דער דאָקטער האָט אָפּגעפֿונען אין שפּיטאָל זייַנעם אַ צווייטן זון, אַ קיבוצניק, אַ צעבויקערטן און צעלאָמיעטן, די אויגן זאָלן אַזעלכס נישט זען. אסתּר האָט זיך אַפֿילו נישט גוט צוגעהערט צו דעם וואָס די טאָכטער האָט דערציילט. דער עיקר האָט זי געוואָלט הערן, צי איז דער יונגערמאַן אײנער פֿון די וואָס לויפֿט איר נאָך ווי אַ הונט אַ צויג, אָדער די זאַך איז ערנסט. אויב די זאַך איז ערנסט וואָלט עס אַוודאי געווען פֿון הימל: דער פֿאָטער איז אַ דאָקטער, יוכבד איז אַ קראַנקן־שוועסטער, ווערט דער

זון מסתּמא גייט אין פֿאָטערס דרכים און דעמאָלט איז די מויד אַ געמאַכטער מענטש.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען יוכבד איז געווען זיבעצן־אַכצן וואָלט זי, אסתּר, אַוודאי געשטאַנען אין גרויסן. די מויד איז שיין ווי גאָלד, האָט טויזנט חנען, זי קען אײַנשטיין אין פּאַלאַצן. נאָר צוריקגעשמועסט: אויב דער פֿאָטער איז אַ דאָקטער און דער ברודער איז אַ קיבוצניק און דערצו אַ קעפּטן, אַ סרן, דאַרף ער אַליין זײַן אַ לײַט און דער שידוך וואָלט געווען אַ ווילער.

זי האָט די מעשׂה דערציילט איר מאַן, בערלען, נאָר ער האָט זי אויסגעהערט מיט איין אויער. ער איז רק פֿאַרנומען מיט זײַנע געשעפֿטן. צו די פּאָר פּרדסים זײַן אייגנס האָט זיך אים פֿאַרגלוסט זיך אַרײַנצולאָזן אין פלחה אין נגב, מיט שותּפֿים, מיט טראַקטאָרן און פֿאַרשלעפּטע קרענק אַז מען זעט אים זעלטן אין דער היים. ווי נאָר זי האָט אים אָנגעהויבן דערציילן וואָס יוכבד האָט איר געזאָגט, האָט ער אַ הייב געטאָן די הויזן און זי אָפּגעפּטרט דערמיט, אַז ער איז מיט זײַן יוכבדן אויסגעזאָרגט. אויב זי וועט אין איינעם אַ טאָג אים ברענגען אַהיים דעם מלך פֿון סאַוד־אַראַביע, וועט ער זיך נישט וווּנדערן פֿון דאַנען ביז אַהער.

„בערל, פֿאַרגעסט אַז זי ווערט אַן אַלטע מויד?" האָט זי געוואָלט ער זאָל זי אויסהערן.

„זע וואָס פֿאַר אַ מציאה דו האָסט געכאַפּט אַז דו האָסט זיך געאײַלט", האָט ער מיט די גראָבע פֿינגער פֿון ביידע הענט אָנגעוויזן אויף זיך גופֿא און געוואָרט אויף אסתּרס אַ חנדעלע. זי האָט צו אים אַרויסגעבלעקעט די צונג, פֿאַרקנייטשט די נאָז און אויף איר שטייגער אים אונטערגעשטעלט דעם הינטן. מיט אַ פֿעסטער פֿויערישער האַנט האָט ער איר אַ פּאַטש געטאָן אינעם געדיכטן געזעס און אַוועק צו זײַנע געשעפֿטן.

האָט אסתּר צו דודס וויזיט צוגעגרייט אויף מילכיק געבעקס, נישט ווי עס וואָלט געווען אַ „זעען", וואָס מען ווייסט נאָך נישט וואָס פֿון אים וועט אַרויסקומען, נאָר ווי עס וואָלט געווען אַ תּנאים־שרײַבן. זי האָט אויסגעקלאַפּט אַלע אייער, וואָס עס האָבן זיך איר אָנגעזאַמלט די לעצטע וואָך אין לול; אין מכּולת האָט זי אָנגעקויפֿט אַזוי פֿיל פּעקלעך פּוטער און סלאַיקלעך שמאַנט און פּעטע קעזן, אַז דער מכּולתניק האָט אויף איר געקוקט מיט חשד, צי זי האָט נישט געהערט, אַז די פּרײַזן דאַרפֿן שטײַגן און זי קויפֿט אויס די גאַנצע סחורה.

„ווען איז שבֿועות?" האָט דער מכּולתניק געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז צעטומלט, כּדי זי צו מאַכן באַרעדעוודיק.

„פֿון נעכטן איבער אַכט טאָג אין חודש אלול. צי בין איך אַ קאַלענדאַר?" האָט זי אים שטיל געמאַכט. ער האָט געקוקט צו איר איבער די ברילן טאָמער וועט ער דאָך עפּעס וואָס אַרויסלייענען פֿון איר פּנים.

יוכבד האָט געבראַכט איר חבֿר מיט אַ גוטער שעה פֿריִער ווי די מאַמע האָט איר געהייסן. אסתּר איז נאָך געווען אין פֿאַרטעך, מיט דעם געבלומטן טיכל אויפֿן קאָפּ, נישט אָפּגעשמירט די ליפּן און מיט קיין לעק פּודער אויפֿן פּנים. אַז זי האָט

פון הויף געהערט די טריט פון די אָנקומענדיקע און דאָס פרייַע געלעכטער פון יוכבדן, האָט זי געוואָלט אי אַנטלויפן אין שלאָפצימער, דוד זאָל זי נישט זען „אין אַזאַ מעמד" און אי זי האָט געוואָלט זען ווי ער זעט אויס אויפן ערשטן בליק. ווארום די באָבע אירע, פעסע, עליה השלום, פלעגט זאָגן: „דער ערשטער בליק איז פון דער נשמה אַ קיק", נאָר איר ווייַבלעכקייט האָט גענומען די אויבערהאַנט און זי איז געלאָפן „מאַכן פון זיך אַ מענטש".

עס האָט געדויערט ביז יוכבד האָט זיך אָפּגעטריבן פון בריטאַנען, ו׳עם שוואַרצן קודלאַטן הונט, וואָס האָט פאַרוואָרפן זייַנע פאָדערשטע פיס איבער אירע אַקסלען און באַלד זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד ווי ער וואָלט געבעטן זי זאָל אים טרעטן מיט די פיס, זי זאָל פון אים שינדן די פעל, אַבי זי זאָל אים שענקען אַ ביסל ליבשאַפט. זי האָט גערופן אין הויז אַרייַן: „אמא, אמא", כּדי צו געבן דער מאַמען אַ פאַרצייכן, אַז זי איז נישט אַלייך.

דוד איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל פון אַרייַנגאַנג. דער ריח פון מילכיק געבעקס האָט אים פאַרשלאָגן און צעטומלט. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָנעם בייַ־שטידל און פאַרמאַכט די אויגן.

„וואָס איז געשען?" האָט יוכבד אָנגענומען זייַן אָרעם.

„באַלד, באַלד", האָט ער אַרויפגעלייגט זייַן האַנט אויף אירער. ער האָט טיף אַרייַנגעצויגן אין זיך דעם זיסן ריח פונעם געבעקס און אַ קינדערשער שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זייַן פּנים.

„קום, זעץ זיך", האָט יוכבד געדריקט זייַן אָרעם.

„ניין, אַזוי איז גוט", האָט ער געפּעטשלט איר האַנט, „איך בין אין דער היים. אין מייַן היים. דער ריח; שבועות; שמעקעדיקער קעזקוכן; דער ריח פון טאַטאַ־ראַק; די מאַמע אַ יום־טובדיקע און אַזאַ גוטע, אַזאַ גוטע!"

ער האָט אַרומגעכאַפּט יוכבדן און זי געקושט אַנדערש ווי ער האָט זי ביז איצט געקושט, מיט דאַנקבאַרקייט, און ער וואָלט, אַזוי ווי בריטאַן דער הונט, זיך אַוועקגעלייגט דאָ אויף דער שוועל, זי זאָל אים טרעטן מיט די פיס, זי זאָל רייַסן פון אים לעבעדיקע שטיקער און ער וועט איר דאַנקבאַר זייַן פאַר דעם וואָס ער פילט.

אסתר האָט זיי געכאַפּט ווי דוד האַלט זי אין זייַנע אָרעמס און קושט זי. זי האָט אַ קרעכצל געטאָן. דוד האָט זי באַפרייַט פון זייַנע אָרעמס. יוכבד האָט זיך פאַררויטלט. אַ צעטומלטער האָט ער באַוויגן מיט די הענט און זיך פאַרענטפערט:

„ס׳האָט זיך מיר געדאַכט איך בין געקומען אַהיים, צו מייַן מאַמען".

„דאָס איז דוד", האָט יוכבד אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער מאַמען און די רויטקייט אויף אירע באַקן איז באַדעקט געוואָרן מיט אַנגסטן.

דוד האָט געמאַכט אַ פאָר אייַליקע אומגעלומפּערטע שריט פאָרויס און דער־לאַנגט אסתרן די האַנט:

„דוד, דוד אַרטאַפּאַנוס. ס׳איז מיר זייער אָנגענעם צו זייַן בייַ אייַך צו גאַסט", האָט ער איר אַ קוש געטאָן אין דער האַנט. אסתר איז צעטומלט געוואָרן.

„ווייל איז צו האָבן אַ גאַסט אין הויז", האָט זי געטרייסלט זײַן האַנט און מיט דער צווייטער האַנט געגלעט אירע האָר אויף די שלייפן.

אין די פּאָר מינוט ווי זי איז געווען אין שלאָפצימער האָט זי זיך איבער־געטאָן, באַפאַרבט די ליפּן, אָנפּודירט דאָס פּנים און פון אײַלעניש אַריבערגע־שמירט דאָס רויטע ווײַט איבער דער אויבערשטער ליפּ און געלאָזט בערגעלעך פּודער פון ביידע זײַטן נאָז. איר שלווהדיקער שמייכל און די ליכטיקייט פון אירע אויגן האָבן געשטראַלט צו אים ווי זי וואָלט געזאָגט: „איך האָב בכיוון פאַרשמירט מיט רויטס איבער דער אויבערשטער ליפּ און איבערגעלאָזט אינדזועלעך פּודער, כּדי דו זאָלסט זען, אַז עס אַרט מיר נישט". יוכבד האָט עס באַמערקט פון דער ווײַטנס און געזאָגט סאַבריש־חוצפּהדיק:

„ביי מײַן לעבן, אמא, וואָלסט זיך געקענט דערלויבן צו גיין אַ מאָל אין אַ ביוטי פּאַרלאָר אין תּל־אביב".

„דײַן טאַטן געפעל איך אויך אָן אַ ביוטי פּאַרלאָר. האָב איך זיך נישט גוט אָנגעשמירט?" האָט אסתּר מיט ביידע הענט געווישט איר פּנים און זיך געחנדלט.

„איר זענט זייער אַ שיינע. איר דערמאָנט מיר מײַן מאַמען", האָט דוד גע־זאָגט אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט.

אסתּר האָט טריומפירט:

„זעסט שוין, טאָכטער. איך געפעל דײַן חבר אַזאַ ווי איך בין".

„אויך מיר געפעלסטו אַזאַ ווי דו ביסט", האָט יוכבד זיך דערנענטערט צו דער מוטער און אָנגעהויבן אָפּווישן די פּודער־פלעקן פון איר פּנים. „דו ביסט די בעסטע אמא וואָס איז דאָ אויף דער וועלט!"

„אוי, זי דאַרף שוין עפּעס פון מיר, די שמדאַלניצע!" האָט אסתּר געפּאַטשט מיט די הענט.

בערל סימקין איז אָנגעקומען מיט גרויס גערודער און טומל. ער האָט עמעצן גערופן, אָדער געשריגן אויף אים. בריטאַן האָט געאײַלט און געוואָיעט ווי מען וואָלט אים געשלאָגן, ערגעץ־ווו האָט אַ קלאַפּ געטאָן ווי מען וואָלט אַראָפּגע־וואָרפן ברעטער, און אין סך־הכּל איז ער, בערל, אַרײַן אין שטוב אַ באַזאַכטער, געבליבן שטיין אין דער מיט צימער און אַ צי געטאָן די הויזן. ער האָט געהערט פון צווייטן צימער, אַז דאָרט רעדט מען, האָט ער מיט די פינגער פאַרקעמט די האָר, צורעכט געמאַכט דאָס צעכראַסטעטע העמד און גערופן:

„אסתּרל, דערלאַנג מיר עפּעס אַ פּאָר מעשטעס. סעדיה באַשפּריצט דעם גאָרטן, האָט ער מיר געמאַכט אַ בלאָטע און איך בין אין איר אַרײַן".

אסתּר איז אַרײַנגעלאָפן. נאָך איידער וואָס־ווען האָט זי געקוקט אויף אים, ווי ער וואָלט אין גאַנצן געווען אויסגעשמירט כאָטשבי מיט סמאָלע, צי מיט אַן אַנדער אָנשיקעניש. געזען ס׳איז נישט דאָס וואָס איר האָט זיך אויסגעדאַכט, האָט זי געזאָגט שטיל:

„ער איז דאָ. אַ שטיק זון פון הימל!" און אויפן קול: „וואַרט, ריר זיך נישט פון אָרט, כ׳ל דיר ברענגען די סאַנדאַלן".

בערל האָט זיך באַגריסט מיט דודן, ווי ער וואָלט אים געקענט שוין פון לאַנג און דריקנדיק דודס ווייכע האַנט מיט זײַן לעדער־האַרטע האַנט, האָט ער אַ זופּ געטאָן מיט דער נאָז:

„נו, דודל האָט צוריקגעגעבן דעם סיני צו די כאַליערעס די מצרים און דאָרט האַקט מען און מען בראָקט, אַז ס׳וועט קיין מעטער כּביש נישט בלײַבן קיין גאַנצער. אַלץ צעשטערן מיר דאָרט".

„ס׳איז געווען קלאָר, אַז מען וועט געצווונגען ווערן צוריקצוגעבן", האָט דוד געזאָגט נישט קיין צוגעגרייטער צו רעדן וועגן פּאָליטיק. „אַז סײַ רוסלאַנד און סײַ אַמעריקע דראָען אַ קליינע מדינה..."

„וואָס פאַר אַ קליינע מדינה?! אַלע רעדן וועגן אַ קליינער מדינה", האָט בערל סימקין זיך געערגערט. „ווען אַמעריקע מיט רוסלאַנד זענען נאָך אויף דער וועלט נישט געווען זענען מיר שוין געווען אַ גרויסמאַכט, פון נהרים ביז עציון גבר זענען מיר געווען. טאָמער וואָלט אצ"ל בײַם אָנהייב געהאַט איבערגענומען די מאַכט, וואָלטן מיר מיט פאַרוקן געמאַכט דאָס זעלבע וואָס מיט לאָרד מוין און מיר וואָלטן געזעסן אין סיני ווי אַ טאַטע. נאַצערל, וואָס איז געווען פון אונדז באַלאַ־גערט אין פאַלודזשע, וואָלט אַפילו די נאָז נישט געוואָגט אויפצוהייבן. נאָר גיי און רעד מיט די מפא"יניקעס אַז זיי ליגט אין קאָפּ נאָר אַ סאָציאַליסמוס בימינו" — האָט בערל געפּרווט נאָכמאַכן בן־גוריונס שטים.

„אבא", האָט יוכבד געלאָשן די היץ פון איר פאָטערס רייד. „דוד האָט נישט ליב קיין פּאָליטיק, און ער האָט נישט ליב מפא"י און אויך נישט אצ"ל..."

„איז וואָס זשע האָט ער יאָ ליב, אונדזער גאַסט?" האָט בערל אָנגעשטעלט זײַנע אַ ביסל פאַרגאָסענע העל־ברוינע אויגן.

דוד האָט זיך צעשטראַלט און געוואָנדן זײַן פּנים צו יוכבדן.

„פּאָליטיק און די ריחות פון בענזין זענען די לופט מיט וועלכער מיר אָטעמען".

„אוי, ער איז אַ חברהמאַן", האָט בערל אויסגערופן גוטברודעריש, גענומען דודס האַנט אין זײַנער און זי אײַנגעפּאַטשט. „ער געפעלט מיר, דער בחור! פון די לאַגערן בײַ די ימח־שמוניקעס?"

„ניין, געקומען נאָך פריִער פון פוילן", האָט דוד געזאָגט.

„פּראָשע פּאַנאַ; צאַלויען ראַנטשקי; באַטשנאָשטש", האָט בערל געפּרווט רעדן פויליש. „מיר האָבן זיי דאָ געהאַט, די כאַליערעס, מיט זייער גענעראַל. ווי האָט ער דאָרט געהייסן?... יאָ, אַנדערס. אויך אַ ימח־שמוניק. איז וואָס טוסטו אין ישראל, אַ מנכ"ל, אַ בכיר?"

„דערווײַל פיר איך מלחמה", האָט דוד געזאָגט לאַכנדיק. „אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה, סיני־מלחמה און מסתמא גרייט מען צו פאַר מיר נאָך אַ מלחמה..."

„אַוודאי! אַז מען גייט צוריק מוזן זײַן נײַע מלחמות", האָט בערל אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן. „כּל־זמן מען וועט זיי נישט דערלאַנגען דעם אמתן זבענג, וועלן זיי דיר קריכן אין די אויגן אַרײַן".

„לאָז שוין צו רו מיט דײַן פּאָליטיק!" האָט אסתר זיך אַרײַנגעשטעלט צווישן איר מאַן און דודן. „אַלע מאָל אַז ס'קומען געסט מאַכסטו פון דער שטוב אַ כּנסת".

„איך וואָלט פאַרגעלייגט אַז צו דער קומענדיקער כּנסת זאָל דער אבא זיך אַרויסשטעלן אַלס קאַנדידאַט. גאַנץ ראשון־לציון, נס־ציונה און באר־יעקב וועלן שטימען פאַר דײַנעטוועגן. אבא, עס קומט דיר! דו דאַרפסט זײַן אין דער כּנסת!" האָט יוכבד זיך ענטוזיאַזמירט.

„מײַן חברה וועט עס טאָן שוין אויך פאַר מײַנעטוועגן", האָט בערל אָפּגע־האַקט.

דערווײַל איז צוגעפאַלן דער אָוונט. קיינער פון די זין איז נאָך נישט געקומען. דער עלטערער, צבי, אַ קבלן מיט צוויי טראַקטאָרן אין נגב, בײַ מיליטערישע אַרבעטן, ווייסט קיין מאָל נישט ווען ער וועט אַהיימקומען. עס טרעפט: ער מוז בלײַבן אין דער וויסטעניש נעבן די כּלים, די פאַדאַינס זאָלן נישט אויפרײַסן די מאַשינען. די צוויי מיטלסטע זין, איינער אַ געוועזענער אצ"לניק, מאָטל, און דער צווייטער געווען אין לח"י, רפי, האָבן זיך אַרײַנגעלאָזט אין פאַרטיי־לעבן אין „חרות". פון צײַט צו צײַט ווערן זייערע נעמען אַפילו דערמאָנט אין די בלעטער. דער עלטערער פון די צוויי, מאָטל, האָט אַפילו צוגעזאָגט דער מאַמען, אַז אויב „חרות" וועט אַ מאָל איבערנעמען די מאַכט וועט זי האָבן אַ זון אַ מיניסטער. דערווײַל רײַבט ער זיך אַרײַנצוגיין אין דער כּנסת. צו די לעצטע וואַלן איז ער געווען אויף דער רשימה, כאָטש אויף אַ פּלאַץ, וואָס איז מער כּבוד ווי צו געבן אַ מעגלעכקייט אַנצוקומען אין דער כּנסת. דער ייִנגערער ווידער, רפי, וואָס דער טאַטע רופט אים צוציק, וואַקסט אַ צווייטער זשאַבאָטינסקי. אַזוי זאָגט מען אין „מצודת זאב" אין תּל־אביב. ער האָט אַ שאַרף צינגל, קען עמעצן אויסטאָן נאַקעט, אים צוקלעפּן אַ הויקער און דער עולם גלויבט אים. דעם פאָטער דערציילט ער, אַז די וותיקים אין דער פאַרטיי מײַדן אויס צו רעדן וועגן אים, כּדי ער זאָל זיי נישט פאַרויסלויפן דעם וועג. נאָר בערל, דער פאָטער, איז זיכער, אַז זײַן צוציק וועט ווײַט פאַרפאָרן. דער ייִנגסטער זון, פאַר יוכבדן, — גדעון — איז פאַרקאָכט אין זײַן רויטן בערעט מיט די געלע שיך. ער שפּרינגט מיט אַ פּאַראַשוט מיט אַזאַ לײַכטקייט ווי ער וואָלט געבוירן געוואָרן מיט פליגל; ער שפּרינגט אַריבער די יאַרדאַנישע גרענעץ „אָפּצוטאָן אַ שטיקל אַרבעט" אַזוי ווי אַ הירש שפּרינגט איבער פעלזן צו אַ קוואַל זיך אָנצוטרינקען און צוריקצולויפן. שוין צוויי יאָר ווי ער האָט פאַרענדיקט זײַן רעגולערע דינסט, נאָר ער האָט אונטערגעשריבן אויף נאָך אַ ביסל. ער פאַלט אַרײַן צו דער אמא אומגעריכט, אָפט בלויז אויף אַ נאַכט, אָדער אויף צו כאַפּן אַ געשמאַקן ביסן, וואָס נאָר בײַ דער אמא געפינט ער אַזאַ. אַז ער זוימט זיך לענגער און פאַלט אַרײַן מיט אימפּעט אין שטוב אַרײַן, קוקט אסתר דורכן פענצטער, ווי זי וואָלט אים אָפּגעוואַרט ער זאָל זיך אַראָפּלאָזן מיט אַ פּאַראַשוט:

„האָסט שוין פאַרגעסן דער מאַמעס אַדרעס?" שטראָפט זי אים אַלע מאָל מיט די זעלבע ווערטער.

אַז די זין האָבן זיך פֿאַרזוימט און אויף דינהון, דער עלטסטער טאָכטער, האָט מען זיך אַפֿילו נישט גערױכט, מסתמא האָט זי נישט מיט װעמען איבערצולאָזן די קינדער, האָט בערל פֿריילעך אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט מיט אַ האַרטן קלאַפּ, װי מיט צװיי העלצער, און אַרױסגענומען פֿון קרעדענס אַ דיקע פֿלאַש מיט אײַנגעמאַכטן װײַן:

„קודם לאָמיר טרינקען ‚לחיים׳. אַז מ׳לעבט דערלעבט מען גוטס און מען איבערלעבט דאָס פּריקרע”, האָט ער אָנגעגאָסן אין קאַרגע ליאַמפּקעס אויף זייער הויכע דינע פֿיסלעך. „און דו, אסתרל, שטעל אַרױס אױפֿן טיש פֿון דײַנע מעדני מלכים און מיר װעלן די חברה אָנלערנען, זיי זאָלן קומען צו אַ ליידיקן טיש. נו, לחיים!”

דוד האָט טועם געװען פֿונעם װײַן און אַ רגע נהנה געװען פֿון זײַן טעם:

„איך האָב נאָך אַזאַ גוטן װײַן נישט געטרונקען אין ישׂראל”, האָט ער באַװויגן מיט די ליפּן.

„ביסטו טאַקע אַ מבֿין!” האָט בערל געשטראַלט פֿון צופֿרידנקייט. „דאָ אַלע אַרום מעגן זיך קומען צו מיר לערנען מאַכן אַ גוט ביסל װײַן. די אַלע קנאַקערס דאָ אַרום”, האָט ער מיט אַ פֿינגער געמאַכט אַ קרײַז, „האָבן זיך געלערנט די מלאָכה בײַ מײַן זיידן נפֿתלי, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן. אַז ער האָט אַ שמעק געטאָן צו אַ פֿעסל האָט ער געװוּסט װאָס פֿון דעם װעט אַרױס, יין המשומר, אָדער השתנה”.

„אבא!” האָט יוכבד אַ געשריי געטאָן.

„מאַכט נישט אויס, ס׳איז גוט געזאָגט”, האָט דוד אויסגעטרונקען פֿון דער ליאַמפּקע ביז צום סוף.

„ער איז אַן אונדזעריקער!” האָט בערל אויף ס׳נײַ אָנגעגאָסן די ליאַמפּקעס.

„פֿאַרשטייט לשון און נישט װי די הײַנטיקע: פֿון אויסן צירלעך־מאַנירלעך און פֿון אינעװייניק יאָגט אײַן צבֿועק דעם צװייטן”.

װי מיט אַ כּישוף־שטעקעלע איז דער װײַס־געדעקטער טיש געװען באַשטעלט מיט טעלערס און פֿולמיסקעס פֿולע מיט הייסע און קאַלטע מאכלים, פֿאַרביקע סאַלאַטן, רויטע, גרינע און געלע געפּראַװעטע מיט געװירצן. בערל האָט אָנגעריבן די הענט און זיך אָװעקגעזעצט װי צום סדר.

„איר זעט, קינדער, װאָס מיך ציט אַהיים?” האָט ער געװיזן אויפֿן טיש. „מעג איך זײַן אין מעטולאַ צי אין נגבֿ, נאָר אַז איך דערמאָן זיך װאָס מײַן אסתרל צעאַרבעט פֿאַרן טיש, ציט עס מיך װי אַ מאַגנעט”.

אסתר האָט פֿון דער צװייטער זײַט טיש אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן אַ באַליידיקטע. זי װאָלט אים איצט געדאַרפֿט אַרײַנזאָגן אין דער זיבעטער ריפּ. דאָך האָט זי אַראָפּגעשלונגען די פֿלוצים אָנגעלאָפֿענע רויטקייט פֿון איר פּנים. צוריק געשמועסט איז גוט יוכבדס חבֿר זאָל װיסן, אַז זײַן חבֿרה קומט פֿון אַ שטוב, װוּ די מאַמע איז אַ גוטע באַלעבאָסטע און קען קאָכן, און נישט װי די הײַנטיקע

פלאַנדערס וואָס ווילן דער מכּולת זאָל זיי פּאַרקויפֿן אַ פּאַרטיקן טשאָלנט און זיי וואַשן די כּלים אין גומענע הענטשקעס.

די מאכלים זענען געווען געשמאַקע, מיט שאַרפֿע שינויים, יעדעס מאכל מיט אַ גוטן הויפּט־טעם און באַגלייט־טעמען, וואָס מען אײַלט זיך נישט צו שנעל זיי אַראָפּשלינגען. בערל האָט געגעסן מיט אַ פֿול מויל און מיט שטאַרקער פֿאַרנומענ־קייט. עס זעט אויס ווי ער וואָלט פּלוצים פֿאַרגעסן דאָס לשון. ער איז שטאַרק פֿאַרטאָן.

בריטאַנס האָבן אויסגעקוקט אין באַלד נאָך דעם זײַן פֿריילעכע יללה האָט אסתרן אַ ריס געטאָן פֿון פּלאַץ:

„אָט זענען זיי!" האָט זי זיך אויפֿגעשטעלט און געלאָפֿן צו דער טיר.

ס'האָט זיך אַרײַנגעשטעלט רפי, וואָס דער פֿאָטער רופֿט אים צוציק, אַ יונגער־מאַן מיט אַ געדיכט באָוואַקסענעם קאָפּ שוואַרצע האָר, אַ קאָפּ וואָס זיצט אויף אַ דיקן האַלדז ווי אויף אַ זייל. מיט זײַן „ערב טוב" האָט ער אָפּגעדעקט אַ שיין פּנים, ענלעך צו דער מוטער, און שנעל־לויפֿנדיקע שמייכלענדיקע אויגן.

„ערב טוב", האָט אים בערל געענטפֿערט. „ווען דו זוימסט זיך נאָך אַ פּאָר מינוט וואָלסטו געקומען צו אַ ליידיקן טיש".

„אַבאַ, בײַ דער אמא איז קיין מאָל נישטאָ קיין ליידיקער טיש", האָט ער זיך צוגעזעצט בײַ דער זײַט פֿון יוכבדן און אויסגעשטרעקט די האַנט צו דודן, וואָס איז געזעסן פֿון איר צווייטער זײַט. „אויסער דעם האָב איך עפּעס געכאַפּט איידער איך בין אַרויסגעפֿאָרן פֿון תּל־אָביב".

„מײַן חבר הייסט דוד", האָט יוכבד אים געמאַכט אויפֿמערקזאַם.

„זייער אָנגענעם", האָט רפי נאָך אַ מאָל דערלאַנגט דודן די האַנט. „דוד איז אַן אויסערגעוויינלעכער נאָמען! פֿון אַלע גלות־נעמען וואָלט איך פֿון דעסטוועגן געעצהט מען זאָל קינדער אין ישׂראל דאָך אַ נאָמען געבן דוד און שלמה. זיי האָבן אונדז דערלאַנגט גרענעצן אויף צו קענען ווערן אַ גרויס פֿאָלק, אמת מלכות ישׂראל, נישט בן־גוריונס געטאָ".

„אין פּוילן האָב איך אויך געהאַט אַן אַנדער נאָמען", האָט זיך בײַ דודן אַרויסגעכאַפּט.

„ווי האָסטו געהייסן?" איז יוכבד געוואָרן נײַגיריק.

„סטעפֿאַן", האָט דוד געזאָגט אַ ביסל זשענירט און באַהאַלטן געקוקט אויף די אַרומיקע צו זען דעם אײַנדרוק.

„פּראָשען פּאַנאַ פּאַניע סטעפֿאַניע, דזיען דאָברי!" האָט בערל זיך אויפֿגעע־שטעלט און אויסגעצויגן די האַנט צו דודן. „אַלע פּאָליאַקן דאָ האָבן געהייסן סטעפֿאַן. דאַכט זיך אַז אַפֿילו גענעראַל אַנדערס האָט געהייסן סטעפֿאַן".

„נישט אמת!" האָט אסתר דערווידערט. „ער האָט געהייסן וולאַדיסלאַוו".

„זעסט וואָס אַ פֿרוי געדענקט?" האָט בערל אויסגערופֿן, „אוי, אסתרל! וועסט מיר אַ מאָל אָפּגעבן חשבון".

„סטעפֿאַן איז אַ שיינער נאָמען”, האָט יוכבד באַמערקט. „סטעפֿאַן אַרטאַפּאַנוס קלינגט זייער גוט”.

„ס'איז אַ גויִישער נאָמען!” האָט רפֿי דערווידערט מיט אַ פֿול מויל.

„דאָס וואָס מען זוכט ביַי אונדז!” האָט יוכבד זיך אָפּגערופֿן אַ ביסל אַ גע־רייצטע. „ביַי אונדז אַז מען האָט אַ גויִישן פֿאַרנאָמען און מען ענדערט דעם ייִדישן פֿאַמיליע־נאָמען אויף אַ העברעיִשן האָט מען כּמעט אַ זיכערן דזשאָב אַלס שגריר, אָדער קאָנסול, אָדער ווייניקסטנס אַלס הויפּט פֿון אַ וויכטיקער משלחת קיין אויס־לאַנד”.

„צוציק, דיַין שוועסטער איז גערעכט!” האָט בערל אויסגעשריגן. „בחיי, זי ווייסט וואָס זי רעדט. איך אויף דיַין פּלאַץ וואָלט גליַיך אָנגערופֿן בן־גוריונען אָדער משה שרת און אים געזאָגט, אַז מיר האָבן צו גאַסט אַ ייִד מיט אַ גויִישן פֿאַרנאָמען: סטעפֿאַן. זיי וואָלטן אים אויפֿגעכאַפּט און גליַיך אים געשיקט קיין לאָנדאָן אָדער אפֿשר גאָר אין יוניַיטעד ניישאָנס”.

„האָב איך זיך פֿון דעם אומגליק געראַטעוועט און באַציַיטנס צוריק געביטן מיַין סטעפֿאַן אויף דוד”, האָט דוד געזאָגט אַזוי ווי ער וואָלט דערציילט אַן אַנעקדאָט.

„מעגלעך, אַז דאָס איז אַ פֿאַרלוסט פֿאַר דעם ישׂראלדיקן אויסערן־דינסט”, האָט רפֿי געקוקט אויף זיַין שוועסטער און מיט כּוח צעשניטן אַ געפֿילטן פֿעפֿער.

„איך שטעל זיך פֿאָר, אַז יעדער איינער וואָס קען אויסבינדן אַ קראַוואַט און נאָכפּלאַפּלען די טעקסטן, וואָס ער באַקומט פֿון זיַין צענטער, קען זיַין אַן אַמבאַ־סאַדאָר, צי אַ קאָנסול, אָדער ווי זיי רופֿן זיך דאָרט”. האָט דוד צוליב עפּעס גע־וואָלט אָפּהאַקן די טעמע.

דוד האָט באַמערקט, אַז יוכבד איז געוואָרן אומרויִק. ער האָט באַדויערט וואָס ער האָט בכלל דערמאָנט זיַין טויף־נאָמען. אָבער סיַי ווי האָט בערל סימקין אַרויס־געוויזן סימנים פֿון שלעפֿעריקייט. ער האָט פֿאַרצוקט אַזוי פֿיל עסן און נאָכגע־טרונקען אַזוי פֿיל וואַסער, אַז זיַינע אַזוי אויך אַ ביסל פֿאַרגאָסענע אויגן זענען געוואָרן נאָך קלענער און ער האָט געקוקט אויף די זיַיטן ווי ער וואָלט געזוכט אַ פּלאַץ ווו זיך אויסצוציִען און כאַפּן אַ דרימל.

די דריַי אַנדערע זין זענען לסוף נישט געקומען. אסתּר האָט זיך געזאָרגט וועגן גדעונען. גאָט־דער־איינציקער ווייסט, צי ער איז נישט גראָד איצט אויף יענער זיַיט גרענעץ און צי ער האָט זיך נישט צוזאַמענגעשטויסן מיט פֿאַדאַינס. דוד האָט אַ בליק געטאָן אויפֿן זייגער:

„גוט פֿאַרבראַכט — לויפֿט די ציַיט”, האָט ער געזאָגט אַ פּלוצים אַנטשפּאַנ־טער. „גייען נאָך אין דער ציַיט אויטאָבוסן קיין תּל־אָבֿיבֿ?”

„אַ שרות קען מען שטענדיק כאַפּן”, האָט יוכבד אים פֿאַרזיכערט און באַלד זיך באַוואָרנט: „כאָטש אָפּט דאַרף מען וואַרטן לענגער ביז די טעקסי וועט זיך אָנפֿילן”.

בערל איז שוין געשלאָפֿן זיצנדיק ביַים טיש מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ צו

זײַן ברוסט. רפי האָט אויפגעהויבן די הענט צום סופּיט און זיך אויסגעצויגן — אַ סימן: ער איז מיד. האָט דוד געדאַנקט, געזאָגט אסתרן אַ פּאָר גוטע ווערטער, אַז ווען ער פאַרמאַכט די אויגן זעט ער אין איר זײַן מאַמע, גערימט אירע מאכלים און צוגעזאָגט זיך צו פאַרבעטן אַ צווייט מאָל. ער האָט זיך געזעגנט מיט איר און מיט רפי, געהייסן גריסן בערלען און ער איז אַוועק באַגלייט פון יוכבדן.

באַלד ווי זיי זענען אַרויס אין דער טונקלקייט האָט יוכבד פאַרלייגט אַרום זײַן האַלדז אירע אָרעמס און געזוכט זײַנע צערטלעכקייטן. אויך ער האָט געדאַרפט אירע צערטלעכקייטן. איבער זיי איז געשטאַנען די פולע לבנה און דיביימער איבער זייערע קעפּ זענען געווען ווי אַ חופּה. פון ערגעץ איז געקומען אַ שאַרך ווי עמעצער וואָלט זיך דערנענטערט. האָט יוכבד זיך אָפּגעריסן פון דודן און געגאַנגען פאָרויס. דוד איז איר נאָכגעגאַנגען, דערנאָך זי אַרומגעאָרעמט און געלאָזט זיך פירן פון איר. זיי זענען אַריבער אַ בערגל אין דער ריכטונג צום ים. דער דרויסן איז געווען צעליכטיקט, אָבער אַז יוכבד האָט אים אַרײַנגעפירט צווישן די ביימער פון אַ פּרדס, איז פלוצים געוואָרן שטאַרק פינצטער.

„אַהער פלעג איך קומען ווען איך בין געווען אַ קליין מיידעלע”, האָט זי געפּליסטערט און אים געקושט.

„און איצט בין איך דאָ מיט דיר ווען דו ביסט אַ גרויס זיס מיידעלע”, האָט ער געזאָגט אין דעם זעלבן טאָן וואָס זי און אירע ליפּן פאַרזיגלט מיט זײַנע ליפּן. אַ נאַכטפויגל האָט געהוקעט צווישן די ביימער און די שטילקייט געמאַכט אַזוי שטיל, אַז ביידע האָבן געהערט דאָס קלאַפּן פון די הערצער פון אייגאַנדער.

9

די גאַנצע וואָך ווי אליעזר איז געהאַט אַוועקגעפאָרן צו אַביגדורן אין קיבוץ זיך אָפּרוען, איז יוכבד געווען אין תל־אביב, כּדי צו זײַן אַליין מיט דודן. ביז דעמאָלט איז זייער ליבשאַפט געווען ווי געגנבעט, צופעליק, נישט צוגעגרייט, אַ מאָל אין אַ פּרדס, אַ מאָל אין אַ צימער פון אַן אַנדער קראַנקן־שוועסטער אין שפּיטאָל, אַ מאָל אויפן פרײַען פעלד, אָדער זי איז געקומען צו לויפן קיין תל־אביב, ווי אין אַ שׂריפה, נישט ווויסנדיק צי ד"ר אליעזר וועט זײַן אין הויז, און אויב ער וועט נישט זײַן — צי וועט דוד זײַן אין דער היים. און אַז זי האָט דודן געפונען, האָט זי אָנגעהויבן אַראָפּוואַרפן פון זיך די קליידער, ווי זי וואָלט געווען אַרומגענומען מיט פלאַמען און זי וויל פון די פלאַמען אַנטלויפן.

אַלע מאָל האָבן זיי זיך צוזאַמען אויסגעברענט ביז צום סוף פון זייערע כּוחות. אָבער ווי נאָענט זי איז געווען צו אים און ווי נאָענט ער איז געווען צו איר, האָט זי געהאַט דאָס געפיל, אַז עפּעס טיילט זיי נאָך אָפּ.

וואָס איז עס אַזעלכס, וואָס שטייט צווישן זיי? זי האָט נאָכגעטראַכט און אין טראַכטן איבערגעלעבט יעדן זײַן באַריר. האָט זי דאָך דערקענט זײַן ליבשאַפט מיט יעדן ברעקל פון איר לײַב, יעדעס מאָל געפרייט זיך מיט אַ פרײַער אומגעאַנטער ערשטמאָליקער פרייד, אָבער אַ רגע שפּעטער האָט זיך איר געדאַכט, אַז דוד באַהאַלט נאָך עפּעס אויס פון איר. ס'איז נאָך נישט דאָס. זײַן לײַב האָט נאָך סודות, וואָס ער פאַרבאָרגט זיי פון איר. און אַז ער פאַרבאָרגט פון איר סודות פון זײַן לײַב — פאַרבאָרגט ער זיכער אויך סודות פון זײַן נשמה.

זײַט דוד איז צום ערשטן מאָל געווען בײַ אירע עלטערן צו גאַסט און ער האָט זיך געהאַט אַרויסגעכאַפּט, אַז אין פּוילן האָט ער געהאַט אַן אַנדער נאָמען, סטעפאַן, און אים שפּעטער ווידער געענדערט אויף דוד, האָט דאָס געפיל, אַז ער באַהאַלט פון איר סודות, נאָך מער געוועגבערט אין איר. אַליין האָט ער מער וועגן דעם נישט גערעדט און זי האָט מורא געהאַט צו פרעגן. זי האָט אים שוין גענוג געקענט כּדי צו וויסן ווי פילבאַר ער איז. ער איז אַלע מאָל ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע, וואָס פון דעם מינדסטן באַריר וויברירט זי אין אָפּקלאַנג אַ סך לענגער ווי דאָס אויער כאַפּט אויף. זי וויל אים נישט פאַרלירן. זי וויל אַפילו נישט טראַכטן, אַז זי קען אים פאַרלירן.

אַז זי איז געקומען צו אים קיין תל־אביב און זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זײַן

בעט מיט די האָר צעפּלאָשעט ווי פלאַמען, האָט זי אויסגעשטרעקט צו אים אירע לאַנגע אָרעמס און געזאָגט:

„קום, דערצייל מיר אַלע דײַנע סודות, אין גאַנצן, אין גאַנצן, אין גאַנצן, ווי דו וואָלסט זיך אויסגעטאָן מ ע ר ווי נאַקעט!"

ער האָט זיך צוגעזעצט נעבן איר, געגלעט איר שפּעדיקן בוזעם און געפרעגט:

„האָבן מיר נאָך נישט אַלץ זיך דערציילט? האָבן מיר נאָך סודות, אויסער וואָס יעדעס מאָל ווערט דער אויסגעזאָגטער סוד ווידער סוד?"

זי האָט אים צוגעצויגן צו זיך:

„ביסט אין גאַנצן סוד".

„אויך דו", האָט ער צוגעלייגט זײַן אויער צו אירע ליפּן. „ביסט בלויז סוד".

„סטעפאַן, צי אַראָפּ פון מיר די בלוזע, ס'איז מיר הייס פאַרברענט צו ווערן", האָט זי זיך אויפגעזעצט און אַליין זיך אָנגעהויבן אויסטאָן.

„סטעפאַן וועט העלפן זײַן ייִדיש מיידל זיך באַפרײַען פון אירע פאַנצערס", האָט ער געזאָגט אַזוי ווי די ווערטער וואָלטן געווען פון אַ ליד.

„און דאָס ייִדיש מיידל האָט ליב דעם גוי", האָט אויך זי סקאַנדירט.

„האָסט מיך אויף אַן אמת ליב?" האָט ער געפרעגט ווי אַ ייִנגל. „שווער אַז דו האָסט מיך ליב!"

„איך שווער בײַ משה און אַהרון", האָט זי געמאַכט אַ באַוועגונג איבער אירע בריסט און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי מאַכט אַ באַוועגונג פון אַ קריסט בײַם איבערצלמען זיך.

„וואָס איז דאָ משה און וואָס איז דאָ אַהרון?" — האָט ער געוואָלט וויסן.

זי האָט אים צוגעצויגן צו זיך און ווי אַ לערערין אין אַ שול צו קליינע קינדער געזאָגט:

„ווען דו ביסט נישט קיין גוי, וואָלסטו געקענט ,שיר השירים'. אין ,שיר השירים', ווו דו ביסט שלמה און איך — שולמית, שטייט געשריבן: ,צרור המור דודי לי בין שדי ילין', פאַרשטייסט? ,אַ בינטל מירע איז מײַן געליבטער מיר, וואָס רוט צווישן מײַנע בריסט'. אַז איך בין געווען אַ קליין מיידעלע האָב איך געהערט אַ מאָל ווי דער זיידע האָט דערציילט, אַז ווען ער האָט געלערנט אין חדר און ייִנגלעך האָבן געפרעגט וואָס איז דער טייטש ,בין שדי ילין', האָט דער מלמד געענטפערט: ,וואָס רוט צווישן משה און אַהרון'. איצט ווייסטו שוין, אַז איך האָב אמת געשווירן?"

„און פון וואַנען ווייסטו, אַז איך בין אַ גוי?" האָט ער זי געצערטלט. „די הענער אין ראשון האָבן עס אויסגעקרייט, אָדער מײַן פאָטער האָט עס דיר דערציילט?"

זי האָט אַרײַנגעגנומען זײַן פּנים אין אירע ביידע הענט ווי אין אַ בעכער און מיט אירע צעגליטע קעציש-גרויע אויגן אים אַדורכגעדרונגען:

„מיינסט עס ערנסט?"

„איך האָב וועגן דעם נישט געגעבן קיין אַנאָנסן אין די צײַטונגען, אָבער איך האָב עס אויך נישט געלייקנט״.

„און דײַן פאָטער? דײַן ברודער?״ האָט זי אים געדריקט צו זיך ווי זי וואָלט זיך וועלן צוזאַמענגיסן מיט אים, כּדי אים נישט צו פאַרלירן.

„זיי זענען ייִדן״, האָט ער געגלעטעט אירע האָר, ווי ער וואָלט וועלן אײַנגעמען איר אויפרודערונג. „זיי זענען נישט געווען אין קיין קלויסטער. איך — יאָ. און דאָרט האָט מען מיך אַלס ייִנגל געטויפט, ווי אַלע ייִדישע ייִנגלעך אויסבאַהאַלטענע אין קלויסטער. אָבער פון דעמאָלט אָן בין איך פרײַ פון אַלע געטער, סײַ פון ייִדישן און סײַ פון קריסטלעכן גאָט. אַז מען האָט צו פיל האָט מען גאָרנישט. אייגנטלעך איז אפשר די האַנט פון אַ דריטן אייפערזיכטיקן גאָט אין דעם. קריסטן האָבן מיך באַפרײַט פונעם ייִדישן גאָט; ער האָט מיאוס פאַרראַטן זײַנע אויסדערוויילטע ייִדישע קינדער און פרויען. הונדערטער, אפשר טויזנטער עשאַלאָנען מיט ייִדישע קינדער און פרויען האָט ער געלאָזט אָוועקפירן צו פאַרגאַזן און פאַרברענען, צו צערײַסן לעבעדיקערהייט און צו צעשיסן. ער האָט די הונדערטער און טויזנטער עשאַלאָנען מיט די מענטשן געבוירענע אין זײַן אייגן געשטאַלט נישט אַראָפּגעפירט פון די רעלסן. ער האָט די לאָקאָמאָטיוון, וואָס האָבן די באַנען געפירט, נישט דערשטיקט מיט זייער אייגענעם רויך. אָבער אויך דער קריסטלעכער גאָט, דער ייִד פון נצרת, וואָס איז געטויפט געוואָרן ווי איך בין געטויפט געוואָרן, דער גאָט פון קריסטלעכן רחמנות און חסד, האָט נישט רחמנות געהאַט אויף די קינדער און פרויען פון זײַן אייגענעם שטאַם און קיין איינציק מאָל נישט געטאָן חסד און נישט באַוויזן קיין איינעם פון די נסים, וואָס ער האָט אַ מאָל באַוויזן אין ירושלים, אַז די ערד זאָל זיך עפענען און די גאַזקאַמערן און קרעמאַטאָריעס זאָלן אײַנגעזונקען ווערן אין דער ערד. אַזוי, זעסטו, איז אויף מיר אויסגעפאַלן צו דערקענען די אומבאַהאָלפנקייט, ניין, די אַכזריות פון גאָט אַנטקעגן דער רשעות פון מענטש, וואָס ער האָט אים באַשאַפן אין זײַן געשטאַלט, אין זײַן געשטאַלט!״ דוד האָט פאַרקוועטשט די אויגן און געדריקט יוכבדס האַנט. ער האָט גערעדט מיט היץ:

„אַלס קליין קינד בין איך געווען זיכער, אַז די אומבאַהאָלפנקייט איז נאָר בײַם מענטש, און איר גרענעץ איז בײַ די שפּיצן פינגער פון גאָטס הענט. אַז אַ קינד איז אומבאַהאָלפן איז די שוץ אין דער מאַמען; אַז די מאַמע איז אומבאַהאָלפן און דו זעסט, אַז זי פאַרמאַכט זיך אין איר צימער און זי וויינט די קינדער זאָלן נישט זען, איז די שוץ אין דעם מאַן; אַז דער מאַן איז אומבאַהאָלפן און ער ווערט צעקלעמט פון צער — איז זײַן שוץ אין דער גערעכטיקייט פון די מענטשן אַרום אים; אַז דער אַרום איז צעקלעמט, אַ פאַלק, אַ געזעלשאַפט — דעמאָלט הייבט אויף גאָט זײַנע הענט און פון זײַנע פינגער פליסט אַראָפּ חסד און שוץ פאַר זײַנע קינדער. יונגערהייט האָב איך דערפילט דעם שקר. זע, זע, יוכבד, וואָס פאַר אַ געגנדזענע הויט איך האָב באַקומען״, האָט ער אויסגעשטרעקט זײַן אָרעם. „איך דערמאָן זיך ווי מײַן מאַמע האָט מיך אַרײַנגעשטופּט אין טויער פונעם

קלויסטער, איך זאָל דאָרט בלײַבן, איך זאָל נישט אומקומען ווי אַנדערע ייִדישע קינדער זענען אומגעקומען. פאַר מײַנע אויגן, און אין אירע אויגן, איז געווען אַ שרעק, וואָס שרעקט מיך ביזן הײַנטיקן טאָג. און וועט מיך שרעקן ביז מײַן טויט. בין איך, וואָס אַן אמת, נישט באַפרײַט געוואָרן פון שרעקן, פון אומזיכערקייט און, באַליידיק זיך נישט, יוכבד, פון איינזאַמקייט, אָבער פון גאָט בין איך באַפרײַט. פון אַלע געטער! איך געהער נישט צו קיינעם. איך בין אַ פרײַער מענטש און גאָרנישט בינד מיך אויסער דעם וואָס מײַן פאָטער האָט אײַנגעפלאַנצט אין מיר. מער גאָרנישט!"

יוכבד האָט אים צוגעטוליעט צו זיך ווי ער וואָלט געווען אַ קינד און אים געטרייסט:

„דו איבערטרײַבסט און דו לעבסט מיט דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס דאַרפסטו נישט טאָן. ד ו, דו זאָלסט רעדן וועגן שרעק, וועגן איינזאַמקייט און אומזיכערקייט? מיט אַזעלכע שטאַרקע אָרעמס ווי דײַנע? קום, באַווײַז מיר דײַן גוייִשן כּוח וועט אויך דעם ייִד ווערן לײַכטער".

„חוזקסט פון מיר, מיינסט אַז ד אָ ס פאַרענטפערט אַלץ?"

„אַלץ", האָט זי געפליסטערט. „ס'פאַרטרײַבט איינזאַמקייט, שרעק און ס'דערהייבט דיך צום הימל. פילסט די נאָענטקייט פון הימל?"

„איצט רעד נישט", האָט ער געבעטן ווי אַ קינד און פאַרזונקען אין איר לײַב.

אַ פלוצימער צוגווינט האָט צוגעקלאַפּט אַ פליגל פונעם פענצטער און ביידע לײַבער, וואָס האָבן געהאַט אײַנגעדרימלט אין אַ זיסן, מידן דרימל, האָבן אויפגעציטערט. יוכבד האָט געווענדט דעם קאָפּ אַהין פון וואַנען עס איז געקומען דער קלאַפּ, און איר בליק איז פאַרהעקלט געוואָרן אין דער פענצטער־ראַם, ווי אין אַ פאַרכאַפּנדיק בילד: דער פענצטער־פליגל האָט פאַרקלעמט דעם פאָרהאַנג אין אַן אויסטערליש דראַפּירטער נעץ. אין דער דראַפּירונג, ווי אַ מענטשלעכע האַנט וואָלט זי געמאַכט, איז געווען פאַרפלאָנטערט אַן אויסגעקרומטער בלומענטאָפּ, וואָס זײַן געדיכטע אויסגעבויגענע בלעטערקרוין האָט דערמאָנט אָן אַ פרויענקאָפּ און איבער דעם געבלעטער איז אין דער דראַפּירונג געווען געפאַנגען אַ לעבדיק פייגעלע. יוכבד האָט מורא געהאַט צו רעדן, כּדי מיט איר שטים נישט צו צעשטערן וואָס אירע אויגן זעען. האָט זי מיט ביידע הענט אויסגעדרייט דודס קאָפּ אין דער ריכטונג צום פענצטער און ביידנס אויגן און אָטעם זענען צוגעשמידט געוואָרן צום פענצטער און צו דער ליכטיקייט הינטער דעם בילד.

„קען מען פאַרהאַלטן דאָס בילד און עס אויפהענגען אויף דער וואַנט?" האָט זי קינדיש־קאַפּריז געפרעגט.

„צוזאַמען מיט דעם געפאַנגען פייגעלע?" האָט ער געענטפערט מיט אַ פראַגע.

„ס'וועט שטאַרבן פון דײַן עסטעטישער הנאה".

יוכבד איז אַראָפּגעשפרונגען פון בעט, נישט פאַרדעקנדיק איר נאַקעטקייט און צוגעגאַנגען צום פענצטער. דאָס פייגעלע איז צעשראָקן געוואָרן און געפלאָטערט צווישן די פאַלדן פונעם פאָרהאַנג.

„וואַרט, וואַרט, שטיי אַזוי!“ האָט דוד געקוקט דאָ אויף איר נאַקעטן געזונטן מיידלשן גוף און דאָ אויף דעם לעבעדיקן בילד מיט דעם פלאַטערנדיקן פייגעלע. ער האָט אונטערגעשפאַרט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט און אַ גוטע שטילקייט האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זײַן פּנים. באַלד איז אויך ער אַראָפּ פון בעט, צוגעגאַנגען צום פענצטער און שטעלנדיק זיך אַנטקעגן יוכבדן האָט ער געזאָגט:

„לאָמיר ביידע האָבן די בשותּפותדיקע מצווה צו געבן די פרײַהייט צו אַ לעבעדיק באַשעפעניש“.

ער האָט אָנגענומען יוכבדס הענט און זיי איבערגעפירט צו דער פענצטער־ראַם. ביידע האָבן געעפנט דעם פענצטער־פליגל, דער פאָרהאַנג איז ווייך אַראָפּ־געפאַלן, דאָס פייגעלע האָט זיך באַפרײַט אין צימער אַרײַן, אַרומגעפלאַטערט אַרום די ווענט, זיך אָנגעקלאַפּט דאָ אין אַ שענקל, דאָ אין אַ ווינקל פון די ווענט. יוכבד און דוד האָבן נאָכגעקוקט דאָס פלאַטערנדיקע זוכן די פרײַקייט. צוגעטו־ליעט צו זיך זענען זיי אַוועק פונעם פענצטער צוריק צו זייער בעט. דאָס פייגעלע האָט געמאַכט נאָך אַ קרײַז, נאָך אַ קרײַז, און איז אַוועק דורך דער ליכטיקייט פונעם פענצטער. אַ קליין פוכיק פעדערל איז געבליבן נאָכן פייגעלע אין דער לופט פון צימער און פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָט זיך עס אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל.

„האָסט געזען?“ האָט זי געוואָלט וויסן.

„כ׳האָב געזען, יוכבד. און דו האָסט איצט געזען, אַז דאָס האָט דער מענטש באַשאַפן גאָט אין זײַן געשטאַלט, און דער מענטש קען זײַן מיט מער חסד ווי אַלע געטער צוזאַמען... און איצט, אַז מיר האָבן געטאָן וואָס מיר האָבן געטאָן...“

„דעם חסד...“ איז זי אים פריילעך אַרײַנגעפאַלן אין זײַנע אויסגעשטרעקטע אָרעמס.

„באַפרײַט דאָס פייגעלע, האָב איך געוואָלט זאָגן... וואָלט איך אויפגעגעסן אַ קאַלב“, האָט ער פאַרענדיקט.

עס האָט זיך אים נישט געגלוסט אָפּצושיידן זיך פון איר גלאַטיק, ראָזלעך און שמעקעדיק לײַב, פון אירע אויפגעפלאַנצטע פולע בריסט מיט די שאַרפע ברוינע וואַרצל־קרוינדלעך, נאָר דער הונגער האָט אָנגעהויבן אים נאָגן, אַ הונגער ווי ער וואָלט לאַנגע טעג געפאַסט. האָט ער זיך פּלוצים אָפּגעריסן און אויפגע־שפּרונגען:

„זאָג וואָס דו וואָלסט איצט געגעסן און איך וועל דיר דאָס מאכל ברענגען פון דעם צווייטן עק וועלט. קאַוויאַר? לאַקס? געענדזענע לעבער? פילע־סטעק? קלײַב זיך אויס!“

יוכבד האָט מיט אַ קאַפּריזער שטים נאָכגעזאָגט אַלץ וואָס ער האָט אויסגע־רעכנט און צוגעגעבן: „הערינג־סאַלאַט... געפילטע פיש... טשאָלנט מיט קישקע... ווייסט וואָס?!“ האָט זי לסוף אויסגעשריגן, „איך וויל פאַלאַפעל אין אַ פּיטע!“

„מיט כּילבע, אָדער מיט שאַרפע פעפערלעך?“ האָט ער געחוזקט.

„מיט אַ פּאָר שאַרפע פעפערלעך!“ האָט זי זיך אויסגעביטן.

אונטערטאַנצנדיק ייִנגלעריש האָט ער זיך שנעל אָנגעטאָן, איר צוגעוואָרפן

אין דער לופטן אַ קוש און איז אַוועק. ער האָט זיך געזוימט זייער לאַנג. יוכבדן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זײַט ער איז אַוועק איז שוין זיכער פֿאַרבײַ אַ שעה. פֿאַר וואָס זוימט ער זיך אַזוי לאַנג? וואָס איז געשען מיט אים? פֿאַרקוקט צום באַלקן איז איר געווען אי באַנגלעך, אי שלווהדיק. מיט אים וואָלט זי דאָ אַזוי געלעגן איר גאַנץ לעבן און געקוקט צום באַלקן. דער באַלקן וואָלט זיך פֿון אירע בליקן אויפֿגעלייזט אין הימל. דער הימל איז דאָך ווי אַ שפּיגל, וואָס אַלץ שפּיגלט זיך אָפּ אין אים וואָס עס געשעט אויף דער ערד. אָט ליכטיקט ער מיט זון און אָט וואָלקנט ער זיך מיט בייזע וואָלקן־קנוילן. אָט שטורעמט ער צאָרנדיק מיט דונערן און בליצן, ווי די וועלט וואָלט וואָלט אונטערגעגאַנגען, און אָט קליידט ער זיך אָן אין די פֿאַרביקע בענדער פֿון דעם רעגנבויגן און פֿילט אָן די הערצער מיט פֿרייד. אָט דאָ, מיט דודן, וואָלט דער הימל איר געגעבן די סימנים פֿון אירע און זײַנע געמיט־אָפּבײַטן — זייערע שטורעמס, זייערע פֿריידן, זייער זון און זייער רעגנבויגן. געוויטערס? ניין, זײַט זי האָט אים דערקענט, דעמאָלט אין שפּיטאָל, האָט זי אים נאָך נישט געזען קיין צאָרנדיקן, כאָטש אָפּט פֿאַלט ער אַרויס פֿון איר אָנוועזנהייט און ער ווערט פֿאַרטראָגן אין אַן אַנדער וועלט. זײַן פּנים ווערט דעמאָלט שאַרף, ווי אויסגעהאַקט אין אַ פֿעלז, און זי וואָגט נישט אים אַרויסצוּ־וועקן. זי זעט אַז אים איז גוט אין דער פֿאַרטראָגנקייט, וואַרט זי געדולדיק אויף זײַן אויסלײַטערונג.

דוד איז צוריקגעקומען מיט אַ הויכער פֿולער פּאַפּיר־טאָרבע. ווי אַ קונצנ־מאַכער מיט אַ כּישוף־שטעקעלע ציט אַרויס פֿון אַ צילינדער אַ פּאָר טײַבעלעך, צי אַ קעניגל, אַזוי האָט ער מיט באַוועגונגען פֿון געמאַכטער קעצישער ווייכקייט אַרויסגעצויגן צוויי גרינע אוגערקעס, גרויסע ציגאַבער־פֿאַרביקע טאָמאַטן, איין איי, און נאָך אַן איי, און דערנאָך נאָך צוויי אייער צוזאַמען, צוויי שעכטלען סאַרדין, אַ פֿערטל פֿון אַ רויט־באַפֿאַרבטן קאָפּ שווײַצער קעז, און איבעררײַסנדיק די באַ־וועגונגען פֿון כּישוף האָט ער פּאַטעטיש אויסגערופֿן:

„און איצט, יקירתי, יונתי, ציפּור נפשי, כּלתי, גייט דער קאַוויאַר און דער שאַמפּאַן פֿון די סאַברעס“.

ער האָט געמאַכט מיט דער רעכטער האַנט אַ רונדע האָריזאָנטאַלע באַוועגונג און פֿאַרזיכטיק, פֿאַרזיכטיק אַרויסגעצויגן פֿון דער ברוינלעכער טאָרבע איין פּיטע אָנגעפֿולט מיט פֿאַלאַפֿעל, אַ צווייטע פּיטע אָנגעשטאָפּט מיט פֿאַלאַפֿעל און אַ דריטע פּיטע מיט פֿאַלאַפֿעל און צום סוף, מיט אַ שנעלער און געוואָגטער באַווע־גונג, האָט ער אַרויסגעצויגן אַ פֿלאַש גרייפּפֿרוכטן־זאַפֿט און מיט אַ קלאַפּ פֿון געוואַגטקייט און גבֿורה די פֿלאַש אַוועקגעשטעלט נעבן דעם בעט.

„דו גוי, דו אַנטיסעמיט, דו סטעפּאַן! דו לאַכסט פֿון די סאַברעס, פֿון די נײַע מכבייער, פֿון די בר־כּוכבֿאס לאַכסטו?!“ איז זי אַרויס פֿון בעט און געכאַפּט אַ פּיטע מיט פֿאַלאַפֿעל.

„ווי קען איך לאַכן פֿון די סאַברעס, אויב אַ סאַברע האָט מיך אומהיילבאַר

פאַרשטאַכן און איך בין אַ פאַרפאַלענער", האָט אויך ער גענומען אַ פּיטע אויסגע־שטופּט מיט פאַלאַפעל און זיך געשמאַק אײַנגעביסן אין דעם ווייכן טייג.

אין דער מיט פונעם געשמאַקן עסן ווי אויף אַ פּיקניק, האָט יוכבד געזאָגט ווי זי וואָלט סתּם געפּלאַפּלט:

„אײגנטלעך פאַרשטיי איך נישט. אויב דו זאָגסט, אַז דו ביסט נישט קיין ייִד און דו ביסט נישט קיין גוי, און דו געהערסט נישט צו קיינעם, וואָס האָט זיך געצויגן אַהער? ס'איז דאָך אַ ייִדישע מדינה!"

„דו!" האָט ער געענטפערט קורץ און געטאָן אַ פרישן ביס אין אַ גאַנצן טאַמאַט.

„ניין, ערנסט, איך בין נײַגעריק", האָט יוכבד אים סטימולירט.

„ערנסט?" האָט ער אַ הייב געטאָן מיט אַן אַקסל, „מסתּמא האָט מײַן פאָטער מורא געהאַט, אַז אַזוי ווי אין אונדזער וועלט קען מען נישט זײַן סײַ נישט קיין ייִד און סײַ נישט קיין קריסט, איז אויב איך וואָלט געבליבן אין פּוילן, צי אין אַן אַנדער לאַנד וואָלט איך געבליבן אַ קריסט. צווייטנס האָט מײַן פאָטער אַלע מאָל גערעדט וועגן ארץ־ישׂראל ווי וועגן זײַן היים, וואָס ער קלײַבט זיך צו איר צוריקקערן, נאָר עפּעס פאַרהאַלט אים. דער איינציקער וואָס איך טאָר אים נישט פאַרלירן כּדי זיך אַליין נישט צו פאַרלירן, איז מײַן טאַטע".

„דײַן פאָטער איז אַ ציוניסט", האָט יוכבד געמאַכט דעם אויספיר.

ער האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך פון דעם געדאַנק אָפּגעשאָקלט.

„מײַן פאָטער אַ ציוניסט?! ציוניסט, סאָציאַליסט, קאָמוניסט, אַנאַרכיסט — דאָס זענען אַלץ פּראַטעזן, וואָס מענטשן פאַראייגענען זיך לויט יעדנס טעמפּעראַ־מענט. מיט די פּראָטעזן ווערט מען נישט געבוירן, יעדער קלײַבט זיך אויס זײַנע. אָפט טוישט אַ מענטש זײַן פּראָטעזע, אָדער קלײַבט אויס צוויי — אַ ציוניסט־סאָציאַליסט, אַ קאָמוניסט־ציוניסט. אַז עס ווערט אים נימאס — טשעפּעט ער אָפּ איינע פון די צווייטע און בלײַבט בלויז אַ ציוניסט, אָדער בלויז אַ קאָמוניסט, אָדער ער וואַרפט ביידע אַוועק. דו ביסט צו יונג צו געדענקען, אַז די ציוניסטן פון שומר־הצעיר דאָ זענען געווען ציוניסטן פאַר דער אינערלעכער באַדערפע־ניש און קאָמוניסטן פאַר זייער אוניווערסאַליזם מיט סאָוויעט־רוסלאַנד אַלס זייער גײַסטיק פאָטערלאַנד. זיי האָבן געוואָלט אַ בי־נאַציאָנאַלע מדינה פון ייִדן מיט אַראַבער. זיי האָבן דאָס אַלץ אַרײַנגעוואָרפן אין מוזיי און איצט באַגנוגענען זיי זיך בלויז מיט דער פּראָטעזע ציונות. און אַ סך פון דעם יונגן דור האָבן די ציונות אַרײַנגענומען אין חדר פון חוזק. ,ער רעדט שוין ציונות' זאָגן זיי מיט שפּאָט, אַ סימן, אַז דער וואָס רעדט פּריידיקט פאַרעלטערטע נאַרישקייטן, אַנאַ־כראָניזמען פון דער תּקופה ווען מען האָט גערעדט העברעיִש מיט דעם רוסישן אַקצענט און געטראָגן אַ טאָלסטאָיִשע רובאַשקע ווי אַ צייכן פון אָנגעהעריקייט צום סאָציאַליסטישן לאַגער פון ציוניזם. אַלץ פּראָטעזן".

„און דײַן פאָטער?" האָט אים יוכבד דערמאָנט.

„אַ, יאָ, מײַן פֿאָטער. איך פֿלאָפּל נעבן דיר אַזוי פֿיל, אַז איך פֿאַרגעס פֿון וואָס איך האָב אָנגעהויבן. מײַן פֿאָטער איז נישט קיין ציוניסט — ער איז אַ טייל פֿון ארץ־ישׂראל, ווי דער זאַמד דאָ אין לאַנד; ווי די פּאַלמע, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פֿון זיך אַליין פֿון דער היגער ערד; ווי די פֿעלזן פֿון ירושלים. וואַרט, וואַרט, געדענקסט דאָך דעמאָלט אין קיבוץ, אויף דער מסיבה פֿאַר אַביגדורן, ווו מײַן פֿאָטער האָט די גיבורים דערציילט, אַז ער איז דאָ געבוירן געוואָרן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק און זײַן נאָמען שטאַמט נאָך פֿון דאַנען, און אַז ער איז נישט אַהיימגעקומען כּדי דאָ צו לעבן אין אַ באַפֿעסטיקטן געטאָ מיט מלחמות. געדענקסט די באַמערקונג, אַז ער איז אַ גלות־ייִד? דאָ, טאָמער איז מען נישט מסכּים מיט אַ קאָנוועגציאָנעלער נאַרישקייט, ווערט מען באַלד געשטעמפּלט ווי אַ ייִד פֿון גלות. כּלומרשט פֿרײַ פֿון גלות זענען דאָ בלויז די, וואָס דרעשען אינדאָקטרינירטע פֿראַזן און שמעקן צו די פּאַרטייִשע ווינטן אין וועלכער ריכטונג זיי בלאָזן".

יוכבד האָט זיך פּלוצים צעלאַכט און ער האָט געזוכט אויף זײַנע קליידער און אויף זײַנע הענט די סיבה פֿון איר געלעכטער.

„אַ נאַרישע אַסאָציאַציע", האָט זי געזאָגט לאַכנדיק ווײַטער. „נעבן אונדז, אין ראשון וווינט אַן אַלטער בחור. דערציילט ער אַלעמען, אַז ער שטאַמט אין אַ גלײַ־כער ליניע פֿון דוד המלך. אַ צווייטן קרוב פֿון דוד המלך האָט ער געפֿונען אין חיפֿה און ער האָט געהאַט צו יענעם טענות הלמאי ער האָט חתונה געהאַט און לאָזט אַרײַן אין דוד המלכס משפּחה סתם עם־הארצים".

„איך קען אַ דריטן קרוב פֿון דוד המלך", האָט דוד זיך דערמאָנט. „איך האָב זיך צוזאַמען מיט אים געלערנט העברעיִש אויף הסתדרותישע קורסן. ער האָט מיר אַפֿילו געוויזן, אַז ער האָט דעם זעלבן סימן אויפֿן שטערן וואָס עס האָט געהאַט דוד המלך".

„וואָס פֿאַר אַ סימן אויפֿן שטערן? אַ סימן האָט אַ מאַן ערגעץ אַנדערש־ווּ און נישט אויפֿן שטערן", האָט יוכבד זיך נישט געקענט באַהערשן פֿון פֿרײַען געלעכטער.

דוד האָט געמאַכט, אַז ער טראַכט־נאָך זייער ערנסט און לסוף געזאָגט:

„דער סימן האָט דוד המלך געהאַט מסתמא פֿון דעם וואָס בת־שבע האָט אים געוואָרפֿן אַ טעלער אין קאָפּ אַרײַן, ווען ער האָט זי געוואָלט באַשלאָפֿן מיט כּוח".

„איך וואָלט אויך אַזוי געטאָן", האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ. „נאָר דיר וועל איך קיין טעלער נישט וואַרפֿן".

ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, זי באַצוווּנגען און זי אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן בעט:

„איצט ווער זיך מיט אַ טעלער", האָט ער צוגעלייגט זײַן נאָז צו אירער.

„איך וועל זיך נישט ווערן", האָט זי אים אַרײַנגעפּליסטערט אין פּנים און אים צוגעדריקט צו זיך.

10

אַברהמל, מיט זײַן פֿאַרקלײַיעַנט פּנים און פֿינטלדיקע אויגן, איז געשטאַנען אַרײַנגעבויגן אין פֿענצטער פֿון יהודית און אַביגדורס צריף און אַהין אַרײַנגערעדט מיט אַ געדיכט אויפֿגעהײַטערט לשון. ווי זײַן שטייגער אין פֿאַלן פֿון אויפֿגעלעבטקייט, האָט ער גערעדט אַ געמיש פֿון ייִדיש מיט העברעיִש, וואָס איז געוואָרן איין לשון. ער איז נאָך געווען אין מיטן פֿון דער אַרבעט אין דער רפֿת, אין הויכע פֿאַרמיסטיקטע גומי־שטיוול, מיט ברייטע אָפּגעבליאַקעוועטע אין די כאַליעוועס אַרײַנגעלאָזטע פּלודערן, און אין אַן אָפּגעשאָסענער בלוזע.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַ זאַך, וואָס קען גוט זײַן פֿאַר אַביגדורן. האָט ער אַלץ איבערגעלאָזט, אָפּגעווישט די הענט אָן די פּלודערן און אַוועק זאָגן יהודיתן וואָס ער האָט זיך דערמאָנט. דערמאָנט האָט ער זיך פֿון וועגן דער זאַך פֿאַר אַביגדורן, ווײַל ער האָט געטראַכט וועגן איר, יהודית.

די געליימטקייט פֿון אַביגדורס פֿיס טרעט אָפּ צו לאַנגזאַם. פֿון די אַלע מאַסאַזשן, עלעקטרישע נעדעלעך און רײַבעניש, העכער אַ האַלב יאָר נאָך זײַן אַהיימקומען פֿון שפּיטאָל, קען ער אויף זײַנע פֿיס נאָך נישט שטיין קיין איין מינוט. אַז מען הייבט אים אויף פֿונעם וועגעלע, ער זאָל מאַכן אַ פּאָר טריט, דאַכט זיך אים, אַז אָט הייבט ער אָן גיין מיט זײַנע אייגענע כּוחות, נאָר אַזוי שנעל ווי מען לאָזט אים אַליין, שטייט ער אַ פּאָר רגעס און זײַנע פֿיס ברעכן זיך אײַן אונטער אים. איז ווי אַברהמל האָט שטאַרק מיטלײַד מיט אַביגדורן, אַזוי איז אים אַ גרויס רחמנות אויף יהודיתן. עס דאַכט זיך אים, אַז איידער אַביגדור וועט אָנהייבן גיין, וועט זי זיך אײַנברעכן. אָפּט איז זי אַפֿילו פֿריילעך, ווי זי איז געווען אַמאָל, אָבער אַברהמל פֿילט, אַז די פֿריילעכקייט איז אַ געמאַכטע.

גראָד די הײַנטיקע נאַכט איז אים יהודית אַרײַן אין חלום און ער איז מיט דעם חלום אויפֿגעקומען ווי ער וואָלט געוואָרן ייִנגער. אין חלום איז זי געשטאַנען אַזוי נאָענט צו אים אַז ער האָט געפֿילט איר שמעקעדיקן אָטעם אויף זײַן פּנים. אויף איר רעכטן שלייף האָט ער געזען אַ ברוין חן־פּעפּערל, וואָס ער האָט עס ביז איצט נישט באַמערקט. גייענדיק באַגינען צו דער רפֿת האָט ער געטראַכט אָפּצוטרעטן בײַ יהודיתן און פֿון נײַגער זען, צי איז טאַקע אַ חלום אַ נאַר, ווי מען פֿלעגט זאָגן ד אָ ר ט, אָדער אַ חלום קען אויך זײַן אמת. און אַז ער האָט אַזוי געטראַכט, האָט ער אַזוי געטאָן נאָך איידער ער האָט זיך דערטראַכט אַזוי צו טאָן.

די פיס האָבן אים אַליין געפירט, ער איז אַראָפּ פון דעם צעמענטענעם שטעגל, און שטראָם, דורך דעם גראָז־פּליין, אַוועק צום צריף פון יהודית און אַביגדור. נאָר די זשאַלוזעס אויף די פענצטער זענען געווען אַראָפּגעלאָזט. ער האָט נעכטן נאָכן אָונטברויט נישט באַמערקט אויפן לוח פון סידור־העבודה ווען יהודית אַרבעט. מסתמא אַרבעט זי אין אַ שפּעטערדיקער משמרת. שלאָפט זי אַריַין אין טאָג אַריַין. האָט ער אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ פון דער אַנטוישונג און איז אַוועק צו דער קישטאַל.

די אַרבעט האָט אים נישט געמאַכט פאַרגעסן זייַן חלום און אויך נישט וואָס ער האָט זיך דערמאָנט, אַז עס קען זייַן גוט פאַר אַביגדורן. די פיס האָבן אים כסדר געצויגן אַהין. פאַר וואָס האָט ער אין די אַלע יאָרן נישט באַמערקט, צי זי האָט אַ ברוין חן־פּעפּערל אויף דעם רעכטן שלייף, אָדער נישט? עס דאַכט זיך אים, אַז ווען ער וואָלט געקענט מאָלן וואָלט ער אויסגעמאָלט איר פּאָרטרעט אַזוי, אַז ער וואָלט נישט פאַרפעלט אַפילו אַ ציטער פון אירס אַ נאָז־פליגעלע — אַזוי גוט קען ער איר פּנים, נאָר גראָד אַ ברוין חן־פּעפּערל אויף דעם רעכטן שלייף האָט ער נישט באַמערקט. לסוף האָט ער נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט אַלץ גע־לאָזט שטיין און אַוועק אַהין ווו עס האָט אים געצויגן. נאָך פון דער וויַיטנס האָט ער געזען, אַז דאָס פענצטער פון זייער וווין־צימער איז אָפן. האָט ער מיט דער דיקער זיַיט פון דער רעכטער האַנט אַ וויש געטאָן אונטער דער נאָז און צוגעאיַילט זיַינע טריט. ער האָט זיך אַריַינגעבויגן אין פענצטער און געזאָגט אַ הויכן „שלום, יהודיתל, שלום אַביגדור!" דערביַי האָט ער ‚יהודית' געזאָגט אויף יידיש — יהודיסל. „שלום, אַברהמל!" האָט אים יהודית וואַרעם געענטפערט. אַביגדור האָט אויסגעקערעוועט דאָס וועגעלע און צוגעפאָרן נענטער צום פענצטער.

„האָסט זיך אַוודאי פאַרבענקט נאָך אַ גוטער קאַווע", האָט אַביגדור אויפגע־הויבן דעם קאָפּ צום גאַסט.

אַברהמל איז געווען אויסער זיך פונעם נחת וואָס אַביגדור באַגעגנט אים מיט אַזאַ גאַסטפריַינדלעכקייט און אין אַ גוט געמיט.

„כ'על דיר זאָגן דעם אמת", איז זיַין פינטלען מיט די אויגן געוואָרן נאָך שנעלער, „אַ גוטע קאַווע איז פונקט ווי אַ קוש פון אַ שיינער מויד. וועק מיך אויף אַפילו אין מיטן דער נאַכט און איך בין גרייט".

„הערסט, יהודית, וואָס פאַר אַ דאָנזשואַן אַברהמל איז געוואָרן?" — האָט זיך אַביגדור געווענדט צו יהודיתן.

„איך ווייס עס שוין פון לאַנג", איז יהודית צוגעקומען נענטער צום פענצטער.
„אַז ער קומט קיין חיפה קוקט ער נאָך אַלע ‚חתיכות' ".

אַברהמל האָט געוווסט, אַז זי מאַכט לצנות, דאָך האָט אים אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרץ טאָמער פאַלט איר אַ מאָל איַין, אַז אַ שמץ פון אמת איז פאַראַן אין אירע ווערטער. ער האָט געזוכט איר בליק, נאָר זי האָט געקוקט אויף אַביגדורן און מיט אַ האַנט זיך אָנגעשפּאַרט אָן זיַין אַקסל. און אַז זי האָט געקוקט אויף אַביגדורן האָט ער געקענט קלאָר זען איר שיינקייט און זוכן דאָס געחלומטע ברוינע חן־

פעפערל אויף איר רעכטן שליף. דער רעכטער שליף איז גראַד געווען פאַר־וואָרפן מיט אַ געדיכטער כוואַליע פון אירע טונקל־רויטע גלאַנציקע האָר. טאָמער וואָלט אַביגדור נישט געווען דערבײַ וואָלט ער איר דערציילט און געזאָגט, אַז ער וויל אויספרווון צי דער חלום איז טאַקע אַ נאַר און זי זאָל אים זאָגן, צי זי האָט טאַקע אַ חן־פּעפּערל. נאָר אויך אַזוי איז גוט. עס איז גוט צו זײַן נאָענט צו איר. ווען ער ציט אויס די האַנט אין צימער אַרײַן וואָלט ער אָנגערירט איר אָרעם. אויסער אַלעמען האָט ער זיך דאָך דערמאָנט אָן אַ זאַך, וואָס קען זײַן גוט פאַר אַביגדורן.

„מאַך אַ היימישע קאַווע און לאָמיר וויסן פון אַ לעבן אויף דער וועלט", האָט אַביגדור אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף יהודיתעס האַנט.

„מיט העל אָדער אָן העל?" האָט יהודית אָנגעשטעלט אויף אַברהמלען אירע גרין־גרויע ליכטיקע אויגן, וואָס האָבן אים פאַרגאָסן מיט וואַרעמקייט.

אַברהמלען איז גוט געווען, זײַנע אויגן האָבן זיך צעפינטלט און דער קלײַן אויף זײַן פּנים איז רויט געוואָרן:

„וואָס בין איך, אָן אַראַבער בין איך? אַ מאָל פאַרבענקט זיך מיר נאָך אַ ביסעלע ציקאָריע, די קאַווע זאָל שמעקן היימיש, אָבער העל? יהודיתל וויל מיך אויספרווון. אוי, אַביגדור, דו ווייסט אַפילו נישט וואָס דו פאַרמאָגסט".

„אַדרבה, זאָג מיר איך זאָל אויך וויסן", האָט אַביגדור געמאַכט אַ מינע ווי ער וואָלט וועלן אַרויסבאַקומען אַ סוד. „קום אַרײַן און זאָג מיר".

„איך קען נישט, אַביגדור. מײַנע שטיוול קומען פון רפת, וועל איך יהודיתלען אָנטראָגן ס'מיסט?" האָט ער מיט די הענט געוויזן אויף זײַן צו גרויסער אָפּגע־שאָסענער בלוזע.

אַז יהודית איז אַוועק אין קיכל מאַכן קאַווע אינעם עלעקטרישן קענדל, האָט אַברהמל געמאַכט אַ באַוועגונג אין צימער אַרײַן ווי ער וואָלט זי וועלן פאַרהאַלטן:

„כ'וויל יהודיתל זאָל הערן. כ'האָב זיך דערמאָנט... אַז מען ווערט עלטער ווערט מען פאַרבאַביעט... פון דעסטוועגן טרעפט אַ מאָל, אַז ס'איז אמת וואָס אַלטע לײַט זאָגן... אַפילו דאָקטוירים זענען מודה, אַז די אַמאָליקע ברויט מיט שפּינוועבס צו פאַרטאַמעווען אַ צעשניטענעם פינגער איז געווען אַזוי גוט ווי די הײַנטיקע פעניצילין... יהודיתל, איך וויל דו זאָלסט הערן און לאַכן פון מיר".

„איך? לאַכן פון דיר?" האָט יהודית געפרעגט פון דער ווײַטנס. „איך בין נאָך צו קיינעם אַזוי ערנסט נישט געווען ווי איך בין צו דיר".

אַביגדור האָט זיך אַ הייב געטאָן אין וועגעלע מיט די הענט אָנגעלענט אויף די רעדער־ראָמען און קוקנדיק אויף אַברהמלס פּנים האָט ער גערעדט צו יהודיתן:

„דו זאָגסט עס איך זאָל מיינען ס'איז אָן אָנשטעל, אָבער איך מיין אַז ס'איז אמת און דערפאַר זאָגסטו עס אין מײַן קעגנוואַרט. מיר קענען די זאַכן! אין איינעם אַ טאָג וועט אַברהמל אַראָפּנעמען אַ פּאָר הערנער פון אַ בהמה אין רפת און דו וועסט זיי מיר אָנטאָן!"

יהודית האָט פון דער ווײַטנס געלאַכט מיט אַ ליכטיק געלעכטער. אַברהמל האָט נאָכגעלאַכט.

אויף אַ מעשן טעצל האָט יהודית אַרײַנגעבראַכט דרײַ קליינינקע יאַפּאַנישע קאַווע־טעפּעלעך מיט רויטע בלימעלעך. דער ריח פון קאַווע איז פאַרויסגעלאָפן. אַברהמל האָט אויסגעצויגן די האַנט און פאַרזיכטיק גענומען אַ טעפּעלע פון דער טאַץ. די האַנט האָט אים געציטערט.

„נההה", האָט ער אַ שמעק געטאָן צו דער קאַווע, „אַן אמתער גן־עדן־ריח! וואָס זשע האָב איך געוואָלט זאָגן דו זאָלסט הערן?... אין יענע צײַטן פון דער מלחמה צווישן פּוילן און רוסלאַנד איז אַהיימגעקומען מײַנער אַ קוזין... וואָס אַלץ מען דערמאָנט זיך!... איך געדענק אים זייער גוט. בנימין. ער איז אַהיימגעקומען מיט קראַנקע פיס. אַמאָליקע צײַטן קראַנק איז קראַנק. וואָס האָבן דאָקטוירים גע־ ווסט? אַ קרענק האָבן זיי געוווסט... באַנקעס און אַ קאַנע האָבן זיי געוווסט. קראַנקע פיס — קראַנקע פיס. האַלט זיך מיט זיי. נאָר בנימין האָט געוואָלט חתונה האָבן און גיי האָב חתונה מיט קראַנקע פיס אַז דו קענסט קיין טריט נישט מאַכן... האָבן די אַלטע לײַט אין שטאָט געזאָגט: נאָר פּסלען... לײַכטע שלאָפקייטן פּסלט מען מיט השתנה פון אַ מענטש, שווערע שלאָפקייטן — מיט השתנה פון בהמות. האָט בנימין אַזוי געטאָן... געפּסלט אַ וואָך און צוויי און דרײַ וואָכן ביז די שלאָפקייט איז אַוועקגענומען געוואָרן ווי מיט דער האַנט. ער האָט אָנגעהויבן גיין און איז געגאַנגען".

„דאָס, מיינסטו, קען שנעלער העלפן מײַנע געליימטע פיס?" האָט אַביגדור אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו אַברהמלען און איבערגעפירט זײַן בליק צו יהודיתן.

„שאַדענען קען עס נישט", האָט יהודית פאַרזשמורעט אירע אויגן און געוואָרן ערנסט.

אַביגדור האָט זײַן טעפּעלע פון דער קאַווע דערלאַנגט יהודיתן און צוגע־ קלערט זײַן וועגעלע נענטער צום פענצטער:

„ווייסט, אַברהמל, איך האָב אַ בעסערן פּלאַן. לאָמיר אויפשטעלן אַ ברויערײַ צו פאַרוואַנדלען די השתנה פון אונדזערע בהמות אין נאַפט, ווי אַ צוגאָב צו די נאַפט־קוואַלן אין חלץ, וועט אונדזער מדינה ווערן עקאָנאָמיש אומאָפּהענגיק פון אויסערלעכער הילף און דעמאָלט וועט אויך קומען אַ הילף צו מײַנע פיס".

אַברהמל האָט געפינטלט מיט די אויגן, ער איז געווען צעטומלט. אַביגדור מאַכט פון אים חוזק אין די אויגן פון יהודיתן. אָבער כדי זיך אַרויסצומאַכן פון פאַרלעגנהייט האָט ער געזאָגט מיט אַ געהעכערטער שטים:

„איך האָב געזאָגט: אַז מען ווערט עלטער ווערט מען פאַרבאַביעט, פון דעסט־ וועגן טרעפט אַ מאָל, אַז ס'איז אמת וואָס אַלטע לײַט זאָגן... נסיון לערנט מער ווי אַלע אוניווערסיטעטן אין דער וועלט".

אַברהמל האָט געזוכט אַ פּלאַץ אויפן פענצטער־פּאַראַפּעט אַוועקצושטעלן זײַן ליידיק קאַווע־טעפּעלע. יהודית האָט עס אים אַרויסגענומען פון דער האַנט און זייערע ביידנס בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן. עס איז אים געוואָרן וואַרעם

אונטערן האַרץ. ער האָט נישט געזען אין אירע אויגן קיין צייכן פון חוזק. ער איז אַוועק פונעם פענצטער מיט דאַנקבאַרקייט פאַר איר.

מיט אַ שעה אַנדערהאַלבן שפּעטער, אַברהמל איז געשטאַנען פאַרזונקען מיט די גומענע שטיוול אין מיסט אין דער אָפּצוים פון דער רפת. האָט ער דערזען פון דער ווײַטנס דאָס שלאַנקע געשטאַלט פון יהודיתן. ער האָט גוט געקענט איר שטאָלצן יונג־מיידלשן טראָט און דערפאַר האָט ער נישט געקענט מאַכן קיין טעות אַז דאָס איז זי, יהודית. עס האָט אים אַ צי געטאָן צו גיין איר אַנטקעגן, נאָר באַלד בײַם ראַפּטאָוונעם פּרווו האָט ער אַרויסגעצויגן דעם פוס פונעם שטיוול וואָס האָט זיך פעסט געהאַלטן אינעם קלעפּיקן מיסט. ער האָט צוריק אַרײַנגע־שטעקט דעם פוס אין שטיוול און ביסלעכווײַז באַפרײַט זײַנע פיס פון דעם מיסט־זומפּ. ער איז צוגעקומען צו די שטאַנגען פון דער פאַרצוימונג, אַראָפּגענומען דאָס טעמבעל־היטל און דערמיט אַ וויש געטאָן דאָס פּנים.

„יהודיתל, וואָס ברענגט דיך אַהער?" האָט ער געפרעגט סתם, וואָרום לויט איר גאַנג איז ער געווען זיכער, אַז זי גייט צו אים.

„כ'האָב זיך פאַרבענקט צו דיר", האָט זי געזאָגט אַנטקעגנשמייכלענדיק אים.

„מאַך נישט חוזק פון מיר, יהודיתל. פּלוצים זיך פאַרבענקט צו אַברהמלען. הלוואַי וואָלט עס אַזוי געווען".

זי איז געבליבן שטיין פון דער צווייטער זײַט צוים און אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף דעם אויבערשטן אײַזערנעם שטאַנג.

„אַברהמל, צי דאָס וואָס דו האָסט דערציילט מיט דײַן קוזין איז געווען אמת?" האָט זי אָנגעהויבן.

„אַוודאי. כ'האָב זיך דערמאַנט טאַקע דאָ. כ'האָב געזען ווי אַ קו... דאָ אין מיסט... און ס'איז מיר געוואָרן ליכטיק פאַר די אויגן. דורך די פאַרלאָפענע יאָרן איז מיר די מעשה צוריקגעקומען אַזוי קלאָר ווי עס וואָלט געווען נעכטן. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, יהודיתל, אַז מיר אַליין איז עפּעס נישט פויגלדיק צו טראַכטן אַז עס קען העלפן. דאָ, אין קיבוץ, הײַנטיקע צײַטן".

איר ליכטיק כאָטש פריצײַטיק אײַנגעקוואַרט פּנים האָט אים שטיל געמאַכט מיט אַ פּלוצימען קראַמפּ. וואָס האָט זי נאָך שענער געמאַכט. דער אָטעם האָט זיך אים פאַרהאַלטן אויף אַ רגע. ער האָט דערפילט דעם ריח וואָס האָט זיך געטראָגן פון איר און ער האָט געזאָגט פאַרזשמורענדיק פון תענוג די אויגן:

„וואָס קען מען דאָ פאַרלירן, יהודיתל. השתנה פון בהמות דאַרף מען נישט נעמען פון קופּת חולים".

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, באַוועגט אַ ליפּ איבער אַ ליפּ און דערנאָך ווי זיך פאַרענטפערט:

„וואָס קען איך טאָן? איך גלויב אין די זאַכן. ווייסט דען אַ מענטש אַלע סודות פון דער וועלט?"

„זיכער ווייסט ער נישט", האָט אַברהמל זי געשטאַרקט אין אירע ווערטער.

„אַז אַ מענטש טרינקט זיך כאַפּט ער זיך אָן אָן אַ שטרוי, כאָטש... גאָרנישט,

פרווון דאַרף מען... אַ מאָל, צופעליק, מיינסט גאָרנישט און פון אונטער דײַנע הענט קומט אַרויס עפּעס אומגעריכטס. האָסט שוין געהאַט אַזעלכס, יהודיתל?"

יהודית האָט נישט געהערט זײַנע לעצטע ווערטער. זי האָט געטראַכט וועגן איר מאַמען אין זכרון. דאָרט ווייסן זיי וועגן אַלע באַבסקע רפואות. אַ מאָל פלעגן זיי זיך אַן עצה געבן אויך אָן דאָקטוירים. אין די אַראַבישע הײַזער האָבן די אַלטע לײַט זעקעלעך מיט כל מיני געטריקנטע גראָזן צו באַבריִען קעגן ווייטאָקן, פיבער, אויסשיטעכץ און אַלץ דאָס אויסטערלישע וואָס באַפאַלט דעם מענטש. צו דעם האָבן די ייִדן מיטגעבראַכט פון זייערע אַלטע היימען זייערע אייגענע שפּרוכן, קמיעס מיט קרײַטעכצער, וואָס אַ מאָל האָט זי אַליין, יהודית, געקענט זייערע נעמען, ווי ציינעס, געטריקנטער רעבאַרבער, רימיעניק...

„וועגן וואָס טראַכטסטו, יהודיתל? האָט אַברהמל זי אַרויסגעשלאָגן פון פאַר־טראַגנקייט.

„האַ?" האָט זי זיך אויפגעוועקט, „איך טראַכט ווי אַזוי צו פּרווון. אַביגדור גלויבט נישט אין די זאַכן. ער איז זײַן פּאַטערס זון, אַ דאָקטער חוזקט פון די אַלע זאַכן וואָס ער קען נישט פאַרשרײַבן אין אַ רעצעפּט אין דער אַפּטייק".

יהודית האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ. פאַר זײַנע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן איר אָפּגעדעקטער רעכטער שלייף און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער האָט דאָרט דערזען דאָס ברוינע חן־פּעפּערל, וואָס ער האָט אויסגעפּונען אין חלום. ס'האָט אים פאַרגאַסן אַ פּלוצימע פרייד. ער האָט אין חלום געזען די וואָר! איצט איז אַלץ געוואָרן פאַר אים קלאָר. ער וועט יהודיתן העלפן אַוועקשטעלן אַביגדורן אויף די פיס. מער ווי ער אויפן וועגעלע, ווערט זי צעקלעמט פון זײַן קראַנקייט. ער זעט דאָך עס אויף איר פּנים. פון הינטער דער שיינקייט אירער שלאָגט מיט ווייטיק, ווי זי וואָלט אַרומגעגאַנגען מיט אומאויפהערלעכע יסורים.

„איך וועל דיר זאָגן, יהודיתל. רעד אים אײַן, אַז צו די מאַסאַזשן וואָס דו מאַכסט אים האָט דיר דער דאָקטער פון חיפה געהייסן לייגן קאָמפּרעסן. מיט די קאָמפּרעסן וועסטו אים פּסלען מיט דער השתנה פון אַ קו".

„צי ער וועט זיך לאָזן אײַנרעדן", האָט זי מיט דאַנקבאַרקייט געקוקט אויף אַברהמלען. „מענער זענען דאָך עקשנים".

„איך בין נישט קיין עקשן", האָט זיך בײַ אים אַרויסגעכאַפּט.

„דו ביסט אַן אויסנאַם, אַברהמל. ביסט אַ גוטער מענטש און אַ גוטער חבר. וואָלסט געדאַרפט חתונה האָבן", האָט זי אים אַ גלעט געטאָן מיט די ליכטיקע אויגן.

„ווי געפינט מען אַזאַ ווי דו, יהודיתל? גוט צו זאָגן חתונה האָבן".

„דאַרפסט נעמען חופש, אַרויספאָרן אין שטאָט אַרײַן אויף אַ וואָך, קומען אין אַנדערע קיבוצים אין דער געגנט. אַ ווײַב וואַרט אויף דיר, נאָר דו דאַרפסט זי געפינען, אָדער זי דאַרף דיך געפינען. אַז דו שטייסט דאָ מיט די קי, געפינסטו אַ קעלבל און נישט קיין ווײַב".

אַברהמלען איז געווען אי גוט און אי עס האָט זיך אים געקליבן אויף צו ווערן אומעטיק.

„יהודיתל, אַזאַ ווי דו וועל איך נישט געפינען. איז צו וואָס זשע זוכן אַ בריליאַנט אין אַ סטערטע שטרוי ?"

„רעדסט נאַרישקייטן. אַ באַשערטע קומט נישט אַליין אין שטוב אַרײַן. אַפילו אַ צעטל אויף מפּעל הפּיס דאַרף מען גיין קויפן".

יהודית האָט געוואָלט צוריקכאַפּן די ווערטער, נאָר עס איז געווען צו שפּעט. האָט זי אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זײַן האַריקן אָרעם און געוואָרט ער זאָל עפּעס זאָגן. עס האָט געדויערט אַ לאַנגע ווײַל ביז ער האָט געעפנט דאָס מויל. ס'איז אים געווען גוט צו פילן איר האַנט אויף זײַן נאַקעטן באַוואַקסענעם אָרעם. ער וואָלט דאָ אַזוי געשטאַנען שעהען לאַנג און געקוקט אויף איר. צום סוף האָט ער געזאָגט:

„אין אַ פלאַש וועל איך צוגרייטן קי־השתנה און דו וועסט אים זאָגן, אַז דאָס איז קאָמפּרעסן־וואַסער פון קופּת־חולים. אַז דו ווילסט וועל איך פון אַ קופּת־חולים־סלאָיִקל אַראָפּנעמען דאָס בלעטל און עס אויפקלעפּן אויף דער פלאַש השתנה, ער זאָל דיר גלויבן. אַ קראַנקער מוז גלויבן אין אַ רפואה".

„ווען וועל איך עס האָבן ?" האָט זי געוואָלט וויסן.

„אַפילו הײַנט, יהודיתל. כ'ל צולויפן אין מחסן זוכן אַ שיינע פלאַש. פאַר נאַכט וועט די פלאַש שטיין הינטער דײַן פענצטער". זאָגנדיק אַזוי האָט ער געמאַכט אַ באַוועגונג, אַז ער גרייט זיך שוין גיין אין מחסן.

יהודית האָט אים אַ גלעט געטאָן איבער דעם אָרעם און איז אַוועק מיט איר יונג־מיידלשן טראָט. אַברהמל האָט זי נאָכגעקוקט מיט אַ פול האַרץ מיט בענק־שאַפטלעכער פרייד.

שפּעטער, אַז אַברהמל האָט שוין געהאַט אַ פלאַש מיט אַן אַראָפּגענומען בלעטל פון אַן אַלטן קופּת־חולים־פלעשל מיט אַ שטעמפּל „לשמוש חיצוני", האָט ער אַרײַנ־געטריבן עטלעכע קי אין שטאַל, צו די קאָריטעס, און מיט אַ גוט־אויסגעוואַשע־נעם עמער האָט ער זיך צוגעזעצט וואַרטן ביז איינע פון די קי וועט געבן השתנה. אין דער זעלבער צײַט האָט ער אויך געוואָרפן אַן אויג אויף די קי אין דער אָפּצוימונג, אין דרויסן, טאָמער וועט דאָרט זיך פאַרגלוסטן אַ קו צו געבן השתנה. איז אַברהמל געזעסן אין דערוואַרטונג און אין שפּאַנונג, ער זאָל נישט פאַר־שפּעטיקן מיטן עמער. וואָס לענגער ער האָט געוואָרט אַלץ מער איז געוואַקסן זײַן שפּאַנונג און זײַן אומגעדולד. שוין לאַנג ווי ער פאַרנעמט זיך מיט די קי, אָבער ערשט איצט האָט ער באַמערקט, אַז די שטיקלעך צײַען אָפּ לאַנג מיט געבן השתנה, כאָטש אין דער אָפּצוימונג איז זומפּיק ווי די קי וואָלטן גאָרנישט געטאָן נאָר געגעסן און געגעבן וואַסער. פּלוצים האָט ער באַמערקט אין דער אָפּצוימונג ווי אַ קו צעשפּרייט די פיס. איז אַברהמל אויפגעשפּרונגען פונעם אַראַבישן בענ־קעלע אַזוי אומגעלומפּערט, אַז ווען ער איז דורך דעם געדיכטן מיסט צוגעקומען צו דער קו אין דרויסן, איז שוין געווען נאָך אַלעמען. ער איז געבליבן מיט אַ ליידיקן עמער.

ער האָט צוריקגעאײַלט מיט אַ היימישער ייִדישער קללה „אַ רוח אין דײַן

טאַטן אַרײַן״ און זיך ווידער געזעצט וואַרטן. ענדלעך האָט זהבה, אַ ווײַסע קו מיט פלעקן ווי מען וואָלט זי אָפּגעגאָסן מיט קאַקאַאָ, זיך דערבאַרעמט איבער אַברהמלען און אים געגעבן אַ האַלבן עמער פון דעם וואָס ער האָט דערוואַרט. ער האָט די בהמה מיט דאַנקבאַרקייט געפּעטשלט אין הינטן.

„זהבהלע, איך האָב פון דיר נחת מיט דער מילך, וואָס דו גיסט, און איצט האָב איך נחת פון דעם וואָס דו האָסט מיר געגעבן״, האָט ער גערעדט צו דער בהמה, אַוועקגייענדיק צו אַ ווינקל ווו ער האָט געהאַלטן די שײנע ברוינע פלאַש.

11

ערשט נאָך דעם ווי אַביגדור האָט צוריקבאַקומען די כּוחות אין די פיס און ווידער אַרײַן אין דער אַרבעט, פון אָנהייב אין מזכּירות פונעם קיבוץ, האָט אים יהודית דערציילט וועגן איר און אַברהמלס קאָנספּיראַציע צו פסלען זײַנע קראַנקע פיס מיט השתנה פון אַ בהמה. אַביגדור, וואָס האָט שוין געהאָט געהערט פון איר ווי זי איז אין יענער נאַכט, אויפן וועג אין שפּיטאָל, אָפּגעטראָטן אין זכרון בײַ אירע עלטערן פון וועגן אַ נס ער זאָל בלײַבן לעבן, האָט מיט דער פאַרגעבלעכ־קייט פון אַן עלטערן כּלפּי אַ קינד, מסכּים געווען, אַז דאָס פסלען זײַנע פיס מיט אַברהמלס המצאות האָט אים געזונט געמאַכט. נישט מער, ער פאַרשטייט נישט פאַר וואָס דער קיבוץ אַרצי פאַרטרײַבט זי נישט פאַר גלויבן אין נסים פון אַ שטערן איבער דער חורבה מיט דער אינטערוועניץ פון דער לודמירער מויד, דעם ווײַבערשן צדיק אין גן־עדן, און פאַר היילן קאָנטוזירטע פיס מיט השתנה פון בהמות. מילא, ער אַליין, אַביגדור, איז אַ „צוגעשריבענער" צום קיבוץ, דורך יהודית, און כאָטש ביז דעם הײַנטיקן טאָג פאַרשטייט ער נישט די תורה פון השומר הצעיר, וואָלט ער מסתמא אין אַ קיבוץ פון די באַוועגונגען, וואָס האָבן מיט יאָרן צוריק זיך געשפּאָלטן, אויך צווישן מאַן און ווײַב, נישט געקענט לעבן. און אַזוי אויך יהודית. צוזאַמען מיט אירע גלויבענישן אין קמעס און אָפּשפּרע־כעניש, איז זי צוגעבונדן צום קיבוץ ווי דאָ וואָלט געשטאַנען איר וויגל, און בעת דיסקוסיעס וועגן דעם וועג צום סאָציאַליזם דורך דער קיבוצישער באַווע־גונג פון השומר הצעיר, ציטירט זי די פירער פון דער באַוועגונג, מאיר יערי און יעקב חזן ווי אַ פרומער ייִד ציטירט דעם „שולחן ערוך".

די צײַט ווען ער, אַביגדור, איז געווען צוגעשמידט צום וועגעלע, האָט אים נאָך מער פאַרקניפּט מיט זײַן היים אין קיבוץ. אָפּט, ווען חברים זענען געקומען צו אים כאַפּן אַ שמועס, האָט ער געפילט, אַז נישט זיי קומען מיטלײַדן מיט אים, נישט מתוך רחמנות, נאָר אַז דורך זיי ברענגט אים דער קיבוץ זײַן ליבשאַפט.

פון דעם ווי ער האָט דערקענט דודן און פון דעם וואָס דער פאָטער האָט אים דערציילט, וואָלט אַביגדור געוואָלט זײַן ייִנגערער ברודער זאָל זיך אָנשליסן אין אַ קיבוץ. און דווקא אין אַ קיבוץ פון השומר הצעיר. נאָך אַלע זײַנע יאָרן אין לאַנד און נאָך די מלחמות, אין וועלכע ער האָט זיך באַטייליקט, האָט ער, דוד, נישט געשלאָגן קיין וואָרצלען. עס זעט אויס ווי על־פּי טעות וואָלט ער אויפן

וועג ערגעץ אַנדערש־ווו אָפּגעטראָטן אין ארץ־ישׂראל און דאָ געבליבן שטעקן. און על־פּי טעות איז ער אַרײַנגעשלעפּט געוואָרן אין מלחמות, וואָס זענען נישט זײַנע. אויך ער אַליין, אַביגדור, האָט דאָך אַ מאָל אַפילו נישט געטראַכט, אַז זײַן היים וועט זײַן ארץ־ישׂראל. ווען ער איז שוין געווען דאָ מיט דער פּוילישער אַרמיי, איז זײַן ציל געווען דאָרט, פּוילן, ווו ער איז געווען פֿאַרפּליישט מיט די פּרילינגס און האַרבסטן און מיט די ריחות פֿון בליִונג און וועלקונג. איצט איז דער דאָרט אַ פֿאַרשוווּמענער אין ווײַטע און אין געדיכטע נעפּלען, ווי עס פֿאַר־שווימט אין ווײַטע נעפּלען דער זכּרון פֿון אַ נאָענטן מענטש, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק. עס טרעפֿט אַ מאָל און דער ווינט ברענגט פֿון ערגעץ דעם ריח פֿון אַקאַציע, צי לילאַך, אָדער דעם ריח פֿון האַרבסט, בליצט אויף אין אים אַ רגע פֿון דערמאָנונג. אָבער דאָס איז די דערמאָנונג פֿון זײַן קינדהייט און נישט די דערמאָנונג פֿון אַ היים. דאָ, אין קיבוץ, איז ער גאַנץ. דאָ דערנעבן, אין קינדער־הויז, וואַקסט און לערנט זײַן זון, דני. בײַ דער זײַט פֿון זײַן צריף איז זיך צעוואַקסן דער פֿיקוס־בוים, וואָס ער אַליין האָט אים פֿאַר־זעצט אינעם טאָג ווען דני איז געבוירן געוואָרן, און נעבן אים איז יהודית, וואָס איז צו אים אַ מאַמע, אַ ווײַב און אַ געליבטע.

פֿאַר וואָס פּלאָנצט זיך נישט אײַן דוד אַזוי ווי ער האָט זיך פֿאַרפּלאָנצט און געלאָזט וואָרצלען? אַפילו יוכבד, וואָס האַלט אים פֿאַרבאַקן אין זיך, ווי ער וואָלט געווען אַ טייל פֿון איר, ענדערט נישט זײַן אָפּגעריסנקייט. ער, דוד, איז דאָך דער ברודער פֿון אַביגדורן און דער זון פֿון אליעזר, וואָס זײַן שײַכות צו ארץ־ישׂראל איז ווי די שײַכות צו אייגענע גלידער. פֿאַר וואָס זשע איז ער אַזוי אַנדערש? זאָלן עס זײַן די טראָפּנס טויף־וואַסער דאָרט, אינעם קלויסטער, אין די יאָרן פֿון בראַנד? איז עס מעגלעך, אַז דער כּישוף פֿון דער קירך איז שטאַרקער ווי דער בונד מיט אַלע דורות ייִדן?

אין איינעם אַ סוף וואָך, דוד און יוכבד זענען געקומען צו גאַסט אין קיבוץ, האָט אַביגדור אַרויפֿגעפֿירט אויף דעם וואָס האָט אים נישט געלאָזט רוען. ער האָט דווקא אָנגעהויבן פֿון זיך אַליין. ער האָט דודן געוויזן אַ בריוו, אין וועלכן דער שעף פֿונעם גענעראַל־שטאַב איז אים מודיע אַז ער ווערט דערהויבן אין זײַן מיליטערישן ראַנג צו רב־סרן אין רעזערוו. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט מען געשמועסט מיט אים מכּוח זײַן ווײַטערדיקער דינסט אין דער קאָמאַנדאָ ווײַניקער ווי אַ פֿעלד־אָפֿיציר, און מער ווי אַן אָפֿיציר, וואָס האָט אין די שווערע יאָרן נאָך דער אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה אָנגעזאַמלט אַ סך נסיון אין קאַמף מיט די פֿאַדאַיִנס. דאַרף ער זײַן נסיון איבערגעבן צו ייִנגערע דורות קאָמאַנדאָ־זעלנער. ער אַליין, האָט ער אויסגעדריקט זײַן פֿאַרלאַנג, איז אויך איצט גרייט צו באַטייליקן זיך אין נאַכט־אַקציעס אויף דער גרענעץ, קלעטערן איבער פֿעלזיקן באָדן, לויערן אין פֿײַכטע וואַדיס און פֿילן דאָס ריזלען פֿון דעם בלוט אין די אָדערן. די אַנטשפּאַ־נונג נאָך די סכּנות איז ווי אַ נצחון אין אַ פֿאַרמעסט. שווער צו מאָלן די איבער־לעבונגען. דער פֿאַל מיט די פּיס, און אויך דאָס וואָס ער איז שוין קרוב צו

פערציק, פילן אים אָן מיט ספקות. די סיטואַציעס גופא וועלן באַשטימען זייַנע אויפגאַבן.

„איך פיל, ווי דער טאַטע, אַז איך בין אַ טייל פון דעם לאַנד, אָן ציוניזם, מיט אָדער אָן געגנזנפּיסלעך, אָן אידעאָלאָגיעס, און אָן איך זאָל געהערן צו וועלכער עס איז פּאָליטישער באַוועגונג, כאָטש איך בין אַ חבר אין אַ קיבוץ פון השומר הצעיר", האָט אַביגדור לסוף אויסגעפּירט און באַלד דערנאָך צוגעגעבן, ווי דרך־אַגב: „וועדליק איך קען דיך, דוד, מיין איך, אַז דו וואָלסט געדאַרפט אַרייַנטרעטן אין אַ קיבוץ און אויספּאַקן דעם טשעמאָדאַן".

„און האַלטן גרייט דעם רוקזאַק מיט די בלעכענע מענאַזשערקעס", האָט דוד ווי וויַיטער געצויגן דעם ברודערס ווערטער.

„דאָס איז נישט אָפּהענגיק פון אונדז. דוד. מיר וועלן נישט פירן מלחמה קיין סעקונדע מער ביז דער סעקונדע ווי די אַראַבער וועלן מוותר זייַן אונדז צו פאַרניכטן", האָט אַביגדור געזאָגט מיט איבערצייַגונג.

„אַזוי זאָגט אויך דוד בן־גוריון און די אַלע, וואָס ווילן אַ מדינה פון ביידע זייַן ירדן. איז עס נישט אַ מאָל די פּלאַטפאָרם פון מפ"ם צו דער קומענדיקער וועידה?" האָט דוד געקוקט אויף יוכבדן און געוואָלט זען ווי זי זידט אויף.

יוכבד האָט געהאַלטן וואָך איר בליק דאָ אויף אַביגדורן און דאָ אויף יהודית. זי האָט געפילט, לויט דער שטימונג וואָס הערשט אין לאַנד, אַז דער ווערטער־אויסטויש צווישן די ברידער קען דערפירן צו אַ צוזאַמענשטויס. האָט זי זיך אָנגעגורט און נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן, אַז דער שמועס גייט איר אָן.

„איך האָב דיר געזאָגט, דוד, אַז איך געהער נישט צו קיין שום פּאָליטישער באַוועגונג. דער קיבוץ און מייַן היים זענען מייַן באַוועגונג. אין די יאָרן אויף די פעלדער און אין די וויסטעניש אין קאַמף מיט די פאַדאַיִנס, האָב איך געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט צו הערן פון די יונגע קעמפנדיקע אַראַבער, אַפילו פון די פאַרוווּנדעטע, וואָס זיי טראַכטן וועגן אונדז. זיי טראַכטן, אַז מיר זענען דאָ פרעמ־דע; אַז מיר האָבן זיך אַרייַנגעריסן אין זייער לאַנד, צוגענומען זייער באָדן, געירשנט זייערע היימען און זיי פאַרטריבן. מעגן זיי זייַן אַנאַלפאַבעטן, קוים זיי קענען זיך אונטערשרייבן, אָבער עמעצער האָט אין אָט די גרייטע אויף זעלבסט־מאָרד איינגעפלאַנצט דעם היסטאָרישן זכרון און זיי פאַרגלייכן אונדז צו די קרייצ־פאָרער. זיי זענען זיכער, אַז פריִער אָדער שפּעטער וועט זיך באַווייַזן אַ נייַער סאַלאַדין. זיי האָבן צייַט צו וואַרטן. מיט יעדן טאָג ווערן זיי מערער און שטאַר־קער. ביז סאַלאַדין וועט קומען, וועלן זיי, זאָגן זיי, נישט געבן אונדז קיין רו. זיי גרייטן צו, זאָגן זיי, דעם באָדן פאַר אַ מאָדערנעם סאַלאַדין. דאָס איז די סיבה פאַר וואָס אונדזער מלחמה וועט דויערן... אפשר דרייַסיק, אפשר פערציק, אָדער אַפילו מער יאָרן. דעריבער, ברודער מייַנער, מוזן מיר האַלטן גרייט דעם רוקזאַק מיט די בלעכענע מענאַזשערקעס".

„און אויך גרייטע בעטן אין שפּיטאָל", האָט יוכבד צוגעגעבן.

„יעדער וועדליק זײַן פראָפעסיע", האָט אַביגדור זי באַשאָנקען מיט זײַן וואַרעמען בליק.

„וואָס האָט עס צו טאָן מיט מיר?" האָט דוד געפרעגט מיט אַ העכערן טאָן.

„דאָס האָט צו טאָן מיט דיר, ווײַל דו ביסט מײַן ברודער, דער זון פון אונדזער טאַטן, דו געהערסט, צי דו ווילסט יאָ אָדער צי דו ווילסט נישט, צום ייִדישן פאָלק און זײַן גורל, און ארץ־ישׂראל איז דײַן היים. האָסט נישט קיין אַנדער היים, דוד! אַ גוטע צי אַ שלעכטע היים, אַן אָרעמע צי אַ רײַכע היים — זי איז דײַנע אַזאַ ווי זי איז".

„איך בין צו יונג אין יאָרן און צו אַלט אין נסיונות איך זאָל אָננעמען זאַכן ווי זיי זעען אויס פון דעם קוקווינקל וווּ מיר געפינען זיך", האָט דוד אַראָפּגענידערט דעם טאָן ווי אַ מענטש וואָס רעדט וועגן זאַכן אין וועלכע ער קען נישט צווייפלען. „בעל כּורחו לעב איך, בעל כּורחו בין איך דײַן ברודער און בעל כּורחו בין איך דער זון פון אונדזער טאַטן. אין דעם פאַל, אַפילו ווען איך וואָלט געהאַט אַ ברירה וואָלט איך אונדזער טאַטן אויסגעקליבן אַלס מײַן טאַטן, דיך אַלס מײַן ברודער און יהודיתן אַלס מײַן שוועגערין", האָט ער ייִנגלעריש אויפגעלאַכט. „אָבער וואָס שײַך אַנדערע בעל־כּורחוס איז די ברירה בײַ מיר. לאַנד... פאָלק... אַלטע סטאַדע־באַגריפן פון נישט טראַכטנדיקע מענטשן־מאַסן. מיט וואָס זענען מיר דאָ אין ישׂראל דאָס זעלבע פאָלק וואָס מיר זענען געווען דאָרט, אין מזרח־אייראָפּע, אויב אַל דאָס דעראָבערטע דאָרט, די שפּראַך, די קולטור, דער שטייגער און די געוווינהייטן זענען אַוועקגעוואָרפן געוואָרן? אַלץ וויל מען דאָ אָנהייבן בויען אויף ס׳נײַ און ס׳ווערט פראָפּאַגירט שׂנאה צו אַלץ וואָס איז געשאַפן געוואָרן ווי אַ קאָנטינויִטעט פון אַלע צײַטן. אויב אַוועקוואַרפן דאָס פאַראַנענע ביז איצט און אָנהייבן קינסטלעך פאַבריצירן נײַע ווערטן — איז מײַן ברירה צו נעמען די רײַכע און גרייטע ווערטן פון אַן אַנדער גרויס פאָלק און אין יענע ווערטן זיך אַסימילירן, אָנשטאָט זיך אַסימילירן אין אַ וואַקום, וואָס דאַרף ערשט אויסגעפילט ווערן דערמיט וואָס איך־ווייס־נישט־וואָס עס וועט אַרויסקומען דערפון. צי זענען מיר דאָס זעלבע פאָלק דאָ ווי מיר זענען געווען דאָרט, ווײַל מיר האָבן די זעלבע רעליגיעזע טראַדיציעס? דער קיבוץ האָט נישט קיין רעליגיעזע טראַדיציעס, השומר הצעיר איז אַנטי־רעליגיעז, און וואָס שײַך מיר — בין איך אַ געטויפטער. צוויי געטער פאַרפליכטן מיך — דער ייִדישער און דער קריסטלעכער, בעת איך האָב נישט די מינדסטע אָנערקענונג נישט פאַר דעם ייִדישן גאָט, וואָס האָט געלאָזט אויסהרגענען זײַן פאָלק און געוואָלט זען ווי ווײַט הכנעהדיק עס קען זײַן, אַז נישט געקוקט אויף אוישוויץ און טרעבלינקע גלייבט עס נאָך ווײַטער אין אים, און נישט פאַר דעם קריסטלעכן גאָט, וואָס האָט געהאַט די פריווילעגיע צו זײַן דער איינציקער ייִד, וואָס זײַנע אָפּבילדונגען און פאָרטרעטן זענען אין דעם טאָטאַלן פאָגראָם געבליבן אָפּגעהיט... און שיצנדיק אים, האָט דער קלויסטער אויך מיך אַרונטערגענומען אונטער זײַן שאָטן... און אָט זיץ איך דאָ מיט אײַך אין קיבוץ אין זײַן זכות, און נישט אין זכות פון דעם גאָט, וואָס לכּבוד אים האָט

אונדזער מאַמע געצונדן ליכט ערב שבת. טראַכט עמעצער וועגן דעם אַלעמען, אָדער די סטאַדע לאָזט זיך פירן בלינד? פאַרענטפער מיר אָט דעם פּלאָנטער און דו וועסט האָבן אַלץ פאַרענטפערט".

„צו וואָס זאָלן מיר זיך אַזוי טיף אַרײַנלאָזן אין פילאָסאָפיע?" האָט אַביגדור געפרעגט נאָך אַ מינוט שווײַגן.

„ס'איז נישט קיין פילאָסאָפיע", האָט יהודית זיך אַרײַנגעמישט. „דוד פרעגט פראַגן, וואָס זענען ביז איצט נישט פאַרענטפערט געוואָרן".

„ווײַל מען קען זיי נישט פאַרענטפערן!" האָט אַביגדור געוואָלט אָפּהאַקן.

אויפהייבנדיק די ברעמען האָט דוד אָנגעקוקט דאָ יוכבדן און דאָ יהודיתן, ווי ער וואָלט געוואָלט זיי זאָלן זײַן עדות:

„וואָס הייסט, מען קען מײַנע פראַגן נישט פאַרענטפערן? מענטשן קענען נישט פאַרענטפערן פראַגן, וואָס אַנטשטייען אויף אַנדערע פּלאַנעטן, זיי קענען נישט פאַרענטפערן פראַגן, וואָס איבערשטײַגן זייערע השׂגות, אָבער מענטשן מוזן קענען פאַרענטפערן פראַגן, וואָס אַנטשטייען פון זייערע אייגענע מעשׂים!"

אַביגדור האָט צוזאַמענגעלייגט די הענט ווי צו אַ תפילה און דערנענטערנדיק ביידע הענט צו זײַנע ליפּן געזאָגט:

„איך בין זיך מודה, אַז איך האָב וועגן דעם אַלעמען כמעט נישט געטראַכט. אפשר דערפאַר ווײַל איך האָב נישט איבערגעלעבט דאָס וואָס דו, דוד, האָסט איבערגעלעבט. דאָס וואָס עס געשעט דאָ אין לאַנד, נעם איך אָן ווי פאַקטן פון אַ ווירקלעכקייט און פון פּאָליטישע סיטואַציעס, ווי זיי אַנטשטייען פון די אַנט־וויקלונגען. אפשר זאָג איך דאָס אַלץ ווײַל זײַט לאַנגע יאָרן האָב איך זיך צוגע־וווינט צו האַנדלען לויט מיליטערישע אינסטרוקציעס און באַפעלן און לויט דעם סידור־העבודה אין משק. אָבער איין זאַך וואָס עס ווערט מיר קלאָר פון דעם אַלעמען וואָס דו האָסט געזאָגט, איז דאָס, אַז אין די באַדינגונגען וואָס הערשן אין לאַנד איז פאַר אַ מענטש מיט אַזעלכע מיינונגען ווי דײַנע, דער בעסטער פּלאַץ דער קיבוץ".

„דער קיבוץ?!" האָט יוכבד אויסגערופן.

„יאָ, דער קיבוץ", האָט אַביגדור אַקצענטירט דעם קיבוץ. „דאָ קאָנסטו לעבן אין דײַן אייגענער וועלט נאָך דעם ווי דו גיסט אַוועק דײַן בײַשטײַער צום קיבוץ.

יהודית האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו אַביגדורן און לסוף רעזיגנירט.

„קיבוץ איז נישט בלויז משק", האָט יוכבד זיך אָפּגערופן. „קיבוץ איז פּאַרטיי, אידעאָלאָגיע און סאָציאַליזם. צי האָט מען נישט צעבראָכן קיבוצים און צי זענען משפחות נישט צעבראָכן געוואָרן אין דער שפּאַלטונג אין די קיבוצים? דוד וואָלט קיין חודש נישט געקענט זײַן אין אַ קיבוצים־קאָלעקטיוו".

„איך נעם פאַר אַ בײַשפּיל זיך", האָט אַביגדור אָנגענומען יהודיתס האַנט. איך לעב אין קיבוץ זײַט איך האָב באַקענט מײַן יהודית. זי האָט געהאַלטן פאַר מיר לעקציעס וועגן השומר הצעיר, צעירי־ציון און השומר און אַז דער טאַטע

האָט די מאַמע גענומען אין... אין וועלכן יאָר?" האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו יהודיתן.

„איך געדענק שוין נישט", האָט יהודית געזאָגט אין פאַרלעגנהייט.

„און איך געדענק יאָ!" האָט אַביגדור טריומפירט מיט זײַן זכרון. „דו האָסט מיר געהאַט געזאָגט אין נײַנצן זעכצן. דער השומר האָט גענומען די ערשטע העלפט פון צעירי־ציון און מיט איר חתונה געהאַט. פרעגט מיר הײַנט וואָס פאַר אַ ראָל עס האָט פאַר דער באַוועגונג געשפילט א. ד. גאָרדאָן, טרומפּעלדאָר, ברע־נער, באָראָכאָוו — איך ווייס נישט. פרעגט מיר צי דער קיבוץ פירט יאָ צו סאָציאַליזם, אָדער ער פירט נישט צו סאָציאַליזם. איך ווייס נישט. וואָס איך ווייס יאָ: דאָ בין איך — איך, דאָ בין איך גאַנץ, מײַן היים איז אין אַ קאָלעקטיוו, וואָס זאָרגט אַז אַלע זאָלן האָבן די זעלבע שאַנסן און באַדינגונגען, מיט פליכטן וואָס ווערן נישט אָנגעוואָרפן, נאָר ווערן אָנגענומען מיט אַחריות פאַר אַלעמענס ווויל".

יוכבד האָט געקוקט אויף דודן מיט פלוצים אויפגעבליצטן נײַגער. דאָס הויז פון אירע עלטערן איז אַלע מאָל אײַנגעשטעלט קעגן דעם קיבוץ. איר פאָטער, בערל, האָלט אַפילו, אַז ווען מען זאָל די קיבוצים איבערלאָזן צו זייער אייגן אויסקומעניש, זיי זאָלן דאַרפן פאַרדינען פאַר זיך, וואָלטן זיי געוואָרן אַ כולל, ווי עס זענען די כוללים אין מאה שערים אין ירושלים. זיי זענען די קעסטקינדער פון דער סאָציאַליסטישער רעגירונג, וואָס נעמט הויכע שטײַערן פון די בירגער אין די שטעט, כּדי צו דעקן וואָס די קיבוצים דאַרפן האָבן כּדי צו קענען לעבן. דער ברודער אירער, מאָטל, דער וואָס זאָגט־צו זײַן מאַמען, אַז ווען „חרות" וועט קומען צו דער מאַכט וועט זי האָבן אַ זון אַ מיניסטער, איז זיכער אַז די קיבוצים זענען נעסטן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניזם און אַז די קיבוצים פון השומר הצעיר זענען קאָמוניסטישע אַגענטורן. האָט יוכבד געוואָרט אויף דעם וואָס דוד וועט ענטפערן זײַן ברודער. איר אַליין קימערן ווייניק די קיבוצים. אָבער דאָ, בײַ אַביגדורן און יהודיתן, געפעלט איר אַפילו. יהודית, וואָס איז שוין לאַנג אין דעם השומר־הצעירישן קיבוץ איז ווײַט נישט אַנדערש פון איר, יוכבד, וואָס איז גע־בליבן בײַ די עלטערן אין ראשון־לציון. יעדעס מאָל ווען זי קומט אַהער מיט דודן, פאָרט זי אַוועק מיט אַ גוט געפיל, אַז זי נעמט עפּעס מיט...

דודס פאַרביטערטקייט האָט מיט גאָרנישט געשטערט זײַן אַנטוויקלט געפיל פאַר משפחהדיקייט. אפשר גאָר האָט ער זיך פון דער פאַרביטערטקייט געראַטע־וועט אין דעם משפחה־געפיל, צו האָבן אַן אָנלען? אַביגדור איז אים נאָענט, כאָטש ער איז אַזוי אַנדערש פון אים. יעדער מצב איז פאַר אים, אַביגדורן, אַ נאָרמאַלער און ער איז אין קיבוץ פאַרוואָרצלט, ווי עס איז פאַרוואָרצלט אַ בוים פון יאָרצענדליקער אויף דעם שטח פונעם קיבוץ וואָס איז געבויט געוואָרן אַרום דעם בוים... דוד האָט דעריבער לאַנג געטראַכט ווי אַזוי צו זאָגן זײַן ברודער וואָס ער וויל אים זאָגן און דאָך גאָרנישט צעשטערן אין אים פון דעם אין וואָס ער איז אײַנגעגלויבט און אײַנגעלעבט.

„איך בין צוויי מאָל געבוירן געוואָרן”, האָט דוד זיך באַוואָרנט, „איין מאָל אויף דער ערד, פאַר דער מלחמה. דאָס צווייטע מאָל — אין גיהנום פון דער מלחמה. עס לייגט זיך מיר נישט די צונג צו רעדן מיט באַגריפן ווי מען רעדט דאָ אין לאַנד, אין קיבוץ, אין תל־אביב, די מנהיגים, די גאַס. איך קען נישט! צווישן די צוויי געבורטן מײַנע האָבן אַלע געוויינטלעכע באַגריפן פאַרלוירן זייער אָנגענומענעם באַטײַט. אַ מענטש וואָס איז געקומען פון ד אָ ר ט, פונעם גיהנום, איז איינס פון דרײַ: אָדער ער פאַרשטויסט פון זיך דאָס איבערגעלעבטע, אָדער ער גייט אַראָפּ פון זינען. די דריטע ברירה איז: לעבן מיט דער צוגעקומענער פערטער דימענסיע. אין דער פערטער דימענסיע ענדערן זיך אויך די געאָמעטרישע ריכטונגען פון די דרײַ דימענסיעס. פאָלק, היים, קיבוץ, פאָטערלאַנד, אמונה, אידעאָלאָגיע, גאָט — אין דער פערטער דימענסיע האָבן אָט די באַגריפן, ווי זיי ווערן אײַנגעחזרט מיט די קינדער אין דער שולע און זיי רעדן זיי נאָך אַ גאַנץ לעבן, גאָר אַן אַנדער אינהאַלט, און אפשר זענען זיי בכלל אויסגעהוילט פון יעדן אינהאַלט? אויב גאָט איז כּולל אין זיך אַלץ וואָס ער האָט געשאַפן און איך האָב אים דערזען אין זײַן געטלעכער אימפּאָטענץ, מוז איך רעווידירן די אַלע באַגריפן וואָס דער מענטש האָט זיי פאַרבונדן מיט זײַן ווערק. זײַט איך בין געקומען אין לאַנד אַרײַן באַמערק איך די פאַלשע באַגריפן־מטבעות, וואָס זענען געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. דער גלות איז געוואָרן אַ זידלוואָרט. אַלץ וואָס דער גלות האָט געשאַפן איז, לויט די פאַלשע באַגריפן־מטבעות, שפּלדיק, פאַלש, אומווירדיק. דער באַגריף גלות־ייִד אין מויל פון אַ ישׂראל־מנהיג און זײַנע נאָכפּלאַפּלער איז ווי דער באַגריף ‚זשיד’ אין מויל פון אַ סלאַווישן אַנטיסעמיט, כאָטש דער ישׂראל־מנהיג איז זיכער, אַז ער האָט זיך באַפרײַט פונעם גלות. גלות איז אַ געאָגראַפישער באַגריף, און נישט קיין גײַסטיקער באַגריף. די מנהיגים פון ישׂראל זענען זיכער בײַ זיך, אַז זיי האָבן זיך באַפרײַט פון גלות דערמיט וואָס זיי האָבן זיך באַפרײַט פון די ווערטן וואָס דער גלות האָט געשאַפן; פון דער שפּראַך, מיט וועלכער עס האָבן גערעדט זייערע עלטערן און אויך זיי גופא, פון דער קולטור, אין זכות פון וועלכער זיי זענען געוואָרן מנהיגים; דערמיט וואָס זיי האָבן זיך אויסגעוואָרצלט פון דעם דורות־אַלטן ייִדישן שטייגער און האָבן אָפּגעמעקט אין זיך די בילדער פון זייער נשמה. דערפאַר איז זיי געווען אַזוי לײַכט צו פאַרקויפן צו די דײַטשן דאָס בלוט פון אונדזער אויסגעשאָכטן פאָלק אין אייראָפּע; פאַרקויפן דאָס בלוט פון מײַן מאַמע, פון מײַנע שוועסטער און פון מײַן ברודער. אַפילו פאַר מײַן טאַטנס גיהנום און מײַן אייגענעם האָבן זיי גענומען אַנטשעדיקונג, כאָטש מיר לעבן נאָך, און ווענדליק אַלע מענטשלעכע כּללים האָב אי ך, דוד בן אליעזר אַרטאַפּאַנוס, געדאַרפט באַשטימען, צי ז י י זאָלן מײַנע לײַדן פאַרקויפן צו די דײַטשן און צי זיי זאָלן זײַן מוחל זיי וואָס זיי האָבן געטאָן צו מיר, צו מײַן גאַנצער משפּחה”.

„די כּנסת האָט אַזוי באַשטימט, מיט אַ מערהייט שטימען”, האָט יהודית געמיינט צו לעשן דודס פלאַם.

„ווער? די כּנסת? אַ מערהייט?!״ האָט דוד זיך נאָך מער אָנגעצונדן, „וויפל פון די הונדערט און צוואַנציק כּנסת־מיטגלידער זענען געווען דאָרט ווו דער טאַטע, איך און די אַלע וועלכע קומען איצט אַהער פון פּוילן, פון די די.פּי.־לאַגערן אין דײַטשלאַנד? וויפל פון זיי זענען געווען אין אוישוויץ, אין טרעבלינקע, אין סאָביבאָר? קיין איינער נישט פון זיי! אין דער פערטער דימענסיע ווערט אויך אָפּגעפרעגט די הייליקייט פון מערהייט. היטלער האָט געהאַט אַ מערהייט — איז דער היטלעריזם דערמיט גערעכט געווען וואָס ער האָט געטאָן אין נאָמען פון דער מערהייט? אויב אַ מערהייט איז גערעכט, איז אויך גערעכט דער סטאַליניזם, און גערעכט איז יעדער דיקטאַטאָר, וואָס היסטערעוועט אויס אַ מערהייט פון שאָף און שעפּסן. אויב די ישׂראל־מנהיגים פאַרשטויסן און מעקן אָפּ די ווערטן וואָס עס האָט געשאַפן דער גלות האָבן זיי נישט געהאַט קיין שום מאָראַלישע רעכט פאַר די פאַרניכטעטע יידישע ווערטן אין יענעם גלות צו נעמען אַנטשעדיקונג. עס זענען גאָרנישט בנימצא הייליקייטן וואָס לטובת זיי זאָל מען קענען פאַרווענדן אַזאַ געלט, ווײַל דאָס געלט פון די דײַטשן מאַכט טומאה אַלץ וואָס ווערט פון דעם געלט אָנגערירט״.

„די זעלבע ווערטער האָב איך געהערט פונעם טאַטן״, האָט אַביגדור געזאָגט שטיל.

„אַוודאי איז עס אויך די מיינונג פונעם טאַטן! דערפאַר איז ער מײַן טאַטע״, האָט דוד מיטן אַרבל פון זײַן העמד אָפּגעווישט דעם שוויס פון זײַן שטערן און געוויזן אַ שמייכל אויף זײַן פּנים. „דעמאָלט ווען דער אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן, מיר האָבן נאָך נישט געוווּסט צי דו ביסט געבליבן בײַם לעבן, איז דער פאָטער אַרומגעגאַנגען אַ קראַנקער. איך האָב מורא געהאַט פאַר זײַן פּסיכישן געזונט. ער איז געווען אויף יעדער מיטינג פון די קעגנער צו נעמען אַנטשעדיקונג פון די דײַטשן. ער פלעגט אַהיימקומען אַ הייזעריקער פון שרײַען און פון אויפרעגונג. אַפילו פון שלאָף פלעגט ער שרײַען ,פאַרקויפט נישט דאָס בלוט פון מײַנע קינדער און זייער מאַמען! פאַרקויפט נישט צו די דײַטשן מײַנע לײַדן!׳ כאָטש אויך איך בין אַרומגעגאַנגען אַ צעדולטער, האָב איך, כּדי צו שטילן דעם צאָרן פון טאַטן, גערעדט צו אים ווערטער אין וועלכע איך אַליין האָב נישט געגלויבט: ,די מדינה איז אַ יונגע׳ האָב איך געזאָגט, ,זי אַליין איז נישט בכּוח צו פאַרדינען פאַר איר קיום. זי מוז האָבן כּסדר הילף פון אויסלאַנד. האָט זי נישט קיין ברירה, מוז זי פאַרקויפן וואָס נאָר עס לאָזט זיך, פאַרקויפן, אַבי צו פאַרזיכערן איר אייגענעם קיום. זע, טאַטע, די מעברות זענען פול, אָן מיטלען וועלן די מענטשן אומקומען אין די בלעכענע פּושקעס און ברעזענטענע בײַדלעך. די טויטע, דאָרט, וועלן נישט לעבעדיק ווערן, אויב די מנהיגים פון ישׂראל וועלן נישט נעמען די אַנטשעדיקונג פון די דײַטשן פאַר זייער פאַרגאָסענעם בלוט, דערקעגן דראָעט אַ סכּנה דעם געזונט און לעבן פון די נײַע עולים אין די מעברות׳. דו קענסט אונדזער טאַטן. ער האָט געפילט, אַז מײַנע ווערטער זענען נאָר כּדי אים צו באַרויִקן, און ער האָט געהאַט צו מיר טענות: ,דו, וואָס דו פילסט

זיך דאָ די גאַנצע צײַט ווי אין ענגע שיך און רק דו דראָעסט מיר אַז דו פאַרלאָזט דאָס לאַנד, דו רעדסט צו מיר ווי אַ ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדיסט אין די בראָנקס צי אין בוענאָס־אײַרעס? דו גלייבסט דאָך אַליין נישט אין דעם וואָס דײַנע ליפּן זאָגן! אַזאַ געלט ווי אַנטשעדיקונגען פאַר אומברענגען אַ גאַנץ פאָלק מיט אַלע זײַנע ווערטן, וועלן נישט פאַרזיכערן דעם קיום פון דער מדינה! אַזאַ געלט וועט צעברעכן די מאָראַל פון די ייִדן אין ישׂראל און פון זיי מאַכן ציניקער. ס'וועלן מער נישט זײַן קיין הייליקייטן. די אַנטשעדיקונגען פון דײַטשלאַנד וועלן אײַנשנײַדן אינעם לײַב פון דער מדינה אַזאַ טיפע ווונד וואָס וועט קיין מאָל נישט אויפהערן בלוטיקן; אַזאַ ווונד וואָס וועט חלילה גורם זײַן אויף ס'נײַ אַזאַ אומגליק, וואָס האָט די ייִדן פאַרטריבן פון ארץ־ישׂראל מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. מיט דעם צעברעכן די מאָראַל פון די ייִדן וואָס זענען נאָך נישט געוואָרן קיין פאָלק אין ישׂראל, וועט די מדינה אָן איבעררײַס געפּײַניקט ווערן פון קריזיסן ביז, חלילה, דער ווידערשטאַנד פונעם פאָלק וועט זיך אויסשעפּן...' נאָך אָט אַזעלכע און נאָך אַנדערע שוואַרצע נבֿואות האָב איך געזאָגט צום פאָטער: אויבֿ אַזוי, לאָמיר אײַנפּאַקן די וואַליזעס און אַוועקפאָרן. די וועלט איז איצט גוט צו ייִדן. דער פאָטער איז געוואָרן בלאַס, שוויס־טראָפּנס האָבן זיך אים אַרויסגעזעצט אויפן פּנים. איך האָב געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז עפּעס גייט מיט אים געשען. ער האָט מיט ביידע הענט אָפּגעווישט דעם שוויס, אָפּגעזוכט אַ שטול ווי ער וואָלט געווען אַ פרעמדער אין זײַן אייגענער דירה, זיך אַוועקגעזעצט און געזאָגט שטיל: 'דוד, ווי עלטערן קענען נישט זייערע קינדער, אַזוי קענען נישט די קינדער זייערע עלטערן. דו קענסט מיך נישט! ארץ־ישׂראל איז פאַר מיר נישט קיין מדינה, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט עטלעכע יאָר צוריק און אירע הערשער זענען קאָמפּלעקטיווע מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, וואָס זענען פול מיט זעלבסט־שׂנאה. ארץ־ישׂראל איז מײַן לײַב און לעבן. אין אַלע מײַנע גלגולים האָב איך געבענקט אַהער. דאָ זענען געבליבן טיילן פון מײַנע וואָרצלען. איך בין אויסגעריסן געוואָרן מיט מער ווי צוויי טויזנט יאָר צוריק. אַ טייל וואָרצלען זענען געבליבן שטעקן דאָ, אין דעם באָדן, און אַ טייל האָב איך מיטגענומען מיט זיך אויף מײַנע לאַנגן וועג. האָבן ביידע טיילן וואָרצלען געבענקט צו אייַנאַנדער במשך נײַנציק דורות. איך בין אויסגעשטאַנען גירושים און רדיפות, נויט און צער אָן אַ גרענעץ, און אויב איך האָב איבערגעלעבט איז נאָר כּדי איך זאָל צוריקקערן אַהער פון וואַנען איך בין אַרויסגעריסן געוואָרן. איצט, ווען איך האָב זוכה געווען צוריקצוקומען נאָך אַזאַ ים פון לײַדן — וועט מיך קיינער פון דאַנען נישט פאַרטרײַבן. איך האָב מער פון צוויי טויזנט יאָר געבענקט צוריקצוקומען און דאָ אויף דער ערד אַוועקלייגן מײַן קאָפּ צו אַ רגע פון שלווה. די שלווה וועל איך דערגרייכן — אַ לעבעדיקער, אָדער אין קבר, אָבער אַלץ אויף דער ערד פון מײַנע וואָרצלען'. דאָס איז אונדזער טאַטע", האָט דוד זיך אַרומגעקוקט ווי ער וואָלט געזוכט דעם פאָטער.

„דאָס איז דער טאַטע און דאָס זענען אייגנטלעך אַלע ייִדן, וואָס האָבן גלויבן

אין זייערע הערצער״, האָט אַביגדור געזאָגט און אָנגענומען די האַנט פון זײַן ברודער.

„ישׂראל הײַנט איז נישט דאָס זעלבע וואָס ארץ־ישׂראל; ארץ־ישׂראל מיט די ווערטן ווי זיי האָבן זיך אָפּגעזעצט אין די הערצער פון ייִדן, ווען זיי זענען געווען אָנגעפּילט מיט אמונה״. דודס שטים איז געוואָרן ווייניקער לײַדנשאַפטלעך און ער האָט געזאָגט פונקט אַזוי שטיל ווי עס איז געווען די ווענדונג פון זײַן ברו־דער: „אפשר קען מען עס פאַרגלײַכן צו אַ טײַער בילד אין אַ ראַם. וואָס געשעט ווען מען וואַרפט אַרויס דאָס בילד און מען לאָזט פאַר זיך איבער בלויז די ראַם? פוסטקייט בלײַבט. אַ מדינה איז נישט מער ווי אַ ראַם. אויב דו האָסט אַרויסגע־וואָרפן אויפן היסטאָרישן מיסט אַלץ וואָס דער גלות האָט געשאַפן ביז צו דער מדינה — די שפּראַך, די מאָראַל, דעם שטייגער, די ליטעראַטור און אויך די אייגענע נאַציאָנאַלע סעקולאַריזאַציע — בלײַבסטו מיט גאָרנישט. אַוודאי, דאָס אַרויסגעוואָרפענע ווערט פאַרטראַטן מיט אַרמיי, מיט זעלנערלעך, מיט מיניסטאָרן, מיט לעוואַנטיניזאַציע, וואָס קיינער קען נאָך נישט פאָרויסזאָגן, צי עס וועט זײַן אַן אַנגלאָזאַקסישע לעוואַנטיניזאַציע, אַנטקעגן דער אַמאַליקער העלעניסטישער, אָדער עס וועט זײַן אַן אַראַבישע לעוואַנטיניזאַציע. דאָס איז נישט ארץ־ישׂראל פון דער ייִדישער בענקשאַפט״.

„אָבער ישׂראל באַפרײַט די ייִדן פון געטאָ״, האָט זיך אָפּגערופן יהודית. „דאָס טאָר מען נישט פאַרגעסן. דאָס אַליין איז פון די העכסטע ווערטן״.

„יהודית טײַערע, דו ביסט געבוירן אין זכרון, פעלט דיר די מאָס צו מעסטן געטאָ״, האָט דוד געמאַכט אַ באַוועגונג ווי ער וואָלט אָפּגעשטופּט יהודיתס ווער־טער. „די ישׂראל־אידעאָלאָגן, אָדער די מדינה־מנהיגים, האָבן צוגעטראַכט טראַ־פאַרעטן: ‚געטאָ־ייִד׳, ‚געטאָ־שטייגער׳ און אַנדערע נאַרישקייטן. דאָס פאָלק פּלאַ־פּלט נאָך וואָס די פירער פאַבריצירן. דער אמתער אמת איז, אַז אַלע מענטשן לעבן אין געטאָס; ווער אין אַן אָרעמען און ווער אין אַ רײַכן געטאָ. אויסער איינצלנע פאַלן, ווען ייִדן זענען מיט צוואַנג אַרײַנגעשטויסן געוואָרן אין געטאָס, האָבן זיי פרײַוויליק זיך אַליין אָפּגעזונדערט אין געטאָס. יעדער קלאַס בײַ יעדן פאָלק אין זײַן אייגענער מדינה שאַפט פאַר זיך אַליין אַ געטאָ. די רײַכע שאַפן פאַר זיך באַזונדערע שטאָט־פערטלען, די אָרעמע און דערשלאָגענע גייען אַוועק לעבן אין אַ באַזונדער געגנט. דער עיקר איז: וואָס שאַפן די מענטשן אין זייערע געטאָס? צי לעבן זיי ווי חיות אין שטײַגן, אָדער זיי שאַפן גײַסטיקע ווערטן? דאָס איז די פראַגע! אויב עמעצער מיינט, אַז ווײַל די מדינה האָט אַ רעגירונג, מיט אַ כּנסת, מיט מיניסטאָרן, מיט אַן אַרמיי, מיט אַ פאָן און אַ הימן און אויך אייגענע טורמעס, איז זי נישט קיין געטאָ, נאַרט ער זיך אָפּ. מיר לעבן דאָ אין אַ באַלאַגערטן געטאָ, אַרומגערינגלט פון דרײַ זײַטן פון פײַנט, וואָס באַטראַכטן אונדז דאָ ווי פרעמדע, זיי ווילן אונדז פאַרניכטן. אַרײַנוואַרפן אין ים. מיר לעבן כּסדר ערב מלחמה. די אַרמיי, וואָס איז נישט עפּעס אַנדערש ווי די סאַמע טײַער־סטע זעלבסטשוץ אין דער געשיכטע פון ייִדישע געטאָס, מוז טאָג ווי נאַכט זײַן

גרייט אָפּצושלאָגן אַ טויטלעכן אָנפאַל. די מינדסטע נאַכלעסיקייט דראָעט ממש מיט אומקום. אַוודאי, די חלוצים פון די מזרח־אייראָפּעיִשע געטאָס, אָנגעלאָדענע מיט דער נשמה־רײַכקייט, וואָס דער גלות האָט געשאַפן, האָבן געטרוימט צו שאַפן דאָ אַ שיינע פאָרם פון לעבן פאַר דעם מענטשלעכן קאָלעקטיוו. זיי האָבן גע־טרוימט וועגן אַ מדינה מיט אידעאַלן. יאָ, יהודית? איך זאָג ריכטיק? אָבער לסוף האָבן זיך די חלוצים, די טרוימער פון אַ נײַעם מענטש און נײַע העכערע שײַכותן פון מענטש צו מענטש, צוריקגעצויגן אין קליינע קאָמונע־געטאָס מיט אידעאַלאָ־גיעס אויפן שפּיץ מעסער און אויך זיי האָבן זיך געשפּאָלטן און צעריסן ווי דם־שונאים, נישט ווי זיי וואָלטן געבויט איין מדינה פאַר דעם גאַנצן פאָלק, נאָר ווי זיי וואָלטן געבויט מיניאַטור־געטאָס. מיט אָט דעם נדן פון ברידער־שנאה און צעריסנקייט זענען זיי אַרײַן אין דער מדינה".

„אוי וויי", האָט יהודית פּלוצים אויסגערופן, „מיר זיצן דאָ און פירן וויכּוחים און איך האָב פאַרגעסן צו דערלאַנגען צום טיש. וואָס וועסטו טרינקען, יוכבד? אפשר עפּעס עסן?"

„אויב טרינקען איז אַ זייער שטאַרקע קאַווע", האָט זיך יוכבד אויפגעשטעלט און זיך אַ וואַקל געטאָן, „פון דעם וויכּוח בין איך אַ ביסל שיכּור. די גאַנצע מדינה אויפן אָפּעראַציע־טיש".

„דאָס זענען די מענער", האָט יהודית זיך אָנגעבויגן דאָ צו אַביגדורן און דאָ צו דודן, „וואָס וועט איר טרינקען, מײַנע מענער?"

„דאָס וואָס יוכבד", האָט דוד געזאָגט מיט אַ קול, ווי ער וואָלט אַראָפּגע־וואָרפן פון זיך אַ שווערע משׂא, „אויב טרינקען זיך, וויל איך צוזאַמען מיט איר".

„הערסט, אַביגדור, די ריטערלעכקייט פון דײַן ברודער?"

„ער איז געבליבן אַ פּאָליאַק", האָט אַביגדור געזאָגט גוטמוטיק.

„אַ סטעפּאַן", האָט יוכבד צוגעגעבן.

אַז די פרויען זענען אַוועק אין דער קיך צוגרייטן קאַווע, האָט אַביגדור גע־זאָגט שטיל, ווי ער וואָלט נישט וועלן אַ דריטער זאָל הערן זײַנע ווערטער:

„אַ קערן פון אמת איז פאַראַן אין דעם וואָס דו האָסט געזאָגט. אָבער אַ פאָלק לעבט נישט מיט פילאָסאָפיע און אינדיווידואַליסטיש. אַ פאָלק נעמט אַ שטיקל לײַוונט, מאַכט דערפון אַ פאָן און איז גרייט פאַר דעם שטיקל לײַוונט אַוועקצוגעבן דאָס לעבן. אַ פאָלק לייגט אַוועק אויף אַ געוויסער ליניע אין פעלד אַ בערגל שטיינער און דערקלערט: דאָס איז די גרענעץ פון מײַן לאַנד, און איז גרייט פאַר יעדן שפּאַן באָדן צו געבן קרבנות. די מענטשלעכע געזעלשאַפט מוז לעבן מיט אָפּגערעדטע באַגריפן און סימבאָלן, אַפילו ווען דיר, דעם אינדיווידואַ־ליסט, זעען זיי אויס ווילד און אין תוך זענען זיי נישט מער ווערט ווי דאָס שטיקל לײַוונט, אָדער די פּאָר שטיינער פון דעם גרענעץ־צייכן. וועסט עס נישט איבער־מאַכן. קיין שום רעוואָלוציע האָט עס נישט איבערגעמאַכט און קיין שום קומענ־דיקע רעוואָלוציע וועט עס נישט ענדערן".

„ס'פאַלט מיר נישט אײַן אַפילו", האָט דוד געהויבן מיט די אַקסלען, „איך

קען אָבער נישט פאַרמאַכן די אויגן און נישט זען די אײַטלקייטן און אָפּגערעדטע נאַרישקייטן און זיי מיטמאַכן. די פּערטע דימענסיע שטערט מיר אַפילו צו מאַכן דעם אָנשטעל".

„דוד, דו מוזסט עס נישט מיטמאַכן, אָבער דו טאָרסט נישט אָן איבערריַיס מאַניפעסטירן דײַן קעגנערשאַפט צו קאָנווענציאָנאַליזמען און צביעותן. זעסט, דאָ אין מײַן קליינעם, וואַרעמען ווינקל, אין קיבוץ, אין מײַן היים, זע איך געוויסע זאַכן פון די וועגן וועלכע דו רעדסט, ווי אונטער אַ מיקראָסקאָפּ. פון אָנהייב האָבן זיי מיך אויפגערעגט, אַנדערע האָבן בײַ מיר אַרויסגערופן סאַרקאַזם. זיי זענען מיר געווען דערווידער. געווען אַ צײַט ווען אין אונדזער חדר־אוכל און אין דער ביבליאָטעק איז געהאַנגען דער פּאָרטרעט פון סטאַלינען. סאָוויעט־רוסלאַנד איז געווען דאָס גײַסטיקע פאָטערלאַנד פון דער השומר־הצעיר־באַוועגונג. ווען איך בין אָנגעקומען אין מײַן קיבוץ אין דעם זעלנערישן מונדיר און דערזען די אויס־טערלישע פאַרבלענדעניש, האָב איך איבערגעלעבט רגעס פון יאוש. אַרויסגע־ריסן זיך פון דער סאָוויעטישער צביעות אין רוסלאַנד און דאָ אַרײַנגעפאַלן אין דער זעלבער צביעות אין ארץ־ישׂראל. אין רוסלאַנד האָב איך געזען דעם סיסטעם פון דער נאָענט, אַ סיסטעם אין וועלכן קיינער זאָגט נישט דעם אמת, איינער נאַרט אָפּ דעם צווייטן. די שטאַרקע פון די אָפּנאַרער פאַרשיקן אין די קאַטאָרגע־לאַגערן די שוואַכע פון די אָפּנאַרער. אַלע זעען און קיינער קען נישט אויסשרײַען, אַז דער גאַנצער סיסטעם איז געבויט אויף אַכזריות, צביעות און מאָראַלישער פוילעניש. אָט די ,ווערטן' האָט אַזאַ אידעאַליסטישע באַוועגונג, ווי השומר־הצעיר, אָנגענומען ווי הייליקייטן און געחלומט זיי צו איבערפלאַנצן אַהער. וואָס האָב איך געקענט טאָן? איך האָב ליב יהודיתן, איך האָב ליב דעם קיבוץ, איך האָב ליב די גלויביקע מענטשן אין קיבוץ. צי האָב איך געזאָלט אַנטלויפן פון קיבוץ, כדי נישט צו זען די פאַרבלענדקייט? איך האָב נישט געהאַט ווו צו לויפן. ביז די כוואַליע פון פאַרבלענדעניש איז אַריבער. השומר־הצעיר האָט זיך דערוווּסט דעם אמת און אָפּגעלאָזט ,דאָס גײַסטיקע פאָטערלאַנד'. איך האָב איבערגעהאַלטן! דו ביזסט נישט נאָענט צו דער קיבוצים־באַוועגונג און דו ווייסט נישט וואָס פאַר אַן אומגליק עס איז געווען און איז ווײַטער די שפּאַלטונג אין דער קיבוצים־באַוועגונג. נאָר צוליב פאַרבלענדעניש און אידעאָלאָגישער האַר־שפּאַלטערײַ, וואָס איז נישט ווערט די שאָל פון אַ באַנאַנע, זענען ווירטשאַפטן צעבראָכן געוואָרן, נעכ־טיקע בוזעם־פרײַנד האָבן נישט געוואָלט עסן בײַ איין און דעם זעלבן טיש, אין דעם זעלבן חדר־אוכל, פאַרפעלקער זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען צוליב אידעישע ווערטן, וואָס אויסער אײַנגערעדטקייט איז אין זיי גאָרנישט געווען. ,טאַבענקין האָט געזאָגט', ,בן־גוריון האָט געפּריידיקט' — גאָלע נאַרישקייטן. אייגנטלעך האָבן דאָך אַלע פּאַרטייען געקענט זײַן אין איין פּאַרטיי. וואָרום אַלע זענען ציוניסטישע און אַלע שטרעבן צו דעם זעלבן, צו אַ גרויסער ייִדישער מדינה — וואָס גרעסער אַלץ בעסער. טאַבענקין און זשאַבאָטינסקי שטייען אויף דער זעלבער פּלאַטפאָרם בנוגע אַ גרויסער ייִדישער מדינה. אידעאָלאָגיעס צעטיילן די פּאַרטייען? נאַריש־

קייטן. כ'וועל נישט זײַן קיין ציניקער אויב איך וועל זאָגן, אַז די שפּאַלטונג איז אפשר צוליב דעם, דער גרויסער זיסער קוכן זאָל נישט אַרײַנפאַלן אין איינציקע הענט".

„דו, אַ קיבוצניק, זאָגט עס? גוט וואָס יערי אָדער חזן הערן עס נישט", איז דוד געוואָרן פריילעכער.

„קיבוצניקעס זענען נישט קיין קאָמוניסטן, זיי זאָלן טראַכטן און רעדן מיט קלישייען און טראַפּאַרעטן", האָט אַביגדור געזאָגט אונטערשטרײַכנדיק זײַנע ווערטער, „ווייסט בײַ אונדז אין רפת באַגעגענען אמתע אינטעלעקטואַלן, וואָס ווען זיי זאָלן לעבן אין נײַנצנטן יאָרהונדערט וואָלטן זיי געווען פילאָסאָפן".

„דו מיינסט אַברהמלען", האָט דוד געמאַכט דעם אָנשטעל פון ערנסטקייט. אַביגדור האָט געלאַכט:

„ער איז אַ פילאָסאָף פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אַנומלט איז דער טאַטע געזעסן דאָ, אויף דעם זעלבן פּלאַץ וווּ דו זיצסט, און ער האָט גערעדט וועגן דער געשיכטע פון אונדזער לאַנד ווי ער וואָלט געווען אַן אוניווערסיטעט־לעקטאָר. צום באַדויערן האָב איך נישט געהאַט קיין צײַט און נישט מער דאָס געדולד צו לערנען די געשיכטע פון ארץ־ישראל. בײַ אונדז זאָגט מען אַפילו, אַז מיר זענען כּדי צו מאַכן געשיכטע און נישט כּדי זי צו לערנען. האָט מיר דער טאַטע מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער בילדלעכקייט דערציילט וועגן דער ווילדקייט פון דעם פּאַרטיי־לעבן דאָ אין לאַנד פאַר דעם חורבן פון ירושלים. ס'האָט מיך אויפגע־טרייסלט די ענלעכקייט אין אונטערגראָבן די אייגענע עקזיסטענץ מיט קעגנזעצ־לעכע אויסגעשוויצטע אָדער אײַנגערעדטע אידעאָלאָגיעס, בעת אין תוך מיינען אַלע איינס און דאָס זעלבע און דאָך מאַכן זיי חרוב דאָס בשותּפותדיקע. איך עצה דיר, דוד, נישט מאַכן קיין אײַליקע אויספירן און זיכער נישט קיין ענדגילטיקע. דערווײַל מוזן מיר לעבן מיט די קאָנווענציאָנעלע שקרים און אײַנבילדונגען ביז דער קיבוץ־גלויות וועט זיך אָפּזעצן צו אַ פאָלק. נעם יוכבדן און קום אין קיבוץ אַרײַן".

„און צײַט?" האָט דוד אָנגעשטעלט זײַן בליק אויף דעם ברודער.

„אַן אַלט פאָלק האָט צײַט. וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט בײַ אונדז טויזנט יאָר? מיט דײַן אומגעדולדיקן וועג וועסטו ווײַט נישט אָנקומען".

אַ ריח פון פרישער קאַווע איז פאַרויסגעלאָפן די צוויי פרויען, וואָס האָבן פון דער קיך מיטגעבראַכט אַן אַנדער וויכּוח. זיי האָבן די קאַווע מיט קוכן און ביס־קוויטן געטראָגן אויף צוויי טאַצן ווי זיי וואָלטן געטראָגן אַ קעניגלעך מאָלצײַט צו געדעקטע טישן. נאָך איידער זיי האָבן צעשטעלט די טעלערלעך איז מיט טומל אָנגעלאָפן דני. ער האָט הילכיק פאַרויסגעזאָגט זײַן אָנקומען און גלײַך ווי ער איז אַרײַן אין צימער, האָט ער געכאַפּט אַ ביסקוויט און זיך געזעצט אויפן פאָטערס קני.

„האָסט שוין אַ צימער?" האָט ער פּלוצים געפרעגט אויסציִענדיק דאָס הענטל מיט דעם אָפּגעביסענעם ביסקוויט צו דודן.

„מיר וועלן נאָך הײַנט צוריקפאָרן קיין תל־אביב״, האָט דוד געענטפערט נישט פאַרשטייענדיק די פראַגע.

דער רויטער קאָפּ האָר פונעם יינגל האָט זיך אַ טרייסל געטאָן:

„ניין, איך מיין נישט דאָס, דוד דוד, נאָר צי דו און יוכבד האָבן שוין אַ צימער צו לעבן אין קיבוץ״.

יהודית און אַביגדור האָבן זיך איבערגעקוקט.

„זעסט? דאַכט זיך, ער הערט זיך נישט צו וואָס מיר רעדן, און ער הערט אַלץ״ האָט יהודית מיט ליבשאַפט געקוקט אויף איר זון און געקוואָלן פון זײַן ענלעכקייט צו איר.

„איך האָב צוויי אויערן!״ האָט דאָס יינגל אויסגערופן, „אויב איינער פאַר־הערט, הערט דער צווייטער״.

„טאַקע דערפאַר האָט דער מענטש צוויי אויערן״, האָט אַביגדור געצערטלט דניס קאָפּ און זיך געווענדט צו יוכבדן און צו דודן: „דני האָט געהערט ווי איך האָב גערעדט מיט דער אמא, אַז עס וואָלט גוט געווען דער דוד דוד און די דודה יוכבד זאָלן ווערן חברים אין אונדזער קיבוץ״.

„איך האָב געזאָגט מײַנע חברים, אַז דער דוד דוד און די דודה יוכבד וועלן זײַן מיט אונדז אין קיבוץ. ער וועט זײַן אַ לערער און זי וועט זײַן אַן אחות״, האָט דני זיך אָנגעבלאָזן מיט גאווה.

„זעסט״, האָט אַביגדור געזאָגט מיט נחת, „ער האָט שוין געמאַכט דעם סידור העבודה פאַר אײַך״.

יוכבד האָט פון אַ זײַט געקוקט אויף דודן. יהודית האָט עס באַמערקט און געזאָגט מיט אַ געשטײַגערט קול:

„די פראַגע פון שיכון איז אין לאַנד נאָך אַלץ דאָס שווערסטע פּראָבלעם, דערפאַר איז דני אויפמערקזאַם געוואָרן און געפרעגט, צי איר האָט שוין אַ משפחה־צימער״.

דוד האָט צעשפּרייט די אָרעמס און, אָנבויגנדיק דעם גאַנצן קערפּער צו דניך, געזאָגט ווי ער וואָלט דערציילט אַ מעשה:

„פאַר אָדם און חוה איז דער גאַנצער גן־עדן געווען אַ שיכון, דער הימל איז געווען דער באַלקן, די שטערן — עלעקטרישע לעמפּלעך, די ווענט — פון ווײַן־קוסטן און פײַגנביימער״.

„מיט פײַגנבלעטער האָבן זיי זיך צוגעדעקט״, האָט דני אים צוגעהאָלפן.

„ווײַל אין גן־עדן איז נאָך נישט געווען קיין מחסן צו באַקומען הויזן און קליידלעך, האָבן זיי אויסגעשטרעקט די הענט צו די פײַגנביימער און אָפּגעריסן בלעטער און זיך צוגעדעקט״.

„זיי האָבן די פײַגנבלעטער צוגעקלעפּט, זיי זאָלן נישט אַראָפּפאַלן״, האָט דני געזאָגט אַ סברה און דער פעטער האָט אויסגעבעסערט:

„זיי האָבן די פײַגנבלעטער צוגעקלעפּט מיט מאַסטיק!״

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו יוכבדן. יוכבד האָט פון דער טאַש, וואָס

זי האָט געהאַט ליגן אָן אַ זײַט אַרויסגענומען עטלעכע קאָלירטע פּעקעלעך און זיי דערלאַנגט דנין:

„דאָ האָסטו מאַסטיק אויף צוצוקלעפּן פּײַגנבלעטער צו אַלע דײַנע חברים אין קיבוץ".

דני האָט גענומען די מתנה מיטביידע הענטלעך און געשמייכלט צו די קאָלירטע פּעקעלעך מיט אַ פּקחותדיקן שמייכל:

„אַז מײַנע חברים וועלן זיך צוקלעפּן פּײַגנבלעטער וועט מען זיי אַרויסטרײַבן פון קיבוץ?"

„פֿאַר די פּײַגנבלעטער האָט מען פֿאַרטריבן אָדם און חוה פון קיבוץ?" האָט יהודית געוואָלט אויספּרוּוון דעם זונס וויסן.

דאָס ייִנגל האָט אַרויפגעלייגט אַ הענטל אויפן פאָטערס פּנים און געזאָגט מיט געלעכטער:

„די אמא מיינט, אַז איך בין נאָך אַ תינוק און איך ווייס נישט פאַר וואָס זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן פון גן־עדן".

12

פון זײַן אַרבעט אין שפּיטאָל אין תּל־אָביב איז ד״ר אליעזר נישט אַוועק אַהיים. עפּעס האָט אים אָפּגעלענט פונעם וועג. אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך געווענדט אין דער ריכטונג פון זײַן היים און דער נישט־געזעענער כּוח האָט אים פאַרהאַלטן. דער טאָג איז געווען אַ מיט־זומערדיקער, מיט אַ צעגליטער זון, וואָס האָט אַרײַנגעהיצט אין דער פײַכטער לופט און שווער געמאַכט דעם אָטעם און די באַוועגונגען, ווי אין אַ שוויץ־באָד. ער איז געווען זיכער, אַז זײַן אומרו און דאָס שווערע געמיט נעמט זיך בלויז פון דער הייסער פײַכטקייט.

געוויינטלעך האָט אליעזר נישט איבעריק געליטן, נישט פון די טרוקענע חמימות און נישט פון די פײַכטע היצן. ער האָט זיך צוגעאייגנט די פילאָסאָפיע פון יענע קראַנקע, וואָס נעמען אָן זייערע דערוואַרטליקע לײַדן ווי אומפאַרמײַדלעכע צו דעם טאָג פון פולער געזונט. די פיר־פינף חדשים כאַמסינען און הייסע פײַכטקייט זענען אַ פאַרבײַגייענדיקע מחלה. צום סוף קומען די גאָלדענע ארץ־ישׂראל־טעג, ווען די פרימאָרגנס זענען פול מיט ליכטיק לעבן און די אָוונטן זענען ווי זאַלב, צו באָדן זיך אין זיי.

ד״ר אליעזר אַרטאָפּאַנוס האָט פאַרשטויסן פון זיך דעם אמת, אַז דעם אומרו און דאָס שווערע געמיט טראָגט ער מיט זיך פונעם שפּיטאָל. נישט דערפאַר ווײַל דער שפּיטאָל איז פול מיט ווי און לײַד, נאָר מער ווײַל דער שפּיטאָל איז אויך אַ טייל פון דער גאַס. אויסער די ווייען און קרעכצן, קומט אַהער אַרײַן די גאַס, צו די בעטן פון די קראַנקע. בײַ איין בעט הענגט אַן אינפוזיע, וואָס טריפט אַרײַן אין לײַב פונעם קראַנקן אַ פליסיקייט און בײַ אַ צווייט בעט הענגט אַ ראַדיאָ־טראַנזיסטאָר, וואָס מיט אײַנגעשטילטע טענער ווי טראָפּנס ברענגט ער אַרײַן די אָפּהילכן פון אַלץ, וואָס קומט פאָר אויסער דעם שפּיטאָל. די דאָקטוירים און די קראַנקן־שוועסטער — זיי ברענגען מיט אין שפּיטאָל אַרײַן דאָס געמיט און די שפּאַנונג, וואָס עס וואַרפט אָן אויף זיי די גאַס. דער איז אומגעדולדיק און דעם איז עפּעס נישט ניחא. דאָס לאַנד איז צעפּיבערט. די צייטונגען זענען בלויז סוד און רמז. פון מויל צו מויל דערציילט מען זיך, אַז די צאַנקערײַ וואָס קומט פאָר צווישן די מדינה־מנהיגים גופא, איז צוליב אַ מעשׂה נורא, וואָס איז יאָרן אויסבאַהאַלטן געוואָרן און איצט דינט זי ווי אַ כּלי־זין פאַר חשבונות צווישן אייגענע. דאָרט, אין מצרים, האָבן אַגענטן פון ישׂראל אונטערגעלייגט צײַטבאָמבעס אין

קינאָ־זאַלן און אַפילו אין אַן אַמעריקאַנער עפנטלעכער אינסטיטוציע אין קאַיראָ. די אַגענטן זענען געכאַפּט געוואָרן. איינער פון זיי איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און אַ צווייטער האָט זיך אין תּפיסה גענומען דאָס לעבן. דאָס געשעענע מיט יאָרן צוריק איז איצט קאַפּויער געקומען. דוד בן־גוריון וואַרפט אַרויף די שולד אויף דעם געוועזענעם זיכערהייט־מיניסטער פּנחס לבון, אַז דאָס האָט ער געגעבן דעם באַפעל צו אַקטיוויזירן די גרופּע ישׂראל־אַגענטן אין קאַיראָ אויסצופירן טעראָר־אַקטן. דערקעגן באַשולדיקט פּנחס לבון, אַז בעת ער איז געווען זיכערהייט־מיניסטער, האָבן דוד בן־גוריונס מענטשן, וועלכע זענען געבליבן אינעם מיניסטעריום אויף הויכע פּאָזיציעס, אַרויסגעגעבן אַ פאַלשן באַפעל צו די אַגענטן אין מצרים. זיי האָבן עס געטאָן הינטער די פּלייצעס פון דעם אַמטירנדיקן מיניס־טער און אָן זײַן וויסן. דאָס בייזע בלוט פון ברידער־קאַמף האָט זיך אָנגעצונדן, ווי די יונגע מדינה וואָלט פּריצײַטיק באַפאַלן געוואָרן פון זקנה־קראַנקייטן. דאָס בייזע בלוט האָט זיך אַרויסגעגאָסן אויף די גאַסן און צוזאַמען מיט דער סודות־דיקייט און רמזים פון די צײַטונגען איז עס ווי גיפט אַרײַנגעדרונגען אין מענטשן און אָנגעזאָגט אויף זיי אומרו.

דער אומרו האָט אין ד״ר אליעזר אויפגעוועקט דערמאָנונגען, וואָס האָבן טיף אין אים געדרימלט אין אַלע די יאָרן, ווי אַ ווייטיק פון דער קינדהייט קומט קאַפּויער שפּעטער, אין די עלטערע יאָרן. האָט ער נישט געקענט אַהיימגיין צו זײַן אַליין מיט זײַנע דערמאָנונגען אין די פיר ווענט פון זײַן הויז. טאָמער וועט דוד זײַן אין דער היים, און זײַן, אליעזרס, ביטערניש וועט אַרויספּראַלן פון אים, וועט דער זון אויף זײַן שטיגער אַ שפּיל טאָן מיט זײַן אויסגעוואָרצלטקייט: ,נו, טאַטע, וואָס זאָגסטו איצט? יידן מאַכן זיך אַן ערגערן גלות אין זייער אייגן לאַנד ווי זיי האָבן אים געהאַט אין דער פרעמד׳. מסתּמא וואָלט ער אים געשיט זאַלץ אויף די ווונדן, אַז דאָרט האָבן קריסטלעכע רשעים אויסגעטראַכט אַ בלבול, אַז יידן האָבן דערמאָרדעט אַ קריסטלעך קינד, כּדי צו נוצן זײַן בלוט אויף מצות, און דאָ האָבן יידן אויסגעטראַכט אַ בלבול אויף אַ ייד, אַז ער האָט געגעבן דעם באַפעל צו זייען טויט און חורבן אין מצרים, כּדי צו פאַרמיאוסן די מצרים אין די אויגן פון אַמעריקע. האָסט געוואָלט — האָסטו!

אליעזרן טוען אַלע מאָל ווײ די ווערטער פון בונט פון זײַן זון, כאָטש ער ווייסט, אַז אין תּוך איז ער אַ מענטש מיט אַ גוט האַרץ, נאָר ער רעדט ווײַל עס טוט אים ווײ. וואָס? אליעזר האָט נישט געקענט אויף דעם ענטפערן. מײַדט ער אויס, אליעזר, ווי ווײַט מעגלעך, צוזאַמענשטויסן מיט זײַן זון.

אויף די צעהיצטע גאַס האָט געטריבן אליעזרן פון זיך. אין דער הייסער פײַכטקייט האָבן די בענזין־רויכן פון די אויטאָמאָבילן זיך צעלייגט אין שטיקנ־דיקער ביטערניש, און די מענטשן, פאַרגאָסענע מיט שוויס אין זייערע פאַר־שוויצטע העמדער, האָבן זיך באַוויגן ווי די היץ וואָלט בײַ זיי אָפּגענומען די גלײַכגעוויכט.

אָן צו טראַכטן וווהין די פיס פירן אים, איז אליעזר מיט דער אַלענבי־גאַס

דערגאַנגען צום ים־ברעג. ער האָט זיך פאַרהאַלטן בײַם אײַזערנעם אָנלען, וואָס אויף דער אַנטקעגן־איבערדיקער זײַט טראָטואַר.

מיט לאַנגזאַמע און שוים־באַזוימטע כוואַליעס האָט דער ים געשווענקט דעם זאַמדיקן ברעג און זיך צוריקגעצויגן איבערלאָזנדיק גלאַנציקע פײַכטקייט, וואָס האָט זיך שנעל אײַנגעזאַפּט אין דעם אויסגעגלאַטיקטן זאַמד. דער פּלוס פון די כוואַליעס האָט מרמז געווען, אַז פון דער ווײַטקייט פון ים דאַרף בלאָזן אַ ווינטל. האָט אַרטאַפּאַנוס, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן דעם אײַזערנעם אָנלען, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט געוואַרט אויף אַ קילבלעכן גלעט פון אַ ווינטל. ס׳איז נישט געקומען. נאָר אַ ריח ווי אויף אַ פישמאַרק האָט אים אַרומגע־נומען. כאָטש דער ריח האָט אים געאיבלט איז ער אַראָפּ צום זאַמדיקן ברעג צו פאַנגען אַ ביסל פרישע לופט. ווי ער איז אַראָפּ צום זאַמד, אַזוי איז אַנטקעגן־איבער, אין ים, אויפגעקומען אַ ברענענדיקע שיף. די שיף און דער רויך פון איר שׂריפה זענען געווען פלאַטשיק און דורכליכטיק ווי אַ פאַרפלעקטע מילך־שויב. ער האָט מיט די הענט פאַרדעקט דאָס פּנים און באַלד צוריק עס אָפּגעדעקט. די ברענענדיקע שיף איז דאָ פאַרשווונדן און דאָ צוריק אויפגעקומען און באַלד ווידער פאַרשווונדן. ‚פאַטאַ מאַרגאַנאַ בײַם ים־ברעג אין תל־אביב ?‘ — האָט ער געטראַכט און אַרומגענומען דעם געלענק פון זײַן רעכטער האַנט, כּדי צו דערפילן די שנעל־קייט פון זײַן אייגענעם דופק טאָמער פיבערט ער.

אליעזר האָט געוווסט : ס׳איז נישט קיין פאַטאַ מאַרגאַנאַ, נאָר ווידער אַן אויפ־קום פון זכרונות. ווי טיף און פאַרנעמיק איז דער מענטש אַז ער קען אין זיך אײַנזאַמלען אַן אַ שיעור פאַרלויפּענישן און נסיונות און גאָרנישט ווערט אין אים אָפּגעמעקט. און ווי איין נסיון לייגט זיך אָפּ אויפן צווייטן פלאַסטנווײַז, אַזוי וועקט שפּעטער אויף איינער דעם צווייטן. אַלץ פאַרשטויסט ער פון זכרון, דער מענטש, און אַלץ געדענקט ער.

ס׳איז געווען קוים אַ פּאָר וואָכן נאָך דעם ווי די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן. אליעזר איז דעמאָלט געווען מאָביליזירט ווי אַ דאָקטער. צוליב עפּעס האָט ער זיך באַפרײַט אויף אַ טאָג צוויי און צוריקגעקומען אין זײַן דירה, אין תל־אביב, נאָענט צום ים־ברעג. אין איינער פון די צוויי נעכט האָט אים אויפגע־וועקט אַ הילכיק שיסערײַ. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט געהערט די שאָסן אין חלום, אָדער אפשר זענען אים געבליבן אין געדעכעניש די אָפּהילכן פון די שיסערײַען צווישן תל־אביב און יפו אַנומלט, בײַם פאַרנעמען די שטאָט. אָדער אפשר זענען עס די אָפּהילכן פון די שיסערײַען אין בירקענאַו פון דעמאָלט ? נאָר אַז ער איז ווידער אײַנגעשלאָפן האָט אַן אַרטילערישער דונער נאָך אַ מאָל אים אויפגעוועקט. ס׳איז שוין געווען טאָג. קיין צווייטער דונער איז נישט גע־קומען. איז ער אַראָפּ פון בעט און געגאַנגען אין דער קיך מאַכן טיי. בײַם אַרויפ־שטעלן דעם טשײַניק מיט וואַסער אויף דער נאַפט־מאַשינקע האָט ער אומפאַרזיכ־טיק אַ רוק געטאָן די מאַשינקע און זי האָט אַן אויסטערלישן קלאַפּ געטאָן, ווי זי וואָלט אַרויסגעשאָסן אַ קויל. ער האָט אויפגעהויבן דעם טשײַניק, אַרײַנגעקוקט

אינעם רויטלעכן פײַער פון די קנויטן, געזוכט און גאָרנישט געפונען. שפּעטער, בײַם אָנגיסן אין אַ גלאָז זודיק וואַסער האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט די אָפּהילכן פון שיסן פון מאַשין־געווער. ער איז אַריבער אין דער צווייטער זײַט פון זײַן וווינונג, אַרויפגעצויגן די זשאַלוזן און צעעפנט דאָס פענצטער. יונגער טאָג האָט צוזאַמען מיט ים־לופט זיך אַרײַנגעגאָסן דורכן פענצטער און מיט זיי זענען מיטגעקומען אָפּהילכן פון איינציקע ביקסן־שאָסן. אַ רגע איז אליעזר געשטאַנען בײַם פענצטער און געקוקט אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער מויער, וואָס איז גע־ווען גרוי און אָפּגעריסן. זי האָט אים דערמאָנט מלחמה. מסתּמא האָט אַ מצרישע שיף זיך דערנענטערט צום ברעג פון תּל־אביב און זי וויל ווײַזן איר כּוח.

די מחשבה, אַז צום ברעג פון תּל־אביב קען זיך דערנענטערן אַ מצרישע שיף, האָט אים געמאַכט פאַרגעסן, אַז ער האָט איבערגעלאָזט טיי אין אַ גלאָז. ער האָט אַפילו די נאָפט־מאַשינקע נישט פאַרלאָשן. ער האָט שנעל אַרויפגעכאַפּט אויף זיך די האַקי־הויזן און נאָך איידער ער האָט דאָס העמד אַרײַנגעשטופּט אין די הויזן איז ער שוין געווען אויף די טרעפּ.

דער דרויסן איז געווען אַ יונגער און אויסגעליידיקטער. אליעזר איז געווען דער איינציקער וואָס האָט געאײַלט אין דער ריכטונג פון וואַנען עס זענען גע־קומען די שאָסן — צום ים־ברעג. ערשט ווען ער איז אַרויף אויף דער ירקון־גאַס, אַראָפּצו פון דעם אַראַבישע בית־עלמין, האָט ער דערזען אַ שוואַרצן רויך־זײַל, וואָס אויפהייבנדיק זיך העכער צום הימל איז ער זיך צעגאַנגען ווי אַ פּעכער. טויבע דונערן, ווי פון אונטערערדישע שטויסן, האָבן דעם שוואַרצן רויך־זײַל אונטער־געבלאָזן. אליעזר האָט געאײַלט אַראָפּצו מיט דער ירקון־גאַס און אויפן וועג קיין לעבעדיקן נפש נישט געזען. ערשט בײַם ‚רויטן הויז‘ האָבן ווייניק מענטשן, האַלב נאַקעטע, מיט שטעקשיך, און אַנדערע אין קורצע האַקי־הײלעך מיט ווײַסע לײַב־לעך, זיך ווי געטוליעט אין באַזונדערע גרופּעלעך. איינער, אַ האַלב־נאַקעטער, האָט זיך אָפּגעריסן פון אַזאַ גרופּעל און אָנגעהויבן לויפן אין דער ריכטונג צו אליעזרן. לויפנדיק האָט ער געשריגן:

„דריטער חורבן בית־המקדש! דריטער חורבן בית־המקדש!“

„וואָס אַזעלכס איז געשען?!“ האָט אליעזר געוואָלט וויסן און געפּרוּווט פאַר־האַלטן דעם לויפנדיקן. יענער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. ער האָט ווײַטער גע־שריגן זײַן געשריי וועגן דעם דריטן חורבן און פאַרבײַגעלאָפן אליעזרן ווי אַ שאָטן.

אליעזר האָט צוגעאײַלט צו די גרופּעלעך, וואָס פון דער נאָענט האָבן זיי אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געווען אַרײַנגעטאָן אין אַ בשותּפותדיקן סוד.

„וואָס איז געשען?“ האָט אליעזר אַרײַנגעפרעגט צווישן די גרופּעלעך.

איינער פון די לײַט האָט צו אליעזרן אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אים אָנגעקוקט מיט אַן אָפּגעמעקט פּנים און אים געלאָזן אָן אַן ענטפער. אַ צווייטער האָט ביטול־דיק אַ בייג געטאָן מיטן קאָפּ, ער האָט עפּעס אַראָפּגעשלונגען און ווי דאָס אַראָפּ־

געשלונגענע וואָלט געווען ביטער, האָט ער פֿאַרקרימט דאָס פּנים און זיך גע־שטיקט.

„קען מען נישט וויסן וואָס עס מיינט דאָס שיסן?" איז אליעזר צוגעשטאַנען. „צי זענען די אַראַבער צוריקגעקומען קיין יפו?"

„פֿרעגט ביי זיי!" האָט איינער אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זיך און נישט מפֿרש געווען ווער עס זענען די „זיי".

ערשט ביי דעם קורצן באַרג אַראָפּ־געסל צום ים, נעבן דעם האָטעל „קעטע דן", האָט אליעזר דערזען אַ ברענענדיקע שיף נאָענט צום ברעג און פֿון איר, פֿון דער שיף, האָבן זיך געטראָגן קורצע דומפּיקע אויפֿרייסן. פֿונעם צענטער פֿון דער שיף האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שוואַרצער געדיכטער און דראָענדיקער רויך־זייל. אין דער מיט האָט זיך דער רויך־זייל איינגעבראָכן, אַרויסגעוואָלקנט פֿון זיך צווי רויך־צווייַגן ווי הענט פֿון אַן אומגעלומפּערטן גוף. העכער האָבן זיך די רויך־צווייַגן צוריק פֿאַראייניקט מיט דעם אומגעלומפּערטן רויך־גוף און זיך אַרויף־געקנוילט צום הימל. דאָס ליכט פֿון דער יונגער זון האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן דער שוואַרצקייט פֿונעם רויך און אין אים פֿאַרזייט רויטע פֿלעקן פֿון אָפּגעריסענע פֿלאַמען. פֿון דעם ליכט איז דער ים געוואָרן גרין און ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געוואָרן געדיכט. אין דער געדיכטקייט האָבן געדרודערט מענטשלעכע גע־שטאַלטן און פֿון זייערע אויפֿגעהויבענע הענט פֿון מאָל צו מאָל האָט זיך געדאַכט, אַז זיי רופֿן הילף, אָן צו שרייַען. פֿון ערגעץ אַן אומגעזעענעם ווינקל האָבן זיך געהערט אַלאַרם־געשרייען. ס'האָט אַ דונער געטאָן און צוזאַמען מיט דעם דונער האָט עפּעס וואָס אַרייַנגעהאַקט אין דער ברענענדיקער שיף. פֿון צווישן דעם רויך־זייל, נידעריק צו דער שיף, האָבן זיך אַרויפֿגעקנוילט רויט־גאָלדענע פֿלאַמען. דאָס מאָרגן־ווינטל האָט געבראַכט צום ברעג דעם ריח פֿון ברענענדיקן אייל גע־מישט מיט דעם ריח פֿון פֿאַרברענטן פּולווער.

אויף דער פֿאָדערשטער טעראַסע פֿונעם האָטעל האָט אליעזר כּמעט ווי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ געזינדל מענער, אַלע אָנגעטאָן אין האַקי־הייזלעך, מיט האַקי־העמדלעך, האַלב ציוויל, האַלב מיליטעריש, אַלע האָבן זיי געהאַט אויפֿגעבלאָזענע בעזער ווי זיי וואָלטן געלאָפֿן פֿון אַ ווייַטן וועג. איינער פֿון דעם געזינדל, אַ מאַן פֿון נידעריקן וווּקס, מיט אויפֿגעפּלוישטע בלאָנד־פֿאַרברענטע האָר און מיט אַ פּנים פֿון אַ בלינדן, נאָר מיט לויפֿנדיקע בלוילעך־צעוואָסערטע אייגעלעך, האָט נצחונדיק געשמייכלט: „גמרנו, פֿאַרענדיקט!" ער האָט עס מסתּמא געזאָגט ווי אַ המשך פֿון אַ פֿריערדיק געשפּרעך, וואָס אליעזר האָט נישט געהערט.

„וואָס איז געשען?" האָט אליעזר געפֿרעגט דעם מאַן.

דער געפֿרעגטער האָט מיט זייַנע בלוילעך־וואָסערדיקע אייגעלעך אָפּגעמאָסטן אליעזרן, ביטולדיק אַ קוועטש געטאָן מיט זייַן ברייטער נאָז און זיך אויסגעדרייט פֿון אים, נישט ענטפֿערנדיק. אומגעריכט און ווי אין אַ נישט־ווירקלעכקייט איז דאָס געזינדל נעלם געוואָרן צוזאַמען מיט דעם נידעריקן פֿאַרשוין. אויף דער טעראַסע איז געבליבן אַן אומהיימלעכע ליידיקייט און אין דער ליידיקייט, ווידער

ווי עס וואָלט געווען נישט אין דערווירקלעכקייט, איז אויפגעקומען אַן אויסגע־דאַרטער קעלנער אין אַ ווײַס רעקל און מיט אַ שוואַרץ שלייפל. אין דער האַנט האָט אים געציטערט אַ ווײַס האַנטעכל. אליעזרס געפינען זיך אויף דער טעראַסע האָט אים ווי געשטערט, און אומגעדולדיק האָט ער מיט דעם האַנטעכל אַ פּאָכע געטאָן און עס איבערגעלייגט אויף לינקן אָרעם.

„ווער איז עס געווען דער אַנגעבלאָזענער מאַן מיט די אויפגעבלאָזענע האָר?" האָט אליעזר געפרעגט.

„מצטער, אדוני, ניכט מײַנע זאַכע", האָט האַלב אין העברעיִש און האַלב אין דײַטש געענטפערט דער קעלנער.

„וואָס געשעט דאָ? צי זענען די לײַט אַראָפּ פון זינען? באַלד בײַ דער אַנטשטייונג פון דער מדינה?"

אליעזר האָט גערעדט צו זיך אַליין. דער סערווילער קעלנער האָט זיך דער־שראָקן פאַר די געהערטע שאלות און ער האָט אַ פּאָכע געטאָן מיטן ווײַסן האַנ־טעכל, ווי ער וואָלט אָפּגערוימט אַ טיש פון ברעזעלעך און ברעקעלעך. ער האָט נערוועז אַ זאָג געטאָן: „אדוני, האָבע ניכטס געהערט!" און פאַרריכטנדיק דאָס שלייפל איז ער נעלם געוואָרן פונקט אַזוי אומגעריכט ווי פריִער דאָס גערינדל מענער.

אַראָפּגייענדיק פון די טעראַסע־שטיגן איז אליעזר פאַרהאַלטן געוואָרן פון צוויי זעלנער. די זעלנער האָבן מיט פאַרקרייצטע ביקסן, ווי אַן איקס־אות, פאַרשטעלט פאַר אים דעם וועג צום ים־ברעג.

„מענטשן שפּרינגען אין וואַסער", איז אליעזר געבליבן שטיין, כּמעט אַנרירנ־דיק מיט זײַן ברוסט די געקרייצטע ביקסן און אַנגעוויזן אויפן ים. „איך בין אַ דאָקטער, מען דאַרף די מענטשן ראַטעווען!"

„הײַנט איז דאָס וואַסער וואַרעם ווי אין אַ קאַמסין", האָט איינער פון די זעל־נער מיטן קאָפּ אָנגעוויזן אין דער ריכטונג צום ים, און פינטלענדיק קונדייסיש מיט אַן אויג, האָט ער צוגעגעבן: „אַז זיי שפּרינגען אין וואַסער, מסתּמא קענען זיי שווימען".

אליעזר האָט פאַטערלעך באַרירט דעם אָרעם פון איינעם פון די זעלנער:

„אייגנטלעך, בחורים, וואָס געשעט דאָ? מען קען אַראָפּ פון זינען! איז עס אַן אַראַבישע שיף, אָדער אַ יידישע איז זי?"

„אדוני, אַ זעלנער פרעגט מען נישט. גייט אַרויס אויף דער בן־יהודה־גאַס, קויפט אַ צײַטונג און איר וועט פאַרשפּאָרן פרעגן", האָט איינער געענטפערט און דער צווייטער האָט אַנקוקנדיק אליעזרן פון אונטערן שטערן געזאָגט האַלב ערנסט און האַלב אין שפּאַס:

„יידן האָבן געעפנט דעם צווייטן פראָנט".

אויפן שפּאַציר־וועג, אונטער דעם הערבערט סעמיועל־סקווער און נידעריקער אויפן זאַמדיקן ברעג זענען געשטאַנען געזעמלעך יידן ווי צו תּשליך. דער איינ־ציקער שײַכות צווישן די געזעמלעך איז געווען בלויז דאָס וואָס אַלע האָבן גע־

קוקט צו דער ברענענדיקער שיף. אליעזר האָט שוין איצט ביי קיינעם נישט געפרעגט. ער האָט געשוויגן, ווי אַלע, און געקוקט אַהין וווּ אַלע האָבן געקוקט. דאָס וואָס די אויגן האָבן געזען האָט אויסגעזען אין גאַנצן חלומדיק. מען דאַרף נאָר זיך איבערוועקן און דאָס מיראַזשיקע וועט צעשווימען. מענטשן, וואָס זענען געשפּרונגען פון דער ברענענדיקער שיף, וואָס איז איצט געלעגן אויף אַ זייט, האָבן זיך געבאָרעט מיט דעם ים, געררודערט מיט די הענט ווי דאָס וואַסער וואָלט געווען געדיכט, און זיי זענען אַרויס אויפן ברעג ווי פּינגווינס. זיך אַרומגעקוקט און געשוויגן. קיינער אויפן זאַמדיקן ברעג איז זיי נישט אַנטקעגנגעקומען. זיי האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אויפן זאַמד און געשאַפן אַ זיצנדיק געזעמל.

„מצורעים?" האָט זיך אליעזר געוווּנדערט אויפן קול.

„פּורשים!", האָט עמעצער אויסגעשריגן.

די געזעמלעך האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן, צוריקבאַקומען די גלייכגעוויכט און ווייטער שטיל געקוקט צום ים. אַ כוואַליע איז אַנגעלאָפן צום ברעג און פאַרשווענקט די פּיס פון די מענטשן, אויפגערויעט די געזעמלעך. מענטשן האָבן זיך אַנגעקוקט מיט תּרעומות איינער צום צווייטן, ווי יעדער איינער וואָלט געווען שולדיק דערין וואָס דער ים האָט פאַרשווענקט די פּיס. אַלע זענען איצט געווען ווי פּינגווינס אויפן ברעג פון ים. אַ פאַרשוין אין קורצע הויזן מיט נאַסע סאַנדאַלן האָט זיך צעוויינט ווי אַ יתומדיק ייִנגל:

„אוי צו אונדזערע יאָרן! הלוואי וואָלט איך אומגעקומען אין מיידאַנעק איידער צו זען וואָס ייִדן טוען צו ייִדן".

דער וויינענדיקער פאַרשוין האָט זיך אויסגעדרייט צו אליעזרן און אים אַנגעקוקט מיט אַ געלבלעך אַנגעשוואָלן פּנים. ווי ער וואָלט מיט אַ רגע פריִער נישט געוויינט, האָט ער געזאָגט מיט אַ טרוקן בייזלעך קול צו אליעזרן:

„אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געיאָגט די ייִדישע שיף. פריִער האָבן די ענגלענדער געיאָגט מיין שיף ביים קומען אין לאַנד אַריין, איצט יאָגן ייִדן אַ ייִדישע שיף מיט ייִדן, וואָס קומען אין לאַנד אַריין. מיט געווער זענען זיי געקומען". ער האָט אויפגעהאָנגען זיינע בליקן אויף אליעזרס פּנים און געוואַרט אויף אַן ענטפער. אליעזר האָט געשוויגן. פּלוצים האָט אַ הילך געטאָן אַ פריידיק געשריי:

„ייִדן, די פּורשים ברענען!"

דאָס געשריי האָט געפּלאַצט און ס'איז ווידער געוואָרן אומהיימלעך שטיל. פונעם ים זענען כסדר אַרויסגעקומען צושווימענדיקע מענטשן. אַרויס אויפן ברעג, ווידער ווי פּינגווינס, און זיך צוגעזעצט צו די פריִערדיקע אויפן זאַמד.

אליעזר האָט מער נישט געקענט פאַרטראָגן די שטילקייט. אַפילו דער רויש פונעם ים איז ווי פאַרשטומט געוואָרן און די כוואַליעס שווימען צו צום ברעג שווייגנדיקע. האָט ער מיט די הענט געדריקט זיינע שלייפן און אַרויף צום אַספאַלטענעם ברוק. ער האָט געוואָלט לויפן, אַנטלויפן וואָס ווייטער, נאָר די רעסטאָראַן־פאַרבויונגען אויף דער צווייטער זייט גאַס האָבן אים פאַרהאַלטן. נישטאָ וווּ צו לויפן. האָט ער מיטן רוקן זיך אַנגעשפּאַרט אָן אַן אָפּגעשיילטער מויער און גע־

קוקט צו דער ברענענדיקער שיף אויפן אָפֿענעם ים. דער רויך האָט פֿאַרוואָלקנט דעם צעזוניקטן הימל, נאָר געדאַכט האָט זיך, אַז נישט די שיף ברענט, עס ברענט די זון און זי וואָלקנט אַראָפּ דעם רויך צו אַן עלנטער פֿאַרלוירענער שיף. וועט דער רויך פֿאַרדעקן תּל־אָבֿיבֿ? צי וועט ער פֿאַרדעקן מיט פֿינצטערניש דאָס לאַנד, וואָס שטייט איצט אין אַ מלחמה מיט אַראַבער פֿאַר דעם נאַקעטן לעבן? אליעזרן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס וואָס עס געשעט איצט איז נאָר למראית־עין, די שׂריפֿה איז אייגנטלעך פֿון דעמאָלט; פֿון דעמאָלט ווען ער, אַרטאַפּאַנוס, דער זון פֿון אליעזר, דער יונגער מיליטערמאַן אין ירושלים, זעט פֿון די פֿאַרנטיקע טורעמס אַרום דער מויער פֿונעם הר־הבית ווי דאָס חיל פֿון הורקנוס באַלאַגערט ירושלים, כּדי צו דערשלאָגן די לעצטע כּוחות פֿון זײַן ברודער אַריסטובול. די באַלאַגערטע אויפֿן הר־הבית האָבן געבעטן אויפֿן אומקום פֿון די באַלאַגערער און די באַלאַ־גערער האָבן מתפּלל געווען און געבעטן אויפֿן טויט פֿון די באַלאַגערטע.

„איך בין צוריקגעקומען אַהיים”, האָט אליעזר אַרטאַפּאַנוס געמורמלט צו זיך אַליין און טרערן האָבן אים פֿאַרגלעזט די אויגן. דורך די טרערן האָט ער געזען די ברענענדיקע שיף, צי אפֿשר די ברענענדיקע זון, און די רויך־וואָלקנס האָבן זיך געקנוילט און געוויקלט, ווי אין זיי וואָלטן געריעט שלאַנגען...

איצט, ווידער אויפֿן זאַמד־ברעג פֿון תּל־אָבֿיבֿ, מיט דער פֿאַרבלענדעניש פֿון דער ברענענדיקער שיף, וואָס ייִדן אַליין האָבן אונטערגעצונדן, מיט דער פֿאַר־בלענדעניש פֿון דער באַלאַגערונג פֿון ייִדן קעגן ייִדן אין ירושלים, און פֿאַר דעם צוליב וואָס ער האָט נישט געקענט אַהיימגיין — האָט אליעזר זיך אַרומגעקוקט אין דעם זאַמד. ער האָט געזוכט אַ וועג צו אַנטלויפֿן, אַנטלויפֿן, נאָר ווי קען מען אַנטלויפֿן פֿון זיך אַליין? ווי קען מען אַנטלויפֿן פֿון דעם אייגענעם שאָטן? אַלץ איז דאָך זײַן אייגנס, ניין, דאָס איז ער אַליין — ער איז די ברענענדיקע שיף! ער איז דער באַלאַגערטער הר־הבית! ער איז דער אויף וועמען זײַנע אייגענע האָבן אויסגעטראַכט אַ בלבול, אַז ער האָט געהייסן אַ הייפֿל ייִדן אין מצרים זיי זאָלן אונטערלייגן באָמבעס קעגן אומשולדיקע מענטשן!

„איך בין צוריק אין דער היים”, האָט ער געמורמלט, „און אַלץ בין איך אַליין...”

מיט דעם פֿײַכטן אויסגעגלעטיקטן זאַמד, האַרט צום וואַסער, זענען אַנגעלאָפֿן צוויי יונגטלעכע, ער און זי, ווי צוויי הירשן. זייערע לײַבער האָבן געגלאַנצט ווי אויסגעשײַערטער קופּער, און מיט אַ ליכטיקער פֿרייד. צוליב עפּעס האָבן זיי זיך פֿאַרהאַלטן נאָענט צו אים, ער אַנטקעגן איר און זי אַנטקעגן אים און שטיפֿעריש געאָטעמט, כּלומרשט פֿון וויַיטן לויפֿן, ווי זיי וואָלטן קעגנזײַטיק זיך איבערגע־פֿאָטשטעוועט זייער יונג לעבן — ער צו איר און זי צו אים. פֿון דער מויד, וואָס איר פֿול לײַב און אירע האָר זענען געווען פֿון דעם זעלבן קופּער, האָט זיך געטראָגן אַ פֿײַערלעכע פֿריידיקע גלוסטעניש. דער יונג איז מיט זײַן שלאַנקן גע־טעסטן גוף געווען אָנגעצויגן אַנטקעגן איר ווי אַ בויגן. זיי האָבן שמחהדיק אַרײַנ־געשטראַלט אין אײנאַנדער מיט צעליכטיקטע פּנימער. קליינע כוואַליעלעך באַ־

זוימטע מיט שוים האָבן צוגעפּעטשלט צום ברעג, זיך געשפּילט מיט דעם זאַמד, דאָ זיך אַרײַנגעשניטן אין אים און דאָ אים מיטגעשלעפּט מיט זיך צוריק אין ים אַרײַן. אליעזרן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די וואַסער־כוואַליעלעך, זיַען און ערן, פּאַרעלעך, פּאָרעלעך, זענען אייפערזיכטיק וואָס ער איז פּאַרקוקט אויף די צווי יונגע ליַיבער און ער טרינקט זיך אָן מיט זייער פרייד. זאָל ער אויך קוקן אויף זיי, אויף די כוואַליעלעך! דאָס פּאַרשוועבקטע, פּאַררונדיקטע זאַמד איז ווי מענטשלעך לײַב אויך קופּערדיק. אָט האָט אַ כוואַליע אויסגעשניטן אין זאַמד אַ מענערישן אָרעם און נעבן אים האָט אַ שאַרפערע כוואַליע פּאַררונדיקט אָן אָנגעטראָגן זאַמדבערגל — אַ פולע גלוסטיקע מיידלשע ברוסט. דאָס שטילע וואַסער גלעטיקט דעם אָרעם און גלעטיקט די ברוסט, און אָן אָנלויפנדיקע כוואַליע פּאַרדעקט זיי צו זייער פולער נאַענטקייט מיט אַ ווײַסן שוימיקן וואָאַל. די צווי יונגע מענטשן, פּאַרקוקטע אין זיך, האָבן פון פאַר גאַרנישט און פון פאַר אַלץ אויסגעבראָכן אין אַ הילכיק געלעכטער און זיך גענומען לויפן צוריק פון וואַנען זיי זענען פריִער אָנגעקומען. אליעזר האָט אויפגעכאַפּט זייער געלעכטער, צוגעלענט די אויגן און זיך איַינגעהערט: דאָס געלעכטער האָט זיך צוריקגעטראָגן צו אים פון דער ווײַטנס, ווי אַ זיסער ניגון, וואָס מען וויל אים נישט פּאַרלירן. וואָס ווײַטער אַלץ דינער איז געוואָרן דער ניגון, ער האָט אין אליעזרן אַרײַנגעהויערט באַנײַטע אמונה — די אמונה וואָס אָט פּאַרלירט ער זי און אָט געפינט ער זי צוריק מיט שמחה.

13

אסתר, יוכבדס מוטער, איז געווען אָנגעצויגן אויף דער גאַנצער וועלט און בעיקר האָט זי געריסן שטיקער פון זיך אַליין פאַר וואָס זי האָט דערלאָזט דערצו, אַז די מויד זאָל זיך יאָרן לאַנג אַרומשלעפּן מיט דעם דאָקטערס זון און עס זאָל נישט קומען צו קיין טאָלק. זי איז נישט געשלאָפן נעכט און אין די שלאָפלאָזע נעכט געוועקט בערלען, איר מאַן, און געהאַט צו אים טענות הלמאי ער קען שלאָפן אין אַזעלכע צרות. זי האָט רק געוואָלט, ער, בערל, זאָל איר זאָגן פאַר וואָס די מויד מאַכט נישט אַ סוף צו דעם אַלעמען. גוט צו זאָגן „מאַכן אַ סוף". איצט, ווען די גאַנצע וועלט איז אַן עדות, אַז זײַט יאָרן ווי יוכבד איז מער אין תל־אביב בײַ דודן ווי זי איז בײַ טאַטע־מאַמע אין דער היים, בלײַבט איר נישט מער ווי זיך אָנטאָן אַ מעשׂה, אָדער חתונה האָבן מיט אַן אַלמן מיט קינדער. וועלכער יונגערמאַן וועט נעמען אַן אַלטע מויד? און דערצו... אסתר וויל עס פאַרן געדאַנק נישט ברענגען. אַ ליאַדע טאָג קען די מויד אַהיימקומען און זאָגן: „מזל־טוב, אמא, ביסט געוואָרן אַ באָבע". די באָבע פּעסע, עליה השלום, פלעגט זאָגן: „אַ מויד טאָר נישט זײַן צו שיין, נאָר דאַרף זײַן מלא חן; אַז אַ מויד איז צו שיין פאַרפירט זי יענעם און פאַרפירט זיך אַליין".

אסתרן פאַרדריסט גאָר שטאַרק וואָס פון אָנהייב האָט זי זיך פאַרלאָזט אויף בערלען; אַז ער וועט זען עפּעס טאָן עס זאָל דערגיין צו אַ חתונה איידער וואָס ווען, אָדער מאַכן אַ סוף צום אַרומשלעפּן זיך. זײַט דעמאָלט האָבן אים די געשעפטן נאָך מער אַרײַנגעצויגן. צו זײַנע פּרדסים און צו דער פלחה אין נגב, האָט ער זיך גענומען צו בויען הײַזער אַזש ביז חדרה. ער קומט אַהיים אַ טויט־מידער און ווערט אַנטשלאָפן בײַם עסן. איז די זאַך אַרײַן אין דער לאַנגער באַנק. נאָר אַז באו מים עד נפש, האָט אסתר בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז זי וועט די זאַך נעמען אין די הענט אַרײַן, וואָרום די וועלט איז גערעכט ווען זי זאָגט, אַז מיט עמעצנס הענט איז גוט פײַער צו שאַרן. זי האָט געדאַרפט באַלד פון אָנהייב זאָגן צו דער טאָכטער: „יוכבדל, ס'איז אַלץ גוט און פײַן, ער האָט דיך ליב און דו האָסט אים ליב, נאָר זײַ וויסן אַז אויך פאַר אונדז האָבן מיידלעך ליב געהאַט און זיך אָפּגעבריט. האָסט געהאַט אַ קלוגע באָבע. פלעגט די באָבע זאָגן, אַז ליבע צווישן אים און איר איז ווי מיט פאַרפום אונטער דער נאָז אַ שמיר; דער פאַרפום פאַרגייט און די נאָז באַשטייט".

אַז אסתר האָט באַשלאָסן וואָס זי האָט באַשלאָסן, האָט זי נישט געוווּסט ביי וואָס אָנצוהייבן. נישט זי קען דודס פֿאָטער, נישט זי ווייסט ווי אַזוי צו רעדן צו אים. זי ווייסט אַפֿילו נישט זיין אַדרעס. זי ווייסט נאָר, אַז ער וווינט אין תל־אביב און ער איז דאָקטער אין אַ שפּיטאָל. טאָמער דערציילט זי יוכבדן צוליב וואָס זי וויל וויסן דעם דאָקטערס אַדרעס, איז יוכבד פֿון די היינטיקע קינדער. זי וועט חלילה אַ קלאַפּ טאָן מיט דער טיר און אַנטלויפֿן פֿון דער היים. מער פֿעלט איר נישט נאָר גאַנץ ראשון זאָל בליאַטשקען, אַז רחל פּעסעס אייניקל איז אַנטלאָפֿן מיט אַ ניי־געקומענעם און זיי לעבן צווישן זיך ווי אין דער היינטיקער מאָדע.

אַ מאָל איז אַזוי נישט געווען. נאָר וואָס זאָל זי טראַכטן פֿון אַן אַמאָל, אויב דאָס האָרץ ווערט איר צעבראָכן היינט? דאַרף זי געפֿינען אַן אויסרייד יוכבד זאָל איר געבן דעם אַדרעס פֿונעם דאָקטער.

דער הימל אַליין האָט איר צוגעשיקט אַ גוטן אויסרייד. וואָס לענגער זי לעבט אַלץ מער זעט זי איין, אַז די באָבע פּעסע איז געווען קלוג ווי די וועלט. די באָבע פֿלעגט זאָגן, אַז אַ קלוגן העלפֿט גאָט אַפֿילו עפֿענען אַ שלאָס אָן אַ שליסל. און דאָ האָט זיך איר, אסתרן, דווקא געמאַכט, אַז איר סעדיה זאָל קראַנק ווערן.

זיין סעדיה דער תימנער איז געקומען מיט דער גרויסער עליה, אַרבעט ער ביי איר. בערל האָט אים דעמאָלט אַרויסגענומען פֿון דער מעברה אין באר־יעקב און אויסגעפּוּעלט פֿאַר אים צוויי נאָך־אַראַבישע הייזקעס אין נטעים. ער איז ביי איר אַ דריטע האַנט. דאַרף זי — גראָבט ער „טעלערס" אין אַ פּרדס; דאַרף זי — פֿאַרריכט ער איר דעם דאַך. ער טוט אַלץ. פֿון דער אַלטער היים האָט סעדיה מיטגעבראַכט צוויי ווייבער, וואָס צוליב זיי איז ער גרייט צו בלייבן ביי אַן אַרבעט ביי אסתרן ביזן אָוונט. וואָרום אַז ער קומט אַהיים, וויל איינע ער זאָל גיין צו איר און די צווייטע, די צרה, זאָגט, אַז דאָס איז א י ר טאָג, און די געוואָלדן גייען ביזן הימל אַריין. פֿון אָנהייב פֿלעגט סעדיה געבן זיינע ווייבער סימנים־קניפּלעך, זיי זאָלן וויסן וועמעס טאָג עס איז, נאָר ווען זיי דאַרפֿן, פֿאַרלירט יעדע דעם סימן און ער האָט ווידער נישט קיין שלום־בית. טאָמער קומט ער אַהיים אין דאַרף אַריין, אין אָוונט, ווען עס איז גוט טונקל, איז ער פּטור. נישט די זעט אים און נישט די צווייטע זעט אים. גייט ער צו דער, צו וועלכער עס טראָגן אים די פֿיס.

מיט די יאָרן איז סעדיה געוואָרן אַן אייגענער אין בערלס משפּחה. סעדיהס ווייבער טראָגן די קליידער וואָס זי, אסתר, שענקט אים. זיינע קינדער זענען אָנגעטאָן אין די קליידער וואָס זענען איבערגעמאַכט פֿון די מלבושים פֿון אירע זין. אַז סעדיה קומט אַ מאָל אין זיינע שבתדיקע מלבושים זעט ער אויס ווי אַ קינד, וואָס האָט אָנגעטאָן די קליידער פֿון זיין פֿאָטער. וואָרום בערל גיט אים זיינע אָפּגעטראָגענע מלבושים און סעדיה האָט דרך־ארץ פֿאַר דעם באַקומענעם. ער קירצט נישט די אַרבל, ער פֿאַרשאַרצט זיי; ער קירצט נישט די הויזן, נאָר ער בינדט זיי אונטער מיט שטריקלעך, כּדי נישט צו פֿאַלן איבער די אייגענע פֿיס.

דאָ, מיט אַ צוויי וואָכן צוריק, האָט זיך צו אסתרן אין שטוב אַריינגעשטעלט

די צרה, דאָס יינגערע ווייַב, און איר געזאָגט, אַז סעדיה איז פאַרביי, ער ליגט צו בעט. אַזוי שנעל ווי ער וועט געזונט ווערן וועט ער קומען צו דער אַרבעט.

אַז ס׳זענען אָפּגעלאָפן אַ צוויי־דריי טעג און סעדיה האָט געפעלט ווי די אייגענע הענט, האָט אסתר געמאַכט אַ קוישל מיט געבעקס, גרינסן, אַ קליידל, צוקערלעך פאַר די קינדער און צוגעפאָרן דעם קאַצנשפּרונג צו סעדיהן אַהיים. זי האָט סעדיהן געפונען אין בעט. צו זיין בעט איז געווען צוגעבונדן אַ גרויסער ווייסער האָן מיט אַ צונטער־רויטער קאַם און גרויסע רויטע לאַפּנס אונטערן שנאָבל. דער האָן האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר דער אַריינגעקומענער, זיך געריסן פונעם שטריקל, רק געוואָלט אַרויפפליען צו סעדיהן אין בעט אַריין.

די צרה, אַ גוטמוטיק הכנעהדיק ווייַב פון אַ יאָר דרייסיק און אפשר פער־ציק, מיט גרויסע זיסע טייטל־אויגן, האָט געכאַפּט דעם האָן און אים דערלאַנגט סעדיהן אין די הענט אַריין. סעדיה איז געווען צעטומלט פון אסתרס קומען, פון איר טירחה. די גברת האָט זיך אַליין באַמיט. ער, סעדיה, האָט זיך עס נישט פאַר־דינט. נאָר סעדיה איז נעבעך זייער קראַנק. קיינער ווייסט נישט וואָס אים איז.

„און וואָס איז מיט אַ דאָקטער? מיט קופּת־חולים?״ האָט אסתר געוואָלט וויסן. האָט סעדיה געענטפערט:

„זאָל זי זיין געזונט, די קופּת־חולים״. ער האָט איר נישט געצאָלט אַ שיינע פאַר יאָר וויל זי נישט שיקן קיין דאָקטער. נאָר סיי ווי ווייסן זיי גאָרנישט, די דאָקטוירים. טוען גאָרנישט נאָר טאַפּן דעם דופק און הייסן שלינגען פּילן. ער האָט געמיינט: אַ טאָג צוויי און די קראַנקייט וועט אַריבער און ער וועט קענען גיין צו דער אַרבעט. איז דער מענטש אין די הענט פון גאָט און ווי ער מאַכט דאַרף מען אים בענטשן און דאַנקען.

און אַזוי איז אסתרן איינגעפאַלן, אַז זי האָט אַ גוטן אויסרייד צו זיין ביים דאָקטער אין תּל־אביב. זי קען קיין איין טאָג זיך נישט אַן עצה געבן אָן סעדיהן. די גאַנצע באַלעבאַטישקייט און אַפילו דאָס מאַכן ספּאַנדזשע איז געפאַלן אויף איר.

אַז אסתר איז אַרויס פון סעדיהן, האָט די צווייטע, דאָס עלטערע ווייַב, זי אָפּגעוואַרט אין דרויסן:

„גברת, איר זענט די גברת פון ראשון־לציון? איר זאָלט גאָרנישט גלייבן מיין צרה״, האָט זי זיך צעוויינט און געשריגן מיט אַ קוויטשיק קול. „ער איז געזונט ווי אַן אָקס, נאָר זי מאַטערט אים אויס, אַז ער קען אויף די פיס נישט שטיין. אַ גאַנצן טאָג טרייבט זי די קינדער פון הויז און האַלט פאַררוקט די פאַר־האַנגלעך״.

„מ׳זעט, אַז סעדיה איז קראַנק. ער זאָגט נישט קיין ליגנט״, האָט אסתר גע־פּרוווט זי באַרויקן.

„זי מאַכט אים קראַנק! מיין צרה!״ האָט זיך אויף ס׳ניי צעקוויטשעט דאָס ווייַב.

אַ ווערעמל פון ספקות האָט זיך צעעקבבערט אין אסתרן, ס׳קען זיין דאָס

וויַיב איז געדרעכט. אָבער זי מוז זײַן בײַם דאָקטער אין תל־אביב און קיין אַנדערן אויסרייד האָט זי נישט.

יוכבד איז אָפּילו נישט געווען צופרידן דערפון וואָס די מאַמע וויל זיך באַראָטן מיט דעם דאָקטער אליעזר וועגן סעדיהס מחלה. פון דער וויַיטנס קען אַ דאָקטער גאָרנישט זאָגן, בעת זי אַליין, אסתר, וועט אויך גאָרנישט קענען אויפּ־קלערן. אויב סעדיה צאָלט נישט אין קופּת־חולים, קען מען רופן אַ דאָקטער פון ראשון. אסתר איז אָבער צוגעשטאַנען צו דער טאָכטער, אַז סעדיה איז פאַר איר מער ווי צען מענטשן און אַן אים רײַסט זי אַרויס פון זיך די לעצטע כּוחות. בײַ דער געלעגנהייט וועט זי אויך באַקענען דעם פאָטער פון דודן, וואָס דאַרף זײַן איר מחותּן. פאַר וואָס זאָל זי אים נישט קענען? צי איז ער חלילה אַ גוי, וואָס מען דאַרף אים אויסבאַהאַלטן פון איר? אַזוי פיל געהערט פון אים און נישט זיי האָבן איבערגעטראָטן זײַן שוועל און נישט ער האָט איבערגעטראָטן זייער שוועל.

יוכבד האָט זיך געלאָזט איבעררעדן און אסתר איז געפאָרן קיין תל־אביב צום ד״ר אליעזר אַרטאַפּאַנוס. צוגעפירט זי צום אַדרעס אין תל־אביב האָט איר יינגערער זון, מאָטל, וואָס איז בינו־לבינו, אין די לעצטע וואַלן, אויסגעוויילט געוואָרן צו דער כּנסת און ער פאָרט אין אַן אייגענעם אויטאָמאָביל. ער וואָלט אָפּילו זיך געקענט באַגיין אָן אַן אויטאָמאָביל, נאָר מיט אים איז בעסער. דער מאַמען האָט ער פאַרטרויט דעם סוד, אַז דער פירער פון דער פאַרטיי האָט נישט קיין אויטאָמאָביל. נעמט ער, מאָטל, אים מיט זיך צו די זיצונגען אין דער כּנסת און פירט אים אָפּ צוריק אַהיים קיין תל־אביב. ער איז געוואָרן נאָענט צו אים ווי צו אַ פאָטער. אַז ס׳וועט קומען די צײַט, די פאַרטיי וועט קומען צו דער מאַכט, וועט ער, מאָטל, זײַן פון די ערשטע צו ווערן אַ מיניסטער.

אסתרן איז פאַרבײַ אַ בליץ־מחשבה, אַז ס׳וואָלט געווען זייער שיין: פון איין זײַט אַ זון אַ מיניסטער און פון דער צווייטער זײַט אַ מחותּן אַ דאָקטער. ווען די מאַמע, רחל, וואָלט עס האָבן דערלעבט וואָלט זי געשעפּט נחת.

ד״ר אליעזר האָט פון יוכבדס אַ טעלעפאָן באַצײַטנס געוווסט, אַז אסתר קומט צו אים. ער האָט זי אויפגענומען ווי ער וואָלט זי געקענט זײַט יאָרן און ער איז אויסגעקאָכט אין איר היים. ער האָט אָפּילו געפרעגט וואָס עס מאַכט איר זון דער חבר־הכּנסת און צי איז זײַן פאַרטיי נישט נמאס געוואָרן צו זײַן אין דער אָפּאָ־זיציע. אסתר האָט זיך פאַרענטפערט, אַז אויסער דעם וואָס איר מאָטל איז אין דער כּנסת און דער יינגערער, רפי, איז געוואָרן אַ שליח פון „חרות״, קען זי זיך נישט אויף פאָליטיק. דאָס לאָזט זי איבער פאַר די מענער. אין יענע יאָרן, איידער די מדינה איז אויפגעקומען, ווען אצ״ל איז געיאָגט געוואָרן סײַ פון יידן און סײַ פון די ענגלענדער, פלעגט זי אויסבאַהאַלטן געדרודפטע און אויך איבערפירן בריוועלעך פון ראשון קיין תל־אביב און פון תל־אביב קיין ראשון. דאָס איז אַלץ. נאָר איצט איז זי געקומען פרעגן בײַם דאָקטער אַן עצה.

„כ׳ווייס, יוכבד האָט מיר געזאָגט אין וואָס עס האַנדלט זיך״, איז אליעזר איר אַנטקעגנגעקומען, „איר קענט מיר אָנגעבן פּרטים?״

„כ׳וועל אײַך זאָגן דעם אמת, דאָקטער, וואָס שײַך פּרטים ווייס איך אַליין נישט. ער אַרבעט בײַ מיר נאָך פון דער צײַט ווען ער איז געזעסן אין דער מעברה אין באר־יעקב. ער איז צוגעוואָקסן צו מײַן הויז און ער פעלט מיר אויף שריט און טריט. איר ווייסט, מען געוווינט זיך צו צו אַ מענטשן וועדט אַרום דיר לײַדיק ווען ער איז נישטאָ".

„דאָס געפיל איז מיר נאָענט. אַ שאָד איר האָט אים נישט געבראַכט מיט זיך", האָט אליעזר פאַרפלאָכטן די פינגער.

„מיט זיך? ער ליגט צו בעט. דאָס ייִנגערע ווײַב גייט אַרום אים, און דאָס עלטערע ווײַב שעלט די צרה אַז נאָר צו די קעפּ פון די שׂונאי־ישׂראל זאָל עס אויסגיין. בלויז פון די קללות אַליין קען מען קראַנק ווערן", האָט אסתר געזאָגט מיט זיכערקייט.

„צוויי ווײַבער", האָט אליעזר איבערגעחזרט, „וואָס דאַרף אַזאַ סולטאַן, אַ האַרעם?"

„אוי, דאָקטער, וואָס דאָס עלטערע ווײַב האָט מיר אָנדערציילט וועגן איר צרה וואָלט איך זיך געשעמט אַפילו איבערצוחזרן עס פאַר מײַן מאַן".

„מען דאַרף נישט נעמען ערנסט וואָס עס רעדט אַרויס אַ ווײַב פון אייפער־זוכט. בפרט אַן עלטער ווײַב וואָס איר מאַן האָט זיך גענומען אַ יונגע. די יונגע איז כאָטש אַ שיינע?" האָט אליעזר געפרעגט מיט געמאַכטן נייגער.

„אַ לייגעדיקע הון", האָט אסתר געענטפערט קורץ און אַ קרעכץ געטאָן. „אָבער ער איז נעבעך זייער קראַנק. אוי, ווי קראַנק. אָן אים בין איך ווי אָן מײַנע הענט".

„איר זאָגט, אַז ער ווײנט... ווי האָט איר געזאָגט?... איך האָב פאַרגעסן אײַך צו פרעגן אײַער נאָמען", האָט ער זיך דערמאָנט, אויפהייבנדיק די הענט ווי אַ געפאַנגענער.

„אסתר", האָט זי געזאָגט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

„איך וועל אײַך רופן אסתר און איר וועט מיך רופן אליעזר. אויב עס איז פאַר אײַך באַקוועמער רופט מיך לייזער, אַזוי היימיש ווי איר האָט דערמאָנט אײַער זון מאָטל. כ׳האָב נישט ליב די ווענט צווישן מענטשן", האָט ער געמאַכט אַ באַ־וועגונג פון ביטול. „איז ווו ווווינט ער, דער קראַנקער?"

„אין נטעים, אַ קאַצנשפּרונג פון ראשון", האָט אסתר אָפּגעמאָסטן מיט די פינגער אַ שפּאַן, און כדי צו ווײַזן ווי נאָענט עס איז האָט זי צוגעגעבן: „אַז איך עפן דאָס פענצטער פון מײַן הויז און גיב אַ געשריי, ,סעדיה!׳ הערט ער בעסער ווי עס רופט אים זײַן ערשט ווײַב".

„דאָס גלויב איך אײַך!" איז אליעזר געוואָרן אויפגעלייגט. „איז הערט, אסתר: דאַנערשטיק האָב איך אַ גאַנצן נאָך מיטאָג פרײַ. וועל איך זיך צוכאַפּן... באַלד, איך וועל פאַרשרײַבן ווער, וואָס, ווו און ווען".

„האָב איך צו אײַך אַ בקשה, דאָקטער..."

„נישט דאָקטער, נאָר אליעזר", האָט ער אויסגעבעסערט.

„מײַן בקשה איז, איר זאָלט פריִער קומען צו מיר. סײַ ווי ליגט דאָס דאָרף פון יענער זײַט ראשון און איך וועל אײַך צופירן אַהין".

„גוט", האָט אליעזר מסכים געווען, „בתנאי איך זאָל שפעטער נישט דאַרפן אָפזיצן. ווי איך קען יוכבדן, זענט איר אַ גאַסטפרײַנדלעכע און איך האָב נישט גערן ווען מען פאַרמאַטערט מיך מיט גאַסטפרײַנדלעכקייט".

„דאָס וועט מען זען", האָט אסתר געלאַכט און אליעזר האָט אין איר פנים דערזען יוכבדן. „נאָר וואָס איך פאַרזיכער אײַך איז דאָס, אַז פון מײַן שטוב גייט מען נישט אַרויס אַ פאַרמאַטערטער".

דעם דאָנערשטיק פון דער זעלבער וואָך האָט אַ טעקסי געבראַכט צו סעדיהן דעם דאָקטער און אסתרן. דאָס דאָרף איז אַרויס אין דרויסן, כדי צו זען ווי עס זעען אויס די געסט וואָס קומען אַהער אין אַן אויטאָמאָביל. מאַמעס האָבן געהאַלטן קינדער אויף די אָרעמס, קינדערלעך האָבן זיך געהאַלטן בײַ די קליידער פון די מאַמעס, און אַנדערע קינדערלעך זענען טומלדיק באַפאַלן דעם אויטאָ און גע־פרווט נאָכמאַכן דעם רויש פונעם מאָטאָר. עס איז אָנגעלאָפן סעדיהס עלטער ווײַב, נאָר שוין דעמאָלט ווען דער דאָקטער און די גברת זענען אַרײַן אין הויז פון דער צרה.

דאָס הויז איז געווען אויפגערוימט און ציכטיק, ווי דעמאָלט ווען אסתר איז דאָ געווען. ווי דעמאָלט האָט זיך אויך איצט געערגערט דער ווײַסער האָן אַ צוגעבונדענער צו סעדיהס בעט. אַ צעטומלטע האָט דאָס ייִנגערע ווײַב געזוכט ווו צו באַזעצן די געסט. זי האָט געזוכט דאָ און דאָרט און פון אונטער דעם טיש בײַם פענצטער אַרויסגעפונען צוויי אַראַבישע טאַבורעטן געפלאָכטענע מיט שטריק, און געבלאָזן אויף זיי פאַר ציכטיקייט. מיט אַן אַראָפהענגענדיקער האַנט האָט סעדיה געזוכט צו כאַפן דעם האָן בײַם שטריקל און אים באַרויִקן. ער איז געווען אויסער זיך פון צעטראָגנקייט.

„ווײַב, מאַך קאַווע פאַר די חשובע געסט!" האָט ער אויסגערופן מיט אַ גע־זונטער שטים פון איבערגענומענקייט.

„אַזאַ זאַך דאַרף מען נישט זאָגן, סעדיה", האָט דאָס ווײַב הכנעהדיק געשאָקלט מיטן קאָפ. „איך האָב גאָר אַנדערש נישט געטראַכט".

„כ'האָב געבראַכט צו דיר אַ דאָקטער, סעדיה. דו דאַרפסט זײַן געזונט", האָט אסתר זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ טאַבורעט אָפגערוקט ווײַטער פונעם בעט.

„הגברת מלאך מן השמים", האָט סעדיה פאַרגלאָצט די אויגן, צוגעלייגט די פינגער צום שטערן און דערנאָך זיי אַ קוש געטאָן.

ד"ר אליעזר האָט זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד פון סעדיהס בעט. דער האָן האָט געטאָן אַ פלי אין דער הייך, דאָס שטריקל, מיט וועלכן ער איז געווען צוגעבונדן האָט אים אַ שלעפ געטאָן צוריק צו דער ערד. סעדיה האָט אים געפאַנגען. דער האָן האָט געליאַרעמט ווי פאַר דער שחיטה. די רויטע קאָם מיט די צוויי רויטע לאַפן אונטערן שנאָבל האָבן געציטערט.

„האַלט אים!" האָט סעדיה באַפוילן זײַן ווײַב.

„זי דאַרף אים נישט האַלטן, נאָר אַרויסלאָזן אים אין דרויסן, אין אַ שטאַל, אין אַ שטײַג", האָט אליעזר געעצהט.

סעדיה האָט זיך ווי דערשראָקן און אין צעטומלעניש אויסגערופן:

„ניין, אַדון רופא, ער מוז זײַן לעבן מיר!"

אליעזר האָט אָנגענומען סעדיהן בײַם פּולס. דאָס ווײַב האָט פון זײַנע הענט אַרויסגענומען דעם האָן און צוזאַמען מיט אים זיך אָפּגערוקט ווײַטער פון בעט, דער דאָקטער זאָל האָבן פרײַ. נאָך אַ מינוט אָפּפילן סעדיהס פּולס האָט אליעזר אָפּגעלאָזט זײַן האַנט און געפרעגט:

„וואָס טוט וויי?"

„געלויבט השם־יתברך, עס ווערט מיר שוין בעסער", האָט סעדיה געענטפערט.

„און וואָס האָט דיר ווי געטאָן? געהאַט פיבער?" האָט דער דאָקטער געפרעגט אין שטוב אַרײַן, טאָמער וועט דאָס ווײַב ענטפערן.

ביידע, סײַ סעדיה און סײַ דאָס ווײַב, האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און געזוכט אַן אָרט פאַר די אויגן. אסתר האָט זיך דערמאָנט וואָס דאָס עלטערע ווײַב האָט איר געהאַט געזאָגט וועגן די פאַרהאַנגלעך אויף די פענצטער, האָט זי אַ קוק געטאָן צום פענצטער. די פאַרהאַנגלעך זענען געווען פאַררוקט.

„דאָקטער, שײַנט מיר, אַז סעדיה שעמט זיך אין מײַן קעגנוואַרט", האָט זיך אסתר אויפגעשטעלט.

„נישטאָ נאָך אַזאַ קלוגע ווי די גבֿרת!" איז סעדיה געוואָרן אויסער זיך פון באַוווּנדערונג. ער האָט זײַן ווײַב אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף דער צווייטער קאַמער. זי האָט אים דערלאַנגט אין די הענט אַרײַן דעם האָן און מיטן בליק געפירט נאָך זיך אסתרן.

„איך בין נישט געקומען צום האָן, איך בין געקומען צו דיר", האָט אליעזר געקוקט אויף דעם צעשראָקענעם האָן, וואָס האָט זיך אַרומגעקוקט בהלהדיק ווו ער זאָל אַוועקפליִען.

„זה בסדר, אדון רופא", האָט סעדיה געגלעט דעם האָן און די דרײַ, סעדיה, דער האָן און אליעזר זענען געבליבן אַליין.

„איז וואָס טוט אײַך וויי?" האָט אליעזר איבערגעחזרט זײַן קשיא.

„ס'טוט נישט וויי", האָט סעדיה געשאָקלט מיטן קאָפּ. „ברוך השם".

„ס'האָט וויי געטאָן?" איז אליעזר צוגעשטאַנען.

„איר זעט, אדון רופא", האָט סעדיה זיך אַרויפגערוקט אויפן קישן און צורעכטגעמאַכט די יאַרמולקע אויפן קאָפּ. „די אָ־דאָ איז מײַן ייִנגער ווײַב, דערנעבן ווינט מײַן עלטער ווײַב. נאָר כּוח האָב איך נישט, נישט צו דער און נישט צו דער".

„שוין לאַנג?" האָט דער דאָקטער געוואָלט וויסן.

סעדיה האָט זיך פאַרקוקט צום באַלקן, געטראַכט, געדרייט אין דער לופטן אַן אָפענע האַנט און געזאָגט אַזוי ווי ער וואָלט געחשבונט:

„אַזוי אַ צוויי חדשים".

„קינדער האָט איר מיט ביידע ווײַבער?"

סעדיה האָט זיך ווידער פאַרקוקט צום באַלקן און געטראַכט. פונעם פּינטלען מיט אויגן איז געוועזן צו זען, אַז ער ציילט און עס איז אים שווער זיך צו דער־ציילן. צום סוף האָט ער געזאָגט:

„מיט דער עלטערער האָב איך דריַי טעכטער און איין זון ברוך השם. מיט דער יינגערער בלויז פיר טעכטער. ס'האַרץ בענקט נאָך אַ זון. אָן אַ זון איז גאָר־נישט. כ'האָב געטאָן אַלץ זי זאָל מיר געבן אַ זון. און גאָרנישט. איז זי געפאָרן קיין עקרון צום בעל־הנסים און ער האָט זי אָפּגעשפּראָכן און געגעבן קריַיטעכ־צער און זי געלערנט אין וועלכע ציַיטן איך זאָל קומען צו איר. האָט זי געטאָן ווי ער האָט געזאָגט און איך האָב געטאָן ווי ער האָט געזאָגט און געוואַרט אויף דער ישועה פון השם־יתברך ווי פּלוצים בין איך געבליבן אָן כּוח, אדון רופא", האָט ער מיט אַן אויפגעשפּיזטן פינגער אָנגעוויזן אויף זיַין דיך.

„און וואָס וויַיטער?" האָט אליעזר געוואָלט וויסן.

„וויַיטער, אדון רופא, בין איך אַוועקגעפאָרן צום בעל־הנסים אין עקרון, דאָ נישט וויַיט פון רחובות, מיט דעם אויטאָבוס פון ,אגד'. איך האָב אים אַלץ דער־ציילט, אַז מיַין יינגער וויַיב איז געוועזן ביַי אים און וואָס ער האָט געהייסן זי זאָל טאָן און וואָס איך זאָל טאָן און מיר האָבן געטאָן אַזוי ווי ער האָט געהייסן און דאָ פּלוצים איז עס מיט מיר געשען, איך בין געבליבן ליידיק, אדון רופא. האָט ער מיך אָפּגעשפּראָכן, געגעבן מיר חריפים צו באַבריִען און געהייסן איך זאָל זיך אַריַינלייגן אין בעט אַריַין ווי אַ קראַנקער און שלאָפן מיט אַ האָן. אַז איך וועל זיַין צו בעט צוויי דריַי וואָכן און שלאָפן מיט דעם האָן וועט דער כּוח צוריק־קומען. ער האָט מיר אַפילו געהייסן איך זאָל מיט דעם האָן צופאָרן צום קבר פון רבי שמעון בר יוחאי אויפן הר מירון און דאָרט זיצן אַ צוויי טעג. נאָר צפת איז וויַיט־וויַיט און קיין מירון איז גוט צו פאָרן ל"ג בעומר. בין איך געבליבן דאָ אין בעט מיט דעם האָן, איך זאָל זיך נישט דאַרפן שלעפּן אַ מהלך רב מיט ,אגד'. דער בעל־הנסים האָט געזאָגט, אַז אין בעט דויערט עס לענגער. געלויבט השם־יתברך, די אשה גייט אַרום אַרום מיר און לאָזט מיר נישט פאַלן אויפן געמיט."

„ווי אַלט ביסטו?" האָט דער דאָקטער געוואָלט וויסן.

סעדיה האָט זיך פאַרטראַכט, געהויבן מיט די ברעמען און צום סוף געזאָגט חצי אין ספק:

„אפשר פערציק און אפשר פופציק. ווער ווייסט?"

ד"ר אליעזר האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, געשריבן אַ רעצעפּט און אָנוויַיזנ־דיק אויפן האָן האָט ער געזאָגט געלאַסן, עס זאָל דערגייען צום פּאַציענט:

„דער רבי שמעון בר יוחאי קען העלפן אויך פון דער וויַיטנס און אָן אַ האָן, נאָר כּדי ער זאָל העלפן דאַרפסטו נעמען צוויי מאָל אַ טאָג פון די טראָפּנס, וואָס איך האָב דאָ פאַרשריבן. דעם האָן זאָלסטו שעכטן און מאַכן פון אים אַ גוט מאָלציַיט. ער וועט דיר מער העלפן אין מאָלציַיט ווי ער העלפט דיר אין בעט".

„ווי לאַנג זאָל איך ליגן אין בעט?" האָט סעדיה געפרעגט.

„אַזוי לאַנג ווי דײַן ווײַב וויל דו זאָלסט ליגן מיט איר", האָט אליעזר גע־ענטפערט מיט געמאַכטן ערנסט, זיך אויפגעשטעלט און אַ רוק געטאָן דעם טאַבו־רעט, כּדי צו געבן אַ סימן די ווײַבער אַז זיי קענען אַרײַנקומען.

„הײַנט דאַרף אײַער מאַן אויפשטיין פון בעט און מאָרגן אין דער פרי זאָל ער גיין צו דער אַרבעט", האָט אליעזר געזאָגט צו דעם הכנעהדיקן ווײַב, וואָס האָט געקוקט אויף אים מיט דערוואַרטונג.

פון דער בשורה האָט אסתר זיך מער דערפרייט ווי דאָס ווײַב און זי האָט געקוקט אויף אליעזרן ווי ער וואָלט דאָ אין דער קורצער צײַט אָפּגעטאָן אַ כּישוף.

אויף צוריקוועגס האָט אסתר געפּוּעלט בײַם דאָקטער ער זאָל אָפּטרעטן בײַ איר אין שטוב אויף אַ קאַווע, און איידער וואָס־ווען האָט זי אים געזאָגט, וואָס זי האָט געהאַט פון פריִער זיך געגרייט צו זאָגן:

„אײַער זון, דוד, איז אַ גאָלדענער יונגערמאַן. אַן איידל קינד. איך האָב אים ליב נישט ווייניקער ווי יוכבד האָט אים ליב. הײַנטיקע צײַטן מיט אַזאַ איידלקייט... איך בין זיכער, אַז יוכבד וועט אים אָפּהיטן".

„אויך יוכבד איז אַ גוט מיידל", האָט ער איר צוריקגעצאָלט און שטיל צוגע־געבן: „איך האָב געהאַט צוויי אַזעלכע טעכטער, נחמה און רחל".

„געשטאָרבן?" האָט אסתר געפרעגט און פאַרבראָכן די הענט.

„אומגעבראַכט, די דײַטשן", האָט ער קורץ געענטפערט און פאַרקוועטשט די ליפּן, ווי ער וואָלט מער נישט געוואָלט רעדן.

„די נעמען דאַרפן בלײַבן. די יונגע מענטשן דאַרפן דאָס געדענקען. אויך מײַן מאַמע, עליה השלום, האָט געהייסן רחל. איך האָב שוין געטראַכט דערוועגן, אַז ס'איז צײַט די קינדער זאָלן חתונה האָבן און פאַרלייגן אַ משפּחה".

„אויך איך טראַכט אַזוי", האָט אליעזר פאַרזשמורעט די אויגן צוליב אַ בינטל זונשטראַלן, וואָס האָט זיך אַרײַנגעגאָסן פון אַ זײַט פון דעם אָפענעם פענצטער און געפאַלן אויף זײַן פּנים. „נאָר הײַנטיקע קינדער לאָזן נישט די עלטערן זאָלן טראַכטן פאַר זייערטוועגן. זיי האַלטן, אַז דאָס הייסט געמישט זיך אין זייערע אינערלעכע ענינים און צוגענומען בײַ זיי אַ טייל פון זייער סוווערעניטעט".

פון די לעצטע ווערטער האָט אסתר פאַרשטאַנען בלויז די ‚אינערלעכע ענינים'.

„זייערע אינערלעכע ענינים זענען אונדזערע אינערלעכע ענינים", האָט זי שוין איצט גערעדט מיט מער זיכערקייט. „אַז מיר וועלן זיי צוהעלפן באַשליסן וועלן זיי באַשליסן. מײַן מאַן בויט איצט הײַזער איבערן גאַנצן לאַנד און ווו די קינדער וועלן וועלן דאָרט וועלן זיי קענען וווינען".

„מײַן עלטערער זון וואָלט געוואָלט דוד זאָל זיך אָנשליסן אָן זײַן קיבוץ", האָט ער אַרײַנגעוואָרפן.

אסתר האָט אויפגעציטערט אויף זײַנע ווערטער, נאָר גלײַך זיך באַהערשט:

„אין אַ קיבוץ? ווער גייט הײַנט אין אַ קיבוץ? וואָס קען מען זיך הײַנטיקע צײַטן דערוואַרטן אין אַ קיבוץ? ס'איז שטייענדיק וואַסער".

„נישט אַזאַ שטייענדיק וואַסער, אַלנפאַלס זייער גוט וואַסער", האָט ער אַקצענטירט.

„איבעריקנס, וועגן אַזעלכע זאַכן וועט מען דאַרפן איבעררעדן מיט די קינדער. קיבוצים זענען דאָך חלילה נישט קיין תפיסות, ווו מען האַלט מענטשן געשלאָסן אין קייטן", איז אסתר געוואָרן נאָכגיביק און זי איז אויפגעשפּרונגען. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז פון גרויס צעטומלונג האָט זי פאַרגעסן צו דערלאַנגען כּיבוד...

14

צבי, דער בכור פון בערל און אסתר סימקין, האָט בײַ זײַן שווערער אַרבעט מיט צווי טראַקטאָרן אין נגב, געפּירט אַ געניויע בוכהאַלטעריע אין זײַן אַרויפֿאַרבעטן זיך. ווי ער האָט זיך דערשלאָגן צו זײַן אייגנס נאָך זײַענדיק אַ בחור, אַזוי האָט ער פּלאַנירט און חתונה געהאַט מיט שושנה הר־נבו, אַ רחובותער טאָכטער פון זײַנס גלײַכן, אויך אַ קבלן, וואָס האָט, ווי ער, געאַרבעט מיט גראָבמאַשינען אין נגב בײַ מיליטערישע אינסטאַלאַציעס. נאָך דער חתונה האָט דער שווער, בן־ציון הר־נבו, אים פֿאַרגעלייגט זיי זאָלן פירן זייערע געשעפטן אין אַ שותפות און ס׳וועט זײַן מזל ברכה. אַז צבי האָט דערציילט דעם טאַטן, אַז דער שווער לייגט אים פֿאָר אַ שותפות, איז אסתר געוואָרן אויפגעבראַכט.

„דו ביסט אַ קבלן, דער טאַטע איז אַ קבלן, וואָס זשע האָט דאָ צו טאָן אַ דריטער קבלן אַ שותף? אויב שותפות, פֿאַר וואָס נישט מיטן אייגענעם טאַטן? די באָבע פעסע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, פֿלעגט זאָגן: ,אַ שווער איז אַ בער — נאַשט אויף דעם האָניק און לאָזט איבער אַ טרער׳. האָסט גענומען זײַן טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב, זאָל אײַך זײַן צו גליק, נאָר חתונה האָבן מיט בן־ציונען דאַרפֿסטו נישט״.

אָט אַזוי האָט בן־ציון הר־נבו גורם געווען צו דער גרינדונג פון דער פירמע „דב סימקין את בנו בע״מ״ און דערצו האָט ער פֿאַרדעכטיקט, אַז די סימקינס קלײַבן זיך אונטערגראָבן זײַנע געשעפטן. כדי צו איבערצײַגן דעם שווער, אַז ער האָט נישט קיין אויסטערלישע כוונות לגבי אים, האָט צבי אַפילו געוואָלט בויען פֿאַר זיך אַ הויז טאַקע נעבן דעם הויז פונעם שווער אין רחובות, אָבער דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט שושנה. אין רחובות איז נישטאָ קיין לעבן. דאָס לעבן איז אין תל־אביב. צבי האָט נישט געהאַלטן פון תל־אביב. ס׳איז אַ שטאָט ווו מען לויפט אַרײַן אין דער פֿרי און מען לויפט אַרויס פֿאַר נאַכט, האָט ער געזאָגט. אָבער אַז זײַן שושנהן ציט קיין תל־אביב — האָט ער פֿאַר זיך אויפגעבויט אַ הויז אין תל־אביב.

שושנהן האָט געצויגן דאָס פרײַע גרויסשטאָטישע לעבן. אַלע מאָל, ווען זי פלעגט קומען צו אירע פרײַנד און באַקאַנטע אין תל־אביב, האָט זי זיך אָנגעטראָפן אויף זאַכן פֿאַר וועלכע עס לוינט צו לעבן: מאָדע־אויסשטעלונגען, נאָך מיטאָג־טייטעניק אין די נײַ־אויפגעבויטע גרויסע האָטעלן, אין די פֿאַרמיטאָגן קען מען זיצן אַ פּאָר שעה אין אַ קאַפע און זיך דערוויסן וועגן דער נײַער מאָדע אין

מעבל, וואָס לײַטן ברענגען פֿון אויסלאַנד, און אויך וועגן „וואָס ווער מיט וועמען". בעיקר האָבן שושנהן אינטריגירט יענע פּרײַטיק־צו־נאַכט־פֿאַרווײַלונגען, וואָס מען רופֿט זיי אָן „בנשף חשק", גלוסט־פֿאַרווײַלונגען. עטלעכע מאָל האָבן אירע באַקאַנטע אין תּל־אָבֿיבֿ זי פֿאַרבעטן אויף אַזעלכע פּרײַטיק־צו־נאַכטסן. שושנה האָט געציטערט פֿון נײַגער בײַצוזײַן אויף אַזאַ נשף. כּל־זמן זי האָט נישט געהאַט חתונה געהאַט האָט זי מורא געהאַט פֿאַר דעם נסיון, וואָס אויב זי וועט אים נישט בײַשטיין קען ער שאַדן איר נאָמען. האָט זי געחלומט חתונה צו האָבן אַזוי, אַז זי אַליין זאָל האָבן איר אייגן הויז אין תּל־אָבֿיבֿ מיט פּרײַטיק־צו־נאַכטסן ווי אַלע אירע באַקאַנטע האָבן בײַ זיך אײַנגעפֿירט.

צבֿי האָט זיך נישט אויסגעקענט אויף די אַלע זאַכן. ווי זײַן פֿאָטער בערל האָט אויך ער ליב צו אַרבעטן, פּלאַנירן, בויען און וואַקסן. ער איז געבליבן דער ראשונער, נאָר נישט ווי זײַן זיידע מיט אַן אַקער און פֿרידה; מיט טראַקטאָרן און בולדאָזערס. אויך דאָס חתונה האָבן מיט שושנהן איז אַ מין פּלאַנירן און בויען: אַ מאַן דאַרף חתונה האָבן, געבוירן קינדער, כּדי אויפֿצוהאַלטן דעם אימפּעט ווײַטער צו פּלאַנירן און וואַקסן. אויב שושנה וויל ברענגען מעבל פֿון פֿראַנקרײַך — מסתּמא ווייסט זי וואָס זי וויל. והראיה, זי ווייסט וואָס זי וויל — זי האָט אים געוואָלט. ער האָט ליב זײַן שושנהן. זי איז קוועקזילבערדיק, מיט גרויסע שוואַרצע צעליכטיקטע אויגן און פּעך שוואַרצע האָר. זי איז פֿון די פֿרויען וואָס נישט זיי זעטיקן זיך אַליין און נישט זיי איבערזעטיקן דעם מאַן. אין זײַן פֿאַרטאָגעקייט במשך אַ גאַנצע וואָך אין נגבֿ, אין באר־שבֿע און ווו דער טײַוול האָט אַן עק, בענקט ער נאָך שושנהן און אין די נעכט ברענט ער פֿון בענקשאַפֿט און קוקט אויס אויף סוף־וואָך אַראָפּצופֿאָרן אַהיים קיין תּל־אָבֿיבֿ. מיט זײַן גרויסער אַמעריקאַנער שוואַרץ־גלאַנציקער מאַשין פֿון די זעלבע, מיט וועלכע עס פֿאָרן די מיניסטאָרן, וואָלט ער אַפֿילו געקענט זיך אַראָפּכאַפּן קיין תּל־אָבֿיבֿ אויף אַ צוויי דרײַ נעכט אין דער מיט וואָך. בײַ נאַכט ווערן די טראַקטאָרן געהיטן דורך בעדוינער, באַגינען נעמען איבער די מאַשינען זײַנע טראַקטאָריסטן, וואָס האָבן אַן אַרבעטפּלאַן אויף אַ גאַנצער וואָך. נאָר ער, צבֿי, האַלט נישט פֿון די זאַכן. אויך אַ טראַקטאָר דאַרף האָבן דאָס אויג פֿון אַ באַלעבאָס.

קומט צבֿי אַהיים אַ מאָל אין די דאָנערשטיקס און אַ מאָל ערשט פֿרײַטיק. ער קומט אַ מידער, אַן אַדורכגעברענטער פֿון דער זון און פֿון דער מדבר־לופֿט. טאָמער קומט ער אין אַ דאָנערשטיק, שלאָפֿט ער איבער אַ האַלבן מעת־לעת, פֿרייט זיך מיט שושנהן ווי מיט אַ קינד, לייענט זיך אָן מיט אַן ערבֿ־שבתדיקע נאָך־מיטאָג־צײַטונג, שעלט די מפא"י־רעגירונג, אַז רק זי ברענגט אונטער דאָס לאַנד, און עס ווערט אים ענג אין זײַן אייגן הויז. כאַפּט ער שושנהן און פֿרייט זיך מיט איר ווי מיט אַ קינד און דערנאָך קערט ער צוריק צו דער נאָך־מיטאָג־צײַטונג צו לייענען נאָך אַ מאָל וואָס ער האָט שוין געלייענט.

„קום", זאָגט ער ווידער צו שושנהן, „לאָמיר פֿאַרגעסן דעם ,סאָציאַליסמוס בימינו' ".

דערנאָך זאָגט אים שושנה, אַז זיי זענען פאַרבעטן צו באַקאַנטע, וואָס גרייטן צו אַ פרײַטיק־צו־נאַכט לויט דער ריי. צבי האָט נישט קיין חשק צו גיין אויף אַזעלכע פרײַטיק־צו־נאַכטסן, נאָר טאָמער גייט ער יאָ, טוט ער עס פאַר שושנהן. נאָך דעם איז ער צופרידן וואָס ער איז געגאַנגען. אויף די צוזאַמענטרעפן רעדט מען וועגן פּאָליטיק, וועגן די רעוואַנזש־אַקציעס אויף די גרענעצן, וועגן דער ווירטשאַפט, וואָס די רעגירונג האָט נאָך נישט באַגריפן וואָס עס איז אַזעלכס, מען טרינקט וויסקי מיט אײַז, וואָס דער עולם רופט עס אַן אויף אַ קול — „אָן דהי ראָקס״, און מען פאַרבײַסט מיט סענדוויטשלעך ווי פאַר זויגקינדער.

טאָמער קומט צבי אַהיים פרײַטיק, וועט זי אים אין אָוונט פון שטוב נישט אַרויסשלעפּן. נאָך אַ הייסער וואַנע גייט ער אַרום אין די אונטערהויזן איבער די ווייכע טעפּיכער און בענקט נאָך דעם ריח פון דעם שבת־געבעקס, מיט וועלכן עס איז געווען אויסגעפּילט דאָס הויז פון זײַנע עלטערן אין ראשון, ערב שבת. ער וואָלט אָוועקגעגעבן ווייס־איך־וואָס פאַר אַ גוט שטיקל קוכן ווי אין דער היים. שושנה קען דווקא די אַלע זאַכן, זי איז אַ רחובותער טאָכטער, אָבער די צײַטן זענען אַנדערע. דער ראַדיאָ זאָגט, אַז קאַלאָריעס זענען סם־המוות פאַרן מענטש. און אין אַ שבתדיקן קוכן איז פאַראַן אַזאַ גרויסע צאָל קאַלאָריעס, אַז זיי קענען אָוועקלייגן אַפילו אַ פערד. וויל זי נישט, זײַן שושנה, באַקן קוכנס ווי אין רחובות צי אין ראשון. אַזוי אויך בלאָזט זיך אַן דאָס בײַכל פון צבי ווי בײַ זײַן טאַטן. אויסער דעם — די הענט. אַפילו אין די קיבוצים, זאָגט מען, רירט זיך נישט מער צו אַ פרוי צו אַ טעפּל, אָדער צו אַ טעלער מיט די נאַקעטע הענט, נאָר אַלץ דורך גומי־הענטשקעס, די צאַרטקייט פון דער הויט זאָל נישט צעשטערט ווערן און דער מאַניקור זאָל נישט קאַליע ווערן.

שושנה היט אָפּ איר גוף ווי ער וואָלט געווען אַן אתרוג ערב סוכּות. דאָס טאָאַלעט־טישל אין איר שלאָפצימער איז באַשטעלט מיט סלאָיקלעך און פלעשע־לעך ווי אין אַן אַפּטייק. צבי באַוווּנדערט זײַן שושנהס זכּרון ווי זי געדענקט עס אַזוי גוט צו וואָס יעדעס פלעשעלע, צי סלאָיקל איז גוט. ווען די פלעשעלעך און סלאָיקלעך וואָלטן געווען נוגע אים, וואָלט ער צווישן זיי פאַרפאַלן געוואָרן — ער וואָלט געשמירט די נאָז דערמיט מיט וואָס ער וואָלט געדאַרפט שמירן די פיס און ער וואָלט אײַנגעריבן די הענט דערמיט מיט וואָס ער וואָלט געדאַרפט מאַסאַ־זשירן די בריסט, ווען ער וואָלט געהאַט בריסט. ער האָט ליב זײַן שושנה ווען זי איז געשמירט און געפּוצט ווי אַ פילם־סטאַר פון האָליוווד. זי צינדט אים דע־מאָלט אָן ווי ער וואָלט געווען דינאַמיט און זי — אַ פונק. אַפילו אין די הייסע מינוטן צווישן זיי פאַרגעסט ער נישט צו זאָגן איר, אַז טאָמער וואָלט ער אַלע מאָל געבליבן אין דער היים, וואָלט זי אים נאָך אַנאַנד אויפגעריסן ווי ער רײַסט אויף מיט דינאַמיט פעלזן אין נגבֿ.

אין יענע פרײַטיק־צו־נאַכטסן, ווען צבי פוילט זיך צו גיין צו גאַסט, ווערט שושנה אַנגעבלאָזן. זי קוקט דעמאָלט כּסדר אין שפּיגל ווי איר פּנים און פריזור

וואָלטן איר געזאָגט וואָס אַלץ זי פאַרלירט טאָמער גייט זי נישט. און טאָמער וויל ער טאַקע נישט גיין — ווערט זי אויס פונק.

שפּעטער האָט צבי זייער אָפּט מוותּר געווען אויף אַזעלכע פּריוואַטיק־צו־נאַכט־וויזיטן און געעצהט שושנהן זי זאָל גיין אַליין. פון אָנהייב האָט שושנה נישט געוואָלט הערן דערפון. זי האָט מורא געהאַט אַרײַנצופאַלן אין די מײַלער פון אירע פרײַנדינס. זיי וועלן זיכער פּלאַפּלען, אַז איר מאַן איז נישט געווען מיד צו גיין אין וויזיטן דעמאָלט ווען אַ וויזיט פרײַטיק־צו־נאַכט איז געווען אַ פאַרשפּיל צום בעט. איצט שלאָפט ער ליבערשט מיט זײַנע טראַקטאָרן איידער מיט שושנהן. מסתּמא וועלן זיי אַ ליאַדע טאָג גיין מיט אַ וויזיט צום ראַבינאַט. און ווער איז דער אויף ווען שושנה האָט שוין פאַרוואָרפן אירע געפאַרבטע האָר ?...

אַז די פאַרפעלטע פרײַטיק־צו־נאַכטסן האָבן זיך איבערגעחזרט, האָט שושנה בײַ זיך אָפּגעמאַכט אַז עס קימערט איר נישט וואָס אירע פרײַנדינס וועלן זאָגן. בײַ דער נאָענטסטער געלעגנהייט וועט זי מאַכן אַזוי, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זען, אַז זי איז מיט איר צבי ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אַפּערגעקומען פון אונטער דער חופּה.

איינעם אַזאַ „סאָלאָ־וויזיט״, ווי זי האָט עס גערופן, האָט שושנה געמאַכט בײַ גדעון און חדווה בר־עוז. אומגעריכט איז עס געווען איר ערשטער „נשף־חשק״.

גדעון, אַ זון פון אַ רחובותער פּרדס־אייגנטימער, אפרים שטאַרקמאַן, האָט געלערנט אַדוואָקאַטעריי, זיך איבערגעוואָרפן צו פאַרזיכערונגס־געשעפטן און גע־וואָרן אַ געזוכטער שידוך. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון איינעם פון יענע עקאָנאָמיסטן, וואָס באַלד נאָך דער אַנטשטייונג פון דער מדינה האָבן זיי געדינט דער רעגירונג מיט עצות וועגן עקספּאָרט און אימפּאָרט פאַר אַ לוין פון איין דאָלאַר אַ יאָר. באַלד ווי ס׳האָט זיך געענדיקט די תּקופה פון „צנע״ האָט דער קומענדיקער שווער פון גדעונען אָפּגעדאַנקט דער רעגירונג, אויפגעשטעלט אַ מאָדערנע מעטאַלורגישע פאַבריק מיט באַשטעלונגען פון דער רעגירונג און איז געוואָרן פון די ערשטע דיסקרעטע מיליאָנערן אין לאַנד. כאָטש זײַן טאָכטער חדווה איז אויפגעבראַכט געוואָרן אין רײַכקייט, האָט זי, ווי אַ יונג מיידל, געחלומט צו גיין אין אַ קיבוץ. זי האָט אָפּגעביסן אַלע אירע נעגל פון די פינגער בײַם לייענען אַ. ד. גאָרדאָן. אָבער נאָך דעם ווי זי האָט צוויי טעג פאַרבראַכט מיט איר שול־קלאַס אין אַ קיבוץ און געהאָלפן אַראָפּנעמען מאַראַנצן פון די ביימער, האָט זי אויסגעפונען, אַז אַ קיבוץ איז אַזאַ פּלאַץ ווו אַלע קאַווע־טעפּלעך פון פאַרצעלײַ זענען מיט אָפּגעבראָכענע אויערלעך.

חדווה האָט אייגנטלעך נישט געוווּסט פאַר וואָס דער פאָטער האָט איר צוגע־רעדט זי זאָל אויפן ירושלימער אוניווערסיטעט לערנען גריכישע געשיכטע און ענגלישע ליטעראַטור. זי האָט נישט געוווּסט דעם סוד, אַז דער פאָטער האָט גע־האַלטן, אַז גריכישע געשיכטע און ענגלישע ליטעראַטור זענען אַ גוטע מאַטרימאָ־ניאַלע אויסבילדונג.

קיין שיינע איז זי נישט, חדווה. צו איר טיפער קורצזיכטיקייט, וואָס זי וויל

נישט אַרויסהעלפֿן זיך מיט ברילן, און צו דער נאָז, וואָס פֿאַלט איר אַריבער איבער דער אויבערשטער ליפּ, איז זי אַ שנעל־רעדערקע. זי מאַלט דאָס לשון מיט שנעלע שאַרפֿע האַלדזיקע חי״תן און עס דאַכט זיך ווי ס׳לשון וואָלט זיך בײַ איר אויסגעשיט. איר איז דווקא יאָ געפֿעלן צו לערנען גריכישע געשיכטע און ענגליש, נאָר נישט פֿאַר דער זעלבער סיבה וועגן וועלכער עס האָט געטראַכט איר פֿאָטער. נאָך דעם ווי זי האָט איבערגעלייענט אַ פּאָר ביכלעך פֿון יוסף חיים ברענער, האָט זי פֿײַנט באַקומען ייִדן. די פֿײַנטשאַפֿט איז נישט געקומען פֿלוצים. פֿאַר דעם האָט זי געלייענט, אַז אין דער היטלער־צײַט האָבן ייִדן אין גלות זיך געלאָזט פֿירן צו דער שחיטה ווי שעפּסן. ייִדן אין גלות זענען אַלע מאָל געווען שפּלע מענטשן, געלעבט פֿון דער לופֿט און געטראַכט בלויז ווי אַזוי אָפּצונאַרן אַנדערע. די מער מענטשלעכע זענען פֿריִער געקומען קיין פּאַלעסטינע, כּדי צו ווערן מענטשן מיט אַלע מענטשן גלײַך. האָט זי אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַז איר בינדט גאָרנישט מיט די ייִדן אין דער וועלט, אַפֿילו נישט מיט די, וועלכע זענען מיט דער מאַסן־עליה געקומען פֿון די לאַגערן. זיי זענען אַ דור המדבר.

דערפֿאַר, ווען זי האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין מיט גדעונען, בשעת ער איז נאָך געווען אַ סטודענט, האָט זי אים צוגערעדט ער זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון זײַן ייִדישן פֿאַמיליע־נאָמען און אים בײַטן אויף אַ ישׂראלדיקן נאָמען. שטאַרקמאַן איז גלות־דיק; פֿון דעם נאָמען שטאַרקמאַן טראָגט זיך דער ריח פֿון געטאָ און פֿון אַ מעברה. זי האָט לאַנג געטראַכט וועגן דעם אין די נעכט — האָט זי אים פֿאַרזיכערט — און זי האָט אַפֿילו צוגעטראַכט אַ גוטן ישׂראלדיקן נאָמען: בר־עוז. גדעון בר־עוז! ווי אַרויסגענומען פֿון תנ״ך. צי איז נישט גדעון בר־עוז אַפֿילו בעסער פֿון גדעון בן־יואש? אַז ער, גדעון, וועט שפּעטער וועלן, וועט אויך ער קענען זײַן אַ שופֿט. און חדווה איז באַשטאַנען דערויף ער זאָל בײַטן דעם נאָמען פֿון שטאַרקמאַן אויף בר־עוז נאָך פֿאַר דער חתונה, כּדי עס זאָל זיך איר אַפֿילו נישט דאַכטן, אַז זי האָט חתונה מיט אַ גלות־ייִד.

די פֿרײַטיק־צו־נאַכטסן בײַ גדעון און חדווה בר־עוז זענען געזוכטע. גדעון האָט אַ רײַכן באַר מיט סקאָטש וויסקי פֿון זעלטענע נעמען, וואָס אַז מ׳זאָגט זיי אַרויס מיטן אָקספֿאָרדער אַקצענט, אַ ביסעלע שטאַמלענדיק, האָט מען גלײַך דאָס געפֿיל, אַז מ׳איז אין אויסלאַנד. די סענדוויטשן באַשטעלט חדווה פּריוואַט. כּדי זי זאָל נישט דאַרפֿן געבן דעם אַדרעס בײַ וועמען זי באַשטעלט זיי, שקרט זי, אַז זי מאַכט זיי אַליין. קיינער פֿון אירע פֿרײַנדינס גלייבט איר נישט, וואָרום די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז זי האָט צוויי לינקע הענט און מחמת שווערער קורצזיכטיקייט וואָלט זי דעם קאַוויאַר פֿאַרביטן אויף כּומוס.

אַלע פֿאַרבעטענע געסט האָבן איין פּנים: די פֿרויען איין פּנים און די מענער איין פּנים. די מענער רעדן מיט זעלבסטזיכערקייט. זיי האָבן נישט קיין ספֿקות. די ספֿקות וואָס זיי זאָגן אַרויס איז נאָר כּדי נישט מסכּים צו זײַן מיט דעם זעלבן וואָס עס זאָגט אַ צווייטער. זייער העברעיִש לשון איז געמישט מיט ענגליש און מיט צעטרייבערטע ווערטער פֿון ייִדיש, און רוסיש פֿאַר קללות און באַהעמישקייט.

די פרויען רעדן מיט אַ טאָן ווי זיי וואָלטן געהאַט רק טענות און, ווי מען וואָלט זיי נישט געהערט — שרייַען זיי מיט אַן אויסלאָז פון אַ קרייעלע. שפּעטער, ווען דוד אַרטאַפּאַנוס איז אַרייַנגעקומען אין דער געזעלשאַפט, האָט ער באַמערקט, אַז די אַלע פרויען זענען ענלעך צו זיך ווי די נייַע שיכּון־בלאָקן, מען דאַרף פאַר זיך מאַכן אַ סימן אין וועלכן בלאָק מ׳וווינט, כּדי נישט צו פאַרבלאָנדזשען אין אַ פרעמד בעט.

אַן אויסנאַם איז הדה סייַמאַן. זי האָט רויטע צעצונדענע האָר אין גרויסע כוואַליעס, איר פּנים און די הענט זענען געדיכט פאַרקלייַעט מיט רויטן קלייַען אַז מ׳זעט קוים אַרויס אַ פּיצל פון ווייַס לייַב. פון אירע טייטלפאַרמיקע גרויסע טונקל־גרינע אויגן טראָגט זיך אַ סעקסועלער כאַמסין. זי האָט דאָס באַוווסטזייַן פון איר סעקסועלקייט און זי פאַרשפּרייט איר כאַמסין אַפילו צווישן פרויען. חתונה געהאַט האָט זי מיט אַ יונגנמאַן פון בירמינגהעם, אין ענגלאַנד, ריטשאַרד סייַמאַן, אַ שטילן און סאָלידן אינזשינער פון עלעקטראָניק. זי האָט אים געבראַכט קיין ישׂראל צוזאַמען מיט אַ רייַכער אויסשטאַטונג פון קליידער און אַ קאָמפּלעט אַלט ענגליש מעבל פון דער תּקופֿה פון דער קעניגין עליזאַבעט, וואָס איר פאָטער האָט געקויפט פאַר איר אויף אַ ליציטאַציע אין לאָנדאָן. אין די פאַר יאָר אין וועלכע איר פאָטער, שימקע ציפּורי, איז געווען אין דער איינקויף־דעלעגאַציע פון דער ישׂראל־רעגירונג אין ענגלאַנד האָט זי געלערנט אין אַן אַריסטאָקראַטישן קאָלעדזש, וואָס האָט אָפּגעשליפן אירע סאַברישע קאַנטיקייטן. די אויסערלעכע געמעסיקטקייט האָט איר סעקסועלן רייץ צוגעגעבן עפּעס פון ווולקאַנישער אומ־געריכטקייט. ווי הדה טיילט זיך אויס פון דער געזעלשאַפט פון גדעון בר־עוז, אַזוי טיילט זיך אויך אויס איר ריטשאַרד סייַמאַן. ער קומט זעלטן ווען צום וואָרט, פאַלט קיין מאָל קיינעם נישט אַרייַן אין די רייד. ער רעדט געלאַסן, ווי ער וואָלט די ווערטער אַרויפגעצויגן אויף אַ נישט־געזעענעם פאָדעם. אַפילו ווען ער רעדט אויף אַקטועלע פּאָליטישע טעמעס פאַררופט ער זיך אויף מקורות. אויף דער ווייַבער־רישער געזעלשאַפט ווירקט ער מער מיט דער סעקסועלקייט פון הדהן ווי מיט זייַן אייגענער מענלעכקייט.

צו איינעם אַזאַ פרייַטיק־צו־נאַכט בייַ גדעונען זענען פאַרבעטן געוואָרן צבי און שושנה. צבי האָט בשום־אופן נישט געוואָלט גיין. מיט אַ פּאָר טעג פריִער זענען פידאַיִנס אַריבער די ירדנישע גרענעץ און זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַ ישׂראלדיקן פּאַטרול. די פידאַיִנס זענען אומגעבראַכט געוואָרן, אָבער אויך פונעם ישׂראל־פּאַטרול זענען געפאַלן צוויי. איינער פון זיי איז געווען אַ פרייַנד פון צבי. ער איז געווען אין רעזערוו־דינסט און ער האָט אויף אייביק פאַרענדיקט זייַנע מלחמות.

יענעם פרייַטיק איז צבי געקומען אַהיים ערשט נאָך האַלבן טאָג. ער איז אַרייַנגעפאַלן ווי ער אַליין וואָלט געקומען פון רעזערוו־דינסט און געבראַכט מיט זיך שטויב פון די פעלדער איבער וועלכע ער האָט זיך געיאָגט נאָך פידאַיִנס.

„נו, וואָס זאָגסטו דערצו?" האָט ער געפרעגט שושנהן ווי זי וואָלט געוווּסט וועגן וואָס ער פרעגט.

שושנה האָט אָנגעשטעלט אויף אים אירע צעליכטיקטע אויגן און אויפגע־שטעלט די ראָזע נאָזלעכער ווי אַן אינד:

„וואָס איז געשען?"

„האָסט נישט געהערט דעם ראַדיאָ, נישט געלייענט?" האָט ער אַראָפּגעצויגן די שיך און זיי אַ וואָרף געטאָן, „איציק איז שוין נישטאָ. איציק הערשמאַן. די פּאַדאַינס האָבן אים אַוועקגעלייגט".

„דער ראַדיאָ לאַנגווײַליקט מיך", האָט זי זיך פֿאַרענטפֿערט, און כּדי ער זאָל איר גלייבן פֿאַר וואָס דער ראַדיאָ לאַנגווײַליקט זי, האָט זי צוגעגעבן: „ווידער בן־גוריון און נאָך אַ מאָל בן־גוריון. דאָ רעדט ער אין דער כּנסת און דאָ פֿאָרט ער קיין שׂדה בוקר און דאָ קלײַבט ער זיך אַרויספֿאָרן קיין אויסלאַנד קויפֿן ביכער. ווי ער וואָלט געווען דער איינציקער אין דער מדינה וואָס קויפֿט ביכער. איך מאַך נישט אויף דעם ראַדיאָ. די פּאַדאַינס אויף די גרענעצן קריכן שוין פֿון האַלדז. קיין סוף נעמט נישט צו זיי".

צבי האָט געקוקט אויף איר פֿאַראיבלדיק:

„איציק איז געווען אַ טײַערער חברהמאַן. בלויז האַרץ. האָסט גאָרנישט גע־הערט?"

זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג וואָס ער האָט שלעכט פֿאַרשטאַנען און ער האָט פּלוצים אויסגערופֿן:

„ווי קען עס זײַן דו זאָלסט נישט האָבן געהערט אַזאַ זאַך? מיט וואָס ביסטו פֿאַרנומען אויב דו ווייסט נישט וואָס ס'איז געשען נעבן קלקיליה?"

די שאלה האָט איר אַ ברי־געטאָן און זי האָט אים געענטפֿערט מיט רוגזה:

„וואָס בין איך, דער ראש־הממשלה, דער שי"ן בי"ת, איך זאָל וויסן וואָס עס טוט זיך אין קלקיליה? ווען עס טרעפֿט אַ פּאַנטשער דער ליגט אונטער דער מאַשין".

„איציק איז אַ פּאַנטשער", האָט ער געזאָגט אַ קוים באַהערשטער.

צבי איז אַרײַן אין באָד־צימער נעמען אַ טוש. נאָך אַ פּאָר מינוט ווי שושנה האָט געהערט דאָס גיסן זיך פֿון וואַסער, האָט זי נאָענט צו דער פֿאַרמאַכטער טיר גערופֿן מיט אַ זאָרגלאָזער שטים:

„צבי, מיר זענען הײַנט אין אָוונט פֿאַרבעטן צו גדעון!"

אַז קיין ענטפֿער איז נישט געקומען און דער שטראָם וואַסער איז געוואָרן רעשיקער, האָט זי באַרירט די קליאַמקע און אַרײַנגעשריגן נאָך העכער:

„צביקאָ, דו הערסט? גדעון בר־עוז וויל אונדז האָבן בײַ זיך צו גאַסט הײַנט אין אָוונט!"

זי האָט צוגעלייגט אַן אויער צו דער טיר און געוואַרט אויף אַן ענטפֿער. איר געמאַכטע פֿריילעכקייט איז אַראָפּגעפֿאַלן. זעט אויס ער איז נאָך אַלץ אָנגעברוגזט. דער שטראָם וואַסער און איר שטים האָבן נאָך נישט אַראָפּגעשווענקט פֿון אים די

אַנגעדראָלנקייט. זי האָט זיך נישט געריכט מער צו באַקומען אַן ענטפער ווי זי האָט דערהערט זײַן קול אין מיטן פון דעם רויש פון וואַסער:

„מיינסט גדעון וואָס האָט די מציאה מיט דער לאַנגער נאָז? די קורצזיכטיקע יפהפיה? איך, נישט. איך וויל נישט צוליב איר פאַרלירן מײַן מאַנצבילישקייט״.

זײַן ענטפער האָט זי דערפרייט און זי האָט אַרײַנגעשריגן אַ צעשפּילטע:

„צביקאַ, דאַרט וועט אויך זײַן הדה! ווייסט, די רויטע וואָס אַלע זאָגן, אַז זיי האָבן פולע הויזן צוליב איר!״

„שאַש, כ׳גיב נישט אַוועק אַנדערע וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך נאָר פאַר דײַנעטוועגן!״

דער שטראָם וואַסער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

שושנה האָט געפילט, אַז זי איז מיט אים אויף אַ דרך. זי האָט געאײַלט צום שפּיגל, פאַרריכט אירע האָר, אויפגעהויבן אַ ביסל אירע ווִיעס, זיך אײַנגעקוקט אין אירע אייגענע אויגן און מיט די הענט געגלעט אירע בריסט. אין שפּיגל האָט זי דערזען הינטער זיך צבי אַרומגעוויקלט מיט אַ באָד־לײַלעך. פאַר אים איז פאַרויסגעלאָפן דער שאַרפער ריח פון זײַן אָ־דע־קאָלאָן. און שוין האַלט ער זי פעסט אַרומגענומען, טוליעט זײַן קאָפּ אין איר רוקן און זוכט מיט די פינגער אירע בריסט.

„צביקאַ, נישט איצט, נישט איצט... וואָס וועסטו טאָן בײַ נאַכט?״ האָט זי זיך געצערטלט.

„דאָס זעלבע וואָס איצט״, האָט ער זי געדריקט צו זיך און זי געצויגן צום טעפּיך. זי האָט זיך אים נישט קעגנגעשטעלט. זי האָט אים געדאַרפט האָבן ער זאָל גיין מיט איר צו גדעוֹנען אין אָוונט.

מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער, ווען ער איז געבליבן ליגן נעבן איר אַ פאַר־לאָשענער, האָט זי אים געפרעגט ווי עס וואָלט געווען אַ המשך פון דעם וואָס איז נאָר וואָס געשען צווישן זיי:

„וואָס וועלן מיר מיטנעמען צו גדעוֹנען, אַ ,בלעק ענד והײַט׳ אָדער אַ ,לאָנג דזשאָן׳?״

„נישט מ י ר וועלן מיטנעמען״, האָט ער געענטפערט האַלטנדיק צוגעמאַכט די אויגן. „ערשטנס גיי איך נישט. צווייטנס, אויב דו ווילסט קענסטו גיין אַליין. און דריטנס דאַרפסטו גאָרנישט מיטנעמען. זײַן שווער האָט זיך אין דער צײַט פון ,צנע׳ אַזוי פאַרזאָרגט, אַז ער קען צושטעלן וויסקי אַפילו זײַנע קומענדיקע אור־אייניקלעך״.

שושנה האָט געהאַט חרטה הלמאי זי האָט פ אַ ר ד ע ם נישט אַרויסבאַקומען פון אים זײַן הסכּמה צו גיין מיט איר אויף דעם וויזיט. וויפל מאָל זי האָט שוין געהאַט בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַרויסצובאַקומען וואָס זי וויל פון אים אַרויסבאַקומען פ אַ ר ד ע ם, לאָזט זי זיך אין אַזעלכע פאַלן אַלע מאָל מיטרײַסן פון דער שוואַכ־קייט און זי פאַרשפּילט. פון דעסטוועגן האָט זי געהאָפט, אַז ביזן אָוונט וועט ער

זיך נאָך אויף ס׳נײַ אָנצינדן און דעמאָלט וועט ער איר מוזן צוזאָגן, אַז זי וועט נישט גיין אַליין.

זי איז געגאַנגען אַליין.

בײַ גדעונען אין הויז איז זי אַרײַנגעפאַלן אין די אָרעמס פון נתן שפּילבערגער, וואָס האָט פאַר איר געעפנט די טיר. כאָטש אַ סאַברע און געלערנט בלויז אין ישׂראל, האָט ער אין זײַן העברעיִש אויפגעהאַלטן דעם יעקישן אַקצענט פון זײַנע עלטערן. ער איז אַלע מאָל אויפגעלייגט, מיט אַ פרײַ און פרעך לשון, דער עיקר אין דער קעגנוואַרט פון פרויען. אַז ער האָט דערזען אין דער טיר־ראַם שושנהן, האָט ער זי אָפּגעמאָסטן מיט אַן אויסטוענדיקן בליק, זי אַרומגעכאַפּט און אויסגערופן:

„שושנה, דו שמעקסט, אַז איך וואָלט שוין געגאַנגען מיט דיר אין בעט אַרײַן!"

„אויף דעם דאַרף מען צוויי", האָט זי זיך באַפרײַט פון זײַנע אָרעמס. „און איך וויל נישט קאָנקורירן מיט דײַן ווײַב".

ס׳איז אַנטקעגנגעקומען חדווה מיט אירע פאַרזשמורעטע קורצזיכטיקע אויגן, און דערפילנדיק שושנהן מער דורך דעם ריח פון איר פּערפום ווי דורך איר גוף, האָט זי געזוכט איר מאַן צבי:

„ביסט אַליין?" האָט זי זיך געוווּנדערט. „אַלע מאָל אַליין?"

„פאַר וואָס ,אַלע מאָל אַליין׳?" האָט זי זיך באַמיט נאָכמאַכן חדווהס שטים. „צביקאַ לאָזט מיר קיין מאָל נישט גיין אַליין. אייערנעכטן בײַ נאַכט זענען פּאַדאַינס געקומען פון יענער זײַט גרענעץ אין נגבֿ, פאַרוווּנדעט דעם בעדוויִנער וואָס היט אונדזערע טראַקטאָרן און איין מאַשין באַשעדיקט. האָט צבי געמוזט צופאָרן צו מײַן פאָטער אין רחובות".

די מעשׂה מיט די פּאַדאַינס האָט זיך גוט אָנגענומען. ס׳האָט זיך געלייגט אויפן שׂכל. גדעון, דער ספּעציאַליסט אין פאַרזיכערונגען האָט אויפן קאָפּ געמאַכט דעם חשבון, אַז אויב צבי סימקין וועט האָבן דעם קאָפּ אויפן קאַרק און וויסן ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט די רעגירונגס־עקספּערטן, קען ער פון דעם באַשעדיקטן טראַקטאָר פאַרדינען מער וויפל דער טראַקטאָר וואָלט אים אַרײַנגעבראַכט פאַר פינף יאָר אַרבעט.

ריטשאַרד סײַמאָן, וואָס האָט געהערט די סבֿרה פון גדעונען, איז געוואָרן שטאַרק פאַראינטערעסירט צו וויסן ווי אַזוי עס אַרבעט אין ישׂראל די רעגירונגס־פאַרזיכערונג פאַר היזקות וואָס פּאַדאַין־טעראָריסטן זענען גורם, און פאַר וואָס שושנהס מאַן קען פאַר איין באַשעדיקטן טראַקטאָר האָבן מער ווי דער טראַקטאָר וואָלט געאַרבעט פינף יאָר.

„די שאלה וואָלט געפּאַסט זי זאָל געפרעגט ווערן פון מײַן פאָטער דעם יעקע", האָט שפּילבערגער גוטברודעריש אים געפּעטשלט אין דער פּלייצע. „אויף צו מאַכן אַזעלכע קאָמפּליצירטע חשבונות דאַרף מען זײַן אַ מאַטעמאַטיקער און נישט קיין עלעקטראָניקער".

„איך וויל פאַרשטיין!" האָט סײַמאָן נישט נאָכגעלאָזט.

גדעון האָט אים דערלאַנגט אַ וווהיסקי און קוקנדיק פֿון אונטער די ברעמען ווי ער וואָלט געווען אַ פּראָפעסאָר וואָס רעדט פֿון איבער די ברילן, האָט ער געזאָגט ערנסט:

„אַ סטודענט, וואָס וויל אויפֿן ערשטן יאָר לערנען די תורה וואָס איז באַשטימט פֿאַרן דריטן יאָר, וועט פֿאַרפֿעלן די עיקר־זאַכן. סך־הכּל ביסטו אַ פּאָר יאָר אין ישׂראל און געקומען ביסטו פֿון בירמינגהעם, ווילסט דעם גאַנצן קורס ישׂראלאָגיע אויסלערנען אויף איין פּוס?!"

„ליידי סײַמאָן!" האָט שפּילבערגער מיט אַן אויפֿגעהויבענער גלאָז וווהיסקי געזוכט הדהן", פֿאַרשרײַב דײַן ריטשאַרדן אין אַן אולפּן אויף אַ קורס ישׂראלאָגיע!"

מיט איין מאָל האָבן זיך טומלדיק אַרײַנגעשטעלט די איבעריקע פֿאַרבעטענע געסט, יונגע, זאָרגלאָזע מענטשן, מיט אַ טריוויאַלן הומאָר און מיט זעלבסטזיכער־קייט. זיי האָבן זיך אַרײַנגעשטעלט אַזוי, אַז אַ פֿרעמדער מענטש וואָלט ביז צום סוף פֿון דעם אָוונט נישט געוווּסט ווי אַזוי צוזאַמענשטעלן די פּאָרפֿעלקער. פֿון דער פֿרײַקייט אין באַנעמען זיך האָט זיך אָנהייב באַקומען ווי אַלע צוזאַמען וואָלטן אַ מאָל געפֿירט אַ בשותּפֿותדיק אינטים לעבן. נתן שפּילבערגער איז אַרומ־געגאַנגען צווישן די פֿרויען, זיי געגעבן צו פֿאַרזוכן פֿון זײַן גלאָז וווהיסקי, דער געגעבן אַ קניפּ אין הינטן, דער צווייטער — אַ גלעט איבער אַ ברוסט און אַ דריטער איז ער מיט דער האַנט אַרײַנגעקראָכן אין דעקאָלט. בלויז די פֿרויען האָבן רעאַגירט, יעדע אויף איר שטייגער. פֿון די מענער האָט קיינער נישט גע־לייגט קיין אַכט. גדעון האָט אויפֿן באַר אַרויסגעשטעלט עטלעכע אָפֿענע פֿלעשער וווהיסקי מיט אײַז־קלעצלעך און אויסגערופֿן:

„חברה, מאַכט אַ לעבן איידער איר גיט אַוועק אײַער לעבן אויפֿן מזבח פֿון דער זיכערקייט פֿון דער מדינה!"

יורם בן־נון, אַ קליינטשיקער און דאַרער, מיט דינע אויסגעקליגלטע וואָנס־לעך, האָט זיך געווענדט צו איינער פֿון די פֿרויען, וואָס זענען געשטאַנען נעבן אים:

„קום, אירית, לאָמיר מאַכן אַ לעבן, אפֿשר וועט פֿון דעם אַרויסקומען אַ נײַער זעלנער פֿאַר צה"ל".

„און קענען?" האָט אירית רעאַגירט.

„אירית, איך פֿאַרזיכער דיר, אַז ער קען", האָט זיך אָפּגערופֿן אַ צווייטע פֿרוי, דפֿנה, די פֿרוי פֿון דעם קליינטשיקן און דאַרן מיט די וואָנסעלעך, יורם בן־נון. יורם האָט באַמערקט:

„דפֿנה, אירית האָט געפֿרעגט די שאלה בלויז לשם תּפֿארת מליצה. זי קען מײַן טאַלאַנט".

„דפֿנה, האָסט אַ מאַן אַ פּערפֿעקטן דזשענטלמען", האָט אירית אַרײַנגעלאַכט אין פּנים פֿון דפֿנהן.

מיט אַ פּלוצימען טומל האָט אויפֿגעריסן טאַנץ־מוזיק. דאָס האָט גדעון געלאָזט אין גאַנג דעם נײַעם פּאַטעפֿאָן, וואָס זײַנע הילכערס זענען געווען צעשטעלט אין

קעגנזעצלעכע ווינקלען פון דעם סאַלאָן. ער האָט געכאַפּט שושנהן און אויסגערופן:

„חברה, איידער איר באַקומט אַ צוו־קריאה מאַכט אַ לעבן!"

נתן שפּילבערגער האָט שושנהן אַרויסגענומען פון גדעונס אָרעמס:

„הײַנט געהערט זי צו מיר, די סעקס־באָמבע!"

עמעצער האָט אַראָפּגעדרייט דאָס עלעקטרישע ליכט. נאָך אַ רגע פון פולער פינצטערניש האָבן אָנגעהויבן אַרײַנשײַנען דורך די פענצטער און דורך דעם באַל־קאָן די שוואַכע פאַרנעפּלטע ליכטער פון די אַרומיקע הײַזער. אין דער טונקלקייט איז די טאַנץ־מוזיק געוואָרן נאָך מער רעשיק. די פּאָרלעך האָבן זיך באַוויגן ווי שאָטנס, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן אין נישט־רעאַלע פיגורן. די לופט איז געוואָרן אַ געדיכטע, ווי איר פײַכטקייט וואָלט פּלוצים שטאַרקער געוואָרן. איין מענער־שאָטן האָט געצויגן אַ שאָטן פון אַ פרוי. ביידע זענען אַרויס אויפן באַלקאָן, באַלד צוריק אַרײַן אין סאַלאָן און ערגעץ־ווו פאַרשווונדן. פון די הילכערס האָט זיך געטראָגן די מוזיק ווי פון צעהיצטע קעץ אין פײַכטע הייסע זומער־נעכט. דער שאָטן פון ריטשאַרד סײַמאָן האָט זיך אַרויסגערוקט אויפן באַלקאָן. מיט די הענט האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם פּאַראַפּעט, אַריבערגעקוקט צום שכנות־דיקן הויז, ווו אויף די ליכטיקע באַלקאָנען האָבן שטילע געזעמלעך געשפּילט אין קאָרטן. ס'האָט אויסגעזען ווי די געזעמלעך אויף די באַלקאָנען וואָלטן אַלע אײַנ־געשלאָפן זיצנדיקע, און דאָס שפּילן אין קאָרטן איז מתוך אינערציע. נאָך יאָרן זיצן אויף די באַלקאָנען אין דער פײַכטער לופט האָבן זיך די הענט צוגעוווינט צו מעכאַנישע באַוועגונגען פאַר צוואַרפן אָדער אָננעמען אַ קאָרט. דעריבער איז אַזוי שטיל. ריטשאַרד האָט זײַן בליק איבערגעפירט פון די באַלקאָנען צום הימל. ער איז געווען באַדעקט מיט אַ ראָזלעכן נעפּל, וואָס האָט אָפּגעשלאָגן דאָס ליכט פון דער שטאָטישער באַלײַכטונג. ריטשאַרד איז געוואָרן אומגעדולדיק, דער באַלקאָן איז אים געוואָרן צו ענג. ס'איז אַרויסגעקומען הדה. זי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זײַן האַנט אויפן פּאַראַפּעט און זי אַ דריק געטאָן.

„האָסט נישט קיין סיבה צו זײַן בייז", האָט זי געזאָגט שטיל און אויף ענגליש.

סײַמאָן האָט געשוויגן. ער האָט געפּרוווט באַפרײַען זײַן האַנט פון אירער און זי האָט אים די האַנט נישט באַפרײַט. פון דעם אַנטקעגנאיבערדיקן הויז אויף אַ באַלקאָן האָט פּלוצים אַ הילך געטאָן אַ פאַראייַנצלטער קוויטש: „יש לי!" און דער קוויטש איז אָפּגעשטאָרבן. די שאָטנס דאָרט האָבן זיך ווידער באַוויגן אין זייער סאָמנאַמבולישן שלאָף.

„ריטשאַרד, מיר זענען מאָדערנע יונגע מענטשן. טאָר איך נישט טאַנצן מיט אַ פרעמדן מאַן?" האָט הדה אויפגעהויבן איר קאָפּ און געזוכט דעם בליק פון איר מאַן.

„טאַנצן מיט דער האַנט אין דײַן דעקאָלט איז מאָדערניזם?" האָט ער געפרעגט נישט קוקנדיק צו איר.

„נישט ריכטיק!" האָט הדה געלייקנט, „איך דערלויב עס נישט קיין מאָל".

„דאַנט לאַי!״ האָט ער דורכגעזיפּט דורך די ציין און אַ ריס געטאָן זיך, כּדי צו אַנטלויפן. זי האָט אים פאַרהאַלטן מיט אַ בעטנדיקן טאָן:

„מיר זענען געסט. מאַך נישט קאַליע עמעצנס נשף. קום, איך וועל טאַנצן בלויז מיט דיר״.

ער האָט נישט רעאַגירט. ער איז געווען פאַרקוקט צו די באַלקאָנען פון דעם אַנטקעגנאיבערדיקן הויז. מיט אַ געענדערטן טאָן האָט זי געפרעגט אויסשטרעקנ־דיק די האַנט צו די באַלקאָנען:

„זעען זיי נישט אויס ווי זיי וואָלטן געשפּילט אין קאָרטן אויף יענער וועלט?״

ווי ס׳איז פּלוצים פאַרלאָשן געוואָרן דאָס עלעקטרישע ליכט, אַזוי פּלוצים און צו דער איבעררעשונג פון די טאַנצנדיקע האָט זיך דאָס ליכט אָנגעצונדן. דאָס ליכט האָט באַלויכטן חדווהן און צוויי אַנדערע פרויען באַלאַדענע מיט טאַצן סענד־וויטשן. די טענצער האָבן די דערשיינונג מקבל־פּנים געווען מיט אַפּלאַדיסמענטן. נתן שפּילבערגער האָט אַ שפּרונג געטאָן צו די טאַצן, געכאַפּט אַ סענדוויטש און אויסגערופן מיט פרייִלעכקייט:

„כ׳האָב שוין געהאַלטן בײַ אָן אַנדער סענדוויטש איז חדווה געקומען מיט איר קאָנקורענץ!״

„יענעם סענדוויטש וועסטו נישט אויפעסן״, האָט יורם אַ קוק געטאָן אויף שושנהן און זי האָט געלאַכט אַ צעהיצטע.

יענע נאַכט איז שושנה אַהיימגעקומען אַ שיכּורע. זי האָט געקענט נתן שפּיל־בערגער פון פריִערדיקע פּריוואַטיק־צו־נאַכטסן בײַ אירע פרײַנד, אָבער בײַ גדעון בר־עוז האָט זי אים ריכטיק באַקענט. ער האָט אין איר אויפגעוועקט נײַע תּענוגים. זי איז געווען צופרידן וואָס דאָס מאָל איז צבי געבליבן אין דער היים. זי האָט זיך בײַ גדעונען געקענט פילן פרײַ, נישט געהעמט געוואָרן ווי הדה, וואָס ווי עמעצער האָט זיי באַמערקט אויפן באַלקאָן האָט ריטשאַרד אויפגעהויבן איבער איר די האַנט, נאָר דער קאַלטער ענגלענדער אין אים האָט אים באַהערשט. אַלץ אין לעבן האָט זײַן ווערט, אַפילו דאָס וואָס דער מאַן בלײַבט אין דער היים און לאָזט זײַן פרוי אַליין גיין צו אַ פאַרווײַלונג.

די שעה איז געווען אַ פּאַרטאַגיקע. דאָס גאַנצע הויז איז געשלאָפן. שושנה איז געגאַנגען אויף די טרעפּ אויף די שפּיץ פינגער, כאָטש געטראַכט האָט זי בלויז נישט איבערצוּוועקן איר מאַן. זי האָט אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע ליכט אין דער קיך, אויסגעטאָן די שיך און בײַ דער קיך־שיסל אָפּגעוואַשן די הענט, ווי זי וואָלט פון די הענט געוואָלט אָפּמעקן עפּעס וואָס זי דאַרף אויסבאַהאַלטן. אין דעם טונקעלן סאַלאָן האָט זי זיך אויסגעטאָן, די קליידער אַוועקגעוואָרפן פון זיך אָן צו קימערן זיך ווו זיי פאַלן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז די פלעשעלעך און סלאָיקלעך אַראָפּצונעמען דעם מאַקיִאַזש פון איר פּנים זענען אויפן טישל אין שלאָף־צימער. איצט טאָר זי דאָרט נישט קלימפּערן, צבי וואָלט זיך איבערגע־

וועקט. זי וויל ער זאָל איצט זײַן ווײַטער פון איר. דער תענוגדיקער ציטער מיט נתן שפּילבערגער הויערט נאָך אין איר גוף און זי וויל מיט דעם ציטער אײַנשלאָפן. האָט זי ביסלעכווײַז אַראָפּגעווישט דעם מאַקיאַזש מיט טאָאַלעט־פּאַפּיר, זיך אײַנגעקוקט אין די פאַרבן־ביואַנסן וואָס זי האָט אַראָפּגעווישט פון איר פּנים און געשמייכלט צום פּאַפּיר. שטיל, שטיל האָט זי זיך אַרײַנגעשאַרט אין שלאָפצימער, אַפילו נישט געזוכט איר נאַכטהעמד, און פאַרזיכטיק זיך אַוועקגעלייגט צום ערשט אויפן ראַנד פונעם בעט און דערנאָך זיך געמאַכט באַקוועמער. צבי האָט זיך איבערגעוועקט מיט אַ כראַכל און מיט דער האַנט געזוכט שושנהן, ווי זי וואָלט אין דעם בעט געהאַט פאַרלוירן געגאַנגען.

„שוין לאַנג ווי דו ביסט צוריקגעקומען?" האָט ער געפרעגט מיט אַ קול פון מיט שלאָף.

„נישט לאַנג. נאָר איך באַדויער וואָס איך האָב דיך נישט געהערט און נישט געבליבן אין דער היים", האָט זי געזאָגט אַזוי ווי זי וואָלט געווען פאַרלאַנגווײַליקט.

„אַ מאַן דאַרף מען הערן. ווידער געפּלאַפּלט וועגן פּאָליטיק, וואָס?" איז זײַן קול געוואָרן וואַכער.

„סתם נישט אינטערעסאַנט", האָט זי געזאָגט און מיט דער האַנט געזוכט איר נאַכטהעמד.

צבי האָט זיך צוגערוקט צו איר און זי אַרומגענומען:

„נישטאָ עפּעס בעסערס ווי אַן אייגענער מאַן", האָט ער געשמעקט צו איר פּנים.

„וואָס איז אמת איז דאָס, אַז דער אָוונט האָט מיך שרעקלעך אויסגעמאַטערט. גאָרנישט מאַטערט אַזוי אויס ווי לאַנגווײַליקייט", האָט זי נישט רעאַגירט אויף זײַנע צערטלעכקייטן.

„מאָרגן איז שבת וועלן מיר זיך איצט ביידע פאַרמאַטערן און מאָרגן וועלן מיר זיך ביידע אויסרוען".

שושנה האָט איבערצײַגט איר מאַן, אַז כאָטש דער אָוונט ביי גדעון בר־עוז איז געווען אַ לאַנגווײַליקער, מוז זי זיך רעוואַנזשירן. בײַ דער געלעגנהייט וועט זי ווײַזן דער הדה סײַמאָן, אַז דאָס וואָס זי האָט געלערנט אין לאָנדאָן במשך פון יאָרן, קען זי, שושנה, פון אינסטינקט. און די חדווה מיט די קורצזיכטיקע אויגן האָט זיך נאָך נישט אויסגעלערנט, אַז צו וההיסקי דערלאַנגט מען איילבירטן און נישט פאַרשימלטע קרייקערס. ס'האָט בײַ שושנהן גענומען אַ וואָך צײַט טעלעפאָניש אָפּצורעדן מיט אַלע באַקאַנטע וואָס זי האָט געוואָלט האָבן בײַ זיך אויף אַ פרײַטיק־צו־נאַכט. בײַ דער געלעגנהייט האָט זי זיך דערוווּסט, אַז יורם האָט געצוווּנגען דפנהן צום צווייטן אַבאָרט. דערווײַל ווייסט מען נאָך נישט די ריכטיקע סיבה. ס'קען זײַן, אַז יורם קלײַבט זיך צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ס'איז אים נמאס,

זאָגט ער, דאָס כּסדרדיקע גיין אין רעזערוו־דינסט. ס׳קען אויך זײַן, אַז דפנה איז צו קאַלט פאַר אים און ער וויל זי אײַנטווישן. איןביידע פאַלן זענען קינדער צוגע־בונדן צו די פיס ווי שטיינער. צי האָט דען שושנה נישט געזען ווי אָט דער קליינ־טשיקער מיט די דינע וואָנסעלעך איז געקראָכן הדהן אין בוזעם אַרײַן און זי האָט אים אַ ביס געטאָן אין דער האַנט? יעס, מײַ דאַרלינג. אַז מ׳האָט אויגן זעט מען אַלץ.

פון די אַלע טעלעפאָנען, וואָס שושנה האָט געמאַכט במשך פון אַ גאַנצער וואָך האָט זיך אָנגעקליבן אַ לאַנגער צעטל פון געסט. זי האָט דורכויס געוואָלט בײַ זיך האָבן איר שוואָגער מאָטל סימקין, דעם חבר־הכּנסת, וואָס כאָטש ער איז מסתּמא דער ייִנגסטער אין דער כּנסת, האָט נישט די מפא״י־רעגירונג פון אים קיין נחת. זײַנע שטעכיקע צווישנרופן בעת עס רעדן די מיניסטאָרן, ווערן באַ־שריבן אין די צײַטונגען. אויך זײַן פאָטאָגראַפיע איז שוין צוויי מאָל געווען אין די מיטאָג־בלעטער. זי וויל אויך האָבן בײַ זיך איר שוועגערין יוכבד מיט איר חבר דוד, אָדער סטעפאַן אַרטאַפאַנוס.

יוכבד דערציילט נישט קלאָר פאַר וואָס איר חבר האָט סײַ אַ ייִדישן און סײַ אַ קריסטלעכן נאָמען. דאָס וואָס שושנה און דוד האָבן נישט חתונה כאָטש זיי גייען שוין אַרום אַזוי לאַנג, איז אפשר אַ סימן, אַז אין ראַבינאַט איז מען נישט זיכער צי אונטער דעם ייִדישן נאָמען דוד באַהאַלט זיך נישט אַ גויִישער סטעפאַן. איר אַליין, שושנהן, אַרט עס נישט. עס פאַרדריסט איר נאָר פאַר וואָס אין הויז פון איר שוויגער שווײַגט מען דערוועגן. פון די עטלעכע מאָל ווי זי האָט זיך באַגעגנט מיט דודן, אָדער מיט סטעפאַנען, זעט ער איר אויס נישט ווי אַלע ייִדישע יונגעלײַט. ער רעדט אַפילו גערן ייִדיש און דאָך... אפשר טאַקע וויל ער מיט ייִדיש פאַרשטעלן זײַן גויִישקייט?... צבי פטרט זי אָפ מיט דעם ענטפער, אַז יוכבד איז אַלע מאָל געווען אַ נישט־געצוימטע, נאָר זי האָט דעם קאָפּ אויפן קאַרק. און די רעשט גייט אים נישט אָן. אַגב, די מאַמע האָט באַקענט דעם פאָטער פון דוד־סטעפאַן אַרטאַפאַנוס. ער איז אַ דאָקטער, נאָר אַן אויסטערלישער דאָקטער, אַן אַלטמאָדישער. אַז מ׳קלאָגט זיך פאַר אים אויף די נירן, וויל ער וויסן אַלץ וואָס עס טוט זיך אין דער משפּחה. כאָטש גיי דערצייל אים ווי עס האַלט מיט דײַן מס־הכּנסה...

נישט ווי בײַ חדווה בר־עוז, האָט שושנה באַשטעלט צוויי פרויען זיי זאָלן איר העלפן אין דעם פרײַטיק־צו־נאַכט באַדינען אירע געסט. אויך די סענדוויטשן און די געטראַנקען האָט זי באַשטעלט און גענומען קבלות. צבי וועט די קבלות אַרײַנגעמען ווי הוצאות פאַר מס־הכּנסה וועט איר דער פרײַטיק־צו־נאַכט גאָרנישט קאָסטן. צבי איז גערעכט: מ׳דאַרף נאָר האָבן דעם קאַרק אויפן קאָפּ.

דער פרײַטיק־צו־נאַכט איז נישט אויסגעפאַלן ווי שושנה האָט געהאָפט. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז פונקט ווי אירע סענדוויטשן און די צוויי עוזרות, וואָס זי האָט גענומען צו הילף פאַר דעם אָונט, וועלן זײַן אַן איבערראַשונג, אַזוי אויך וועט איר קומענדיקער שוואָגער, דוד־סטעפאַן אַרטאַפאַנוס, זײַן אַ סיורפריז פאַר

איר גערועלשאַפֿט. יוכבד האָט איר אַזוי פּיל דערציילט וועגן אים. ער איז שוין כּמעט אַ וותיק, געקומען אין לאַנד אַרייַן יאָרן פֿאַר דער אַנטשטייונג פֿון דער מדינה, אָנטייל גענומען אין אַלע ביז איצטיקע מלחמות און דאָך איז ער אַנדערש פֿון אַלע יונגע מענטשן אין דער מדינה. אַפֿילו זייַנע מאַניערן זענען נישט קיין ישׂראלדיקע. דער פֿאָטער, בערל, וואָס געדענקט די פּוילישע אַרמיי, ווען זי איז געווען אין פּאַלעסטינע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, זאָגט אַז דודס מאַניערן זענען „פּראָשע פּאַנאַ", געבויגן זיך אַהער און געבויגן זיך אַהין. אַז ער איז גע־קומען דאָס ערשטע מאָל צו זיי אַהיים, אין ראשון־לציון, האָט ער, דוד, אַ קוש געטאָן דער מאַמע אסתר אין דער האַנט. שפּעטער האָט די מאַמע געשמעקט צו איר האַנט צי זי פּילט זיך נישט מיט ציבל, אָדער מיט קנאָבל, אָדער מיט אַן אַנדער ריח פֿון דער קיך. ווען זי זאָל פֿריִער וויסן אַז ס'איז פֿאַראַן אַזאַ זאַך אויף דער וועלט, וואָלט זי די האַנט אָנגעשמירט מיט פּאַרפֿום, אָדער אַפֿילו בלויז גע־וואַשן זי מיט שמעקעדיקן זייף.

פֿון דעם געהערט האָט שושנה צוגעגרייט אירע הענט. זי האָט פֿריִער קרע־מירט, דעם קרעם געלאָשן מיט אייַנזאַפּ־פּאַפּיר, זיי לייַכט באַבשׂמימט מיט פּאַר־פֿום און אויף די פֿינגער אַרויפֿגעצויגן דריי ברילִיאַנטענע רינגלעך. נאָר דוד האָט באַגריסנדיק זיך מיט איר נישט געקושט איר האַנט. ער האָט זיך בלויז טיף פֿאַרנויגט און אויפֿהייבנדיק צוריק דעם קאָפּ האָט ער געזאָגט אַ ביסל שעמעוודיק:

„אַזאַ שיינקייט זעט מען נישט צו אָפֿט אין ישׂראל".

שושנה האָט זיך פֿאַררויטלט און אַ קוק געטאָן אויף יוכבדן:

„און יוכבד?" האָט זי געפֿרעגט.

„דאָס וואָס איך זאָג", האָט ער יוכבדן אַ קוש געטאָן, „אַזאַ שיינקייט זעט מען נישט צו אָפֿט אוןביידע שוועגערינס שאַפֿן די דערשייַנונג".

שושנה איז געווען גליקלעך, אָבער נישט צו לאַנג. צבי סימקין האָט זיך שוואַך אויסגעקענט אויף טאַנץ־מוזיק. דערצו האָט ער צוריקגעקערט אַהיים זייער שפּעט און ער האָט נישט געהאַט גענוג צייַט זיך אויסצושלאָפֿן פֿאַרן אויפֿנעמען די געסט. אַז שושנה האָט אים געהייסן ער זאָל לאָזן אין גאַנג דעם פּאַטעפֿאָן מיט טאַנץ־מוזיק, האָט ער אָנגעשטעלט אַ פּלאַטע מיט ווינער וואַלצן. גדעון בר־עוז האָט פֿאַרבעטן יוכבדן צו טאַנצן מיט אים, נאָר ער האָט זי פֿאַרבעטן נישט מיט ווער־טער. ער האָט זי אַ צי געטאָן בייַ דער האַנט. דודן האָט זייַן באַוועגונג אַ צי געטאָן בייַם האַרץ. אין דער רגע האָט ער גדעונען פֿייַנט געקריגן. אַז גדעון, וואָס האָט זיך געגרייט צו אַ שווונג־טאַנץ, האָט דערהערט די ערשטע טענער פֿון אַ וואַלץ, האָט ער אויסגערופֿן אַן אַנטוישטער:

„צבי, האָסט פֿאַרגעסן, אַז מיר זענען נישט אויף אַ ייִדישער חתונה אין גלות?!" און ער האָט אָנגעהויבן מאַכן לעכערלעכע באַוועגונגען שטייענדיק נאָענט צו יוכבדן.

דוד האָט זיך אַרײַנגעשטעלט צווישן אים און איר און אים געפרעגט פּראָ־וואָצירנדיק:

„חבר, ביסט אַ מאָל געווען אין דעם גלות פון וועלכן דו מאַכסט חוזק?"

„וואָס פאַלט דיר איין?" האָט גדעון געענטפערט מיט אַ פראַגע.

„האָסט אַ מאָל בײַגעוווינט אַ יידישע חתונה אין יענעם גלות?" האָט דוד אָנגענומען יוכבדן בײַם אָרעם און זי געצויגן אָן אַ זײַט, ער זאָל נישט שטיין צו איר מיטן רוקן.

„כ'האָב געזען אינטערעסאַנטערע זאַכן ווי גלותדיקע חתונות", האָט גדעון זיך געהויבן אויף די שפּיץ פינגער, כדי צו זײַן אויף דער הייך ווי דוד.

יוכבד האָט אַ גלעט געטאָן דודס קאָפּ, כדי אים צו צוימען. דוד האָט זי באַרויִקט מיט אַ בליק און זיך צורוקנדיק נענטער צו גדעונען האָט ער געלאָסן געצויגן זײַנע ווערטער:

„מעגלעך אַז דו האָסט געזען אינטערעסאַנטערע זאַכן ווי אַ יידישע חתונה אין יענעם גלות, ווארום וואָס האָט בכלל געקענט זען אַ פּראָווינצער סנאָב אָן קול־טור? וועל איך דיר זאָגן עפּעס נאָך מער אינטערעסאַנטס: אַ מענטש וואָס חוזקט און שעצט גרינג זאַכן וואָס ער קען נישט, ווייסט גאָרנישט וועגן זיי, נאָר פּלאַפּלט נאָך אינדאָקטרינאַציע־טראַפּאַרעטן איז אָן עם־הארץ".

„דער גלות־ייִד האָט זיך באַליידיקט!" האָט גדעון אויסגערופן.

צבי סימקין האָט געפּרוּווט אַ סוף מאַכן צום צוזאַמענשטויס, ער האָט זיך געשטעלט צווישן ביידע מיט צווי גלעזער וויסקי:

„לאָזט איבער דעם וויכּוח פאַר דער כּנסת", האָט ער געשטופּט דעם אַ גלאָז און דעם צווייטן אַ גלאָז.

דוד האָט גענומען די גלאָז אַלקאָהאָל, טועם געווען פון איר און אויפהייבנדיק זי ווי צו אַ טאָסט האָט ער געזאָגט, זיך אָפּווענדנדיק פון גדעונען:

„איך וואָלט וועלן, אַז אַלע ישׂראלדיקע סנאָבן זאָלן וויסן, אַז כדי מיר דאָ, אין ישׂראל, זאָלן דערגיין צו דער מאָראַלישער הייך און צו דער קולטור, צו וועל־כער עס איז דערגאַנגען דער גלות אין מזרח־אייראָפּע, וועלן מיר דאַרפן האָבן וויניקסטנס אַ פינף הונדערט יאָר, בתנאי די אַנגלאָזאַקסישע לעוואַנטיניזאַציע זאָל פון אונדז נישט מאַכן קיין קולטור־קאַליקעס. הגם איך... איך..." דוד האָט זיך אויף אַ רגע פאַרלוירן און דערנאָך אַ שמייכל געטאָן צו יוכבדן. „זײַן אַ גלות־ייִד און זיך האַלטן בײַ די ווערטן וואָס דער גלות האָט געשאַפן, מיינט זײַן אַ ייִד פון אַ העכערער מדרגה..."

„ווער איז דאָ אַ ייִד?" האָט גדעון אויסגערופן. „איך בין נישט קיין ייִד, איך בין אַ ישׂראלי. מײַן שײַכות צו ייִדן איז די שײַכות אַז איך האָב נישט צו זיי קיין שײַכות. מיר דאָ זענען אַ באַזונדער פאָלק".

„מזל טוב!" האָט דוד אויסגערופן נאָך העכער, „אַ פאָלק מעיד 1948, מיט אַ קולטור מעיד אין 1948!"

דעם וויכּוח האָט איבערגעריסן דאָס אַרײַנקומען פון דעם כּנסת־מיטגליד

מרדכי סימקין. ער איז געקומען מיט נאָך צוויי יונגע מענטשן, וואָס האָבן באַ־צײַטנס זיך פאַרלאָזט בײַכלעך, מיט הויזן־רימענס אונטער די בײַכלעך ווי אַ צייכן פון אַרויפגעאַרבעטקייט מיט די אייגענע כּוחות. מרדכי האָט געמאָלדן שושנהן אַז ער און זײַנע באַגלייטער קומען פון אַ וויכטיקער זיצונג און זיי זענען פאַר אָוונטברויט. די מעלדונג האָט צעשטערט שושנהס פּלענער בנוגע דעם כּיבוד. ס'איז אויך נישט דערגאַנגען צום טאַנצן. די אויגן זענען איצט געווען געווענדט צום חבר־הכּנסת, וואָס מסתּמא ווייסט ער אַלע סודות פון דער מדינה. חדווה בר־עוז האָט זיך געסודעט מיט הדה סײַמאָן, אַז שושנה קען אַפילו קיין פּרײַטיק־צו־נאַכט־נשף נישט אײַנאָרדענען. שפּעטער זענען די מענער אַפילו געווען צופרידן. אַנשטאָט צו טאַנצן האָבן זיי זיך דערוווּסט פון דעם חבר־הכּנסת, אַז אין דער זעלבער שעה ווערט באַשאָסן מיט אַרטילערישע קוילן די מצרישע מיליטערישע באַזע אין עזה אַלס שטראָף פאַר דעם איבערפאַל פון פאַדאַינס אויף אַ ייִדישן גרענעץ־ישוב. ריטשאַרד סײַמאָן, וואָס האָט ליב פּינקטלעכקייט האָט געוואָלט וויסן וואָס עס וועט זײַן דער סוף פון די טעראָר־אַקטן און די רעוואַנזש־אַקטן. מרדכי סימקין האָט אין דער ריכטונג פון סײַמאָנען אויפגעהויבן דעם אָפּגע־ביסענעם סענדוויטש און צוזאַמען מיטן קײַען דעם ביס אין מויל געזאָגט:

„דאָס איז די ריכטיקע פראַגע, וואָס אונדזער באַוועגונג הערט נישט אויף צו פרעגן דעם מפא״י־רעזשים: וואָס וועט זײַן דער סוף? מפּא״י האָט נישט ליב צו פאַרענדיקן זאַכן. אין 1948 ווען אצ״ל האָט געהאַלטן בײַם פאַרנעמען די אַלטשטאָט פון ירושלים און פאַרטרײַבן דעם מלך אַבדאַללאַ צוריק אין דער מדבר פון וואַנען די ענגלענדער האָבן אים געבראַכט, האָט בן־גוריון געשלאָסן מיט אים אַן אָפּמאַך, אים אָוועקגעגעבן דעם וויכטיקסטן טייל פון ארץ־ישׂראל מיט חברון, מיט שכם צוזאַמען מיט דער אַלטשטאָט פון ירושלים. דערפאַר באַצאָלן מיר איצט מיט קרבנות אויף דער גרענעץ. איצט, אַנשטאָט אַרײַנגיין מיטן גאַנצן כּוח אין עזה און זיך דאָרט פאַרפעסטיקן און אָנלערנען די אַראַבער זיי זאָלן זיצן שטיל, טוט ווידער מפּא״י אַ האַלבע אַרבעט״.

„צי וואָלט דען עמעצער געמאַכט עס בעסער?״ האָט יורם אַ ויש געטאָן זײַנע וואָנסעלעך אין דער און אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

דער חבר־הכּנסת האָט אַראָפּגעשלונגען אַ צעקײַטן ביסן און געווישט איין פינגער אין צוויטן.

„דאָ איז נישטאָ קיין בעסער און קיין ערגער״, האָט ער געזאָגט מיט זיכער־קייט, „די אַראַבער דאַרף מען איין מאָל פאַר אַלע מאָל געבן צו פאַרשטיין, אַז מיר זענען די באַלעבאַטים פון ארץ־ישׂראל. אונדזער קושאַן טראָגן מיר מיט זיך זײַט צוויי טויזנט יאָר. דאָס וואָס מיר האָבן דעראָבערט מיט בלוט איז בלויז אַ קליינער טייל פון אונדזער אייגנטום אין ארץ־ישׂראל. כּל־זמן מיר לאָזן די אַראַ־בער זיצן אויף אונדזער ערד, מיינען זיי, אַז דאָס קומט זיי און אַז זייערס איז אויך וואָס מיר האָבן דעראָבערט. מפּא״י פאַרשטייט עס נישט, דעריבער זעען מיר אויס ווי מיר זעען אויס״.

„וואָס וואָלט איר געטאָן ווען איר וואָלט איבערגענומען די מאַכט?" איז אים דוד אַרײַנגעפאַלן אין די רייד.

„איך האָב געוואָלט שטעלן די זעלבע פראַגע", האָט באַמערקט ריטשאַרד סײַמאָן.

מרדכי סימקין האָט סײַ אויף דעם און סײַ אויף יענעם אַ קוק געטאָן ווי אויף נאַיִווע און ער האָט געזאָגט ווי ער וואָלט גערעדט פאַר תּלמידים:

„וואָס מיר וועלן טאָן ווען מיר וועלן קומען צו דער מאַכט? מיר וועלן מיט די אַראַבער טאָן דאָס זעלבע וואָס מיר האָבן געטאָן מיט די ענגלענדער — מיר וועלן זיי פאַרטרײַבן פון ארץ־ישׂראל ביז איבער אונדזערע היסטאָרישע גרענעצן, ווי דוד המלך האָט זיי באַשטימט און שלמה המלך האָט זיי באַפעסטיקט. דעמאָלט וועלן מיר נישט האָבן נישט קיין פּאַלעסטינעזער פּליטים־פּראַגע, נישט קיין אַראַבישע פראַגע און נישט קיין פראַגע פון פאַדאַינס. דאָס פאַרשטייט נישט מפא"י און זי פירט מיט די אַראַבער די זעלבע פּאָליטיק ווי אַ מאָל מיט די ענגלענדער: אָפּציִען, נישט באַשליסן, זוכן שתּדלנות ווי די ייִדישע שתּדלנים אין גלות".

„פאַר אַ גרויס מדינת ישׂראל!" האָט אויסגערופן צבי און געטראָגן פאַר זיך אַ טאָץ מיט ליידיקע גלעזער אין איין האַנט און אין דער צווייטער האַנט אַ פלאַש וויסקי.

דוד האָט גענומען אַ גלאָז אַלקאָהאָל און אויסגערופן אין דעם זעלבן טאָן וואָס צבי:

„לאָמיר טרינקען פאַר דעם ערשטן אָפּטובלען זיך אין טײַך פּרת!"

„צום ערשט פאַר אָפּטובלען זיך אין ירדן!" האָט אויפגעהויבן זײַן גלאָז איינער פון מרדכי סימקינס באַגלייטער.

„ניין, ניין!" האָט דוד דערווידערט, „פון די וואָס האָבן זיך געטובלט אין ירדן איז געוואָרן אויס ייִדן; קריסטן זענען זיי געוואָרן. און איך וויל אַ מדינה פון ייִדן, ווי גאָט האָט צוגעזאָגט: פון נחל מצרים ביז פּרת און חדקל, קיין איין דונאָם נישט ווייניקער!"

„יוכבד, דײַן חבר איז געוואָרן אַ ציוניסט־מאַקסימאַליסט? אַזוי שנעל?" האָט מרדכי סימקין געפרעגט זײַן שוועסטער.

יוכבד האָט געלאַכט מיט צוויי שורות ווײַסע ציין:

„זעט אויס די השפּעה פון אונדזער היים אין ראשון־לציון".

דוד האָט זי אַרומגענומען און געזאָגט, אַז אַלע זאָלן הערן:

„די השפּעה גייט אַ סך ווײַטער. אויב מיר זאָלן אָננעמען די הנחה, אַז דער גאָט פון ישׂראל האָט באַשאַפן די וועלט, און די הנחה איז אַ ריכטיקע, ווײַל אויך די קריסטן און די מאָסלעמס זענען אין דעם זיכער, פרעג איך די שאלה: פאַר וועמען בויט אַ פאָטער זײַן הויז אויב נישט פאַר זײַנע קינדער? פאַר וועמען, אויב אַזוי, האָט גאָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט אויב נישט פאַר זײַן אויסדערוויילט פאָלק? איך האַלט דעריבער פאַר אַן אומזין צו טראַכטן בלויז וועגן באַגרענעצטע גרענעצן. נישטאָ פאַר אונדז קיין גרענעצן. די גאַנצע וועלט געהערט צו אונדז!"

„וואָס וועסטו טאָן מיט די גויִים?״ האָט נתן שפּילבערגער געפרעגט טוענדיק אַ ווונק צו גדעון בר־עוז.

„דאָס זעלבע וואָס ,חרות׳ וויל טאָן מיט די אַראַבער — פאַרטרייבן זיי אין דער מדבר. די ערד פאַרמאָגט אַ סך מדבריות״, האָט דוד געזאָגט מיט איבערטרי־בענעם ערנסט, „סײַדן זיי וועלן זיך מגייר זײַן און דאַן וועלן מיר האָבן אַ גע־זיכערטע מל־זײַן־אינדוסטריע אויף אַ פּאָר הונדערט יאָר, וואָס וועט אונדז אַרײַנ־ברענגען מער פרעמדע וואַלוטע ווי עס באַקומען די אַראַבער פאַר זייער נאַפט״.

„טראָג אַרײַן וועגן דעם אַ פאָרשלאָג אין דער כנסת צו דער מפא״י־רעגי־רונג״, האָט מרדכי פאַרשטאַנען דודס סאַרקאַזם.

„אין דער כנסת קענען אַרײַנטראָגן פאָרשלאָגן נאָר מיטגלידער פון דער כנסת און נישט סתם שטײַער־צאָלער״, האָט דוד געטרונקען צו זײַן קומענדיקן שוואָגער.

דער פרײַטיק־צו־נאַכט איז געווען אַ פאַרשפּילטער. דער איינציקער צופרי־דענער איז געווען צבי סימקין. ער האָט ליב צו רעדן וועגן פּאָליטיק און איינער זאָל אַרײַנזאָגן דעם צווייטן...

15

אין הויז פון אסתר און בערל סימקין אין ראשון־לציון איז געגרייט געוואָרן צו דער חתונה פון יוכבדן מיט דודן. נאָך לאַנגע שׂהיות איז אויך דוד מסכּים געווען צו אַ ישׂראלדיקער חתונה מיט אַן אָרקעסטער וואָס שפּילט געוויינטלעך סאָוויעטישע לידער, מיט אַן אָנגעלויף פון אַ סך געסט, וואָס קלאַפּן אין די טעלער, און וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַ האָראַ און פּוסטקייט. דוד האָט געמיינט, אַז ער און יוכבד וועלן צוזאַמען מיט די עלטערן גיין פּריוואַט צו אַ רבֿ, אָדער אין ראַבינאַט און דורך אַ כּתובה באַשטעטיקן, וואָס זיי, די צוויי יונגע מענטשן, האָבן שוין לאַנג באַשטעטיקט מיט זייער ליבשאַפט.

אסתר איז געווען אויסער זיך. עס איז אַפילו געהאַט צו איר דערגאַנגען, אַז אין דער וועלט איז אַ נײַער שטייגער: יונגע מענטשן גייען און פאַרשרײַבן זיך, אַז זיי ווילן זײַן מאַן און ווײַב און דאָס איז די גאַנצע חופּה. דאָס געהערטע איז איר אַרײַן אין איין אויער און אַרויס פון דעם צווייטן אויער. נאָר אַז יוכבד האָט איר דערציילט וועגן דודס אײַנפאַל, איז אסתר געוואָרן אויסער זיך. „אַן אײַנפאַל פון די פּוילישע", האָט זי זיך געטרייסלט פון צאָרן. דערווײַל איז מען נאָך ייִדן און מען לעבט אין אַ ייִדישער מדינה, וועט איר ייִנגסטע טאָכטער חתונה האָבן ווי אַלע ייִדישע טעכטער האָבן חתונה, אַפילו ווען די וועלט זאָל האַלטן בײַם אונטערגיין! אויף דער חתונה פון יוכבדן מוזן זײַן דער מפקד פון אצ״ל און די אַלע וואָס זי האָט זיי אויסבאַהאַלטן פון די ענגלענדער ביז צום אויפקום פון דער מדינה. נישקשה, זי האָט זיך נישט וואָס צו שעמען מיט איר יוכבדן. פאַר איר, אסתרן — און נישט נאָר פאַר איר — איז זי די שענסטע מויד אין ישׂראל. נישט די מלבושים באַשײַנען זי, נאָר זי באַשײַנט די מלבושים. וועט זי נישט אײַנגיין אויף דעם אײַנפאַל פון דודן צו שטעלן אַ חופּה אין מחתרת. זי האָט געהאַט גענוג מחתרתס האָט זי געהאַט.

בײַ נאַכט, אין בעט, האָט זי וועגן דעם אַלץ דערציילט איר בערלען און געוואָרט אירע ווערטער זאָלן אים אָנצינדן. אָבער בערל סימקין, וואָס נישט גע־קוקט אויף דעם שווערן ווירטשאַפטלעכן מצב אין לאַנד האָבן זײַנע געשעפטן געבליט, און ער איז געווען אויפגעלייגט, האָט געזוכט אַ שפּאַס צו טאָן פון זײַן אסתרן און געזאָגט, אַז די קינדער זענען גערעכט. דער עיקר איז דאָך דאָס גיין אין בעט אַרײַן. וואָס זשע האָט דאָ צו טאָן מוזיק, מיט פעטעלעך עוף, מיט

טשאַלנט און ביר פּאַר פרעמדע מענטשן? בערל האָט איר דערמאָנט, אַז ווען זיי האָבן חתונה געהאַט — און דעמאָלט זענען נישט געווען אַזעלכע רוישיקע חתונות ווי הײַנטיקע צײַטן — האָט ער פאַרלוירן דאָס געדולד און ער איז אַוועק מיט איר אין בעט אַרײַן נאָך איידער אַלע געסט זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. אסתרן האָבן זײַנע ווערטער אויפגעבראַכט. וואָס אַ מאַנצביל געדענקט! אַ מאַנצביל בלײַבט אַ מאַנצביל. זי וואָלט אַפילו געזאָגט, אַז דוד מיט יוכבדן האָבן זיך נישט וואָס צו אײַלן, און זייער חתונה וועט קענען אָנהאַלטן אַפילו ביז באַגינען, וואָרום זי איז זיכער, אַז וועדליק די נײַע צײַטן לעבן זיי שוין לאַנג ווי מאַן און ווײַב. אָבער זי האָט די ווערטער נישט געוואָלט ברענגען פאַר אירע ליפּן, אַפילו נישט פאַר איר אייגענעם מאַן, יוכבדס פאָטער. בפרט אַז די באָבע פּעסע, עליה השלום, זיצט אין גן־עדן און קוקט זיך צו ווי עס פירט זיך בײַ איר אין הויז און זי הערט זיך צו צו יעדעס וואָרט.

אָנשטאָט דאָס אַלץ צו זאָגן, האָט זי בערלען דערמאָנט, אַז די באָבע פּעסע פלעגט זאָגן, אַז אַ מענטש איז ווי ער שטעלט זיך אַזוי זעט מען אים. אין אַזאַ שלעכטער צײַט פון „מיתון", טאָמער זאָל די חתונה פון יוכבדן זײַן אַ שטילע, וועלן לײַטן אָנהייבן רעדן, אַז מיט בערל סימקינס גרויסע געשעפטן האַלט עס שמאָל ווי מיט דער מפּא״י־רעגירונג. צי נאָך אַזאַ חתונה וועט אים די באַנק ווײַטער ליפערן געלט אָן אַ חשבון און די רעגירונג וועט אים ווײַטער געבן באַ־שטעלונגען? דאָס ווייסט זי נישט, אסתר. אין דער רעגירונג זיצן מאַנצבילן און מיט דער באַנק פירן אויך אָן מאַנצבילן. ווייסט זי נישט.

בערל האָט אייגנטלעך געטראַכט ווי עס האָט געטראַכט אסתר. בײַם חתונה מאַכן די יינגסטע טאָכטער דאַרף די וועלט האָבן וואָס צו רעדן פון וועגן דער אָפענער האַנט פון בערל סימקין. כאָטש די זין זײַנע גייען אויף אַ גוטן דרך, מאָטל איז חבר־הכנסת, אָט באַלד וועט אויך רפי זײַן אין דער כנסת. גדעון מיט דעם רויטן בערעטל מערט בלעטעלעך אויף די שליפעס — אַ נחת צו זען. וועגן צבי איז שוין אָפּגערעדט. די פירמע „דב סימקין את בנו בע״מ" האָט אַ נאָמען אין די בענק, אויף אַלע סאָלידע פירמעס געזאָגט געוואָרן. אין אַ גרויסער מאָס איז עס דער פאַרדינסט פון צבי, וואָס רײַסט אײַן וועלטן. אָט שטעלט ער אַוועק צו דער אַרבעט אַ נײַעם טראַקטאָר און שוין קען ער זיך נישט באַגיין אָן נײַע קאָמפּרעסאָרן. ער געפינט זיך אויס אין די מאַשינען ווי אַן אמתער אינזשינער. שטילערהייט זאָגט בערל צו זײַן אסתרן, אַז בעצם האָט ער זיך נישט וואָס צו קלאָגן אויף דער מפּא״י־רעגירונג. מען דאַרף נאָר וויסן וועמען און ווי אַזוי צו געבן שלום־עליכם און מען מוז אַפילו נישט רעדן ציונות. כּל־זמן עס וועט נישט זײַן שלום — און ביז משיחס צײַטן איז נאָך אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך, וועט די אַרמיי דאַרפן האָבן ערד־אַרבעטן, בויען, שלעפּן טראַנספּאָרטן — נישקשה. אויך מפּא״יניקעס זענען ייִדן. צום סוף וועט דאָך זשאַבאָטינסקיס באַוועגונג מוזן קומען צו דער מאַכט — דעמאָלט וועט די סימקין־גוואַרדיע אַ פלי טאָן ביז צום העכסטן. מאָטל און רפי וועלן זײַן מיניסטאָרן. קיין פּראָפּעסיעס האָבן זיי טאָקע נישט גע־

לערנט, אויסער אין פּאָליטיק קענען זיי זיך נישט אויס אין גאָרנישט, אָבער אויף צו זײַן מיניסטער דאַרף מען גאָרנישט קענען. בלויז מויל־מלאָכה. קענען דאַרפן די קליינע, די וואָס מוזן אונטערשטעלן אַ פּלייצע און טאָן די אַרבעט. אסתרל, אסתרל, דו ווייסט גאָרנישט וואָס פֿאַר אַ כּוח עס שטעקט אין אַ בולדאָזער. מיט אים קענסטו צעזעצן אַ הויז, קענסט צעלייגן אַ בריק. אַליין אָבער קען ער גאָר־נישט אויפטאָן. ערשט אַז דו דינגסט אַ טראַקטאָריסט פֿאַר אַ פֿאַר פֿונט — טוט אויף דער בולדאָזער אַ וועלט. אַזוי איז אויך מיט מיניסטאָרן. דער עיקר, אסתרל, מ׳דאַרף האַלטן פֿאַסאָן. אַזוי האָט געטענהט בערל צו זײַן אסתרן און איר געגעבן געקעכטס, אַז די חתונה דאַרף זײַן אַ חתונה אַז ראשון און תל־אביב זאָלן שטיין אויף די קעפּ.

דאָס צוגרייטן זיך צו דער חתונה אין הויז פֿון אסתר און בערל סימקין אין ראשון־לציון איז געווען בלויז אַ סימן פֿון דעם ווי זי האָט געדאַרפֿט זײַן. און פֿאַרגעקומען איז זי אין תל־אביב. אין ראשון איז געגרייט געוואָרן דער אויס־שטײַער פֿאַר די קינדער, די וועלט זאָל נישט מיינען, אַז זיי זענען עפּעס נײַע עולים, נאָר וואָס אַרויס פֿון אַ מעברה. „די פּוילישע״ וועלן פֿאַרבליפֿט ווערן פֿון דעם וואָס זיי וועלן דערזען וואָס אַלץ, ער, בערל סימקין, גיט מיט זײַן ייִנגסטע טאָכטער פֿאַר איר אייגן באַלעבאַטישקייט. אסתר איז באַשטאַנען דערויף — און בערל האָט גאָר אַנדערש נישט געטראַכט — אַז די חתונה זאָל געפּראַוועט ווערן אין דעם גרעסטן זאַל אין תל־אביב, כּדי די משפּחות פֿון ראשון און פֿון רחובות זאָלן נישט האָבן קיין טענות פֿאַר וואָס נישט אין זייערע שטעט. אויסער אַלץ האָט די צוזאַמענגעשטעלטע רשימה פֿון די וואָס מען דאַרף פֿאַרבעטן, געוויזן, אַז די וויכטיקסטע מענטשן לעבן אין תל־אביב. מיט דער חתונה אין אַ זאַל אין תל־אביב וועט זײַן לײַכטער צו האָבן זיי פֿאַר געסט.

דער ריח פֿון די צעבליטע פּרדסים האָט שוין געהאַט פֿאַרקטורטט דעם פֿרילינגדיקן דרויסן ווען די חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן. פֿאַרבעטענע געסט זענען געקומען פֿון אַלע עקן לאַנד. קבלנים און אימפּאָרטערן, מיניסטאָרן און חברי־כּנסת, געוועזענע אצ״לניקעס, חברים וואָס זענען צוזאַמען געזעסן אין דער פֿעסטונג אין עכּו און געווען פֿאַרשיקט אין קעניאַ, כּנסת־דעפּוטאַטן פֿון „חרות״, וואָס אַ מאָל, אין די צײַטן פֿון אצ״ל און לח״י, האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין הויז פֿון בערל סימקין. אַנטקעגן זיי האָבן זיך אָפּגעשלאָגן קיבוצניקעס פֿון אַביג־דורס און יהודיתס קיבוץ, אַלע מיט אויסגעלייגטע ווײַסע קעלנער, ווי זיי וואָלטן וועלן באַווײַזן זייער אַנדערשקייט און באַזונדערקייט. מיט אַביגדורן, יהודית און דני זענען מיטגעקומען יהודיתס עלטערן פֿון זכרון, ווי מענטשן פֿון אַן אַנדער וועלט. פֿון צווישן די קיבוצניקעס האָט זיך אויסגעטיילט אַברהמל. זײַן צעאַקערט ברוינלעך פּנים און זײַנע אַ ביסל צעקנייטשטע קליידער ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אַרויס פֿון מחסן און מען האָט נישט באַוויזן זיי אויסצופּרעסן, האָט געשלאָגן אין

די אויגן ווי אַ קיבוצישע פאַן אַנטקעגן דער מחנה קבלנים און אימפּאָרטערן. ער האָט זיך געהאַלטן נעבן אַביגדורן און רק געוואָלט דני זאָל זיצן לעבן אים. ער האָט נאָכגעקוקט יהודיתן ווי זי שפּאַנט פּרײַ צווישן די געסט, ווי אַלע דאָ וואָלטן געווען אירע פרײַנד, אָדער וויניקסטנס באַקאַנטע.

באַזונדערע טישלעך בײַ אַ „סטראַטעגישן פּונקט" אינעם זאַל האָט פאַרנומען די „חברה", וואָס שושנה און צבי סימקין זענען אַ טייל פון איר. יוכבד און דוד קומען אָפּט צו די פּרײַטיק־צו־נאַכטסן פון אָט דער געזעלשאַפט. די פרויען אין דער געזעלשאַפט זענען ווי „פּאָטשטאָווע טויבן", וואָס צעטראָגן יעדע רכילות איבער אַלע פיר ווינקלען פון תל־אביב. ס'איז גוט צו האָבן זיי פון דער נאָענט כדי די רכילות זאָל זײַן פון דעם וואָס זיי זעען און נישט פון דעם וואָס זיי טראַכטן־צו אָן צו זען. נתן שפּילבערגער האָט באַהערשט די טישלעך פון זײַן געזעלשאַפט ווי ער באַהערשט די צוזאַמענטרעפן אין די פּרײַטיק־צו־נאַכטסן. נאָך איידער מ'האָט געשטעלט די חופּה זענען די פלעשלעך קאָניאַק געווען האַלב־ליידיק. פון נישט קענען טרינקען האָט שפּילבערגער באַצײַטנס געוואָלט אַרײַנגיסן אַ גלעזל קאָניאַק אינעם דעקאָלט פון הדהן. די קורצזיכטיקע חדווה בר־עוז האָט נישט אויפגעהערט זוכן דאָס פּנים פון יוכבדן און זי האָט אײַנגערוימט אין אויער פון דפנה בן־נון, וואָס איז געזעסן די נאָענטסטע צו איר, אַז לויט איר וועלן זיך יוכבד און איר סטעפאַן גטן פריִער ווי עס וועט זיך אָפּטריקענען דער טינט אויף דער כתובה. דפנה איז גראָד געווען בײַ אַ פאַרקערטער מיינונג: יוכבד סימקין עקספּערימענטירט אין בעט מיט איר סטעפאַן אַרטאַפּאַנוס אַזוי פיל יאָרן, אַז אויב זי האָט באַשלאָסן ענדלעך חתונה־האָבן, איז אַ סימן, אַז זיי האָבן נאָך וואָס צו זאָגן זיך אין בעט. דפנהס מאַן, יורם, דער קליינטשיקער און דאַרער, מיט די דינע אויסגעקליגלטע וואָנסעלעך, איז גרייט געווען זיך געוועטן, אַז ווי ביז איצט האָט יוכבד געטריבן פון זיך מענער ווי זלידנע פליגן, אַזוי וועט זי איצט, נאָך דער חתונה, אָנטאָן איר פּוילישן מאַן הערנער אין מיטן העלן טאָג.

„ווילסט זיך געוועטן?" האָט יורם בן־נון געכאַפּט זיך צום געלט־טעשל אין דער הינטערשטער קעשענע.

גדעון בר־עוז פון די פאַרזיכערונגס־געשעפטן האָט מבטל געמאַכט יורמס פאָרשלאָג:

„איך געוועט זיך נישט; איך פּרוּוו אַליין. גייט עס — האָב איך אײַנגעשפּאָרט די פּרעמיע. גייט עס נישט — בלײַבט אויך די פּרעמיע בײַ מיר".

„ביסט באמת אַן עקספּערט אין פאַרזיכערונגען" — האָט אויסגערופן יורם, באַנעצט אַ שפּיץ פינגער אויף די פּײַכטע ליפּן און אַ פּוץ געטאָן זײַנע וואָנסעלעך.

כאָטש אליעזר איז געווען איבערפולט מיט פרייד, האָט דאָך אַן אומרו גע־שאָטנט אין אים. דוד, אָנגעטאָן אין אַ ווײַסן זשאַקעט מיט אַ קראַוואַט, האָט אים אין יענעם אָוונט דערמאָנט אַן אַריסטובול, ווען ער איז געווען פּרינץ. דער ענלעך אײַנגעבוירענער שטאָלץ, דער זעלבער גלי אין די אויגן, ווי עפּעס גאָר וויכטיקס וואָלט אין אים געצײַטיקט. און אַביגדור? אַוודאי איז דער פּראָפיל פון זײַן פּנים

ווי דער פּראָפיל פון אַ פּרינץ, אַ קעמפער פון דער חשמונאַישער משפחה. זוכט ער פאַר אים אַ נאָמען און ווו ער האָט אים געזען צום לעצטן מאָל, דעמאָלט, אין יענער צײַט פון ערב־שטורעם, וואָס שטורעמט ביז דעם הײַנטיקן טאָג, ביז דעם הײַנטיקן אָוונט. צי האָט ער אים צום לעצטן מאָל געזען אין יריחו, אָדער אפשר גאָר אין סקיטאָפּאָליס, וואָס איז הײַנט בית־שאן, אַן אָרעם שטעטל פאַר נײַע עולים פון רומעניע, צי פון מאַראָקאָ? און יוכבד! אין אַ ווײַס לאַנג שפּיצן־קלייד מיט דעם ווײַסן טיול־הויב אויפן קאָפּ... מיט בײדע הענט האָט אליעזר פאַר־שטעלט די אויגן. ער ווייסט, אַז איר שיינקייט און איר רייץ מיט די זומער־שפּרענקעלעך איבער איר נאָז ווי גאָלד־שפּריצן, זענען די שיינקייט און דער רייץ טאַקע פון איר אַליין, פון יוכבדן, זײַן טאָכטער זײַט דעמאָלט ווען ער האָט זי דערזען אין שפּיטאָל־קאָרידאָר אין רחובות, ערב דער סיני־מלחמה, און ער האָט זי פאַרקנסט צו זײַן זון. אָבער דאָ, אין דעם חתונה־זאַל אין תל־אביב, באַוועגט זי זיך ווי מרים־אַפּאָלינאַ; ווי מרים־אַפּאָלינאַ האָט זיך באַוויזן אין דעם טרקלין פון דעם חשמונאים־פּאַלאַץ אין ירושלים בעת דער סעודה פאַר דעם רוימישן לעגאַט סקאַורוס... ער האָט געטריבן פון זיך דאָס בילד, וואָס איז געוואָרן וואָס אַ מאָל בולטער און בולטער. ער האָט די ענלעכקייט נישט געקענט פאַרטרײַבן: ער האָט אין יוכבדן געזען מרים־אַפּאָלינאַ ווי זי באַוועגט זיך ווי אַן איידעלע פלאַנץ בײַם אָטעם פון אַ ווינטל, אַפילו דעמאָלט ווען זי האָט זיך אויף אַ רגע צוגעזעצט צום טישל פון יונגע מענטשן סאַבּרעס, וואָס ער האָט זיי נישט גע־קענט. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער מיט איין האַנט אויסגעטאַפּט זײַן אייגענעם דופּק פון דער צווייטער האַנט, צי ער האָט נישט קיין פיבער. ער האָט קוים דעם דופּק געפילט.

אומבאַמערקט האָט ער זיך אַרויסגעמאַכט פון זאַל. אויף דער גאַס האָט גע־שמעקט מיט דעם בליִעכץ פון פּרדסים געמישט מיט דעם ריח פון בענזין פון די פאַרבײַפאָרנדיקע אויטאָס. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און צווישן די צוויי רייען הײַזער האָט ער אין הימל געזוכט זײַן שטערן־קאָנסטעלאַציע, די קאָנסטעלאַציע פון דעם „קליינעם בער". דער הימל איז געווען פאַרווישט.

ווען ער איז צוריק אַרײַן אין זאַל האָט אים אַנטקעגנגעקלאַפּט אַ טומלדיקער אָרקעסטער. ער האָט אַפילו נישט געהערט די מעלאָדיעס, נאָר בלויז דעם טומל, אַ צעהעצטן טומל. אַביגדור איז אים אַנטקעגנגעקומען. ער האָט געזוכט דעם פאָטער. אַלץ איז געווען גרייט צו דער חופּה נאָר ער, דער פאָטער, איז נישט געווען.

„פילסט זיך שלעכט?" האָט אַביגדור געפרעגט און געקוקט אויפן בלייכן פּנים פונעם פאָטער. „זעסט אויס..."

„איך בין נישט וויכטיק, מײַן זון. שטימונגען, שטימונגען. ווען דו וועסט פירן דײַן זון צו דער חופּה וועסטו אויך האָבן שטימונגען. אפשר אַנדערע, אָבער שטימונגען".

די צוויי מענער זענען געגאַנגען איבער דעם רויטן לויפער צו דער חופּה

צווישן צווי רייען געסט, ווי איינער פון זיי וואָלט געווען דער חתן. אונטער דער חופה איז דער מיט זאַל איז געשטאַנען דוד, אַ פאַרלוירענער, צווישן בערלען און אַ רב מיט אַן אַרויפגערוקטן קאַפּעלוש אויפן שפּיץ קאָפּ, ווי ער וואָלט געווען פאַרמאַטערט פון לויפן אַ מהלך רב.

„כ'האָב געמוזט אַ טעלעפאָן... איר ווייסט... אַ רופא..." האָט אליעזר געמורמלט אַ פאַרענטפערונג, וואָס קיינער האָט נישט געהערט. ער האָט זיך געשטעלט נעבן דודן. ער האָט אָנגענומען דודס האַנט מיט אַ דיסקרעטער באַוועגונג און זי גע־דריקט מיט אומרו, ביז יוכבד, געפירט פון אירע עלטערן, מיט אַ פאַרוואָלירט פנים מיט דעם טיול־געוועב פון איר הויב, האָט זיך אויף אַ רגע פאַרהאַלטן אַנטקעגן אים. דורך דעם טיול־געוועב האָבן געקוקט צו אים אַ פּאָר קעציש־גרויע תאווה־פאַרנעפּלטע אויגן — די זעלבע אויגן פון יוכבד ווי דעמאָלט אין שפּיטאָל אין רחובות, ווען ער האָט זי באַמערקט צום ערשטן מאָל. און דאָך זענען עס די אויגן פון מרים־אַפּאָלינאַ. זי האָט לוסטיק אַ שמייכל געטאָן צו אים, מסתמא געפילט זיין פאַרלוירנקייט, און ער האָט אָפּגעלאָזט דודס האַנט.

די עלטערן האָבן געפירט יוכבדן אַרום דודן. אליעזר האָט זי באַגלייט מיט זיינע אויגן ביז זיין בליק איז געפאַלן אויפן רב מיט דעם קאַפּעלוש פאַררוקט אויפן שפּיץ קאָפּ. דער אומרו איז געוואַקסן אין אים, ווי ביי אַ מענטש וואָס ווערט פלוצים קראַנק און ער הערט אויף הערן און זען וואָס עס געשעט אַ ר ו ם אים, נאָר ער איז אַריינגעטאָן בלויז אין דעם אומהיימלעכן וואָס געשעט א י ן אים. ערשט ווען דוד האָט צעקלאַפּט דאָס גלאָז אונטער זיינע פיס און דער ברוך פונעם גלאָז האָט געפּלאַצט מיט אַ הילכיקן „מזל טוב!", האָט ער באַגריפן, אַז ער האָט פאַרהערט און פאַרזען וואָס עס איז געשען נעבן אים אין די פּאָר מינוט.

„מזל טוב! מזל טוב!" האָבן זיך געשטופּט צו אים הענט.

בערל און אסתר האָבן געטרייסלט זיין האַנט:

„מזל טוב, דאָקטער! מזל טוב, שווער!"

ער האָט געענטפערט קוים הערנדיק זיין אייגן קול:

„מזל טוב, הלוואי זאָלן די קינדער אָפּגליקן מער פון אונדז אַלע".

אסתר האָט געוויינט:

„הלוואי, שווער־לעבן. ווען די באָבע פעסע..."

די טרערן האָבן איר געשטיקט אין האַלדז און זי האָט נישט פאַרענדיקט. אליעזר האָט מיט די אויגן געזוכט די קינדער און זיי נישט געזען. דוד מיט יוכבדן זענען נעלם געוואָרן און פאַר אים האָט עס אויסגעזען אויסטערליש.

„ווו זענען די קינדער?" האָט ער געפרעגט.

דער רב האָט אים אַריינגעשטופּט אין דער האַנט פיר ווייכע פינגער:

„מזל טוב, מחותן!" און אויך ער איז נעלם געוואָרן.

אין זאַל איז געוואָרן טומלדיק, ווי די מענטשן וואָלטן געווען נאָך אַ תענית פון שוויַיגן און זיי פרייען זיך וואָס זיי קענען ווידער רעדן צו אייַנאַנדער. עס האָבן געקלאַפּט גלעזער. פּלוצים אויסגעהונגערטע מענטשן האָבן מיט גאַפלען

געגרייכט צום הערינג מיט ציבל, אָדער צו זויערע אוגערקעס, צו פּיטעס מיט טכינע, אָדער צו איילבירטן. אַ הונגער־אומרו. אליעזר האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן זײַניקע. יהודית האָט געשטראַלט:

„דער טאַטע זעט אויס גוט", האָט זי געזאָגט, „פֿאַר וואָס איז אַביגדור געווען אומרויִק וועגן אײַך?"

דני האָט געשטראַלט מיטן פּנים צום זיידן. ער האָט אַרײַנגעשטראַלט אין אים. דני שמייכלט ייִנגליש ווי דוד און נישט ווי זײַן פֿאָטער. ער האָט אים אויסגעזען צו זײַן אַ סך העכער ווי ער איז געווען אין דער ווירקלעכקייט.

„ווען איז דײַן בר־מצווה?" האָט אליעזר געפֿרעגט.

„דער קיבוץ גרייט זיך", האָט יהודית געענטפֿערט, „עטלעכע צוזאַמען".

אליעזר האָט אַרומגענומען זײַן אייניקל און אים געדריקט צו זיך:

„ווערסט איצט האָבן אַ גרעסערע משפּחה".

„ווו וועט וווינען דער פֿעטער דוד מיט יוכבד?" האָט דני געוואָלט וויסן.

אליעזר איז געווען אין פֿאַרלעגנהייט:

„דאַכט זיך אין רמת־גן. סימקין האָט פֿאַר זיי צוגעגרייט אַ שיכון".

„פֿאַר וואָס נישט אין אונדזער קיבוץ?"

די קעלנערינס, שוואַר־באַלאָדענע מיט פֿולע טאַצן, האָבן נאָך מער אויפֿגעַרודערט דעם טומל און דניס שאלה איז געבליבן נישט פֿאַרענטפֿערט. דער אָרקעסטער האָט אויפֿגעקלאַפּט אַ מאַרש, דוד און יוכבד זענען אַרײַן אין זאַל געאָרעמטע. דער עולם האָט געפּאַטשט בראַוואָ נישט אַרויסלאָזנדיק די גאָפּלען און מעסערס פֿון זייערע הענט. די יונגע מענטשן זענען געגאַנגען צום הויפּט־טיש ווו אליעזר האָט זיי ביידע אַרומגענומען מיט פֿלאַטערנדיקע אָרעמס: „טייערע קינדער", האָט ער געמורמלט. בערל סימקין האָט געשוויצט און פֿאַרבעטן די קינדער צו זעצן זיך צווישן אים און אליעזרן. ער האָט פּלוצים אַ צי געטאָן און לויז געמאַכט זײַן קראַוואַט ווי ער וואָלט אים געשטיקט און ער האָט צעעפֿנט דעם קאָלנער פֿונעם העמד.

„רפֿי, רפֿי!" האָט בערל גערופֿן צום נאָענטן טישל, „פֿאַר וואָס איז ע ר נישטאָ?!"

„ע ר וועט זיכער קומען!" האָט רפֿי אַריבערגעשריגן, „מאַטל וואַרט אים אָפּ!"

אין זאַל איז געוואָרן הייס. די אָנגעצונדענע ליכט אויף די טישן האָבן געשוויצט מיטן ריח פֿון חלב און זיסן ווײַן.

„לחיים!" האָט אויסגערופֿן בערל סימקין און אויפֿגעהויבן אַ גלאָז ווײַן אין דער הייך. בלויז די בײַם הויפּט־טיש און בײַ די נאָענטסטע טישלעך האָבן געהערט זײַן „לחיים". דער אָרקעסטער האָט פֿאַרטומלט מיט דעם סאָוויעטישן ליד „נישטאָ נאָך אַזאַ לאַנד ווו דער מענטש אָטעמט אַזוי פֿרײַ" אין דעם ריטם פֿון דזשאַז.

„לחיים מחותן, לחיים, קינדער!" האָט בערל זיך געבויגן און מיט דער פֿולער גלאָז געקושט אסתרן.

אסתר האָט געזוכט די אויגן פונעם עולם. זיי האָט געגאַרט דער עולם זאָל זי זען. זי איז געווען זיכער, אַז ווי עס שטראַלט יוכבד אַזוי שלאָגט אויך אַרײַן אין זאָל איר אײגענע אויפגעוואַכטע שײנקײט פון אַמאָל, ווען זי אַלײן איז געווען אַ כלה, און ראשון־לציון האָט זיך אין איר געשפּיגלט. דער עולם איז געווען פאַרטאָן אין די טעלערס און פאַרקוקט אויף די שפּיץ גאָפּלען און מעסערס.

פּלוצים און אומגעריכט האָט דער אָרקעסטער אָפּגעהאַקט מיט דעם סאַוויע־טישן ליד און אויפגעשפּילט דעם הימן פון אצ״ל. די גאָפּלען און מעסערס האָבן פאַרהאַלטן דעם אָטעם און געבליבן אומבאַוועגלעך. די אויגן פונעם עולם האָבן זיך געווענדט אין אײן ריכטונג, צום אַרײַנגאַנג. פון דאָרט איז אַרײַנגעקומען אַ געזעמל מענטשן, וואָס האָט באַגלײט אַ נידעריקן מאַן אין ברילן, מיט אָפּשטײענ־דיקע אויערן און מיט אַ דיקער אַראָפּגעלאָזטער ליפּ מיט אַ מאַט פּנים פון סוד.

בײַם טישל, וווּ עס איז געזעסן רפי און גדעון סימקין, האָט עמעצער אויס־גערופן מיליטעריש: „המפקד!״ מאָטל סימקין, דער חבר־הכנסת, איז געלאָפן פאַרויס און געוויזן דעם מאַן דעם וועג צום הויפּט־טיש. דער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט. פון דער ספּאָנטאַנישקייט האָבן זיך אויפגעשטעלט אויך די קיבוצ־ניקעס און אויך דני. בלויז אַברהמל מיט דעם צעכראַסטעטן ווײַסן קאָלנער און אַ ביסל ענגן זשאַקעט, וואָס אין קיבוץ־מחסן האָט מען נישט באַוויזן אים אויס־צופּרעסן, האָט זיך פאַרהאַלטן אין דער מיט אויפשטעלן זיך און זיך צוריקגע־זעצט. נאָר ווען אַלע האָבן זיך צוריקגעזעצט האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אַ פאַרווירטער געקוקט פאַר וואָס ער איז דער אײנציקער וואָס שטײט...

מאָטל סימקין האָט דעם גאַסט אַוועקגעזעצט צווישן בערלען און דודן און כמעט בײַ יעדער באַוועגונג איבערגעחזרט מיט מיליטערישער געהאָרכזאַמקײט: „המפקד!״ אסתר האָט געזוכט די אויגן פון דעם גאַסט, נאָר דער גאַסט איז גע־ווען פאַרשלאָסן, מיט אַ פאַרגליווערט קאַלט שמײכעלע, וואָס האָט אָפּגעדעקט זײַנע גרויסע פאָדערשטע צײן. דער פאַרגליווערטער שמײכל איז אים געבליבן אויפן פּנים אַפילו ווען לײַט זענען צוגעקומען, איבער דעם טיש אויסגעשטרעקט צו אים די הענט און אין הכנעה אים באַשאָטן מיט שבחים.

„דער מפקד דערקענט מיך?״ האָט אײנער געפרעגט און לאַנג געוואַרט אויף אַן ענטפער.

„זיכער, ווי קען איך אײַך נישט דערקענען?״

דער באַלעבאָס פונעם זאַל אין דער באַגלײטונג פון צוויי קעלנעריגס זענען אָנגעקומען באַלאָדענע מיט באַזונדערע פּולע פּולמיסקעס און גרייט געווען דאָס אַלץ אַוועקצושטעלן פאַר דעם גאַסט. אין פאַרלעגנהייט האָט דער גאַסט אַפילו נישט געוואָלט אַרײַנקוקן אין די פּולמיסקעס און מיט דביקותדיקער עניוות גע־זאָגט:

„איך בין אַ פּשוטער ייִד, ווי אַלע דאָ, און וואָס אַלע עסן וועל אויך איך עסן״.

בערל האָט אַ ווונק געטאָן צו זײַן זון צבי, ער זאָל זען וואָס פאַר אַ מענטש זיי האָבן בײַם הויפּט־טיש. צבי האָט אים געגעבן צו פאַרשטײן, אַז ער זעט. דער

אָרקעסטער האָט זיך נישט איבערגענומען דערמיט וואָס דער עולם קוקט צו די טעלערס, אָדער צו דעם חשובן גאַסט בײַם הויפּט־טיש; ער האָט ווײַטער געטומלט זײַנע רוסישע און האַליוווּדער שלאַגערס.

אין דעם טומל האָט דער גאַסט זיך אָנגעבויבן צו דודן און נישט אויפהערנ־דיק קוקן אין זאַל אַרײַן האָט ער אים געפרעגט:

„וואָס טוט דער חתן?"

אַ פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט האָט אויפגעבליצט. אָן צו טראַכטן האָט דוד גע־ענטפערט:

„דערווײַל פיר איך מלחמות, עס אין רעזערוו־דינסט מיליטעריש ברויט און אין צווישן, ווי איר זעט, האָב איך חתונה געהאַט".

„דאָס איז זייער וויכטיק, אדוני, זייער וויכטיק!" האָט דער מאַן אַקצענטירט די ווערטער, „נ אָ ר מיט דעם כוח פון דעם יונגן דור, וואָס קעמפט אין צה"ל און ברענגט אויף דער וועלט נײַע דורות מכבייער, וועלן מיר בעזרת־השם באַ־פרײַען גאַנץ ארץ־ישׂראל. אַגב, דאַרפט איר דאָס וויסן, אדוני, עס לוינט אײַך צו וויסן, אַז דאָס הויז פון אײַער פרויס עלטערן אין ראשון־לציון איז געווען אַ גאָר וויכטיק קעמערל אין אונדזער קאַמף קעגן די בריטן. ס'איז זייער וויכטיק צו וויסן".

ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אין דער זײַט פון בערלען און אסתרן. אסתר האָט דערפילט, אַז דער גאַסט רעדט מיט דודן וועגן איר און איר מאַן, און איר פּנים האָט זיך אָנגעפילט מיט ליכטיקער פרייד. זי האָט געקוקט אויף דעם גאַסט מיט באַוווּנדערונג און אויך ער האָט צו איר געטאָן אַ שמייכל בלויז מיט די פאָדערשטע ציין און מיט די נאָזלעכער. דער פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט האָט ווידער אויפגעבליצט און פאַרשפּעטיקט דעם שמייכל.

„און אײַער פאָטער וואָס טוט?" האָט דער גאַסט געפרעגט, צוריק אָנגע־שטעלט זײַן פּנים צום עולם אין זאַל און פאַרריכט דעם קראַוואַט.

„מײַן פאָטער היילט קראַנקע און איז באַזאָרגט וועגן דעם געזונט פון דער מדינה".

דוד האָט אָנגענומען דעם פאָטערס האַנט. אליעזר האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צום גאַסט. דער גאַסט האָט צו אים אויסגעשטרעקט די האַנט.

„אײַערע מחותּנים האָבן גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער מולדת. איך האָב עס געזאָגט אײַער זון. מען דאַרף עס וויסן. פון וועלכן לאַנד איז אײַער אָפּשטאַם, אדוני?"

„פון ארץ־ישׂראל דורך פּוילן", האָט אליעזר געענטפערט און מיט זײַן ענט־פער אויפגערודערט דעם מאַן:

„אויסגעצייכנט געזאָגט! ,פון ארץ־ישׂראל דורך פּוילן'. ווייסט איר וואָס עס באַדײַט פּוילן? פּה־לין? דאָ, ס'הייסט דאָרט, האָבן מיר זיך איבערגעשלאָפן און צוריקגעקומען אַהיים — פּה לין וחזרנו למולדת!"

„מיר האָבן זיך וואַזשנע איבערגעשלאָפֿן‟, האָבן זיך די ווערטער מיט גע־רייצטקייט אַרויסגעריסן פֿון אליעזרס מויל.

דער גאַסט האָט באַוויזן בלויז אויפֿצועסן די פֿיש ווי מאָטל סימקין האָט זיך געשטעלט הינטער זײַן פּלייצע און אים עפּעס אײַנגערוימט אין אויער. דער גאַסט האָט מיטן ווײַסן סערוועטל אָפּגעווישט די ליפּן און עפּעס שטיל געפֿרעגט. באַלד דערנאָך האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ דאָ אין דער זײַט פֿון אליעזרן און דודן און דאָ אין דער זײַט פֿון בערלען און אסתרן, און שטיל זיך אַרויסגעמאַכט אין דער באַגלייטונג פֿון מאָטלען און רפֿי. דער עולם האָט עס קוים באַמערקט. דער זינגער אינעם אָרקעסטער האָט געוואָלט איבערשרײַען דעם סאַקסאָפֿאָן מיט די צוויי עלעקטרישע גיטאַרעס און דער פּויק. בערל און צבֿי האָבן אויף שטום־לשון געפּרוווט זיך פֿאַרשטענדיקן וואָס אַזעלכס ס׳איז געשען.

„אבא, וואָס אַזעלכס איז געשען, מלחמה?‟ האָט יוכבֿד געפֿרעגט און געזוכט דודס בליק. בערלען האָט אַרויסגעזעצט אַ שווייס אויפֿן שטערן.

„עפּעס איז געשען‟, האָט ער געמורמלט.

אַ שרענגע קעלנעריגס זענען אַרײַן אין זאַל מיט ספּירט־ברענענדיקע פּול־מיסקעס אויפֿגעהויבן אין דער הויך. דער חבֿר־הכּנסת און זײַן ברודער רפֿי האָבן צוריקגעקערט אין זאַל. בערל האָט פֿון דער ווײַטנס מיט אַ האַנט־באַוועגונג געפֿרעגט:

„וואָס איז געשען?‟

רפֿי, אויך מיט אַ האַנט־באַוועגונג, האָט מבֿטל געמאַכט דעם פֿאָטערס פֿראַגע:

„ס׳איז גאָרנישט. עפּעס אויף דער יאָרדאַנישער גרענעץ‟.

צבֿי האָט זיך אויפֿגעשטעלט און זיך געסודעט מיט זײַן ברודער, דעם חבֿר־הכּנסת.

„וואָס אַזעלכס עפּעס?‟ האָט בערל נישט אויסגעהאַלטן און געפֿרעגט אויף אַ קול.

„גאָרנישט!‟ האָט צבֿי געזאָגט, „אויף דער יאָרדאַנישער גרענעץ איז פֿריי־לעך‟.

מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז דער באַלעבאָס פֿונעם זאַל צוגעקומען צום הויפּט־טיש און געפֿרעגט ווער צווישן די געסט עס איז אַביגדור אַרטאַפֿאַנוס. אַז דוד האָט אָנגעוויזן אויף זײַן ברודער, האָט אַביגדור, אָן צו פֿרעגן, זיך אויפֿ־געשטעלט און געגאַנגען נאָך דעם זאַל־אייגנטימער. בײַם אַרײַנגאַנג האָט געוואַרט אַ יונגער אָפֿיציר. ער האָט עפּעס אײַנגערוימט אַביגדורן אין אויער. אַביגדור האָט צוריקגעקערט, אַרײַנגעסודעט יהודיתן אין אויער און אַ קוש געטאָן דניין אין קאָפּ.

„איך וועל צוריקקערן אַהיים פֿריִער ווי איר וועט צוריקקערן‟, האָט ער געזאָגט שטיל, אַ ווונק געטאָן צום פֿאָטער, צו דודן, צו יוכבֿדן און אירע עלטערן און מיט נישט־געאײַלטע טריט אַרויס פֿון זאַל.

יהודית איז געוואָרן אומרויִק. זי וואָלט זיך אויפֿגעהויבן, גענומען דניין און

אויך אַוועק. אָבער די דיסקרעטקייט און געלאַסנקייט מיט וועלכע אַביגדור איז אַרויס פון זאַל, האָט געצוימט איר בהלה. אַברהמל האָט געזוכט איר בליק און זי האָט געזוכט זײַן בליק. האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט און ער איז געוואָרן אין גאַנצן אויער, צו הערן וואָס זי וויל ער זאָל טאָן פאַר איר.

אליעזר, וואָס האָט געזען וואָס אַלץ עס געשעט אין די געציילטע מינוטן, איז צוגעגאַנגען צו יהודיתן און אַרויפגעלייגט זײַנע הענט אויף אירע אַקסלען.

„רויִק, טאָכטער, נאָך נישט צוגעוווינט ?"

„אויף דער יאַרדאַנישער גרענעץ", האָט זי אַרויפגעקוקט צו איר שווער.

„ערגעץ מוז עס געשען", האָט ער געזאָגט ווי עס וואָלט געווען נישט־וויכטיק.

בײַ די טישן פון די קיבוצניקעס איז געוואָרן אומרויִק, נאָר זיי זענען געבליבן זיצן, כּדי נישט צו שטערן די שׂמחה פון אַביגדורס ברודער. דוד האָט גענומען יוכבדן בײַ דער האַנט און זי געפירט צום פּאַרקעט נעבן אָרקעסטער צו טאַנצן. אַנדערע פּאָרלעך האָבן געטאָן דאָס זעלבע. דער פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט האָט געבליצט צו כאַפּן דעם חתן מיט דער כּלה. פּיק, פּיק.

„טו אַ שמייכל צום אַפּאַראַט", האָט דוד איר אײַנגערוימט, „אויף דער יאַרדאַנישער גרענעץ קומט פאַר אַ צוואַמענשטויס מיטן לעגיאָן, צי מיט פאַדאַינס, אַלץ איינס".

„גראָד הײַנט", האָט יוכבד זיך געקלאַמערט צו אים.

„הײַנט, נעכטן, מאָרגן, אַלע מאָל, אַלע יאָרן, ווי דער אָרקעסטער חזרט איבער די זעלבע מעלאָדיעס אויף אַלע חתונות". ער האָט געפילט דעם ציטער פון איר גוף.

16

„זון מײַנער, רײַס זיך נישט. שלאָג נישט קאָפּ אָן דער וואַנט. נישט דו וועסט זי דורכהאַקן, נאָר מיט איר פּאַסיווקייט וועט זי דיך ממיתן. אין אַלע רעוואָלוציעס און איבערקערענישן און בײַ אַלע מעגלעכע רעזשימען הערט נישט אויף דער מענטש צו וועלן דערגרייכן איינס און דאָס זעלבע: צו זײַן פֿרײַ. ווערליק דער צאָל רעוואָלוציעס, איבערקערענישן און מלחמות פֿאַר פֿרײַהייט בלויז אין דעם יאָרהונדערט, וואָלטן אַלע מענטשן אויף דעם ערדקײַלעך געדאַרפֿט הײַנט זײַן די פֿרײַסטע באַשעפֿענישן אין דער נאַטור. אַ קלייניקייט עפּעס — דער מענטש! די קרוין פֿון גאָטס באַשאַף. נאַרישקייטן. אויף צו מאָרגנס נאָך אַ באַפֿרײַונג־רעוואָלוציע זענען מיר געפֿאַנגענע ווי מיר זענען געווען פֿאַר דער רעוואָלוציע. פֿאַר וואָס? ווײַל מיר ווערן געבוירן אין שטײַגן, ווי חיות אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן. מיר ווערן געבוירן בײַ עלטערן וואָס מיר קענען זיי נישט אײַנטוישן; אין אַ פֿאָלק וואָס מיר קענען נישט בײַטן; אין אַ צײַט וואָס מיר קענען זי נישט ענדערן: נישט צוריקשטויסן צו אַ פֿריִערדיקער תּקופֿה, וואָס מיר וואָלטן גערן געוואָלט, און נישט צו אַ שפּעטערדיקער תּקופֿה, וואָס מיר האָפֿן אַז זי וועט זײַן אַ בעסערע. אַפֿילו פֿון דער געאָגראַפֿיע, אין וועלכער מיר קומען אויף דער וועלט, קענען מיר נישט אַנטלויפֿן. מיר זאַפּן זי אײַן אין זיך און מיר טראָגן זי בעל־כּורחו מיט זיך אומעטום ווו מיר לויפֿן. די טײַכן פֿון אַלע רעוואָלוציעס און איבערקערענישן קומען צוריק צום זעלבן אַרויסגאַנג. זעסט, יעדער יונגער דור רײַסט זיך צו אַ נײַער רעוואָלוציע, צו אַ נײַער מלחמה, צו נײַע איבערקערענישן. דער יונגער דור, יעדער יונגער דור, זעט זײַנע עלטערן ווי געפֿאַנגענע, געשמידטע אין אײַנגעבוירנקייטן, און ער — ער וויל זײַן פֿרײַ. אויף צו מאָרגנס נאָך דער נײַער רעוואָלוציע — קומט עס צוריק צו געפֿאַנגנשאַפֿט.

„אַ יונגער מענטש איז געגליכן צו אַזעלכן וואָס ווערט פֿאַרמשפּט צו אייביקער תּפֿיסה. מיט דער רגע ווי די ריגלען פֿאַרריגלען זיך הינטער אים, רײַסט ער די קראַטן, זוכט לעכער אין די ווענט, אין באַלקן, אין דיל, כּדי דורך זיי צו אַנטרינען. ער חלומט צו זאַמלען די שטראַלן פֿון דער זון וואָס פֿאַלן אַרײַן דורך דעם פֿענצטערל פֿון זײַן קאַמער, כּדי פֿון זיי מיט דער צײַט אויסצופֿלעכטן אַ שטריק און זיך צו באַפֿרײַען. דערנאָך איז ער משלים מיט זײַן גורל אויף וועלכן ער האָט סײַ ווי נישט די מינדסטע השפּעה. דעמאָלט ווערט אים די געפֿאַנגשאַפֿט לײַכטער.

ער איז משלים. ער קוקט אַפילו מיט רחמנות און פאַרגעבלעכקייט אויף די נײַ־געקומענע ווי זיי רײַסן די קראַטן, ווי זיי קלאַפּן קאָפּ אָן דער וואַנט פון יִיאוש, ווי זיי זוכן אַ שפּאַלט צו אַנטרינען...

„דו ווייסט עס נישט פון הײַנט וואָס איך טראַכט וועגן דײַן פּלאַן צו פאַר־לאָזן דאָס לאַנד. איך באַפרײַ דיך פון דעם נדר, וואָס דו האָסט אַ מאָל געטאָן אין אַ רגע פון מײַן און נישט פון דײַן שוואַכקייט. אויב דו וועסט באַשליסן — איז דער וועג פאַר דיר פרײַ, בפרט אַז יוכבד וועט מיטגיין מיט דיר ביז עק וועלט. אָבער ווי איך קען דיך, וועסטו מיט דײַן אַנטלויפן פון דאַנען גאָרנישט אויפטאָן פאַר זיך. אומעטום וועסטו מיטפירן זיך גופא און דײַן גורל. דאָס איז די גרונט־פראַגע!״

„טאַטע, צי זעסטו ווירקלעך נישט וואָס עס געשעט אַרום דיר? אין וואָס פאַר אַ מצב אָן אַן אויסוועג דאָס לאַנד געפינט זיך, אָן דער מינדסטער אויסזיכט ווען עס איז צו דערגרייכן כאָטשבי די צײַטווײַליקע סטאַביליקייט, פון וועלכער עס געניסן איצט אַנדערע פעלקער? זע, טאַטע, ייִדן ווי אַ פאַלק האָבן זיך אָפּגעוווינט, אָדער באַלד זיך נישט צוגעוווינט צו אייגענער מלוכהשקייט. קיין מאָל נישט! צי האָסטו אַליין מיר נישט געלערנט, אַז ייִדן זענען אַליין אַנטלאָפן פון זייער אייגן לאַנד? אַז ייִדן האָבן אין זייער אייגן לאַנד איבערגענומען די זיטן און די שפּראַך פון אַנדערע פעלקער? אַז ייִדן אַליין באַקעמפן זיך קעגנזײַטיק און מאַכן זיך אַליין חרוב? מעגלעך, אַז מלוכהשקייט איז אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן אויף די ייִדן דעמאָלט ווען זיי זענען אין שבטים אָנגעקומען אין לאַנד כּנען, געגנוי אַזוי ווי די תורה איז אויף זיי אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן בײַם הר סיני. משה גופא איז צו דער אויפגעצוווּנגענער מדינה נישט דערגאַנגען. ער איז אויסגעגאַנגען ערגעץ־ווו אויף אַ וויסטן באַרג. זו ווי עס זעט אויס די נײַע געשיכטע פון ייִדן: דעמאָלט ווען די מדינה איז געווען בלויז אַ חלום, האָבן ייִדן פאַרמאָגט שטאַטמענער פאַר אַ גרויסער מדינה, שטאַטמענער אין דער מדרגה פון אַ ד׳איזראַעלי. נאָר אַז די מדינה איז אויפגעקומען נאָך דעם חורבן, נאָך אַזאַ חורבן! — האָבן ייִדן מער נישט געהאַט קיין שטאַטמענער, אַפילו נישט פאַר אַ קליינער מדינה. די מדינה עקזיסטירט מער פון פופצן יאָר און צו די מלחמות נעמט נישט קיין סוף. קיין שטראַל פון שלום זעט מען נישט, און מען האָט מורא פאַר אַן עווענטועלן שלום ווי אין אים וואָלט געלעגן די געפאַר פון פאַרניכטונג״.

„דוד, זאָג מיר אין דער רגע אָן צו טראַכטן — צי האָט זיך עפּעס געביטן אין דײַן געפיל צו יוכבד וואָס דו ביסט ווידער פול מיט ספקות?״ האָט אליעזר אים איבערגעריסן, „מיר רעדן דאָ צו זיך ווי איין מענטש רעדט צו זיך אַליין. זײַ אין גאַנצן אויפריכטיק!״

„טאַטע, דו קענסט נישט דײַן זון. עלטערן קענען נישט זייערע קינדער. וועגן קינדער דאַרף מען פרעגן בײַ אַנדערע. ווען נישט יוכבד וואָלט מײַן געביין שוין דאָ לאַנג נישט געווען. איך וואָלט אַוועק ווו די אויגן וואָלטן מיך געטראָגן, אָדער איך וואָלט צו זיך אַליין אַ סוף געמאַכט. יוכבד איז מײַן רעטונגס־גאַרטל. מיט אַ

רעטונגס־גאַרטל מוז מען דערשווימען צו אַ ברעג, אָדער לכל־הפחות דער־גרייכן שטילע וואַסערן. נישט דאָס און נישט דאָס קען איך דאָ. מײַנע ספקות, ווייסטו, זענען נישט פון הײַנט. וויפל מלחמות האָב איך צו פירן אין מײַן לעבן? איצט, ווען אַביגדור איז ווידער אין שפּיטאָל... אין זײַן מצב... האָסטו נעכטן גע־הערט וואָס די דאָקטוירים זאָגן וועגן אים?... זאָל אויך איך אַוועקגעבן מײַן לעבן אין כּסדרדיקע מלחמות? דו אַליין ביסט שולדיק אין דעם וואָס דו האָסט מיך געלערנט איך זאָל זײַן ערלעך צו זיך, כּדי צו זײַן ערלעך צו מײַן אַרום. שטימט עס עפּעס נישט ווען דער יידישער גאָט האָט אונדז פאַרלאָזט און אין נאָמען פון אַן אַנדער גאָט האָבן זײַנע גלויביקע מיך אָפּגעראַטעוועט. זיי האָבן עס געטאָן נישט דערויף איך זאָל פירן מלחמות פאַר דעם גאָט וואָס האָט אונדז פאַרלאָזט, נאָר זיי האָבן מיך אָפּגעראַטעוועט פאַר אַן אַנדער ציל. דעם ציל זע איך נישט דאָ. איך פיל: איך בין שולדיק אַ חוב. דאָ, דאָ זע איך נישט וועמען איך זאָל דעם חוב באַצאָלן. פאַר וואָס זאָל איך דאָ אַוועקגעבן מײַן לעבן אין מלחמות, אין וועלכע איך גלייב נישט?"

„כ'האָב דיר געזאָגט, דוד, וועסט מיטן קאָפּ די וואַנט נישט דורכהאַקן. דו ביסט מײַן זון בעל־כּורחך. צי קענסטו ווערן אויס מײַן זון? דו ביסט אַ ייד בעל־כּורחך. צי קענסטו ווערן אויס ייד אַפילו אַ קאַטוילישער גײַסטלעכער האָט אויף דיר אַ שפּריץ־געטאָן אַ פּאָר טראָפּנס טויף־וואַסער? דו קענסט עס נישט. ווען איך בין דײַן פאָטער איז ארץ־ישׂראל דײַן לאַנד, דײַן היים, אַפילו דו זאָלסט ערגעץ־ווו האָבן צו מאָל אַ צווייטע שטילע היים. די אומרויקע היים איז דײַנע ווי זי איז מײַנע. איך, הער זיך צו, דוד, וואָס איך האָב דיר שוין אַ מאָל געזאָגט: מער פון צוויי טויזנט יאָר האָב איך געחלומט אַ חלום צוריקצוקומען אַהיים, אַוועקלייגן מײַן קאָפּ אויף אָט דער ערד, וואָס איך בין זי, די ערד, און אײַנשלאָפן מיט אַ געפיל, אַז איך בין צוריקגעקומען אַהיים אַ זאַטער מיט בענק־שאַפט און מיט נסיון, און דער שלאָף אויף תמיד וועט מיר זײַן אַ זיסער, וואָרום נאָר די בענקשאַפט איז רעאַל — מער גאָרנישט".

אליעזר אַרטאַפּאַנוס האָט אַנגעלענט דעם קאָפּ אויף הינטן, אַן דעם אַנלען פון דער סאָפע, און פאַרמאַכט זײַנע אויגן ווי אײַנצודרימלען. ווי פון שלאָף אַרויס האָט ער ווײַטער גערעדט נישט קימערנדיק זיך, צי דוד הערט אים, אָדער נישט:

„דו הערסט אַרום זיך דאָס פּלאַפּלען: ,ציוניזם, ציוניזם, ציוניזם', ווי ציו־ניזם וואָלט געווען אַ פּאַראָל צו לײַכטע פאַרדינסטן, צו קאַריערע, צו באַקוועמ־לעכקייטן. איך האָב איבערגעלעבט אַ סך אַ סך קאַריעריסטישע פּאַראָלן אין מײַן ווײַט־ווײַטער יוגנט דאָ, אין דעם לאַנד, אין ירושלים, אין יריחו און אין שכם. ציוניזם, אָדער אַן אַנדער ,איזם' איז אַ צוגעטשעפּעטער אַפּענדיקס, אַ צוגעטראַכ־טער אויפוועק־פּאַראָל וואָס איז געווען אויפן פּלאַץ דאָרט, אין מזרח־אייראָפּע, כּדי די יידן צו האַלטן וואַך פאַר אַ נײַ ארץ־ישׂראל. אָבער אַז די נאַציס האָבן אומגעבראַכט דאָס פאָלק, פאַר וועלכן עס איז געווען באַשטימט דער אויפוועק־פּאַראָל, האָבן זיי אויך אומגעבראַכט דעם ציוניזם. פאַר מיר און פאַר אַנדערע,

ווי איך, איז ארץ־ישׂראל אַ טייל פֿון מיר און פֿון זיי ווי עס זענען אַ טייל פֿון זיי זייערע הענט און פֿיס, זייער קאָפּ און זייער נשמה. וועט אַ מענטש זאָגן אַז ער איז אַ נשמהאיסט ווײַל ער האָט אַ נשמה? צי וועט ער זאָגן ער איז אַ העגטיסט ווײַל ער האָט הענט? איך בין ארץ־ישׂראל ווײַל איך טראָג אין זיך די ערד זײַט פּאַמפּעוס האָט מיך צוזאַמען מיט אַנדערע געפֿאַנגענע אַוועקגעפֿירט קיין רוים. אין מײַנע אינגעווײדן האָב איך מיטגעטראָגן מײַן לאַנד אויף אַלע מײַנע וועגן און אין אַלע מײַנע היימען. און איך פֿיל די ערד, אַז איך בין זי. דעריבער ווען איך הער ווי איינער באַרימט זיך אַז ער איז אַ ציוניסט, אָדער עמעצער פֿאָדערט בײַ אַן אַנדערן ער זאָל זײַן אַ ציוניסט, ווער איך אומעטיק, ווײַל אַזעלכער איז נישט צוזאַמענגעוואַקסן מיט דעם לאַנד. ער האָט נישט דאָס לאַנד אין זײַן בלוט, און זײַן לײַב איז נישט די ערד פֿון ארץ־ישׂראל. דו, דוד, רעדסט וועגן ארץ־ישׂראל ווי אַזאַ ציוניסט. דו שטעלסט באַדינגונגען! דו ווילסט נישט קיין מלחמות דאָ, דו ווילסט דאָ וואָס עס איז יאָ פֿאַראַן ערגעץ־ווו אין דער וועלט; דו זעסט דאָ נישט קיין צוועק און קיין ציל. און דאָס טוט מיר ווײ, דוד, אוי, ווי עס טוט מיר ווײ. ווײַל דו ביסט מײַן זון און אַלץ וואָס איז אין מיר האָסטו איבערגענומען בירושה. ווען איך קוק אויף דיר זע איך זיך. פֿאַר וואָס רעדסטו אַזוי ווי דו וואָלסט דאָ געווען אַ זײַטיקער? מײַן פֿאָטער... מײַן פֿאָטער...״

אליעזר האָט אויף אַ רגע איבערגעריסן און אָפּגעלענט די אויגן־דעקלעך. אין צימער איז געווען פֿאַרנאַכטלעך־טונקל, אַ פּלוצימע טונקלקייט, וואָס פֿאַר־בינדט דעם טאָג מיט דער נאַכט אָן אַן איבערגאַנג.

„וואָלסטו געדאַרפֿט קענען אליעזר עריפּידעס... איך טראָג זײַן נאָמען... ער איז געווען אַ קריגסמאַן פֿאַר מלחמה גופא, העלעניזירט נישט ווייניקער ווי דער פּרינץ אַריסטובול, אָבער ביידע זענען געווען די ערד פֿון ארץ־ישׂראל אָן באַדינ־גונגען. און דו ביסט מײַן זון, דוד, דו האָסט געדאַרפֿט ירשענען פֿון מיר מײַן ארץ־ישׂראל־ערדישקייט, וואָס איך האָב געטראָגן מיט זיך דורך אַזוי פֿיל דורות און דורך אוישוויץ דערפֿירט אַהער. איז וואָס אַז איין מלחמה בײַט אָפּ די צווייטע? דאָ איז אַלע מאָל אַזוי. אַנדערע פֿעלקער לעבן נעבן ווולקאַנען, מיר לעבן מיט מלחמות. פֿײַנד אַרום? אומעטום האָבן מיר געהאַט פֿײַנד אַרום זיך. מיר זענען אַלע מאָל צו קליין, כּדי נישט צו זײַן אַרומגערינגלט מיט שׂונאים. דאָ, אין ארץ־ישׂראל, בײַטן זיך אָפּ דורות, צײַטן, אויך זיטן, אָבער דער גורל בלײַבט אַלע מאָל דער זעלבער, פּונקט ווי די זון מאַכט דורך איר וועג איבער דעם לאַנד אַלע מאָל ווי עס איז פֿאַר איר אָנגעצייכנט פֿון אַלע אייביקייטן. ווילסטו וויסן דעם גורל על רגל אחת?... איך דערמאָן זיך אַז ווען מיר זענען געווען אין תּל־דן, אין גליל, בײַם ירדן, האָסטו אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די קליידער און מיט פֿרייד אַרײַנ־געשפּרונגען אין טײַך. האָסט זיך נישט געריכט אויף דער טיפֿקייט אין יענעם פּלאַץ און דו האָסט זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער. האָסטו זיך מיט דעם וואַסער געקוויקט אַז ס׳איז זיס ווי קוואַל־וואַסער. האָסט אַזוי אַרום אַנטדעקט בלויז איין אײַגנשאַפֿט פֿונעם טײַך. דער זיסער ירדן פֿליסט זײַן פֿלוס, שלענגלט זיך מיט

זײַן זיסקייט דורך וואַסער־געוויקסן און אַרום געלעגער־פּעלזן, ער באַוואַסערט און באַפּרוכפּערט די ערד אויף זײַן וועג, ער זינגט אַ פּרוכפּערדיק געזאַנג וואָס מען דאַרף פּאַר אים אַ געניט אויער, און צום סוף פּאַלט ער אַרײַן אין ים־המלח, צום ים פון ביטערניש. דאָס איז גורל, דוד. וועסט אים נישט ענדערן. ארץ־ישׂראל איז אַ לאַנד פון אַרויסרוף. דאָ דאַרף מען זײַן יונג אין יאָרן, אָדער יונג אין דער נשמה און זײַן אַ מאַן פון מלחמה: אין די טעג פאַרשׂרפעט ווערן אויף דער בראַנ־דיקער זון, ווי אַ פעל, און אין די נעכט וויינען פון ווייטיק ווי אַ שאַקאַל, כדי מיט דער באַגינענדיקער זון אַרומצונעמען מיט די אָרעמס דאָס גאַנצע לאַנד און זיך צוקוקן ווי דער ירדן פליסט מיט זײַנע קוואַל־זיסע וואַסערן אַראָפּ, אַראָפּ צום ים־המלח, צום ים פון ביטערניש...״

אַזוי האָבן גערעדט צווישן זיך פאָטער און זון, אליעזר און דוד.

מיט אַ פּאָר שעה פריִער זענען זיי געקומען פונעם מיליטערישן שפּיטאָל אין תל־ליטווינסקי. יוכבד האָט זיי אַהיימגעשיקט זיך אָפּצורוען און זי אַליין איז גע־בליבן בײַם בעט פון דעם מסוכן קראַנקן אַביגדור. אין שפּעטערן אָוונט וועט מסתּמא קומען יהודית אויף צו וואַכן בײַם בעט אַ גאַנצע נאַכט. אַזוי שוין וואָכנ־לאַנג. אַלץ וואָס עס געשעט אויסער דעם שפּיטאָל האָט פאַר זיי אויפגעהערט צו זײַן. דער פרימיטיווער בונגאַלאָ אינעם איבערבלײַב פונעם בריטישן מיליטערישן לאַגער־שפּיטאָל אין תל־ליטווינסקי איז געוואָרן דער צענטער פון דער גאַנצער וועלט. אין דעם בונגאַלאָ ליגט אַביגדור אַרטאַפּאַנוס ווי אַ פלאַנץ, וואָס מען דאַרף אַרום אים אַרומגיין, כדי אים אויפצוהאַלטן בײַם לעבן. ער אַליין האָט נישט דאָס באַוווסטזײַן פון זײַן אייגן לעבן.

אין יענעם אָוונט פון דער חתונה פון דודן מיט יוכבד, איז דער רב־סרן אַביגדור אַרטאַפּאַנוס אַלאַרמירט געוואָרן אין אַ קליינעם פעלדשטאַב פון אַ קאָמאַנ־דאָ צו פאַרניכטן און אויך נעמען אין געפאַנגענשאַפט לעבעדיקע פאַדאַינס, וואָס זענען אַרײַנגעדרונגען ביי תל־קציר, דרומדיק פון ים־כּנרת. אויף אַביגדורס נסיון צו פאַנגען לעבעדיקע פאַדאַינס, כדי פון זיי אַרויסצובאַקומען זיכערהייט־אינפאָר־מאַציע האָט עמעצער דאָס מאָל נישט געוואָלט מוותר זײַן. אויפן פליפעלד שׂדה־דב, אין תל־אביב, האָט געוואַרט אויף אים אַ העליקאָפּטער. דער דזשיפּ וואָס האָט געבראַכט אַביגדורן פונעם חתונה־זאַל איז אַרונטערגעפאָרן אונטער דעם ראָטאָר זיך אײַנצוברענגען צײַט. מיט אַ רגע שפּעטער האָט זיך דער העליקאָפּטער אויפ־געהויבן, איבערלאָזנדיק הינטער זיך די שרענגעס און קרענצלעך ליכטער פון תל־אביב. דער פּלוצימער איבערגאַנג פונעם חתונה־זאַל מיט דעם רוישיקן אָרקעסטער צו דער פינצטערניש אין דער לופטן און צום איינטאָניקן גערויש פונעם ראָטאָר, האָבן אַביגדורן געגעבן דאָס געפיל ווי ער וואָלט אַרײַנגעפאַלן אין אַ פּראָסטיקער קעלט.

שוין מער ווי צוויי חדשים ווי ער האָט זיך נישט באַטייליקט אין אַזאַ אַקציע.

ער האָט שוין אַפילו געהאַט נאָכגעטראַכט, אַז ביסלעכווייַז איז מען מותּר אויף זייַן פּריִווילעקיִיט. יעדע פּאָר טעג דרינגען אַרייַן פרישע פּאַדאַין־באַנדעס. ס׳האָט געהייסן, אַז די „מזרח־גרענעץ איז אָנגעהייצט״. וויפל פּאַדאַינס מען הרגעט אויס און וויפל עס ווערן געפאַנגען נעמט נישט קיין סוף צו זיי. וועגן קלענערע אַרייַנדרינגונגען ווערט שוין אַפילו נישט געמאָלדן אין ראַדיאָ, צי אין די צייַטונ־גען, אָדער די זיכערהייט־מאַכט האַלט ליִבערשט פון פאַרשווייַגן, כּדי די וועלכע שיקן די פּאַדאַינס זאָלן נישט וויסן מער פון דעם געביין פון די אַרייַנדרינגלער און וואָס מיט זיי איז געשען. דעריבער האָט מען נישט גערן מותּר געווען אויף דער פּריִווילעקיִיט פון אַביגדורן. אים, אַביגדורן, איז געווען ליב די שפּאַנונג אין די נעכט. זי האָט אים צוריקגעגעבן יוגנטלעכן כּוח און כּמעט אין גאַנצן געמאַכט אים פאַרגעסן, אַז ער איז ווען עס איז געווען פאַרוווּנדעט און שפּעטער געווען צוגעשמידט צו אַן אינוואַלידן־וועגעלע. דאָס לויפן איבער די נאַכטיקע פעלדער איז פּאָר אים אויך געווען אַן איבערברוך אינעם רוטינעם לעבן אין קיבוץ. נאָר אַז צוויי חדשים האָט מען אים נישט אַלאַרמירט אין די נעכט, האָט זיך אין אים פאַרגנבֿעט אַ חשד, אַז מען דאַרף נישט מער זייַן נסיון. און אפשר גאָר איז ער שוין אַלט און אין איינעם אַ טאָג וועט מען אים מודיע זייַן, אַז ער איז באַ־פרייַט אויך פון רעזערוו־דינסט און ער זאָל צוריקגעבן זייַנע מיליטערישע מלבושים...

דער העליקאָפּטער האָט זיך אַרייַנגעשרויפט אין דער פינצטערניש מיט אַן עקשנותדיקן גערויש. פון צייַט צו צייַט האָבן זיך באַוויזן ליכטער פון אַ ישוב, אַ פּאָר פאַראיינצלטע בלענצלענדיקע לאָמטערנס, ערגעץ־ווו אַ בליץ פון אַ רע־פלעקטאָר און ווידער פינצטערניש. אַביגדור איז צוגעגאַנגען צום פּילאָט און אַרייַנ־געפרעגט אין דער קאָנטראָל־ברעט, אויף וועלכער ס׳האָבן געלויכטן בלאָע און רויטע אייגעלעך: „ווו איז דער ציל?״ „צמח״ האָט עמעצער געענטפערט. ער האָט מער נישט געפרעגט. ער איז צוריקגעגאַנגען צו זייַן פּלאַץ.

דאָס געפיל פון פּראַסטיקער קעלט האָט זיך געשטאַרקט. די נאַכט איז אויך געווען אַ קאַלטע. האָט ער אויפגעעפנט די מיליטערישע דעקע, אויף וועלכער ער איז געזעסן און זיך אייַנגעדעקט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן צו אַ לאַנגער רייַזע. ער האָט קוים באַוויזן צו פאַרמאַכן די אויגן און אָנלענען דעם קאָפּ אָן דער וואַנט פון דעם העליקאָפּטער, ווי פון אַ פאַרבינדונגס־אַפּאַראַט האָט זיך דערהערט אַ געדעמפּטע שטים: „לאַנדונגס־פאַקעלן מזרחדיק פון מעגן. עבֿור״. „אָקעי!״ האָט דער פּילאָט אַרייַנגעטרייַבלט מיט אַ רויִקער און קילבלעכער שטים. מערבֿדיק פון העליקאָפּטער־פּלי האָבן אויפגעטויכט די ליכטער פון טבֿריה, דער פינצטערער שטח איז געווען אַ צייכן פון כּנרת. די ליכטער פון די דגניהס זענען אַנטקעגנ־געקומען. די ענדערונג אינעם גערויש פונעם ראָטאָר האָבן וואָך געמאַכט אַביגדורן. ער האָט זיך באַפרייַט פון דער דעקע. אינעם פאַרבינדונגס־מכשיר האָבן גערוישט נישט־אַרטיקולירטע און זייער ווייַטע שטימען.

דער העליקאָפּטער האָט געלאַנדעט מיט אַ זעלטענער שטילקייט, ווי דער

מעטאַלענער גולם וואָלט באַגריפן אַז אויך ער דאַרף איצט אָפּהיטן די מיליטעי־רישע כּללים פון פּאָרזיכטיקייט אַנטקעגן דעם וואָס עס גייט דאָ געשען.

צוויי מיליטער־לײַט האָבן אויפגענומען אַביגדורן נישט ווי ער וואָלט אָנגע־קומען פון אַן אַנדער וועלט, אַרויסגעריסן געוואָרן פונעם צערוישטן חתונה־זאַל, נאָר ווי ער וואָלט אַלע מאָל געווען מיט זיי צוזאַמען דאָ, אין דער קאַלטער פײַכ־טער פינצטערניש. זיי האָבן גערעדט שטיל, כּמעט געפּליסטערט. זיי האָבן נישט גערעדט העכער אויך אין דעם דזשיפּ, וואָס האָט זיי געפירט אין דער ריכטונג אויף מזרח. פון דעם געפּליסטערטן האָט אַביגדור זיך געמאַכט אַ בילד, אַז אַ גרעסערע איינהייט פּאַדאַינס איז אַרײַנגעדרונגען מיט דעם צפונדיקן ברעג פון יאַרמוק. אַ לויערונג איז געווען אומגעדולדיק און נישט געלאָזט די פּאַדאַינס אַרײַנדרינגען טיפער כּדי זיי צו ליקווידירן. די פּאַדאַינס האָבן זיך צוריקגעצויגן אויף צפון, אין דער ריכטונג פון די צוקי און. אַ פּאַטרול אַנטקעגן דעם קיבוץ האָון איז אויף זייערע שפּורן.

„וויפל ציילט דער פּאַטרול ?" האָט אַביגדור געוואָלט וויסן און, קוים הערנדיק דעם ענטפער, האָט ער באַשטימט: „וויניק. זאָל די לויערונג בײַם קרייצוועג צום יאַרמוק אָנבינדן אַ פײַער־קאָנטאַקט. האָון מוז פאַרשטאַרקן דעם פּאַטרול וויניק־סטנס אויף נאָך אַזוי פיל. אַז דער פײַער־קאָנטאַקט וועט געלינגען, נעם איך איבער די אָנפירערשאַפט פון דעם פּאַטרול און מיר וועלן אַרויף אין דער הייך. מיטן וועג פון כּפר כאַריב וועלן מיר זיי אַרומרינגלען און ליקווידירן. חברה האָט געגנוג אַמוניציע ?"

אין דעם פאַרבינדונגס־אַפּאַראַט אויפן דזשיפּ האָבן זיך דערהערט רוישן פון אַ ווײַט לעבן. עמעצער האָט זיך אָנגעמאָלדן:

„שײַקע, מיר האָבן זיי אַנטקעגן זיך".

„אין וועלכן פּונקט ?" האָט איינער פון די צוויי מיליטער־לײַט וואָס האָבן באַגעגנט אַביגדורן געפרעגט.

„צפונדיק פון אַ־טופיק", האָט דאָס געדעמפּטע קול געענטפערט.

„אָנצינדן די רעפלעקטאָרן", האָט אַביגדור געעצהט ווען דער דזשיפּ האָט געאײַלט אויף צפון אין דער ריכטונג צו עין־גב, „אויב זיי וועלן זײַן ,קלוג' וועלן זיי עפענען אַ פײַער און מיר וועלן וויסן ווו זיי האַלטן אין דער וועלט".

בײַם אַרײַנפאָר אין קיבוץ האָון איז אין דער פינצטערניש געווען אַ וואַכיק לעבן. דער דרויסן האָט געשמעקט מיט פײַכטקייט פון ברעג־געוויקסן און ציגאַ־רעטן־רויך. ס'האָט דאָ אויסגעזען ווי אַ מלחמה־לאַגער. די געקומענע האָבן זיך באַגעגנט מיט דרײַ אָפיצירן, וואָס זענען אַנטקעגנגעקומען נישט־גערופענע. דאָס געזעמל האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט קורצע, כּמעט פּליסטערנדיקע ווערטער:

„פון דער חתונה דיך אַרויסגעצויגן", האָט איינער געזאָגט.

„יאָ, מײַן ברודער האָט דעם אָוונט חתונה געהאַט", האָט אַביגדור באַשטע־טיקט.

אַ צווייטער האָט באַמערקט:

„פון אַ חתונה אַרויס, אין אַ חתונה אַריַין”.

„מיר וועלן זיי מאַכן אַ חתונה”, האָט אַביגדור געזאָגט און פון עמעצנס האַנט אַרויסגענומען אַ פאַררויכערטן ציגאַרעט, כּדי אין זיך אײַנצוזאַפּן אַ ביסל טאַבאַק־רויך.

מיט אַ פערטל שעה שפּעטער האָט די גרעסערע אײנהייט בײַם טויער פון האָון זיך צעטיילט אין דרײַ גרופּן. אַנגעהויבן האָבן זיי דעם זעלבן וועג, אויף מזרח, נאָר באַלד האָט זיי די גרויע פינצטערניש אײַנגעדעקט און איינע האָט זיך אָפּגעריסן פון דער צווייטער. פון דרום איז אויפגעגאַנגען אַ שיסערײַ פון מאַשין־געווער און באַזונדערע פאַראיינצלטע אויפרײַסן. אַ ליכט־ראַקעטע האָט אויפגע־ריסן אין פלי און באַלויכטן דעם הימל פון דער ווײַטנס. מיט קליינע איבעררײַסן האָט די שיסערײַ אָנגעהאַלטן אַ פינף מינוט, און פּלוצים איז געוואָרן שטיל. אַביגדור האָט געזאָגט צו דעם פאַרבינדלער פון זײַן גרופּע:

„כ׳וויל דאָס פײַער נענטער. איך וויל אַ קאָנטאַקט”.

באַלד האָט זיך דאָס פײַער פון מאַשין־געווער דערנענטערט. ווידער האָבן אויפגעריסן ליכט־ראַקעטן, נאָר דאָס מאָל נענטער איבערן באַרג־רוקן.

אַביגדור האָט געפירט זײַן גרופּע גלײַך אַרויף, צווישן די פעלזן און קוסטן, ווי פון רוקן איז אַראָפּ אַ סעריע שאָסן מיט רויטע פונקען. ער האָט פאַרהאַלטן זײַן גרופּע און באַפוילן צו באַנײַען דאָס פײַער פון דרום.

„זיי שלינגען אײַן דאָס ווערעמל”, האָט אַביגדור געזאָגט אַ צופרידענער און מיט דער האַנטפלאַך אָפּגעווישט דעם קיצלענדיקן שווייס פון זײַן קאַרק.

פון דער גרופּע ווײַטער אויף צפון איז אים געמאָלדן געוואָרן ער זאָל אַרויפ־קומען העכער און זי שיצן בײַם אַריבערגיין די גרענעץ צום באַרג־שטעג פון כּפר כאַריב אין דער ריכטונג צו חירבאַת איון. ווען אַביגדור האָט געגעבן דעם באַפעל צו זײַן גרופּע, האָט זיך פון אויבן, פון זײַן רעכטער זײַט, געעפנט אַ שיסערײַ. ער האָט זײַן פאַרבינדלער באַפוילן צו מעלדן די צוויי גרופּן פוןביידע זײַטן צו פײַערן אויף די אַרײַנדרינגלער. ווען דאָס פײַער איז געקומען, האָט אַביגדור זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און אָנגעהויבן קלעטערן העכער. אין דער רגע ווי ער האָט געשטעלט אַ פוס אויף אַ פעלז האָט זיך דער פעלז אָפּגע־ריסן. אַביגדור איז געפאַלן אויפן רוקן און פאַלנדיק האָט ער מיטן קאָפּ זיך אָנגעקלאַפּט אָן אַ צווייטן פעלז. דער פאַרבינדלער האָט געהערט זײַן קורצן אויס־געשריי און מער האָט מען זײַן קול נישט געהערט.

פון צוויי זײַטן האָט זיך געעפנט אַ פײַער אויף די אַרײַנדרינגלער אויפן באַרג־רוקן. פון אויבן האָבן זיך דערטראָגן געשרייען, וואָס זענען פאַרטומלט געוואָרן פון אויפרײַסן. דער פאַרבינדלער האָט אַרײַנגעשריגן אין מכשיר:

„דער רב־סרן איז פאַרוווּנדעט, דער רב־סרן אַביגדור!”

„הילף קומט, עבור”, איז געווען דער קורצער ענטפער.

מיט דעם ראַדיאָ־מכשיר אויפן רוקן האָט דער פאַרבינדלער געקניט איבער אַביגדורן און אים אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט דערפילט אויף די הענט וואַרעם

קלעפּיקייט און געפּרוּווט אים אויפהייבן, דער קאָפּ זאָל זײַן אויף אַ העכערן ניוואָ ווי די פיס. זײַן גוף איז געווען שווער ווי פון אַ טויטן.

„רב־סרן", האָט ער אים געוועקט, „רב־סרן, באַלד קומט הילף".

די קלעפּיקע וואַרעמקייט האָט געטריפט איבער דעם פאַרבינדלערס פינגער. ס'איז אים געוואָרן הייס, ווי די קלעפּיקע וואַרעמקייט וואָלט זיך צעגאָסן איבער זײַן אייגן לײַב. אַביגדורס טויט־שטילקייט האָט אויף דעם פאַרבינדלער אָנגעיאָגט בהלה. צוליב עפּעס האָט ער געקוקט אויפן הימל, ווי פון דאָרט וואָלט געדאַרפט קומען די הילף. איבער די פינצטערע פעלזן זענען אַראָפּגעהאָנגען נידעריק גרינע און רויטלעכע שטערן.

נישט פון הימל נאָר פון דער ערד איז געקומען די הילף. אַן אומהיימלעכער דיקער שאָטן איז אויסגעוואַקסן פון אַ זײַט. דער דיקער שאָטן האָט זיך געשפּאָלטן אויף דרײַ זעלנער מיט אַ טראָג־בעטל. ווי די סאַניטאַרן וואָלטן געוווּסט וואָס עס איז געשען מיט דעם רב־סרן האָבן זיי אים אויפגעהויבן העכער מיטן קאָפּ, אײַנגעדעקט אים מיט אַ דעק און אַרויפגעלייגט אויף דעם טראָג־בעטל. פון דער צווייטער זײַט איז אָנגעקומען אַ דינער שאָטן. ער האָט דעם פאַרבינדלער אָנגערירט בײַם אָרעם און אָן אויסצורעדן אַ וואָרט האָבן זיי אָנגעהויבן קלעטערן אין דער הייך. אַ ליכט־ראַקעטע האָט אויפגעריסן און באַלויכטן די פעלזן אין אַ פלוצים אויפגעריסענעם טאָג. אינעם אומהיימלעכן ליכט איז דאָס פּנים פון אַביגדורן געווען באַגאָסן מיט שוואַרצע פלעקן פונעם בלוט.

„אַן אינפוזיע", האָט איינער פון די סאַניטאַרן געזאָגט, ווען די גרופּע האָט אַראָפּגענידערט איבער די פעלזן.

„דאָ איז אוממעגלעך. אונטן".

איבער דעם רוקן פון די פעלזן האָבן זיך געשאָטן סעריעס פון מאַשין־געווער. דער רוקן איז געווען באַלויכטן. דער אָפּשײַן פונעם רוקן האָט ליכטיקער געמאַכט די סאַניטאַרן דעם וועג אַראָפּ. באַלד איז געוואָרן שטיל ווי דאָס גאַנצע לעבן אויף דער וועלט וואָלט זיך פלוצים פאַרלאָשן. פון דער שטילקייט האָבן די אַראָפּקלעטערנדיקע סאַניטאַרן אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם. זיי האָבן קוים זייערע אייגענע טריט געפילט.

אין האָון האָט געוואַרט אַ דאָקטער. ער האָט דעם קאָפּ פון אַביגדורן אַרומגעפּעסטיקט מיט אַ באַנד, פאַרבונדן אים מיט אַן אינפוזיע און באַפוילן אײַליק אים צו ברענגען צום העליקאָפּטער.

דער בלוט־פאַרלוסט איז געווען אַ מסוכּנער. מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט זיך אַביגדור געפונען אויפן אָפּעראַציע־טיש אינעם שפּיטאָל תּל־ליטווינסקי. פון דעם שטאַרקן בלוט־אָפּפלוס און פון דער מוח־דערשיטערונג האָט ער קוים געאָטעמט מיט אַ רעשטל פון זײַן לעבן. די מאַנשאַפט אינעם אָפּעראַציע־צימער האָט זיך מער פאַרנומען מיטן געבן אים אָטעם און בלוט־אינפוזיעס ווי מיט זײַנע וווּנדן.

רב־סרן אַביגדור אַרטאַפּאַנוס איז מער צו זײַן באַוווּסטזײַן נישט געקומען.

די כירורגן האָבן געהאַט אַ סך לאַטײַנישע נעמען פֿאַר יעדן טייל פֿון אַביגדורס מוח, זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין סך האָפֿענונג, אַז ער וועט צוריקקומען צום באַוווסטזײַן. פֿאַר יהודיתן האָבן זיי געהאַט בלויז די דערקלערונג, אַז „די מאַטאַר־ספּערע אין דעם רב־סרנס מוח איז באַשעדיקט. מען דאַרף האָפֿן, אַז זײַן לעבנס־כּוח וועט אויפֿטאָן מער ווי עס קענען אויפֿטאָן די מעדיצינער".

דער אײַנציקער וואָס האָט געוווּסט, אַז ס'איז נישטאָ מער קיין האָפֿענונג אַביגדור זאָל צוריקקומען צום באַוווּסטזײַן, איז געווען זײַן פֿאָטער, אליעזר. אַז ער איז געזעסן בײַ זײַן בעט און געקוקט אויף די בלעזלעך אין די אינפֿוזיע־פֿלעשער איבער אים, האָט ער געוווּסט, אַז אויך זײַן זון איז נישט מער ווי אַ געפּעס, אין וועלכן עס ווערט קינסטלעך אויפֿגעהאַלטן דאָס לעבן. ווי נאָר מען וועט אָפּשטעלן דאָס בלעזלען זיך אין די אינפֿוזיע־פֿלעשער, אַזוי וועט זיך אויך אויסלעשן דאָס לעבן אין זײַן זון. אליעזר האָט פֿון אָנהייב געטריבן פֿון זיך דעם פֿאַרגלײַך. דער מענטשלעכער גוף האָט אין זיך מיסטעריעזע כּוחות, וואָס מען קען זיי נישט דערקלערן. די מיסטעריעזע כּוחות וועלן היילן דעם מוח פֿון זײַן זון מער ווי די מעדיצין. מיט געדולד און מיט רויִקייט האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו שטאַרקן דעם גלויבן פֿון יהודית, אַז מסתּמא וועט די קראַנקייט אָנהאַלטן לענגער ווי דעמאָלט, ווען אַביגדור איז פֿאַרוווּנדעט געוואָרן ערב דער סיני־אַקציע.

„די מוח־געוועבן זענען נישט קיין ביינער, וואָס ווען זיי ווערן צעבראָכן קען מען זיי שינעווען און גיפּסעווען, איבערפֿלאַנצן און פֿאַרטרעטן מיט מעטאַל־טיילן און פּראָטעזן", האָט ער איר דערקלערט ווי מען דערקלערט פֿאַר אַ קינד אין דער שול. „די מוח־געוועבן און זייער קאָמפּאָזיציע זענען די סאַמע אײדלסטע און די סאַמע פֿילבאַרסטע טיילן אינעם גוף פֿון אַ מענטש: פֿון דאָרט קומען אַלע אימפּולסן און אַלע געפֿילן און דעריבער, מײַן טאָכטער, דאַרף מען גלויבן, מוז מען גלויבן, אַז דער מוח איז אויך פֿעיִק זיך אַליין צו היילן".

אליעזר האָט די ווערטער אַזוי פֿיל מאָל איבערגעחזרט און אַרײַנגערעדט אין יהודית, אַז ער אַליין האָט כּמעט געגלויבט, אַז זײַנע ווערטער האָבן אַ מעדיצינישע באַרעכטיקונג. אָבער אַז זײַן איבערחזרן די ווערטער איז געוואָרן אַ טראַפּאַרעט, האָט זיך אין אים געלאָשן דער גלויבן. נאָך דרײַ וואָכן קומען צו זײַן בעט, האָט אליעזר אַרטאָפּאַנוס אָנגעהויבן קוקן אויף די פֿאַרהאָנגענע אינפֿוזיע־פֿלעשער מיט יענער מחשבה, מיט וועלכע מעדיצינער ווערן באַהערשט נאָך דעם ווי זיי פֿאַרלירן די האָפֿענונג, אַז זייער פּאַציענט וועט קומען צו זיך. ער האָט געטריבן פֿון זיך די מחשבה וועגן אָפּשטעלן די פֿאַרבינדונג צווישן די אינפֿוזיע־פֿלעשער מיט די אָדערן פֿון זײַן זון.

יהודית איז אין די פֿאַר וואָכן אײַנגעדאַרט געוואָרן ווי קיבוצישע פּרויען פֿלעגן אײַנגעדאַרט ווערן אַמאָל נאָך לאַנגע יאָרן פֿון האָרעווען אויף די פֿעלדער אונטער דער שׂרפֿהדיקער זון. איר פּנים איז צעאַקערט געוואָרן מיט טיפֿע קנייטשן. בלויז אירע אויגן האָבן געלויכטן — געלויכטן ווי פֿון פֿיבער. זי האָט קיין איינציקע שעה נישט געקענט אײַנזיצן אין קיבוץ. אַברהמל איז אַרומגעגאַנגען אַרום

איר ווי אַרום אַ קראַנקער. ער האָט אין קיבוץ געוואָרט אויף איר צוריקקום און געזאָרגט זי זאָל אויסטרינקען אַ גלאָז מילך, זי זאָל עסן אַ וואַרעמען מאָלצייַט וואָס ער האָט פון דער קיך געבראַכט פאַר איר אין צימער אַרייַן. און ווי ער איז אַרומגעגאַנגען אַרום איר, ווי אַרום אַ קראַנקער, אַזוי האָט ער אויך גערעדט צו איר:

„יהודיתל, דו ברענגסט זיך אום. אַביגדור דאַרף דו זאָלסט זייַן געזונט. אָן דיר וועט ער חלילה... ער וויל דו זאָלסט זיצן בייַ זייַן בעט. אַז דו הרגעסט זיך אַוועק, וועסטו נישט האָבן קיין כּוח אַפילו צו פאָרן אין שפּיטאָל אַרייַן".

פון איר דערפאַרונג ווי אַ קראַנקן־שוועסטער האָט אויך יוכבד נישט געגלויבט, אַז אַביגדור וועט געזונט ווערן. אויב אַפילו ער וועט קומען צום באַוווסטזייַן וועט אפשר פאַר אים זייַן ערגער. ער וועט אַרויס אַ געליימטער. ווידער אין אַ וועגעלע, נאָר דאָס מאָל אָן זייַן לעבעדיקייט און קלאָרן שׂכל. אויך זי האָט אירע מחשבות אויסבאַהאַלטן פון יהודיתן און פון אליעזרן. מיט דודן האָט זי גערעדט אָפן און צום סוף געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז ס'וואָלט פאַר יהודיתן געווען געזינטער „מען" זאָל אויפהערן מיט די אינפוזיעס און מיט דעם זויערשטאָף. אַביגדור לעבט ווי אַ פלאַנץ. אַליין ווייסט ער נישט פון זייַן לעבן. פילט נישט קיין ווייטיק, ער ווייסט נישט צווישן טאָג און נאַכט, ער ווייסט נישט, צי מען זיצט בייַ זייַן בעט און ווער עס זיצט נעבן זייַן בעט. ער איז נישט באַוווסט פון זייַן אייגן לעבן.

פון דודן האָט אַרויסגעשפּאָרט:

„דו דערציילסט מיר וועגן דעם אַלעם, כּדי איך זאָל מאַכן אַ סוף צו דעם?"

יוכבד האָט זיך דערשראָקן פאַר זייַנע ווערטער:

„חלילה, חלילה! דאָס איז מאָרד".

דוד האָט זי באַרויִקט:

„איך ווייס נישט צי אַזאַ פאַל איז מאָרד. וואָס איך ווייס יאָ איז דאָס, אַז מייַן ברודער איז דערמאָרדעט געוואָרן; אַ קרבן אויפן מזבח פון מלחמה. בייַ דער עטיק פון דער מעדיצין איז דאָס אָפּשטעלן דעם צופלוס פון זויערשטאָף אין די לונגען פון אַן אומהיילבאַרן — מאָרד. הרגענען אַ געזונטן אויפן מזבח פון מלחמה איז העלדישקייט".

„אַזוי האָבן מענטשן אָפּגעמאַכט צווישן זיך און דו וועסט עס נישט ענדערן, דוד. דו קומסט אַלע מאָל צו דעם זעלבן", האָט יוכבד געפּרוווט מאַכן אַ סוף צו דער מחשבה, צוליב וועלכער זיי האָבן אָנגעהויבן דעם ווערטער־אויסטויש.

דוד האָט נישט אָפּגעלאָזט:

„זאָג אויך ווי דער טאַטע זאָגט, אַז איך בין אַ נודניק; אַז איך האַק מיטן קאָפּ אָן דער וואַנט; אַז איך לערן נישט פון די אייַזערנע נאַרמעס וואָס מענטשן האָבן אויפגעבויט; אַז איך וויל איבערמאַכן די וועלט. איך בין אַלץ וואָס דער טאַטע זאָגט און וואָס דו אַליין וועסט אָנהייבן נאָכזאָגן אַז איך בין. בין איך! איז וואָס? ווערט דאָס שלעכטע — גוט?"

„אַז דו קענסט נישט ענדערן — מוזסטו זיך צופּאַסן!" האָט יוכבד פֿאַרפּלאָכטן אירע אָרעמס אַרום זײַן נאַקן כּדי אים צו באַרויִקן. דוד האָט אויפֿגענומען אירע צערטלעכקייטן מיט אַ פֿליסטערנדיקער צושטימונג:

„סטעפֿאַן האָט אַ גוייִשן קאָפּ. ווילסטו אַז אַ גוי זאָל פֿאַרשטיין וואָס דער קאָפּ פֿון אַ ייִדישער מויד פֿאַרשטייט?"

17

דער קיבוץ איז איבערדעקט מיט אַ שווערער היץ. די זעלבע היץ האַלט אָן שוין מער ווי אַ וואָך צײַט. דער ראַדיאָ האָט אין די נײַס פון באַגינען געמאָלדן, אַז די היץ וועט זײַן אַ גאַנצן טאָג אַ נאָרמאַלע ווי פאַר דער צײַט פונעם יאָר, דאָך איז דעם טאָג די היץ שטיקנדיקער. די לײַט פונעם קיבוץ קוקן צו דער זון אין הימל, הלמאי זי איז דעם טאָג שׂרפהדיקער ווי אַלע מאָל. אין חדר־אוכל צו מיטאָג זענען אַלע צעצונדן און מיד. זיי זענען אַרײַנגעקומען שווײַגנדיקע, שווײַגנדיקע געוואַשן די הענט און שווײַגנדיקע זיך געזעצט צו די טישן. די אַלומיניומענע טע־לערס האָבן דאָס מאָל אויפגענומען די לעפל מיט די גאָפלען מיט אַ שאַרפער קלימפערן. געערדעט האָבן די אויגן און צו מאָל געקוקט צום טיש בײַם לעצטן פענצטער, בײַ וועלכן יהודית און אַביגדור האָבן אַלע יאָרן געגעסן. דאָרט איז געזעסן איינער אַליין אַברהמל. ער איז געזעסן מיט די פלייצעס צום עס־זאַל, מיט די הענט אַרום אַ ליידיקן טעלער און פאַר אים — אַ שווײַגנדיקע וואַזע זופ.

דער קיבוץ האָט געגעבן נאָך אַ קרבן. קיינער רעדט נישט דערפון, ווי מען וואָלט זיך געשעמט דערוועגן צו רעדן, אָבער די הערצער קלעמען: די קיבוצישע יוגנט איז אין אַלע קאָמאַנדאָס. די קרבנות אין די קאָמאַנדאָס זענען כמעט בלויז פון די קיבוצים. ווען וועט דערצו נעמען אַ סוף? אַ נס וואָס יעדעס פאָרפאָלק וויינט באַזונדער, און די יונגע מענטשן — באַזונדער, און די קינדער — באַזונדער, קלאָגט זיך נישט איינער פאַר דעם אַנדערן. און עס דאַכט זיך: איינער איז פאַר־שלאָסן פאַר דעם אַנדערן, ווײַזט נישט אַרויס וואָס ער לעבט איבער, אָבער אין יעדן וואַקסט אַ בונט, וואָס ווערט נישט אַנטפלעקט.

כאָטש בלויז אין דעם לעצטן יאָר האָט דער קיבוץ געגעבן צוויי קרבנות, דאָך האָט דער טויט פון אַביגדורן דערשלאָגן ווי ער וואָלט געווען ערשטמאָליק. חדשים לאַנג איז ער געלעגן אין שפיטאָל אָן אַרויסצווײַזן אַ צייכן פון פילן, צי פון הערן. פון דעם וואָס איז דערגאַנגען צום קיבוץ איז געווען קלאָר, אַז דאָס וואָס איז געשען מיט אים מיט צען יאָר צוריק ערב דער סיני־אַקציע, וועט זיך דאָס מאָל נישט איבערחזרן. ער וועט אין קיבוץ נישט צוריקקערן. אויב דאָס לעבן וועט זיך אין אים דערהאַלטן, וועט ער מסתמא איבערגעפירט ווערן אין אַ מילי־טערישער היים פאַר אומהיילבאַרע און קריפלס. וואָלט אַוודאי געווען אַ חסד פאַר אים און פאַר יהודיתן דער טויט זאָל אים אויסלייזן. נאָר אַז דער טויט האָט אים

אויסגעלייזט איז דער קיבוץ געוואָרן דערשלאָגן. דאָס געפיל איז געווען ווי נאָך דער גאַנצער מי און פּראַצע, מיט וועלכע דער קיבוץ איז געבויט געוואָרן, איז אין אים געוואָרן צעשטערט עפּעס, וואָס וועט נישט פאַרריכט ווערן.

פינף חברים פונעם קיבוץ זענען געפאָרן אין שפּיטאָל צו ברענגען אַביגדורס גוף און מיטגעבראַכט האָבן זיי, ווי באַגלייטער, אויך יהודיתן און דעם פּאָטער, אליעזר אַרטאַפּאַנוס. ווי יהודית איז געווען קראַנק פון צער אַזוי איז אליעזר געווען אויסערלעך באַהערשט ווי ער וואָלט געווען אויף אַ לוויה פון אַ פריַינד און נישט פון זיַין אייגענעם זון. ער איז אייגנטלעך מער געווען פאַרטאָן אין אויפהאַלטן יהודיתן פון אַ צוזאַמענברוך איידער אין דער לוויה פון זיַין זון. עפּעס אין אים האָט פאַרקנוילט און פאַרריגלט זיַין צער. „צי האָט ווער אָנגעזאָגט מיַין זון דוד, ער זאָל קומען צו דער לוויה?" האָט ער געפרעגט. קיינער האָט אים נישט געקענט ענטפערן. און ער האָט געענטפערט זיך אַליין מיט אַן אויסטערלישער קאַלטקייט: „אייגנטלעך ענדערט עס גאָרנישט".

דוד איז אָנגעקומען מיט אַ קליינער פאַרשפּעטיקונג, ווען קיבוץ־חברים האָבן געטראָגן דעם אָרון פון רוי האָלץ צום קיבוצישן בית־עלמין. ער איז געקומען מיט יוכבדן. די מאַשין האָט געפירט צבי סימקין, וואָס איז צופעליק געווען אין תל־אביב און געהערט וועגן דעם טויט פון זיַין שוואָגערס ברודער, דעם רב־סרן אַביגדור אַרטאַפּאַנוס. די געקומענע האָבן זיך אויסגעגליַיכט מיט די מלווים פונעם קיבוץ. די שטילקייט איז געוואָרן נאָך טיפער ווי זי איז געווען. דני, וואָס איז געגאַנגען נעבן זיַין מאַמען און ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז פלוצים איז ער אויפגעוואַקסן מיט צוויי קעפּ העכער, האָט זיך אומגעקוקט און דערזעענדיק דודן האָט ער צו אים געשמייכלט אַן ווייטיק. דאָך ווען דוד האָט זיך דערנענטערט צו אים און אָנגענומען זיַין האַנט, האָט דני מיט זיַין גאַנצן כוח זיך געקלאַמערט צו אים און זיַין האַנט נישט אָפּגעלאָזט.

די לוויה איז אַרויף אויף דעם בית־עלמין־בערגל און דעם אָרון מיט שטריק אַראָפּגעלאָזט אין אַ טיפן זאַמדיקן קבר ווי אין אַ ברונעם. אַז די שטריק זענען צוריק אַרויפגעצויגן געוואָרן, האָט דני אַ דריק געטאָן דודס האַנט און געזאָגט צו אים:

„זע, ווי שלאַנגען קריכן זיי אַרויס פונעם קבר דער אבא זאָל שלאָפן רויִק".

אַ קאָמאַנדקאָר איז מיט אַ צעהיצטן מאָטאָר־רויש צוגעפאָרן צום בית־עלמין־בערגל. אָפיצירן אינעם ראַנג פון אַביגדורן האָבן געבראַכט אַ קראַנץ אין נאָמען פון צה"ל. אויף אַ רגע איז איבערגעריסן געוואָרן דאָס פאַרשיטן דעם קבר. דערנאָך האָבן שווערע זאַמד־קלעפּ אָפּגעהילכט ווי זיי וואָלטן אַראָפּגעפאַלן אין אַ טיפן אָפּגרונד. יהודית האָט פאַרלוירן איר גליַיכגעוויכט און זיך איַינגעבראָכן צו פאַלן פאַר זיך. אליעזר האָט פאַרמיטן פון איר זי זאָל זיך וואַרפן צום אָפענעם קבר. אַברהמל, וואָס איז געווען צעהיצט פון העלפן פאַרשיטן דעם גרוב, האָט זיך פלוצים אויסגעגליַיכט, אַרויפגעלייגט דעם אָרעם אויפן הענטל פון דער לאָפּאַטע און זיך צעוויינט ווי אַ יינגל. עמעצער האָט אַרויסגענומען פון זיַין האַנט די לאָפּאַטע, און

ער, אַברהמל, האָט זיך אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס מען זאָל מער נישט זען זײַנע טרערן און נישט הערן זײַן כליפּען.

דוד האָט געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

„איצט וועלן זיך אָנהייבן הספדים".

אליעזר האָט געהערט דעם זונס ווערטער און ער האָט געזאָגט העכער, אַז אויך אַנדערע זאָלן הערן:

„ס'וועלן נישט זײַן קיין הספדים. נאָך פיר פון מײַנע קינדער און זייער מאַמען האָט קיינער קיין קדיש נישט געזאָגט און זיי נישט מספּיד געווען. ווער מען אויך נאָך מײַן פינפטן קינד קיין הספדים נישט האַלטן און כ'וועל קיין קדיש נ י ש ט זאָגן! אויף מזבחות האַלט מען נישט קיין הספדים און מען זאָגט נישט קיין קדיש! דערפאַר האָב איך אויך געבעטן די לוויה זאָל נישט זײַן קיין מיליטערישע, מיט שיסן אין דער לופטן און מיט אַ הספד פון אַ מיליטערישן רב".

די שטילקייט איז געוואָרן אַזוי געדיכט אַז מ'האָט געהערט דאָס זשומען פון אַ בין און ווי עמעצער צעקנייטשט אין דער האַנט אַ שטיקל פּאַפּיר.

צבי סימקין האָט בשום אופן נישט געקענט באַגרײַפן וואָס עס געשעט. ווען די מיליטער־לײַט האָבן אַוועקגעלייגט דעם קראַנץ אויפן פרישן קבר, האָט ער געפרעגט אויף אַ קול:

„דער זון זאָגט נישט קיין קדיש נאָך זײַן פאָטער?"

אַלעמענס אויגן האָבן זיך געוואָנדן צו צבי. ער האָט מיט דעם אָרעם אָפּגע־ווישט דעם שווייס פון זײַן שטערן און איבערגעחזרט די פראַגע. דני האָט געקוקט צום זיידן און געדריקט די האַנט פון דודן. אליעזר האָט געענטפערט אַלע זאָלן הערן:

„אַמאָל האָט מען די תפילה קדיש געזונגען אויף יידישע שמחות, אויף חתו־נות. דעמאָלט, אויף שמחות, איז די צײַט צו לויבן און דאַנקען דעם באַשעפער פון דער וועלט און פון פרייד. צי קען איך אָדער מײַן אייניקל לויבן דעם ברוך־הוא פאַר אָ ט ד ע ם וואָס ער האָט צו אונדז אָפּגעטאָן?" האָט ער מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויפן פרישן קבר. „ביז אין מ י ַ ן ה י י ם וועט נישט זײַן קיין שלום וועט מײַן מויל נישט אַרויסזאָגן דעם 'עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל". אוישוויצס און מלחמות שיקט ער אָן אויף אונדז ווו מיר קערן און ווענדן זיך, אין גלות און דאָ, אומעטום".

צבי סימקין איז געוואָרן צעטומלט כאָטש דאָס וואָס ער האָט געהערט האָט אים נישט געדאַרפט איבערראַשן. זײַט זײַן קינדהייט אין הויז פון זײַנע עלטערן אין ראשון־לציון און שפּעטער ווען ער האָט געהערט צו בית"ר, האָט ער וועגן דעם השומר־הצעיר געטראַכט, אַז דאָס זענען גאָרנישט קיין יידן. זיי ווילן אַ מדינה צוזאַמען מיט די אַראַבטשיקעס. שפּעטער האָבן זיי געוואָלט, אַז יידן אין ארץ־ישראל זאָלן האָבן אַ צווייט פאָטערלאַנד אין רוסלאַנד און אַז סטאַלין זאָל זײַן דער פירער סײַ פון די רוסן און סײַ פון די יידן. ער האָט וועגן דעם אַלעם אַזוי פיל געהערט און געוווּסט. איצט זעט ער עס מיט זײַנע אייגענע אויגן. איז אויך

דער שוועער פון זײַן שוועסטער יוכבד פון די זעלבע לײַט וואָס וואַרפן אָפּ פון זיך דאָס ייִדישקייט? עפּעס האָט ער געהערט, אַז יוכבד זאָגט אַ מאָל צו דודן ,סטעפּאַן׳. מיט איין מאָל איז אים אַלץ געוואָרן אומקלאָר, אומפאַרשטענדלעך: באַגראָבן אַ ייִד ווי אַ קאַרטאָפל, אָן אַ קדיש, אָן אַ הספד? דעמאָלט ווען ער האָט געהערט צו בית״ר אין ראשון־לציון האָט ער פֿײַנט געהאַט סאָציאַליסטן און די לײַט פון השומר־הצעיר. שפּעטער האָט ער פאַרלוירן יעדע באַציִונג צו זיי. ס׳איז אים נישט אָנגעגאַנגען. זײַט ער איז געוואָרן אַ קבלן און באַקומט באַשטעלונגען פון דער מפא״י־רעגירונג איז אים אַלץ איינס. ער וואָלט אַוודאי וועלן, אַז די וואָס לאָזן נישט ברענגען קיין ארץ־ישׂראל די ביינער פון זאב זשאַבאָטינסקי זאָלן לײַדן אַ מפּלה אין די וואַלן צו דער כּנסת און „חרות״ זאָל איבערנעמען די מאַכט. אָבער וואָס שײַך אַרבעטן, אַרבעט זיך נישט שלעכט אויך מיט די מפא״יניקעס. נאָר איצט זעט ער צו וואָס די לינקע דערפירן: באַגראָבן אַ זון און אַ פאָטער אָן אַ קדיש! ווי בײַ גויים. ער האָט פּלוצים באַקומען רחמנות אויף די אַלע אַרום דעם קבר. מיט אַן אומעטיקן בליק האָט ער געקוקט אויף זײַן שוועסטער יוכבד. ער וועט נישט דערציילן דער מאַמע אסתר וואָס זײַנע אויגן האָבן דאָ געזען און צווישן וועלכע לײַט זײַן שוועסטער האָט זיך אַרײַנבאַקומען.

אָן צו טראַכטן האָט ער אַ קוק געטאָן הינטער זיך. ער האָט געזוכט זײַן אויטאָ. דאָך האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן. ער איז געקומען מיט יוכבדן און דודן, וועט ער איצט נישט אַנטלויפן אַליין. ער געפינט זיך טאַקע צווישן אַזעלכע לײַט, וואָס ער האָט זיי נישט אין גאַנצן געקענט, אָבער דעם כּבוד פון זײַן משפּחה וועט ער אָפּהיטן.

פון בית־עלמין צו יהודיתן אין דער דירה איז ער געגאַנגען ווי אַ ווילד־פרעמדער. יהודיתן האָט ער געזען צום ערשטן מאָל אויף דער חתונה פון יוכבדן מיט דודן און ער וואָלט זי נישט דערקענט. זי איז געוואָרן אײַנגעשרומפּן. זיקנה האָט פאַרווישט איר געשטאַלט. ס׳איז נישט די זעלבע. די דירה איז געווען צו קליין אַרײַנצונעמען אַלע, איז ער, צבי סימקין, געבליבן שטיין פון דער אויסער־לעכער זײַט פון דער שוועל, אָנגעלענט מיטן אַקסל אָנעם בײַשטידל און געביסן די אונטערשטע ליפּ. ער האָט געזוכט אַ באַענט געשטאַלט, וואָרום יוכבד, דוד און אליעזר זענען געווען אינעווייניק, נעבן יהודיתן. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די וועלכע קוקן אויף אים, זעען אין אים אַ פרעמדן. ווי ער האָט פריִער בײַם קבר געזוכט הינטער זיך זײַן מאַשין צו אַנטלויפן, אַזוי האָט ער אויך איצט, געשטויסן פון פּלוצימע אימפּולסן, זיך דורכגעשטופּט אינעווייניק אַרײַן צווישן עולם, צו יוכבדן, און איר געפרעגט, צי זי בלײַבט דאָ מיט דודן, וואָרום ער מוז נאָך הײַנט זײַן אין באר־שבע. יוכבד האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט דודן, איבערגעבעטן יהודיתן און אליעזרן — כאָטשביידע האָבן קוים געהערט איר פאַרענטפערונג — און ווי זיי זענען געקומען אַהער אַזוי זענען אַלע דרײַ צוריקגעפאָרן קיין תל־אביב.

דאָס איבערגעלעבטע האָט צבי נישט געקענט באַהאַלטן אין זיך. עס האָט

אַרויסגעשפּאַרט פון אים. נישט אָפּווענדנדיק זײַן בליק פונעם כּביש האָט ער געזאָגט ווי ער וואָלט גערעדט צו דער ווינטשויב פאַר זיך:

„מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דײַן פאָטער איז אַ רעליגיעזער ייִד".

דוד האָט פאַרשטאַנען אַז די קשיא איז געווענדט צו אים און ער האָט זיך אויסגעדרייט אַ ביסל אויף אַ זײַט כּדי צו זען צביס פּנים:

„מײַן פאָטער איז אַ גלויביקער און נישט קיין רעליגיעזער. דו מיינסט אַוודאי וואָס ער האָט נישט געזאָגט קדיש און אויך אַביגדורס זון האָט נישט געזאָגט קדיש. איך וואָלט נישט דערקענט מײַן פאָטער ווען ער וואָלט געטאָן אַנדערש".

„אַזאַ זאַך זע איך צום ערשטן מאָל", האָט צבי געוואָרפן אַ זײַטיקן בליק אויף דודן. „דײַן פאָטער איז אַ לינקער?"

„מײַן פאָטער איז אַ מענטש וואָס גייט דעם וועג וואָס ער האַלט פאַר גלײַך — נישט לינקס און נישט רעכטס. ווער עס האַלט זיך פאַר לינק צי פאַר רעכט גייט נישט אייגנטלעך קיין גלײַכן וועג".

„בײַ ייִדן איז לינקס אַ קרומער וועג, וואָס פאַרפירט צו קאָמוניזם, צו סטאַליניזם און צו דעם וואָס עס זענען די סאָציאַליסטן", האָט צבי מיט דער אויסערלעכער זײַט פון דער האַנטפלאַך אָפּגעווישט אַ טראָפּן שוויס, וואָס האָט אים אַראָפּגערונען צו דער שפּיץ נאָז.

„און אַז דו דרייסט זיך אויס פונעם גלײַכן וועג אויף רעכטס קרימסטו נישט אויס דעם וועג?" האָט דוד געפרעגט.

צבי איז אַ טראָפּן צעטומלט געוואָרן. דוד האָט אים אַטאַקירט:

„איר דאָ, אַלט־אײַנגעזעסענע, די ותיקים, באַגרײַפן נאָך נישט וואָס עס איז געשען אין די חורבן־יאָרן דאָרט פון וואַנען דאָס לאַנד, ארץ־ישראל, האָט געשעפּט איר כּוח. דאָס וואָס מײַן אַביגדור איז הײַנט געבראַכט געוואָרן צו קבורה אינעם קיבוץ איז ערגעץ־ווו פאַרקייטלט דערמיט וואָס עס איז געשען ד אָ ר ט. בײַ אײַך דאָ זעט עס אויס אַלץ צו זײַן נאָרמאַל. און אַלץ איז ווי דער קלימאַט דאָ, אָן ניואַנסן, שוואַרץ־ווײַס. אָדער די היץ טריקנט אויס די ביינער, אָדער דער רעגן צעווייקט זיי. דאָרט, אין גלות, איז געווען אַ „שואה" און דאָ איז „תקומה". וואָס פאַר אַ פאַרריסנקייט און אויבערפלעכלעכקייט! די וועלכע זענען בלינד פאַר ניואַנסן קענען נישט זען, אַז די „שואה" און די „תקומה" זענען אַזוי פאַרפלאָכטן מיט זיך אַז מיר קענען נאָך נישט וויסן ווו מיר האַלטן אין דער וועלט. די „שואה" גייט נאָך אָן. מײַן ברודערס קבר איז איר סימבאָל. און די „תקומה" איז נאָך ווײַט פון צו זײַן וואָס די בלינדע פאַר ניואַנסן זעען אין איר. אַביגדורס בלוט אויף די צוקי־און איז אַן עדות דערויף".

„ווילסט זאָגן..." איז אים צבי אַרײַנגעפאַלן אין די רייד.

„איך וויל גאָרנישט זאָגן", האָט דוד אָנגערירט זײַן אָרעם, ער זאָל קוקן אויף דעם כּביש און נישט צו אים. „איך וויל נאָר מיר זאָלן טראַכטן אַ פּאָר צענטימעטער פריִער, און נישט מיט דער פאַרריסענער אויבערפלעכלעכקייט. איך באַוווּנדער מײַן פאָטערס זכרון. אָפט, ווען ער רעדט צו מיר, דאַכט זיך מיר, אַז ער

לעבט צוויי טויזנט יאָר און אַז ער איז קיין מאָל פון דאַנען נישט אַוועק. ער געדענקט אַלץ וואָס דאָ איז געשען — מער ווי עס איז פאַרשריבן אין די ביכער פון געשיכטע. איך בין מסכּים מיט אים, אַז די צרה דאָ, ביי אונדז, באַשטייט אין דעם וואָס אונדזערע פּירער האָבן מסתּמא געלייענט געשיכטע, נאָר זי נישט געלערנט און זי נישט פאַרשטאַנען... דעריבער האַלטן מיר דאָ ווו מיר האַלטן און גאָט־דער־איינציקער ווייסט, צי מיר וועלן דאָ אַ מאָל נישט פאַרביַיטן יידישע פאַרנונפטיקע שטאַטלעכקייט פון אַ נומעריש קליין פאָלק אויף משיחיזם, וואָס נאָך תּחית־המתים פון די הונדערטער מיליאָנען ביז איצט געשטאָרבענע יידן וועלן מיר דאָ זיַין אַן אימפּעריע..."

„בעזרת־השם וועלן מיר דאָ ווערן אַן אימפּעריע!" האָט צבֿי אויסגערופן. „מען דאַרף נאָר זען די אַראַבטשיקעס זאָלן זיך נאָך אַ מאָל אַ ריר טאָן פון דאַנען ווי אין ניַינצן־אַכט־און־פערציק, און נאָך אַ מאָל אַ ריר טאָן זיך, צו דער מדבר אויף מזרח און אויף צפון, און מיר וועלן עס ווערן. דעמאָלט וועט אויך ענדלעך זיַין שלום".

„און וואָס זאָגן די ,אַראַבטשיקעס'? האָסט זיי געפרעגט?"

„נישטאָ מיט וועמען צו רעדן", האָט צבֿי געפּסקנט. „איר, פריש געקומענע, קענט זיי נישט. זיי זענען העלדן ביז מען טוט נישט אַ בלאָז אויף זיי. טו אַ בלאָז און זיי מיינען ס'איז אַ שטורעם און זיי לויפן".

„אַזוי האָבן אויך געזאָגט די פּאָליאַקן וועגן יידן. זיי האָבן געחוזקט וועגן ,יונה נאַ וואָינע', אַז אויף מלחמה פאַרמאַכן יידן די אויגן ווייַל זיי האָבן מורא פאַר זייער אייגענעם שאָס פון אַ ביקס. דערווייַל האָבן יידן אין געטאָס געמאַכט באַוואָפנטע אויפשטאַנדן און די זעלבע יידן אָפּשטאַמיקע פון פּוילן, זענען דאָ בייַגעקומען אַראַבישע אַרמייען, בעת זיי, די פּאָליאַקן, די גרויסע העלדן, זענען אין סעפּטעמבער ניַינצן־ניַין־און־דריַיסיק אַנטלאָפן פון די פראָנטן און אויסגעליפערט זייער מדינה צו די נאַציס. צבֿי, איך עצה אַלע, זיי זאָלן נישט איבערשאַצן זייערע אייגענע כּוחות און נישט אונטערשאַצן די כּוחות פון אַנדערע. אויסער דעם וואָס מיר זעען און הערן, זענען פאַראַן אויך איראַציאָנאַלע כּוחות וואָס מיר טאָרן זיי נישט פאַרזען. ווען צוויי אַרמייען גייען אַרויס קעגן זיך אין אַ מלחמה זענען די גענעראַלן פון ביידע זיכער אין זייער נצחון, אַנדערש וואָלטן זיי נישט אַרויס אין אַ מלחמה צו פאַרשפּילן. דאָך זיגט איינע און נישט אַלע מאָל די שטאַרקערע. אין דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה האָבן אונדז געהאָלפן די איראַציאָנאַלע כּוחות, וואָס דו ווילסט זיי פאַרזען ווען דו רעדסט וועגן די ,אַראַבטשיקעס'. די ,אַראַבטשיקעס' זענען אַ יונגע, אַן אויפגעוועקטע נאַציע, וואָס איז ענלעך צו אַ קינד וואָס מיט יעדן טאָג שטאַרקן זיך זיַינע כּוחות. נישט גוט וועט זיַין מיט אונדז און מיט די יידן אויף דער גאַנצער וועלט, אויב מיר וועלן די ,אַראַבטשיקעס' גרינגשעצן".

צבֿי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. סוף־כּל־סוף איז זיַין שוואָגער געקומען פון גלות ערשט נאָך דער מלחמה און ער פאַרשטייט גאָרנישט וואָס דאָ טוט זיך. אַזוי אויך זיַין פאָטער וואָס איז אים איַינגעפאַלן נישט צו זאָגן קדיש נאָך

זײַן געפּאַלענעם זון. גלות־ייִדן זענען עפּעס גאָרנישט קיין פֿאָלק. אַן ערבֿ־רבֿ זענען זיי.

יוכבֿד האָט איבערגעריסן זייער שמועס:

„ס'איז מיר נמאס די טעמע", האָט זי אַרויסגעלייגט די האַנט איבער דודס אַקסל. „פֿאַר וואָס זאָלן מיר רעדן וועגן די אַראַבער און נישט וועגן אונדזערע אייגענע? בײַם קבֿר האָב איך געקוקט אויף דני ווי ער האָט זיך געקלאַמערט צו דיר, דוד. ס'האָט מיר פֿאַרקלעמט בײַם האַרץ פֿון דעם צער וואָס האָט אַרויס־געקוקט פֿון זײַנע אויגן. איידער וואָס־ווען וועט אויך ער גיין אין דער אַרמיי. ווי אונדזער גדעון וועט אויך ער מסתּמא גיין אין אַ קאָמאַנדאָ, זיך יאָגן אין די נעכט איבער פֿעלזן און אין וואַדיס. אַזוי דער פֿאָטער און אַזוי דער זון".

„און מסתּמא וועט אויך דניס זון גיין אין זײַנע פֿוסטריט", האָט דוד געצויגן אין איר טאָן. „אָן אַ סוף און אָן אַן עק. אייגנטלעך איז שוין דני הײַנט אַ זעלנער. דאָ אַנומלט האָב איך גערעדט מיט אים און ער, ווי אַ דערוואַקסענער, האָט מיט נאַטירלעכקייט געזאָגט צו מיר, אַז דעם שלום דאַרף מען אויסמלחמהווען ביז די אַראַבער וועלן אָנהייבן צו פֿאַרשטיין, אַז די מלחמה לוינט זיך נישט פֿאַר זיי".

„דאָס וואָס איך זאָג!" האָט צבֿי סימקין זיך אויפֿגעוועקט מיט התלהבֿות, „כאָטש אַ קיבוץ פֿון השומר־הצעיר, דאָך פֿאַרשטייען זיי דעם ענין".

„פֿון דעם איז געדרונגען, אַז פֿאַר אונדז דאָ לוינט זיך יאָ מלחמה", האָט דוד גענומען יוכבֿדס האַנט אין זײַנע, „אָבער דני האָט אַזוי נישט געמיינט. ער איז דאָס אייניקל פֿון מײַן טאַטן, און ער האָט אַזוי נישט געקענט מיינען, ווי אַביגדור האָט אַזוי נישט געמיינט. מיר זענען נישט קיין קאָזאַקן, און ישׂראל איז נישט קיין קאָזאַקישער כוטאָר, נאָר אַ לעצטע, אפֿשר די סאַמע לעצטע האָפֿענונג זיך אויסצוהיילן פֿון דעם חורבן".

יוכבֿד האָט אויפֿגעהויבן איר שיינעם קאָפּ און אַ קוש געטאָן דודן:

„איצט רעדסטו ריכטיקע ווערטער. ביסט אַן אמתער פּאַטריאָט".

דוד האָט איר געענטפֿערט מיט אַ קוש און געגלעט אירע האָר:

„פּאַטריאָט? האָסט געהערט איך זאָל אַ מאָל באַנוצן די באַנאַליטעט? אַ מאַן וואָס האָט אַ נאָענטע באַציִונג צו אַ פֿרוי, איז אַ מאַן און נישט קיין באַנאַלער ליבהאָבער, וואָס ווי ער איז הײַנט דער ליבהאָבער פֿון איינער קען ער מאָרגן זײַן דער ליבהאָבער פֿון אַ צווייטער".

צבֿי האָט געלאַכט און יוכבֿד האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

„דו ביסט נישט קיין ליבהאָבער".

פֿון צבֿיס געלעכטער איז דודן באַפֿאַלן אַן אומרו. נאָר־וואָס האָט ער באַער־דיקט זײַן אייניקל ברודער. ער האָט אין קיבוץ איבערגעלאָזט זײַן צעקלעמטן, פֿאַראָבלטן פֿאָטער און דאָ פֿאָרט ער אין זײַן שוואָגערס אויטאָ און ער פֿאַרהאַלט זיך און שמועסט ווי דאָס אַלץ וואָלט נישט געשען, ווי ער וואָלט נישט פֿאַר־לוירן דעם אייניקן ברודער. אין איין אויגנבליק איז ער צוריקגעקומען אין קלויסטער, ער איז צוריק געוואָרן קינד: קורץ פֿאַר דעם ווי ער איז געטויפֿט

געוואָרן, איז געשטאָרבן דער קלויסטער־גערטנער. די קינדער אין קלויסטער זענען געפירט געוואָרן אין דער לוויה. אויך דעם גערטנערס הונט איז מיטגעגאַנגען מיט די מלווים. ער איז געלאָפן דאָ פאָרויס פונעם אָרון און דאָ הינטער דעם אָרון. בעת דער קבורה איז דער הונט געלעגן אַ ביסל דערווײַטערט, צווישן צוויי קברים, און ווען די מענטשן זענען אַוועק האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף דעם קבר פון זײַן האַר און געוואָיעט מיט אַ קול ווי עס וואָיען הינט אין האַרבסטיקע לבנה־נעכט. דער הונט איז מער נישט צוריקגעקומען. ער איז פאַרהונגערט געוואָרן אויפן קבר פון זײַן האַר און דאָרט אויסגעגאַנגען פון צער. אַוודאי, הינט פירן נישט מלחמה צווישן זייערע אייגענע מחנות, זיי זייען נישט קיין האָס צווישן זיך. ווערן זיי נישט פאַרטעמפּט אין זייערע געפילן ווי מענטשן ווערן פאַרטעמפּט פון מלחמות און האָס און זיי, די הינט, זענען אפשר די איינציקע, וואָס זענען געבליבן ריכטיקע מענטשן... דוד האָט בײַ אָט דער מחשבה ביטער אַרײַנגעשמייכלט אין זיך. יוכבד האָט דעם שמייכל באַמערקט אויף זײַנע ליפּן און געפרעגט:

„וועגן וואָס האָסטו געטראַכט אין דער רגע? האָסט וועגן עפּעס קאָמישס גע־טראַכט".

ער האָט אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף איר נאַקעטער קני:

„מעגלעך, אַז דאָס וואָס מיר איז אײַנגעפאַלן איז קאָמיש. און אפשר איז עס רעאַל? נאָך אַלע מלחמות און שנאהס צווישן מענטשן וועט דאָס מענטשלעכע בלײַבן נאָר בײַ הינט".

דורך די אָפענע פענצטער פונעם אויטאָ האָט אַרײַנגעבלאָזן אַ טרוקענער הייסער ווינט.

„ס'קלײַבט זיך אויף אַ כאַמסין", האָט צבי אַרויסגעשטעקט די האַנט פונעם פענצטער ווי ער וואָלט געוואָלט כאַפּן אַ ביסל טרוקענעם ווינט און זען, צי זײַן פאָרויסזען איז אַ ריכטיקער.

18

נאַכט אין קיבוץ. אַ שווערע הייסע נאַכט. אַלץ איז דאָ פאַראייַנזאַמט און אַליין. דאָרט, אויפן בערגלדיקן בית־הקברות — דער איינזאַמער קבר. ווי אַ שטערן רײַסט זיך אָפּ פונעם הימל־באַלקן און פאַלט אַראָפּ אַ פאַרשטומטער ערגעץ־ווו אין מדבר־זאַמדן, אַזוי האָט אַביגדור זיך אָפּגעריסן פון לעבן און אַ פאַרשטומטער ליגט ער פאַרזונקען אונטער דעם בערגל ערד פונעם בית־הקברות. אַז די טרייסטערס זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען און אויך דני איז אַוועק אינעם הויז פאַר יוגנט אָן אויס־צורעדן אַ וואָרט פאַר דער מוטער, האָט אליעזר אַרטאַפּאַנוס געבעטן מען זאָל אים ברענגען אַ פאָר שלאָף־פּילן פון דער קיבוץ־אַמבולאַטאָריע פאַר יהודיתן און אויך פאַר אים. ער האָט ביידע שטאַרקע פּילן געגעבן זײַן שנור זי זאָל אײַנשלאָפן פאַר אַ לאַנגן שלאָף. און אויך זי איז געבליבן אין איר צימער אַליין, אַ פאַר־איינזאַמטע, אַן אַדורכגעליטענע, ווי בלויז זי, די איינציקע, וואָלט געפירט אַלע מלחמות פון ישׂראל — זײַט דעמאָלט ווען זי האָט צום ערשטן מאָל דערזען אַביגדורן אין דעם „תנובה״־קרעמל אין גדרה אינעם מונדיר פון אַ פּוילישן זעל־נער. און שפּעטער... שפּעטער, ווען אין דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה האָט זי צו מאָל נישט געוווּסט ווו זײַן געביין איז אַהינגעקומען במשך פון וואָכן, און שפּע־טער.. שפּעטער ערב דער סיני־אַקציע... די לאַנגע נעכט אין שפּיטאָל אין רחובות... און שפּעטער... שפּעטער זײַן מלחמה מיט דעם ווענעלע, צי ער וועט זיך ווען עס איז אויפשטעלן אויף זײַנע אייגענע פיס... און שפּעטער... שפּעטער... די מלחמה אין אַ לאַנגער פינצטערער נאַכט אין תל־ליטווינסקי, ווען בלויז זײַן אָפּט מאָל האַסטיקער אָטעם האָט אָנגעדײַט, אַז אפשר יאָגט ער זיך איבער פעלזן און וואַדיס נאָך פאַדאַינס. זי האָט די אַלע מלחמות געפירט. איצט איז זי אַליין אַ צוריקגע־קומענע פון די שלאַכטפעלדער, ווי אַן אינוואַליד, וואָס האָפּסלט אַליין אויף קוליעס פונעם פראָנט אַהיים. אַליין, אַליין, ווי ער, דער אינוואַליד, וואָלט קיין מאָל קיין דיוויזיע נישט געהאַט, קיין פּולק און קיין קאָמפּאַניע און אַפילו נישט קיין חברים אין קאַמף...

אויך ד״ר אליעזר אַרטאַפּאַנוס איז געווען איינער אַליין אין דעם קיבוץ. איינ־זאַם צווישן דעם פרישן קבר פון זײַן זון און צווישן דעם הילצערנעם צריף פון יהודית, זײַן שנור. ער איז געשטאַנען אויפן גראָז־פּליין פאַר דעם חדר־אוכל. די פאָר עלעקטרישע לאַמטערנעס צווישן די ביימער האָבן באַלויכטן נישט מער ווי

עס האָבן באַלויכטן די פּאַרווישטע שטערן אין הימל. אַלץ איז געווען פּאַרווישט. אויך ער אַליין, אליעזר, איז געווען ווי אַ שטיק נעפּל אין דער נאַכט. מיט זײַנע מידע אויגן האָט ער געבּשטערט צווישן די נעפּל־שטיקער איבער זײַן קאָפּ. ער האָט געזוכט זײַן „קליינעם בער", זיין שטערן־קאָנסטעלאַציע. און ער האָט זי נישט געפונען. פון מידקייט און צער האָט ער פאַרלוירן די אָריענטאַציע פון צפון און דרום און נישט געקענט געפינען דעם מינדסטן אָנהאַלט אפילו אין וועלכער זײַט צו זוכן. אָט האָבן אַרויסגעפינקלט דרײַ צי פיר שטערן אין אַ באַלכסוניקער ליניע און ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט: ער איז אויף אַ וועג צו זײַן „קליינעם בער". אָבער באַלד האָט דער נעפּל אָפּגעמעקט דעם און יענעם שטערן און ער איז ווידער געבליבן אַליין, איינזאַם, אָן אָן אָנהאַלט אויף דער ערד און אָן אָן אָנהאַלט אין הימל. ער האָט געפיבערט. דער קאָפּ איז אים געוואָרן שווער ווי אויף אים וואָלט זיך געלייגט אַ משׂא. האָט ער גענומען דעם קאָפּ אין זײַנע הענט און מיט די שפּיצן פינגער געדריקט די שלייפן. דעמאָלט איז צווישן זײַנע פינגער פּאַר די פאַר־שטעלטע אויגן אויפגעגאַנגען אַ ליקוי־חמה־ליכטיקייט, און אָן צו הערן זײַן אייגן קול האָט ער אין דער ליכטיקייט אַרײַנגעזאָגט תּפילה־הט:

„פאַרנעפּלטער הימל איבער מײַן אַלט־אַלטער היים, פון דײַן ערד בין איך אויפגעגאַנגען און אַוועק פון דיר אַ לײַדיקער. אַ לײדיקער בין איך אַוועק אויך פון גלות־רוים. מיט מײַנע קינדער האָב איך פאַרזייט די רוימישע ערד. אויף מײַן וועג צו גלות־אַשכּנז האָב איך פאַרזייט מיט מײַן ערשטער באַשערטקייט, מײַן ווײַב; מיט מײַנע אייגענע הענט דעם קבר פאַר איר געגראָבן. אויך פון גלות־אַשכּנז בין איך אַוועק אַ לײדיקער. אויך יענע ערד פאַרזייט מיט מײַן בלוט, און אויך גלות־פּוילן. איך בין געבליבן אויסגעליידיקט, און ווי אָן אֶביון צוריקגעקומען צו דיר, כּדי זיך ווידער צו פרייען מיט פולקייט. ליידיקסטו מיך אויס! וויפל קרבּנות דאַרף איך געבן אויך דיר, איידער כ'וועל מיט שלווה אַוועקלייגן מײַן קאָפּ אין דײַן שויס און צוריקגעבן מײַן לעבן צום באַשעפער? וויפל נסיונות דאַרף איך ווידער דורכגיין אויך דאָ, ווו מײַן וויג איז געשטאַנען?"

„ווער איז דאָרט?" איז אַ פּלוצים נאַכט־קול דערגאַנגען צו אים.

אליעזר האָט אַ צאַפּל געטאָן און זיך איבערגעוועקט. פון דער נאָענט האָט ער דערזען אַ זײַל־פּלעק אינעם נעפּל.

„יהודיתס פאָטער", האָט אליעזר זיך אָנגעמאָלדן ווי פאַר זיך אַליין. דער זײַל־פּלעק האָט זיך דערנעענטערט. ס'איז געווען אַ וועכטער מיט אַ ביקס פאַרהאַנגען איבערן אַקסל מיט דער לופע צו דער ערד ווי עס איז דער שטייגער פון יענע וואָס יאָגן זיך נאָך ווילדע חיות אין פעלד.

„ס'איז שפּעט", האָט יענער געזאָגט. „אין אַזאַ צײַט קומען געוויינטלעך פאַ־דאַינס צו באַשעדיקן אַ וואַסער־קראַן, אָדער ווייס איך וואָס".

אליעזר האָט זיך אָנגעבויגן צום וועכטער, כּדי צו געפינען דאָס ליכט פון זײַנע אויגן און געזאָגט צו אים ווי ער וואָלט ווידער גערעדט צו זיך אַליין:

„די צײַט אַליין האָט נישט קיין ווערט. ס'איז נישטאָ קיין שפּעט און קיין פרי,

אויב די צײַט צײַטיקט נישט צו וואָס מיר האָבן אַזוי לאַנג געבענקט, נאָר אין איר וועלקן אונדזערע האָפענונגען. זעסט, אַפילו מײַנע שטערן אין הימל ווערן אָפגעמעקט. זיבן האָב איך זיי געהאַט און געבליבן בין איך מיט ליידיקע הענט", האָט ער אויסגעשטרעקט די הענט צו דעם מאַן, וואָס ער האָט נישט בולט געזען זײַן פנים.

דעם וועכטער איז געוואָרן אומהיימלעך. די ווערטער פון אַביגדורס פאָטער האָבן אָפגעהילכט נישט־דאָ־וועלטיק. אַוודאי ווייסט ער, אַז דער טויט פון אַביגדור איז אַ שווערע אַבידה פאַר יהודית, פאַרן פאָטער, פאַרן גאַנצן קיבוץ. ווי אַ ברודער איז ער געווען פאַר אַלע. נאָר ווי קומען אַהער שטערן? און וואָס טוט דער פאָטער פאַר טאָג אויפן גראָז־פּליין?

„איר דאַרפט גיין זיך אויסרוען", האָט דער וועכטער באַמערקט. „די פאַרטאָגיקע פײַכטקייט... מאָרגן וועט ווידער זײַן אַ הייסער, אויסמאַטערנדיקער טאָג..."

כאָטש דיביידע מענער האָבן גערעדט שטיל, איז דער אָפהילך פון זייער רעדן דערגאַנגען צום אויער פון דני, אינעם הויז פאַר יוגנטלעכע, מיט אַ פיל העכערן טאָן. די ווערטער האָט ער נישט געהערט, נאָר דער אָפקלאַנג פון זייערע שטימען איז געווען ווי פון מענטשן וואָס גיבן זיך איבער וועגן אַ פלוצימער סכנה.

נאָך דעם ווי דני איז אַוועקגעפאַלן אויף זײַן געלעגער אַ מידער, איז ער אײַנגעשלאָפן טיף מיט אַנגסטלעכע אָפגעריסענע שטיקער חלומות. ער האָט זיך אויפגעכאַפט פון אַ שטיק חלום, אין וועלכן ער האָט געכליפּעט ווי אַ יינגל. זײַן כליפּען האָט דערזען אביבה, די וואָס זיצט אויף איין באַנק צוזאַמען מיט אים אין דער שולע, און ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר איר. ער האָט שנעל אָפגעווישט די טרערן און זיך אויפגעכאַפט. ער האָט מער נישט געקענט אײַנשלאָפן. פון יענער זײַט פענצטער, דורך דער דראָטענער נעץ קעגן מאָסקיטן, איז אויסגעוואַקסן דעם פאָטערס קבר. ער איז געשלאָפן אונטער דער שווערער לאַסט פון דער ערד, פון וועלכער ס'האָט אים אָפגעטיילט בלויז די דעק פונעם אָרון פון רויען האָלץ. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער הערט דעם פאָטערס געלאָסענעם אָטעם, ווי זײַן אָטעם איז געווען אין תל־ליטווינסקי. וואָס וועט געשען ווען דער פאָטער וועט זיך אויפכאַפן? דורך דער צײַט ווי ער איז געווען פאַרזונקען אין זײַן שלאָף אין תל־ליטווינסקי איז ער אויסגעמאָגערט געוואָרן אַזוי, אַז די שפּיץ באַקן זענען געוואָרן שאַרף־קנאָכיק און זײַנע הענט — שמאָלע און בלאָלעך־בלייכע. איצט, אַז ער וועט זיך אויפכאַפן וועט ער אַפילו נישט קענען מאַכן קיין פויסטן, כדי מיט זיי צו קלאַפּן אין דער דעק פונעם אָרון, צו רופן נאָך הילף.

אַ פלוצימער שווייס האָט באַדעקט דניס לײַב און פון אומרו האָט ער זיך אויפגעזעצט אויף זײַן געלעגער. די נאַכט האָט מיט גרויען נעפּל אויסגעפילט די פענצטער־ראַם. דער קבר איז פאַרוויסט, אָדער אפשר האָט ער זיך דערנענטערט צום פענצטער אַזוי אַז די גרויקייט איז אַ טייל פון אים? איז דני געזעסן אויפן געלעגער מיט די הענט אַרום די קני און געוואַרט אפשר וועט זיך די גרויקייט באַוועגן, אפשר וועט ער דערזען קאָנטורן פונעם קבר. און אַזוי, מיט די פאַר־

שטאַרטע און דערוואַרטנדיקע בליקן אויף דער פענצטער־נעץ, האָט ער דערהערט דעם אָפּהילך פון שטימען אין בהלה. די שטימען זענען בפירוש געווען פון מענער. האָבן זיי אַ שייכות צו זײַן אויפכאַפּן זיך פון שלאָף, אָדער אפשר האָבן פּאַדאַינס זיך אַרײַנבאַקומען אין קיבוץ און מען גרייט זיך זיי צו פאַנגען?

ער איז אַראָפּ פונעם געלעגער אין די אונטער־הייזלעך און אַרויס אין דרויסן. אַ פּאַרטאַגיקע פײַכטע קילקייט האָט אים אַרומגענומען. ער האָט דורכגעשפּיזט די גרויע פינצטערניש, זיך אײַנגעהערט. דער דרויסן איז געווען אַ ליידיקער. בלויז ער אַליין, אַן איינציקער, אַן איינזאַמער, איז געשטאַנען פאַר דער געדיכטער נעפּל־נאַכט. די עלעקטרישע לאַמטערנס צווישן דיביימער האָבן געדרימלט מיט אַ שוואַך ליכט. די ביימער־קרוינען האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין אַ טונקעלן וואָלקן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם אײַנגאַנג־טרעפּל און אָנלענענדיק די עלנ־בויגנס אָן זײַנע קני, האָט ער מיט די פינגער געקעמט זײַנע אייגענע האָר. אַלץ אין אים איז געשלאָפן, נאָר זײַן אויסערלעכקייט האָט געוואַכט, געוואַרט אויף דעם געהערטן.

פונעם גראָז־פּליין זענען בײדע מענער, אליעזר און דער וועכטער, אַראָפּ צום וועג, צו דער רפת. עס האָט זיי מקבל־פּנים געווען דער גערודער פון די הינער אינעם באַלויכטענעם לול. ס'איז דאָרט אָנגעגאַנגען אַ טומל.

„זיי דיסקוטירן ווער פון זיי וועט לייגן גרעסערע אייער", האָט באַמערקט דער וועכטער.

„אפשר גאָר ווער פון זיי וועט פריִער גיין צו דער שחיטה", האָט אליעזר זיך אָפּגעשטעלט.

„גייט דאָרט ווער?" האָט עמעץ אַרויסגערופן פון איבער דער צוים פון דער רפת.

„נישקשה, אַברהמל, דאָס בין איך, שײַקע", האָט דער וועכטער געזאָגט מיט אַן אויפגעוועקטער שטים, „אַזוי פרי זיך געפעדערט?"

„נאָך פריִער", האָט אַברהמל געענטפערט. „די גרויע דאַרף זיך אָפּקעלבן און זי וויל איך זאָל איר העלפן".

„אפשר דאַרף זי אויך מײַן הילף?" האָט לאַכנדיק געפרעגט דער וועכטער.

„כ'על איר פרעגן", האָט אַברהמל פאַרשטאַנען דעם שפּאַס.

די צוויי מענער זענען אַראָפּ נידעריקער, צום הויפּט־טויער פונעם קיבוץ. ערשט איצט האָט אַברהמל באַמערקט, אַז שײַקע איז נישט אַליין. ער האָט גע־הערט צוויי שטימען. ער האָט מיט די הענט זיך אָנגעלענט אויף דעם מיסטגאָפּל און דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף די הענט און געוואָלט דערגיין מיט וועמען שײַקע וואַכט.

ער, אַברהמל, איז אין דער נאַכט בכלל נישט אַרײַנגעקומען אין זײַן צריף, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר עפּעס וואָס ער האָט אַליין נישט געוווּסט וואָס דאָס איז. זײַן אייגענע טיר האָט אים אָפּגעשטויסן.

אַברהמל דער אַלטער בחור האָט זיך געראַטעוועט פון זײַן איינזאַמקייט מיט

דער פֿאַרגעטערנדיקער ליבשאַפֿט צו יהודית. זי האָט אים אויסגעפּילט אין גאַנצן. פֿאַר איר האָט ער געלעבט, און ער האָט ליב געהאַט און פֿאַרערט די אַלע, וואָס האָבן ליב געהאַט און פֿאַרערט יהודיתן. אַביגדור האָט אים געגעבן די באַרעכטי־קונג פֿאַר זײַן בלײַבן אין קיבוץ, כאָטש ער וואָלט סײַ ווי קיין מאָל דעם קיבוץ נישט פֿאַרלאָזט. נישט מער, אין זײַנע אַלטבחורישע מחשבות פֿלעגט אים אַ מאָל אײַנפֿאַלן: ער וועט אַוועק פֿון קיבוץ. דאָ, אין קיבוץ איז נישטאָ פֿאַר אים קיין פֿרוי. אייגנטלעך איז יאָ פֿאַראַן אַ פֿרוי, אָבער זי האָט אַ מאַן, און דאָס איז יהודית. אַלע אַנדערע איז אָדער זיי האָבן מענער, אָדער — די מיידן — קוקן אַפֿילו נישט אויף אים. זיי האָבן ליב די סאַברישע יונגען מיט די אָפּגעבליאַקעוועטע האָר און מיט פֿאַרקלײַעטע זון־פֿאַרברענטע פּנימער, וואָס פֿאַר זיי איז אַריבערגיין די גרע־נעץ און דאָרט אָפּטאָן אַ שטיקל אַרבעט ווייניקער ווי פֿאַר אים אָפּוואַשן אַן אײַטער פֿון אַ קו. אין חיפֿה, אין דער גרויסער שטאָט, וואָלט ער אפֿשר עפּעס געקראָגן פֿאַר זיך און געוואָרן מיט מענטשן גלײַך. אָבער דאָס זענען געווען בלויז מחשבות פֿון אַ מענטש, וואָס די איינזאַמקייט קלעמט אים אַ מאָל צו אַזוי, אַז ער וואָלט אַנטלאָפֿן אַפֿילו פֿון זיך אַליין.

אַביגדור האָט פֿאַר אים געשאַפֿן עפּעס יום־טובדיקס אין קיבוץ. ער געדענקט יענע צײַט — ער אַליין איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגער בחור — ווען יהודית האָט געבראַכט אַביגדורן אין קיבוץ אַרײַן. ער איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס איז אַוועק פֿון אַנדערסעס אַרמיי און געבראַכט געוואָרן אַהער. דאָך איז אַביגדור געווען אַן אויסנאַם. אינעם אָפּיצירן־מונדיר האָט ער אויסגעזען ווי אַ פּרינץ. ניין, נישט ווי אַ פּרינץ, נאָר ווי אַ זון פֿון אַ פּוילישן פּריץ, ווי אַברהמל האָט אַזאַ איינעם געדענקט פֿון זײַן שטעטל קאָסעוועּ. חברה האָט אים פֿון אָנהויב אַ נאָמען געגעבן „חרסיני" — פֿאַרצעלײַענער. דער צונאָמען איז אים געגעבן געוואָרן נישט נאָר דערפֿאַר וואָס ס'איז געווען שווער נאָכצוזאָגן זײַן אויסטערלישן נאָמען, „אַרטאַפּאַנוס", אָדער אַזאַ לאַנגן נאָמען ווי „אַביגדור", נאָר מער דערפֿאַר ווײַל ער איז געווען שלאַנק און זיך געטראָגן מיט אַזאַ עלעגאַנטקייט ווי ער וואָלט געווען צעברעכלעך.

אַברהמל האָט שוין דעמאָלט גאָר שטאַרק ליב געהאַט יהודיתן, געפּרוּווט אַפֿילו איר אַרויסווײַזן אַז ער איז גרייט פֿאַר איר אַראָפּצוציִען דעם הימל צו דער ערד, נאָר עס האָט אים געפֿעלט מוט איר צו זאָגן דאָס. ער האָט זיך געשראָקן פֿאַר איר אָפּזאָג, וואָס וואָלט אַ סוף געמאַכט צו זײַנע חלומות. דערנאָך האָט זי געבראַכט אין קיבוץ אַרײַן אַביגדורן. און אַז ער האָט ביידע געזען בײַם עסן אין חדר־אוכל און ווי זי קוקט אויף אים ווי אַזוי ער נעמט דעם לעפֿל פֿון דעם טעלער צו זײַן מויל, האָט ער, אַברהמל, געוווסט: יהודית איז פֿאַר אים אַ פֿאַרפֿאַלענע.

אַברהמל איז מקנא געווען אַביגדורן, אָבער נישט געווען אייפֿערזיכטיק. אפֿשר ווײַל די פּרויען אין קיבוץ האָבן מיט זייערע אויגן געגעסן דעם נײַ־געקומענעם און געשמועסט, אַז יהודית האָט געבראַכט פֿאַר זיך אין קיבוץ אַרײַן אַ „חרסיני"? איז אַברהמל געקומען צו דער דעה, אַז ביידע, יהודית און אַביגדור, זענען באַ־

שאַפֿן געוואָרן פֿאַר אײנאַנדער. און אַזוי האָט ער אַ טייל פֿון זײַן ליבשאַפֿט צו יהודיתן איבערגעטראָגן אויף אַביגדורן. ער איז אַ גליקלעכער מענטש, דער אַביג־דור אַרטאַפּאַנוס, יהודית האָט אים ליב. אַלע האָבן אים ליב, אויך ער. אַביגדור און יהודית זענען פּאַר אים געוואָרן איינס. ער וואָלט אוודאי געווען אײפֿערזיכטיק ווען ער וואָלט יהודיתן געזען מיט אַן אַנדער מאַן. ער וואָלט איר מסתמא אַזאַ זאַך פֿאַרגעוואָרפֿן, נאָר וואָס שײַך אַביגדורן האָט ער ליב געהאַט צו זען זיי ביידן ווי זיי פֿרייען זיך צוזאַמען, ווי יהודית וואַרט אויף זײַנער אַ ווענדונג, אָדער אַפֿילו ווען זיי שפּאַצירן, און שטיפֿעריש לאָזט זי אים נישט קײַען אַ שטרוי ווי עס איז זײַן שטייגער צו קײַען אַ שטרוי, וואָס ער הייבט אויף אויף זײַן וועג. זי רײַסט דעמאָלט אַרויס דעם שטרוי פֿון צווישן זײַנע ליפּן און קײַט אים אַליין נאָכמאַכנ־דיק ווי עס קײַט אַ קעלבל, מיט בײדע מויל־ווינקלען אַהין און אַהער...

דורך דער צײַט ווי אַביגדור איז געלעגן אַ פֿאַרזונקענער אין זײַן שלאָף, פֿון וועלכן ער האָט זיך מער נישט אויפֿגעוועקט, האָט אַברהמל מיטגעלעבט מיט יהודיתס צער, ווי עס וואָלט געווען זײַן אייגענער צער. אָפֿט פֿלעגט ער זי באַ־גלייטן צום שפּיטאָל, זיך אײַנקוקן אינעם אָפּגעמעקטן פּנים פֿונעם קראַנקן און זײַן אייגן פּנים פֿלעגט דעמאָלט אויך ווערן אָפּגעמעקט. אים האָט זיך געדאַכט אַז אַזוי אַרום וועט ער אַרויסרופֿן אַן ענדערונג אין אַביגדורס אומבאַוועגלעך געשטאַלט. אַ מאָל, קוקנדיק אויף אַביגדורס פּנים, פֿלעגט זיך בײַ אים אַרויסכאַפּן: „יהודיתל, עס גייט צום גוטן. דאַכט זיך מיר אַז זײַנע ליפּן האָבן זיך באַוויגן", אָדער „יהודיתל, זע, אַן אָפּן שפּעלטעלע אין זײַנע אויגן. איך וואָלט געשווירן ער זעט דיך איצט". און ער האָט געגלויבט אין דעם וואָס זײַן מויל האָט געזאָגט.

איצט, מיט אַביגדורס טויט, האָט ער, אַברהמל, פֿאַרלוירן אַ שטיק פֿון זיך אַליין. דער צער פֿון יהודיתן איז געווען זײַן צער. ער האָט זיך אין גאַנצן פֿאַר־לוירן. די גרויסע צאָל מלווים, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פֿון בית־הקברות און אויסגעפֿילט יהודיתס צריף, האָבן נאָך מער פֿאַרשטאַרקט זײַן אײנזאַמקייט. יהודית איז געווען אַזוי ווײַט, ווײַט פֿון אים, ווי אַביגדור וואָלט זי מיטגענומען מיט זיך און בלויז איר שאָטן איז אינעם צריף. דער שאָטן איז פֿאַראָבלט, דער שאָטן יהודית שווײַגט מיט פֿאַרקלעמטע ליפּן פֿון ווייטיק און די אַרומיקע שטייען איבער איר שווײַגנדיק, טיילן אים אָפּ פֿון איר כּדי ער, אַברהמל, זאָל נאָך שטאַרקער פֿילן זײַן אײנזאַמקייט.

די רפֿת האָט געלאָשן זײַן אײנזאַמקייט. די שטומע רינדער, זייער קײַען אויף אַ קול און דאָס אָפּטע קוקן צו אים ווי זיי וואָלטן וועלן אים עפּעס זאָגן, נאָר ער ווייסט דאָך אַז זיי זענען שטומע צינגער, האָט אים געגעבן דאָס געפֿיל פֿון צוגע־בונדנקייט און קעגנזײַטיקייט צו לעבעדיקע באַשעפֿענישן. אַזוי האָט ער די נאַכט פֿאַרבראַכט אין רפֿת, געזוכט און געפֿונען אַרבעט ווי געווײנטלעך אין דער ווירט־שאַפֿט, אַז די אַרבעט ענדיקט זיך קיין מאָל נישט.

אַז די הענער אין אַנטקעגנאיבערדיקן לול האָבן זיך צעקרייט אויף טאָג איז אַברהמלען ווי אַראָפּגעפֿאַלן אַ שווערע לאַסט פֿון האַרץ. זײַן געמיט האָט זיך

אָנגעהויבן אויסלײַטערן. אויף דער מזרחדיקער זײַט פֿונעם גרויען הימל האָט ער געפֿונען אַ בלײַך־רויטן שפּאַלט, אַן אָנזאָג אויף אַ נײַעם טאָג. ער האָט גראָד גע־האַלטן אין דער האַנט אַ מיסט־גאָפּל, האָט ער די כּלי אַרײַנגעשטאָכן אין מיסט און אַראָפּגעשאַרצט די אַרבל פֿונעם האַקי־העמדל. אַליין נישט וויסנדיק וואָס ער טוט, האָט ער אָפּגעפּילעט די הויזן, דאָס העמדל און זיך געלאָזט גיין מיט דעם וועג, מיט וועלכן עס זענען פֿריִער געגאַנגען שײַקע דער וועכטער, מיט עפּעס אַ צווייטן פּאַרשוין, וואָס אַברהמל האָט נישט געוווּסט, אַז דאָס איז אַביגדורס פֿאָטער. דער וועג איז אַרום דעם פּלויט מיט שטעכלדראָט פֿאַר דער זיכערקייט פֿונעם קיבוץ. ער אַליין האָט דעם וועג דורכגעמאַכט הונדערטער מאָל במשך די אַלע יאָרן ווען ער האָט לויט זײַן ריי אַרומגעקרײַזט אין די נעכט ווי אַ שומר. דער וועג איז פֿאַר אים ווי אַ פּאָר אַלטע אויסגעטראָטענע שיך, וואָס טוען זיך כּמעט אַליין אָן. דאָך אין דעם פֿאַרטאָג איז ער דאָ געגאַנגען ווי צום ערשטן מאָל און מיט אַ וועג וואָס ציט זיך צום הימל, אין דער גרויקייט. ער איז געגאַנגען אַנטקעגן דעם אָנקומענדיקן טאָג. דער טאָג איז אים אַנטקעגן געקומען מיט צע־שונדענע שטיקער רויט, בלוטיק לײַב. אַזוי ווי אויבן האָט דער הימל געבלוטיקט, ווי עמעצער וואָלט געשאָכטן דעם אָנקומענדיקן טאָג און ער צעוואָרפֿט שטיקער פֿון זײַן לײַב איבער דעם מזרחדיקן געוועלב, אַזוי האָט זיך אונטן געקנוילט אַ פֿינצטערער נעפּל, שוואַרצער ווי עס איז געווען די נאַכט. פֿון דער שוואַרצקייט האָט זיך דער נעפּל געקנוילט אַרויפֿצו מיט גראָע קנוילן. אַלץ האָט אויסגעזען פֿאַרקערט, ווי דער הימל וואָלט געווען די ערד און די ערד איז דער הימל. די ערד בלוטיקט, ווי געוויינטלעך די ערד, און דער הימל וואָלקנט זיך מיט נעפּל און כמאַרעס ווי עס איז דער שטייגער פֿון הימל.

אַברהמל האָט זיך אָנגעלענט אָנעם פּלויט און געקוקט אויף דעם געבורט פֿונעם נײַעם טאָג. אים, דעם אַלטן בחור, וואָס האָט זײַט די יאָרן ווי ער אַרבעט אין רפֿת זיך צוגעקוקט ווי עס ווערן געבוירן קעלבער, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אויך דער איצטיקער טאָג ווערט אַזוי געבוירן. נאָר דער רפֿת וואָס ער זעט פֿאַר זיך, איז אומגעהײַער גרויס און דאָס קאַלב וואָס ווערט געבוירן בלוטיקט צוזאַמען מיט זײַן מוטער. עס קען זײַן אַז דעמאָלט ווען אַברהמל האָט געזען וואָס ער האָט געזען, האָט ער געדרימלט אָנגעלענט אָנעם פּלויט. וואָרום ער האָט נישט געהערט ווי צו אים האָט זיך דערנענטערט שײַקע און ער האָט אַפֿילו נישט געהערט ווי שײַקע רעפּעטירט בכּיוון די ביקס כּדי אים איבערצושרעקן. ערשט פֿון גאָר נאָענט האָט ער געהערט דערמאָנען זײַן נאָמען:

„אַברהמל, כ'האָב דיך געקענט דאָ אַוועקלייגן אַ טויטן, ווי אַ פּאַדאַין", האָט שײַקע געזאָגט מיט אַ לאַכעדיק קול, „גוט איך האָב דיך דערקענט פֿון הינטן ווען דו ביסט נאָך געווען גאָר קליין, ווען דו ביסט געגאַנגען ... דו היטסט די אוגערקעס אויף יענער זײַט פּלויט?"

אַברהמל האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט פֿונעם פּלויט־זײַל און זיך אויסגעדרייט צום שומר. אַ ווײַל האָט ער געקוקט אויף שײַקען. אַנטקעגן דעם אויפֿגייענדיקן

טאָג איז זײַן פּנים געווען בלאַס און די ביקס אויף זײַן אַקסל האָט אויסגעזען אַ סך גרעסער ווי ער אַליין איז געווען.

„היט די אוגערקעס פון יענער זײַט פּלויט זאָגסטו? כ׳על דיר זאָגן וואָס ס׳איז פון יענער זײַט פּלויט: איין גרויסער רפת, און קעלבער וועגן געבוירן באַלד געשאָכטענע".

„דו שרײַבסט לידער, אַברהמל, אָדער דו אימפּראָוויזירסט דיכטונג?" האָט שײַקע זיך געקראַצט דעם קאָפּ אונטערן טעמבעל־היטל.

„דאָס איז בײַ דיר דיכטונג?" האָט אַברהמל אים געענטפערט מיט אַ פראַגע.

„דאָס איז דער ריינער אמת".

„און וואָס איז דיכטונג, אויב נישט ריינער אמת?" האָט שײַקע ווידער גע־פרעגט.

„כ׳על דיר זאָגן: כ׳ווייס נישט. כ׳לייען נישט קיין דיכטונג. די עברי אין לידער איז צו שווער. אַ ראָמאַן נעם איך אַ מאָל, כאָטש... גאָרנישט..." האָט זיך אַברהמל פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער געזאָגט שטיל: „דער טויט פון אַביגדור האָט מיך אָוועקגעלייגט. זײַט איך געדענק אים ווי יהודית האָט אים געבראַכט צו פירן אין קיבוץ אַרײַן... געדענקסט?... דעמאָלט מיט אַנדערסן... ביז נעכטן... דאָס איז אַ ראָמאַן"

„אַזעלכע ראָמאַנען שרײַבט מען נישט בײַ אונדז... מ׳לעבט זיי", האָט שײַקע געזאָגט און פאַרריכט דעם רימען פון דעם ביקס אויפן אַקסל.

אַברהמל האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר שײַקע האָט זיך דערמאָנט, אַז ער פאַרהאַלט זיך צו לאַנג אויף איין פּלאַץ און איז אַוועק זײַן וועג.

„מ׳עט דאַרפן עפּעס טאָן, יהודית זאָל זיך נישט פילן אַזוי איינזאַם", האָט אַברהמל אים נאָכגעזאָגט און ס׳האָט אים פאַרקלעמט בײַם האַרץ.

דאָס בלוט־רויט פון ערב־מאָרגן האָט זיך אײַנגעזאַפּט אינעם גאָלד וואָס עס האָט צעשפּרייט די אַרויסגעקומענע זון...

19

בערל סימקין האָט ליב זײַן איידעם דוד, כאָטש טראַכטן טראַכט ער וועגן אים, אַז ער איז אַ ד אָ ר ט י ק ע ר אינטעליגענט־אַ־בטלן, וואָס פּאַסט זיך נישט צו צו דער צײַט. ער קען זיך אויס אין דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג און פון די פּאַרטייען, ווי ער וואָלט געווען מיט זיי אויסגעקאָכט, נאָר אַנשטאָט אַרײַנטרעטן אין אַ לײַטישער פּאַרטיי און זיך אַ שטופּ טאָן אין דער הייך, צו די קרײַזן ווו מען קען צו עפּעס דערגיין, זיצט ער ווי אַ פּקיד אין מס־הכנסה און שאַצט אַנדערע. ער, בערל, האַלט נישט דערפון. ער וואָלט אַוודאי געווען צופרידן, דוד זאָל זײַן אין דער „חרות״־באַוועגונג, וואָרום, האַלט ער, מפא״י וועט זיך סוף־כל־סוף אויס־גליטשן און „חרות״ וועט איבערנעמען דעם רודער פון דער מדינה. זײַן אייגענער חבר־הכּנסת, מאָטל, האַלט אַפילו, אַז לוי אשכּול איז דער לעצטער מפא״יִשער פּרעמיער־מיניסטער און נאָך אים וועט קומען מנחם בעגין. וואָס אַן אמת האָט לוי אשכּול טאַקע דערלויבט ברענגען פון אַמעריקע די ביינער פון זאב זשאַבאָ־טינסקי, אָבער אַז די ביינער זענען שוין דאָ אין ירושלים, וועט זשאַבאָטינסקיס אידעאָלאָגיע אַזוי אַרײַן אין די ביינער פון מפא״י אַז זי וועט נישט וויסן פון וואַנען ס׳איז איר געקומען. אַז דאָס וועט מערטשעם געשען, וועט דער אַמאָליקער קאָמאַנדיר פון אצ״ל מאַכן אָרדענונג אין דער מדינה, ווי ער האָט אַמאָל געמאַכט אָרדענונג מיט די בריטן: זיי געממיתט, געבערענט זייערע טריט, לסוף זיי אַרויס־געטריבן און ס׳איז געוואָרן אַ ייִדישע מדינה. אויך ער, בערל, איז בײַ דער זעל־בער דעה. פון דעסטוועגן וואָלט ער געווען צופרידן דוד זאָל וויניקסטנס זײַן אין מפא״י און פון דאָרט זאָל ער זיך אַ שטופּ טאָן אין דער הייך. בערל דאַרף עס נישט האָבן פאַר זײַנע אייגענע געשעפטן. ער און זײַן צבי גיבן זיך וויל אַן עצה אויך מיט דעם מפא״יִשן פינאַנץ־מיניסטער פּנחס ספּיר, נישט צו פאַרזינדיקן. פון דעסטוועגן, אין אַזאַ צײַט פון „מיתון״, וואָס קיינער ווייסט נישט מיט וואָס דאָס אומגליק וועט זיך ענדיקן, וואָלט גוט געווען צו האָבן אַ נאָענטן מענטש אין מפא״י.

דאָס אַלץ איז געווען בלויז אין בערלס מחשבות. דוד האָט זיך אַפילו נישט אָנגעשטויסן וואָס זײַן שווער טראַכט וועגן אים. דאָך נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען האָט בערל סימקין אויף אַן אמת ליב זײַן איידעם. טאָמער וואָלט אים עמעצער געפרעגט: פאַר וואָס? וואָלט ער מסתמא אויף זײַן שטייגער געענט־

פערט: „עפּס, וויסט דער טײַוול". אין דעם „עפּס" איז פֿאַראַן אַלץ — אי געפֿיל, אי נאָענטקייט און אפֿשר גאָר ווײַל דוד איז כּסדר פֿאַרקאָכט אין יוכבדן איבער די אויערן. ער, בערל, האָט ליב יוכבדן, מער פֿון אַלע זײַנע קינדער. בײַ אים איז זי נאָך אַלץ אַ קינד. נאָר אין גיכן איז בערלען קלאָר געוואָרן פֿאַר וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב דודן.

דער „מיתון", די האַרבע רעצעסיע אין דער ווירטשאַפֿט — אַזוי האָט עס געהייסן אין דער מעשׂה ווי זי איז דערנאָך דערציילט געוואָרן — האָט געבראַכט גדעון בר־עוז, פֿון די פֿאַרזיכערונג־געשעפֿטן, צו יוכבדן אַהיים.

פֿון זײַנע פֿאַרזיכערונג־אַגענטן האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די פֿירמע „דב סימקין את בנו בע"מ" האָט אָפּמאַכן מיט דעם זיכערהייט־מיניסטעריום וועגן גראָב־אַרבעטן פֿאַר מיליטערישע אינסטאַלאַציעס בײַ ניצנה, אויף דער סיני־גרענעץ. דער מצרישער דיקטאַטאָר אַבדול נאַצער שאַרפֿט זיך די ציין קעגן ישׂראל. ווי דער וועגן־קנופּ ניצנה איז דער טויער צום סיני, אַזוי טראַכט מסתּמא אַבדול נאַצער, אַז ער איז אויך דער טויער אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג, צום נגב. האָבן די בולדאָזערס און טראַקטאָרן פֿון בערלען און צבֿי סימקין זיך אונטערגענומען צוצו־גרייטן דעם באָדן מערבֿדיק פֿון ניצנה צו בויען בונקערס און שטערונגען קעגן טאַנקען. גדעון בר־עוז, וואָס צו זײַן און זײַן ווײַב, חדווהס געזעלשאַפֿט, געהערט שושנה און צבֿי סימקין, און אויך די שײנע יוכבד איז אים נישט פֿרעמד, האָט זיך געקוואָפּעט, די פֿירמע סימקין זאָל אים איבערגעבן די פֿאַרזיכערונג פֿון די מאַשינען און פֿון די מענטשן בײַם אויספֿירן די אַרבעטן אין נגב.

אין „מיתון" זענען גדעון בר־עוזס געשעפֿטן שוואַכער געוואָרן און ער האָט געהאָפֿט, אַז פֿאַליסעס פֿאַר דער פֿירמע סימקין וועלן אים פֿאַרגיטיקן, בפֿרט אַז אַרבעטן פֿאַר דער אַרמיי ענדיקן זיך קיין מאָל נישט. פֿאַר וואָס גדעון בר־עוז האָט זיך נישט געוואָנדן דערוועגן גלײַך צו צבֿי סימקין, אָדער דורך שושנה צו אים, אָדער גלײַך צו בערלען, נאָר ליבערשט אויסגעוויילט יוכבדן, זי זאָל פֿאַר אים אויספֿועלן בײַ איר פֿאָטער און ברודער — דאָס איז קלאָר געוואָרן אין המשך פֿון דעם וואָס איז דערציילט געוואָרן.

יוכבד איז דעמאָלט געווען אין שוואַנגערשאַפֿט. כאָטש זי איז שוין געווען אין פֿערטן חודש איז נישט געווען צו מערקן קיין שום ענדערונגען אין איר אויסער־לעכקייט. פֿאַרקערט, זי איז געוואָרן נאָך שענער ווי זי איז געווען. אירע קעציש־גרויע תּאווה־אויגן זענען ווי גרעסער געוואָרן און זי פֿאַרפּלייצט אַרום זיך אַ ים מיט ווײַבלעכן רייץ. גראָד אין דעם מצבֿ האָט זי נישט געוואָלט פֿאַרמײַדן קיין פּרײַטיק־צו־נאַכט־צוזאַמענטרעף, אויב נאָר זי און דוד זענען ערגעץ־ווו פֿאַרבעטן געוואָרן. זי האָט דעריבער גערן אָנגענומען די אײַנלאַדונג פֿון הדה און ריטשאַרד סײַמאָן צו זײַן בײַ זיי אַ פּרײַטיק אין אָוונט. אויך דוד איז געווען צופֿרידן צו זײַן בײַ די סײַמאָנס. ער האָט גערן דעם סאָלידן ריטשאַרד. ער טיילט זיך אויס פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט מיט זײַן נאַכלעסיקער עלעגאַנץ, מיט זײַן האַלטונג און אין זײַן אופֿן רעדן.

צו דעם צוזאַמענטרעף האָבן זיך אויך צוגעשטעלט די קורצזיכטיקע חדווה און איר מאַן, גדעון בר־עוז. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אַ גרויסן רעקלאַמע־באָטל סקאָטישן וויסקי און באַלד ביַי דער טיר אָנגעהויבן אויף פריילעך. כאָטש טיף־קורצזיכטיק האָט חדווה באַלד אָפּגעפונען דודן און מיט איר שנעל לשון אים פאַרשיט מיט אַ זאַק ווערטער:

„פאָרגעט, פאָרגעט איט", האָט זי אָנגעהויבן אין ענגליש, אָנבינדנדיק צו דעם וויכּוח צווישן איר מאַן און דודן בעת אַן אַנומלדיקן פריַיטיק־צו־נאַכטס ביַי שושנה. „גדעון איז גדעון. איר געדענקט גדעון דעם שופט? מיַין גדעון איז אויך אַזעלכער. ער צינדט זיך אָן".

„איך האָף ער איז נישט קיין האַמאָ און איר, פיל איך, זענט גענוג סעקסי ער זאָל זיך אָנצינדן צו איַיך און נישט צו מיר", האָט דוד געזאָגט כלאחר־יד.

מיט פאַרזשמורעטע אויגן האָט חדווה געזוכט אויפן פּנים פון דודן אַ באַשטעטיקונג פאַר זיַינע ווערטער און לסוף איז זי געווען געשמייכלט פון זיַין קאָמפּלימענט.

„גדעון איז אָ־קעי. זעט ווי שושנה פרעסט אים אויף מיט די אויגן", האָט זי געמאַכט אַ באַוועגונג מיטן קאָפּ, כאָטש בר־עוז האָט זיך באַציַיטנס פאַרנומען מיט הדה סיַימאָן.

„הדה קען אָנצינדן אַפילו אַ טעלעפאָן־זיַיל", האָט ער אויסגעבעסערט איר טעות.

זי האָט נאָך מער פאַרזשמורעט אירע אויגן און אויסגעפונען, אַז דוד איז גערעכט. איר מאַן איז פאַרנומען מיט הדה סיַימאָן.

„זי לאָזט אים נישט אַדורך. פרויען האָבן אַן אינסטינקט און גדעון איז אַ פעטער ביסן", האָט זי זיך צעלאַכט אָן אַ סיבה.

„חדווה, אַזאַ פעטן ביסן דאַרף מען היטן", האָט דוד זיך איַינגעבויגן צו איר און איר איַינגערוימט אין אויער ווי אַ סוד.

„אויך איר זענט אָ־קעי", האָט זי חנדלענדיק זיך אָנגעלענט אָן זיַין ברוסט, „איך וויל מיט איַיך טאַנצן".

„דער פאַרגעניגן וועט זיַין מיַינער", האָט זיך דוד פאַרנויגט. חדווה איז געווען צופרידן.

הגם גדעון בר־עוז איז געווען פאַרנומען מיט הדה סיַימאָן, האָט ער אויף אַן אמת געמיינט יוכבדן. אַ שאָד ס'איז נישט קיין נשף־חשק. יוכבד בליט. איר פּנים מאַכט דעם איַינדרוק ווי עס וואָלט פון אינעווייניק געווען באַלויכטן מיט אַן אַלאַבאַסטער־ליכט. מיט אַ ליַיכטער באַוועגונג מיטן קאָפּ וואַרפט זי אָפּ דעם האָר־לאָק, וואָס גליטשט זיך איר אַראָפּ אויפן שטערן און דעמאָלט איז דאָס ליכט פון איר פּנים נאָך העלער. נתן שפּילבערגער וואָס קלעפּט אַלע מאָל צו הדה סיַימאָן און ציילט פרעך די זומער־שפּרענקעלעך אויף איר טיפן דעקאָלט, איז איצט פאַר־קאָכט אין יוכבדן. ער האַלט צוויי גלעזלעך וויסקי — איינס פאַר איר און דאָס צווייטע פאַר זיך. נאָר זי וויל אַפילו דאָס גלעזל אין איר האַנט נישט נעמען. זי

האָט אַן אויסרייד: אַלקאָהאָל איז צוקער און פון צוקער ווערט מען פעט. נתן שפּילבערגער איז צודרינגלעך, ווי זײַן שטייגער. יוכבד האַלט זיך בײַ אירס: אַלקאָהאָל איז צוקער. גדעון בר־עוז האָט עס געהערט און ער האָט לסוף אויך געהערט ווי נתן זאָגט:

„איך וואָלט אין אײַך אַרײַנגעגאָסן אַ גאַלאָן וויסקי. איך גיי אויס נאָך פּעטע פּרויען. איר האָט אַ מאָל געזען ווי עס ווערט געמאָלן די ערשטע סעקס־באָמבע, חוה, אין גן־עדן? אויסגעבעט ווי אַ געלעגער אין אַ האָטעל פון פינף שטערן".

גדעונס אויפמערקזאַמקייט איז וואָס אַ מאָל מער צוגעצויגן געוואָרן צו יוכבדן. ער האָט געטראַכט וועגן איר צו האָבן זי אין בעט און אין דער זעלבער צײַט האָט ער געקוקט צו צבי סימקין וואָס ער דאַרף געפינען אַ געלעגנהייט אָנצומערקן אים וועגן פאַרזיכערן זײַנע גראַב־מאַשינען. נישט מער, אין אָט דער געזעלשאַפט איז כמעט ווי אָפּגעמאַכט, אַז אין די פּריִוואַטיק־צוזאַמענטרעפן רעדט מען נישט וועגן געשעפטן. אויך שושנה איז נישט שלעכט, גאָרנישט שלעכט. אויך זי איז אַ חתיכה אין בעט אַרײַן, כאָטש אַנדערש ווי איר שוועגערין. מיט איר וואָלט ער אפשר געדאַרפט רעדן וועגן די פאַרזיכערונגען, אפשר, ער האָט שוין געגוג דערפאַרונג און ער ווייסט, אַז אויב מאַן־און־ווײַב זענען פאַרלאַנגוויַיליקט, איז דאָס ווײַב די ערגסטע פאַרמיטלערין צו די געשעפטן פונעם מאַן. ווי קען עס זײַן וואָס ער האָט גאָרנישט געהערט ווי עס זעט דאָרט אויס צווישן שושנה און איר מאַן? כאָטש צוריקגעקערט קען מען גאָרנישט וויסן. אָט זעסטו אַ פאַרליבט פאַרפאָלק, לאָזט נישט צו צו זיך, און אויף צו מאָרגנס דערוויסטו זיך, אַז אין ראַבינאַט ליגט שוין זייערס אַ ווענדונג וועגן אַ גט. יוכבד איז מסתמא נישט אַנדערש פון אַלע אַנדערע פרויען, דאָך זי איז די שוועסטער פון צבי סימקין און דורך איר איז לײַכטער אָנצוקומען סײַ צו אים און סײַ צו איר פאָטער.

הדה סײַמאָן, וואָס איז בלויז זינלעכקייט, האָט מסתמא געפילט, אַז גדעון בר־עוז, כאָטש ער זיצט נעבן איר, איז פאַרטראָגן ערגעץ־אַנדערש. האָט זי זיך פּלוצים אויפגעהויבן, אַ טרייסל געטאָן מיט איר רויטן קאָפּ און געזאָגט אַן אומגעדולדיקע:

„נישט נאָר פון אַ קרעבס. אויך פון לאַנגוויַיליקייט קען מען שטאַרבן".

חדווה האָט געהערט איר באַמערקונג. זי האָט זי נישט גענומען אויפן אַדרעס פון איר מאַן. זי האָט דעריבער געזאָגט:

„דער פּאַטעפאָן איז קאַליע? איך גיי אויס צו טאַנצן".

„מײַן פּאַטעפאָן איז קיין מאָל נישט קאַליע", האָט הדה ווידער אַ טרייסל געטאָן מיט איר רויטן קאָפּ און אַ כוואַליע פײַער האָט פאַרבליצט דעם טרקלין, „מײַן עוזרת וואָלט נישט געקענט מאַכן ספּאַנדזשע אַן אום קולטום. נתן, האָסט הײַנט געכאַפּט אַ סטראָוק וואָס דו זיצסט אַ געליימטער?" האָט זי זיך געוואַנדן צו שפּילבערגן, „פאַרטרעט ריטשאַרדן און שטעל אָן דעם פּאַטעפאָן".

„איך וואָלט אים פאַרטראָטן אַפילו אין בעט", איז שפּילבערגער אויפגעשפּרונגען.

„פאַרגעס נישט, אַז דו ביסט ביי ריטשאַרדן אין הויז", האָט הדה אים גע־שטראָפט מיט אַ פינגער.

„איז דער ביסן נאָך געשמאַקער", איז נתן איר נישט געבליבן שולדיק.

באַלד איז גדעון געווען נעבן יוכבדן.

„דער יעקע ווערט צעריסן אויף שטיקער", האָט ער געזוכט יוכבדס בליקן. „ווען נישט דאָס געזעץ, אַז מען טאָר נישט האָבן מער פון איין ווייב, וואָלט דער שפּילבערגער געהאַט אַ גאַנצן האַרעם".

„אַלע מענער באַרימען זיך", האָט יוכבד געזאָגט אין פולשטענדיקער געמיט־לעכקייט. „איר האָט אַזאַ רייצנדיק ווייב, פון דעסטוועגן האָט איר געקלעפּט צו הדהן זייט איר זענט געקומען אַהער".

„איר ווילט וויסן דעם אמת?" איז גדעון געוואָרן ענטוזיאַסטיש.

„פון דער האַנט? פון דער בלאָטע נאָך קאַווע? אָדער פון האָראָסקאָפּ?" האָט יוכבד געפרעגט מיט דער זעלבער געמיטלעכקייט.

„ניין, אויף אַן אמת", האָט גדעון נישט פאַרשטאַנען איר איראָניע. „איך בין געזעסן מיט הדהן, אָבער די גאַנצע צייט געטראַכט וועגן אייך. איר האָט עס זיכער געפילט. פרויען זענען אין דעם געביט מייסטערינס. און איר ווייסט עס זיכער, אַז איר באַלייכט איצט דאָס הויז. ווי זאָגט אשכּול? ,יותר חשמל — פּחות עמל'. און איר באַלייכט דאָס הויז אַפילו אָן איין וואַט חשמל".

„דערציילט עס נישט אשכּולן", האָט זיך יוכבד געוויילט. „ער וועט אויף מיר אַרויפלייגן אַ שטייער פאַר קאָנקורירן מיט דעם עלעקטרע־געזעלשאַפט".

„איך וועל עס קיינעם נישט דערציילן. איך וויל האָבן דאָס גאַנצע פאַרגעניגן פאַר מיר אַליין", האָט ער זיך צוגעזעצט און געפרעגט: „וואָס טרינקט איר? אַ סקאָטש? אַ דזשאַני וואָקער? אָדער אַ ברענדי?"

„אַ גלאָז מילך מיט האָניק", האָט זי געזאָגט זייער ערנסט.

„וואָס, איר קאָרמעט אַ קינד?" איז ער אויפגעשפּרונגען.

„איר ווונדערט זיך ווי איך וואָלט געווען אַ מאַנצביל און נישט קיין פרוי", האָט יוכבד ווייטער געשפּילט.

„חלילה!" האָט זיך גדעון פאַרענטפערט. „מען דאַרף זיין אַ בלינדער אידיאָט כּדי צו טראַכטן עפּעס פון דעם מין. זעלטן אַזאַ פעמינאַלקייט אין אַ פרוי ווי די ווייבלעכקייט שטראַלט פון אייך. איז וואָס טרינקט איר? זאָגט מיר, יוכבד. איך וויל עפּעס טאָן פאַר אייך. היינטיקע צייטן קען מען אַפילו קיין ריטער נישט זיין".

„מען מוז נישט זיין קיין ריטער כּדי צו זיין ריטערלעך", האָט יוכבד געזאָגט און אַנקעגנגעשמייכלט דודן, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו איר.

„יוכבד לאָזט מיר נישט זיין קיין ריטער", האָט זיך גדעון אַ ביסל צעטומלט.

דוד האָט יוכבדן אַ גלעט געטאָן איבערן אַקסל און קוקנדיק אויף איר געזאָגט צו גדעונען:

„שיינט מיר, אַז דער לעצטער ריטער איז געווען דאָן קיכאָט; פון דעמאָלט אָן קען אַ מאַן זיין בלויז ריטערלעך".

יוכבד האָט אָנגענומען דודס האַנט און זי אַ קוש געטאָן:

„עפּעס פון דעם האָב איך נאָר וואָס געזאָגט", האָט זי אַרײַנגעקוקט דודן אין די אויגן.

„ווען אַלע פרויען זאָלן זײַן ווי אײַער יוכבד..." האָט גדעון געזוכט צו פאַר־בינדן אַ שמועס מיט דודן.

„ווי וואָלט איך זיך אַן עצה געגעבן?" האָט זיך דוד אַראָפּגעבויגן און אַ קוש געטאָן יוכבדן אין שטערן. זי האָט אים אַרומגענומען מיטביידע אָרעמס און גע־שמעקט צו זײַן פּנים.

צו אַ שמועס איז נישט דערגאַנגען. נתן שפּילבערגער האָט באַהערשט דעם פּאַטעפאָן און געטוישט די דיסקן כּדי אויסצוגעפינען וואָס איז פּאַסיק צו טאַנצן דעם אָוונט. דוד האָט געוואַכט, יוכבד זאָל נישט אָננעמען קיין אײַנלאַדונג צו טאַנצן. בלויז ער אַליין האָט געטאַנצט מיט איר אויף אַן אופן ווי זי וואָלט געווען אַ צעברעכלעכע כּלי. זי האָט דווקא געוואָלט טאַנצן נאַטירלעך, און זי האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער האָט נישט וואָס מורא צו האָבן. אין איר גאַנצער פאַמיליע, זײַט דער באָבע פּעסע, איז נישט געווען קיין איין פאַל אַ פרוי זאָל מפּלען. די באָבע האָט אויסגעטראָגן אַלע אירע קינדער, אַזוי אויך איר מאַמע, אַזוי אויך די שוועסטער דינה. אויך זי פילט אַפילו נישט די שוואַנגערשאַפט.

„ס'איז מיר זיס מיט דיר צו טאַנצן. נאָר מיט דיר, סטעפאַן", האָט זי אים אײַנגערוימט אין אויער.

גדעון בר־עוז האָט געהאַט צו זיך טענות הלמאי ער האָט צו לאַנג געקלעפּט צו הדהן, איר געשטערט צו פאַרנעמען זיך מיט די געסט ווי די באַלעבאָסטע פון הויז און אין דער זעלבער צײַט האָט ער פאַרנאַכלעסיקט אָנצובינדן אַ תּכלית־שמועס מיט יוכבדן. ער האָט זיך עס נישט געקענט שענקען. ער האָט שוין אַזוי פיל מאָל געלערנט, אַז דאָ אין לאַנד דאַרף מען זאַכן דערליידיקן שנעל, אַזוי שנעל ווי עס קומט די מחשבה, וואָרום אַלץ ענדערט זיך דאָ פון טאָג אויף טאָג: אָט איז גוט און אָט איז שלעכט. אָט איז אַ פּראָספּעריטי און אָט איז אַ „מיתון". אָט שלאָגט מען זיך מיט די אַראַבער און אָט איז ווידער שלווהדיק ווי עס וואָלטן קיין אַראַבער נישט געווען. אָט איז דוד בן־גוריון אַן אויטאָקראַט וואָס זײַן וואָרט איז ווי תּורת־משה און אָט זיצט ער אין שׂדה־בוקר און דאָס איינציקע וואָס ער קען טאָן איז צו טראַכטן ווי אַזוי טוט מען אָן צרות לוי אשכּול, הלמאי ער פאַרנעמט זײַן פּאָזיציע אין דער מדינה.

אייגנטלעך האָט ער, גדעון, שוין לאַנג געדאַרפט רעדן מיט בערל סימקין גופא. זײַן פאָטער, אפרים שטאַרקמאַן, קען זיך אויס גוט מיט די ראשון־לציונער סימ־קינס, נאָך פון דער צײַט ווען רחובות איז געווען אַ דאָרף און ראשון־לציון האָט מען גערופן אויף עין־הקורא. די זיידעס פון ביידע פאַמיליעס פלעגן זיך טרעפן אין וואַדי כאַנין, דאָס הײַנטיקע נס־ציונה, און פירן געשעפטן מיט די אַראַבער פון באר־שבע. פאַר וואָס, האָט גדעון בר־עוז זיך אַליין געפרעגט, פאָר איך נישט אַראָפּ צום טאַטן אין רחובות, ער זאָל רעדן מיט בערל סימקין וועגן איבערגעבן

אים צו פֿאַרזיכערן זײַנע מאַשינען און מענטשן אין נגב? יוכבד מיט אירע קעציש־גרויע תאווה־אויגן האָט פֿאַרשטעלט פֿאַר אים דעם ענטפֿער. נאָר דורך איר וועט ער מאַכן געשעפֿטן מיט די סימקינס. און אַזוי איז געשען, אַז אין איינעם אַ פֿאַר־מיטאָג האָט גדעון בר־עוז טעלעפֿאָנירט צו יוכבדן און געבעטן אַז ער וויל רעדן מיט דוד אַרטאַפֿאַנוס.

„אָ, וואָס פֿאַר אַ טעמבעל איך בין. איך האָב נישט דערקענט אײַער שטים", האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר יוכבדן, „אײַער צאַרטע שטים ווערט פֿאַרדאָרבן דורך דעם אידיאָטישן טעלעפֿאָן".

„איר זענט נישט קיין טעמבעל און דער טעלעפֿאָן איז נישט קיין אידיאָטי־שער", האָט יוכבד געזאָגט מיט אַ שוואַכער שטים, „איך בין פּשוט געשלאָפֿן און דער טעלעפֿאָן האָט מיך איבערגעוועקט, דערפֿאַר קלינגט אַזוי מײַן שטים".

„איך בעט אײַך זייער שטאַרק איבער. טויזנט מאָל אײַ'ם ווערי ווערי סאָרי", האָט ער געבעטן, „איך וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט רעדן מיט אײַער דוד".

„אין דער צײַט איז דוד אַלע מאָל בײַ דער אַרבעט", האָט יוכבד געזאָגט פֿויל.

גדעון איז געוואָרן אויפֿגעלייגט:

„אָ־קעי, אייגנטלעך וואָלט איר מיר געקענט העלפֿן, אפֿשר בעסער פֿון דודן. איך מיין, אַז זיכער וואָלט איר מיר געקענט טאָן אַ געפֿעליקייט, אויב איר זענט גרייט דערצו", האָט ער פּלוצים געמאַכט נידעריקער זײַן שטים זי זאָל קלינגען מענערישער.

„קענט איר מיר זאָגן אין וואָס עס גייט?" האָט יוכבד געפֿרעגט. ער האָט געפֿונען אַ פּאַסיקן ענטפֿער:

„זיכער וואָלט איך אײַך געקענט זאָגן. די איינציקע שטערונג איז די מאָדערנע טעכניק. טעלעפֿאָנען ווערן בײַ אונדז אונטערגעהערט".

„ס'זענען נישט מער בן־גוריונס צײַטן. הײַנט הערט מען נישט אונטער די טעלעפֿאָנען, בפֿרט פֿון אַזאַ נישט־פּאָליטישן מענטשן ווי מײַן דוד", האָט יוכבד אים באַרויִקט.

„פֿון דעסטוועגן, פֿון דעסטוועגן, סייפֿטי פֿוירסט", האָט ער אַרגומענטירט, „ווען איר קענט מיר שענקען אַ פּאָר מינוט וואָלט איך אײַך דאַנקבאַר געווען".

„אפֿשר פֿאַר נאַכט, ווען דוד וועט זײַן פֿון דער אַרבעט?" האָט יוכבד געפֿרעגט.

„אָ, ניין, מותק", איז גדעון צוגעשטאַנען, „שענקט מיר אַ פּאָר מינוט און איך וועל עס אײַך נישט פֿאַרגעסן אַ גאַנץ לעבן".

אַ רגע האָט יוכבד נאָכגעטראַכט. אין טעלעפֿאָן איז געווען שטיל. אין אומ־געדולד האָט גדעון גערופֿן:

„יוכבד, יוכבד, וואָס איז געשען?"

„גאָרנישט איז געשען", האָט זי געענטפֿערט, „איך בין נישט איצט אין דער פֿאָרם אויפֿצונעמען געסט".

„אָ, יוכבד, איך בין נישט קיין גאַסט. בלויז אַ פּאָר מינוט — שלום און ביי־ביי. נישט מער״, איז זײַן שטים געווען אַ טומלדיקע.

איידער יוכבד האָט פֿאַרן שפּיגל צו רעכט געמאַכט אירע האָר, אָפּגעפּרישט די ליפּן מיט אַ פֿעטן רויט־שטיפט און אונטערגעצייכנט אירע וויִעס, האָט זיך גדעון אַרײַנגעשטעלט. ער איז געווען פֿריש ראַזירט, ס׳האָט זיך געטראָגן פֿון אים אַ שאַרף־מענלעכער ריח פֿון ‚אַפֿטער שייוו׳ און אונטערן העמד־קאָלנער האָט ער געהאַט פֿאַרבונדן אַ דינעם פֿאַרביקן שווייס־שאַל.

„עפּעס אײַליקס געשען?״ האָט זי געוואָלט וויסן, „קומט אַרײַן״.

גייענדיק נאָך איר צום סאַלאָן האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט:

„גאָרנישט אײַליק, נאָר איך האָב געלערנט פֿון יענעם דערפֿאַרענעם מאַן, וואָס האָט געזאָגט, אַז וואָס דו דאַרפֿסט טאָן מאָרגן, טו הײַנט און דו האָסט פֿאַרדינט אַ טאָג לעבן. די מעשׂה איז די, אייגנטלעך זעט עס אויס לעכערלעך. אונדזערע פֿאָטערס קענען זיך נאָענט ווי מיר קענען זיך. פֿאַר וואָס זשע דאַרף איך אײַער פּראָטעקציע צו אײַער פֿאָטער? פֿרעגט מיר נישט, וואָרום איך וועל אײַך נישט קענען ענטפֿערן״.

„וואָס וועט איר טרינקען?״ האָט זי אָנגעשטעלט אויף אים אירע בליקן.

„אייגנטלעך טרינק איך נישט בײַ טאָג. אַ־קעי, פֿאַר אײַער כּבֿוד וועגן...״ האָט ער נישט געענדיקט.

„אַ סקאָטש? אַ דזשאָני וואָקער? אַ ברענדי?״ האָט זי נאָכגעמאַכט זײַן שטים ווי ער האָט איר געפֿרעגט בעת דעם וויזיט בײַ די סײַמאָנס.

„אַ גלאָז מילך מיט האָניק״, האָט ער געענטפֿערט מיט געמאַכטער ערנסטקייט און ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

„כ׳וואָלט ווײַטער געפֿרעגט, נאָר איך וועל מער נישט פֿרעגן״, האָט זי זיך צוגעזעצט אויף דער סאָפֿע אַנטקעגן אים.

ער האָט איר אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם אָפּמאַך, וואָס איר פֿאָטער און ברודער האָבן אונטערגעשריבן מיט דעם זיכערהייט־מיניסטעריום וועגן גראָב־אַרבעטן אין ניצנה. ער ווייסט דערוועגן פֿון דער ערשטער קוועלע. דער אָפּמאַך איז אויף גראָבן זאַמד, ווי געווײַנטלעך אין דער מדבר, אָבער אין דער אמתן זענען עס גאָלד־גרובנס. אַלע זעען אַז ס׳איז נישטאָ מיט וועמען צו מאַכן שלום, די אַראַבער זענען פּרימיטיווע מענטשן. אייזלען און קעמלען זענען זייער מאָטאָריזאַציע. ביז זיי וועלן זיך עפּעס אויסלערנען וועלן מיר האָבן אַ גרויס ישׂראל. אפֿשר אַפֿילו אַן אימפּעריע. דעריבער מוזן מיר כּסדר זיך פֿאַרפֿעסטיקן און נאָך אַ מאָל פֿאַרפֿעסטיקן, און צו דעם דאַרף מען גראָבן אין די זאַמדן, האַקן אין די פֿעלזן״.

אין מיטן האָט גדעון אָפּגעהאַקט זײַן התלהבֿות און געזאָגט מיט אַ צערטלע־כער שטים:

„ווייסט, יוכבד, אַזאַ פֿרוי ווי דו האָב איך נאָך אין מײַן לעבן נישט געטראָפֿן. ווען איך זאָל דיך האָבן באַגעגנט איידער כ׳האָב באַגעגנט חדווה, וואָלט איך מיט דיר חתונה געהאַט דעם זעלבן טאָג״.

„און איך וואָלט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן?" האָט זי געוואָלט וויסן.

„אַ מאַן פרעגט נישט. אַן אמתער מאַן רויבט אַוועק אַ פרוי, בפרט אַזאַ פרוי ווי דו ביסט. בחיי, זײַט איך האָב דיך געזען צום ערשטן מאָל ביסטו מײַן ווײַב אין די חלומות. איך בין אייפערזיכטיק אויף דודן. פאַר אָט דער אייפערזוכט האָב איך דאָך אַ מאָל אים אָנגערופן גלות־ייִד. געדענקסט די סצענע בײַ דײַן שושנה? ס'איז מיר געווען פײַנלעך. אָבער יו נאָו, אַן אמתער מאַן איז פעיִק אַ צווייטן מאַן אַוועקלייגן אַ טויטן צוליב אַ פרוי".

„וואָס איז דער גאָלד־גרובן בײַ ניצנה?" האָט יוכבד געפרעגט און די נאָז־לעכער האָבן זיך איר אויפגעבלאָזן פון אײַנהאַלטן זיך נישט צו לאַכן.

„ווײַז מיר דײַן האַנט, איך וויל זען פון דײַן האַנט ווער דו ביסט", האָט ער אויסגעשטרעקט זײַן האַנט צו איר.

ווײַזנדיק אים איר האַנט האָט זי געזאָגט:

„וואָס דאַרפט איר לייענען פון דער האַנט? איך וועל אײַך זאָגן ווי עס איז אין דער ווירקלעכקייט: איך בין אסתר סימקינס אַ טאָכטער. מײַן באָבע האָט גע־הייסן רחל, מײַן עלטער־באָבע האָט געהייסן פעסע, איך בין געבוירן געוואָרן אין ראשון־לציון..."

פּלוצים, ווי ער האָט אָנגענומען איר האַנט האָט ער זיך אויפגעשטעלט און זי אַ ציִ געטאָן צו זיך. אויף אַ רגע האָט זי פאַרלוירן איר גלײַכגעוויכט, דאָך ווען ער האָט זי געפּרוּווט אַוועקלייגן אויף דער קאַשעטע, אויף וועלכער ער איז פריִער געזעסן, האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון אים, אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, די האָר זאָלן איר נישט פאַרשטעלן די אויגן, און זי האָט געזאָגט מיט שטילער געשפּאַנט־קייט:

„איך בעט אײַך גלײַך פאַרלאָזן מײַן הויז. באַזינט זיך און ווערט נעלם!"

הינטערווײַלעכץ האָט זי זיך דערנענטערט צום טישל וואָס אין ווינקל פון צימער און אויפהייבנדיק דאָס טרײַבל פון טעלעפאָן, האָט זי גערעדט קוקנדיק אויף אים מיט חשד:

„זײַט לאָגיש, גדעון. פון דאַנען האָט איר בלויז צוויי וועגן — צוריקקערן אין אײַער ביורא, אָדער די פּאָליציי וועט אײַך פון דאַנען אַוועקפירן".

„יוכבד, איך שטאַרב פאַר אײַך!" האָט ער נישט רעזיגנירט.

„אדון בר־עוז", האָט זי גענומען אַן אָפיציעלן טאָן, „לעבט אָדער שטאַרבט, נאָר מיך לאָזט צו רו". זי האָט דעם טעלעפאָן־אַפּאַראַט גענומען פאַר זיך און אין אַ פּאָזיציע פון פאַרטיידיקונג אָנגעהויבן אָנדרייען דאָס ציפער־רעדל.

„יוכבד, יוכבד, מיר קענען זײַן גליקלעך!" האָט ער זיך דערנענטערט צו איר.

זי האָט אויפגעהויבן דעם אַפּאַראַט אין דער הייך און אים אַ שלײַדער געטאָן אויף גדעונען. ער האָט זיך געשיצט מיט אַן אָרעם, אָבער סײַ ווי האָט דער אַפּאַ־ראַט אים נישט דערגרייכט. ער איז צוריקגעפאַלן און אַ קלאַפּ געטאָן יוכבדן אין אַ פוס. איר פּלוצימער היסטערישער אויסגעשריי האָט גדעונען פאַרטריבן. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט מיט פאַרמאַכטע אויגן און זיך באַמיט צו כאַפּן

אַ טיפֿן אָטעם. אַז זי האָט געעפֿנט די אויגן איז ער נישט געווען אין צימער. זײַן שטים וואָס זי האָט מער נישט געהערט, האָט דאָך געהויערט אין איר: „יוכבד, יוכבד". זי האָט זיך צעוויינט, פֿון אָנהייב ווי עס וואָלט איר שווער געווען צו וויינען, אָבער באַלד איז דאָס געוויין געוואָרן פֿרײַער און פֿרײַער.

דערנאָך, אַז זי האָט זיך אויסגעהעשעט, איז זי אַוועק אין איר שלאָפֿצימער פֿאַרווישן די אויסערלעכע סימנים פֿון דעם וואָס זי לעבט איבער. זי האָט זיך אַפֿילו געשלאָגן מיט דער דעה, צי זי זאָל דערציילן דודן וואָס עס איז געשען מיט איר. פֿאַר דעם באַשעדיקטן טעלעפֿאָן קען זי האָבן אַ תירוץ — ער איז אַראָפּגעפֿאַלן. צי וועט זי האָבן דעם כּוח אויסצובאַהאַלטן וואָס עס געשעט אין איר? זי האָט נישט אויסגעהאַלטן. זי האָט אַפֿילו נישט געקענט צוװאַרטן דוד זאָל זיך מאַכן אַ טוש און אַראָפּוואַשן פֿון זיך, ווי זי פֿלעגט עס אָנרופֿן, „דעם מס־הכנסה מיט די סקאַנדאַלן פֿון די שטײַער־קליענטן".

דוד האָט אויסגעהערט אירע ווערטער מיט גוט־באַהאַלטענער רויִקייט. ער האָט איר דערציילן איבערגעריסן מיט דער איבערחזורנדיקער באַמערקונג: „נאַריש־קייטן", „נאַרישקייטן", „לאָך דערפֿון". דערנאָך, אַז זי האָט פֿאַרענדיקט איר דער־ציילן, האָט ער זי אַרומגענומען און אַ גלעט געטאָן איבער איר בויך:

„אַז דו וועסט פֿאַרטיק ווערן ד ע ר מ י ט, וועסטו בײַ מיר לערנען דזשו־דזשיטסו, זאָלסט אַזעלכן ווי דעם גדעונען קענען אַרויסוואַרפֿן דורכן פֿענצטער. שטעלסט זיך פֿאָר די איבערראַשונג פֿון די פֿאַרבײַגייער ווען גדעון בר־עוז פֿליט דורכן פֿענצטער?"

ער האָט געלאַכט, כּדי אויך יוכבד זאָל לאַכן צוזאַמען מיט אים, נאָר זי האָט נישט געקענט לאַכן. דעם זעלבן אָוונט איז ער אַוועק מיט איר אין אַ קינאָ צו זען אַ לײַכטן פֿאַרווײַלערישן פֿילם. ער איז געווען אומרויִק וועגן איר מצב.

„ביסט גוט צו מיר", האָט זי זיך אָנגעהאַלטן אָן זײַן אָרעם, פֿאַרשטייענדיק, אַז ער איז אומרויִק פֿאַר איר גײַסטיק גלײַכגעוויכט. „איך בין שטאַרקער ווי דו מיינסט".

יוכבד האָט געזאָגט דעם אמת. זי האָט באַצוווּנגען איר אינערלעך פֿלאַטער־ניש און די נאַכט געשלאָפֿן מיט אַ טיפֿן שלאָף ווי נאָך אַ שווערער פֿיזישער אָנשטרענגונג. נאָר ער, דוד, איז, פֿאַרקערט, אויפֿגעשטאַנען מיט קאָפּווייטיק און אומרו.

„איך וועל הײַנט האָבן אַ שווערן טאָג", האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט, „איך האָב באַשטעלט אַ פּאָר סוחרים, זיי אָפּצושינדן פֿון דעם שוואַרצן געלט, און זיי וועלן מיר אָנוויינען אַ פֿול צימער, אַז זייערע ווײַבער און קינדער שטאַרבן פֿון הונגער".

„פֿאַרגעס נישט צו פֿרעגן זיי ווען עס וועט זײַן די לוויה", האָט זיך יוכבד געוויצלט און דערמיט דערוויזן, אַז זי האָט ,פֿאַרגעסן'.

דוד האָט גוט געדענקט. פֿון דער היים איז ער אַוועק צו אַן עפֿנטלעכן טעלע־פֿאָן און געלאָזט וויסן זײַנע חברים בײַ דער אַרבעט אין מס־הכנסה, אַז ער וועט זיך פֿאַרשפּעטיקן. ער מוז גיין צו אַ דענטיסט אײַנצושטילן זײַנע ציין־ווייטאָקן.

ער האָט נישט פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז ער איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און זײַן אַרבעט אין וויטיקן וואָלט סײַ ווי געווען אַרויסגעוואָרפן. אויפגעהאַנגען דאָס טעלעפאָן־טרײַבל איז ער נאָך אַ ווײַלע געבליבן שטיין און זיך פאַרטראַכט דורך וועלכע גאַסן צו גיין, כּדי ער זאָל וואָס שנעלער אָנקומען אין דעם ביוראָ פאַר פאַרזיכערונגען פון גדעון בר־עוז. ער האָט זיך צוריק אויסגעדרייט צום טעלעפאָן־אויטאָמאַט און גענומען אין דער האַנט אַרײַן דאָס טעלעפאָן־בוך. די בלעטער וואָס ער האָט געדאַרפט זענען געווען אויסגעריסן. האָט ער אין שכונות געפונען אַ קליינע קאַפע, באַשטעלט אַן „עספּרעסאָ" און געבעטן דאָס טעלעפאָן־בוך. ער האָט דאָרט געפונען דעם טעלעפאָן־נומער פון דער דירה פון גדעון בר־עוז און געלאָזן אויסגעטרונקען זײַן קאַווע. דערנאָך האָט ער אָנגערופן און געהערט חדווהס שטים.

„בוקר טוב, חדווה, קען איך רעדן מיט אײַער מאַן? איך האָב אים איבערצוגעבן אַ גאַר וואַרעמען גרוס פון זײַן בעסטן פרײַנד".

חדווה איז געווען נײַגעריק צו וויסן פון וועלכן פרײַנד; וועלכער פרײַנד איז דער בעסטער און וואָס איז דער גרוס. האָט דוד איר געענטפערט, אַז וואָס גרעסער ס'איז דער סוד אַלץ שטאַרקער איז די עמאָציע פון דערוויסן זיך דעם סוד. אַז גדעון וועט אַהיימקומען אויף מיטאָג וועט זי, חדווה, האָבן די גרויסע עמאָציע נאָך לאַנגן וואַרטן און ער וועט איר דערציילן פון וועלכן פרײַנד און וואָס פאַר אַ גרוס. ער האָט בלויז געוואָלט חדווה זאָל אים זאָגן צי גדעון איז פון דער היים גלײַך אַוועק אין זײַן ביוראָ, אָדער ער איז נישטאָ אין ביוראָ. זי האָט באַשטעטיקט, אַז שוין צוויי מאָל האָט זי געקלונגען צו אים און ער איז אין משׂרד.

איצט, נאָך דעם ווי ער האָט צוגעזאָגט חדווהן עמאָציע, איז ער אַליין געווען עמאָציאָנירט. ער האָט אין די שטאַרקערע האַרץ־קלעפּ באַשולדיקט דעם „עספּרעסאָ", וואָס איז שוין די צווייטע קאַווע זײַט ער איז אויפגעשטאַנען. אויפן וועג צו גדעונען האָט ער זיך עטלעכע מאָל פאַרהאַלטן און אין זיך גערעדט צו זיך אַליין, ער זאָל זיך באַרויִקן, ער זאָל „עס מאַכן אויף פריילעך" און מיט וואָס גרעסערן פּירסום. ער האָט אַפילו געטראַכט עמעצן מיטצונעמען, ער זאָל בײַזײַן בײַ דעם וואָס עס קען געשען, ווי פּלוצים האָט ער זיך געפונען פאַר דעם אַרײַנגאַנג אין אַ הויז מיט אַ גרויסן שילד „ביטוחים גדעון בר־עוז בע"מ". אינעם ערשטן צימער זענען געזעסן צוויי יונגע מיידלעך בײַ שרײַבמאַשינען און קוים באַמערקט זײַן אַרײַנקומען.

„שלום, קען איך רעדן מיט דעם אדון בר־עוז?" האָט ער געפרעגט.

די מיידלעך, ווי אײן שטריקל וואָלט זיי בײדע אַ ציִ געטאָן גלײַכצײַטיק, האָבן אויפגעהויבן די קעפּ און געפרעגט:

„צו בר־עוז?"

„יאָ, צו בר־עוז".

„איך וועל פרעגן צי ער קען אײַך אויפנעמען. ווי איז אײַער נאָמען?" האָט איינע פון די בײדע געפרעגט און אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן־טרײַבל.

„מען דאַרף נישט פרעגן", האָט ער געענטפערט, „ער איז מײַנער אַ פרײַנד.

אויב איר קענט, קומט אַרײַן צו אים צוזאַמען מיט מיר. דער ענין איז אַ וויכטי־קער״.

נאָך איידער די מיידלעך האָבן זיך פונאַנדערגעקליבן אין דעם געהערטן האָט דוד געעפנט די איינציקע טיר אין אַ ווײַטערדיק צימער. די איבערראַשטע מייד־לעך האָבן אים נאָכגעאײַלט. גדעון האָט זיך פאַרלוירן און אַפילו נישט געקענט ענטפערן אויף דודס איבערטריבן־פרײַנדלעכן „שלום״. דווקא ווײַל גדעונס צע־טומלונג האָט אַרויסגעזעצט אויף זײַן פּנים גרויסע טראָפּנס שווייס, האָט דוד געזאָגט, די צוויי מיידלעך זאָלן הערן:

„אַז אַ פרעמד ווײַב איז נושׂא־חן אין די אויגן פון אַ דזשענטלמאַן, איז נישט פּאַסיק צו קומען און ווען זי פאַרגוואַלדיקן ווען דער מאַן דער גלות־ייִד איז נישט אין דער היים״.

גדעון האָט דערפילט, אַז „עפּעס״ קומט־נאָך און ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון זײַן פאָטעל. גראָד אין דער פּאָזיציע פון אויפשטעלן זיך האָט ער פאַרלײַכ־טערט דודן וואָס האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ אין פּנים, אַז ער האָט זיך געוואַקלט און צוריקגעפאַלן אין פאָטעל. באַלד איז גדעון אויפגעשפּרונ־גען אַנטקעגן אים, נאָר דעמאָלט האָט שוין דוד באַוויזן צו כאַפּן דעם מאַרמאָרנעם אַש־בעכער פון טיש און מיט אים צוגעדעקט גדעונס קאָפּ ווי מיט אַ יאַרמולקע. אַ שטראָם בלוט האָט אַ פלייץ געטאָן איבער גדעונס פּנים און זיך געריזלט אין אַלע ריכטונגען. די מיידלעך האָבן זיך היסטעריש צעשריגן: „משטרה! משטרה!״ דוד האָט צוריק אַוועקגעשטעלט דעם שווערן אַש־בעכער אויפן טיש, אָפּגעריבן איין האַנט אָן דער צווייטער און באַמערקט רויִק:

„רופט נישט די פּאָליציי. רופט ליבערשט דעם מגן־דוד־אדום״.

„ניין, ניין!״ האָט גדעון געשריגן און מיט ביידע הענט געווישט און צע־שמירט דאָס בלוט פון זײַן פּנים, „מען דאַרף נישט די פּאָליציי. רופט אַרויס אַ דאָקטער. שנעל, שנעל!״

דוד האָט באַקוקט זײַנע הענט, די פינגער, און געלאָזן אַוועק. אַלאַרמירטע שכנים אין דעם בשותפותדיקן קאָרידאָר האָבן אים נאָכגעקוקט און געפרעגט:

„וואָס אַזעלכס איז געשען?״

„ווי געוויינטלעך אַ פאַמיליע־סיכסוך״, האָט דוד באַפרידיקט זייער נייגער און פאַרשוונדן.

20

„אסתרל, מיר האָבן מיט אונדזער אײדעם געטראָפן!" האָט בערל סימקין געפּאַטשט אין בײדע זײַטן פֿון זײַן אָפּשטײענדיקן בויך, „שטעלסט זיך פֿאָר ווי יענער, דער אפרים שטאַרקמאַנס זינדל, האָט אויסגעזען ווען דוד האָט אים צוגעדעקט דעם בלויזן קאָפּ מיט אַן אַש־בעכער? בחיי, די רעליגיעזע שותּפֿים צו לוי אשכּולס רעגירונג דאַרפֿן אים אויפֿכאַפּן און אַרײַנזעצן אין דער כּנסת פֿאַר אָנטאָן עמעצן אַ מאַרמאָרנע יאַרמולקע, ער זאָל נישט גײן מיטן בלויז קאָפּ".

אויך אסתר האָט, חלילה, נישט געהאַט קײן תּרעומות צו איר אײדעם, הלמאי ער היט דעם כּבֿוד פֿון יוכבֿדן. נישט מער, דערמיט וואָס ער האָט ביז בלוט צעמזיקט שטאַרקמאַנס זון פֿון רחובֿות האָט דוד אַ ביסל צעטרייסלט אין איר פֿאָרשטעלונג זײַן אײגן געשטאַלט ווי זי האָט אים געזען: אַ זון פֿון ד"ר אליעזר אַרטאַפּאַנוס, אַ ייִדישן אַדלמאַן פֿון פּוילן, אַלײן אַן אײדל קינד, דאַרף נישט כאַפּן זיך שלאָגן ווי די מאַראָקאַנער צי מאָשיקאָס אויף דעם הפֿקר־שטח אין יפֿו. אַ טרוקענעם קלאַפּ — יאָ. די באָבע פּעסע פֿלעגט זאָגן: „אַ קלאַפּ פֿאַרגײט, אַ וואָרט באַשטײט". אויסזידלען אַזאַ פּאָדליעץ און געבן אים אַ טרוקענעם פֿליק וואָלט עס געווען שײן פֿאַר דער וועלט און גוט דערוועגן צו רעדן. אָבער צעבלוטיקן עמעצן מיט אַ מאַרמאָרנעם שטײן האָט ער אים דאָך געקענט אַוועקהרגענען. נאָר דאָס האָט איר געפֿעלט! שלעפּן בערל סימקינס אײדעם אין געריכט פֿאַר טויטן אַ מענטש, שטײן אין די בלעטער און דערפֿרײען די שׂונאים.

דאָס געשעענע האָט רײַפֿער געמאַכט בערל סימקינס מחשבה אַרײַנצונעמען זײַן ייִנגערן אײדעם ווי אַ שותּף אין זײַנע און צבֿיס געשעפֿטן. די מחשבה איז בײַ אים געבוירן געוואָרן באַלד נאָך דעם ווי אסתר האָט אים אָנגעזאָגט די בשׂורה, אַז יוכבֿד שוואַנגערט. ביז דעמאָלט איז אים אַזאַ זאַך אַפֿילו נישט געקומען אויפֿן געדאַנק. הײַנטיקע צײַטן ווײסט מען נישט ווי מען האַלט מיט אַ פֿאָרפֿאָלק. אַט גיט מען אויס אַן אוצר מיט געלט צו פּראַווען אַ חתונה, עלטערן בײַטלען זיך אויס צו קויפֿן אַ שיכּון, מיט מעבל, מיט די אַלע גוטע זאַכן, וואָס אין זײַן צײַט האָט מען אַפֿילו נישט געוווּסט וועגן אַזעלכע, און אָט לויפֿט מען צום ראַבינאַט וועגן אַ גט. דאַרף מען זײַן געהיט, נישט אַרײַנפֿאַלן אין התפּעלות און נישט אָפּטאָן קײן נאַרישקײטן.

ער, בערל, האָט זיך אַלײן אַרויפֿגעאַרבעט. שווער געהאָרעוועט ביז ער איז

צוגעקומען צו זײַן מעמד. אמת, פֿון דער ירושה וואָס איז געבליבן פֿון זײַן צד און פֿון דער פֿון אסתרס צד, האָט ער זײַן אייגנס אַ פּאָר פּרדסים און עטלעכע מגרשים, אָבער אויף צו לעבן היַינטיקע צייטן, מען זאָל אין די אויגן פֿון לײַטן נישט אויסזען ווי אַן אֶביון, קען מען פֿון אַזאַ ירושה נישט האָבן. ווידער, פֿאַר־קויפֿן אַ מגרש אָדער צוויי און דאָס געלט פֿאַרלעבן, קריכט מען אַרײַן אין מענ־טשנס מײַלער, אַז די סימקינס עסן זיך אויף. ווייסט די גאַנצע וועלט, אַז דאָס אויף וואָס מען אַרבעט שווער איז זיס און טײַער ווי דאָס אייגענע לײַב. זענען אים, בערלען, טײַער זײַנע טראַקטאָרן און בולדאָזערס, וואָס ווי זיי גראָבן זיך אַרײַן אין דער ערד, אַזוי פֿירן זיי אים אַרײַן אין די מיניסטעריומס, וואָס פֿאַר־נעמען זיך מיט אַנטוויקלונג פֿאַר דער אַרמיי און פֿאַר אַנדערע מלוכהשע פּראָ־יעקטן.

פֿאַר די יאָרן ווי די מדינה האָט זיך אָרגאַניזירט, און ער איז אַרײַן אין נאָענטע באַציִונגען מיט די הויכע באַאַמטע פֿון די מיניסטעריומס, האָט ער אָפּגע־שפּאָרט אַ פֿאַרמעגן אַז ער וואָלט אייגנטלעך געקענט זאָגן: גענוג. נאָר גענוג הייסט שטאַרבן לעבעדיקערהייט. דאָס האָט ער נישט בדעה. אויסער דעם, אויב צבי איז אַ גלײַכער שותּף צו די געשעפֿטן, ער איז אַ יונגער מענטש, דאַרף דער טאַטע אים העלפֿן ער זאָל וואַקסן און וואַקסן. נישט מער, צבי איז ווי ער, בערל. ער קען אַרומגיין מיט מענטשן, באַוואָרענען זיך, אַז אַ קאָנטראַקט זאָל נישט זײַן אַן אַדוואָקאַטיש שטיקל פּאַפּיר, נאָר זאָל זײַן ברכה און הצלחה, און ער ווייסט אויך ווי אַזוי צו צאָלן און צו באַקומען באַצאָלט, אַז פּנחס ספּיר מיטן שוואַרצן ביכעלע זאָל אים נישט אָפּשינדן די הויט מיט זײַן מס־הכנסה.

די צרה איז וואָס כּדי צו פֿירן די ביכער דאַרף מען זיך באַדינען מיט פֿרעמ־דע מענטשן. מיט פֿרעמדע הענט, זאָגט מען אין יידיש, איז גוט פֿײַער צו שאָרן. גיי און דערצייל אַ פֿרעמדן מענטשן, אַז אויב מען זאָל אַוועקגעבן צו פּנחס ספּיר די פֿולע פֿינף און אַכציק פּראָצענט פֿון די רווחים פֿאַר מס־הכנסה, איז וואָס האָבן מיר פֿון דער גאַנצער פּראַצע? למי אני עָמל? חוץ דעם איז אין דעם צאָלן דעם ריכטיקן מַס וואָס מען וויל פֿון דיר, אַ סכּנה דו זאָלסט בלײַבן נקי. וואָרום דער מס־הכנסה גלייבט דיר סײַ ווי נישט און ער דינגט זיך מיט דיר מער ווי אַ בעדוּינער פֿאַר אַן אייזל אויפֿן שוק אין באר־שבע. וואָס מער דו צאָלסט — אַלץ מער קוועטשט מען דיך. איז אויב דו לאָזט פֿירן דײַנע ביכער אַ פֿרעמדן מענטש, לייגסטו זיך אַרײַן אין זײַנע הענט ווי אַ לעמעלע. מיט איין האַנט פֿירט ער דײַנע ביכער און מיט דער צווייטער האַנט האַלט ער דיך בײַם גאָרגל: „אדון סימקין, איך דאַרף טוישן דעם פֿרידזשידער און איך האָב נישט קיין געלט"; „אדון סימ־קין, איר ווייסט ווי שווער איך אַרבעט און איך מוז מיט מײַן ווײַב אַרויספֿאָרן קיין טבריה זיך אָפּרוען"; די יעקעס זאָגן: „לעבען און לעבען לאַססען" זאָגן זיי. כאָטש בערל סימקין איז אַ באַזאַכטער מענטש, רעגט זיך אויף נאָר דעמאָלט ווען ער איז זיכער אַז דאָס קען אים העלפֿן, פֿון דעסטוועגן קומט אים דאָס בלוט אין קאָפּ אַרײַן ווען דער פֿרעמדער מענטש פֿון די ביכער רעדט צו אים אַזעלכע

ווערטער. וואָרום אין זיי הערט ער די אמתע ווערטער וואָס יענער מיינט צו זאָגן: סימקין, פאַר האַלטן אַ סוד צאַלט מען, און צו דעם וואָס איך דאַרף אויס־באַהאַלטן אין די ביכער, בין איך אַ שטיקל שותף.

אַנדערע אין זײַן מעמד העלפן זיך אַרויס מיט אייגענע. קינדער העלפן צו, דערלאַנגען צו די פּרעמדע הענט פּאַרטיקע חשבונות ווי עס דאַרף צו זײַן. אויסער דעם עלטסטן, צביקע, וואָס איז אַ גלײַכער שותף צו די גראַב־מאַשינען און צו דער פאַלכע אין נגב, גייען די אַנדערע דרײַ זין אין זייערע אייגענע דרכים. ווילן נישט הערן פון טראַקטאָרן, בולדאָזערס, אויפן הימל אַ יאַריד. גדעון דער פּאַראַ־שוטיסט איז פון סאַמע אָנהייב פאַרקאַכט געוואָרן אין זײַנע געלע שיך און אין דעם רויטן בערעט און מ׳קען אים פון צה״ל נישט אַרויסשלעפּן. שפּרינגט איבער די ראַנגעס אַזוי פלינק ווי ער שפּרינגט איבער די גרענעצן, און ווי אַ מיידזשער, אַ רב־סרן איז ער אַרײַן אויף קבע. ער וועט זײַן קליינעם „פּיאַט״ פון צה״ל נישט אײַנבײַטן אויף דעם גרעסטן אַמעריקאַנער טראַקטאָר. די צוויי ווידער, מאָטל דער חבר־הכּנסת, און רפי דער „צוציק״ — פון זיי האָט ער גאָר גרויס נחת. נישטאָ קיין וואָך זיי זאָלן נישט שטיין אין די בלעטער: „דער חבר־הכּנסת מרדכי סימקין האָט געזאָגט״ און „דער חבר פון דער „חרות״־לייטונג רפי סימקין האָט גערעדט״. זיי רעדן אַרויס אַ וואָרט און די בלעטער זאָגן נאָך. מאָטל האָט זיך אַפילו דער־שלאָגן צו זײַן אַ מיטגליד אין דער פינאַנץ־קאָמיסיע פון דער כּנסת. אַוודאי האָט דאָרט די דעה די מערהייט פון מפּא״י, אָבער מאָטלען דאַרף מען קיין פינגער אין מויל נישט אַרײַנלייגן. ווי זאָגט זײַן אסתר, האָט די באָבע פעסע געזאָגט: „אַז מ׳זיצט בײַ דער שיסל קאָפּעט אַראָפּ אַ ביסל״. אַז „חרות״ וועט קומען צו דער מאַכט, וועט מאָטל האָבן די דעה איבער דער גאַנצער שיסל. אין דעם איז בערל אין גאַנצן זיכער. רפי האָט קיין מאָל נישט געזען זשאַבאָטינסקין און אויך אים נישט געהערט רעדן. איז עס אַ רעטעניש ווי עס קומט צו אים אַזאַ מויל אויף שרײַפלעך, וואָס אַלטע רעוויזיאָניסטן זאָגן, אַז ווען זיי הערן רפי רעדן און זיי פאַרמאַכן די אויגן, דאַכט זיך זיי: עס רעדט דער מפקד פון דער תנועה, זאב זשאַבאָטינסקי. דאַנקט בערל גאָט וואָס זײַנע זין פאַרשאַפן אים נחת און כּבוד. אָבער צו אַרויסהעלפן אים אין נאָכקוקן די פינאַנסיעלע זײַט פון זײַנע געשעפטן, פאַר־בינדן די טראַקטאָרן און בולדאָזערס מיט די פּרדסים, און די פּרדסים מיט די שיכּונים, כּדי די שטײַערן זאָלן נישט אַראָפּנעמען פון דעם אַלעם דעם שמאַנט און אים איבערלאָזן ס׳קדחת — קומט עס נישט.

נאָך דעם ווי דוד האָט געוויזן, אַז ער איז אַ גבר, האָט בערל געטראַכט: דער אײדעם קען אים אַרויסהעלפן, ער אַליין זאָל נישט דאַרפן זיך גראַבלען אין די חשבונות, פּאַפּירלעך, קבלות און אַנדערע זאַכן, וואָס קענען פון אַ לײַטישן מענטש אַרויסנעמען דעם מאַרך פון די ביינער. בפּרט אַז דוד איז אַ פּקיד אין מס־הכּנסה און ער קען זיך אויס אין די הינטישע שטיק ווי אַזוי, וואָס און ווען.

ווי נאָר ער אַליין איז פּאַרטיק געוואָרן מיט דער מחשבה, האָט בערל וועגן דעם דערציילט אסתרן און געוואָלט זי זאָל אים זאָגן וואָס זי טראַכט דערוועגן.

„אסתרל״, האָט ער איר געהאָלפֿן טראַכטן, „דײַן אײדעם איז נישט פֿון די וואָס אַרבעטן זיך אַלײן אַרויף. ער איז נישט קײן רומענער און נישט קײן אונגאַר; אַ „פֿראַשע פּאַנאַ״ איז ער, אַ „צאַלויע ראַנטשקי״ מיט האָנאָר איז ער. ער קען דיר אַזוי אָפּזיצן אין מס־הכנסה ביז ער וועט זיך אויסרײַבן די הויזן. אַפֿילו בײַ זײַן טאַטן דעם דאָקטער גיסט זיך נישט איבער. אַ דאָקטער, און ער קען נישט זאָגן דעם קראַנקן וויפֿל ער זאָל אים באַצאָלן, ווי דער קראַנקער וואָלט אים געטאָן אַ טובה וואָס ער לאָזט זיך אויסטאַפּן די נירן צי די לעבער. און יוכבד — נאָך אַ חודש, צוויי חדשים און זי וועט מער נישט קענען אַרבעטן אין שפּיטאָל. בײַ מיר וועט זיך דוד קענען אַרויפֿאַרבעטן. וואָס זאָגסטו דערצו?״

„וואָס קען איך דיר זאָגן?״ האָט אסתר געענטפֿערט מיט אַ פֿראַגע, „אַראָפּנע־מען אים פֿון מס־הכנסה און ער זאָל גײן אויפֿן געהאָלט פֿונעם שווער?״

„וואָס פֿאַר אַ געהאָלט, ווען אַ געהאָלט?״ איז ער איר אַרײַנגעפֿאַלן אין די רייד, „איך וויל אים נעמען פֿאַר אַ גלײַכן שותּף״.

„האָסט גערעדט מיט צביקען?״ האָט זי געוואָלט וויסן, „ס׳איז דאָך אויך זײַן עסק״.

„כ׳דאַרף נישט רעדן״, האָט בערל זיך אָפּגעטרייסלט, „צביקע איז אונדזער זון און וואָס דער טאַטע זאָגט אים, טוט ער״.

„איז טו ווי דו פֿאַרשטייסט״, האָט אסתר געפּסקנט.

בערל סימקין איז גאָר אויפֿן רעיון נישט געקומען, אַז דוד קען זיך קווענק־לען אויף דעם פֿאָרשלאָג פֿון זײַן שווער צו ווערן אַ גלײַכער שותּף צו זײַנע געשעפֿטן. ער, דוד, גייט ווערן אַ טאַטע, יוכבד וועט זיך באַלד אָפּזאָגן פֿון איר אַרבעט אין שפּיטאָל, וועט זיי אויסקומען צו לעבן בלויז פֿון זײַן געהאָלט ווי אַ פּקיד אין מס־הכנסה. פֿאַלט אים אַראָפּ דאָס טעלערל פֿון הימל און ער ווערט אַ מענטש מיט לײַטן גלײַך. דרייט ער גאָר מיט דער נאָז. ער וועט זיך פֿאַרטראַכטן, האָט ער געזאָגט. פֿאַרשטייט נישט בערל וואָס זײַן אײדעם האָט צו טראַכטן. עס איז גלײַך ווי אײנער געווינט אויף דער לאָטעריע דאָס גרויסע געווינס און ער זאָגט: כ׳וועל זיך פֿאַרטראַכטן, צי זאָל איך אָפּנעמען דאָס געווינס, אָדער זאָל עס זײַן מײַן כּפּרה. וואָס טוט זיך דאָ? איז בערל געוואָרן אויסער זיך. צי האָט ער זײַן פֿאַרמעגן חלילה בײַ עמעצן צוגעגנבעט וואָס דער אײדעם דער צדיק וויל נישט געניסן דערפֿון? נישט אַנדערש נאָר די מענטשן פֿון ד אָ ר ט, די פֿון די געטאָס, זענען נישט מיט אַלעמען. יעדער אײנער איז געקומען אַהער מיט זײַן „פּעקל״ און ער קען פֿון זײַן „פּעקל״ נישט פּטור ווערן.

דודס וועלן זיך פֿאַרטראַכטן איז פֿאַר בערלען געווען אַזוי אויסטערליש, אַז ער האָט נישט געוואַרט ביז ער וועט אים געבן אַן ענטפֿער, נאָר ער האָט זיך געלאָזט פֿאַרבעטן אויף אַ קאַווע כּדי אין אַ נאָכמיטאָג צו רעדן מיט אים און מיט יוכבדן. כאָטש יוכבד האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט אַז מיטן ווערן אַ מאַמע וועט זי אויפֿהערן אַרבעטן, איז איר נישט אײַנגעפֿאַלן צו טראַכטן וועגן דעם ווי עס וועט שפּעטער אויסזען מיט זייער אויסקומעניש. זי קומט פֿון אַ זאַט הויז. דער פֿאָטער

האָט איר געקויפט אַ רחבותדיקן שיכון אין רמת־גן מיט אַלעם גוטן וואָס אַ הויז דאַרף האָבן. אייגנטלעך האָט זי געלערנט זײַן אַ קראַנקן־שוועסטער נאָר כּדי צו האָבן דאָס געפיל פון אומאָפּהענגיקייט. דער לוין פאַר איר אַרבעט אין שפּיטאָל אין די אַלע יאָרן האָט איר יעדעס מאָל דערמאָנט, אַז זי איז פרײַ. די עלטערן האָבן איר קיין מאָל נישט געפרעגט וואָס זי טוט מיט דעם געלט, נאָר, פאַרקערט, אָפט געפרעגט, צי זי דאַרף האָבן געלט.

קומענדיק אויף טיי צו דודן, האָט בערל זיך פּלוצים דערפילט שולדיק ווי ער וואָלט אָפּגעטאָן אַ זאַך וואָס ער האָט נישט געדאַרפט טאָן. ער האָט דעריבער מיט אַ געשטײַגערט קול זיך געוואָנדן צו יוכבדן:

„דײַן מאַן האָט דיר דערציילט וואָס איך האָב אים פאָרגעשלאָגן און ער האָט געזאָלט מיר געבן אַן ענטפער?"

„ניין, איך האָב איר נאָך נישט דערציילט", האָט דוד געענטפערט און זיך געוואָנדן צו יוכבדן: „דער פאָטער וויל איך זאָל ווערן זײַן שותף".

„אַ שותף צו וואָס?" האָט יוכבד געקוקט דאָ אויף דודן און דאָ אויף איר פאָטער.

„צו דער פירמע ,דב סימקין את בנו בערבון מוגבל'", האָט בערל פאַרוואָרפן אַ פוס אויף אַ פוס ווי ער וואָלט געוואָלט ווײַזן די וויכטיקייט פון דער פירמע.

„דוד אַ שותף צו אַ פירמע פון טראַקטאָרן, בולדאָזערס און לאַסט־מאַשינען?" איז יוכבדס פּנים געוואָרן ליכטיק.

דוד האָט אַרומגענומען יוכבדן און אויך זײַן פּנים איז געוואָרן אַ פריידיקס:

„איר זעט, שווער, אויך פאַר יוכבדן איז עס נישט אַזוי פּשוט!"

„ס'איז נישט פּשוט, אָבער עס געפעלט מיר", האָט יוכבד אַרויפגעקוקט צו איר מאַן אַ צופרידענע.

„וואָלסט חתונה געהאַט פאַר אַ מאַן מיט טראַקטאָרן און לאַסט־אויטאָס?" האָט דוד געפרעגט, און יוכבד האָט נישט טראַכטנדיק, געענטפערט:

„אויב ער וואָלט געווען דוד אַרטאַפּאַנוס".

„אָט דאָס הייסט אַ גלײַכער שכל", האָט זיגעריש געזאָגט בערל סימקין. „איצט דערלאַנג, טאָכטער, אַ פײַן גלעזל טיי און איך וועל פאָרן זען די מאַמע".

דוד האָט באַפוילן יוכבדן בלײַבן מיטן פאָטער און ער איז אַוועק אין דער קיך צוגרייטן טיי. בערל האָט גענומען אויף זײַן קני די האַנט פון דער טאָכטער און געזאָגט שטיל:

„ווי אַזוי האָבן זיי ד אָ ר ט געלעבט, די פּאָליאַקן? האַנאַראָווע מענטשן; נאָר גיי זיי אַנטקעגן אויף האַרטע אייער. איך לייג אים פאַר ווערן מײַן שותף און ער מאַכט אַ מינע ווי איך וואָלט אים אויסגעגאָסן די מילך".

„דער זון פון אליעזר אַרטאַפּאַנוס", האָט יוכבד געזאָגט שטיל, „דער פאַר־שטאָרבענער ברודער זײַנער אין קיבוץ איז אויך געווען אַזאַ, האַנאַראָווע".

„כ'האָב מורא, אַז די לײַט האָבן פאַרגעסן דעם זייגער ד אָ ר ט און זיי ווייסן

נישט אויף וועלכער וועלט זיי לעבן", האָט בערל געזאָגט מיט אַ ביסל אַ העכערן טאָן און דוד האָט דעם זאָץ געהערט ווען ער האָט צוריקגעקערט פון דער קיך.

„איר זענט גערעכט, פולשטענדיק גערעכט!" האָט דוד געוויזן אַז בערלס באַמערקונג איז צו אים דערגאַנגען. „אונדזער זייגער ד אָ ר ט האָט זיך אָפּגע־שטעלט, דאָרט האָט זיך אײַנגעשטעלט אַן אַנדער צײַטרעכענונג און אויך אונדזערע באַגריפן זענען געוואָרן אַנדערע. דערקעגן דאָ האָט דער זייגער גענומען אַן אימ־פּעט וואָס איז פאַר אונדז, אַלנפאַלס פאַר מיר, אומפאַרשטענדלעך. דאָ לעבט מען ווי אויף אַ סעודה נאָך דעם ווי מ'האָט באַגראָבן דעם מת. ס'האָט אין העברעיִש אַ באַזונדער נאָמען... באַלד..."

„סעודת־הבראה", האָט אים בערל אַרויסגעהאָלפן.

„אמת, סעודת־הבראה", האָט דוד באַשטעטיקט. „אַנטשעדיקונג פאַר דעם וואָס איז געשען ד אָ ר ט נעמט מען. דײַטשלאַנד איז צופרידן, אַז מיר דאָ ווערן איבערזעטיקט. אַ זאַטער קומט נישט מיט טענות. אויך די ייִדן אין דער וועלט קאַרגן נישט קיין טאָלערס. זיי צאָלן אונדז ווי קדיש־זאָגערס. אויך אַמעריקע קאַרגט נישט קיין טאָלערס. מיר טוען דאָ פאַר איר אַ שטיקל אַרבעט. דאַרף איך זײַן אַ שותף צו אַ פאַרטיק געשעפט און אַוועקגעבן זיך אין מלחמות. איז דאָס דער חשבון?"

„אַ פאַלשער חשבון", האָט בערל אַ צי געטאָן די הויזן, „אַ קרומער חשבון. איך לעב נישט פון די דײַטשן און נעם נישט בײַ די דײַטשן. דאָס געלט פון די אַמעריקאַנער ייִדן באַקומט די רעגירונג פאַר איר באַלעבאַטישקייט, און וואָס שײַך דאָס געלט פון דער אַמעריקאַנער מדינה זענען מיר נישט די איינציקע וואָס נעמען געלט, און בײַ אונדז ווערט דאָס געלט אײַנגעטיילט נישט אַנדערש ווי אין אַנדערע מדינות. צו מיר דערגייט עס נישט".

דוד האָט פאַרזשמורעט די אויגן און דורך די אויגן־שפּעלטלעך געקוקט אויף זײַן שווער. יוכבד האָט געפילט, אַז זי דאַרף עפּעס זאָגן, נאָר זי האָט נישט גע־ווּסט וואָס צו זאָגן, כּדי נישט קאַליע צו מאַכן דעם טאַטנס פאַרשלאָג, וואָס אינ־סטינקטיוו האָט זי געפילט, אַז דוד דאַרף אים אָננעמען. בערל האָט געקוקט צום פענצטער און געזאָגט צו קיינעם נישט:

„יונגע מענטשן פאַרשטייען נישט דעם ענין. מיינען זיי וועלן אייביק זײַן יונג און דעריבער טראָגן זיי זיך אַרום מיט... ווייס איך וואָס אידעאַלן, שלום, לינקס, רעכטס, צדק, יושר און אַנדערע שאַלאַמויזן. נאַ דיר אַ גראָשן פאַר דעם אַלעמען. מיר האָבן רעכט צו לעבן ווי אַלע פעלקער. דערצו דאַרפן מיר האָבן אַ גרויסע מדינה, כּדי צו פאַרדינען אויף דעם מיר זאָלן קענען אויסקומען פון אייגענער אַרבעט. ביז מיר וועלן נישט אויסקעמפן אַ גרויסע מדינה, טאָרן מיר נישט מאַכן שלום. שלום הייסט באַנקראָט. ביז יענער צײַט דאַרפן מיר האָבן מער געלט ווי אַלע מדינות. אַז דו גייסט אויף מילואים, מײַן טײַערער, אויף זעקס וואָכן, קאָסטו אָפּ מער ווי דו באַקומסט אין מס־הכנסה געהאַלט פאַר זעקס חדשים. אַזוי דאַרף אויך יעדער באַזונדער זיך באַזאָרגן מיט אַ פאַר פונט אויף מאָרגן, ווײַל מאָרגן

קען אויסברעכן אַ גרויסע מלחמה און די קראַנען וועלן זיך נישט לאָזן מעלקן. פּאַרשטייסט, צוליב דעם מלחמה־מצב און פון נישט וויסן וואָס מאָרגן וועט זײַן, איז יעדער באַאַמטער פאַרשולדיקט ביז איבער די אויערן. ער קען נישט פאַרדײַ־נען אויף דעם מיט וואָס ער וויל זיך פאַרזאָרגן. איך וויל נישט מײַן קינד זאָל עמעצן זײַן שולדיק. פאַר וועמען האָבן מײַנע עלטערן געהאָרעוועט, אויב נישט פאַר מיר? וויל איך אַז אויך מײַנע קינדער זאָלן האָבן פון דעם וואָס איך האָב פון דער פּראַצע. פאַרשטייסט?"

פון דער קיך האָט זיך געהערט דאָס פײַפן פונעם טשײַניק, ווי אַ באַשטעטי־קונג פאַר בערל סימקינס ווערטער. דוד האָט געלאַכט:

„די באַן קומט אָן".

„לאָז מיך, איך וועל דערלאַנגען טיי", האָט יוכבד זיך אויפגעשטעלט זיך אָנשפּאַרנדיק אָן איר פאָטערס אַקסל.

דוד האָט זיך צוגעזעצט אויף יוכבדס פּלאַץ און באַטראַכטנדיק זײַנע נעגל האָט ער געזאָגט:

„דאַכט זיך, איך בין שוין צוואַנציק יאָר אין לאַנד, מער ווי פופצן יאָר אין מלחמות, מילואים און קריזיסן און איך קען זיך נאָך אַלץ נישט צוגעוווינען צו דער היגער גראַוויטאַציע".

„גראַוויטאַציע? וואָס זענען מיר, די לבנה?" האָט בערל געקוקט אויף זײַן אײדעם און אויף זײַן פּנים געזוכט אַ תשובה.

„יאָ, דאָ איז אַן אַנדער גראַוויטאַציע. דער וואָס ווערט דאָ געבוירן קומט אויף דער וועלט אַ צוגעפּאַסטער צו דער היגער גראַוויטאַציע. זײַן מענטאַליטעט איז אַן אַנדערע. זײַן אמונה איז אַן אײַזן־פעסטע כאָטש דו זעסט, אַז איר באָדן איז אַן אײַטעלער. אָפּט בין איך מקנא די סאַברעס. אַפילו די, וועלכע ווערן געבוירן מיט אײדעלע נשמות און פּילבאַרקייט, לאָזן אויף זיך אָנוואַקסן אַ גרעבלעכע הויט. זיי טראַכטן, אָבער דענקען נישט. אַנדערע סאַברעס, מיט אַ מענטאַליטעט ענלעך צו מײַנער, זענען קינדער פון עלטערן וואָס קומען פון אַ וועלט מיט אַן אַנדער גראַוויטאַציע".

בערל סימקין האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

„ווען יעדער מענטש זאָל זיך לאָזן באַהערשן פון די כּל מיני מחשבות, וואָס שטופּן זיך אין קאָפּ אַרײַן, וואָלט ער ווײַט נישט פאַרפאָרן. ווי זאָגן די ענגלענ־דער? שווים אָדער זינק! קיין דריטע ברירה איז נישטאָ. מיר שווימען. דאַרף אויך יעדער איינער וויסן ווי אַזוי צו שווימען, ער זאָל נישט פטרן זײַנע כּוחות אויף נאַרישקייטן".

יוכבד האָט אַרײַנגעבראַכט אַ טאַץ מיט דרײַ גלעזער טיי. דוד איז איר פאַרויסגעלאָפן, געוואָלט איר העלפן, און זי האָט אים מיט אַ פוס אָפּגעשטופּט:

„צי בין איך אין שוואַנגערשאַפט, איך זאָל נישט קענען זיך אַן עצה געבן?"

„אַבי איך האָב דיך חושד געווען אַז דו ביסט", האָט דוד זי צו רו געלאָזט און בערל האָט מיט נחת געקוקט אויף זײַנע צוויי צעשפּילטע קינדער.

21

ד״ר אליעזר אַרטאַפּאַנוס האָט האַרציק געלאַכט פון דעם אופן ווי דוד האָט אים דערציילט ווי אַזוי זיין שווער, בערל סימקין, דריקט אויף אים פון אַלע זייטן, ער זאָל ווערן אַ שותף צו זיינע טראַקטאָרן און בולדאָזערס. ער האָט דערוועגן דערציילט ווי עס דערציילט אַ מענטש ווי אַזוי ער ווערט זיך, נישט צו ווערן אָפּגעגעבן:

„ווי קומט אַ מעדיקערס אַ זון צו גראַב־מאַשינען און צום זאַמד אין נגב? איך האָב געגעבן דעם זאַמד אין נגב בעת די איבונגען אין די מילואים״, האָט דוד געזאָגט אין טאָן פון אַ הלצה.

אין דעם זעלבן טאָן האָט דער פּאָטער געפרעגט:

„און ווי קומט אַ מעדיקערס אַ זון צו אַרבעטן אין מס־הכנסה?״

„דאָס איז אַ קרובישע פּראָפעסיע״, האָט דוד געענטפערט אָן צו טראַכטן. „פרעג מיינע קליענטן און זיי וועלן דיר זאָגן, אַז איך שנייד פון זיי שטיקער, איך שינד פון זיי די הויט און איך בין מקצר זייער לעבן״.

פון דעם הילכיקן און פרייען געלעכטער פון פּאָטער און זון, האָט זיך געפילט ווי געטראָפן ד״ר יצחק אַרמאָזאַ, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם זעלבן דאָקטוירים־צימער אין שפּיטאָל אין צענטער פון תל־אביב. זייט פינף יאָר ווי ביידע מעדיקער אַרבעטן אין דעם זעלבן שפּיטאָל און ביידע זענען אין יענעם נאָכמיטאָג געקומען אויף אָוונט־אינספּעקציע.

ד״ר אַרמאָזאַ איז אַ ספרדי, וואָס האָט גערן צוצוגעבן צו זיין טיטל דאָקטער אויך דעם ‚ס.ט.׳ — ספרדי טהור. די אותיות סמך־טית זאָגט ער אַרויס אויף אַן ענלעכן אופן ווי אַן ענגלענדער לאָזט וויסן זיין אַדל־טיטל פאַר זיין נאָמען. אויסער וואָס ער איז אַ געניטער אינטערניסט מיט אַ פילבאַר האַרץ צו זיינע קראַנקע, פאַרנעמט ער זיך מיט דער אַראַבישער פילאָזאָפיע און איר השפעה אויף די יידישע פייטנים אין דער „גאָלדענער תקופה״. ער איז אַ סאָלידער און שטילער מענטש מיט אַ נטיה צו קורצע צאָרנדיקע אויסברוכן, ווי די אויסברוכן וואָלטן זיך געזאַמלט אין אים דורך אַ לאַנגער צייט און ער איז נישט בכוח זיי מער איינצוהאַלטן. הגם ער אַרבעט צוזאַמען מיט ד״ר אליעזר אַרטאַפּאַנוס, זענען די באַציונגען צווישן זיי קיין מאָל נישט צו נאָענטע. ד״ר אַרמאָזאַ היט אָפּ דיסטאַנס אַפילו אין באַציונגען מיט ספרדים. פון דעם ווייניקן וואָס זיי שמועסן צווישן זיך אויסער

דער פּראָפעסיאָנעלער פּראַקטיק, האָט אַרטאַפּאַנוס פאַרשטאַנען, אַז ד״ר אַרמאָזאַ איז נישט גאַנץ דערמיט וואָס בעת די אינטעלעקטואַלן פון זײַן קרײַז האָבן פאַר־לאָזט אַלזשיר און זיך באַזעצט אין פּאַריז, איז ער עולה געווען קיין ישׂראל. כאָטש ער איז נישט געווען אין אַ מעברה און ווי אַ פּאַרמעגלעכער מענטש האָט ער נישט געהאַט קיין שוועריקייטן אין אײַנאָרדענען זיך, פון דעסטוועגן האָט ער זיך געפילט באַעוולט. די עוולה האָט ער פון אַרטאַפּאַנוסן אויסבאַהאַלטן, נישט גע־וואָלט רעדן וועגן איר.

אין יענעם נאָך מיטאָג, ווען דוד איז געקומען צום פּאָטער אין שפּיטאָל צו דערציילן אים וועגן זײַן שווער, און פּאָטער און זון האָבן פרײַ און פריידיק גע־לאַכט, איז געקומען צו איינעם פון די זעלטענע און קורצע אויסברוכן פון ד״ר אַרמאָזאַ. אַז אַרטאַפּאַנוס האָט באַמערקט דעם אומגעדולד און די פאַרווירונג פון זײַן פאַך־קאָלעגע, האָט ער אים פרײַנדלעך געפרעגט:

„איז עפּעס אומאָנגענעמס געשען, קאָלעגע?״

„כ׳פאַרשטיי נישט דאָס לשון וואָס איר רעדט מיט אײַער זון״, האָט ד״ר אַרמאָזאַ געפּרוּווט זיך באַהערשן, „אָבער איך האָב געהערט דערמאָנען די פירמע ,דב סימקין את בנו׳. אויב עס איז דער דב סימקין את בנו וואָס איך מיין, פון די קבלנים וואָס בויען שיכונים, זענען זיי שווינדלער, אָפּנאַרער. איבעריקנס גע־הערט עס נישט צו דער העפלעכקייט אין מײַן קעגנוואַרט צו רעדן אין אַ שפּראַך וואָס איך פאַרשטיי נישט״.

פּאָטער און זון האָבן זיך אָנגעקוקט מיט פאַרבליפטע בליקן. ד״ר אַרטאַפּאַנוס האָט געזאָגט מיט אַ באַרויִקנדיקן טאָן, ווי ער וואָלט גערעדט צו אַ קראַנקן, וואָס לײַדט וויטיקן:

„באַלד, באַלד, קאָלעגע אַרמאָזאַ. איך פאַרשטיי דאָ נישט די פאַרבינדונג צווישן די צוויי זאַכן. די פירמע ,דב סימקין את בנו׳ איז איין זאַך און די שפּראַך, וואָס איך רעדט מיט מײַן זון איז אַ צווייטע זאַך״.

„דער קבלן סימקין האָט מיך אָפּגענאַרט. איך האָב געקויפט בײַ אים אַ שיכון...״

„דערלויבט מיר, ד״ר אַרמאָזאַ״, האָט אַרטאַפּאַנוס אים נישט געלאָזט פאַר־ענדיקן, „דב סימקין איז סך־הכל דער שווער פון מײַן זון, און נישט איך און נישט מײַן זון זענען זײַנע פאַרשטייער. און וואָס שײַך דער שפּראַך אין וועלכער איך רעד מיט מײַן זון, דאַרפט איר, אַ שפּיטאָל־דאָקטער, האָבן זיך צוגעוווינט צו הערן אין אײַער נאָענטסטער סביבה יעדע מעגלעכע שפּראַך. איך רעד מיט מײַן זון פון זײַן געבוירן אָן יידיש, ווי איר רעדט אַראַביש״.

„מײַן שפּראַך איז פראַנצייזיש!״ האָט נישט אָן שטאָלץ געזאָגט ד״ר אַרמאָזאַ.

„ווירקלעך אַ שיינע שפּראַך. די שפּראַך פון וואָלטער, פון ראַבעלע, פון פלאָ־בער״, האָט אַרטאַפּאַנוס געצויגן די ווערטער, „אויך יידיש האָט זײַן וואָלטער, זײַן ראַבעלע און זײַן פלאָבער, נאָר זיי הייסן אַנדערש״.

„דאָס איז די אַשכּנזישע אײַנרעדעניש״, האָט ד״ר אַרמאָזאַ געזאָגט מיט אַ

טאָן ווי ער וואָלט זיך באַפרײַט פון אַ לאַסט. „די אַשכּנזים האָבן קיין שום קולטור נישט געשאַפן, דעריבער זענען זיי אַזוי חוצפּהדיק נאָך דעם ווי זיי האָבן אין מדינת ישׂראל באַהערשט די מאַכט און קוקן אַראָפּ צו ספרדים און מזרח־עדהס ווי צו פּאַריער״.

„טאַטע, איך באַדויער וואָס איך האָב גורם געווען... מיר וועלן רעדן אַ צווייט מאָל״, האָט דוד אַנגענומען דעם פּאַטערס אָרעם.

„אײַלסט זיך?... בלײַב דאָ, אויב דו אײַלסט זיך נישט. זאַכן דאַרפן זײַן קלאָר״, האָט אַרטאַפּאַנוס אַנגעוויזן מיט דער האַנט, דוד זאָל זיך צוריקזעצן ווו ער איז געזעסן. „איר זעט, קאָלעגע״, האָט ער זיך געוואָנדן צו ד״ר אַרמאַזאַ, „מיר אַרבעטן צוזאַמען אַ היפּשע צאָל יאָרן און איך באַדויער וואָס איר טראָגט זיך אַרום מיט פּאַראורטיילן אויך לגבי מיר. ווי פריִער האָט איר אויסגעמישט די פירמע ,דב סימקין׳ מיט דער שפּראַך וואָס איך רעדט מיט מײַן זון, האָט איר אויך איצט אויסגעמישט צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז די אַשכּנזים האָבן נישט קיין שום קולטור און צווייטנס, אַז די אַשכּנזים האָבן באַהערשט די מאַכט אין ישׂראל און זיי קוקן אַראָפּ צו ספרדים און מזרח־עדהס ווי צו וואַסערטרעגער און האָלץ־העקער״.

„ווי צו פּאַריער, האָב איך געזאָגט״, האָט ד״ר אַרמאַזאַ אים אויסגעבעסערט.

„ריכטיק, איר האָט געזאָגט פּאַריער. איך קען ווירקלעך נישט די קולטור פון די יִידן אין אַלזשיר, צי אין מאַראָקאָ. ווער איך וועגן דער קולטור נישט רעדן קיין וואָרט. איך ווייס נישט. נאָר די קולטור פון די אַשכּנזישע יִידן קען איך גוט. איך האָב זי געלעבט. וויל איך איר זאָלט וויסן: ביז איך בין צוריקגעקומען אַהער, האָב איך ד אָ ר ט נישט געוווּסט וועגן אַשכּנזים און ספרדים. ס׳הייסט געוווּסט האָב איך יאָ, אַז די יִידן אין מזרח־אייראָפּע זענען אַשכּנזים און אַז אין דרום, אויף די באַלקאַנען, אין גריכנלאַנד, אין האָלאַנד, אין צפון־אַפריקע לעבן יִידן ספרדים. איך האָב געלערנט דעם רמב״ם, געלייענט די פּיוטים פון אבן־גבירול, געזונגען די לידער פון יהודה הלוי ווי אייגענע און ס׳איז גאָר קיינעם פון די אַשכּנזישע יִידן נישט אײַנגעפאַלן, אַז ער לערנט און זינגט לידער פון אַ ,פרענק פאַרך׳ און אַז מיר, די אַשכּנזישע יִידן, די געניסער פון זייער שאַפן, זענען „וווּס־ווּס״. און וואָס שײַך דער קולטור פון די אַשכּנזים און פון די ספרדים, פאַרן מיר, טײַערער קאָלעגע, אויף איין וואָגן. ווי די אַשכּנזישע פירער פון דער מדינה האָבן צעבראָכן און פאַרמיאוסט אונדזער קולטור, אַזוי האָבן זיי צעטרייסלט די קולטור פון די ספרדים און פון די מזרח־עדהס, כּדי קינסטלעך צו שאַפן אַ נײַע קולטור אין ישׂראל, אַ זאַך וואָס איז אַזוי מעגלעך ווי אָפּקראַצן די ערד ביז איר גראַניט און אויף דעם גראַניט פלאַנצן אַ נײַע פרוכט, וואָס זאָל נישט זײַן ענלעך צו די פרוכטן וואָס יִידן האָבן געגעסן אין גלות״.

„אײַער יִידיש...״ האָט ד״ר אַרמאַזאַ געפּרוּווט איבעררײַסן די רייד פון אַרטאַ־פּאַנוסן.

„סליחה, קאָלעגע, איך האָב מײַנע ווערטער נישט פאַרענדיקט״, האָט אַרטאַ־

פּאָנוס אויסגעשטרעקט צו אים די הענט, ווי ער וואָלט אים וועלן פאַרהאַלטן, „אײַער שפּראַך, האָט איר געזאָגט, איז פראַנצייזיש. פראַנצייזיש איז אַ שיינע און רײַכע שפּראַך, אָבער זי איז נישט קיין ייִדישע שפּראַך, דאָך האָט איר מיר פאַרריכט, אַז אײַער שפּראַך איז נישט אַראַביש נאָר פראַנצייזיש, ווי זי וואָלט געווען אײַער אייגענע שפּראַך. איך רעד מיט מײַן זון ייִדיש, אַ שפּראַך, וואָס ייִדן האָבן זי געשאַפן און נאָר ייִדן רעדן מיט איר. איך באַדויער וואָס איר ווייסט נישט וואָס אַלץ ס'איז אין דעם דאַזיקן לשון געשאַפן געוואָרן און וואָס פאַר אַן אוצרות עס האָבן צעשטערט די מאַכט־האָבנדיקע אַשכּנזים אין זייער וואַנדאַלישער מלחמה קעגן ייִדיש און אַלץ וואָס איז אין ייִדיש".

„פאַר וואָס זשע שווײַגט איר?" האָט ד"ר אַרמאָזאַ געקוקט דאָ אויף אליעזרן און דאָ אויף דודן.

„אָ, דאָס איז אַ לאַנגע דערציילונג, ווי לאַנג עס איז די דערציילונג פון די מזרח־עדהס, וועלכע זענען מיט רעכט פאַרביטערט אויף די זעלבע אַשכּנזישע פירער און זייער פאַרביטערונג גיסן זיי אויס אויף אַלע „ווּוס־ווּוס", האָט ד"ר אליעזר ווי רעזיגנירט פון דעם וויכּוח.

„וואָס איז מיט דער פירמע ,דב סימקין'?" האָט דוד געפרעגט.

ד"ר אַרמאָזאַ האָט מיט אַ פינגער זיך געקראַצט אין שפּיץ קאָפּ און געזאָגט מיט אַ שמייכל פון פאַרווירונג:

„כ'האָב געהערט איר דערמאָנט די פירמע ,דב סימקין' האָט עס מיך אויפגערייצט".

„איר האָט געזאָגט, אַז זיי זענען שווינדלער און אָפּנאַרער, נישט אַזוי?" האָט דוד געוואָלט וויסן.

„אַלע קבלנים זענען שווינדלער און אָפּנאַרער", האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַרמאָזאַ.

„פאַרזיכטיק, קאָלעגע", האָט אליעזר אויפגעהויבן אַ וואָרענונגס־פינגער, „ס'איז דער קלאַסישער אַרגומענט פון אַנטיסעמיטן: ,אַלע ייִדן זענען גנבים', אויב די פּאָליציי האָט געכאַפּט איין גנב אַ ייִד: ,אַלע ייִדן זענען שולדיק אין קרייציקן ישו'; פאַר איין ייִד זענען שולדיק אַלע ייִדן און אין אַלע צײַטן".

„האָט אײַך סימקין ווירקלעך אָפּגענאַרט?" האָט דוד געוואָלט וויסן.

„מיט פינף יאָר צוריק האָב איך געקויפט בײַ אים מײַן שיכּון. באַצאָלט דעם פולן פּרײַז. שפּעטער, נאָך דעם ווי איך האָב שוין געוווינט אין דעם הויז, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך דאַרף האָבן אַ גרויס צימער. האָב איך געוואָלט דער סימקין זאָל פון צוויי צימערן מאַכן איינעם. האָט ער מיר צוגעזאָגט איין מאָל און צען מאָל, געשלעפּט מיך צוויי יאָר און לסוף נישט געהאַלטן וואָרט. נישט געמאַכט".

„דאָס הייסט נישט באַשווינדלט און דאָס הייסט נישט אָפּגענאַרט", האָט דוד געזאָגט, „איך אויף אײַער אָרט וואָלט זיך באַלד פון אָנהייב נישט געוואָנדן וועגן

אַזאַ זאַך צום קבלן, וואָס בויט הײַזער, נאָך דעם ווי איר ווױנט אין דעם הויז אַ לענגערע צײַט״.

„דאָס, זעט איר, קאַלעגע, איז אַן אַנדער פּרשה״, האָט אליעזר אויסגערופֿן, „נישט קיין שווינדל און נישט אָפּגענאַרט, נאָר פּשוט: ס׳איז אַ שטריך פֿון מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן נישט צו האָבן זין פֿאַר צײַט. ,האָב איך יאָ געזאָגט, האָב איך נישט געזאָגט׳. אויף דעם איז אַפֿילו פֿאַראַן אַ שפּריכוואָרט אין פּױלישן לשון — ,דער ייִדישער באַלד און דעם פּריצס וואָרט צו׳״. מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן האָבן אַרויסגעגעבן אידעאַליסטן, רעוואָלוציאָנערן, קינסטלער, וויסנשאַפֿטלער, לומדים, אָבער צום ווינציקסטן האָבן זיי אַרויסגעגעבן אָרגאַניזאַטאָרן און סיסטעמאַטיקער״.

„דאָ בין איך מסכּים מיט אײַך״, האָט אַרמאַזאַ אויפֿגעלעבט. „דאָס איז ריכטיק. דאָס זעט מען פֿון דעם ווי די אַשכּנזישע מנהיגים פֿירן די מדינה״.

„פֿון דעם זעט מען נאָך גאָרנישט״, איז אַרטאַפּאַנוס אים פֿאַרלאָפֿן דעם וועג. „זעט וואָס אַשכּנזישע ייִדן האָבן אין ארץ־ישׂראל אויפֿגעטאָן ביז דער אַנטשטייונג פֿון דער מדינה. זעט ווי די סימקינס האָבן אויפֿגעבויט שטעט און דערפֿער נאָך דער אַנטשטייונג פֿון דער מדינה. זיי האָבן אויפֿגעבויט אַ לאַנד! נאָר וואָס שײַך פֿירערשאַפֿט, איז דער אמת, אַז די פֿירער קומען אַרויס פֿון דעם זעלבן שיכט אידעאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געבויט און געאַקערט. אָבער צו פֿירערשאַפֿט דאַרף מען האָבן אַן אַנדער קאַטעגאָריע מענטשן. די קאַטעגאָריע איז אַהער נישט געקומען, נישט פֿאַר דער אַנטשטייונג פֿון דער מדינה און נישט נאָך דער אַנטשטייונג פֿון דער מדינה. זיי זענען פֿאַר דעם חורבן אין מזרח־אייראָפּע געווען אין פּוילן, אין ליטע, אויך אין ענגלאַנד, אין דײַטשלאַנד און אין פֿראַנקרײַך און אַוודאי אין אַמעריקע. ס׳קען זײַן, אַז פּאַלעסטינע איז געווען גענוג פֿאַר זייער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, אָבער ווייניק פֿאַר זייערע פּערזענלעכע פּאָליטישע אַמביציעס. מעגלעך אויך, אַז די ציוניסטישע מנהיגים אין דער וועלט האָבן נישט געגלויבט, אַז אין פּאַלעסטינע וועט ווען עס איז זײַן אַ ייִדישע מדינה. זיי האָבן, מעגלעך, געהאַלטן, אַז פּאַלעסטינע איז דער ריכטיקער פּלאַץ ווו יונגע ייִדישע כּוחות פֿון מזרח־אייראָפּע קענען אויסלאָדן זייערע רעוואָלוציאָנערע כּוחות, כּדי נישט צו דאַרפֿן זיך פֿאַרברענען אין די פֿײַערן פֿון פֿרעמדע רעוואָלוציעס. פֿאַר דעם ציל זענען זיי געווען גרייט צו העלפֿן די ייִדן אין פּאַלעסטינע. אָבער פּערזענלעך קומען אַהער? — זיי האָבן מסתּמא געטראַכט, אַז די שיך זענען צו ענג פֿאַר זיי...״

„איר זענט שוין לאַנג אין לאַנד?״ האָט אַרמאַזאַ געפֿרעגט און מיט דער האַנט באַלד זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן, „איר האָט מיר אַ מאָל געזאָגט, קאַלעגע. געקומען באַלד נאָך דער מלחמה״.

„מיט אָט דעם זון״, האָט אַרטאַפּאַנוס אָנגעוויזן אויף דודן. „דאָס איז געווען איין תּקופֿה. אָבער איך בין נישט קיין נײַער עולה אין ארץ־ישׂראל. איך בין אַ רעפּאַטריאַנט. מיר אַלע זענען רעפּאַטריאַנטן. אויך איר, ד״ר אַרמאַזאַ. אין דעם זין איז נישט ריכטיק די אײַנטיילונג אויף אַשכּנזים, ספֿרדים, מזרח־עדהס. קוקט

אַרויס דורכן פענצטער. איר זעט ווי די מענטשן אײַלן? אַלע זענען זיי רעפּאַ־טריאַנטן. ווער עס איז אַ רעפּאַטריאַנט דורך גלגולים זײַט אַכציק, צי נײַנציק דורות, געשטאָרבן און געבוירן געוואָרן און ווידער און אָבער דאָס זעלבע ביז ער איז צוריקגעקומען, און ווער... אָן גלגולים... אַלץ דורכגעמאַכט אַליין... אַזאַ לאַנגער און שווערער וועג... געלעבט, געלעבט, געלעבט און כּמעט מיד געוואָרן צו לעבן און וואַרטן".

אליעזר אַרטאַפּאַנוס איז ווי אַרײַנגעפאַלן אין אַ טראַנס. ד"ר אַרמאָזאַ האָט געקוקט צו דודן, ווי ער וואָלט געזוכט אַן ענטפער אויף דעם וואָס ער הערט. און אַרטאַפּאַנוס האָט ווײַטער גערעדט:

„אין אַלע נסיונות אויף דעם לאַנגן־לאַנגן וועג האָב איך מתפּלל געווען, אַז ווען איך וועל צוריקקומען זאָל ארץ־ישׂראל זײַן אַנדערש ווי אין יענער תּקופה פון די צדוקים און פּרושים, פון העלעניזם און פאַנאַטישן אָרטאָדאָקסיזם. ניין, נישט ארץ־ישׂראל. די געאָגראַפיע פון אַ לאַנד קען מען נישט ענדערן און אויך איר קלימאַט איז נישט צו ענדערן. ארץ־ישׂראל קען אויך נישט באַשטימען ווער עס זאָלן זײַן אירע שכנים. אַפילו גאָט אַליין איז נישט אין שטאַנד צו ענדערן די געאָגראַפיע פון זײַן וועלט. אָבער נאָך אונדזערע נסיונות פריִער דאָ און דערנאָך אין דער וועלט, האָבן מיר געדאַרפט, מיר האָבן ג ע מ ו ז ט לערנען, אויב מיר קערן צוריק, כּדי נישט דורכצומאַכן אַ נײַעם ציקל פון חורבן. כ׳האָב געהאָפט, אַז די באַגײַסטערטע פאַר שיבת־ציון אָן צו וואַרטן אויף משיחן וועלן לערנען נישט בלויז קאַרל קאַוטסקי און פערדינאַנד לאַסאַל, צי קאַרל מאַרקס און משה העס, נאָר אויך די געשיכטע פון די נסיונות דאָ אין לאַנד פאַר דער צײַט פון אַלעקסאַנדער יאַנאַי און זײַנע זין... די געשיכטע איז ווידער געוואָרן אַקטועל. העלעניזם אין אַן אַנדער געשטאַלט און דער זעלבער רעליגיעזער פאַנאַטיזם ווי אַ קוואַל פון מאַכט... און איך, אליעזר אַרטאַפּאַנוס, האָב אַזוי שטאַרק געבענקט אַז מײַן באַנײַט ארץ־ישׂראל זאָל זײַן אַ לאַנד פון יידישער גײַסטיקייט, אַ היים פאַר דעם המשך פון די אַלע גרויסע ווערטן, וואָס יידן האָבן געשאַפן ווי אַ וועלט־פאָלק און ווי אַן איירפּעיִש פאָלק, וואָס האָט אויך פאַריידישט וואָס גוט איז בײַ אַנדערע פעלקער. גאָט האָט מײַן תּפילה נישט אָנגענומען. זעט אויס אַז ווי ארץ־ישׂראל קען נישט ענדערן איר געאָגראַפיע, איר קלימאַט און אירע שכנים, אַזוי קען זי אויך נישט ענדערן דעם שטײַגער פון די יידן, וואָס ווערן באַאײַנפלוסט פון דער געאָגראַפיע און פונעם קלימאַט..."

אליעזר האָט פּלוצים איבערגעריסן, אַ קוק געטאָן אויפן זייגער פון זײַן האַנט און זיך אַרומגעקוקט. ער האָט געווישט דעם שווייס פון זײַן שטערן.

„דו זעסט אויס מיד", האָט דוד אָנגענומען דעם פּאַטער בײַם אָרעם.

„נישט מיד", האָט מיט אַ מידן שמייכל געזאָגט אַרטאַפּאַנוס. „אפשר גערעדט מיט צו פיל לײַדנשאַפט. קענסט דײַן פּאַטער".

„זעט אויס, אַז אידעען און מחשבות פון איין און דער זעלבער קאַטעגאָריע

ווערן געבוירן גלייכצייטיק אין מוחות פון מענטשן, וואָס זענען אַפּילו דערווייטערט פון זיך", האָט ד"ר אַרמאַזאַ באַמערקט.

„ווי דערפינדונגען", האָט אַרטאַפּאַנוס באַשטעטיקט.

„אויך נייע מחשבות זענען דערפינדונגען", האָט אַרמאַזאַ אויסגעשטרעקט די האַנט צו אַרטאַפּאַנוסן, „מיר אַרבעטן צוזאַמען אַזוי פיל יאָרן און ערשט היינט, אַ דאַנק אייער זון, צי אַ דאַנק דעם קבלן דב סימקין האָב איך אייך דערקענט און אויסגעפונען, אַז נישט אָפּגערעדט טראָגן מיר אין זיך ענלעכע אידעען".

„און ענלעכע ביטערנישן", האָט אַרטאַפּאַנוס צוגעגעבן. „איך האַלט נישט אַז אונדזער שמועס איז פאַרענדיקט, קאָלעגע. אויב אייך איז אָנגענעם, וועל איך אייך פאַרבעטן צו מיר אַהיים אויף קאַווע — איך וועל טרינקען קאַווע מיט מילך און איר מסתמא קאַווע מיט העל. דער 'ווס־ווס' האָט זיינע געוווינהייטן און דער 'פרענק' האָט זיך זיינע געוווינהייטן".

„גערן, גערן, קאָלעגע", האָט ד"ר אַרמאַזאַ געזאָגט מיט אַ טאָן פון שולד, „נאָר קאַווע אָן העל".

„און וואָס זשע וועט זיין מיט מיין שותפות מיט די טראַקטאָרן און בולדאָזערס?" האָט דוד געוואָלט וויסן, „איך בין ספּעציעל געקומען פון רמת־גן דאָ, צו דיר אין שפּיטאָל. מיין שווער לאָזט מיר נישט רוען".

„וואָס מאַכט יוכבד?" האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגעמיטן צו ענטפערן אויף דער פראַגע.

„אויסגעצייכנט. כאָטש גיי מיט איר יעדן אָוונט אין אַ דיסקאָטעק... איך וועל ענטפערן מיין שווער..."

„אין דעם פאַל פאָדער נישט פון מיר קיין עצה, מיין זון", האָט אליעזר אַ גלעט געטאָן דודן איבערן קאָפּ, „געדענקסט וואָס דער ערשטער מאָן האָט געזאָגט וועגן זיין ווייב? ,אין דעם דאָזיקן פאַל איז זי ביין פון מיין ביין און לייב פון מיין לייב... און זיי ווערן איין לייב'. פרעג דיין אייגן לייב, און ווי זי וועט דיר עצהן אַזוי זאָלסטו טאָן. יוכבד איז אַ קלוגע און פאַרנונפטיקע פרוי".

„זי איז, טאַטע!" איז דוד געוועזן געשמייכלט און ער האָט געזאָגט צו ד"ר אַרמאַזאַ: „איך מוז זיך פאַר אייך באַרימען, דאָקטער, אַז איך האָב אַ זייער קלוגן פאָטער".

„אָן שום ספק", האָט אַרמאַזאַ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

22

ווי אַ מאָל, אין אַ גאָר־גאָר ווײַטן אַמאָל, איז אליעזר אַרטאַפּאַנוס אַרויס פון דער קליניק נאָך דעם ווי דוד איז געבוירן געוואָרן און ער האָט אויף דעם אָוונטיקן הימל געזוכט זײַן שטערן, אַזוי אויך איז געשען דאָס מאָל, ווען יוכבד האָט אים געבוירן אַן אייניקל, אַ זון פון דודן. נאָר אליעזר האָט נישט געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס וואָס ס׳געשעט איז אויך געשען אין אַן אַנדער וועלט, אונטער אַן אַנדער הימל און אפשר אין אַן אַנדער לעבן. מער איז געווען זײַן געפיל, אַז אין דעם קליינעם געסל פון תל־אביב, בײַם אַרײַנגאַנג אין שפּיטאָל, שטייט ער שוין זינט קדמונים. אפשר איז ער דאָ געשטאַנען מיט איבעררײַסן פון דורות, און פון צווישן די צווײַגן פון דיביימער געזוכט דעם ,קליינעם בער׳, אין וועלכן עס איז אינקרוס־טירט זײַן גורל אין ליכטער? אויך די פרייד, וואָס האָט אים באַפליגלט און צע־שפּאַרט, אַז נאָך אַ רגע און אַ פּאַרקוקטער אין הימל וועט ער אַנהייבן שוועבן, איז געווען אַזאַ אַז איר דויערהאַפטיקייט איז געווען פון אייביקייטן אָבער ערשט איצט האָט ער דערפילט איר פּאַטאָס.

ווי אַ מאָל, אין אַ גאָר־גאָר ווײַטן אַמאָל, איז ער באַשטאַנען דערויף צו זײַן דערבײַ ווי עס קומען זײַנע קינדער אויף דער וועלט, ער האָט געווישט דעם שווייס פונעם פּנים פון זײַן צעווייטיקט ווײַב, כּדי דורך דעם ציטער פון איר לײַב זאָל ער זײַן באַטייליקט אין ברענגען זײַן אייביק לעבן אויף דער וועלט, אַזוי אויך איז ער באַשטאַנען צו זײַן דערבײַ ווי יוכבד וועט מיט איר נײַ־געבוירן קינד געבן דעם סימן פון אייביק לעבן. ער וואָלט אַוודאי וועלן, אַז נעבן דער בראַכשטול זאָל זײַן אויך דוד; ער זאָל קענען זײַן קינד פון דער רגע ווען עס קומט אויף דער וועלט, ווען עס טיילט זיך אָפּ פון דער מוטער און עס ווערט דער קנופּ צווישן ביידע. אָבער דוד איז אין יענע טעג געווען אויף מאַנעווורעס אין רעזערוו־דינסט.

אין די דרײַ וואָכן האָט ער געהאַט קוים איין געלעגנהייט טעלעפאָניש אָנצו־רופן יוכבדן און פרעגן וועגן איר מצב. זי האָט קונציק אויסבאַהאַלטן פון אים איר ערב־געבורט־אומרו און אים באַרויקט, ער זאָל נישט זאָרגן וועגן איר. מעגלעך אַפילו אַז זי האָט געהאַט אַ טעות אין חשבון און זי וועט געלעגן ווערן נאָך דעם ווי ער וועט שוין זײַן צוריק אין דער היים. מיט אַ שמחהדיקע שטים האָט זי אים געעצהט ער זאָל „קעמפן פאַרן פאָטערלאַנד מיט אַלע זײַנע כּוחות און שלאָגן דעם שׂונא ביז צום סוף״. און ער האָט איר געענטפערט, אַז דערווײַל זעט ער נישט

דעם שׂונא און בלית־ברירה שלאָגט ער זיך מיט די פּאַטערלענדישע זאַמדן פון נגב, וואָס אַטאַקירן אים אַפילו אין דער זופּ. יוכבד האָט אין טעלעפאָן־טרײַבל אַרײַנגעלאַכט אַ מיידלש געלעכטער.

נאָכן אָוועקלייגן דאָס טרײַבל האָט יוכבד אָנגערופן איר שוועגער, ער זאָל איר עצהן, צי זאָל זי באַצײַטנס גיין אין דער קליניק, ווײַל זי האָט דאָס געפיל, אַז עס קלײַבן זיך אויף איר געבורט־ווייען. אליעזר האָט איר אומרו אײַנגענומען מיט גלעטנדיקע ווערטער, אַז ווי אַ קראַנקן־שוועסטער דאַרף זי אַליין וויסן, אַז ווייטיקן דאַכט זיך נישט; ווייטיקן אַלאַרמירן, און אויב דער אַלאַרם איז נישטאָ — דאַרף זיך איר נישט דאַכטן. אויף צו מאָרגנס אין אָוונט איז ער געשטאַנען בײַ איר בראָכשטול און פון איר פּנים געווישט די טראָפּנס שוויס. דורך די שפּיצן פון זײַנע פינגער האָט ער געפילט דעם ציטער פון איר לײַב. אויך אין די ווײ־קראַמפּן אויף איר פּנים האָט פון יוכבדן אַרויסגעליכטיקט אַ קוואַל פון לויטער ליכט. און אַז זי האָט זיך מיט די פינגער אײַנגעביסן אין זײַן אָרעם, האָט ער געגלעט איר האַנט, דערנאָך מיט זײַנע פינגער געקעמט אירע האָר און זי געמוטיקט: „אָטעם טיף און שרײַ, שרײַ אויף דער גאַנצער וועלט". דער אַקושער מיט די פּלאַסטיק־הענטשקעס אויף די הענט און מיט דעם טאַמפּאָן איבערן מויל, האָט צו אים אַ וווּנק געטאָן און אַרטאַפּאַנוס האָט קוים באַגריפן זײַנע פּאַרטויבטע ווערטער: „די וועלט איז סײַ ווי טויב. מען דאַרף איר צוריכטן אַ הער־אַפּאַראַט". יוכבדס גוף האָט אַ ציטער געטאָן: זי האָט אָפּגעגעבן דאָס קינד אין די הענט פון דעם אַקושער ווי אַ בוים גיט אָפּ זײַן רײַפע פרוכט.

„אַ פּאַראַשוטיסט איז געבוירן געוואָרן!" האָט דער אַקושער אויפגעהויבן דאָס עופעלע בײַ די פיסלעך.

איצט האָט אַרטאַפּאַנוס אַ קוש געטאָן יוכבדן אין שטערן און געזאָגט:

„ביסט בראַוו, טאָכטער. אַ דאַנק דיר אויך אין נאָמען פון דײַן דודן".

פון דער רגע אָן האָט אַלץ וואָס איז געשען אויסגעזען ווי עס וואָלט נאָר־וואָס געשען און עס חזרט זיך כּסדר איבער. אַפילו דער קוש אין שטערן פון יוכבד איז געווען ווי אַן איבערחזרונג. אויך דער אויסרוף „ביסט בראַוו, טאָכטער!" איז אַן איבערחזרונג פון אַן אויסרוף וואָס איז שוין אַ מאָל, אָדער מיט אַן אויגנבליק פריִער, אַרויס פון זײַן מויל. און אפשר געדענקט ער נישט, אַז ער האָט צוויי מאָל איבערגעחזרט די ווערטער אין דער זעלבער רגע?

ס'איז געווען די צײַט פון ערב פּסח. די רעגנס האָבן אין דעם יאָר אָנגע־קוואָלן די ערד פונעם לאַנד, און פעלד און בוים האָבן זיך צעבליט. דער אָנגע־יאָגטער ריח פון די ווײַטע פּרדסים האָט פאַרשיכּורט דעם אָוונט. דער בלי־ריח איז אַרײַנגעדרונגען אין די קאָרידאָרן פונעם שפּיטאָל און זיך אויסגעמישט מיט דעם ריח פון סטערילקייט. ד"ר אליעזר איז געווען פול מיט פריידן, און אַ פריי־דיקער אימפּעט האָט לײַכט געמאַכט זײַנע טריט, ווי ער אַליין וואָלט זיך נאָר־וואָס באַפרײַט פון אַ גורל־לאַסט. דאָך אין דעם שמאָלן געסל צום שפּיטאָל איז ער גע־בליבן שטיין און אַרויפגעקוקט צום הימל. די צווײַגן, וואָס זענען נאָך נישט געווען

באַבלעטערט, האָבן צעאָדערט דעם ראָזולעכן הימל, באַלויכטן פון די שטאָט־ליכ־טער. צוליב עפּעס־וואָס האָבן די צווײַגן אויף דער פּאָן פון דעם ראָזולעכן הימל אים אויסגעזען ווי אַ ריזיקער צעאָדערטער מענטשלעכער שטערן. און אויף אָט דעם שטערן האָט ער געזוכט די שטערנס פון זײַן קאָנסטעלאַציע. נאָר זײַן געפיל איז חלומדיק. ער האָט נאָר־וואָס געזען די שטערן, זייער היימיש ליכט, און וואָס פאַר יעדן האָט ער, אָדער געהאַט אַ נאָמען. איצט זעט ער זיי נישט. צי האָבן די צווײַגן אָפּגעווישט די שטערן, אָדער דאָס ראָזולעכע ליכט האָט זיי פאַרדעקט ווי מיט אַ טוך? איז ער אַרויס פון דעם שמאָלן געסל מיט אַזאַ לײַכטן טריט ווי ער וואָלט געווען אַ יונגערמאַן, וואָס לאָזט זיך אַוועק דורך דער שטאָט אָן אַ ציל, וואָס איז פאַר זיך אַליין אַ ציל. מיט דער זשאַבאָטינסקי־גאַס איז ער אַוועק אויף מערב, אין דער ריכטונג צו דעם ווילדן ים־ברעג, איבער פעלזיקע בערגלעך, די איינציקע אויף דעם תל־אביבער פלאַך. דאָ, בײַם ים, אויף דעם בערגל, האָט ער געפונען זײַן שטערן־קאָנסטעלאַציע, וואָס האָט זיך געהוידעט איבערן פינצטערן ים־תהום צווישן טונקל־גרויע וואָלקנדלעך. דאָס געזעמל שטערן איז ווי אָנגע־שווומען פון דער טיפער ווײַטקייט נאָר כּדי אים צו דערפרייען. אָבער ווי ער האָט דערבליקט די שטערן מיט פרייד, ווי מען דערבליקט נאָענטע פרײַנד נאָך אַ לאַנ־גער צײַט נישט זען זיי, אַזוי האָט אים אַרומגענומען אַן אויסטערלישע פאַרווירונג.

אַ פלוצימע קעלט האָט אַ יאָג געטאָן אויף אים פון דער ים־ווײַטקייט און ער האָט זיך אַליין אַרומגענומען, זיך געטוליעט צו זיך אַליין. די שטערן־קאָנסטעלאַ־ציע האָט אים געצויגן צו זיך, אַזוי ווי אַ באַוועגלעך שיפל אויפן ים גיט דעם שטייענדיקן אויפן ברעג דאָס געפיל, אַז עס שיפט אים מיט מיט זיך. נאָר שטאָט די קאָנסטעלאַציע זאָל זיך דערווײַטערן, ווי עס איז געווען זײַן געפיל, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער, זיך בולט געמאַכט אונטער די טונקל־גרויע וואָלקנדלעך, און ער האָט דערזען אין איר פינף טונקעלע לעכער, איבער צוויי ליכטיקע שטערן, ווי די לעכער פון אַ שטיק צירונג פון וועלכע די ליכטיקע איידלשטיינער זענען אַרויסגעפאַלן. מיט ביידע הענט־פלאַכן האָט ער זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים ווי עס פלעגט עס טאָן זײַן ווײַב, לאה, בײַם בענטשן די שבת־ליכט, און פון דער וואַרעמקייט פון זײַן אייגענעם הויך האָט ער דערפילט דעם ריח פון איר פּנים פון דעמאָלט, ווען זי פלעגט שטראַלן צו אים מיט אַזאַ אומגעהײַערער ליבשאַפט. דורך זײַנע אייגענע הענט און דורך דעם ריח האָט ער געזען ווי די אויבערשטע צוויי טונקעלע לעכער אין דער שטערן־קאָנסטעלאַציע גייען אויף מיט ליכט און פילן זיך אָן. אין דעם אויבערשטן — צעליכטיקט זיך דאָס קופּער־גלאַנציקע פּנים פון דני. אין דעם אונטערשטן — דאָס פריש־געבוירענע עופעלע, וואָס אַ שטאַרקע האַנט פון אויבן האָט עס בײַ די פיסלעך מיטן קאָפּ אַראָפּ. ער הערט בולט דאָס געשריי מיט וועלכן עס קומט אויף דער וועלט נײַ לעבן. דער „קליינער בער״ ציטערט, ציטערט. דער געוויש פון די ים־כוואַליעס אין דער פינצטערניש האָט דערמאָנט אַן ווײַטע דונערן.

ער האָט נישט געפילט די צײַט. מיט דער וואַרעמקייט פון דעם אייגענעם

הויך אין די הענט איבער זײַן פּנים, און מיט דעם וואָס ער האָט געזען דורך זײַנע הענט, האָט ער אַפילו נישט געהערט וואָס עס טוט זיך אַרום אים, אויסער דאָס קלאַפּן פון די כוואַליעס. צוויי מענער אין ציווילער קליידונג פוןביידע זײַטן האָבן באַרירט זײַנע אַרעמס און אים אויפגעוועקט:

„אַדוני, אײַער תעודת זהות!"

אליעזר איז נישט געווען איבעררײַשט. ער האָט אַ קוק געטאָן דאָ לינקס און דאָ רעכטס, געדאַכט האָט זיך אים, אַז די מענער פון ביידע זײַטן זענען איינער און דער זעלבער, און ער האָט געפרעגט:

„מײַן תעודת־זהות? פאַר וואָס?"

איינער פון די צוויי מענער האָט אַ בליץ געטאָן מיט אַן עלעקטריש לעמפּל, ווי ער וואָלט עמעצן געגעבן אַ סיגנאַל, און געזאָגט טרוקן:

„פרעגט נישט קיין קשיאָס. מ'הייסט אײַך ווײַזן אַ דאָקומענט — ווײַזט מען".

„ווער זענט איר?" האָט ער געוואָלט וויסן.

„פּאָליציי", האָט דער צווייטער מאָן געענטפערט.

„מ'קען אין ערגעץ נישט זײַן מיט זיך אַליין", האָט אליעזר געמורמלט בלויז פאַר זיך.

„בעסער מיר זאָלן שטערן אײַער זײַן אַליין איידער פּאַלעסטינעזער טעראָ־ריסטן זאָלן אײַך שטערן", האָט דער זעלבער מאָן געזאָגט און אויסגעשטרעקט די האַנט.

אליעזר האָט געזוכט אין די טאַשן. אַ רגע האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער האָט נישט בײַ זיך זײַנע דאָקומענטן און זײַן זוכן איז געוואָרן אומרויִקער.

„אין מײַן אַמאָליקער היים, אין וואַרשע, בײַ אַן ענלעכער געלעגנהייט האָט מיר דער פּאָליציימאַן אויפגעקלערט, אַז אַ מענטש באַשטייט פון צוויי טיילן: פון אַ גוף און פון אַ פּאַספּאָרט", האָט אליעזר געצויגן זײַנע ווערטער, כּדי צו געווינען צײַט. ער האָט לסוף געפונען דעם דאָקומענט און געוואָרן האָפערדיקער: „חלל־שיפן פּרוּוון זיך אַראָפּזעצן אויף דער לבֿנה, אָבער וועגן אַן אויטאָמאַטיש גלעקל צו אַ תעודת־זהות אין דער קעשענע האָט נאָך קיינער נישט געטראַכט". ער האָט דעם דאָקומענט דערלאַנגט צו דעם פּאָליציימאַן, וואָס איז געשטאַנען פון זײַן רעכ־טער זײַט און דער האָט אים אָנגענומען אָן איבעריקן ווילן. ער האָט קוים אַרײַנ־געקוקט אין אים אונטער דעם ליכט פון דעם עלעקטרישן לעמפּל און געזאָגט: „בסדר".

„איז עפּעס אויסטערלישס געשען?" האָט אליעזר געפרעגט.

„ניין, גאָרנישט אויסטערלישס", האָט דער פּאָליציימאַן געענטפערט און דער צווייטער האָט געפרעגט:

„וואַרט איר דאָ אויף עמעצן?"

„דאָ וואַרט איך אויף קיינעם נישט", האָט אליעזר אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל אין דער ריכטונג פון ים, „אַפילו נישט אויף משיחן. אויב ער וועט קומען

וועט ער נישט קומען מיטן ים, סײַדן דעמאָלט וועלן שוין זײַן אַמפּיבישע אײַזלען.
סאַברעס?" האָט אליעזר דערנענטערט זײַן קאָפּ צו די אומבאַקאַנטע.
„ניין", האָבן ביידע געענטפערט גלײַכצײַטיק. איינער האָט געזאָגט:
„איך בין אַ וווס־ווווס, געבוירן אין פּוילן. און איר?"
„געבוירן אין ארץ־ישׂראל און נישט קיין סאַברע", האָט אליעזר געענטפערט ווי ער וואָלט געגעבן אַן אויפגאַבע צו טרעפן.
„פון דעם אַלטן ישוב אין ירושלים?" האָט דער פון פּוילן געוואָלט טרעפן.
„פון דעם גאַר־גאַר־גאַר אַלטן ישוב אין ירושלים. פון די עלטסטע וואָס איר וועט אין ישׂראל געפינען. און איר פון וואַנען זענט?" האָט אליעזר געפרעגט דעם צווייטן.
„געבוירן אין ליביע", האָט ער געענטפערט נישט גערן.
„אינטערעסאַנט, אינטערעסאַנט", האָט אליעזר ווי געמורמלט, „אַ ייִד פון פּוילן און אַ ייִד פון ליביע היטן מיך אויפן ברעג פון ארץ־ישׂראל. אויב זענט פון פּוילן, ווען זענט איר געקומען אין לאַנד אַרײַן?"
שטאָט אַן ענטפער האָט דער פּאָליציימאַן פאַרשאַרצט דעם אַרבל און אויף דעם נאַקעטן אָרעם באַוויזן מיטן עלעקטרישן לעמפּל אַן אויסטאַטויִרטן נומער. אויך אליעזר האָט פאַרשאַרצט דעם אַרבל און דעם אַנטנאַקעטן אָרעם אונטערגע־רוקט אונטער דעם ליכט.
„אויך אָשוויענטשים?" האָט דער יונגערמאַן פון פּוילן געפרעגט מיט אַ טאָן ווי ער וואָלט פּלוצים אַנטדעקט אַ קרוב.
„ווי דען אַנדערש? פון דעם זעלבן טיגל אַרויס, נישט דורך דעם קוימען", האָט אליעזרן אַרומגענומען אַ רחמנות אויף דעם פּאָליציימאַן. „ווי אַלט זענט איר, אויב איר האָט באַוויזן צו זײַן אין אָשוויענטשים און דאָ זענט איר אין דער פּאָליציי און איר זענט אַזאַ יונגער מענטש?"
„איך בין געבראַכט געוואָרן מיט מײַן פאָטער קיין אָשוויענטשים ווען איך בין אַלט געווען דרײַצן יאָר. מײַן פאָטער האָבן די דײַטשן דערשאָסן נאָך פאַר דער סעלעקציע, בײַם אַפּעל. דער פאָטער האָט מיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן, ווײַל פון אונדזער טראַנספּאָרט זענען די קינדער גלײַך פון די וואַגאָנען געפירט גע־וואָרן צו פאַרגאַזן, אויסער עטלעכע וואָס די עס־עס האָבן דערלויבט מיטצוגיין מיט זייערע פאָטערס אָדער מוטערס. מײַן פאָטער האָט מורא געהאַט איך זאָל מיטגיין צום אַפּעל און ער האָט מיר באַפוילן איך זאָל זיך באַהאַלטן אונטער אַ נאַרע. דער קאַפּאָ האָט מיך אַרויסגעשלעפּט און פאַרמסרט פאַר דעם דײַטש. האָט דער דײַטש געפאָדערט פון מיר איך זאָל אָפּגעפינען מײַן פאָטער אין די רייען בײַם אַפּעל. אַנטקעגן מיר האָט ער געהאַלטן אויף אַ קייט אַ וואָלף־הונט, וואָס איך האָב געפילט אויף מײַן פּנים זײַן הייסן פאַרצערערישן אָטעם. איך האָב מײַן פאָטער אָפּגעפונען. דער דײַטש האָט אַרויסגענומען פון דעם טעשל בײַ דער זײַט דעם רעוואָלווער און אים דערשאָסן פאַר מײַנע אויגן. מיך האָט דער עס־עס־מאַן גע־שיקט איך זאָל העלפן אין דער קיך און איך זאָל אָפּהיטן, אַז צווישן די שטיינער

פֿאַר זײַן הויז זאָל נישט וואַקסן קיין איינציק גרעזל אַפֿילו. און גערדראָעט האָט ער, אַז אויב ער וועט געפֿינען איין איינציק גרעזל צווישן די שטיינער וועט ער מיך אַוועקשיקן אין דער גאַזקאַמער...״

„אדוני״, האָט זיך געוואַנדן דער צווייטער פֿאַליציימאַן צו אליעזרן, „איר האָט געזאָגט, אַז איר זענט געבוירן אין ארץ־ישׂראל פֿון דעם גאָר אַלטן ישוב״.

„דאָס איז אמת״, האָט אליעזר באַשטעטיקט.

„ווי אַזוי האָט איר געקענט זײַן דאָ און דאָרט?״ האָט דער פֿאַליציימאַן גע־פֿרעגט מיט אַ טאָן פֿון אַ פּראָפֿעסיאָנאַליסט.

אַ רגע איז געווען שטיל, ווי אַלע דרײַ וואָלטן עפּעס דערוואַרט און דערנאָך האָט אליעזר געזאָגט אויפֿהייבנדיק די האַנט צום הימל:

„איר זעט די שטערן״, האָט ער פֿאַרריסן דעם קאָפּ, „קוקט זיך צו צום ים שטערן אין דער רגע. זעט ווי דער הימל האָט זיך איצט אָפּגערייניקט. דאָרט ווו גאָט האָט די שטערן אײַנגעפֿאַסט אין הימל, דאָרט נעסטן זיי. אייביק, אייביק. דערפֿאַר זענען זיי אין די מיליאָנען, מסתּמא מיליאַרדן. אָבער מיר, זײַט דער ערשטער ייִד, אַבֿרהם אָבֿינו, איז אַרויס פֿון זײַן היים אין חרן און גאָט האָט געזאָגט צו אים ,לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך׳, האַלטן ייִדן אין איין וואַנדערן און אומעטום גיבן זיי זייער קרבן. דערפֿאַר זענען מיר אַזוי ווייניק און דערפֿאַר זענען מיר, איך און איר״, האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם פֿאַליציימאַן פֿון פּוילן, „געווען אין אָשוויענטשים. ס׳איז קלאָר?״

„אַז מ׳איז געבוירן אין ארץ־ישׂראל דאַרף מען דאָס לאַנד נישט פֿאַרלאָזן״, האָט נישט אָפּגעלאָזט דער מאַן פֿון ליביע, „איר וואָלט זיך אײַנגעגעבן אַ שאַ־וועגטשן!״ האָט דער פֿאַליציימאַן נישט געקענט אַרויסזאָגן די סלאַווישע זילבן.

אליעזר האָט געזוכט דאָס פּנים פֿון דעם פֿאַליציימאַן. ער האָט געוואָלט זען זײַנע שטריכן, דעם אויסדרוק, און גאָרנישט געזען. ס׳איז געווען גרוילעך פֿאַר־ווישט. לסוף האָט ער געזאָגט פֿאַרגעבלעך:

„דאָ, אין ארץ־ישׂראל, זענען אין פֿאַרשיידענע תּקופֿות פֿאַראַן צוויי מינים יורדים... איר האָט געלערנט אײַער אייגענע געשיכטע?... איר דאַרפֿט זי לערנען... איין מין יורדים ווערט דערצו געצוווּנגען; אַ צווייטער מין פֿאַרלאָזט דאָס לאַנד פֿון אייגענער איניציאַטיוו. איך ווייס נישט צו וועלכער קאַטעגאָריע איר געהערט; איך ווייס יאָ צו וועלכער קאַטעגאָריע איך געהער״.

„איך האָב דאָס לאַנד נישט פֿאַרלאָזט״, האָט זיך דער יונגערמאַן פֿאַרטיידיקט, „איך בין געקומען מיט מײַן משפּחה פֿון ליביע אין די פֿופֿציקער יאָרן, געלעבט אין אַ מעברה און זײַט מיר האָבן פֿאַרלאָזט די מעברה וווינט מײַן משפּחה אין בת־ים״.

„קענט איר נישט אײַער געשיכטע, יונגערמאַן״, האָט אליעזר געזאָגט מיט צופֿרידנקייט ווי זײַנס אַ דיאַגנאָזע וואָלט זיך באַשטעטיקט. „אײַך האָט מען פֿון דאַנען אַרויסגעפֿירט, אויב איר זענט געווען אַ פֿאַרשפּילטער קעמפֿער, אָדער איר

זענט אַליין אַוועק ווײַל די מלחמות זענען אײַך נמאס געוואָרן. נישט מער, איר אַליין געדענקט עס נישט מער״.

דער יונגערמאַן פון ליביע האָט אָנגערירט דעם אָרעם פון זײַן חבר. ער האָט געוואָלט אים איבערגעבן וואָס ער טראַכט, נאָר דער פּוילישער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט אומגעדולד. זײַן חבר אינטערעסירט נישט דער שמועס. האָט ער געזאָגט צו אליעזרן:

„פון דעסטוועגן איז בעסער איר זאָלט איצט נישט בלײַבן אַליין אין דעם אָפּגעלעגענעם פּלאַץ. מעגלעך, אַז פּאַדאַינס אָנגעקומענע פון דער זײַט פון ים זוכן ווו זיך אַרויסצוזעצן״.

„און בכלל האָט נישט אַ מענטש וואָס צו זוכן אין אָוונט ביים ים־ברעג סײַדן ר׳איז מיט אַ מיידל״, האָט דער צווייטער פּלוצים אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער.

צוזאַמען מיט אַ קורצן „שלום״ האָט אליעזר געהערט ווי דער יונגערמאַן פון ליביע האָט געזאָגט צו זײַן חבר:

„אַ געריריטער, אָדער אַ זעלבסטמערדער״.

דער פון פּוילן האָט אים געענטפערט, אָבער דעם ענטפער האָט אליעזר נישט געהערט.

ס׳איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל ווי אליעזר האָט געהערט די באַמערקונג, אַז די וועלכע האָבן איבערגעלעבט די געטאָס, צי די פאַרניכטונג־לאַגערן אין פּוילן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען גײַסטיק נישט באַלאַנסירט. איצט האָט ער געהערט נאָך אַ סברה: אָדער אַ זעלבסטמערדער.

אליעזר האָט דערפילט אויף זײַן לײַב אַ געזאַלצענע פײַכטקייט. די כוואַליעס זענען געוואָרן בייזע און שטורעמדיקע ווי זיי וואָלטן אים געטריבן פון ברעג.

23

אויף צו מאָרגנס פון דעם אָוונט ווען יוכבד האָט געבוירן איר זון, האָבן זיך ביי איר בעט אין דער קליניק צוזאַמענגעטראָפן אירע עלטערן מיט אליעזרן. דער צוזאַמענטרעף איז געווען אַ צופעליקער. ווי באַלד דוד איז אין רעזערוו־דינסט אויף מאַנעווורעס און יעדער פּרווו צו פאַרבינדן זיך מיט אים האָט זיך אויסגע־לאָזט מיט גאָרנישט, האָט אליעזר באַלד אין דער פרי זיך באַפרייט פון דער אַרבעט אין שפּיטאָל און געאײַלט אין דער קליניק צו יוכבדן. ער איז געווען אויפגערודערט מער ווי מיט אַן אָוונט פריִער, ווען פאַר זײַנע אויגן איז געקומען אויף דער וועלט זײַן צווייט אייניקל. ווען ער איז באַגיבען געקומען אין שפּיטאָל צו באַפרײַען זיך אויף אַ האַלבן טאָג, האָט ער, באַגעגענענדיק דעם ד״ר אַרמאַזאַ, חבריש אָנגעכאַפּט אים בײַ די אָרעמס און אויסגערופן:

„גראַטולירט מיר, קאָלעגע, אַן אַרטאַפּאַנוס איז געקומען אויף דער וועלט! אַ פאַרלאָשענער שטערן אין דעם ,קליינעם בער׳ האָט זיך אָנגעצונדן אויף ס׳ניי!״

ד״ר אַרמאַזאַ, וואָס זײַן שטייגער איז אָפּצוהיטן דיסטאַנס און נישט אַרויס־ווײַזן זײַנע געפילן, איז פון דעם פּלוצימען ענטוזיאַזם פון אליעזרן און זײַן פאַמיליאַרן אָנכאַפּן אים בײַ די אָרעמס, גערירט געוואָרן ווי אַ פרוי. זײַן שטים האָט זיך אים פאַרהאַקט און די אַ ביסל אַרויסשטייענדיקע אויגן זענען אים פײַכט געוואָרן:

„איך גראַטוליר אײַך, קאָלעגע״, האָט ער געזאָגט מיט דער פּלוצים הייזעריק געוואָרענער שטים, „מײַנע בעסטע ווונטשן... אַ... אַ... אַן אייניקל?״

„אַן אייניקל, דאָקטער, אַ זון פאַר מײַן זון... מײַן איינציקן זון... דוד... איר האָט אים דאָ געזען״.

„ריכטיק, ריכטיק! אַ שיינער מאַן, גראַטולירט אים אין מײַן נאָמען״, האָט אַרמאַזאַ געטרייסלט אליעזרס האַנט.

„ער ווייסט אַפילו נישט, אַז ער איז געוואָרן אַ טאַטע. פירט מלחמה... ערגעץ־ווו אין נגב. מאַנעווורעס, איבונגען צו דער קומענדיקער מלחמה״, האָט אליעזר באַהאַלטן אַ זיפץ.

ד״ר אַרמאַזאַ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי עס וואָלט אים אײַנגעפאַלן עפּעס גאָר וויכטיקס:

„אײַער שנור האָט געבוירן אַ זעלנער פאַר אַ זעלנער. וויפל וועגט ער, דער זעלנער? זײַן פּראָפיל איז פאַר אַ פּאַראַשוטיסט? פאַר אַ טאַנקיסט?״

„אַל תפתח פּה לשׂטן, קאָלעגע. איך וואָלט עס נישט געוואָלט. איך בין אַזוי איבערגעגעסן מיט מלחמות, אַז מײַן גײַסטיקער מאָגן פאַרטראָגט נישט מער. קיין אָפּבערעך־מיטל אויף דעם האָבן מיר נאָך נישט... איר ווייסט? מײַן בכור...״ אליעזר האָט אין דער מיט איבערגעהאַקט, דאָס פּנים איז אים פּלוצים פאַרוואָלקנט געוואָרן און אויפן שטערן האָט אים אַרויסגעזעצט אַ שוויס. ער האָט געקוקט אַרום זיך ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט. ד״ר אַרמאָזאַ האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט:

„פילט איר זיך נישט גוט, קאָלעגע?״

מיט דער צווייטער פרײַער האַנט האָט אליעזר אָפּגעווישט דעם שוויס און געזאָגט מיט אַ זיכערער שטים:

„ניין, ניין, דאָקטער! איך פיל זיך אויסגעצייכנט. ווי דען אַנדערש? אַן איי־ניקל! איר ווייסט וואָס עס מיינט פאַר מיר? איך מוז זײַן בײַם בעט פון מײַן שנור. איך מוז זען מײַן אייניקל״.

„ס׳איז זייער לײַכט״, האָט אַרמאָזאַ געזאָגט פרײַנדלעך, „אויפן עק פון דער גאַס איז אַ סטאַציע פון טאַקסיס״.

„מוז איך זוכן אַ פאַרטרעטער אויף אַ פּאָר...״

„קאָלעגע אַרטאַפּאַנוס״, האָט אַרמאָזאַ אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן, „איר דאַרפט נישט זוכן. דער פאַרטרעטער שטייט נעבן אײַך״.

„אָבער די פאַרטרעטערשאַפט איז נישט אָנשטאָט אײַער אָנטייל נעמען אין דער ברית־פײַערונג״, האָט אליעזר זיך באַוואָרנט.

אויף ד״ר אַרמאָזאַס פּנים האָט זיך באַוויזן אַן אײַנגעהאַלטענער שמייכל און ער האָט אויפגעהויבן די הענט אין דער הייך:

„ס׳וועט זײַן מײַן כּבוד״.

אליעזר איז אָנגעקומען אין דער קליניק אַ פּאָר מינוט נאָך דעם ווי אַהין זענען געקומען בערל און אסתר סימקין. בײַם אַרײַנגאַנג אין דער קליניק האָט ער געקויפט אַ בוקעט גלאַדיאָלעס, וואָס ער האָט זיי גענומען אונטערן אָרעם, כּדי צו דערגרייכן לײַכטער צום געלט־טײַסטער אויף צו באַצאָלן, און מיט די בלומען אונטערן אָרעם איז ער צוגעקומען צו יוכבדס בעט. ער איז געווען צעשטראָלט. ער האָט געזוכט די בלומען אַרום זיך און אסתר האָט זיי „געפונען״ אונטער זײַן אָרעם. זי האָט זיך געשעמט צו לאַכן און זיך דורכגעבליקט מיט יוכבדן.

„אפשר האָט דוד צופעליק טעלעפאָנירט צו אײַך?״ האָט אליעזר זיך גע־וואָנדן צו בערלען. נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, האָט ער אָנגעוויזן אויף יוכבדס פּנים: „איר זעט ווי יעדעס שפּרענקעלע איבער איר נעזל האָט זיך אָנגע־צונדן ווי אַ לעמפּעלע? זי איז געבוירן געוואָרן צו געבוירן זין!״ ער האָט זיך אײַנגעבויגן און איר אַ קוש געטאָן אין די שפּרענקעלעך. אסתר האָט איבער זײַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ דרײַ מאָל שטיל אָפּגעשפּיגן קעגן אַן עין־הרע.

„בײַ אונדז איז עס נישט קיין נאָווינע", האָט אסתר געזאָגט נישט אָן שטאָלץ. „אַלע ווײַבער אין אונדזער משפחה הייבן אָן פון זין".

„איצט באַשטעל איך בײַ איר אַ טאָכטער מיט אַ זון צוזאַמען!" האָט אליעזר יינגלעריש אויסגערופן.

אויף דעם האָט אסתר געהאַט אַן ענטפער:

„די מאַנסלײַט איז לײַכט צו זאָגן".

„איך נעם אָן די באַשטעלונג", האָט יוכבד אויסגעצויגן איר האַנט צום שווער.

אליעזר האָט זיך אַװעקגעזעצט אויפֿן ראַנד פון איר בעט און זיך געקוויקט מיט איר שיינקייט, וואָס האָט אים פאַרקלעמט בײַם האַרץ.

„מ'האָט דיר שוין הײַנט געבראַכט דעם יונג צו געבן אים דעם ערשטן פרישטיק?"

זי האָט געענטפערט אויף יאָ מיט די אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף אים אי מיט פרייד און אי מיט אַן אויסטערלישער פאַרטראַגנקייט.

„איז וואָס זשע?" האָט פלוצים געפרעגט בערל.

בלויז אליעזר האָט נישט באַגריפן דעם באַדייט פון דעם פלוצימען „וואָס זשע?" איידער ער איז געקומען האָבן טאָכטער און עלטערן געהאַט באַוויזן צו פאַרפירן אַ שמועס וועגן דעם נאָמען פונעם נײַ־געבוירענעם. אייגנטלעך האָט יוכבד שוין באַצײַטנס געהאַט אים אַ נאָמען געגעבן. זי האָט אויפגענומען אירע עלטערן מיט דעם באַדויער וואָס זיי האָבן נישט געזען איר עופר צום ערשטן מאָל בײַ דער ברוסט.

„עופר?!" האָט אסתר זיך געוווּנדערט נאָך איידער בערל האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָ געשעט.

„עופר איז אַ שיינער נאָמען", האָט יוכבד געזוכט דעם פאָטערס בליק אויף אַ הסכמה. „ס'איז איצט אַ מאָדערנער נאָמען. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געטראַכט וואָס פאַר אַ נאָמען אויסצוקלײַבן — אורן, ענבל, זהר, זמיר, הד, אַלץ מאָדערנע נעמען, אָבער צום שענסטן געפעלט מיר דער נאָמען עופר. דוד זעט אויס ווי אַ הירש וועט דער זון זײַנער זײַן אַ הירשעלע, עופר".

אסתר איז געווען צעטומלט ווי עס וואָלט שוין געווען לאחר פון אַ נישט ריכטיקער מעשה. דערקעגן בערל איז דווקא געוואָרן אויפגעלייגט נאָך מער ווי ער איז געווען:

„טאָכטערשי, יוכבדל, כ'האָב שוין געהערט וועגן אַ מאָדע אין קליידער, אין שיך, מיט שפּיצן, אָן שפּיצן, שמאָלע קלאָפּעס, קעשענעס אָן לעצלעך, אָבער אַ מאָדע אויף נעמען? מיט וואָס איז נישט מאָדערן מרדכי, צבי, גדעון, דוד, בערל, אליעזר?"

„פאַר וואָס זשע האָסטו רפין אַ נאָמען געגעבן רפי?" האָט יוכבד געוואָלט וויסן.

„טאָכטערשי, האָסט נישט געטראָפן!" האָט בערל אויסגערופן, „רפי רופט מען אים, נאָר הייסן הייסט ער רפאל".

„פאַר וואָס טויג נישט יעקב, צי יצחק, אָדער גאָר משה? מײַן זיידע פון דער מאַמעס צד האָט געהייסן משה". האָט אויך אסתּר גענומען שטעלונג.

יוכבד איז געוועזן אומצופרידן. דורך די שעהען, אין וועלכע זי האָט נישט געקענט שלאָפן, האָט זי דורכגענישטערט צווישן אַלע אירע באַקאַנטע, וואָס האָבן אין די לעצטע צוויי יאָר געבוירן קינדער, און אַלע האָבן אַ נאָמען געגעבן זייערע קינדער מיט נײַע, מאָדערנע נעמען. איצט, ווען אירע עלטערן האָבן אָנגערופן אַלטע נעמען, האָט עס איר אַ גרים געטאָן פאַר דער עוולה וואָס עס דערוואַרט איר קינד, אויב ער וועט זיך אויסטיילן אין דער שולע פון אַלע קינדער מיט זײַן אַלטן גלותדיקן נאָמען. יעקב? משה? ס׳דערמאָנט אָן אַלטע ייִדן, מיט בערד און פּיאות, גלות און מאה שערים אין ירושלים. פאַר קינדער אין ישׂראל פּאַסן זיי נישט. די קינדער פון ישׂראל וועלן זיך מיט גאָרנישט אויסטיילן פון די ייִדישע אויסגעקרומטע קינדער אין די גלות־לענדער. זי געדענקט גוט ווי דער לערער אין איר שול פלעגט נאָכמאַכן ווי אַזוי עס גייען ייִדן אין גלות און ווי איינער רופט דעם צווייטן מיט אַ זינגענדיקער שטים: „יענקל? משהל? פּנחסל?" און די קינדער האָבן געלאַכט ווי דער לערער וואָלט דערציילט וויצן. ניין, זי וועט איר קינד נישט גורם זײַן אַ גלות־קאָמפּלעקס. עופר איז אַ יונגער נאָמען, אַ נאָמען פון נײַ לעבן. עופר.

דער קורצער וויכוח צווישן די עלטערן און יוכבדן איז געווען דער זין פון בערלס פּלוצימען „וואָס זשע?" אליעזר האָט נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס בערל האָט געפרעגט וואָס ער האָט געפרעגט. אסתּר האָט מיט פאַרלעגנהייט געזאָגט:

„יוכבד וואָלט וועלן איר קינד אַ נאָמען געבן עופר. זי האָט וועגן דעם, זאָגט זי, געטראַכט אַ גאַנצע נאַכט".

„ס׳איז איצט אַ מאָדע אויף נײַע נעמען. מ׳וואַרפט אַרויס די אַלטע אײַז־קאַסטנס און מען קויפט עלעקטרישע מאָדערנע פרידזשידערס", האָט בערל גע־פּרוּווט זיך וויצלען.

אליעזר, זיצנדיק אויפן ראַנד פון יוכבדס בעט, האָט גענומען איר האַנט אין זײַנער און מיט דער צווייטער האַנט האָט אַ דריק געטאָן דער קימפּעטאָרינס פינגער:

„אַ נאָמען איז אַ זייער וויכטיקער ענין", האָט ער אָנגעהויבן ווי ער וואָלט זיך געקליבן דערציילן אַ מעשׂה פאַר קינדער. „אַ נאָמען איז אַ דערמאָנונג און המשך פון אָבות, אָדער דערמאָנט אַ היסטאָרישן העלד, אָדער קלינגט גוט אויף דער וויזיט־קאַרטע. אַלנפאַלס דאַרפן נאָר די עלטערן באַשטימען וואָס פאַר אַ נאָמען צו געבן זייער קינד. איך האָף, אַז הײַנט, אָדער מאָרגן וועט דוד זיך אָפּרופן, ער וועט נעמען אורלויב, אָדער אין גאַנצן באַפרײַט ווערן און איר ביידע וועט באַשטימען וואָס פאַר אַ נאָמען צו געבן אײַער קינד. אָפּגעזען דערפון וויל איך דאָ זאָגן, אַז אויף דער וועלט דרייען זיך הײַנט אַרום מענטשן, וואָס זייערע ענטוזיאַסטישע עלטערן האָבן אַמאָל זיי אַ נאָמען געגעבן מיט „מאָדערנע" אין זייער צײַט, פאַרנעמען ווי לענין, ענגעלס, טראָצקי און הײַנט זענען פאַר זיי זייערע נעמען אַ שווערע לאַסט, פון וועלכער זיי קענען נישט פּטור ווערן. דאָ בײַ

אונדז איז די מעשׂה מיט די נעמען דערפירט געוואָרן ביז אַבסורד. ייִדן קערן זיך צוריק אין זייער לאַנד, אין לאַנד פון תנ״ך, פאַראַן אַזעלכע וועלכע ווילן אַפילו צוריקקערן צום תנ״כישן שטייגער. צום שטייגער פון די כּנענים. אָבער מיט די תנ״כישע נעמען פאַר נײַ־געבוירענע קינדער שעמט מען זיך, ווי די העלדן פון תנ״ך וואָלטן געווען פאַרברעכער, וואָס זייערע נעמען זענען עלול אַרויסצורופן אַסאָציאַציעס וועגן זייערע נישט פֿײַנע מעשׂים. נישט בלויז מיט תנ״כישע פאַר־נעמען שעמט מען זיך, און יונגע עלטערן קריכן אויף די גלײַכע ווענט, כּדי צו געפינען „מאָדערנע״ נעמען, נאָר אונדזערע מנהיגים האָבן געשאַפן אַ פאַרפאַל־גונגס־אַטמאָספער אויך קעגן די ייִדישע פאַמיליען־נעמען. כ׳וועל דיר, טאָכטער, דערמאָנען אַ היסטאָרישן אַבסורד, פון וועלכן דאָס לאַנד וואָלט זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן פון לאַכן, ווען דער אַבסורד זאָל נישט האָבן געוואָרן אַרויסגעבראַכט אין אַ צײַט ווען דאָס לאַנד איז נישט געווען אין דער שטימונג צו לאַכן. געדענקסט אונדזער פאַרשטאָרבענעם צווייטן נשׂיא בן־צבי? איידער ער איז אויס־געוויילט געוואָרן ווי דער נשׂיא פון דער מדינה, איז ער געווען מיטגליד אין דער כּנסת. דאָס איז געווען אין דעם הויך־סעזאָן פון דוד בן־גוריון און משה שרת צו ליקווידירן די ייִדישע פאַמיליען־נעמען און זיי פאַרבײַטן אויף העברעיִשע. דע־מאָלט האָט יצחק בן־צבי אַרײַנגעטראָגן אין דער כּנסת אַ פאָרשלאָג צו ענדערן די נעמען פון אַלע ציוניסטישע מנהיגים און פּערזענלעכקייטן, וועלכע זענען ביז דעמאָלט אַוועק אין דער אייביקייט. אין דער ערשטער כּנסת זענען אויך געווען מענטשן נישט פאַרבלענדטע פאַר מאָמענטאַנע און ספּאָנטאַנע שגעונות וואָס אין יעדער רעוואָלוציע. זיי האָבן דעם פאָרשלאָג צו ענדערן די נעמען פון די גע־שטאָרבענע אָפּגעוואָרפן. עס איז אַזוי אַרום פאַרמיטן געוואָרן, די ערשטע כּנסת פון דער באַנײַטער מדינה פון ייִדן זאָל אַנשרײַבן אַ נאַציאָנאַלע קאָמעדיע, וואָס נאָך די סאָלוועס געלעכטער זאָל זי אַרויסרופן אַ געוויין אויף דורות. שטעל זיך פאָר, טאָכטער: ווען דער פאָרשלאָג זאָל אָנגענומען ווערן, וואָלט פון מאַקס נאָרדוי געוואָרן מאַקס צפוני; פון טעאָדאָר הערצל, וואָלט געוואָרן בנימין לב־קטן; פון חיים נחמן ביאַליק — חיים נחמן חלבוני; פון שאול טשערניכאָווסקי — שאול שחורי; פון משה לייב ליליענבלום — משה לייב פּרח־חבצלת. און אַזוי כּסדר, כּסדר. שטעלסט זיך פאָר ווי אַזוי קינדער אין די שולן אין ישׂראל וואָלטן געלערנט וועגן דעם חוזה פון דער מדינה — לב־קטן? וואָלטן אײַנגעחזרט די לידער פון די נאַציאָנאַלע דיכטער חלבוני און שחורי? שטעלסט זיך פאָר וואָס פון דעם וואָלט זיך באַקומען פאַר דעם דור און פאַר די שפּעטערדיקע דורות? כ׳האָב עס דיר דערציילט ווי אַ קוריאָז וואָס האָט נישט קיין שײַכות צו דיר, אָבער האָט יאָ אַ שײַכות צו דער וויכטיקייט פון נעמען, וועלכע פאַרבינדן דורות״.

„האָסט געהערט, יוכבד? מײַנע ווערטער!״ האָט בערל פון צופרידנקייט געריבן איין האַנט אָן דער צווייטער.

„לאָז זי צו רו!״ האָט זיך אַרײַנגעמישט אסתר. „זעסט נישט אַז זי איז פאַר־מאַטערט?״

בערל האָט נישט געזען יוכבד זאָל זײַן פֿאַרמאַטערט. זי האָט אַרויסגעבליט פֿון איר געלעגער. אַ קראַנקן־שוועסטער איז אַרײַנגעקומען און געבעטן צו פֿאַר־לאָזן דאָס צימער. די קימפּעטאָרין איז מיד און מען דאַרף זי צוגרייטן צו געבן עסן איר עופֿעלע.

„נאָך אַ ווײַל", האָט אליעזר געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער בעט דער שוועס־טער זייער שטאַרק, „איר רעדט וועגן מאַטעריאַליסטישע ענינים, וועגן, עסן, און דאָ גייט אַ שמועס וועגן... ווי זאָל מען עס אָנרופֿן?" האָט ער זיך געוואָנדן צו בערלען, ער זאָל אים קלאָמפּערשט אַרויסהעלפֿן.

בערל האָט אונטערגעכאַפּט די שפּיל:

„זאָל זײַן עופֿר, זהר, הדר, גונן אָבי אַ יונג מיט ביינער".

„ניין, כ'מיין נישט דעם נאָמען", האָט אליעזר ווײַטער געשפּילט און באַהאַלטן אָבסערווירט דאָס פּנים פֿון אסתרן, כ'מיין דעם ענין אַ ר ו ם דעם נאָמען".

מיט יעדע הענט, ווי צו ליכט־בענטשן, האָט אסתר פֿאַרשטעלט איר פּנים און געלאַכט. זי האָט איר מחותן נאָך קיין מאָל נישט געזען אַזאַ אויפֿגעלייגטן און צעשפּילטן. ,אַזוי ווי אַן אַקטיאָר אין טעאַטער און נישט קיין דאָקטער' האָט זי געטראַכט און הנאה געהאַט.

דעם זעלבן אָוונט האָט זיך אָפּגערופֿן דוד. ער האָט גערעדט צום פֿאָטער פֿון אַ ווײַטקייט ווי פֿון דער צווייטער עק וועלט. אליעזר האָט קוים געהערט זײַנע ווערטער און דוד האָט שווערלעך געהערט דעם פֿאָטערס ווערטער. אליעזר איז נישט געווען זיכער, צי זײַן זון האָט ריכטיק געהערט, אַז ער איז געוואָרן אַ טאַטע. אָבער אויף צו מאָרגנס פֿאַר האַלבן טאָג איז דוד אַרײַנגעפֿאַלן אין דער קליניק ווי אַ פֿעלז פֿון דער נגב־וויסטעניש. זײַן נאַכלעסיקער האַקי־מונדיר, זײַן פּנים, די האָר, די שווערע זעלנערישע שיך און דאָס פּעקל, וואָס ער האָט געשלעפּט מיט זיך, זענען געווען פֿון דעם זעלבן זאַמדשטויב־קאָליר. בלויז זײַנע אויגן, כאָטש רויט אַרומגערעמלט פֿון דער שטויב־רייצונג, האָבן אַרויסגעליכטיקט פֿון זײַן שוויס־ליימיק פּנים מיט אַ זעלטן־געזעענער פֿרייד, וואָס יוכבד האָט קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן.

„קום, קום", האָט זי אויסגעשטרעקט צו אים אירע אָרעמס, זעענדיק זײַן צוריקגעהאַלטנקייט נישט צו דערנענטערן זיך צו איר ציכטיק בעט.

ער איז צוגעפֿאַלן צו איר פּנים, ווי אַן אויסגעדורשטיקטער פֿאַלט צו צו אַ וואַסערקוואַל, און געקושט אירע ליפּן, אירע ברעמען, אירע אויערן, אירע נאָז־שפּרענקעלעך. ער האָט נישט געוווּסט וואָס פֿריִער. יוכבד האָט זיך צעוויינט. אירע טרערן האָבן צעווייקט דעם שטויב, וואָס האָט זיך צו איר געקלעפּט פֿון דודס פּנים, און באַלד האָט זי אויסגעזען ווי זי גופֿא וואָלט געקומען אַ פֿאַרנגבטע. אויך דאָס קישן און דער ווײַסער לײַלעך, מיט וועלכן זי איז געווען צוגעדעקט, איז געוואָרן זאַמדיק.

„כ'האָב דעם נגב אין מויל", האָט זי געזאָגט און נישט געוואָלט דודן אַרויס־לאָזן פֿון אירע אָרעמס.

„דו האָסט מיר געגעבן אַ זון און איך האָב דיר געגעבן זאַמד", האָט ער גע־קוקט אויף אירע האָר צעשפּרייטע איבערן קישן ווי אַ קראַנץ.

„דוד, דוד". מער ווי זײַן נאָמען האָט יוכבד אין דעם מאָמענט נישט געקענט אַרויסרעדן. זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט פון דער נאָענט, זיך אַרײַנגעגאָסן אין אײנאַנדער דורך זייערע אויגן. טרערן זענען געפלאָסן פון אירע אויגן. ער האָט אָפּגעווישט אַ פינגער אין זײַן מונדיר און מיט דעם פינגער געווישט אירע טרערן און דערמיט נאָך מער צעשמירט זײַן שטויב אויף איר פּנים.

„דער פאָטער האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט געבוירן אַ געזונטן יונג".

יוכבד האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

„ער וועט בײַ אונדז אויסוואַקסן..." האָט דוד ווײַטער געזאָגט.

יוכבד האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

„מיר וועלן אים אַ נאָמען געבן..." ער האָט נישט אָנגערופן קיין נאָמען און יוכבד האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

לסוף האָט דוד זיך אַוועקגעזעצט אויפן דיל נעבן איר בעט און ביידע האָבן שטום גערעדט צו זיך מיט זייערע אויגן. די אַרײַנגעקומענע שוועסטער האָט זיך דערנענטערט צו יוכבדס בעט און, דערזעענדיק דאָס פאַרשטויבטע בעטגעצײַג און יוכבדס פאַרשמירט פּנים, האָט זי געזאָגט פאַרגעבנדיק:

„מאַכט נישט אויס, מאַכט נישט אויס, פאַר אַ נײַ־געבוירענעם זעלנער איז אַלץ ווערט".

דוד האָט אויפגעהויבן זײַן האַנט מיט אַן אויסגעשטרעקטן פינגער אין דער הייך:

„נישט קיין זעלנער! אונדזער זון האָט פײַנט מלחמה".

„קיינער האָט זי נישט ליב און אַלע גייען איר אַנטקעגן", האָט די שוועסטער באַמערקט פילאָזאָפיש און מיט די הענט אויף די לענדן געקוקט וויפל אַרבעט זי וועט שפּעטער האָבן בײַם בײַטן דאָס בעטגעצײַג.

פּלוצים איז דוד אויפגעשפּרונגען:

„מיר רעדן וועגן אונדזער זון און איך האָב אים נאָך נישט געזען. וווּ געפינט ער זיך דאָ?"

„אויב אײַך אַרט נישט אײַער זון זאָל אײַך זען אין אַזאַ צושטאַנד ווי איר געפינט זיך איצט", האָט זי מיט ביידע הענט אָנגעוויזן אויף זײַן הלך, „קומט מיט מיר".

די שוועסטער האָט אים געפירט צום צימער פון די נײַ־געבוירענע, געשטעלט אים פאַר דער וואַנטשויב אין קאָרידאָר און אַליין איז זי אַרײַן אין צימער. דורכן גלאָז האָט זי דודן געוויזן אַן עופעלע מיט צוזאַמענגעדריקטע אויגן און אַ ברייט מײַלעכל מיט פאַרביסענע ליפּעלעך:

„דאָס איז נישט קיין זעלנער", האָט דוד געזאָגט דורך דער שויב און מיט אַ פינגער געוויזן אויף נייז. די שוועסטער, וואָס האָט די ווערטער נישט געהערט, האָט פון יענער זײַט שויב געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. דוד האָט נאָך אַ מאָל

איבערגעחזרט זײַנע ווערטער, זיי סילאַביזירט און מיט די ליפּן געפּרוּווט דער שוועסטער ווײַזן די פֿאָרמען פֿון די סילאַבעס. זי האָט עקשנותדיק זיך געהאַלטן בײַ אירס און געשאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ, יאָ, יאָ! ביז ס'איז איר נמאס געוואָרן, זי האָט צוריקגעלייגט דאָס עופֿעלע אין זײַן בעטל און אַרויסגעקומען צו דודן.

„בײַ אונדז פֿאַרבײַט מען נישט קיין קינדער", האָט זי געזאָגט מיט תּרעומות, „דאָס איז אײַער זון! אײַער פּרוי דערקענט אים שוין".

„וואָס פֿאַלט אײַך אײַן?" האָט דוד געפֿרעגט אַ צעטומלטער פֿון דער שוועסטערס אויסברוך, און כאַפּנדיק זיך וואָס די דיקע שויב האָט גורם געווען, האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַן אָנשטעקנדיק געלעכטער: „ווי האָט איר געקענט טראַכטן, אַז איך וועל פֿאַרלייקענען מײַן אייגענעם זון? אַוודאי האָב איך אים דערקענט. ווי צוויי טראָפּנס וואַסער זענען ענלעך צו זיך אַזוי איז מײַן זון ענלעך צו דער משפּחה אַרטאַפּאַנוס צוזאַמען מיט דער משפּחה סימקין".

אַז ער איז צוריק אַרײַן אין יוכבדס צימער מיט אַ פֿריידיק פּנים, האָט זי, נישט וואַרטנדיק ער זאָל איר עפּעס זאָגן וועגן זייער זון, געפֿרעגט:

„מיינסטו נישט, אַז עופֿר איז אַ צוגעפּאַסטער נאָמען פֿאַר אונדזער זון?"

זײַן פֿריידיק פּנים האָט זיך נאָך מער צעשטראַלט:

„אַ שאָד דו האָסט מיר פֿריִער נישט געזאָגט דעם נאָמען, וואָלט איך דורך דער שויב אים אָנגעמאָסטן דעם עופֿר, צו זען צי ער פּאַסט פֿאַר אים", האָט ער געזאָגט אין אַן אַ ביסל שפּאַסיקן טאָן.

„פֿאַר וואָס שפּאַסטו? עופֿר איז זייער אַ שיינער נאָמען. קלינגט זייער גוט: ,אדון עופֿר, מיסטער אָפֿער, מעסיע אָפֿע'", האָט זי געפּרוּווט דעם נאָמען אין ענגליש און אין פֿראַנצייזיש.

„אויב עס גייט אין קלינגען גוט פֿאַר אַ פֿרעמד אויער, איז אפֿשר גוט נאָכצוגיין נאָך דעם סנאָביזם אין אונדזער הויכער געזעלשאַפֿט פֿאַר פֿרעמדע נעמען — וואַלטער, ריטשאַרד, ראָבערט. מעסיע וואַלטער קלינגט ווי מעסיע וואָלטער; מיסטער ריטשאַרד איז אויך זייער אָנגענעם פֿאַר אַן אויער, וואָס וויל אַנטלויפֿן אַהין ווו ער געהערט נישט".

„עופֿר איז נישט קיין פֿרעמדער נאָמען", האָט זיך יוכבד אויפֿגעזעצט אין בעט און אָנגעוויזן דודן אַ פּלאַץ נעבן איר, ווי זי וואָלט זיך געגרייט צו קעמפֿן. „ס'מאַכט נישט, סײַ ווי וועט די שוועסטער הײַנט טוישן די וועש. זיץ דאָ, עופֿר, זאָג איך, איז אַן אייגענער נאָמען".

ער האָט זיך צוגעזעצט נעבן איר און געזאָגט מיט איבערגעטריבענער ערנסטקייט, פֿון וועלכער זי האָט צום ערשטן מאָל געזען ווי איר דוד פּרוּווט נאָכמאַכן דעם טאָן פֿון זײַן פֿאָטער.

„געשיכטלעך־אידעאָלאָגיש זענען בײַ אונדז פֿרעמדע נעמען אויך אייגענע — טעאָדאָר הערצל, מאַקס נאָרדאַו, אַרטור רופּין, וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי..."

„און סטעפֿאַן אַרטאַפּאַנוס", האָט יוכבד אים נאָכגעמאַכט.

„ריכטיק, אויך סטעפֿאַן אַרטאַפּאַנוס", האָט דוד באַשטעטיקט, „אַלע זענען

היימישע נעמען״. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און איר אַ קוש געטאָן אין דער שפּיץ באָז: „רעד איבער מיט דײַן מאַמען, זי שטייט מיטביידע פיס אין דער ווירקלעכ־קייט. לויט איר עצה וועלן מיר זיך ריכטן בנוגע דעם פּאַסיקסטן נאָמען פון אונדזער זון.

„די מאַמע איז נישט מאָדערן״, איז יוכבד נישט געווען צופרידן מיט דער עצה.

„דאָס איז דווקא גוט״, איז דוד געוואָרן ענטוזיאַסטיש, „מאָדעס קומען כסדר צוריק, וועט די מאַמע עצהן אַ נישט־מאָדערנעם נאָמען — יעקב, יצחק, אַברהם, יהושע. הײַנט זענען זיי בײַ אונדז נישט אין דער מאָדע, גלות־נעמען, אָבער ביז אונדזער זון וועט אונטערוואַקסן צו אַן אדון, מיסטער און מעסיע, וועלן די נעמען אויף ס׳נײַ זײַן אין דער מאָדע אין אונדזער מדינה״.

„דער טאַטע אליעזר אַרטאַפּאַנוס״, האָט יוכבד געדריקט זײַן האַנט אָן מפרש צו זײַן וואָס עס מיינט ,דער טאַטע אליעזר אַרטאַפּאַנוס׳.

24

אין אליעזרס אויגן האָט אַלץ אויסגעזען נישט רעאַל, וויניקסטנס ווי די איבערחזרונג פון אַ חלום וועגן אַ געוועזענערווירקלעכקייט:

בערל סימקין איז באַשטאַנען דערויף, אַז דער ברית פון דעם ערשטן זון פון זײַן מיזינקע זאָל געפּראַוועט ווערן ווי אַ חתונה. אויף יעדער טענה פון דודן, אַז דער „מיתון", די געדריקטע שטימונג אין לאַנד, באַגלייט מיט אַ ציניש הומאָר פון ערב־ייאוש, איז נישט קיין צײַט פאַר בריתן ווי חתונות און ווי פעסטי־וואַלן, האָט בערל געענטפערט:

„לאָז מיר, ס'אַ אינוועסטיציע. ס'אי גוט פאַר קרעדיטן. ווייסט, אַז ס'איז הײַנט געוואָרן שווער מיט קרעדיטן ווי קריעת ים־סוף".

„א י ך נויטיק זיך נישט אין קרעדיטן און אַ גוט זעלבסטגעפיל גיט מיר אַ טיפן אָטעם", האָט דוד געטענהט.

„דוד טײַערער, זײַ אַ שטיקל סוחר. קרעדיטן זענען ווי נגידות. נגידות נוצט מען נישט אויס אין גאַנצן, אָבער עס גיט זיכערקייט. קרעדיטן מוז מען נישט אויסנוצן, נאָר אַז מען דאַרף זיי נויטיק און מען האָט זיי נישט, ווינטש איך מײַנע שונאים אַזאַ ענגשאַפט".

ווי מיט דער שותפות אין דער פירמע ,דב סימקין את בנו בערבון מוגבל' האָט בערל מנצח געווען, דוד האָט איבערגעלאָזט דעם מס־הכנסה און ווי אַ גלײַכער שותף גענומען אויף זיך צו פירן די ביכער פון זײַן שווער און שוואָגער, אַזוי האָט אויך בערל מנצח געווען מיטן ברית. פאַר זיך אַליין האָט דוד געמוזט מודה זײַן, אַז נאָך אַזוי פיל יאָרן אין ישׂראל, איז ער נאָך אַלץ נישט אַרײַנגע־דרונגען אינעם געוועב פון די געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען אין לאַנד.

דער ברית איז געפּראַוועט געוואָרן אין אַ גרויסן חתונה־זאַל אין תל־אביב אין אַ טאָג ווען די כנסת האַלט נישט אָפּ קיין פּלענאַרע זיצונגען און די חברי־הכּנסת צוזאַמען מיט די רעגירונגס־מיניסטאָרן לאָזן זיך אַראָפּ פון ירושלים קיין תל־אביב צום פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן מאַרק. האָבן דער חבר־הכּנסת מאָטל סימקין און זײַן ברודער, דער קאַנדידאַט אויף אַ חבר־הכּנסת, רפי סימקין, גע־בראַכט צום ברית די גאַנצע עליטע פון זייער תנועה. לכּבוד דעם חבר־הכּנסת, וואָס דער ברית איז פון דעם זון פון זײַן ייִנגסטער שוועסטער, און אפשר מער דערפאַר ווײַל בערל סימקין האָט מיט דעם אַרבעט־מיניסטעריום און מיט דעם

זיכערהייט־מיניסטעריום אונטערגעשריבן נײַע אָפּמאַכן וועגן גראָב־אַרבעטן אויף דער גרענעץ מיט לבנון, זענען צום ברית אויך געקומען עטלעכע מיניסטאָרן, דירעקטאָרן פון מיניסטעריאַלע דעפּאַרטאַמענטן און אויך רעדאַקטאָרן פון צײַטונגען. צוויי פלינקע פאָטאָגראַפן האָבן געלאָקערט אויף די געסט אויף סטראַטעגישע פונקטן בײַם אַרײַנגאַנג אין זאַל, און אויפן ווונק פון בערלען האָבן זיי אויפגעכאַפּט די ריכטיקע פאָזעס ווי בערל נעמט זיך אַרום מיט אַ מיניסטער; ווי ער דריקט די האַנט פון דעם מפקד פון דער תנועה; ווי אַ דעפאַרטאַמענט־דירעקטאָר גייט אים אַנטקעגן מיט אָפענע אָרעמס. בערל האָט געווונקען צו דודן „ער זאָל זיך מיטכאַפּן״, זיך באַגריסן מיט אַ מיניסטער, דערלאַנגען די האַנט דעם און יענעם, כדי די פלינקע פאָטאָגראַפן זאָלן דאָס אַלץ אויפכאַפּן שוואַרץ אויף ווײַס אויף נעגאַטיוון און ווײַס אויף שוואַרץ אויף פאָזיטיוון.

דער גרויסער חתונה־זאַל איז געווען אַרומגעשטעלט מיט אַן אומאיבערגעריסענעם ווײַס־געדעקטן חי״ת־טיש — אויבן־אָן — געטראַנקען מיט פאַרבײַסעכץ און אויף די צוויי זײַטיקע טישן פולמיסן מיט געקאָכטע, געבראָטענע און גערויכערטע פליישן, טל־ומטר־סענדוויטשלעך מיט שוואַרצן קאַוויאַר און טאַצן מיט פיש אין אַלערליי מעגלעכע פאָרמען. אין אַלע זייערע פאָרמען האָבן די קעפּ פון די פיש געהאַלטן אין זייערע מײַלער פעניצלעך מייערן, ווי צו זייער שווײַגן ווי לעבעדיקע, זאָלן זיי נאָך מער שווײַגן ווי געפילטע, געקאָכטע און געפרעגלטע.

די טישן האָבן פאַרבליפט און פאַרבלענדט מיט זייער רײַכקייט און פאַרביקייט. זיי האָבן געריצט נישט בלויז מיט זייער עס־אַפּיל, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די פולמיסקעס און טאַצן, נאָר אויך מיט די פאַרבן, וואָס האָבן אַרויסגעליכטיקט פון צווישן די פליישן און פיש. אַפילו די ספּעציעל געבאַקענע זעמעלעך פרישע און ראָזלעכע ווי קינדערשע געזעסלעך, האָבן געריצט נישט ווייניקער ווי די רויטע פענעצן גערויכערטע ברוסט און די אויף שטום־לשון־רופנדיקע קאַרפּן־קעפּ.

די אליהו הנביא־שטול, דאָס טישל מיט די מוהל־מכשירים און דער מוהל גופא אין אַ ווײַסן כאַלאַט האָבן געוואַרט אויף צוויי וויכטיקע רבנים, וואָס בערל האָט זיי פאַרבעטן זיי זאָלן זײַן אויפן ברית פון זײַן אייניקל. די רבנים האָבן זיך פאַרזוימט. די געסט האָבן אומגעדולדיק געוואַרט. דער טיש מיט די געטראַנקען און פאַרבײַסעכץ איז שוין כמעט אַן אויסגעענדיקטער. די איילבירטן־קערנדלעך מיט די ביינדלעך פון הערינג און מיט די ציין־שטעכער פון די שוואַרצע גריכישע איילבירטן זענען צעוואָרפן צווישן די האַלב־ליידיקע פלעשער, ווי נאָך אַ שלאַכט די הרוגים אויף אַ שלאַכטפעלד. די זײַטיקע טישן מיט די אומבאַרירטע רייצנדיקע פליישן און פיש, וועקן אומגעדולד. די ליפּן, די פינגער און די אויגן פון די געסט זענען אומרויִק. אויף וועמען וואַרט מען?

יוכבד זיצט מיט איר קינד אין אַ זײַטיק צימער, אַ צעשראָקענע, און זי קוקט אויף דעם קליינעם אין שלאָף־געזונקענעם פנימל פון איר עופעלע. דאָס האַרץ קלעמט איר, ווי איר עופעלע וואָלט געדראָעט געפאַר. אסתר טרייסט איר טאָכ־

טער: „ס'איז גאָרנישט, ס'אַ נאַרישקייט". יוכבד שאָקלט צו מיטן קאָפּ, אַפילו זי הערט נישט די טרייסט־ווערטער פון איר מאַמען.

גראַד צבי סימקין פאַרשטייט פאַר וואָס די צוויי רבנים פאַרשפעטיקן זיך, און ער רוימט עס איַין אין אויער פון זיַין פאָטער: איינער וויל נישט קומען פאַר דעם צווייטן. בערל טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. דאָס איז אים פריִער גאָר נישט איַינגעפאַלן. צו וואָס האָט ער געדאַרפט צוויי? אויסער כבוד, וואָס קען ער האָבן פון רבנים? זיי זאָלן אים כּשרן די בונקערס, וואָס ער גראָבט פאַרן זיכערהייט־מיניסטעריום? זיי זאָלן בודק זיַין צי עס כאַפּט זיך נישט אַריַין קיין חמץ אין די פונדאַמענטן פון די שיכּונים, וואָס ער בויט? בלויז אַ ביסל כּבוד. דאָס וואָלט ער דערגרייכט אויך מיט איינעם, מיט איינעם פון די הויפּט־רבנים.

אָן אַ זיַיט, נאָענט צום אַריַינגאַנג, זענען געזעסן אליעזר אַרטאַפּאַנוס און ד"ר יצחק אַרמאַזאַ, וואָס האָט אים צוגעזאָגט צו זיַין ביַים ברית און ער איז געקומען. די שוואַר־באַלאַדענע טישן אין אַ פאַרמיטאָג אין תל־אביב האָבן אין אליעזרן אַרויסגערופן אַ געפיל פון אומבאַקוועמלעכקייט. די אַנוועזנהייט פון ד"ר אַרמאַזאַ האָט נאָך שווערער געמאַכט דאָס געפיל און ער האָט זיך פאַר אים פאַרענטפערט:

„ס'איז נישט אין מיַין געשמאַק. דאָס נעמט צו די אינערלעכע פרייד פון דער שמחה. מיינט איר נישט אַזוי, קאָלעגע?"

„ס'איז היפּש מזרחדיק", האָט אַרמאַזאַ געזאָגט שטיל, „אין אינדיע וועגן זיך רײַכע מיט איידלשטיינער און צירונג אויף דער זיַיט פון דער שאָל פאַר די געוויכטער; ביַי אונדז פאַרמעסט מען זיך מיט די מענגעס פליישן און פיש. נוואָ ריש, אָן טראַדיציע".

„דער אונטערשייד איז וואָס די ווערטן פון דעם עקסהיביציאָניזם אין אינדיע בליַיבן, בעת דער עקסהיביציאָניזם ביַי אונדז גייט לאיבוד און ער שווענקט אונטער אונדזערע פונדאַמענטן", האָט אליעזר באַמערקט און זיַין אויפמערקזאַמקייט איז געפאַלן אויף דער פאַרשטאַרקטער באַוועגונג ביַים אַריַינגאַנג. ער האָט איבערגעבעטן זיַין קאָלעגע און זיך אויפגעשטעלט. די צוויי רבנים זענען אָנגעקומען. ביידע אין דער זעלבער רגע. די פאָטאָגראַפן זענען אַריַין אין בהלה. בערל האָט נישט געוווּסט מיט וועמען פריִער זיך צו פאָטאָגראַפירן און וועמען צו שלעפּן ביַי דער האַנט — דודן, צי צבי, אָדער זיַין כּנסת־מיטגליד מאָטל. זיי געפינען זיך נישט נעבן אים. ער וואָלט אויך זיי געוואָלט האָבן מיט די רבנים אויף בילדער. די בליצן פון די פאָטאָ־אַפּאַראַטן ליַיכטן אויף ווי שאָסן ביַי נאַכט, און לעשן זיך.

איצט איז אַלץ געגאַנגען שנעל, איַיליק. ווי עס איז געווען פריִער אָפּגעמאַכט האָט אליעזר פאַרנומען דעם פּלאַץ אויף דער אליהו הנביא־שטול ווי דער סנדק. בערל סימקין האָט געבראַכט זיַין אייניקל און עס איבערגעגעבן צו דודן, ער זאָל עס אַוועקלייגן אויף דער שויס פון זיַין פאָטער. דער עולם האָט זיך צוזאַמענגעשטופּט ווי צו זען אַ ספּעקטאַקל, אָבער איידער וואָס־ווען האָט זיך דערהערט די ניגונדיקע שטים פון מוהל, און אין דעם פּלוצים אויפגעקומענעם געמורמל האָט זיך אויפגעהויבן דאָס געוויין פון דעם עופעלע. „מזל־טוב! מזל־טוב!" האָבן זיך

דערהערט שטימען, נאָך איידער עס איז צום עולם דערגאַנגען וואָס פאַר אַ נאָמען דאָס עופעלע האָט באַקומען. „שלמה, הייסט ער, שלמה!" האָט זיך געהערט בערלס שטים פון צווישן דעם געזעמל, וואָס האָט מיט אימפעט זיך אויסגעדרייט און זיך אַ לאָז געטאָן צו די טישן.

דוד און אליעזר זענען מיט דעם עופעלע אַרײַן צו יוכבדן. דערזעענדיק איר בלייכקייט האָט אליעזר איר אַ פּעטשל געטאָן אין פּנים:

„וואָס ביסטו אַזוי צעשראָקן? קראַנקן־שוועסטער מײַנע, נאָך נישט געזען קיין מלחמה־פאַרוווּנדעטע? דערלאַנג איר, דוד, אַ גלעזל קאָניאַק מיט אײַז. מ׳האָט איר זון געבראַכט פון שלאַכטפעלד".

„ניין, ניין", האָט יוכבד קוים אײַנגעהאַלטן אירע טרערן, „ס׳איז מיר שוין בעסער".

„טרינק דעם קאָניאַק!" האָט אליעזר באַפוילן. יוכבד האָט אַ זופּ געטאָן און זיך פאַרקרימט.

אסתר האָט יוכבדן געשטופּט אין מויל אַרײַן אַ פּענעצל ציטרין באַשיט מיט צוקער:

„ס׳איז אַ רפואה צו אַלץ, נעם, וועסט באַלד דערפילן די ישועה".

אליעזר האָט זיך דערמאָנט אָן זײַן קאָלעגע ד״ר אַרמאָזאָ און אויך אַז יהודית און דני זענען נישט געקומען. אין אומרו האָט ער שטיל אײַנגערוימט דודן:

„כ׳האָב דאָס ספרדישע שעפעלע איבערגעלאָזט צווישן אַשכּנזישע וועלף".

ער האָט דעם ד״ר אַרמאָזאָ געפונען נעבן אַ טיש. ער האָט אין איין האַנט געהאַלטן אַ טעלערל מיט אַ שטיקל פלייש און מיט דער צווייטער געזוכט אַ וועג ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען זיך פון דער שטופּערײַ בײַ די טישן. אליעזר האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון קלעם:

„איר זעט, קאָלעגע, דעם עולם? ער איז אַרומגעכאַפּט פון אַ הונגער־פּסיכאָז", האָט ער זיך אַרומגעקוקט צי עמעצער הערט זײַנע ווערטער.

„אַ מאַסן־פּסיכאָז", האָט ד״ר אַרמאָזאָ אויסגעבעסערט.

„ביידע צוזאַמען", האָט אליעזר געזאָגט נאָך שטילער. אַליין האָט ער נישט דערגרייכט צו וועלכן עס איז טיש. דער עולם, ווי ער וואָלט געוועזן נאָך אַ לאַנגן תענית, האָט געגעסן מיט די הענט, מיט די מײַלער, מיט די אויפגעפלאַמטע פּנימער און מיט גלוסט־צעגלאַנצטע אויגן. אין אָט דעם עס־טומל זענען פאַר־שפּעטיקטע און ווי פאַרבלאָנדזשעטע אָנגעקומען פונעם קיבוץ יהודית און דני.

„איך בעט אײַך איבער", האָט אליעזר געזאָגט צו אַרמאָזאָ און געלאָפן אַנט־קעגן יהודיתן און דניך, וואָס זענען שטיין געבליבן אין דער עפענונג פונעם זאַל און געזוכט באַקאַנטע פּנימער. ער האָט אַרײַנגענומען יהודיתן אין זײַנע אָרעמס און געשעפּטשעט צו איר: „איך בין געווען אומרויק; צי איז עפּעס געשען אין וועג? קום, גיב אַ קוש דעם זיידן", האָט ער מיט איין באַפרײַטער האַנט צוגע־צויגן צו זיך דניך. „ווען האָסטו באַוויזן צו טאָן אַזאַ שפּרונג אין דער הייך?"

יהודית האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים צו איר זון, ווי ערשט אליעזר וואָלט

איר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, אַז איר זון האָט אין אַ קורצער צײַט זיך אַ צי געטאָן אין דער הייך, און רויטע הערעלעך האָבן זיך אים באַוויזן אונטער זײַן נאָז. ער האָט בײדע צוגעפירט צו ד״ר אַרמאַזאַ און נישט אָן שטאָלץ זיי פאָר־געשטעלט:

„דאָס איז מײַן טאָכטער און דאָס איז מײַן אייניקל. קיבוצניקעס. די קיבוצישע ראַסע איז נישט פון די ערגסטע״.

„כ׳מיין פון די בעסטע״, האָט אַרמאַזאַ זיך אַריסטאָקראַטיש פאַרנייגט פאַר בײדע. „ווי אַלט ביסטו?״ האָט ער זיך געוואָנדן צו דני.

„זעכצן״, האָט דני געענטפערט קורץ און זיך פאַררויטלט.

דוד האָט פון דער ווײַטנס דערזען יהודית און דני און אויסגערופן מיט אַ הילכיקער ייִנגלערישער שטים, גאַרנישט ווי איצט וואָלט געווען די פײַערונג פון דעם ברית פון זײַן זון:

„יהודית, דני, קיבוצניקעס, וואָס איז געשען מיט אײַך? געמיינט דער מוהל וועט וואַרטן מיט זײַן שערל? געפּלאַצט אַ ראָד אין וועג?״

ער האָט בײדע געקושט, זיך געפרייט מיט זיי, ווי נאָר זיי וואָלטן אים גע־בראַכט די שׂמחה.

„קומט מיט מיר, איר וועט זען מײַן זון און יוכבדן״.

„ס׳האָט דעם שאָפער פאַרפעלט בענזין אויפן וועג״, האָט דני זיך פאַר־ענטפערט. „ער האָט געמוזט נעמען טרעמפּ און פאָרן צען קילאָמעטער נאָך אַ האַלבן דזשעריקאַן״.

דוד האָט נישט דערקענט דעם ייִנגלס שטים. זי איז געוואָרן מענעריש. דאָס לעצטע מאָל ווי ער האָט אים געזען אין קיבוץ האָט ער נאָך צו ביסלעך דאָ גע־קרייט, דאָ געוואָרן הייזעריקלעך און פאַרטשעפּעט אין אַ מענערישן טאָן. איצט האָט ער געהאַט פאַר זיך אַ הויכן, שלאַנקן קיבוצניק מיט זון־פאַרברענטע נישט־פאַרקעמטע האָר, אין אַ ווײַס צעכראַסטעטע העמד. נאָך אַ ביסל און ער וועט האָבן אַריבערגעוואַקסן אים, דודן. יוכבד האָט זיך געפרייט מיט די געסט און זיי צוגע־פירט צום קישן אין וועלכן ס׳איז געווען אײַנגעבונדן דאָס עופעלע.

„דאָס איז דער העלד. ער האָט מיר הײַנט פאַרשאַפט צער״, האָט יוכבד גע־זאָגט שטיל, נישט צו איבערוועקן איר זון.

„שלמה הייסט ער״, האָט צוגעגעבן דוד. „דער טאַטע איז באַשטאַנען נאָר אויף דעם נאָמען שלמה. באשר, האָט ער מאָטיווירט, די צײַטן פון שלמה זענען געווען כמעט די איינציקע און די לענגסטע פון שלום אין ארץ־ישׂראל״.

„דער טאַטע איז גערעכט״, האָט יהודית געזאָגט צו יוכבד. „ווי איז דײַן געזונט?״

„זי איז גרייט צו אַ צווייטן זון!״ האָט דוד איר געענטפערט.

יוכבד האָט געזאָגט שטיל:

„וואַרט צו אַ ביסל, און דערווײַל זע ברענגען עפּעס עסן. איר האָט מסתּמא נאָך הײַנט נישט געגעסן״, האָט זי זיך געוואָנדן צו יהודית און דני.

דוד איז אויפגעשפרונגען:

„וואָס פּאַר אַ טעמבעל בין איך? ס'איז מיר גאָרנישט איַינגעפאַלן. כ'ל זען, צי מען קען נאָך אָפּראַטעווען וואָס עס איז פון דעם הונגערלאַנד". ער איז געלאָפן און צוריקגעקומען מיט צוויי טעלערס, אויף וועלכע עס זענען געלעגן רעשטלעך פון פליש, שווענצלעך פון הערינג, איילבירטן, אַן איבערבלײַב פון מאַיאָנעז און עטלעכע זעמעלעך. „צום באַדויערן", האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל פון ערנסט־קייט, „אינעם ,מיתון' זענען אַלע אַזוי אויסגעהונגערט, אַז דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב באַוויזן צונויפצוזאַמלען".

„ס'איז גוט, ס'איז אין אָרדענונג, אייגנטלעך..." האָט יהודית אָנגעהויבן און אסתר האָט איר נישט געלאָזט אויסרעדן:

„דאָס איז נישט קיין עסן... יוכבד פּאַרט צו מיר מיטן קינד זיך אָפּצורוען, וועט איר קומען צו אונדז. מיר האָבן פיר אויטאָס און מיר וועלן האָבן נישט קיין וואָקזאַל נאָר אַ שמחה".

יהודית האָט זיך געקווענקלט. זי דאַרף זײַן וואָס פריִער צוריק אין קיבוץ. אויסער דעם דאַרף יוכבד האָבן רו. מ'דאַרף אַלץ אָפּלייגן אויף אַן אַנדער צײַט. אויסגעהונגערט זענען זיי נישט. דאָ האָט זיך דווקא דני אַרײַנגעמישט, אַז דער קיבוץ וועט נישט אונטערגיין אויב זיי וועלן זיך פאַרזאַמען. פון דעם האָט דוד געמאַכט דעם אויספיר, אַז פון ראשון־לציון וועלן זיי צוריקקומען קיין תל־אביב, און ווײַל יוכבד וועט בלײַבן בײַ דער מאַמען, האָט ער אין רמת־גן פּלאַץ פאַר יהודית און דני. אויך בײַם טאַטן איז פאַראַן גענוג פּלאַץ. „מ'עט מאַכן אַ לעבן!" האָט ער פאַרגעזאָגט.

אסתר איז געווען גערעכט: דער זאַל, וואָס מיט אַ וועלכער שעה צוריק איז ער געווען פײַערלעך אויסגעצירט, מיט רײַך־געדעקטע פאַרביקע טישן און מיט בלומען, האָט איצט אויסגעזען ווי אַ וואָקזאַל פון וועלכן אַלע צוגן זענען אָוועק־געפאָרן און די פּאַסאַזשירן האָבן איבערגעלאָזט אויפן דיל און אויף די טישן רעשטלעך פון עסן, גענוצטע און נישט גענוצטע ווײַסע פּאַפּירענע סערוועטלעך, ליידיקע פלעשער, שטיקלעך פון זעמל, ווײַן־פאַרפלעקטע טישטעכער און אַן איבל־דיקן ריח פון נישט פאַרדייט עסן מיט ציגאַרעטן־רויך. גוזמאדיק האָט אסתר זיך אָנגעכאַפּט בײַ דער נאָז דורכשפּאַנענדיק דעם זאַל און צוגעאײַלט דודן ער זאָל גיין שנעלער, דער עיפּוש זאָל חלילה נישט פאַרשאַטן דעם קינד.

קיין ראשון־לציון איז געפאָרן אַ קאַראַוואַן אויטאָמאָבילן פון דער משפּחה סימקין: פאָרויס — צבי, אין זײַן שוואַרצן גערוימען שעוראָלעט, וואָס שנײַדט זיך אַדורך ווי אַ וויכער אַפילו דורך זאַמד־דיונעס אין נגב. נעבן אים זיצט זײַן שושנה. זי איז היפּש פאַרלאַנגווײַליקט פון דער גאַנצער מעשה. צבי האָט פאַר איר פריִער אויסגערעכנט וועד אַלץ עס וועט זײַן אויפן ברית. זי האָט געמיינט בײַ דער געלעגנהייט צו באַקענען וויכטיקע מענטשן, מיניסטאָרן, דירעקטאָרן, חברי־הכּנסת. צום סוף זענען צבי און איר שווער בערל געווען פאַרנומען מיט

פאָטאָגראַפירן זיך מיט די וויכטיקע געסט און זיי אַליין, די געסט, האָבן זיך געוואָרפן אויף די טישן מיט אַזאַ להוטקייט, אַז אויסער די פליישן און שטיקער פיש האָבן זיי גאָרנישט געזען. זי האָט אַפילו נישט געהאַט קיין געלעגנהייט מיט וועמען פון זיי זיך צו באַקענען. טיפער אין שעוואַלעט פירט צבי די מאַמע אסתר און יוכבדן מיטן קינד. יוכבד איז טויט מיד פון איר איבערלעבונג.

נאָך צבי פאָרט בערל אין זײַן גרויען פאָנטיאַק 1966, וואָס אויסערלעך זעט ער אויס ווי ער וואָלט שוין לאַנג געהאַט אָפּגעדינט זײַנע יאָרן. בערלס שטייגער בײַם פירן דעם אויטאָ איז: פאַרטשעפּען טעלעפאָן־זײַלן; אַרויסרײַסן מײַל־שטיי־נער בײַם ראַנד פונעם כּביש; אַרויפפאָרן אויף אייל־פלעקן און מיט איין מאָל פאַרקערעווען אויף צוריק און זיך אָנשלאָגן אָן אַ בריק־באַריערע צי אָן אַן אַנדער שטערונג נישט אַראָפּצופאַלן אין אָפּגרונט. פון אַלע מכשולים גייט ער אַרויס טרוקן און רויִק, ווי נישט אים וואָלטן זיי געמיינט. בלויז דער אויטאָמאָביל זײַנער באַקומט דאָ אַ קלאַפּ, דאָ אַ קנייטש, פאַרלירט אַ לאַמטערן, אַ פליגל, אַ טאָמבאָן רײַסט זיך אָפּ און הענגט אַראָפּ פון דער מאַשין ווי אַן אָפּגעריסענער אויער פון אַ הונט נאָך אַ געשלעג. דער מאָטאָר בלײַבט אַ מזיק. ער אַרבעט שטיל, ווי אַ שווייצאַריש זייגערל. אין דער גרעסטער קעלט צינדט ער זיך אָן ווי פון זיך אַליין. ער דאַרף נאָר דערפילן בערלען בײַם רעדל. מיט בערלען פאָרן אליעזר, דוד, יהודית און דני. בערל איז גאָר אויפגעלייגט. ער האָט נישט געהאַט קיין טראָפּן י״ש אין מויל און דער קאָפּ איז קלאָר. ער פירט די מאַשין מיט איין האַנט און די צווייטע האַלט ער אָנגעלענט אויף דער פענצטער־ראַם. ער דאַרף די פרײַע האַנט אויף צו רעדן. דער מחותן זײַנער ווייסט אַפילו נישט וואָס פאַר אַ געסט ער האָט געהאַט אויף דעם ברית. „אַ שאָד, איר זענט געווען פאַרנומען בלויז מיט איינעם״, האָט ער געקוקט אין שפּיגעלע פאַר זיך און געוואָלט זען אליעזרס פּנים. „איך וואָלט אײַך באַקענט מיט דעם רפאל אַשפי, וואָס אָן אים איז זײַן מיניסטער פאַר־לוירן ווי אין דער מדבר. פיר־פינף מאָל אין יאָר איז ער אין אויסלאַנד, אין די גרעסטע האָטעלן; אין וויניקער ווי מיט פינף שטערן וועט זײַן פוס די שוועל נישט אַריבערטרעטן. מיט זײַנס אַ רשיונדל איז מען אַ געמאַכטער מענטש. דוד, דערמאָנסט זיך וואָר ס׳איז אַרײַנגעקומען מיט דעם מפקד? דער, וואָס האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט די האַנט בײַם פאָטאָגראַפירן זיך, איז פון יענער חברה וואָס האָבן קאָלט געמאַכט דעם, ווי הייסט ער דאָרט, די נבלה וואָס איז געקומען קיין ירושלים מאַכן פון איר אַן אינטערנאַציאָנאַלע שטאָט? פאַלקע, פאָלקע בער־נאַדאָט! זיי האָבן מיט אים געטאַנצט די ריכטיקע פאָלקע, פּיף־פּאַף, און פּטור אַן עסק. אין די פערציקער יאָרן פלעגט ער בײַ אונדז זיך אויסבאַהאַלטן פון די בריטן. און די מאַמע האָט אים געשטאָפּט מער ווי אירע אייגענע קינדער״. דער פאָנטיאַק האָט אַ לײַכטן ציטער געטאָן און בערל האָט אויסגעשריגן: „אוי, אַ בראָך, איך האָב אָוועקגעהרגעט אַ קאַץ! ווער הייסט איר קריכן אין דער מיט כּביש? אין ,סעזאָן׳ האָבן אים די מפא״ישע נבלות געזוכט, געוואָלט אים איבערגעבן אין די הענט פון דער בולשת. זיי האָבן געוווסט, ער איז אין ראשון, נאָר אַ מכּה האָבן

זיי געוווּסט, אַז ער איז בײַ אונדז אויף קעסט. הײַנט פֿאַרשטייען זיי אַן עסק די מפא״יניקעס. האַ־האַ!״

הינטער דעם פּאַנטיאַק איז געפֿאָרן דער חבר־הכּנסת מרדכי סימקין וואָס אַלע רופֿן אים פּשוט: מאָטל. נעבן אים — זײַן שוועסטער דינה. זי האָט דעם מאַן מיט די קינדער אַוועקגעשיקט אַהיים, און זי פֿאָרט צוהעלפֿן דער מאַמען. ערשט דאָ, אויפֿן ברית, האָט זי געזען ווי די אמא האָט זיך שטאַרק געעלטערט, און ס׳האָט איר אַרומגענומען אַ רחמנות. אַ גאַנץ לעבן האָרעוועט די מאַמע פֿון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט. זי לעבט נאָך מיט די אַלטע צײַטן. ווייסט נישט פֿון קיין רו. פֿאָרט קיין מאָל נישט אַרויס אין אַ פּענסיאָן. זי חוזקט פֿון אַנדערע וואָס פֿאָרן יאָ און ,עסן בײַ פֿרעמדע טישן׳. „פֿאַר וואָס זאָל איך אויפֿעסן וואָס אַנדערע קאָכן אָן?״ טענהט זי ווען די קינדער רעדן איר צו, זי זאָל פֿאָרן מיטן טאַטן כאָטשבי אויף אַ „וויקענד״ אין „קינג דייוויד״ אין ירושלים. מרדכי סימקין טראַכט זיך זײַנע באַזונדערע מחשבות. אייגנטלעך האָט ער געדאַרפֿט בלײַבן אין תּל־אביב, ס׳איז דאָנערשטיק. די גאַנצע כּנסת איז אין תּל־אביב, די כּנסת־קאָמיסיעס האַלטן אָפּ זייערע זיצונגען אין תּל־אביב. מען דאַרף וויסן וואָס, ווער און ווען. די מיניסטאָרן זענען אויך אין תּל־אביב. מען דאַרף זיי קוקן אויף די הענט טאָמער וועלן זיי געבן אַ געלעגנהייט פֿאַר אַ שאילתּה אין דער כּנסת, אָדער אַפֿילו פֿאָרצושלאָגן אומצוטרוי צו דער רעגירונג. זײַן נאָמען איז שוין לאַנג נישט דערמאָנט געוואָרן אויף אַ פּלענאַרער זיצונג פֿון דער כּנסת. ס׳איז אַוודאי דאָ גענוג צו פֿרעגן דער רעגירונג וועגן אירע מעשׂים. די תּנועה איז אין אָפּאָזיציע, אָבער די שאילתּות מאַכן ס׳רוב דער מפֿקד אַליין, אָדער יוחנן באַדער. די אַנדערע קומען זעלטן צום וואָרט און אַזוי אויך ער וואָלט געדאַרפֿט בלײַבן אין תּל־אביב אויך צוליב זײַן ,טראַנטע׳, דעם אַלטן פֿערד, כאָטשבי רעגולירן די קלאַפּעס. זעלטן אַרבעטן אַלע זעקס צילינדערס. טרינקט בענזין ווי אַן אייזל טרינקט וואַסער און לאָזט נאָך אַ שוואַרצן פֿעטן רויך אַז ער זעט קוים די מאַשין, וואָס פֿאָרט הינטער אים. די וועלכע מײַדן אים אויס שרײַען צו אים: „חמור, קוימען־קערער, ס׳הויז ברענט!״ אייגנטלעך האָט ער אַפֿילו נישט קיין צײַט ווען די מאַשין אַרײַנצוגעבן אין גאַראַזש. איין טאָג איז גאָרנישט. ווען ער וואָלט געהאַט צײַט... שורה פֿון מצודת־זאב איז אַ פֿײַן און אינטעליגענט מיידל. ס׳דאַכט זיך אים, אַז ער האָט זי ליב. ניין, ס׳דאַכט זיך אים נישט. ער האָט זי טאַקע ליב. ווען ער דערזעט זי אין מצודת־זאב בײַ דער שרײַבמאַשין, טוט אים אַ זבענג אין האַרץ. איז ער צעריסן צווישן תּל־אביב און ירושלים. די צרה איז וואָס דאָס נישט לאָזן זיך זען אין דער כּנסת, כאָטשבי אין כּנסת־רעסטאָראַן, הייסט לאָזן אַנדערע זיצן בײַ דער מזרח־וואַנט אָן אַ סוף. אפֿשר זיך באַמיִען די פֿראַקציע זאָל שורהן אָנשטעלן אין דער כּנסת? וועט זי ווידער נישט זײַן אין תּל־אביב אין די סוף־וואָכס. מאָטל האָט זיך צעלאַכט ווי עמעצער וואָלט אים דערציילט אַ גוטן וויץ. „וואָס איז געשען?״ האָט דינה זיך געוווּנדערט אויף דעם פּלוצימען געלעכטער פֿון איר ברודער. מאָטל האָט אויף אַן אויגנבליק אויסגעדרייט צו איר זײַן לאַכנדיק פּנים: „נאַרישקייטן, כ׳האָב

זיך דערמאָנט אַ נאַרישקייט". די ‚נאַרישקייט' איז געווען דאָס וואָס עס איז אים אין דער רגע קלאָר געוואָרן, אַז אויב ער זאָל חתונה האָבן מיט שורהן, דאַרף זי אויף כּפּרות די אַרבעט אין מצודת־זאב. זי וועט ליבערשט זײַן אַלע מאָל מיט אים און אים סעקרעטאַרעווען. אַ חבר־הכּנסת אָן אַ סעקרעטאַר איז ווי אַ וועטלויפער אָן אַ פּוס. דאָס איז אים פריִער נישט אײַנגעפאַלן.

דעם קאַראַוואַן אויטאָס שליסט אָפּ רפי. ער פּאַרט אין זײַן קלײנעם פּיאַט אײנער אַלײן. דער שוואַרצער פעטער רויך פון זײַן ברודערס אויטאָ, פאַר אים, רעגט אים אויף. ער קוקט אויף דעם עקזהאַסט פון דעם אַלטן פאָרד ווי אויף אַ קלײנעם ווולקאַן־קראַטער וואָס שיסט אַרויס וואָלקנדלעך רויך און פאַרסמט די לופט. מאָטל דער אָפּאָזיציאָנער האָט טענות צו דער מפא"י־רעגירונג הלמאי זי דערלאָזט צו דעם קלאָגעדיקן עקאָלאָגישן מצב אין דער מדינה: דאָ ווערן די פיש פאַרגיפטעט אין כּנרת; אין חיריה פוילן בערג מיט מיסט און פאַרגיפטן תּל־אביב; דער ירקון שטינקט און האָדעוועט כּמאַרעס מאָסקיטן, וואָס רויבן אַוועק דעם שלאָף פון די אויגן פון דער ערשטער יידישער שטאָט אין ארץ־ישׂראל. און ער אַלײן, מאָטל, פאַרפּינצטערט די וועגן מיט דעם רויך פון זײַן אַלטן פאָרד, וואָס דאַרף האָבן נײַע רינגען ווי דאָס לעבן.

רפי היט זײַן קלײנעם פּיאַט ווי ער היט זײַן פּאָזיציע אין דער תּנועה. ער האָט אַ דעוויז: היט די זאַכן וואָס דו ווילסט זיי זאָלן דיך היטן. דער פּרינציפּ אַרבעט. פאַר די קאָנטראָל־ווײַזערס אין דער מאַשין האָט ער פאַר זיך תּמיד אַ בלעטל מיט די דאַטעס ווען ער דאַרף בײַטן דעם אײל, שמירן די רעדער, טוישן דעם אײל־פּילטער, און בײַם אָנפילן דעם באַק מיט בענזין פאַרגעסט ער קײן מאָל נישט צו קאָנטראָלירן די באַטעריע, צי עס פעלט איר נישט קײן וואַסער. דינט אים די מאַשין. אַזוי אויך מיט דער תּנועה. ער פאַרפעלט נישט קײן זיצונג אין מצודת־זאב, ער איז גוט מיט אַלע חברים פון מרכּז, פון דער פּאַרטײ־לײטונג און פון דער פראַקציע אין דער כּנסת. ער היט אָפּ די טראַדיציע פון בית"ר, אַז ווען ער שטעלט זיך פאַרן פירער, קלאַפּט ער מיליטעריש צונויף די קנאַפל און רופט אויס: „המפקד!" דער פירער האָט עס ליב. ער זאָגט, אַז דעם שטײגער האָט באַ־פוילן — בפירוש באַפוילן — זאב זשאַבאָטינסקי, כּדי צו ווײַזן, אַז מען איז תּמיד גרייט צום דינסט פון דער תּנועה. פאַר דער מולדת דאַרף מען אַלע מאָל זײַן אַ זעלנער אין רעגולערן דינסט. ער, רפי, האָט, לפי זײַן עלטער, אײגנטלעך דער־גרייכט אַ העכערן שטאַפּל ווי עס זאָגט אים אונטער זײַן אַמביציע צו שטײַגן. די אַלטע גוואַרדיע האַלט זיך מיט ציין און נעגל אויף אירע פּאָזיציעס; גיט אַוועק אַ סך פון איר ענערגיע צו האַלטן דעם יונגן דור קורץ בײַם צײמל. די פּאַרענט־פערונג איז, אַז כּלומרשט איז דער יונגער דור לײַכטזיניק און נישט גענוג איבער־געגעבן דער אידעאָלאָגיע; ער מײנט, אַז ס'איז גענוג צו זײַן אין אָפּאָזיציע צו מפא"י, כּדי אויסצופירן די מצוות פון דער צוואה פון זאב זשאַבאָטינסקי. דאָך ער, רפי, איז שוין פון לאַנג אַ מיטגליד אין מרכּז און ער איז אויפן וועג צו דער פּאַרטײ־לײטונג. צו די קומענדיקע כּנסת־וואַלן וועט ער זײַן אויף דער רשימה

צווישן די ערשטע פערציק קאַנדידאַטן. טאַמער געשעט און מפא״י גליטשט זיך אויס — איז ער אין דער כּנסת. חבר־הכּנסת רפי סימקין! שוין איצט איז יוחנן באַדער צופרידן פון אים. ווען ער באַגעגנט אים לייגט ער אַרויף אַ וואַרעמע האַנט אויף זײַן אַקסל, דערציילט אים זײַנע אײַנפאַלן בײַם קריטיקירן דעם מפא״יישן פינאַנץ־מיניסטער און דערבײַ וואַרפט ער אַרײַן ווענדונגען אויף פויליש: „מלאַדי טשלאָוויעקו״, „כלאָפּיע״, „גלופּטאַסיע״. אַלע קוקן אַרויף צו אים, דעם געוועזענעם בונדיסט, וואָס האָט זיך אין קראָקע דועלירט פאַר זײַן פּרוֹי. אויך דער מפקד אַליין דערנענטערט אים. ניין, ער דערנענטערט קיינעם נישט, אָבער ער רעדט צו אים ווי אַ קאָמאַנדיר צו אַ מאַן פון אַ פיל נידעריקערער ראַנג, וואָס ער האָט אים געררן אין זײַן שטאַב. ער איז אַלע מאָל טויט ערנסט, דער מפקד. אַז ער לאַכט איז דאָס געלעכטער אַן אויפגעצווונגנס און אַן אײַנגעהאַלטנס, ווי עס וואָלט נישט געפּאַסט פאַר אַ מפקד צו לאַכן.

בריטאַן, דער שוואַרצער קודלאַטער הונט אויפן הויף פון די סימקינס, האָט באַצײַטנס דערפילט, אַז עס דערנענטערן זיך אייגענע. ער האָט זיך צעבילט, געוויינט און זיך געריסן פון דער קייט, וואָרפנדיק מיט דעם בעזעמדיקן וויידל ווי מיט אַן אַלטן לולב. דערנאָך האָט ער געבילט צו סעדיהן, ער זאָל אים העלפן, ער זאָל זען וואָס אַלץ עס גייט געשען. סעדיה האָט געוווסט, אַז „דער שוואַרצער שד׳ רעדט צו אים. נאָר ווײַל קיין אַנדער לשון ווי בילן קען „דער חמור׳ נישט, און סעדיה קוקט זיך וויניק אום אויף אים, פאַרשטייט ער נישט וואָס דער כּלב צעאַרבעט. זאָל ער!

פון זײַן אַלטער היים האָט סעדיה מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פײַנדשאַפט צו הינט און דעם פּסוק „הצילה מחרב נפשי מיד כּלב יחידתי׳ — „ראַטעווע מײַן איינציקן גײַסט פון אַ שווערד און פון אַ הונט׳. אַז ער איז אָנגעקומען צו דער אַרבעט בײַ די סימקינס, איז בריטאַן שוין דעמאָלט געווען אויף דער קייט ווי אַ יונגער הונט. די חיה האָט סעדיהן שנעל ליב באַקומען, געוואָלט פון אים אַ גלעט, אַ גוט וואָרט, אַ לעק צוקער, אָבער סעדיה האָט נישט געהאַט פאַר אים מער ווי דעם פּסוק. טאַמער האָט דער הונט אים געשטערט בײַם איבערגראָבן די ערד, באַוואַסערן די בלומען־קוסטן, אָדער בײַ אַנדערע אַרבעטן, האָט ער אים גערופן „חמור״, „חמור בן חמור״, „שד שחור״. אַז דער הונט האָט זיך אַ מאָל צוגעכאַפּט צו אים ווען ער האָט געקניט בײַם פאַרזעצן בלומען, און ער האָט אים געלעקט דאָס פּנים, איז סעדיה געווען אויסער זיך. ער האָט געלאַכט און דערציילט אסתרן: „וואָס איז? איך בין אַ ווײַב, וואָס דער חמור האָט מיך ליב?״ אסתר האָט אים באַרויִקט: „אַלע האָבן דיך ליב, סעדיה״.

אַ מינוט נאָך דעם האָט סעדיה פאַרשטאַנען דעם פּירוש פון בריטאַנס בילן. פאַרן הויז זענען פאַרפאָרן פיר מאַשינען. די אַרומיקע לײַדיקייט איז אויסגעפילט געוואָרן מיט רעשיק לעבן, מיט באַוועגלעכקייט און מענטשלעכער פרייד. סעדיה איז אַנטקעגנגעלאָפן יוכבדן און איר געווונטשן איר זון זאָל זוכה זײַן אַנטקעגנצוגיין משיחן. דעם קישן מיטן עופעלע האָט געטראָגן דוד. סעדיה איז נישט געווען

געגוג דרײַסט צו בעטן דעם אדון דוד, ער זאָל אים ווײַזן דאָס קינד. האָט ער געבעטן אסתרן: כאָטש איין קוק! אַ בכור! אסתר ווייסט וואָס עס מיינט אַ בכור?! אסתר האָט אים צוגעפירט צו דודן און סעדיה האָט באַקוקט דאָס עופעלע פון אַלע זײַטן: „מותק, ער וועט זײַן דער ראש־העיר פון ראשון־לציון!‟ האָט סעדיה פאַרגעזאָגט.

בריטאַן האָט זיך געריסן פון דער קייט. אַז ער האָט דערזען יוכבדן, האָט ער זיך צעוויינט ווי מען וואָלט אים געשלאָגן. כאָטש זי איז געווען מיד, קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס, איז זי צוגעגאַנגען צו דער חיה און זי אַ גלעט געטאָן: דער הונט האָט געפּרוווט לעקן איר פּנים און זי האָט אים באַרויִקט:

„מ׳דאַרף נישט, בריטאַן. איך ווייס, אַז דו האָסט מיך ליב‟.

אין קורצע מינוטן האָט אַ שׂמחה זיך אויסגעשפּרייט איבערן הויז. אַזוי שנעל ווי אסתר האָט אַרײַנגעטריבן אין בעט אַרײַן יוכבדן און באַשטאַט דאָס עופעלע אין איר צופוסנס, האָבן זיך צעפּנט די אַלמערס, דער אײַזקאַסטן, אויף דער קיך האָבן זיך באַוויזן גלאַנציקע טעפּ און פאַנען, אויפן טיש האָט אַ פּלאַטער געטאָן אַ בלאַנק ווײַסער טישטוך, און כּדי ער זאָל נישט זײַן ליידיק האָט בערל אָנגע־הויבן אַרויסשלעפּן פון די אַלמערס פלעשער משקה און גלעזער.

„איצט, קינדערלעך, איז אונדזער שׂמחה‟, האָט אַ פאַרפאַרעטע אויסגערופן אסתר און מיט דער האַנט פאַרוואָרפן אַ פּאַס האָר וואָס איז איר אַרויפגעפאַלן אויפן פּנים. „בערל, זײַ מכבד מיט דעם וואָס דו באַהאַלטסט אין קרעדענס!‟

„ער איז שוין דאָ אויפן טיש!‟ האָט בערל איר געענטפערט און גענומען אָנגיסן די גלעזער. „דעם אמת געזאָגט, בין איך טויט הונגעריק. כ׳האָב נישט באַוויזן צו נעמען אין מויל אַרײַן אַפילו אַ כּזית‟.

„איר האָט פאַרבעטן צו פיל געסט‟, האָט זיך אָפּגערופן אליעזר.

„דאָס וואָס מײַן באָבע פּעסע פלעגט זאָגן: ,צו פיל געסט ווייסט קיינער נישט וואָס ער עסט׳‟, האָט מיט אַ העכער קול געזאָגט אסתר, כּדי צו לאָזן וויסן פון דער קיך, אַז זי האָט געהערט וואָס אליעזר האָט באַמערקט‟.

„כ׳האָב נישט ליב צו באַהאַלטן זיך מיט שׂמחות!‟ האָט בערל אויפגעהויבן אַ גלאָז. „בײַ מיר וואָלט איך געטאַנצט אין די גאַסן און זאָלן זיך פרייען די פרײַנד און זאָל עס קרענקען די שׂונאים. לחיים!‟

פון דער קיך זענען דערגאַנגען גוטע ריחות. אסתר און דינה, אַרומגעבונדענע מיט פאַרטעכער, האָבן געלאָזט אין גאַנג אַלע זייערע עלעקטרישע מכשירים צו מאָלן און צו שנײַדן, צו פרעגלען און צו בראָטן. דני דער קיבוצניק האָט באַהאַל־טענערהייט זיך צוגעקוקט ווי די דרײַ ברידער צבי, מאָטל און רפי, האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף אַ פלאַש שנאַפּס און אין קורצע מינוטן זי בײַגעקומען ביז צו דער דנאָ. ער אַליין האָט געהאַלטן דאָס גלעזל ווײַן מיט אַלע פינף פינגער, כּדי צו פאַרשטעלן, מ׳זאָל נישט זען, אַז ער האָט קוים פונעם געטראַנק פאַרזוכט אַ טראָפּן. אַלץ אין סימקינס הויז האָט אים אויסגעזען אי אויסטערליש און אי צו־ציִענדיק. דאָס הויז איז פול. היימיש. ס׳שמעקט מיט מאכלים וואָס ער קען נישט

זייער טעם. אויסער זײַן זיידן און דודן, זענען די מענטשן דאָ אַנדערע. פּלוצים האָט צבי געפרעגט:

„ווו איז סעדיה? פאַר וואָס זעט מען נישט סעדיה?!"

„סעדיה!" האָט רפי געראָפן דורכן אָפענעם פענצטער.

סעדיה איז אַרײַנגעקומען אַ צעטומלטער, ווי ער וואָלט געמאַכט אַ פעלער און מיט שנעלע באַוועגונגען געזוכט דעם באַשולדיקער.

„געשען עפּעס?" האָט ער געפרעגט און די פּיאות האָבן זיך אים געבאָמבלט.

„געשען!" האָט בערל באַשטעטיקט, „יוכבד האָט געבוירן אַ זון און דאָס איז דער טאַטע. קענסט דודן?"

„זאָל זײַן מיט מזל; זאָל האָבן געבוירן געוואָרן אַ מלך בישׂראל!" האָט סעדיה געווונטשן. „אַוודאי קען איך דעם אדון דוד און דאָס איז דער רופא, וואָס האָט מיר ברוך־השם אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן", האָט ער מיט אַ פינגער געוויזן אויף אליעזרן.

„וואָס וועסטו טרינקען, סעדיה?" האָט געפרעגט צבי, „אַראַק, ברענדי, וויס־קי, וואָדקאַ?"

„וואָס גאָט־ברוך־הוא גיט", האָט סעדיה געפינטלט מיט די אויגן און באַלד פאַרגעסן די נעמען פון די געטראַנקען, וואָס צבי האָט אויסגערעכנט.

„דאָס ערשטע", האָט ער לסוף באַשלאָסן.

בערל האָט אָנגעגאָסן אַ האַלבע גלאָז אַראַק און דערלאַנגט סעדיהן מיט אַ וואָרענונג ער זאָל טרינקען פּאַמעלעך, כּדי נישט צו ווערן שיכּור. סעדיה האָט מיט אַ האַלב ניגונדיק קול געמאַכט אַ ברכה און אַ זופּ געטאָן. די אויגן האָבן זיך אים פאַרגלאָצט און ער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ:

„הלוואי זאָל יוכבד געבוירן כאָטש אַזוי פיל זין וויפל דער רב יחיא אין עקרון האָט געבוירן".

„וויפל?" איז אליעזר געווען נײַגעריק.

„בעזרת־השם און בלי עין רעה צוועלף", האָט סעדיה אַ שטאַרקן זופּ געטאָן פון דער גלאָז.

„פון דרײַ ווײַבער?" האָט רפי געוואָלט טרעפן.

„ניין, בלויז פון צוויי, גלײַך אויף גלײַך", האָט סעדיה געוויזן צוויי פינגער און צוגעקלאַפּט איינעם צום צווייטן, „די ערשטע — זעקס און די צרה זעקס. ברוך־השם".

דני האָט געזוכט יהודיתס אויגן. זי האָט דערפילט זײַן בליק און מוטער און זון האָבן געשמייכלט צו איינאַנדער.

אין גאָרטן האָט זיך דערהערט דאָס בילן פון בריטאַנען. פון דער צווייטער זײַט האָט זיך צעקאָכט אַ רעשיקער אויטאָ־מאָטאָר, וואָס ווי שנעל ער האָט זיך צעטומלט אַזוי שנעל איז ער פאַרלאָשן געוואָרן.

„כ׳ל שווערן, מיר האָבן אַ גאַסט!" האָט אסתר געראָפן פון דער קיך.

בערל האָט געאײַלט צום פענצטער און מבשׂר געווען:

„מיר האָבן אונדזער גענעראַל! ער האָט זיך צוגעשטעלט".

אין דער פענצטער־ראָם האָט זיך באַוויזן גדעון מיט זײַן רויטן בערעט אויפֿן אַקסל אונטער דער שליפּע.

„שלום, חברה. געווען אין תל־אביב צום ברית און דאָרט האָט מען זיך גע־גרייט צו אַ חתונה", האָט ער דורכן פענצטער דערלאַנגט דעם טאַטן די האַנט.

„וואַרף זיך אַרײַן. מיר האָבן דאָ די אמתע שׂמחה", האָט דער פֿאָטער אים אָנגעגומען בײַ אַן אויער.

גדעון איז געווען אַ קאָפּיע פֿון זײַן מוטער, מיט אַן ענלעך מילד פּנים און גוטע אויגן. ער איז אַרײַן אין הויז אַזוי ווי ער וואָלט עס גאָרנישט פֿאַרלאָזט. בלויז צום ערשט אָפּגעטרעטן אין דער קיך און געזאָגט דער אמא „שלום". די אַנדערע האָט ער אַפֿילו די האַנט נישט דערלאַנגט. זיך באַגנוגנט מיט אַ „האַי, חברה" און זײַן בליק איז געפֿאַלן אויף דני:

„כ'וואָלט געשווירן אַ קיבוצניק. געטראָפֿן?" האָט ער מיט אַ פֿינגער אָנגע־וויזן אויף דני.

דני האָט שמייכלענדיק באַשטעטיקט:

„אויך מײַן אמא איז פֿון קיבוץ", האָט דני אַרויפֿגעלייגט זײַן האַנט איבער דעם אַקסל פֿון יהודית, וואָס איז געווען פֿיל נידעריקער פֿון איר זון.

גדעון האָט דורכדרינגלעך אָנגעקוקט יהודיתן און צום סוף געזאָגט:

„ס'איז אמא און זון, אָבער אין דעם פֿאַל וואָלט איך נישט געטראָפֿן. איך וואָלט אפשר געזאָגט: פֿון חיפה".

„נישט געטראָפֿן!" האָט דוד אויסגערופֿן, ווי עס וואָלט געגאַנגען אין אַ געוועט.

גדעון האָט זיך דערנענטערט צו יהודית און איר דער אײנציקער דערלאַנגט די האַנט. זי האָט וואַרעם געדריקט זײַן האַנט און געזאָגט איר ערשטן נאָמען. זײַן פּנים איז געוואָרן ערנסט. ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט אַלץ געוווּסט.

דינה האָט סערווירט דעם טיש מיט בלומיקע טעלערס און באַשטעק. אסתּר האָט פֿון קיך געמאָלדן:

„קינדערלעך, אַלץ איז פֿאַרטיק!"

איצט, אַז מ'האָט זיך געזעצט צום טיש, און בערל, אויבן־אָן, האָט ער זיך דערפֿילט ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען אַלע קינדער זענען געווען אין דער היים. ער האָט אָנגעגאָסן ווײַן אין די גלעזער און גיסנדיק האָט ער אַריבערגעפֿרעגט איבערן טיש:

„זאָג מיר נאָר, פּיטער, כ'פֿאַרשטיי ווען דו ביסט געווען אין רעגולערן דינסט און מ'האָט דיך געדאַרפֿט שיפּשופּעווען, האָסטו באַקומען חופֿש ווען אַנדערע האָבן געוואָלט. אָבער הײַנט? אויך הײַנט האָסטו נישט געקענט קומען צום ברית ווען אַלע זענען געקומען? האָסט געדאַרפֿט זען וועד אַלץ ס'איז געווען אויפֿן ברית!"

„אבא, אַ מאָל, אַז אַנדערע האָבן מיר געדאַרפֿט געבן חופֿש, איז מיר נישט אָנגעגאַנגען וואָס עס קומט פֿאַר. זאָלן זיך די אַנדערע שלאָגן קאָפּ אָן דער וואַנט;

הײַנט, ווען איך גיב חופש אַנדערע — שלאָג איך זיך קאָפּ אָן דער וואַנט. איצט איז קלאָר פאַר וואָס איך האָב אין תל־אביב, אַנשטאָט אָנצוקומען צום ברית, בין איך אַנגעקומען ווען דאָרט האָט מען געגרייט צו אַ חתונה? און וועגן דעם ווער אַלץ עס איז געווען אויפן ברית, אַפילו וועסט מיר זאָגן: דער רמטכ״ל, גייט עס מיר אָן ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. אַגב, וואָס מאַכט יוכבד און דער פּופּיק?״ האָט זיך גדעונס פּנים צעליכטיקט, „נאָך אַלץ אין דער קליניק?״

„מײַנע שונאים!״ האָט אסתר אויסגערופן, „מיר האָבן זיי ביידע אין שטוב. זיי שלאָפן פאַרמאַטערטע ווי נאָך אַ טאָג קטיף״.

„וואָס פאַר אַ נאָמען האָט איר געגעבן דעם פּופּיק?״ האָט רפי געפירט זײַנע אויגן איבער די פּנימער אַרום טיש. אליעזר האָט געענטפערט כמעט אין דעם זעלבן אויגנבליק ווי אסתר האָט געוואָלט ענטפערן:

״שלמה. ס׳איז געווען אַ מלחמה אַרום דעם נאָמען, און איך האָב געזיגט״.

„שלמה? נאָך עמעצן? פאַר וואָס אַ גלות־נאָמען און נישט קיין ישׂראלדיקער נאָמען?״ האָט גדעון געפרעגט ווי ער וואָלט געווען אַנטוישט.

אַ רגע האָט אַרום טיש געהערשט פאַרווירונג. דינה האָט אויף אַ טאַץ אַרײַנגעבראַכט געבראָטן פלייש, וואָס האָט דאָס צימער אָנגעפּילט מיט אַ זאַפטיקן ריח. די פאַרווירונג האָט זיך אַ ביסל געלאָשן. דאָך ווען דינה האָט אַרויפגעלייגט אַ פּאָרציע פלייש אויפן טעלער נעבן אליעזרן, האָט ער מיט זײַן מעסער און גאָפּל געגרייכט צו דער שיסל גרינעם סאַלאַט און אין דער זעלבער צײַט געזאָגט מיט אַ טאָן פון רעציטאַציע:

„עפּעס איז קאַליע אין דעם ישׂראלדיקן קעניגרײַך״.

„אין דענישן קעניגרײַך!״ האָט אים דני אויסגעבעסערט און רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן.

אליעזר האָט אויפגעהויבן העכער דעם גאָפּל מיט אַ בלעטל גרינעם סאַלאַט ווי אַ פאָנעלע און אויסגערופן אַ צופרידענער:

„בראַוואָ, דני, דו ציטירסט שעקספּירן און איך מיין א ו נ ד ז ע ר קעניגרײַך, וואָס איז מיט אַ צוויי טויזנט נײַן הונדערט און זעכציק־זיבעציק יאָר צוריק געווען דאָס קעניגרײַך פון שלמה. געדענק איך גוט די היסטאָרישע דאַטע?״

אליעזר האָט גענומען דאָס גרינע בלעטל סאַלאַט אויף זײַן טעלער און עס צעשניטן. ער האָט געוואָרט אויף אַן ענטפער. דער חבר־הכּנסת מאָטל האָט מיט אַ פול מויל באַמערקט:

„שײַנט מיר, אַז איר מאַכט אַ טעות״.

רפי האָט געפרעגט:

„ווען איז חרוב געוואָרן דער ערשטער בית־המקדש?״

„מיט אַן ערך פינף הונדערט פופציק צי אַכציק יאָר שפּעטער״, האָט אים אליעזר געהאָלפן.

דני האָט אויסגערופן:

„דער סבא איז גערעכט — אין לעצטן פערטל פונעם צענטן יאָרהונדערט פאַר אונדזער צײַט־רעכענונג".

„מער־ווייניקער", האָט אליעזר צוגעגעבן און ווײַטער געזאָגט אַזוי: „די פערציק יאָר פון שלמהס הערשאַפט איז דאָס ליכטיקסטע קאַפּיטל אין דער פינף הונדערט־יאָריקער שטאָטלעכקייט פון ייִדן אין זייער טויזנט־יאָריקער געשיכטע אין ארץ־ישׂראל. ער איז געווען דער מלך פון שלום, פון געפינען אַ שפּראַך מיט זײַנע נאָענטסטע און ווײַטערע שכנים; ער איז געווען דער מלך פון חכמה, און אַזאַ איז ער געבליבן אין זכּרון פון אונדזער פאָלק. אויב זײַן נאָמען איז אַ גלות־נאָמען, מיט וועלכן עס פּאַסט נישט צו געבן אַ נאָמען ייִדישע זכרים געבוירענע אין דער באַנײַטער ייִדישער מדינה — וואָס זוכן מיר דאָ?"

„וואָס מיר זוכן דאָ?" האָט רפי איבערגעפרעגט און אויסגעשטרעקט צום פאָטער די האַנט מיט אַ ליידיקע גלאָז, ער זאָל זי אָנפילן מיט ווײַן. „מיר זוכן נישט; מיר האָבן אָנגעהויבן דעם סטאַרט צו אַ גרויסער מדינה. אונדזער ציל איז אַ גרעסערער ווי עס איז געווען דער ציל פון שלמה המלך. שלמה המלך האָט נישט געהאַט פאַר זיך קיין פּראָבלעם פון קיבוץ־גלויות. מיר האָבן!"

„ווען די תנועה פון זאב זשאַבאָטינסקי וואָלט געווען בײַ דער מאַכט און נישט מפא"י, וואָלטן מיר צום צוואַנציקסטן יאָר פון מדינת ישׂראל געהאַט דאָ אַ העלפט פון דעם ייִדישן פאָלק און מיר וואָלטן אַ רוק געטאָן די אַראַבער אויף מזרח און צפון, כּדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר דער צווייטער העלפט פון דעם ייִדישן פאָלק", האָט דער חבר־הכּנסת מרדכי סימקין געזאָגט מיט אַזאַ זיכערקייט ווי ער האָט אויפן שפּיץ גאָפל געכאַפּט אַ שטיקל פלייש און דערמיט פאַרביסן דאָס געזאָגטע.

„דאָס איז דאָס צווייטע פּראָבלעם", האָט רפי אַ זופּ געטאָן פון זײַן גלאָז, „אַ רוק טאָן די אַראַבער מחוץ די גרענעצן וואָס עס האָט באַשטימט דוד המלך. שלמה איז געקומען צום גרייטן וואָס זײַן פאָטער האָט דעראָבערט. אַוודאי, אַז דוד המלך האָט ליקווידירט די שכנותדיקע שונאים, האָט שלמה נישט געהאַט קיין פּראָבלעם מיט שכנים. מיר האָבן דאָס פּראָבלעם, און אַז מיר ווען דערגרייכן דאָס זעלבע וואָס דוד המלך, אָפּרוקן די אַראַבער אויף מזרח פון עמון, מואב און אֶדום און אויף צפון ביז נהרים — וועלן מיר אויף אייביק פאַרפעסטיקן אַ שלום, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזאַ נישט געזען!"

„דאָ אייגנטלעך ליגט דער שווערפּונקט. מיר הערן נישט אויף צו רעדן וועגן שלום", האָט דער חבר־הכּנסת זיך געוואַנדן דירעקט צו אליעזרן. „דאָס כּסדרדיקע רעדן וועגן שלום שאַפט בײַם פאָלק אילוזיעס און דעמאָביליזירט עס. דעריבער וויל דאָס פאָלק לעבן ווי אין די צײַטן פון שלמה המלך, ‚איש תחת גפנו און תחת תאנתו', בעת מיר דאַרפן כּסדר פירן מלחמה; זײַן פיזיש און מאָראַליש מאָביליזירט פאַר די נאַציאָנאַלע צילן, וואָס מיר ווילן דערגרייכן. די באַוועגונג פון זאב זשאַבאָטינסקי האָט באַוויזן אַז זי קען די צילן דערגרייכן. די באַוועגונג

האָט פֿאַרטריבן די בריטן ביז צו זייער נאַטירלעכער היים, אויף די בריטישע אינדזלען, נישט געקוקט אויף די שטערונגען פֿון די מפּא״יִישע און אַנדערע לינקע קאַלאַבאַראַטאָרן. אַזוי אויך וועט די באַוועגונג פֿון זאב זשאַבאָטינסקי פֿאַרטרײַבן די אַראַבער ביז צו זייער נאַטירלעכער היים אויפֿן אַראַבישן האַלבאינדזל און נהרים אויף צפֿון, נישט געקוקט דערויף וואָס מפּא״י און אַנדערע לינקע פֿאַר־שפּרייטן דעפעטיזם און דעמאָביליזירן דאָס פֿאָלק מיט רעדן וועגן שלום. אַ פֿאָלק לעבט נישט מיט שלום; אַ פֿאָלק לעבט מיט דער שווערד אין דער האַנט. בלוט צעמענטירט אַ פֿאָלק״.

„מעג איך עפּעס פֿרעגן?״ האָט דני אויפֿגעהויבן די האַנט ווי אַ שילער אין קלאַס.

„פֿרעגן איז דער ערשטער שריט צו געפֿינען דעם ריכטיקן וועג״, האָט אליעזר דערמוטיקנדיק געוואָנדן דעם בליק צו זײַן אייניקל. יהודית האָט אירע אויגן אַראָפּגעלאָזט צום טעלער, כּדי פֿון דני צו פֿאַרמײַדן פֿאַרלעגנהייט.

„צי האָט איר געפֿרעגט די אַראַבער, צי זיי זענען גרייט צו פֿאַרלאָזן די לענ־דער, אין וועלכע זיי לעבן און זיך ,אַוועקרוקן אויף מזרח און צפֿון?׳ ״ האָט דני געפֿרעגט נישט דרײַסט.

דער חבֿר־הכּנסת האָט געענטפֿערט מיט אַ טאָן פֿון פֿאַרגעבנקייט, ווי אַ לערער, און פֿאַרהאַלטן זײַן ברודער צבֿי, וואָס האָט אויך געוואָלט עפּעס זאָגן:

„אַ פֿאָלק, וואָס ווייסט וואָס עס וויל, פֿרעגט נישט בײַ קיינעם. מיר האָבן נישט געפֿרעגט די בריטן, צי זיי ווילן עוואַקויִרן זייערע הונדערט טויזנט זעלנער פֿון פּאַלעסטינע. מיר האָבן זיי געצוווּנגען דערצו! אַזוי וועלן מיר אויך צווינגען די אַראַבער. איצט זענען מיר אַ מדינה מיט אַן אַרמיי, און מיט אַזעלכע קעמפֿער ווי גדעון״, האָט ער אָנגעוויזן אויף זײַן ברודער אין מיליטערישן מונדיר. „מיט אונדזער שטאַרקייט און מיט דער שוואַכקייט פֿון די אַראַבער זענען מיר הײַנט די אייגנטלעכע באַלעבאַטים אין מיטעלן מזרח. ווען נישט דוד בן־גוריונס אָפּמאַך מיט אַבדאַללאַ וואָלט אונדזער מזרחדיקע גרענעץ הײַנט געווען דער ירדן און ירושלים וואָלט געווען אין גאַנצן אין אונדזערע הענט. די אַלטע הויפּטשטאָט שכם וואָלט געווען אין אונדזערע הענט. יריחו וואָלט געווען אונדזערע״.

„איר זענט זיכער״, האָט שוין איצט געפֿרעגט דני מיט מער זעלבסטזיכער־קייט, „אַז די אַראַבער פֿון דער אַלטשטאָט אין ירושלים, פֿון בית־לחם, פֿון שכם און פֿון חבֿרון, פֿון יריחו און ראַמאַללאַ וואָלטן געלאָפֿן אַזוי ווי די אַראַבער זענען געלאָפֿן פֿון יפֿו און פֿון רמלה?״

בערל האָט זיך צעלאַכט. אָפּווישנדיק מיט דער האַנטפֿלאַך דעם שווייס פֿון זײַן שטערן האָט ער געזאָגט אויף אַ קול:

„די צוציקעס ווייסן נישט, אַז אויך אין נײַנצן אַכט און פֿערציק האָט מען די אַראַבער געדאַרפֿט אונטערשטופּן, זיי זאָלן לויפֿן. אַז מען שמירט נישט פֿאָרט מען נישט! שפּעטער, אַז עס ווערט שוין אַ לויף־סומאַטאָכע, שטופּט שוין די

סומאַטאָכע, און די סטאַדע לויפט ווו די אויגן טראָגן זי. געזען אַ מאָל די סטאַדעס ציגן אין נגבֿ?"

„געזען אין עמק", האָט דני ייִנגליש געזאָגט.

איצט איז געקומען די ריי אויף גדעונען. בעת דעם וויכּוח האָט ער מיט אַפּעטיט געגעסן אַלץ וואָס דינה האָט אים דערלאַנגט און וואָס די מאַמע האָט צוגעלייגט צו זײַן טעלער. געענדיקט עסן, האָט ער אָפּגערוקט פֿון זיך זײַן טעלער און געזאָגט נאַכלעסיק.

„טעאָריע, היסטאָריע, אידעאָלאָגיע. דאָס איז אַלץ גוט אין שטאַב, נאָר אַז עס קומט אין פֿעלד איז די מעשׂה אַן אַנדערע. די פּערספּעקטיוו און די אָפּשאַצונג ווערן אַנדערע. ווען איך בין אַרײַן אין דער אַרמיי זענען די פֿאַדאַיִנס געקומען פֿון יענער זײַט גרענעץ גנבֿענען אַ צענדליק מעטער וואַסער־רערן, פֿאַרשלעפּן אַ קו, אַ קעלבל, אַ פּאָר קעסטלעך טאָמאַטן. הײַנט קומען זיי נישט גנבֿענען, אָדער אויפֿרײַסן אַ וואַסער־קראַן. זיי קומען מאָרדן ייִדן, אַלץ איינס צי מענער, צי פֿרויען, אָדער קינדער; הרגענען ייִדן, וואָס, ווי זיי טענהן, האָבן צוגערויבט זייער היים און זייער האָב־און־גוטס. זיי קומען גרייטע צו הרגענען, אָבער אויך גרייטע צו ווערן געהרגעט. אַזוי לאַנג ווי זייער מאָטיוואַציע איז געווען פֿאַרשלעפּן אַ קעלבל, איז דער מצבֿ געווען צו דערטראָגן. מיט דער מאָטיוואַציע פֿון ‚צוריק־נעמען אַ צוגערויבטע היים', ‚צוריקנעמען אַ צוגערויבט פֿאָטערלאַנד' און גרייט זײַן דערפֿאַר צו באַצאָלן מיטן אייגן לעבן נאָך איידער זיי גייען אַריבער אונדזער גרענעץ — איז פֿיל ערנסטער. איר וואָלט געדאַרפֿט זײַן בײַם אויספֿאָרשן געפֿאַנגענע פֿאַדאַיִנס און הערן מיט וואָס פֿאַר אַן אינערלעכער איבערצײַגונג זיי רעדן וועגן אונדז ווי וועגן קרייצציגלער און מיט וואָס פֿאַר אַ גרייטקייט זיי זענען זיך מודה אין די צילן צוליב וועלכע זיי זענען געקומען... מען דאַרף זיי נישט צווינגען, זיי זענען זיך מודה מיט אַ פּאָליטישער דעקלאַראַציע. איבעריקנס, מיר אינטערעסירט נישט די פּאָליטיק. די זיכערקייט איז דער עיקר", האָט ער אָפּגעהאַקט.

„כּל־זמן עס וועט נישט זײַן שלום, וועט אויך די זיכערקייט זײַן פּראָבלעמאַטיש", האָט יהודית גענומען אַ וואָרט. „די צרה איז וואָס נישט בלויז ‚חרות' נאָר אויך מפּא"י דענקט נישט דיאַלעקטיש".

„מפּ"ם דענקט דיאַלעקטיש!" האָט זיך אָפּגערופֿן דער חבֿר־הכּנסת מיט אַ טאָן פֿון סאַרקאַזם, „אַ מאָל אַ בינאַציאָנאַלע מדינה, אַ מאָל צוויי פֿאָטערלענדער — אַ פֿיזיש פֿאָטערלאַנד און אַ גײַסטיק פֿאָטערלאַנד און אַן אַנדערש מאָל צו גיין צוזאַמען מיט מפּא"י. זײַט מיר מוחל מײַן אויפֿריכטיקייט".

יהודית איז נישט געטראָפֿן געוואָרן פֿון דער באַמערקונג. ווי זי וואָלט נישט געהערט דעם סאַרקאַזם האָט זי ממשיך געווען:

„אין דער פּאָליטיק, אין די באַציִונגען צווישן פֿעלקער און אַפֿילו צווישן פּאַרטייען אין איין לאַנד, איז גאָרנישט סטאַטיש. די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע

אַנטוויקלונגען זענען גורם ענדערונגען אין דער טאַקטיק און פּראָגראַמען".

„דו ווילסט זאָגן, אַז אַ פּאָליטישע אידעאָלאָגיע איז נישט קיין רעליגיעזער שולחן־ערוך? מען טאָר זיך נישט אָפּווענדן קיין טריט אויף רעכטס און קיין טריט אויף לינקס?" האָט אליעזר געהאָלפן יהודיתן.

„עקסטרעמע אידעאָלאָגיעס זענען רעליגיעס!" האָט אויסגערופן דוד, „און רעליגיעס זענען גרייט איינע די צווייטע צו דערטרינקען אין אַן עמער וואַסער".

„דערפאַר זאָג איך, אַז פון די דערפאַרונגען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה דאַרפן אויך אידעאָלאָגיעס זיך ריכטן מיט דער דיאַלעקטישער שיטה", האָט יהודית זיך געוואָנדן צו דודן.

„ס'הייסט פּראַגמאַטיש", האָט רפי אויסגעטייטשט און יהודית האָט צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ:

„רופט עס ווי איר ווילט. דאָס גאַנצע לעבן איז אַ לאַנגער וועג פון פשרות".

„טאָטאַליטאַרע אידעאָלאָגיעס ווייסן נישט פון קיין פשרות", האָט אליעזר זיך אויפגעשטעלט און אַוועקגערוקט פון זיך זײַן שטול, „דעריבער זענען זיי פּאַר־משפּט אויף אַ קורץ לעבן. דאָך אין זייער קורץ לעבן באַווײַזן זיי ברענגען אַ חורבן, איידער זיי קומען אום. פאַרגלײַכט די דויערהאַפטיקייט פון דעם דעמאָ־קראַטישן, ס'הייסט פרײַהייטלעך־פשרהדיקן רעזשים אין ענגלאַנד, אין אַמעריקע, אין פראַנקרײַך, מיט דעם קורצן לעבן פון סטאַליניזם, היטלעריזם, פאַשיזם אין איטאַליע, שפּאַניע, פּוילן, רומעניע און אין אַנדערע לענדער, און וואָס פאַר אַ חורבן די טאָטאַליטאַרע רעזשימען האָבן גורם געווען אויך פאַר זייערע אייגענע פעלקער, און איר ווייסט האָבן דעם ענטפער ווי מיר האַלטן אויך אין אונדזער אייגענער וועלט. אויב, נאַטירלעך, דער טאָטאַליטאַריזם, וואָס האָט זיך איבערלעבט אין אייראָפּע, זאָל חלילה קומען צו דער מאַכט ביי אונדז".

דני האָט מיט באַוווּנדערונג אַרויפגעקוקט צו זײַן זיידן.

יהודית האָט געפרעגט:

„צי איז דען ביי אונדז פאַראַן אַ געפאַר פון אַ טאָטאַליטאַרן רעזשים?"

אליעזר האָט זיך אָנגעבויגן צו איר און געזאָגט אויפן קול אַזוי ווי ער וואָלט איר געזאָגט אַ סוד:

„פאַראַן אַ פאָלקסווערטל: ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך. אין דער זעלבער צײַט ווי ביי אַנדערע פעלקער אין אייראָפּע זענען אויפגעקומען טאָטאַלי־טאַרישע רעזשימען, איז אויך אויפגעקומען אַ יידישע טאָטאַליטאַרע באַוועגונג, וואָס האָט לכל־הפחות אויסערלעך נאָכגעמאַכט אירע נישט־יידישע שוועסטערס. די נישט־יידישע טאָטאַליטאַרע רעזשימען האָבן זיך איבערגעלעבט אין זייער צעשטערערישער אַקטיוויטעט. די יידישע טאָטאַליטאַרע באַוועגונג, וואָס האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך איבערצולעבן אין איר פּראַקטישער אַקטיווי־קייט, עקזיסטירט ווײַטער. אין איר פּאָטענץ טראָגט זי די זעלבע געפאַר, צוליב וועלכער דאָס לאַנד איז אַ מאָל חרוב געוואָרן".

„וועלכע באַוועגונג האָט איר אין זינען?" האָט זיך אויפגעשטעלט אויך דער חבר־הכּנסת.

„מיר וועלן נאָך וועגן דעם שמועסן", האָט אליעזר געגעבן אַן אויסמײַדנדיקע תשובה און אַ קוק געטאָן אויפן זייגער: „שפּעט, שפּעט! ווער עס פּאַרט מיט מיר, זאָל זיך אויפשטעלן!"

„איך וועל אײַך ברענגען אין תל־אביב", האָט צבי זיך אָנגעבאָטן.

25

„זאָג מיר, כּלפּי דײַן טאַטן דאַרפסטו זײַן אין גאַנצן אויפריכטיק, וואָס אַזעלכס איז געשען וואָס דו ביסט ווידער פול מיט ביטערניש און בונט, ווי אין די אַלטע צײַטן? אפשר קענסטו מיר אָנווײַזן אויף נאָך איינעם אין גאַנץ ישׂראל וואָס איז פאַרוואָרצלט אַזוי ווי דו און ער וויל פאַרלאָזן דאָס לאַנד? האָסט אַ פּרוי וואָס האָט דיך ליב. זי האָט דיר געגעבן אַ זון וואָס איז ווי אַ שטיק זון; דו ביסט אַ שותּף צו אַ געשעפט, וואָס ווייסט נישט פון קיין „מיתון", פון קיין שום עקאָנאָמישע דערשיטערונגען — ערב מלחמה אָדער נאָך מלחמה, די טראַקטאָרן און בולדאָזערס הערן נישט אויף צו גראָבן אין זאַמד; מיט יעדן שופל זאַמד שטײַגט דער קאַפּיטאַל. וואָס זשע שטעכט דיך? וועלכער אימפּעט טרײַבט דיך?"

אַזוי האָט אליעזר געפרעגט דודן נאָך אַן אויסברוך, אַז ער קען נישט מער אויסהאַלטן די שפּאַנונג און די שטיקעניש אין לאַנד, און אַז ער טראַכט וועגן פאַרלאָזן ישׂראל און געפינען ערגעץ ווו אַ רויִקן ווינקל. ווי נאָך אַ העפטיקן שטורעם ווערט פּלוצים שטיל און מילד, אַזוי האָט דוד, נאָך דעם שטורעם, געענטפערט אויף דעם פאָטערס שאלות רויִק, אַפילו געמיטלעך:

„צי זענען ווירקלעך מײַנע טענות נישט דערגאַנגען צו דיר? אפשר האָסטו געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש ווען איך האָב גערעדט צו דיר? אָדער אפשר האָסטו זיך אַזוי פאַרפאַנצערט, אַז דו דערלאָזסט נישט מער צו זיך די השפּעה פון דער ווירקלעכקייט? האָסט מיר אַ מאָל געזאָגט, אַז אַפילו אַ פילבאַרער דאָקטער וואָס איז אַלע מאָל בלבֿ־ונפש איבערגעגעבן צו זײַנע פּאַציענטן, מוז צווישן אים און דעם קראַנקן שאַפן אַזאַ דיסטאַנץ, אַז די מיטלײַד זאָל אים נישט שטערן צו זײַן קאַלט און זאַכלעך, במילא זעליש דערווײַטערט פון דעם לײַדנדיקן. ווענדסטו אויך אָן דעם זעלבן סיסטעם לגבי דעם וואָס עס געשעט אין לאַנד? כ׳גלויב נישט. כ׳קען מײַן טאַטן. שײַנט מיר, אַז דײַן טעות באַשטייט אין דעם וואָס דו האַלטסט, אַז איך בין פאַרוואָרצלט אין לאַנד. און די מעשׂה מיט זײַן פאַרוואָרצלט אין לאַנד, וואָס ווערט כּסדר איבערגעחזרט, איז אַן אָפּגערעדטער שקר. דו ווייסט עס בעסער פון מיר, אַז אַפילו אַ בוים, ווען מען פלאַנצט אים איבער אין אַ באָדן מיט אַן אַנדער קלימאַט, פאַרוואָרצלט ער זיך שווער, אָדער ער ווערט אָפּגעדאַרט. בפרט אַ מענטש, וואָס טראָגט אין זײַן זכּרון די ערשטמאָליקע בילדער פון זײַן קינדהייט, די ערשטע ריחות פון פרילינג און פון האַרבסט. ס׳איז אפשר קינדיש,

אָבער אמת, אַז ווען איך דערפֿיל דעם ריח פֿון אַ געקעכץ וואָס די מאַמע פֿלעגט קאָכן, נעמט מיך אַרום אַ בענקשאַפֿט וואָס איך קען נישט באַהערשן. און איך וויל זי נישט באַהערשן. אויף אַן אמת פֿאַרוואָרצלט אין לאַנד זענען מסתּמא בלויז די סאַבּרעס. זיי זענען געבוירן געוואָרן אין כאַמסינען, אין פֿאַרברענטע פּייזאַזשן אין זומער און אין די פֿאַרשיכּורנדיקע ריחות פֿון די פּרדסים ערבֿ פּסח. זיי האָבן נישט די בענקשאַפֿט צו בילדער און ריחות, וואָס זענען דערווײַטערט פֿון זיי ווי פֿון אַ פֿריִערדיק לעבן. איך — איך בין אויסגעוואָרצלט געוואָרן, אַ טייל פֿון מײַנע וואָרצלען זענען געבליבן אין יענעם באָדן, צו מאָל אַפֿילו אין די קאַלטע קלויסטער־קאַמערן, אָבער פֿאַרוואָרצלט דאָ — בין איך נישט. אַביג־דורס קבֿר אין קיבוץ האָט נישט געגעבן מײַנע אָפּגעהאַקטע וואָרצלען זאַפֿטן. הײַנט איז מײַן היימלאַנד יוכבֿד און מײַן זון. ווו איך זאָל נישט זײַן מיט זיי וועל איך האָבן בײַ מײַן זײַט מײַן היימלאַנד — אָן דער שפּאַנונג און אָן דער שטיקעניש, וואָס איך פֿיל איצט אַרום זיך", האָט דוד מיט די פֿינגער אַרומגע־נומען זײַן האַלדז.

אליעזר האָט דערזען אַ פֿײַכטן גלאַנץ אין די אויגן פֿון זײַן זון. ער האָט אָפּגעווײַכט פֿון אים זײַן בליק, כּדי צו פֿאַרמײַדן פֿון אים פֿאַרווירונג, און גע־זאָגט מיט דער זעלבער געמיטלעכקייט ווי עס האָט גערעדט דוד:

„דער שטײַגער פֿון מענטשן איז ווי דער שטײַגער פֿונעם קלימאַט און פֿון דער נאַטור־סבֿיבֿה, אין וועלכער זיי לעבן. די אַראַבער זאָגן, אַז ווען אַ מאַן הרגעט זײַן פֿרוי נאָך פֿינף טעג כאַמסין, קומט אים נישט קיין שטראָף. זעסט, נישט פֿאַרראַט, נישט כאַראַקטער־פֿאַרשיידנקייט און נישט קעגנזעצלעכע אינטערעסן, נאָר בלויז קלימאַטישע סיבות. כ'האָב דיר געגעבן דעם עקסטרעמען בײַשפּיל כּדי דו זאָלסט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל פֿאַרשטיין וואָס איך חזר איבער פֿאַר דיר, אַז דאָ, אין ארץ־ישׂראל, איז אַלע מאָל אַזוי געווען: מלחמה מיט די שכנים איז גורם די ברידערלעכסטע באַציִונגען אין דער אינערלעכער מחנה. ווי נאָר די מלחמה מיט די שכנים הערט אויף, הייבט זיך אָן די מלחמה צווישן ייִדן. דאָס וואָס עס געשעט איצט אין לאַנד — דער אומצוטרוי און די גרינגשעצונג פֿון איין מענטש צום צווייטן, די אומטאָלעראַנץ, וואָס הייבט זיך אָן בײַ די הערשער און ענדיקט זיך נישט בײַ די איינוווינער אין די לעצטע מעברות, דער שטײַגער פֿון עבֿד כּי ימלוך — איז נישט קיין רעזולטאַט פֿון דעם שווערן עקאָנאָמישן מצבֿ אין דער מדינה, אָדער ווי מען רופֿט אים — ,מיתון'. די ייִדישע מאַסע אין מזרח־אייראָפּע, פֿון דער דרומדיקער בוקאָווינע ביז דער צפֿונדיקער ליטע און זאַמוט האָבן גע־לעבט אין אַן אייביקן ,מיתון', אין אַ דחקות וואָס אין אונדזערע באַדינגונגען איז זיך שווער פֿאָרצושטעלן אַזאַ, און געלעבט האָבן די ייִדישע מאַסן אונטער די שווערסטע אומטאָלעראַנטע קריסטלעכע רעזשימען. דאָך איז די ייִדישע מאָראַל, דער ייִדישער עטישער שטײַגער און די קעגנזײַטיקע הילף פֿון די וואָלונטאַרע פֿאָלקס־אינסטיטוציעס געשטאַנען אומפֿאַרגלײַכלעך העכער ווי די מאָראַל און דער עטישער שטײַגער אין אונדזער אייגענער מדינה. וועגן קעגנזײַטיקער הילף איז

שוין אָפּגערעדט. נאַטירלעך, די מענטשלעכע קולטור בײַ אַנדערע פֿעלקער האָט געשאַפֿן אַ קאָנווענציאָנעלן שטייגער, קעגנזײַטיק צו מאַכן זיך לײַכטער דאָס לעבן, ווי טאָלעראַנץ, געדולד, העפֿלעכקייט, זאָגן אַ דאַנק, איבערבעטן, טאָן אַ געפֿעלי־קייט, אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פֿאַר אַן עלטערן און שוואַכן. מעג דאָס אַלץ זײַן נישט אויפֿריכטיק, אָבער עס מאַכט שענער דאָס לעבן. בײַ אונדז איז עס הײַנט אומ־מעגלעך. אויב דאָס צעברעכן די דורות־לאַנגע קולטור פֿון די באַזונדערע ייִדישע גרופּן, וואָס זענען געקומען אין לאַנד אַרײַן, איז געוואָרן אַן אידעאָלאָגיע — און אידעאָלאָגיע מיינט אַכזריות כּלפּי די, וועלכע נעמען זי נישט אָן, און מיט וואָס צו פֿאַרבײַטן דאָס צעשטערטע איז נישטאָ, איז פֿולשטענדיק נאַטירלעך די אַנאַר־כיע אין די צווישנמענטשלעכע באַציִונגען פֿון וועלכע איך און דו און אונדז ענלעכע לײַדן. דאָס האָט נאָך האַרבער געמאַכט דעם שטייגער ווי ער ווערט באַווירקט פֿון דעם קלימאַט״.

„ווען וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן?!״ האָט דוד געפֿרעגט אומגעדולדיק.

„ווי דער שטייגער, ווען עס וועט אויסברעכן אַ מלחמה״, האָט זיך בײַ אליעזרן אַרויסגעכאַפּט און ער האָט באַלד פֿאַרריכט מיט אַ שמייכל פֿון פֿאַראיבל פֿאַר זיך אַליין: „כ'האָב עס געזאָגט אין וויץ, אָבער — דאָס איז עס! ס'איז נישט קיין וויץ. אין דער אַלטער מעדיצין האָט עס געהייסן ‚האַקן אָן אָדער', אָדער ‚שטעלן פּיאַווקעס', כּדי אַראָפּצונידערן דעם הויכן בלוטדרוק, איידער ער מאַכט אַ סוף צום מענטשלעכן לעבן״.

„ווילסט זאָגן, אַז אין אונדזער פֿאַל פֿאַרטרעטן מלחמות די פּיאַווקעס און דאָס האַקן אָן אָדער״, האָט דוד געמורמלט.

„מלחמה צאַפּט אָפּ בלוט״, האָט אליעזר זיך פּלוצים פֿאַרטראַכט קוקנדיק צום דיל.

„צו וואָס און פֿאַר וואָס זאָל איך זײַן באַטייליקט אין אָט דעם אַלעמען?״ האָט דוד אָנגעשטעלט זײַנע אויגן אויפֿן פֿאָטער.

„ווײַל דו ביסט אַ ייִד!״ האָט אליעזר געענטפֿערט קורץ.

„זײַ מיר מוחל, טאַטע. פֿאַר מיר איז עס אַ שוואַכער אַרגומענט. איך בין געבוירן געוואָרן אַ ייִד בעל־כּורחו, אָבער איך האָב נישט קיין שום מאָטיוואַציע צו מאַניפֿעסטירן מײַן זײַן אַ ייִד: אין ייִדישן גאָט גלויב איך נישט; ווי קען איך גלויבן אין אַ גאָט, וואָס האָט געלאָזט אויסהרגענען זײַן פֿאָלק? צי וואָלסטו, טאַטע, געהאַט צוטרוי צו אַ מענטש, וואָס האָט זיך צוגעקוקט ווי עמעצער הרגעט בלויז אײן אײנציק קינד? ניין, וואָלסט אײַנגעשטעלט דײַן אייגן לעבן כּדי צו שטערן דעם מערדער. דער ייִדישער גאָט האָט זיך צוגעקוקט ווי אומגלויביקע אין אים האָבן טאָג נאָך טאָג, חודש נאָך חודש און במשך פֿון יאָרן אויסגעהרגעט אַנדערטהאַלבן מיליאָן קינדער פֿון זײַנע גלויביקע מיליאָנען ייִדן. דער ייִדישער גאָט איז געווען אַ קאָלאַבאָראַטאָר מיט די נאַציס, טאַטע! ער האָט זיי נישט געשטערט אין זייער מאָרדן מיליאָנען ייִדן! צוזאַמען מיטן אויסמאָרדן די ייִדן זענען אויך דערמאָרדעט געוואָרן אַלע ייִדישע אידעאַלן. ד אָ ר ט זענען געשאַפֿן

געוואָרן די שענסטע ייִדישע אידעען, וואָס נאָר די נביאים ווי יחידים, ווי וויזיאָ־נערן האָבן זיך פאָרגעשטעלט. דאָרט זענען די נביאישע אידעען געוואָרן די נחלה פון דעם ייִדישן כּלל: ייִדישער סאָציאַליזם, ייִדישער ליבעראַליזם, ציוניזם. די אַלע אידעאַלן זענען צוזאַמען מיט זייערע טרעגער פאַרגאַזט און פאַרברענט געוואָרן אין אָשוויענטשים, אין סאָביבאָר, אין טרעבלינקע. דאָ רעדט מען זיך איין, אַז דער ציוניזם איז געראַטעוועט געוואָרן אין ארץ־ישׂראל און אין דער פרייִער ייִדישער וועלט. דאָס איז אַן אָפּגערעדטער שקר. ציוניזם ווערט איצט גענוצט ווי אַ בעטלער אויף דער גאַס דעקט אָפּ זײַן אַמפּוטירטן אָרעם כּדי אַרויסצורופן רחמנות, אויף צו באַקומען אַ גרעסערע נדבה. קוק זיך אַרום אין דעם געזעלשאַפט־לעכן לעבן בײַ אונדז און דו וועסט זען וואָס פאַר אַ מעשׂים עס ווערן אָפּגעטאָן אין נאָמען פונעם כּלומרשט אָפּגעראַטעוועטן ציוניזם. וועגן דעם אַלץ וואָלט איך געדאַרפט שווײַגן. בערל סימקין האָט מיך צוגענומען ווי אַ גלײַכן שותּף צו זײַנע געשעפטן, וואָס בליִען אין דעם איצטיקן ,מיתון׳ ווי זיי האָבן געבליט אין דער פּראָספּעריטי פון די דײַטשע אַנטשעדיקונגען. ער האָט מיך עקאָנאָמיש פאַרזיכערט. אָבער דער אמת איז, אַז בערל סימקין טראָגט מיט זיך דעם פּאַראָל פון ציוניזם ווי אַ טשעק־ביכל. אַזוי דער גאַנצער קלאַס לומפּן־מיליאָנערן, וואָס זענען דאָ אויסגעוואַקסן מיט דעם פּאַראָל פון ציוניזם. נעמט מען בײַ זיי צו איין איינציקע קאָנצעסיע — און זיי האָבן אין דר׳ערד דעם ציוניזם״.

אליעזר האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום זון און אים געפרעגט בלחש ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז אַ זײַטיקער הערט זיך צו:

„ווי אַ גלײַכער שותּף צו די סימקינס, געהערט נישט זייער איידעם צו דעם זעלבן קלאַס, וועגן וועלכן דו רעדסט?״

„דאָס איז וואָס עס שטיקט מיך, טאַטע!״ האָט דוד אויפגעפלאַמט.

„וועסט זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם״, האָט אליעזר ווי געריצט זיך מיט זײַן זון.

„אָבער איך האַנדל נישט מיט ציוניזם. איך נאָר קיינעם נישט אָפּ. איך קאָרומפּיר נישט קיינעם. און איך וועל נישט איבערחזרן דעם ציניש וויץ, וואָס עס דערציילן די ציוניסטן, אַז ווײַל עס איז עקאָנאָמיש שלעכט און ייִדן־ציוניסטן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, זאָל דער לעצטער צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד נישט פאַרגעסן אויסצולעשן די עלעקטריע אויפן פליפעלד אין לוד. נישט קיין שונאי־ציון האָבן אויסגעטראַכט דעם וויץ, נאָר ציוניסטן, וואָס מיסברויכן מיט עפּעס, וואָס איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע ייִדישע ווערטן״.

„נו, גוט, אויסלאָדן זיך ברענגט פאַרלײַכטערונג״, האָט אליעזר זיך אָװעקגע־שטעלט אַנטקעגן זײַן זון, וואָס איז געזעסן טיף אין אַ ווייכן פאָטעל. „איך קען נישט לייקענען, אַז דוד אַרטאַפּאַנוס איז דער זון פון אליעזר אַרטאַפּאַנוס. דאָס וואָס דו האָסט געזאָגט איז אַוודאי ריכטיק, און איך וואָלט געהאַט וואָס צוצוגעבן צו דעם אַלעם. אָבער פון ד ע ם ביז וועלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, איז אַ ווײַטער מהלך, ווי עס איז אַ ווײַטער מהלך צווישן אויפהערן גלויבן אין גאָט צוליב

אינטעלעקטועלע סיבות און אויפהערן גלויבן אין הומאַניזם. איך האָב דיר שוין, שײַנט מיר, אַ מאָל געזאָגט: אויב דו ווילסט פאַרלאָזן דאָס לאַנד — שטייט דיר גאָרנישט אין וועג. הגם מיר פּערזענלעך וואָלט עס שווער געטראָפן. איך בין צוריקגעקומען אַהיים, כּדי דאָ צו פאַרענדיקן מײַנע יאָרן, אַוועקלייגן מײַן קאָפּ אויף דער ערד און אין שלווה צוריקגעבן מײַן נשמה צום באַשעפער. טאָמער פאַרלאָזסטו מײַן היים, מײַן לאַנד, וועסטו בײַ מיר צונעמען די שלווה. ווען די צײַט וועט קומען וועל איך אַוועקגיין פון דער וועלט אַ געקרענקטער. אמת, קינדער קומען אויף דער וועלט אין זכות פון זייערע עלטערן, אָבער זיי מוזן נישט לעבן אין זייער זכות. קענסט אויסוויילן פאַר דײַן היים וואָס פאַר אַ לאַנד אין דער וועלט דו ווילסט, אָבער וויסן זאָלסטו, אַז כאָטש דו האָסט דאָ נישט געלאָזט קיין וואָרצלען, וועסטו זיך אומעטום פילן פרעמד און דו וועסט בענקען אַלע מאָל צו אָט דער אומרויִקער ערד. דערצו וועסטו האָבן יוכבדן אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען פון אָט דער ערד, וואָס איז איר נאַטירלעכע היים און זי איז פאַרבונדן מיט איר משפּחה און סביבה מיט אַלע פעדעם פון איר לײַב און לעבן. דו האָסט זי ליב און דו וועסט עס איר נישט אָפּטאָן, דוד! דאָס געהערט צו דער קולטור וועגן וועלכער איך האָב פריִער גערעדט. דו האָסט דאָך אַלע מאָל געוואָלט ווערן אַ ציניקער. כּלפּי דעם וואָס דו לײַדסט, ווער אַ ציניקער!"

„כ'קען נישט, טאַטע, איך האָב געפּרוּווט און איך בין דורכגעפאַלן".

„אויב אַזוי ווער אַ סטאָיִקער", האָט אליעזר נישט אָפּגעלאָזט.

„אויף דעם דאַרף מען זײַן אַן אינטעלעקטואַל און איך בין סך־הכּל אַ שותּף צו דער פירמע דב סימקין את בנו בע"מ".

„פאַרטראַכט זיך, דוד. רעד וועגן דעם אַלעמען מיט יוכבדן. אויב דו וועסט דאָך באַשליסן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד... איבעריקנס, פאַר וואָס זאָלסטו נישט איבערשמועסן מיט דײַנע שוואָגערס? איינער איז אַ חבר־הכּנסת, דער צווייטער קלײַבט זיך דאָס צו ווערן. אפשר, אַז זיי וועלן קומען צו דער מאַכט, וועלן זיי פירן בעסער די מדינה מיט אַנדערע וועגן. זיי זענען ווײַט פון דער קאָנצעפּציע פון אַ רעוואָלוציע אין אַ רעוואָלוציע, רעאַליזירן ביידע — ציוניזם און סאָציאַליזם אין אונדזער דור. וועט עס זיי אָנקומען לײַכטער".

„זיי האַנדלען מיט דער זעלבער סחורה", האָט דוד אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט אין דעם ווײַכן אָרעם־אַנלען פון פאָטעל, „מיט ציוניזם. זייער נאַציאָנאַלער לאַגער, ווי זיי רופן די זשאַבאָטינסקישע באַוועגונג, האָט געפירט אַ קאַמף קעגן דעם אָפּמאַך פון נחום גאָלדמאַן, דוד בן־גוריון און משה שרת מיט דעם דײַטשן קאַנצלער קאָנראַד אַדענאַוער צו באַקומען אַנטשעדיקונגען פאַר אויסמאָרדן דאָס יידישע פאָלק. אָבער אַזוי שנעל ווי דער דײַטשער גאָלדשטראָם האָט אָנגעהויבן פליסן, האָבן אויך זיי אונטערגעשטעלט זייערע עמערס און אויך זיי געניסן פון דער אַזוי גערופענער ,ווידערגוטמאַכונג', וואָס איז אַ מאָראַלישער חורבן פאַר דעם לאַנד, צו דעם פיזישן חורבן, וואָס די דײַטשן האָבן גורם געווען דעם יידישן פאָלק. די שארית־הפּליטה־רעשטלעך פונעם ציוניזם און דער ,סאָציאַליזם אין

אונדזער דור׳, ווי דוד בן־גוריון האָט פּראָקלאַמירט אין דער ערשטער כּנסת, זענען דערשטיקט געוואָרן אונטער דעם באַרג געלט פון דײַטשלאַנד. דער באַרג געלט האָט געבראַכט צו מאָראַלישער קאָרופּציע און צו פּאַרטיפן די קלאַסן־אונטערשיידן אין דער יונגער מדינה״.

„זעסט, דוד, האָסט מיר געגעבן נאָך אַן אַרגומענט פאַר וואָס דו טאָרסט נישט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אַזעלכע ווי דו דאַרף האָבן דאָס לאַנד, אָבער נישט נאָר צו זען דעם תהום, נאָר אויך צו העלפן אים פאַרשיטן״.

„מײַן שווער האָט מיר דאָ אַנומלט געגעבן אַ פּראַקטישע עצה, איך זאָל אַרײַנ־טרעטן אין דער פּאַרטיי וואָס איז מיר צום האַרצן. אָן אַ פּאַרטיי, האָט ער מיר געזאָגט, איז מען דאָ ווי אַ האַנט אָן אַ גוף. זי איז טויט. זי קען קיין פויסט נישט מאַכן און נישט אויסשטרעקן זיך נאָך געלט״, האָט דוד אויסגעשטרעקט אַן אָפענע האַנט פאַר זיך.

„אַזאַ איז דער געבוי פון דער געזעלשאַפט בײַ אונדז״, האָט אליעזר געזאָגט רויִק, „אין אַנדערע פרײַע לענדער איז די צאָל פּאַרטייען לויט דער צאָל אידעאָ־לאָגיעס. בײַ אונדז איז די גרויסע צאָל פּאַרטייען דער איינציקער שלעכטער גלות־פּראָדוקט, וואָס די פּירערשאַפט האָט איבערגעלאָזט, בעת זי האָט פאַרלייקנט די פּאָזיטיווע גלות־פּראָדוקטן און געהאָלפן זיי פאַרניכטן״.

„און דו ווילסט איך זאָל אין דעם סיסטעם בלײַבן? זיך צוקוקן און אין אים דערציִען מײַן זון?״ האָט דוד זיך אויפגעשטעלט אַן אויף ס׳נײַ אַנגעצונדענער.

„איך וויל; דו מוזסט נישט. דאָך וועסטו בלײַבן, דוד. איך זאָג דיר: דו וועסט בלײַבן. די זאַכן טוען דיר צו פיל ווייַ דו זאָלסט פון זיי אַנטלויפן. דו ווייסט אַליין נישט ווי צוגעבונדן, אויב נישט פאַרוואָרצלט, דו ביסט צום לאַנד״.

אליעזר האָט געקענט זײַן זון, ווי ער האָט געקענט זיך אַליין. ווי אין אַלע פריִערדיקע פאַלן, האָט אויך דוד אין דעם פאַל ווי פאַרגעסן זײַן פּלאַן צו פאַר־לאָזן דאָס לאַנד. זײַן היים, אויף אַ שטילער באַרג־גאַס אין רמת־גן, איז געוואָרן אַן אָאַזיס אין דער געדריקטער אַטמאָספער פון דער סביבה. יוכבד האָט געבליט פון פרייד — פרייד פון ליבשאַפט צו איר זון און פרייד פון ליבשאַפט צו דודן, וואָס אַז ער קומט אַהיים, טוט ער אויס די שיך בײַ דער טיר, כּדי, ווי ער האָט געטענהט, נישט אַרײַנצושלעפּן אין זײַן הויז דעם שמוץ פון דער גאַס. יוכבד באַפרײַט אים פון אַלע לאַסטן, וואָס לייגן זיך אויף אים אויסער זײַן היים. איר בליק, איר פרעגערישער שמייכל, ‚פילן אַן — ווי ער זאָגט — זײַנע באַטרייען׳ וואָס ליידיקן זיך אויס אין דער גאַס און אויך בײַ די ביכער פון דער פירמע טימקין אין איר ביוראָ אויף דער אחד־העם־גאַס אין תל־אביב. אויסגעטאָן די שיך בײַ דער טיר, אײַלט דוד צו זײַן זון אויפן טעפּיך. ער קניט פאַר אים. יוכבד וויל אים דערציילן די אײַנפאַלן פון זייער זון, זײַנע חכמות, די חכמות פון שלמה, אָבער דוד פאַרשטעלט איר דאָס מויל מיט זײַן האַנט:

„איך וויל ער זאָל מיר אַליין דערציילן. איך וויל די אויטענטישקייט!״ און ער קוקט זיך אײַן אין דעם ברוינלעך געזונטן פּנימל פון דעם עופעלע, וואָס מיט

יעדן טאָג באַקומט עס מער אויסדרוק און דאָס פּנימל דערציילט אים אַזוי פיל, טרייסלענדיק מיט די הענטעלעך, אַז דוד פרעגט מיט תרעומות יוכבדן:

„פאַר וואָס האָסטו מיר גאָרנישט דערציילט?״

„דו לאָזסט נישט. דו ווילסט הערן נאָר פון אים. מיך האָסטו מער נישט ליב״, הנדלט זיך יוכבד און דוד קוקט זיך אַרום זוכנדיק:

„ווו זענען מײַנע שיך? איך גיי שלאָגן!״

יוכבד קניט נעבן דודן און ביידע שמועסן צווישן זיך דורך זייער זון, וואָס קוקט דאָ אויף דער מוטער און דאָ אויפן פאָטער. מיט זײַנע פריידיקע בליקן דערציילט ער זיי ווי שטאַרק זיי האָבן זיך ליב.

26

דער ווינטער איז אַוועק. ער איז געווען אַ געבענטשטער מיט העפטיקע רעגנס. די געוויטערן האָבן אַראָפּגעטראָגן בריקן און כּבישים, ווי זיי וואָלטן זיך געפּעדערט אָנצוטרינקען יעדעס קערנדל זאַמד און יעדן פעלז אין לאַנד. די פעלדער און בערג האָבן זיך באַדעקט מיט ליכטיק גרינס. פון די פּרדסים האָט זיך צעטראָגן דער איידעלער, לײַכט־פאַרשיכּורנדיקער ריח פון מאַראַנצן־בליִעכץ און געוועקט צו פרייד. די פרילינגדיקע זון האָט געוואַרעמט מילד און גלעטנדיק, ווי מיט אַ האַנט פון ליבשאַפט. דער דרויסן האָט געזונגען. בלויז אין די מענטש־לעכע הערצער איז קיין פרייד נישט געווען. נאָר אָפט אַ ביטערניש אָפילו ווען אָן אַ סיבה.

דער „מיתון", ווי אַן עפּידעמיע, האָט געטראָפן בלויז די שוואַכע, די וועלכע זענען אָרעם אָפילו אין זייער טראַכטן פאַרן מאָרגן. אין די שטעט איז די שפע געווען ווי נעכטן און אייערנעכטן. אָבער דאָס וואָרט „מיתון" איז אַרומגעלאָפן ווי אַ שלעכטע בשורה און אַנגעוואָרפן אומרו. אין די פּרײַטיק־צו־נאַכטיקע צוזאַמענטרעפן אין די סאַלאָנען איז צוגעקומען דער עלעמענט פון נייגער, צי האָט דער און יענער בשתיקה פאַרלאָזט דאָס לאַנד, אָדער ער וואַרט נאָך? קאָרטן־שפּילער אויף די אָפּענע באַלקאָנען האָבן נישט געליטן פון „מיתון" ווי זיי האָבן געליטן פון דער מחשבה, אַז אפשר וועט בײַ דעם קומענדיקן צוזאַמענטרעף פעלן אַ „האַנט". האָסט שוין געהערט דעם וויץ? און באַלד איז נאָכגעקומען אַ וויץ וועגן לוי אשכּול און וועגן דער ייִדישער מדינה, אַז זי לײַדט פון קדחת, נאָר דעם פיבער האָבן די בירגער. דער „מיתון" איז געווען מער אַ מאָראַלישער ווי אַן עקאָנאָמישער.

ווי ערב אַן אַנקומענדיקן כאַמסין ווערן מענטשן דערשלאָגן און מיט אַ געפיל פון בהלה, טאָמער קלײַבט זיך אויף זיי אַ חולאת, אַזוי האָט דער „מיתון" געשאַפן אַ געפיל פון אומזיכערקייט, אַז אַלץ איז ערב צעפאַלן זיך.

ס'איז געשען אין איינעם אַ טאָג פון חודש מאַי; אין אַ טאָג נאָך דעם ווי דער ראַדיאָ האָט געמאָלדן, אַז אין דעם אָפּגעלאָפענעם חודש האָט זיך די אַרבעט־לאָזיקייט פאַרגרעסערט מיט זעקס טויזנט פאַלן און אַז די רעגירונג פּלאַנירט אײַנצופירן אויף ס'נײַ „עבודת דחק", עפנטלעכע נויט־אַרבעטן, ווי אין די יאָרן פון דער מאַסן־עליה, ווען די מענטשן אין די מעברות און אין די נאָך־אַראַבישע

שטעטלעך און דערפֿער זענען אַרומגעגאַנגען פּוסט־און־פּאַס. אין יענעם טאָג האָט דער ראַדיאָ אַלאַרמירט, אַז דער עגיפּטישער פּרעזידענט אַבדול נאַצער האָט באַפֿוילן די אָבסערוואַטאָרן פֿון דעם פֿאַרבאַנד פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער צו פֿאַרלאָזן זייערע פּאָזיציעס אין סיני, און אַז זײַנע דיוויזיעס מאַרשירן צו דער גרענעץ פֿון ישׂראל אין נגב. צווישן די נאָסטאַלגיע־לידער פֿון דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, וועלכע זענען נאָכגעקומען באַלד נאָך די נײַעס, האָבן זיך געהערט די מאָביליזאַציע־פּאַראָלן ווי מיסטישע צייכנס אָפּגעריסן איינער פֿון אַנדערן. די פּאַטריאָטישע און נאָסטאַלגיע־לידער צוזאַמען מיט די מאָביליזאַציע־פּאַראָלן האָבן געשאַפֿן אַן אומרו־בענקשאַפֿטלעכע פֿײַערלעכקייט אַנטקעגן עפּעס וואָס איז אַזוי פֿאַרבאָרגן ווי די פּאַראָלן.

גלײַך ווי דוד האָט אין ראַדיאָ געהערט דעם פּאַראָל פֿון זײַן איינהייט, האָט ער מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ צוזאַמענגענומען די פּאַפּירן, געאָרדנט די קאַרטאָטעקעס און בוכהאַלטערישע ביכער פֿון דער פֿירמע „דב סימקין את בנו בע״מ״, און זיך געקליבן אַהיים. איצט האָט ער געהאַט די תּשובֿה פֿאַר זײַן לעצטן שמועס מיט זײַן פֿאָטער. די מענטשן וואָס ער האָט באַגעגנט אויף די טרעפּ און וואָס נעכטן אײַערנעכטן האָבן, נישט זיי אים און נישט ער זיי, געזאָגט שלום, און צו זיך קיין שמייכל נישט געטאָן, האָבן באַקומען פֿרײַנדלעך־אומעטיקע פּנימער און זיך באַגריסט ווי יעדער איינער וואָלט זיך געקליבן אַוועקפֿאָרן אויף אַ לאַנגער און אומזיכערער נסיעה. „שלום. אויך איר?״ „שלום. יאָ. דאָס זעלבע איר?״ „ווי דען?״

כאָטש אַ וואָכעדיקער טאָג איז עס געווען, איז די באַוועגונג אויף די גאַסן געוואָרן אַן ערבֿ־שבתדיקע, ווען אין אַלע ריכטונגען אײַלן די אויטאָס צו ברענגען זייערע לײַט אַהיים. די הויפּט־גאַסן זענען געוואָרן פֿאַרשטאָפּט. געדאַכט האָט זיך, אַז אויך די באַוועגונגס־ליכטער האָבן גענומען אימפּעט און זיי בײַטן שנעלער זייער רויט און גרין ליכט, די אויטאָס זאָלן זיך נישט צוזאַמענשטויסן. נאָר נישט ווי אין געוויינטלעכע ערבֿ־שבתים ווען די אויטאָ־טרײַבערס זענען אומגעדולדיק און טייל וואַרפֿט זיך איבער מיט „חמור״ — „בן חמור״ — „אידיאָט״ — „טיפּש שבמוך״, זענען איצט די פּנימער פֿון די שאָפֿערן געוואָרן ערנסט־אויפֿמערקזאַמע צו איינאַנדער. דאָ און דאָרט, ווו די אויטאָס האָבן זיך צוזאַמענגעשטופּט אין אַ קנופּ, זענען שאָפֿערן אַרויס פֿון זייערע מאַשינען און געהאָלפֿן פֿרײַ מאַכן די באַוועגונג.

דוד איז פֿון שטאָט־צענטער פֿון תּל־אָבֿיבֿ ביז זײַן הויז אין רמת־גן געפֿאָרן מער פֿון אַ שעה צײַט און געבראַכט צו זײַן טיר אַ צעגליטן מאָטאָר, וואָס ווען ער האָט אים פֿאַרלאָשן האָט ער נאָך אַ פּאָר סעקונדן געצאַפּלט, ווי ער וואָלט געהאַלטן פֿאַר פּלאַצן. יוכבֿד האָט געפֿילט זײַן אָנקומען און אים מקבל פּנים געווען בײַ אַן אָפֿענער טיר:

„איך ווייס אַלץ״, האָט זי געזאָגט מיט געמאַכטער שפּילעוודיקייט און בײַ אים צוגענומען דעם אַקטן־טאַש, „ווען דאַרפֿסטו זיך צושטעלן?״

ער האָט זי אַ קוש געטאָן און אין דער מיט פון קוש געענטפערט אַ טראָפן הייזעריקלעך: „אַזוי שנעל ווי ס׳איז מעגלעך״.

„גייט זײַן מלחמה?״ האָט זי אַרויפגעקוקט צו אים מיט אירע גוטע אויגן.

„יאָ!״ האָט ער געזאָגט מיט זיכערקייט, „דאָס מאָל וועט זײַן אַ קורצע, אָבער הייסע מלחמה. ישׂראל האָט נישט קיין גענוגנדיקן אָטעם פֿאַר אַ לאַנגער מלחמה״.

„ווו דאַרפסטו זיך צושטעלן?״ איז זי געגאַנגען פאָרויס און דוד איז איר נאָכגעגאַנגען.

„באר־שבע״, האָט ער געענטפערט קורץ.

„וועסט פריִער עסן מיטאָג. דער מיטאָג איז פאַרטיק. גראָד הײַנט בין איך פאַרטיק געוואָרן פריִער. אַגב, טעלעפאָנירן דעם פאָטער אין שפּיטאָל. ער האָט געקלונגען צו דיר אין ביוראָ און קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן״.

„נאַרעלע מײַנס, אַז איך בין געווען אין ביוראָ איינער אַליין און איך בין פון דאָרט אַוועק, ווער האָט געזאָלט ענטפערן אויפן טאַטנס טעלעפאָן?״ האָט דוד געזאָגט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער רויִקייט ווי גאָרנישט וואָלט געשען. „מיטאָג וועל איך נישט עסן, נאָר עפּעס־וואָס וועל איך טועם זײַן און וועסט מיר מאַכן עטלעכע סענדוויטשן, איך זאָל דאָרט נישט זײַן גלײַך אויסגעשטעלט צו דער מיליטערישער קיך. דאָ האָסטו די שליסלען פון ביוראָ״.

דוד האָט אָנגערופן דעם פאָטער. אליעזר האָט זיך באַמיט צו רעדן צו זײַן זון ווי ער רעדט צו אים אַלע מאָל, אָבער דוד האָט אין פאָטערס שטים אַרויסגעפילט אַזאַ דינע פאַרקלעמטקייט, וואָס נאָר זייער נאָענטע צו איינאַנדער קענען אַרויס־פילן. אליעזר ווייסט, אַז די באַוועגונג אויף די כבישים איז אַ פאַמעלעכע און אַז די מאָביליזאַציע איז אַן אײַליקע. האָט ער געוואָלט הערן זײַן שטים פון ביוראָ און אים זאָגן שלום. דוד האָט געזאָגט:

„שטעלסט זיך פאָר, טאַטע, אַז איך וואָלט אַוועק אָן צו געזעגענען זיך מיט דיר?״

„ס׳איז מיר אַפילו נישט אײַנגעפאַלן, דוד. נאָר אין אַזאַ סיטואַציע. צעטומלונג, איבעררראַשונג. אַלטע מענטשן זענען סענטימענטאַל און צו מאָל אומגעדולדיק״, האָט אליעזר נאָך מער זיך באַמיט זײַן שטים זאָל קלינגען ווי געוויינטלעך״.

„וואָס שייך וויטאַליטעט ביסטו יִינגער פון מיר, טאַטע; איך וועל עס נישט זאָגן דעם מפקד פון מײַן אײנהייט. אים קען זיך נאָך פאַרגלוסטן צו מאָביליזירן דיך ווי אַ טאַנקיסט״.

„ליבערשט אַ פּילאָט פון אַ ,מיראַזש׳״, האָט אליעזר אונטערגעלאַכט אין טעלעפאָן.

„גייק, טאַטע. ווי אַן איינציקער בײַ מיר וועל איך זײַן קעגן דעם, מען זאָל דיך אַרויסשיקן צו באָמבאַרדירן קאַירא״, האָט דוד מיטגעלאַכט מיטן פאָטער.

„אויך איך וועל זײַן קעגן!״ האָט יוכבד אַרײַנגעשריגן אין טרײַבל.

אליעזר האָט זיך געזעגנט מיטן זון צו אַ שנעל זען זיך צוריק און אָן אַ מלחמה.

אַוועקלייגנדיק דאָס טרײַבל האָט דוד געזאָגט, קראַצנדיק מיטן פינגער זײַן שטערן, יוכבד זאָל נישט זען זײַנע אויגן:

„נאָך זײַן גאַנצער מענערישקייט איז מײַן טאַטע אַ סענטימענטאַלער ייִד".

„דערפאַר איז זײַן זון אַ יונגער ייִד און טרוקן ווי אַ צײַטיקער זאַנג אין אַ קאַמסין". מיט איין האַנט האָט זי באַפרײַט זײַן שטערן פון דעם פינגער און מיט דעם מינדסטן פינגער פון דער צווייטער האַנט האָט זי אַראָפּגענומען אַ קליין טרערעלע פון זײַן רעכט אויג, דערנאָך פון זײַן לינק אויג און צוגעגעבן: „אַזוי האָב איך ליב. נאָר נישט סענטימענטאַל".

„דו כיטרע סימקינס טאָכטער", האָט ער גענומען איר פּנים אין זײַנע הענט און זי געקושט. „זאָלסט מיר היטן אונדזער זון ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון דײַן אויג. נייִן, ווי דאָס קעציש־גרויאַפּל פון דײַן אויג", האָט דוד אויסגעבעסערט און גע־קושט אירע אויגן. „אפשר איז גאָר אַ פּלאַן דו זאָלסט נעמען דעם זון און אַוועק־פאָרן צו דער מאַמען אין ראשון?"

יוכבד האָט זיך אָפּגעשאָקלט:

„גאָרנישט ענדערט זיך אין אונדזער הויז! האָסט אַליין געזאָגט, אַז עס וועט זײַן אַ קורצע מלחמה. ס׳וועט זײַן אַ קורצע מלחמה! וועל איך נישט מאַכן קיין בהלה. כ׳וועל בלײַבן מיט אונדזער זון דאָ און וואַרטן אויף דיר".

„ביסט אַ בראַווע מויד, יוכבד!" האָט ער אויסגערופן.

„פון דיר וויל איך דו זאָלסט זײַן ווינציקער בראַוו אין דער מלחמה", האָט זי אים געדריקט צו זיך און געשפּילט בראַווקייט נישט ערגער פון אים. „ווי דער־ציילט דער טאַטע דעם אַנעקדאָט מיט דער ייִדישער מאַמען, וואָס האָט געלערנט איר זון ווי זיך אויפצופירן אין דער מלחמה? הרגע אַ טערק און רו זיך אָפּ, דערנאָך הרגע אַ צווייטן טערק און רו זיך ווידער אָפּ..."

„פאַר דײַנעט־וועגן וועל איך גיין ווײַטער", האָט ער געלאַכט פון דער זיסקייט מיט וועלכער זי האָט גערעדט ייִדיש, „איך וועל בעטן אַ קאַלעגע ער זאָל הרגענען צוויי טערקן — איינעם פאַר זיך און דעם צווייטן פאַר מיר".

„דו זאָלסט צוריקקומען צו מיר אַ געזונטער, אַ שמעקעדיקער מיט זון און מיט ווינט".

דוד האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן בעטל פון זײַן שלאָפנדיק עופעלע און עס אַ קוש געטאָן אין דער לופטן.

מיט אַ שעה שפּעטער איז דוד געווען אין דער מיט פון אַ קאַראַוואַן אויטאָ־מאָבילן, וואָס האָט געצויגן פון תל־אביב אויף דרום. דער קאַראַוואַן פון פּריוואַט־אויטאָס, לאַסט־מאַשינען און אויטאָבוסן האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק ווי איין וואָגן וואָלט געווען צוגעקייטלט צום צווייטן. אויף די שיידוועגן האָט מיליטערישע פּאָליציי געפּרווט אונטעראײַלן די אויטאָס, רעגולירן די באַוועגונג, וואָס האָט אויך געשטראָמט פון זײַטיקע וועגן זיך אײַנצוגלידערן אינעם קאַראַוואַן אויפן הויפּט־כביש. דער הויפּט־כביש איז געווען צו שמאָל אויפצונעמען מיט איין מאָל אַזאַ מאַסיווע באַוועגונג. האָט זיך דער קאַראַוואַן געריטשט פּאַמעלעך, מיט זודיקע

מאַטאָרן. ס׳איז געווען אַ נאָכמיטאָג פונעם מילדן חודש מײַ, דאָך האָט די היץ פון די מאַטאָרן און פון די גומי־רעדער אויף דעם אַספאַלטירטן כביש געשלאָגן אין די אָפענע פענצטער מיט דעם געשטאַנק פון פאַרברענטן בענזין. פון די אויטאָס האָבן די אָפענע ראַדיאָס אַרויסגעהילכט נאָסטאַלגישע ניגונים, וואָס פון צײַט־צו־צײַט זענען זיי איבערגעריסן געוואָרן דורך איבערגעחזרטע מאָביליזאַציע־פאַראָלן און קאָמוניקאַטן. איינצלנע מיליטערישע דזשיפן האָבן זיך דורכגעריסן בײַ די זײַטן פונעם כביש, אָדער פון יענער זײַט ראָוועס לענגאויס דעם כביש. די אײַלנדיקע האָבן פריילעך געפאָכעט מיט די הענט צו די אינעם קאַראַוואַן און געררופן צו זיי: „להתראות בקאַירא! מיר׳לן וואַרטן אויף אײַך בײַ די פּיראַמידן!״

לענגאויס דעם כביש, אויף די עקן פון זײַטיקע וועגן און שטעגן צו דערפער און שטעטלעך האָבן יונגעלײַט, אין זייערע צעקנייטשטע רעזערוויסטן־מונדירן און מיט טאָרבעס אין די הענט, געזוכט אַ טרעמפּ, כדי אָנצוקומען צו זייערע זאַמל־פונקטן. אַזוי האָבן זיך ביסלעכווײַז אָנגעשטאָפּט די לאַסט־אויטאָס, די אויטאָבוסן און די פּריוואַטע אויטאָס, וואָס האָבן אַ גאַנץ מענער־פאָלק געפירט אויף דרום. פון די פולע אויטאָס האָט עס אויסגעזען נישט ווי מאָביליזירטע וואָלטן געפאָרן צו זייערע זאַמלפונקטן ערב מלחמה, נאָר ווי אַלע יונגע מענער וואָלטן עוואַקויִרט געוואָרן צום נגב. ווײַטער אויף דרום זענען אויף די קרייצוועגן צו ישובים געווען אויפגעשטעלט אימפּראָוויזירטע טישלעך מיט סענדוויטשן און געטראַנקען. יונגע פרויען האָבן פון קוישן אַרויסגעטיילט פלעשלעך געטראַנקען צו די אָפענע פענצטער פון די אויטאָס. באָרוועסע קינדערלעך זענען פון ערגעץ זיך צוזאַמענגעלאָפן און מיט געפילדער געהאָלפן די פרויען. זיי זענען פלינק נאָכגעלאָפן די אויטאָס און אַריינגעטיילט סענדוויטשן און פלעשעלעך אין אַרויסגעשטעקטע הענט.

דער ישׂראלדיקער פּלוצימער אָוונט איז ווי מיט איין מאָל אַראָפּגעפאַלן אויפן קאַראַוואַן און אים אײַנגעוויקלט אין אַ גרוילעכן נעפּל פון טונקלקייט. די פאַרטונקלטע מאַשינען זענען איצט געפאָרן נאָך פאַמעלעכער, כדי זיך נישט צוזאַמענצושטויסן אין דער טונקלקייט. ווי ווײַט דאָס אויג האָט געגרייכט איז נישט געווען צו זען קיין צייכן פון ליכט. אין דער פאַרטונקלטקייט איז דער גערויש פון די מאַטאָרן געוואָרן נאָך שטאַרקער.

ווי די כבישים אויף דרום זענען געווען איבערלאָדן מיט וועגענער, אַזוי האָט זיך ביסלעכווײַז אויסגעליידיקט תל־אביב. די שטאָט איז געוואָרן אײַנגעהילט אין טונקלקייט. האָט עס אויסגעזען ווי די ווייניקע מאַשינען, וואָס באַוועגן זיך נאָך אויף די גאַסן מיט אויף שנעל אימפּראָוויזירטע בלויע ליכטער, זוכן אַ וועג ווי אַזוי צו אַנטרינען פון דער אויסגעליידיקטער שטאָט. טויט־שטיל איז געווען אין דער ליידיקער תל־אביב. די איינציקע ספּאָראַדישע שטימען זענען געווען פון די לײַט פונעם „משמר אזרחי״, וואָס האָבן דאָ און דאָרט גערופן צו פאַרהענגען אַ פענצטער, אויסצולעשן אַן עלעקטריש לעמפּל. מיט איין מאָל האָט דער ראַדיאָ געביטן זײַנע פּראָגראַמען. ס׳איז נעלם געוואָרן דער „מיתון״; פאַרשוווּנדן די וויכּוחים צווישן

פּאַרטייען; נישטאָ מער קיין באַריכטן וועגן דעם וואָס עס האָט געזאָגט דער מיניס־טער און וואָס עס האָט דערקלערט אַן אַנדער מיניסטער; די אומאיבערררייַסלעכע געזעלשאַפטלעכע אינטריגעס האָבן זיך אָפּגעהאַקט, און פּלוצים זענען זיי געוואָרן וויַיט, וויַיט, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעשפּילט אין אַן אַנדער תקופה. איצט האָט דער ראַדיאָ נאָך אַלץ געגעבן די מאָביליזאַציע־פּאַראָלן, גערופן צו פֿאַרקלעפּן די שויבן מיט שטרייַפן פון פּאַק־פּאַפּיר, געעצהט אָנגרייטן וואַסער אויפן פאַל עס וועט צייַטוויייַליק אויפהערן אַרבעטן די וואַסער־לייטונג; דערמאָנט, אַז ס׳איז וויכטיק צו האָבן אין שטוב די סטאַנדאַרטע שפּייַז־פּאַקעטן פאַר אויסנאַם־צושטאַנד; איינ־סטרויִרט ווי אַזוי צו אונטערשיידן צווישן אַן אַלאַרם ערב אַן אָנפאַלי און דעם אַלאַרם פון אָפּרוף, און די אַלטע גוטע לידער פון דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה צווישן די עצות, קאָמוניקאַטן און רופן, זענען געווען ווי זאַלב אויף די פלאַטערנ־דיקע הערצער.

די אומגעדולדיקייט צו הערן יעדע שעה די נייַעס, איז געוואָרן וואָס אַ מאָל געשפּאַנטער: צי איז די מלחמה אויסגעבראָכן אָדער נאָך נישט? וועט אונדז אַמעריקע העלפן, אָדער מיר וועלן בלייַבן אַליין? די רעגירונג האָט אָפּגעהאַלטן אַ דרינגענדיקע זיצונג צוזאַמען מיט דעם שעף פונעם גענעראַל־שטאַב רב־אלוף יצחק רבין. דער פּרעמיער־ און זיכערהייט־מיניסטער לוי אשכול האָט אויף דער רעגירונג־זיצונג געמאָלדן, אַז דער אויסערן־מיניסטער פליט קיין אייראָפּע, כּדי צו קאָנפערירן מיט די מערבדיקע פירער. מאָסקווע האָט געמאָלדן וועגן ישׂראל־דיקע פּראָוואָקאַציעס אויף דער סיני־גרענעץ. אין וויַיסן הויז אין וואַשינגטאָן האָט דער פּרעזידענט אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט דעם שטאַט־סעקרעטאַר. אַבדול נאַצער דערנענטערט נייַע דיוויזיעס צו דער גרענעץ מיט ישׂראל. דער גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם פאַרבאַנד פון די פאַראייניקטע פעלקער רופט אָפּצוהאַלטן זיך פון מלחמה־אַקציעס. צי וועט די מלחמה אויסברעכן הייַנט, אָדער מאָרגן? ווי לאַנג וועט די מלחמה דויערן? צוויי טעג, דרייַ טעג?

עס זענען אַריבער צוויי, דרייַ און זעקס טעג. די ישׂראלדיקע דיוויזיעס אויף דרום זענען גרייט אויפצונעמען די מלחמה. אַבדול נאַצער רופט די ישׂראל־אַרמיי צו אַ פאַרמעסטונג, אָבער זייַנע דיוויזיעס שווייַגן און האַלטן צוגעשמידט די ישׂראל־כּוחות צו זייערע פּאָזיציעס.

נאָך פיל מאָל קלינגען צו דודן אַהיים אין רמת־גן און צו איר שווער אין תל־אביב, האָט יהודית אָפּגעפונען אליעזר אַרטאַפּאַנוס אין שפּיטאָל. איר שטים האָט געקלונגען ווי אַן אַלאַרם: דני און זייַנער אַ חבר אין זעלבן עלטער, הד איז זייַן נאָמען, זענען פאַרשוווּנדן פון קיבוץ. פאַראַן אַ פאַרדאַכט, אַז ערגעץ־ווו מאָביליזירן זיי זיך פרייַוויליק אין דער אַרמיי. הדס פאָטער איז געווען אין חיפה און דאָרט געזוכט די קינדער. ער האָט זיי נישט געפונען. ער איז געוויר געוואָרן, אַז אין דער קריה אין תל־אביב, פאַרן זיכערהייט־מיניסטעריום, זאַמלען זיך פרייַ־וויליקע און אַזעלכע, וועלכע זענען צופעליק נישט מאָביליזירט געוואָרן. זי האָט

געוואַלט, אַז דוד זאָל זוכן די צוויי קינדער און זיי אַהיימשיקן: פון דודס היים רופט זיך קיינער נישט אָפּ. ווייסט זי נישט וואָס צו טאָן, יהודית. זי וואָלט גאָר נישט געהאַט קעגן דעם, אָבער... אָבער, דני האָט קוים פאַרענדיקט זעכצן יאָר, און אַזוי אויך זײַן חבר... אויסער דעם...

אליעזר האָט אויסגענוצט די פויזע אין דעם שטראָם פון אירע הייסע רייד און געזאָגט צו איר מיט אַן ענערגישער שטים:

„יהודית, פאַר אַלעם פאַדער איך פון דיר צו זײַן פולשטענדיק באַהערשט. פּאַניק וועט דאָ גאָרנישט אויפטאָן. האָסט זיך נישט דערקלונגען צו דודן ווײַל ער איז מאָביליזירט אין דער אַרמיי. בעכטן האָט יוכבד נישט אויסגעהאַלטן צו בלײַבן אין דער היים. זי האָט דאָס קינד אָוועקגעפירט צו איר מוטער אין ראשון און אַליין האָט זי פרײַוויליק זיך מאָביליזירט אין שפּיטאָל. צווייטנס, כאַפּט מען נישט בײַ אונדז קיין קינדער אין דער אַרמיי. דריטנס איז ריכטיק, אַז אין דער קריה שטורעמען פרײַוויליקע מען זאָל זיי נעמען אין מיליטער. און דאָס וואָס זיי וואַרטן לאַנגע טעג איז אַ סימן, אַז די אַרמיי כאַפּט בכלל נישט. פערטנס, דער שפּיטאָל אָרגאַניזירט זיך איצט איבער פאַר אויסנאַם־צושטאַנד און אין דער שעה קען איך זיך נישט באַפרײַען. איך גלויב, אַז מאָרגן אין דער פרי, אַפילו זיבן אַ זייגער, וועל איך זײַן אין דער קריה, אויב נאָר דער מצב דאָ אין שפּיטאָל וועט עס מעגלעך מאַכן".

„פּאַטער, געדענק, דני איז קוים זעכצן יאָר, און..."

„אַ חוץ דעם איז ער דײַן איינציקער זון", האָט אליעזר פאַרשטאַנען וואָס זי וויל זאָגן.

„דו ווייסט עס צום בעסטן וואָס פאַר אַן איינציקער ער איז בײַ מיר", האָט יהודית זיך נישט געקענט באַהערשן און איר שטים איז געוואָרן אַ העשנדיקע.

„טאָכטער", האָט ער אַרײַנגעבעטן אין טרײַבל", איך האָב געפאָדערט פון דיר דו זאָלסט זיך באַהערשן. איך חזר איבער די פאָדערונג. דערווײַל איז די מלחמה נאָך נישט אויסגעבראָכן. מעגלעך אַפילו, אַז זי וועט בכלל נישט אויסברעכן. איך וועל טאָן אַלץ וואָס מעגלעך, אויב נאָר איך וועל געפינען דני, ער און זײַן חבר זאָלן צוריקקערן אַהיים".

„אפשר זאָל איך קומען קיין תל־אביב?" האָט זי געפרעגט.

„ניין!" האָט ער געענטפערט קאַטעגאָריש, „אין דעם איצטיקן מצב דאַרפסטו נישט קומען. איך וועל דיך אָנרופן מאָרגן נאָך מיטאָג. זײַ בײַם טעלעפאָן אין דער מזכירות פון פיר ביז פינף אַ זייגער".

אליעזר האָט אָוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרײַבל און מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זײַן גוף האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער דערנעבן שטייענ־דיקער שטול. ער האָט נאָך קיין מאָל נישט געפילט אַזאַ פלוצימע שוואַכקייט אין די פיס ווי דאָס מאָל. ער איז אָפּגעגאַנגען אין שווייס. די שווערקייט האָט זיך אים געלייגט אויך אויף די אויגן־לעפּלעך, ווי עס וואָלט אים באַפאַלן אַ שלעפע־ריקייט. „איז עס ד אָ ס?" האָט ער געטראַכט און אין דער זעלבער צײַט אויסגעע־

פּרוווט זײַן אָטעם. דער אָטעם איז געווען אַ פרײַער, דאָך דער פּלוצימדיקער אויסטערלישער אומרו האָט נישט נאָכגעלאָזט. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ העכער, אַראָפּגעלאָזט די הענט כּדי פרײַ צו מאַכן אַלע מוסקולן און טיף געאָטעמט.

אין אָט דעם צושטאַנד פון שוואַכקייט האָט אים געטראָפן ד״ר אַרמאָזאַ. אומבאַוווסטזיניק האָט ער זיך צוריקגעצויגן אויף אַ האַלבן טריט און, אויסדרייענ־דיק דעם קאָפּ אַ ביסל אויף דער זײַט, האָט ער געפרעגט פאַרזשמורענדיק די אויגן:

„פילט איר זיך שלעכט, קאָלעגע, אָדער עס דאַכט זיך מיר?״

„נישט געפערלעך, ד״ר אַרמאָזאַ״, האָט אליעזר אַרײַנגעצויגן פולע לונגען לופט.

„איבערגעשפּאַנט, הע?״ האָט ער באַמערקט ווי ער וואָלט געהאַט פאַר זיך אַ פּאַציענט.

„האָ, דאָקטאָר״, האָט אליעזר געפּרווט זיך אויפשטעלן און זיך צוריקגעזעצט, „טאָמער שפּאַנט איר אָן אַ בויגן און איר לאָזט נישט נאָך די פײַל, איז די סטרונע שפּעטער נישט צום שיסן״.

„לאָזט נאָך, לאָזט נאָך, קאָלעגע, סײַ ווי וועט איר אַלע בערן און וועלף נישט אויסשיסן. אַז איר ווערט נאָכלאָזן, קענט איר טעאָרעטיש טרעפן אין איינעם... אפשר אַ טאַניק?״ האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן צו אליעזרן און געקוקט אויף זײַנע אויערן.

„אַ דאַנק״, האָט אליעזר זיך אויסגעגלײַכט אין דער שטול, „ס׳איז מיר שוין בעסער״.

„גוט צו הערן״, האָט ד״ר אַרמאָזאַ געשמייכלט מיט אַ ווײַטן שמייכל, „כ׳ווייס נישט ווער ס׳איז עלטער, מיר צי די אַראַבער. אפשר אין דעם זעלבן עלטער, אָדער זיי זענען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון אונדז. ווען שׂרה איז נאָך נישט געווען שוואַנגער מיט יצחקן, איז שוין הגר מיט איר זון ישמעאל געווען אין דער מדבר. אַזוי צי אַזוי, זיי, די אַראַבער האָבן אויפגעהיט דעם שטייגער ווי ער פירט זיך אין דעם הייסן מזרח. שוואַי, שוואַי. די צײַט דאַרף מען נישט טרײַבן. זי גייט אַליין און שלעפּט אונדז מיט, אַפילו ווען מיר רוען. פּאַטאַליזם איז זייער שטריך. אויב די צײַט באַוועגט זיך פאָרויס און זי שלעפּט מיט דעם מענטש, דאַרף נישט דער מענטש לויפן פאַר דער צײַט. ס׳איז ווי דער וואָגן וואָלט געשלעפּט דאָס פערד. וואָס עס דאַרף געשען וועט געשען. אויב שפּעטער? ווער מען אַרט עס? אויך אָן מיר וועט דאָס אומפאַרמײַדלעכע סײַ ווי געשען. אָבער דאָ, אין ישׂראל, האָבן ייִדן גענומען אַן אימפּעט, וואָס איז קעגן אַלע געזעצן פונעם קלימאַט, פון דער פאַרטנערישקייט פון די באַדינגונגען און אויך פון דער פאַרטנערישקייט פון די שכנים. ייִדן לעבן דאָ ווי אין דעם אייראָפּעיִשן קלימאַט, מיט אַן אימפּעט אַז דאָס וואָס וועט נישט אָפּגעטאָן ווערן הײַנט וועט מען שוין מאָרגן האָבן פאַר־שפּעטיקט. מען מוז נאָכלאָזן, נאָכלאָזן, קאָלעגע!״

„איר זענט זיכער גערעכט, מײַן פרײַנד״, האָט אליעזר ענדלעך דערפילט דעם כּוח אין די פיס און זיך אויפגעשטעלט. „מיר געפינען זיך אין אימפּעט. מיר,

אויך איך. דער זון מײַנער איז ערגעץ־ווו אין נגב, די שנור האָט זיך פּריַיוויליק מאָביליזירט ווי אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ שפּיטאָל און איצט האָט מײַן צווייטע שנור, אין קיבוץ, טעלעפאָנירט, אַז איר איינציקער זעכצן־יאָריקער זון האָט זיך מיט זײַנעם אַ חבר אַרויסגעמאַכט פון קיבוץ, כּדי פרײַוויליק אָנצוקומען אין דער אַרמיי. אַלץ אין איינצלנע, סך־הכּל זעקס טעג. כ׳האָב געהאַט אײַך דערציילט וועגן מײַן זון אין קיבוץ. איצט איז דער אַלמנה באַשערט, אַז אויך איר זון זאָל זיך רײַסן צו דער מלחמה מיט מצרים. ס׳איז אוממעגלעך, אוממעגלעך!״

„די מוטער האָט רעכט זיך קעגנצושטעלן״, איז ד״ר אַרמאַזאַ געוואָרן ערנסט. „זעכצן יאָר? אַן איינציקער זון? תּל־אָביב איז אויסגעליידיקט פון מענער. צו וואָס דאַרף די אַרמיי אויך קינדער?״

„איך בין רויִק. די אַרמיי וועט נישט מאָביליזירן זעכצן־יאָריקע. זיי וועלן זען, אַז זיי זענען קינדער״, האָט אליעזר ווי געטרייסט זײַן קאָלעגע. „איבעריקנס, מאָרגן באַגינען וועל איך אײַלן צו דער קריה, צום זיכערהייט־מיניסטעריום, ווו יונגעלײַט שטורעמען די טויערן מען זאָל זיי מאָביליזירן. כ׳האָף, אַז איך וועל דאָרט געפינען מײַן איניקל, אויב ער איז געקומען קיין תּל־אָביב״.

„פון דעסטוועגן זאָגט עס עפּעס וועגן דער דערציִונג אין די קיבוצים״, האָט ד״ר אַרמאַזאַ צוזאַמענגעדריקט זײַנע ליפּן.

„אָ, יאָ!״ האָט אליעזר אויסגערופן. „דער קיבוץ איז אַן אינקובאַטאָר פון דעם שיינעם מענטש אין ישׂראל, וואָס אין קעגנשטעלן אים דער שטאָט, ווערט שאַרפער דער געפערלעכער קאָנטראַסט, וואָס עס שאַפט זיך אין אונדזער יונגער מדינה. איך בין פול מיט פּחדים, וואָס פאַר אַ טיפע סאָציאַלע און מענטשלעכע קאָנטראַסטן מיר גייען האָבן אין דער מדינה״.

ד״ר אַרמאַזאַ האָט זיך אָנגעבויגן און געזאָגט פאַרטרוילעך:

„אַזוי וואָלט אַרויסגעקומען אין אונדזער פּראָפעסיע ווען אָנשטאָט אויסצו־פּרוּוון אַ נאָוואָטאָרישן אײַנפאַל אין לאַבאָראַטאָרישע באַדינגונגען זאָל ער אָנגע־ווענדט ווערן אויפן כּלל פּאַציענטן. נישט געטראָפן געוואָרן וואָלטן בלויז די, וועלכע זענען נישט אונטער דער השגחה פון די דאָקטוירים. דאָ איז געמאַכט גע־וואָרן איינער פון די גרעסטע און סכּנהדיקסטע עקספּערימענטן מיט מענטשלעכע קאָלעקטיוון. וואָס אונדז בלײַבט איז צו נעמען די זאַכן פילאָזאָפיש״.

„אָדער פאַטאַליסטיש״, האָט אליעזר צוגעגעבן. „נאָך דעם וואָס עס איז געשען און עס געשעט זענען מיר אַן איבעררײַס אין לאַבאָראַטאָרישע באַדינגונגען. אָט איז שוין דער זעקסטער טאָג פון נאַצערס מלחמה־צוג און מיר ווייסן נאָך אַלץ נישט וואָס ער מיינט; מלחמה, אָדער בלויז אונדז רויִנירן עקאָנאָמיש, אָדער אפשר ביידע צוזאַמען?״

„אונדזערע פירער האַנדלען שלעכט״, האָט ד״ר אַרמאַזאַ אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו אליעזרן. „שוין היַינט האָט אונדזער אַרמיי געדאַרפט אַ סוף מאַכן צו דעם צושטאַנד. אויב מלחמה איז באַשערט, האָבן מיר נאָך נעכטן געדאַרפט נעמען די

איניציאַטיוו אין אונדזערע הענט, כּדי נאָצער זאָל נישט געווינען די מלחמה אָן אַ מלחמה".

אַ טעלעפאָן־קלונג האָט איבערגעריסן דאָס געשפּרעך צווישן די צוויי מענער. אין טעלעפאָן האָט גערעדט אסתר סימקין. זי האָט אַ בקשה: אליעזר זאָל אײַליק קומען צו איר אין ראשון. בערל איז געקומען פון נגב און איז אַוועקגעפאַלן אַ קראַנקער. אויסער איר זון מאָטל, דעם חבר־הכּנסת, זענען אַלע מענער אין איר משפּחה מאָביליזירט. זי איז געבליבן אַליין נאָך דעם ווי יוכבד האָט אויך געבראַכט צו איר דאָס קינד. אויך בערלס דאָקטער איז מאָביליזירט. זי איז אומרויִק פון וועגן דעם אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד איר בערל געפינט זיך. ער אָטעמט שווער און די כּוחות פאַרלאָזן אים.

„האָט ער פיבער?" האָט אליעזר געוואָלט וויסן.

„כ׳ווייס נישט. כ׳בין אַ ביסל צעטומלט פון דעם אַלעם", האָט אסתר געזאָגט אין פאַרלעגנהייט.

„כ׳קום גלײַך, זײַט רויִק. וואָס מאַכט מײַן שלמה המלך?" דאָס געשפּרעך האָט זיך אָפּגעהאַקט. אַ רגע האָט אליעזר געקוקט אויפן טרײַבל, ווי ער וואָלט זיך געריכט צו הערן פון דאָרט דעם ענטפער אויף זײַן שאלה. ער האָט דאָס טרײַבל אַוועקגעלייגט און געפרעגט אין צימער אַרײַן: „איז אויך גאָט אַליין לכל־הפּחות מאָביליזירט?"

כאָטש די פראַגע איז נישט געווען געווענדט צו אים, האָט ד"ר אַרמאַזאַ געענטפערט:

„אויב אַפילו יאָ, זיצט ער אין שטאַב, ווײַט פונעם פראָנט".

אליעזר האָט גענומען זײַן רענצעלע, זיך באַוואָפנט מיט אַ פּאָר אַמפּולן און אַ שפּריץ און אַראָפּ אין גאָס צו פאָרן קיין ראשון. די גאָס איז געווען אויסגע־ליידיקט. אויך אויף דער הויפּט־גאַס איז געווען קוים צו זען אַ מענטש. ער האָט די טאַקסי־סטאַציע געפונען אַ פּוסטע, און זיך דערמאָנט: די טאַקסי־שאָפערן זענען מאָביליזירט. ער איז צוריק אַוועק אין שפּיטאָל, כּדי דורכן טעלעפאָן צו געפינען אַ קאָמוניקאַציע־מיטל. ער האָט נישט געפונען. בלית ברירה האָט ער אַנגאַזשירט אַן אַמבולאַנס און זיך אַוועקגעלאָזט קיין ראשון. דער וועג איז געווען אַ ליידיקער. צווישן תל־אביב און ראשון האָט ער באַגעגנט בלויז אַן איינציקן אויטאָבוס וואָס איז געפאָרן אין דער פאַרקערטער ריכטונג, אַ פאַרשטויבטער און מיט אַ גרויסן פּירקאַנטיקן אות אויפן טאָמבאָן. צוליב היימלעכקייט האָט דער שאָפער פונעם אַמבולאַנס געלאָזט אין גאַנג זײַן אַלאַרם־סירענע און דער שאָפער פונעם אויטאָ־בוס האָט אים געענטפערט מיט זײַן אָפּגעריסענעם טרומייטערן ווי ער וואָלט אַלאַרמירט אויף אַן אָנפאַל.

„לאָמיר כאָטש אַליין דאָ מאַכן דעם אָנשטעל פון מלחמה", האָט דער שאָפער פון דעם אַמבולאַנס געזאָגט צו אליעזרן. „שדים ווייסן אויף וואָס לוי אשכּול וואַרט.

נאַצער האָט אים באַלד דעם ערשטן טאָג פּאַרבעטן, האָט ער אים באַלד געדאַרפט געבן אַ זבענג ער זאָל זיך דערמאָנען אין פּאַלודזשאַ".

„אשכּול האָט אַ גענעראַל־שטאַב און ער האָט אַן אויסערן־מיניסטער. מסתּמא מעסטן זיי און וועגן", האָט אליעזר אים באַרויִקט.

דער שאָפער האָט זיך צעקאָכט און זיך אַ הייב געטאָן פונעם געזעס:

„וואָס איז דאָ צו מעסטן און וועגן אַז סך־הכּל דאַרף מען דאָ געבן אַ טראַסק, אַז נאַצער זאָל פון סיני אָפּשפּרינגען צוריק קיין קאַיראָ. מיט וועמען איז דאָ פאַראַן צו רעדן? פּיִטערס זענען זיי? קאָקערס זענען זיי! ווען משה דיין וואָלט געווען שעף פון גענעראַל־שטאַב און נישט יצחק רבין וואָלט שוין נאַצער איצט געלעקט זיינע ווונדן".

„נישטאָ עפּעס לייכטערס ווי אָנצוהייבן אַ מלחמה; פאַרענדיקן זי איז אַ ביסל שווערער. צווישן איר אָנהייב און סוף געשעט עפּעס", האָט אליעזר געזאָגט מער צו זיך אַליין ווי צום שאָפער.

ביז ראשון־לציון האָט דער שאָפער פונעם אַמבולאַנס אָנגעהויבן די מלחמה, זי פאַרענדיקט איינס און צוויי און זיך אָװעקגעזעצט אָפּרוען אין אַ קאַפע־הויז אין קאַיראָ. ער האָט צוגערופן אַ שיך־פּוצער מיט זיין מעש־אויספּאַלירט קעסטל, ער זאָל פון זיינע זעלנערישע שיך אָפּפּוצן דעם שטויב פונעם סיני און ער האָט דעם פּוצער געגעבן אַ פונט. ווען דער עגיפּטער האָט אים געוואָלט געבן אַ רעשט, האָט ער געזאָגט גרויסמוטיק: ‚גיב די רעשט דיין ראַיס אַבדול נאַצער און זאָג אים אָן, אַז איך האָב פיינט ווען עמעצער שפּרינגט מיר אין די אויגן אַריין‘.

אליעזר האָט געפונען בערל סימקין נישט קיין קראַנקן נאָר אַן אויסגעשעפּטן פון שפּאַנונג און מידקייט. די שפּאַנונג און די מידקייט האָט אים געבראַכט אַהיים אין אַ מצב, אַז זיין גאַנצער גוף האָט געלעכצט נאָך אַ געלעגער. בערל האָט געהערט צו די טיפּן מענטשן, וואָס זענען זעלטן קראַנק, נאָר ביי אַ שאַרפן שינוי פאַלן זיי אַוועק טויט־קראַנקע. ס'איז אַ מין קראַנקייט־סימולאַציע צו פאַרענטפערן זיך אַליין פאַר נעמען אַן ערנסטן אָפּרו. דורך דעם סטעטאָסקאָפּ האָט אליעזר אויסגעהערט די קלעפּ פון אַ האַרץ וואָס האַלט זיך אָפּ פון מיטגיין מיט די יאָרן און בלייבט פיל יינגער. אין דער צייט פון אסתרס אַלאַרמירנדיקן טעלעפאָן ביז אליעזרס קומען האָט זיך זיין אָטעם איינגעשטעלט און בערלס לונגען האָבן געאַרבעט פונקט אַזוי פּערפעקט ווי די צילינדערס פון זיין פאָנטיאַק.

„ווי לאַנג זענט איר געווען אין נגבֿ?" האָט אליעזר געוואָלט וויסן.

וואָס הייסט ווי לאַנג?" האָט בערל געזוכט אויפן דאָקטערס פּנים אַן ענטפער אויפן אויסהערן זיין האַרץ און לונגען. „כ'בין געווען דער ערשטער ‚מאָביליזיר־טער‘. געלאָפן אָפּראַטעווען די כּלים איידער מ'עט זיי מיר צעשיסן. אַ קלייניקייט! צוויי בולדאָזערס, דריי טראַקטאָרן, אַ הייבער — אַ פאַרמעגן. סך־הכּל אַ וועלכן קילאָמעטער פון דער גרענעץ. דעם ערשטן קלאַפּ וואָלטן געכאַפּט מיינע כּלים.

און דאָ הערט מיַין צבי אינעם אויטאָ־ראַדיאָ זיַין מאָביליזאַציע־פּאַראָל. ,אבא׳, האָט ער געזאָגט צו מיר, ,אונדזערע מאַשינען וועלן גיין אַ גאַנג. איך בין אַ קצין אין מילואים און כ׳בין מחויב זיך צוצושטעלן דער ערשטער אין מיַין איינהייט׳. ער איז אַוועק און איך בין געפאָרן צו די כּלים. אויך די אַרבעטער זענען מאָבי־ליזירט. נישטאָ קיין מענטשן וואָס זאָלן די כּלים אַרויספירן כאָטשבי ביז פּקוע אָדער ווייס איך וואָס. איך בין געבליבן אַליין, כאָטש נעם אויף די פּלייצעס אַ טראַקטאָר און טראָג אים אַוועק קיין באר־שבע. ערשט היַינט באַגינען האָב איך די כּלים באַשטאַט אין קיבוץ רביבים. אמתע מזיקים...״

„און וואָס איז מיט אונדזער מזיק?״ האָט אליעזר אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אסתרן און געענדערט די טעמע. „יוכבד קומט אים זען?״

אסתרס פּנים האָט זיך צעשטראַלט פון פרייד:

„איר מוזט אים זען. ער איז אַ גאַנצער מענטש. קלוג טאַקע ווי שלמה המלך. נאָך אַ רגע און ער וועט אָנהייבן רעדן״.

אסתר האָט אַריַינגעפירט אליעזרן אין אַ צווייטן, האַלב־טונקעלן צימער. דאָס קינד איז נישט געשלאָפן און ביַים אַריַינקומען האָבן זיך די אייגעלעך פון דעם עופעלע צוזאַמענגעטראָפן מיט די בליקן פון זיַין זיידן. דאָס עופעלע האָט זיַינע אייגעלעך געווענדט צו אסתרן: „דאָס איז דיַין זיידע, שלמהלע. דיַין זיידע״, האָט אסתר זיך אָנגעבויגן איבערן געלעגער. „דערקענסט נישט דיַין זיידן?״

„ער דערקענט מיך!״ האָט מיט שטאָלץ געזאָגט אליעזר. „ווי קענט איר אים חושד זיַין, אַז ער דערקענט מיך נישט?״ ער האָט גענומען דאָס הענטעלע פונעם קינד און עס אַ קוש געטאָן. דאָס קינד האָט זיך צעוויינט. ער האָט אָפּגעלאָזט דאָס הענטעלע פונעם קינד און זיך געוואָנדן צו אסתרן: „דאָס איז די שטראָף פאַר מיַין באַרימען זיך״.

אליעזר האָט איבערגעלאָזט אסתרן מיטן קינד און ער איז צוריק אַריַין אין שלאָפצימער פון בערלען.

„אַלזאָ״, האָט ער געריבן די הענט איינע אָן דער אַנדערער, „איך האָב גע־מיינט, אַז איר וועט דאַרפן אָן איַינשפּריצונג, אָדער אַפילו מיטנעמען איַיך מיט זיך אין אַמבולאַנס. בין איך גליקלעך וואָס איר דאַרפט צו מיר נישט אָנקומען. וואָס איך וויל נאָר וויסן איז דאָס, צי אין די פּאָר טעג אין יענע מקומות האָט איר געהאַט אַ געלעגנהייט צו כאַפּן אַ שמועס מיט אונדזערע קעמפער אין פעלד״.

„וואָס הייסט אַ געלעגנהייט?״ האָט בערל זיך אויפגעזעצט אין בעט. „אָן זייער הילף וואָלטן אַ העלפט כּלים געבליבן שטעקן אין ניצנה. אלא וואָס דען? חברה פאַרלירט דאָס געדולד. ווילן וויסן צו וואָס און פאַר וואָס דאָס וואַרטן. אויף וואָס וואַרט לוי אשכּול, יצחק ראַבין און די אַלע פּיַיטערס אין שטאַב? אויף נאַצערס חסד וואַרטן זיי? ר׳האָט געדאַרפט באַקומען אַ זבענג באַלד אויף צו מאָרגנס און ס׳לאַנד וואָלט פריַי אָפּגעאָטעמט. איר ווייסט, מחותן, וואָס עס קאָסט אָפּ אַ טאָג

האַלטן די אַרמיי אין פעלד און וואַרטן וואָס נאָצער וועט באַשליסן? ער וועט אונדז חרוב מאַכן אָן אַ מלחמה מער ווי מיט אַ מלחמה?״

אסתר האָט איבערגעריסן דעם שמועס דערמיט, אַז די באָבע פעסע פלעגט זאָגן: „אַ טאַנץ גייט נישט איין פאַרן עסן״. זי האָט, קיין עין־הרע, אַ פולן אייז־קאַסטן. זי האָט נישט וואָס צו טאָן, קאָכט זי און באַקט. זאָל דער מחותּן זיך זעצן צום טיש. זי האָט פאַנירטע באַנדזשינעס, וואָס שטייען אין איוון גרייט וואַרעמע. זי האָט אויך געפילטע קוסעלעך מיט פלייש און רייַז. אויף דער עלעק־טרישער קיך נעמט עס אַ רגע און זיי זענען גרייט. זי האָט געטראַכט זיי אַרייַנ־צושטעלן אין איוון ווען זי האָט געהערט דעם געטוויש פון בערלס פּאָנטיאַק, נאָר אַז זי האָט אים דערזען אין זייַן מצב, זענען איר אָפּגענומען געוואָרן הענט און פיס. אים וועל איך איצט נישט געבן צו עסן, נאָר איר — מוזט בייַ מיר עסן! ווי פלעגט זאָגן די באָבע פעסע: „אַ קראַנקן פרעגט מען, אַ געזונטן גיט מען״.

אליעזר האָט איר געדאַנקט, צוזאָגנדיק, אַז אויף צו מאָרגנס נאָך דעם ווי די „זאַך״ וועט זיך ענדיקן אָן אַ מלחמה, אָדער באַלד נאָכן נצחון, וועט ער זיך אַליין פאַרבעטן אויף אַ סעודה. איצט מוז ער איילן צוריק קיין תּל־אביב. ער פאַרהאַלט דעם שאָפער און דעם אַמבולאַנס, וואָס ביידע זענען זיי איצט אַ יקר־המציאות. קען זייַן אַז איידער ער וועט אָנקומען צוריק קיין תּל־אביב, וועט מען דאַרפן דרינגענד דעם אַמבולאַנס.

„מחותּן, באַלד וועט צופאַלן די נאַכט״, האָט בערל זיך אָפּגערופן. „מלחמות הייבן זיך נישט אָן בייַ נאַכט. קינדער מאַכט מען בייַ נאַכט; מלחמות זיי אויסצו־הרגענען הייבן זיך אָן אין די באַגינענס״.

„בערל!״ האָט זיך אסתר פאַרזשעמירט פאַר איר מחותּן.

„איז עס נישט אמת?״ האָט געפרעגט בערל.

„גוט וואָס איך האָב עס געהערט פון אייַער מויל״, האָט אליעזר באַמערקט אָן אויפצוקלערן וואָס ער מיינט דערמיט.

אסתר האָט זיך אַרייַנגעשטעלט אין דער מיט:

„אַז איר ווילט נישט עסן בייַ מייַן טיש, ווייַל איר איילט זיך, וועל איך אייַך מיטגעבן געפּעקלט פלייש. אַ מאַנצביל אין די טעג, ווו וועט איר גיין זוכן? כ׳ל עס פאַרפּאַקן אין אַ טעפּל״.

אליעזר האָט איר געדאַנקט און דערלאַנגענדיק איר די האַנט האָט ער איר געעצהט:

„גיט דעם געזונטן פּאַציענט צוויי גלעזער טיי מיט ציטרין און זאָל ער זיך אויסשלאָפן. ער איז זייער מיד. ווי נאָר ער וועט אויפוואַכן גיט אים אַ גוטן מאַלצייַט״.

ער האָט געאייַלט צוריק קיין תּל־אביב. דער ליידיקער וועג האָט אים סטימו־לירט צו וועקן בראַוווּר אינעם שאָפער. האָט דער אַמבולאַנס געציטערט פון דער שנעלקייט וואָס דער שאָפער האָט אַנטוויקלט. די זון פון דעם זעקסטן טאָג פון

דערוואַרטונג האָט זיך אָנגעהויבן זעצן. אַ לאַנגער זײַטיקער שאָטן פונעם אַמבו־לאַנס האָט מיטגעאײַלט.

„כ׳בין געווען זיכער, אַז מיר וועלן האָבן אַ פּאַציענט אויף צוריק״, האָט דער שאָפער געזאָגט הויך צו אליעזרן, וואָס איז געזעסן דערנעבן.

„און איך בין צופרידן, וואָס איך בין דער איינציקער פּאַסאַזשיר אויך אויפן וועג צוריק״, האָט אליעזר באַמערקט און אַרויסגעשטעקט זײַן האַנט צום לײדיקן כביש, כדי צו כאַפּן אַ ביסל פונעם לופטשטראָם.

27

אליעזר אַרטאַפּאַנוס האָט אין דער קריה, פאַר די טויערן פון דער אַרמיי־אָנפירערשאַפט, אָפּגעפּונען דני מיט זײַן חבר הד. ער האָט זיי געפונען צווישן די הונדערטער יונגע מענער, וואָס האָבן געוואַרט פאַר די גוט־באַוואַכטע טויערן, די אַרמיי זאָל זיי מאָביליזירן, זיי באַטייליקן אין דעם וואָס דאַרף אומפאַרמײַדלעך געשען און געשעט נישט דערוויַיל. דני איז איבערראַשט געוואָרן ווען ער האָט אומגעריכט דערזען זײַן זיידן. זײַן פאַרקלײַענט פּנים איז רויט געוואָרן ווי זײַנע רויטע האָר.

„דאָס איז מײַן זיידע, דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס!" האָט ער אויסגערופן צו זײַן חבר. „געקומען זיך פרײַוויליק מאָביליזירן אין אַ שפּיטאָל?"

אליעזר האָט מיט די פינגער פאַרקעמט דניס צעפּאַטלטע האָר און געענטפערט גוטמוטיק, כּדי אין זײַן אייניקל נישט צו דערוועקן עקשנות:

„אַ דאָקטאָר איז אַלע מאָל מאָביליזירט. די מאַמע האָט מיט דרײַ טעג צוריק טעלעפאָנירט צו מיר. ביסט, באמת, אַ דערוואַקסענער; טאַקע ווי אַ דערוואַקסענער האָסטו געדאַרפט דער מאַמען, פאַר איר רויקייט־וועגן, דערציילן וואָס דו און דײַן חבר פּלאַנירן. לכל־הפּחות האָט די מזכּירות פון עם קיבוץ געדאַרפט וויסן וועגן אײַער פּלאַן. דער קיבוץ וואָלט זיכער אָפּגעשאַצט אײַער פּאַטריאָטיזם. אָבער די אַרמיי מאָביליזירט נישט אונטער אַכצן יאָר. ווי אַלט ביסטו?" האָט ער זיך געוואָנדן צו הדן.

הד האָט זיך פאַרלוירן פון דער פּלוצימער ווענדונג צו אים. ער האָט אין צעטומלונג אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ אויף הינטן, געזוכט וואָס צו זאָגן. אליעזר האָט אים געהאָלפן:

„אויך דו ביסט אַלט זעכצן יאָר, אָדער עפּעס אַזעלכס. איז נישטאָ וואָס צו טאָן אין קיבוץ אין די טעג? זיכער זענען יונגע פון עם קיבוץ גערופן געוואָרן אין דער אַרמיי און מסתּמא פעלן דאָרט הענט צו דער אַרבעט. אין אַזעלכע טעג איז די אַרבעט אין קיבוץ נישט ווייניקער וויכטיק ווי אין דער אַרמיי. מאַך איך אַ טעות, דני?"

„מיר זענען געווען אין באר־שבע", האָט דני אויסגעמיטן אַ דירעקטן ענטפער. דאָרט זענען זיי גרייט אונדז צו מאָביליזירן. זיי מוזן האָבן די צושטימונג פון „כּוח־אדם!"

„דאָס וואָס איך זאָג: די אַרמיי מאָביליזירט נישט יינגערע פון אַכצן יאָר".

„מיר זענען עלטער!" האָט הד זיך אַרויסגעכאַפּט. דני האָט מיט אַ שאַרפן בליק אים שטיל געמאַכט.

„דו ביסט עלטער פון זעכצן יאָר? אפשר ביסטו אָן דער מאַמעס וויסן אַלט געוואָרן אַכצן יאָר? אין אַזעלכע טעג קען אַלץ געשען, נישט ריכטיק?" האָט אליעזר אַ גלעט געטאָן דנין איבערן קאָפּ. „אָדער אפשר... עס געשעט איצט... איר האָט זיך באַמיט וועגן אַ באַווייַז, אַז איר ביידע זענט אַלט זעקס און דרייַסיק יאָר? די אַרמיי קען איצט די קונץ... אַלנפאַלס, איך האָב אויך נעכטן גערעדט מיט דער מאַמען... דער קיבוץ האָט אייַערע נעמען איבערגעגעבן אין דער מאָבי־ליזאַציע־אָפּטיילונג, אַז ביידע צוזאַמען זענט איר קוים צוויי און דרייַסיק. אייַער וואַרטן דאָ איז אומזיסט".

„מיר האָבן דערלאַנגט אונדזערע דאָקומענטן", האָט דני געפונען אַ תּירוץ.

„איז בעסער מיר זאָלן זיך פון דאַנען אָפּטראָגן. עס קען געשען, אַז די לייַט דאָ זאָלן אויסגעפינען, אַז אייַערע דאָקומענטן זענען... נו... ווי דער אמת איז... אַליין געשריבענע. נישט אמת? און אפשר אַפילו נאָכגעמאַכט עמעצנס אונטער־שריפט. מאַך איך אַ טעות?"

אליעזר האָט אַרומגענומען זייַן אייניקל. ביידע ייִנגלעך האָבן אַוועקגעקוקט, געזוכט אָן אַנטרינונג פאַר זייערע בליקן ווי אליעזר וואָלט זיי געכאַפּט בייַם אָפּטאָן אַ נישט גוטע זאַך. דני האָט נאָכגעגעבן און אומוויליק זיך געלאָזט אַוועק־פירן. זייַן חבר איז נאָכגעגאַנגען. זיי זענען געגאַנגען אַרויף מיט דער דיזענגאָף־גאַס. אליעזר האָט זיי געפירט צו זיך אַהיים. כּדי צו זייַן זיכער, אַז זיי וועלן נישט חרטה האָבן אויף דעם וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט צורעדן, האָט אליעזר אויך הדן אַרומגענומען און זיי זענען געגאַנגען באַנאַנד, ווי זיי וואָלטן געווען דרייַ חברים.

„מיר קענט איר דערציילן דעם אמת", האָט אליעזר געזאָגט מיט אַ קאָלעגיאַלן טאָן. „אַ דאָקטער איז עטיש פאַרפליכטעט צו האַלטן אַ סוד. פון וואַנען האָט איר גענומען דאָקומענטן, אַז איר זענט עלטער?"

„פון מזכּירות", האָט דני געענטפערט אָן צו קווענקלען זיך.

„פון מזכּירות? ס'הייסט דער מזכּיר פונעם קיבוץ האָט אייַך געגעבן אַזעלכע דאָקומענטן", האָט אליעזר געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער פאַרשטייט גוט.

הד האָט געזוכט דניס פּנים. דני האָט נישט באַמערקט און געזאָגט:

„ביין, זיידע. מיר האָבן עס אַליין געמאַכט. געעפנט די מזכּירות און צוגעלקחנט בלאַנקעטן פונעם קיבוץ".

„אַ־אַ־אַ־אַ!" האָט אליעזר אויסגערופן, „די געשיכטע ווערט שפּאַנענדיק, כּמעט ווי אין אַ האָליוודער קרימינאַל־פילם. נאָר דאָ מיט פּאַטריאָטישע כּוונות. זייער באַלערנדיק".

ער האָט די ייִנגלעך געבראַכט צו זיך אַהיים. דנין האָט ער אָוועקגעזעצט בײַם טעלעפאָן צו באַקומען אַ געשפּרעך מיטן קיבוץ. ער האָט אײַנגעשלאָסן דעם קעסל אויף הייס וואַסער פאַר אַ באָד פאַר די „צוויי שטיקער בלאָטע" ווי ער האָט זיי געזען און צוגעגרייט עסן. דערווײַל האָט דער געעפנטער ראַדיאָ אַרײַנדערציילט די נײַעס, אַז הינטער די פּלייצעס פון דעם פּרעמיער און זיכערהייט־מיניסטער לוי אשכּול קומען פאָר באַראַטונגען אין הויז פון דוד בן־גוריון וועגן שאַפן אַ נאַציאָ־נאַלע רעגירונג. די צוויי פּאָליטישע שׂונאים, דער „פּורש" מנחם בעגין און דער „סעזאָניסט" דוד בן־גוריון האָבן אָוועקגעלייגט אָן אַ זײַט זייער קעגנזײַטיקע שׂנאה און קאָנפערירן צווישן זיך ווי אַזוי צו באַזײַטיקן לוי אשכּול פון דער מאַכט ווי זיכערהייט־מיניסטער. מיט אַן אָוונט פריִער האָט אַ געזעמל פרויען, וואָס האָבן באַלד באַקומען דעם נאָמען „די ווײַבער פון ווינדזאָר", דעמאָנסטרירט אויף דער איבן־גבירול־גאַס אין תּל־אביב. אין דער פאַרטונקלונג האָבן „די ווײַבער פון ווינדזאָר" געראָפן צו באַשטימען משה דיין ווי זיכערהייט־מיניסטער. „גענוג גע־וואַרט! גענוג מיט דער אומבאַהאָלפנקייט! — מיר ווילן משה דיין!" האָבן די פרויען געראָפן. נעכטן שפּעט אין אָוונט האָבן די דאָקטוירים אין שפּיטאָל איבער־דערציילט די פּאָליטישע רכילות, אַז די פרויען־דעמאָנסטראַנטינס באַשטייען פון אַזעלכע וואָס יעדע איינע פון זיי האָט אַ מאָל געחלומט, אַז משה דיין זאָל זײַן איר געליבטער. „מלחמה און סעקס גייען צוזאַמען", האָט איינער פעסטגעשטעלט און געוווּסט צו דערציילן פון אַ זיכערן נײַעס־קוואַל, אַז הויכע אָפיצירן האָבן איבערן קאָפּ פון דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב יצחק רבין, געשטעלט דעם פּרע־מיער־מיניסטער לוי אשכּול אַן אולטימאַטום, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זײַן פּאָזיציע ווי זיכערהייט־מיניסטער. צוליב דער פאַרשטאַרקטער מיליטערישער צענזור, האָט די גאַס, כּאָטש כּמעט אַ לײדיקע, געשאַפן אייגענע נײַעס: דער שעף פון גענעראַל־שטאַב יצחק רבין האָט זיך אײַנגעבראָכן פון געשפּאַנטקייט, געפאַלן צו בעט און ער קען מער נישט אויספירן זײַנע פונקציעס. לוי אשכּול האָט אין זײַן אַפּעל צום פאָלק דורך דעם ראַדיאָ זיך פאַרלוירן, אין מיטן זײַן רעדע געשטאַמלט און קוים אָפּגעפונען דאָס לשון. אַ סימן אַז ער האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן ווי זײַן שעף פון גענעראַל־שטאַב. די זעלנער אויף די פּאָזיציעס אין נגב ווערן אומגעדולדיק. ווי לאַנג וועט מען ליגן אין די זאַמדן און וואַרטן? אויף וואָס וואַרט לוי אשכּול? אויף וואָס וואַרט דער גענעראַל־שטאַב? ער וואַרט דאָס לאַנד זאָל חרוב ווערן אָן אַ מלחמה?

נאָך אַ שעה פּרווון האָט אליעזר ענדלעך באַקומען אַ טעלעפאָן־פאַרבינדונג מיט דעם קיבוץ. עמעצער האָט געאײַלט צו רופן יהודית צום טעלעפאָן. דורכן טעלעפאָן האָט ער געהערט איר שנעל און פאַרמאַטערט אָטעמען.

„אבא!" האָט זי בהלהדיק געראָפן.

„רויִק, יהודית. דני איז נעבן מיר און אויך זײַן חבר, הד. זיי האָבן פאַר־ענדיקט זייער מלחמה און זיי וואַרטן בײַ מיר אין הויז אויף הייס וואַסער אָפּצו־צושווענקען פון זיך דעם שטויב פון נגב".

„איז ער ווירקלעך נעבן דיר? איך וויל הערן זײַן שטים!״ איז איר לשון געווען אַ נערוועזס און אומגעדולדיקס.

אָן צו ענטפערן האָט אליעזר איבערגעגעבן דנין דאָס טרײַבל. אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט האָט ער געפרעגט שטיל:

„אמא?״

מער האָט ער נישט געקענט זאָגן. דער מאַמעס שטים, אויף דער גרענעץ פון געוויין, האָט אים געליימט. זײַן פּנים איז געוואָרן שטײַף, די ליפּן פאַרביסן און זײַנע בליקן — פאַרלוירענע. אליעזר האָט אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף דניס אַקסל. אין צימער אַרײַן האָט אָפּגעהילכט יהודיתס רופן פון ווײַט־ווײַט:

„דני, דני, רעד צו מיר. הערסט מיך, זעסט מיך? איך בין אַזוי אומגליק־לעך!״

אליעזר האָט אַרויסגענומען דאָס טרײַבל פון דעם ייִנגלס הענט און געזאָגט צו יהודית:

„איר זענט ביידע צעטראָגן. אין אַזאַ מצב וועט איר זיך נישט צוזאַמענרעדן. אייגנטלעך האָט איר זיך שוין צוזאַמענגערעדט. איז הדס פּאַטער נעבן דיר? זײַ מודיע זײַנע עלטערן״.

יהודית, כאָטש זי האָט געהערט איר זונס שטים, איז נאָך אַלץ נישט געווען אין גאַנצן זיכער, אַז איר דני האָט זיך אָפּגעפונען. זי איז געווען נאָך שלאָפלאָזע און קאָשמאַרע נעכט. אויף דער וואָר האָט זי געחלומט, אַז דני איז ערגעץ־ווו אויפן פּראַנט. ער איז איינער אַליין אין אַ דיונע־פעלד און אַרומגערינגלט פון אַראַבער אין שוואַרצע אַבײַעס און מיט קעפּיִעס אויף די קעפּ. זיי זיצן אויף נידעריקע טאַבורעטלעך, מיט זייערע ביקסן צווישן די קני, און רויכערן געלאָסן ציגאַרעטלעך. נישט זיי שיסן צו דני און נישט ער שיסט צו זיי. זיי וואַרטן ער זאָל זיך אויפהייבן פון דעם דיונע־פעלד, אויפהייבן די הענט און זיך זיי אונטערגעבן. די זון גליט איבער דני און ער לעקט פון זײַנע ליפּן דעם שוויס, וואָס רינט אים אַראָפּ פונעם שטערן. דאָס ליידיקע וואַסער־פלעשל ליגט אָן אַ זײַט מיטן העלדזל צו דני, קוקט צו אים מיט דעם טונקעלן טרוקענעם מײַלעכל, ווי עס וואָלט זיך געררייצט מיט אים: „נישטאָ קיין וואַסער, נישטאָ קיין וואַסער״. אַרום די זיצנדיקע אַראַבער מערן זיך די שטיקלעך נישט־דערררויכערטע ציגאַ־רעטלעך; זיי וואַקסן אָן אין בערגעלעך. ווי לאַנג וועלן זיי טשאַטעווען אויף איר קינד? וואָס ווילן זיי פון אים, אויב ער וועט זיך אונטערגעבן? זי וואָלט וועלן דנין עפּעס זאָגן, דערמוטיקן אים, אים טרייסטן און עצהן. האָט זי מורא איר שטים זאָל נישט אויפרייצן די זיצנדיקע אַראַבער. דני קוקט אַריבער איבער זייערע קעפּ מיט אַ גלײַענדיק אויג. זי וויל אויפכאַפּן זײַן בליק, אָבער זײַן אויג באַוועגט זיך נישט. ס׳איז אָנגעשטעלט אויף אַ פּונקט ערגעץ־ווו הויך איבער איר קאָפּ. זי פּאָכעט מיט אַ האַנט: „דני־לעבן, קוק אויף דער מאַמען! איך וויל דיר עפּעס זאָגן זייער וויכטיקס!״ דאָס רעדט זי אַרײַן אין זיך. טאָמער וואָלט ער געקוקט אויף איר, וואָלט זײַן אויג געהערט וואָס זי קען נישט זאָגן מיט איר שטים: אַז

פון דער רעכטער זייַט פון דער זאַמד־דיונע איז דער מרחק צווישן די צוויי אַראַ־בישע טאַבורעטלעך גרעסער ווי צווישן אַנדערע. אַז די נאַכט וועט צופאַלן זאָל ער זיך אַרויסשלייַכן צווישן די צוויי טאַבורעטלעך, קריכנדיק אויף אַלע פיר. זי, זייַן מאַמע, וועט אים היטן ער זאָל בשלום אַרויס פון דער קלעם. דאָס וואָלט זי אים געזאָגט אויף שטום־לשון ווען זייַן אויג וואָלט דערזען איר פאָכענדיקע האַנט. זעט ער נישט. און דער טאָג האָט נישט קיין סוף. די זון גליט מיט דעם זעלבן ברענענדיקן כּוח און זי רוקט זיך נישט אַוועק. זי הענגט איבער איר קינד ווי אַ צעגליטע קללה און טריקנט אויס דעם מאַרך פון זייַנע ביינער.

די און ענלעכע קאָשמאַרן האָבן יהודיתן געפּייַניקט צווישן חלום און וואָר אין נעכט, וואָס האָבן נישט קיין סוף. אַברהמל האָט געוואַכט איבער איר. וועגן אירע קאָשמאַרן האָט זי אים נישט דערציילט. ער האָט וועגן זיי געוווּסט פון איר פּנים, וואָס איז אין די פּאָר טעג זייַט דני איז פאַרשוווּנדן, געוואָרן געל און אירע אויגן זענען געוואָרן קליין, אייַנגעשרומפּן. פאַר זייַנע אויגן האָט יהודית אייַנגעקוואַרט.

די לייַט אין קיבוץ זענען געווען פאַרקלעמט. אַלע יונגע מענער זענען מאָבי־ליזירט. די עלטערן האָבן דערטרונקען זייער אומרו אין דער אַרבעט אין דערווירטשאַפט. אַברהמל קען זייער געמיט. זייער „שלום", זייער „נו?" זענען נישט די זעלבע ווי אַלע טעג. קען ער זיי נישט דערציילן, אַז יהודית ענדיקט זיך. ער איז דער איינציקער וואָס קען זי ראַטעווען. היט ער צו זי זאָל עסן צו דער צייַט. באַגינען איז ער בייַ איר שוועל מיט אַ קריגל מילך און אַ פּאָר וואַפלעס. ער גע־דענקט זייער גוט, אַז זי האָט ליב וואַפלעס מיט פילעכץ. זי איז אַלע מאָל געווען אַ נאַשערקע. שאָקאָלאַד־פּודינג מיט וואַפלעס איז איר לעבן. אוי, ווי ער געדענקט! שטייט ער באַגינען בייַ דער טיר פון יהודיתס צריף און וואַרט צו הערן אַ צייכן, אַז זי איז וואַך. רופט ער: „יהודיתל, כ'קען אַרייַנגיין? אַ טעפּעלע הייסע פרישע מילך 'עט דיך דערקוויקן". ער וואַרט נישט אויף קיין ענטפער. זי וועט סייַ ווי נישט ענטפערן. גייט ער אַרייַן מיט אַ מונטערן „שלום, יהודיתל!" און לאָזט באַלד אַראָפּ פון זייַן אויפגעלעבטן טאָן. יהודית פּנים איז געל און אייַנגעקוועטשט. שטעלט ער אַוועק דאָס קריגל מילך און גייט אין דעם קיכל נאָך אַ טעפּעלע, צי אַ גלאָז. דערווייַל רעדט ער צו איר: „היינעך איז נעכטן געווען אין ניר־יצחק, אונטן, נעבן דער עזה־גרענעץ. זייַן אהרונטשיק און סאַמבורסקיס חברה־מאַן לאַגערן דאָרט מיט אַ גדוד טאַנקען. ער איז געקומען אַ נייַער מענטש, היינעך. איצט, אַז משה דיין ווערט זיכערהייט־מיניסטער, וואַרטן זיי נאָר ער זאָל זאָגן: ,יאַטן, רירט זיך!' און זיי וועלן נאַצערן צערייַסן ווי אַ הערינג. ס'איז נאָך, דער־ציילט ער, אַזאַ שטימונג אין צאַהאַל נישט געווען. אָדלערס. הערסט, יהודיתל? אָדלערס. דיר מעג איך דערציילן וואָס היינעך האָט געהערט בסוד־סודות, מ'טאָר עס גאָר נישט איבערחזרן: אייזער ווייצמאַן גרייט צו פּאַר נאַצערן עפּעס אַזעלכס, ער זאָל קיין תחית־המתים נישט אויפשטיין. איך זאָג דיר!"

אַברהמלס ווערטער האָט יהודית אָנגענומען ווי זייַנע אַ פּלוידערייַ, כּדי זי

צו טרייסטן און אָפּוועגדן זי פון אירע מחשבות. זי ווייסט אַליין, אַז דער קיבוץ איז אויסגעליידיקט פון די יונגע מענער און אַז זי איז נישט די איינציקע מאַמע אין קיבוץ, וואָס גייט אַרום מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. אָבער זי, יהודית, ווייסט אַפילו נישט ווו איר דני איז נעלם געוואָרן. פון דעם און פון יענעם אין נגב צי אין ירושלים, קומט אַ גרוס — אַ טעלעפאָן, צי אַ ד״ש דורך ראַדיאָ. פון דניס געבויין הייבט זי נישט אָן צו וויסן. און ער איז אַ קינד, וואָס גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון פון סכּנות. ער האָט זיך געריסן שײַקע זאָל אים לאָזן העלפן אײַנרײַטן אַ יונג פערד, האָט אים דאָס פערד אַראָפּגעוואָרפן פון זײַן רוקן איין מאָל און אַ צווייט מאָל, אָבער דני האָט נישט נאָכגעגעבן. ער מוז די חיה באַצווינגען.

דאָס מאָל, ווען זי האָט געהערט די שטים פון איר שוועגער און פון דני, איז זי נאָך אַלץ נישט געווען זיכער, אַז דאָס איז ווירקלעכקייט און נישט אַ חלום אין האַלבשלאָף. ערשט ווען דאָס געשפּרעך האָט זיך פאַרענדיקט און זי איז אַרויס פון דער מזכּירות אויף דער פרײַער לופט, האָט זיך איר אָנגעהויבן אויסלײַטערן אין מוח. מיט סאָמנאַמבולישע טריט איז זי געגאַנגען צום צריף פון הדס עלטערן אָנזאָגן זיי די בשׂורה, אַז די קינדער האָבן זיך אָפּגעפונען. אויפן וועג איז איר געוואָרן אין גאַנצן קלאָר, אַז איר שמועס דורכן טעלעפאָן איז געווען ווירקלעכ־קייט. נאָר ווי אַ קינד נאָך לאַנגן וויינען העשעט עס אַ שטיקל צײַט נאָך דעם ווי עס האָט אויפגעהערט וויינען, אַזוי איז יהודיתן נאָכגעגאַנגען דאָס שווערע געמיט פון דער צעקלעמטקייט אין די פאַרגאַנגענע טעג.

יוספה און עדה, די עלטערן פון הדן, זענען געווען אין דער מיט פון טרינקען קאַווע און זיך צוהערן צו די נײַעס אין ראַדיאָ, ווען יהודית האָט זיי אָנגעזאָגט די בשׂורה, אַז זייער זון האָט זיך אָפּגעפונען. עדה איז אויפגעשפּרונגען מיט אַזאַ היציקייט, אַז זי האָט אויף זיך אויסגעגאָסן די קאַווע און דאָס טעפּל איז אַראָפּ־געפאַלן אויף דעם דיקן אַראַבישן טעפּיך און איז געבליבן גאַנץ. ״פון וואַנען? וואָס? ווו איז ער?״ האָט זי מיט איין מאָל געוואָלט אַלץ וויסן און אַרומגעכאַפּט יהודיתן. יוספה האָט זיך רויִק אויפגעהויבן פון זײַן אוטיליטי־פאָטעל, גענומען אַ טוך פון דעם קליינעם קיכל און אָפּגערייניקט די קאַווע־פלעקן פון דעם טעפּיך.

״ווו איז ער, דער תּכשיט, אין תּל־אביב, באר־שבע, אָדער ירושלים?״ האָט יוספה געפרעגט, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז די בשׂורה האָט אים נישט איבער־ראַשט.

״בײַ מײַן שוועגער אין תּל־אביב. צוזאַמען מיט מײַן דני איז ער. איך בין אַזוי גליקלעך, אַזוי גליקלעך!״ האָט יהודית איבערגעחזרט און עדה האָט זי ווידער אַרומגענומען און זי געקושט. ״מיר האָבן אָפּגעפונענע קינדער״.

״פרויען טרײַבן איבער״, האָט יוספה זיך אויפגעהויבן פון דיל. ״כּל זמן די מלחמה איז נישט אויסגעבראָכן בין איך געווען רויִק ווי אַלע מאָל. די וועגן ווערן קאָנטראָלירט, קיין סך באַוועגונג אויף די כּבישים איז נישטאָ. זאָלן זיך די צוויי תּכשיטים אַ ביסל אַרומשלעפּן איבער די מאָביליזאַציע־פּונקטן, זיך אויסהונגערן און דערנאָך וועלן זיי במילא צוריקקומען אַהיים. ווי אַזוי זענען זיי געקומען צו

דײַן שווער?״ האָט ער זיך געוואָנדן צו יהודיתן, „דער הונגער האָט זיי געטריבן, וואָס?״

יהודית האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. אַלץ וואָס אליעזר האָט איר געזאָגט האָט זי פאַרגעסן. זי טראַכט צו פאָרן קיין תל־אביב, אויב זי וועט האָבן אַן אויטאָבוס. יוספה האָט איר פאַרגעלייגט זי זאָל ליבערשט טרינקען אַ גוט פרישטעפל קאַווע. אויך ער גופא וועט טרינקען נאָך אַ קאַווע. אין די טעג דאַרף מען זיך שטאַרקן. די נײַס וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט אין ראַדיאָ זענען נישט קיין דערהויבענע. כּלומרשט רעדט מען וועגן שאַפן אַ רעגירונג פון נאַציאָנאַלער איינקייט. אין דער אמתן איז עס אַ קנוניה פון דוד בן־גוריון און דעם חרות־פירער מנחם בעגין, וואָס ביידע האָבן זיי פֿײַנט לוי אשכּול; דער ערשטער דערפאַר וואָס אשכּול האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זײַן בענקל און דער צווייטער דערפאַר, וואָס ער האָט ביז איצט, במשך פון נײַנצן יאָר, נישט געהאַט קיין האָפענונג צו זײַן בײַ דער מאַכט. דוד בן־גוריון מיינט אַרײַנצופירן אין אשכּולס רעגירונג אַ טראָיאַניש פערד, זײַן ליבלינג משה דיין, און צעזעצן די רעגירונג. און מנחם בעגין וויל דורך דער היגטער־טיר פונעם מלחמה־קריזיס אַרײַנבאַקומען זיך אין אַ מאַכט־פּאָזיציע. די צוויי זענען אַ סכּנה פאַר דער דעמאָקראַטיע...

עדה האָט געזאָגט מיט ביטול:

„כ׳האָב געהערט די זעלבע נײַס וואָס דו. ס׳גייט מיר אָן ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי. איצט גייט נישט וועגן דעמאָקראַטיע. איצט גייט צו דעם אומבאַקאַנטן. צי וועט זײַן מלחמה, אָדער ס׳וועט נישט זײַן מלחמה? דאָס איז דאָס וויכטיקסטע״.

„מלחמות דויערן קורץ. די מדינה איז אייביק. דעריבער איז וויכטיק וואָס פאַר אַ מדינה מיר וועלן האָבן מיט משה דיין און מיט מנחם בעגין״, האָט יוספה נישט אָפּגעלאָזט. „בן־גוריון מיינט צו שלאָגן אשכּולן און ער וועט שלאָגן די מדינה״.

„די פאַרביסנקייט פון די מענער״, האָט עדה געזאָגט און געגאַנגען באַגלייטן יהודיתן.

אויפן וועג צו איר צריף איז איר אַנטקעגן געקומען אַבֿרהמל אין די שטיוול פון רפת, מיט אַ טעמבעל־היטל פאַררוקט הויך אויפן קאָפּ און מיט אַ בוקעט בלומען. ער איז געווען גליקלעך:

„כ׳האָב דיר געזאָגט, יהודיתל, דני איז אַ חבֿרה־מאַן. ס׳ט געזען אַ קעלבל? אַרויס פון דער מאַמעס בויך און שוין שטייט עס אויף די אייגענע פיס. ר׳ט זײַן אַ צנחן פרימאַ קלאַס״.

„פאַר וועמען טראָגסטו די בלומען?״ האָט יהודית געפרעגט און געוווּסט, אַז ער איז צעטראָגן פון די נײַס, אַז די צוויי יינגלעך האָבן זיך אָפּגעפונען.

„אוי אַ בראָך!״ האָט ער אַראָפּגענומען דאָס טעמבעל־היטל און מיטן היטל זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים. „די בלומען זענען פאַר דיר״, האָט ער איר דערלאַנגט דעם בוקעט און געקוקט אויף איר געל, פאַרצערט פּנים. אונטערן האַרץ־לעפעלע איז אים שוואַך געוואָרן. „איצט דאַרפסטו אַרײַנגיין אין דער קיך און זען וואָס דאָרט איז אין די טעפּלעך. האָסט פאַרלוירן וואָג, יהודיתל. צו פיל פאַרלוירן״.

„שלאָפן דאַרף איך. כאָטש אַ וואָך צײַט שלאָפן מיט אַ רויִקן שלאָף", האָט אַ זעלבסט־רחמנות אַרויסגעקוקט פון אירע אויגן.

„הײַנטיקע צײַטן שלאָפט קיינער נישט רויִק", האָט ער זי געטרייסט. „ווי קען מען שלאָפן רויִק, אַז די וועלט האָט זיך איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף? ווער וואָלט זיך גערעכנט אַז בעגין דער בית"רניק וועט זיך רײַסן צו דער מאַכט און בן־גוריון וועט זײַן זײַן אונטערפירער? האָסט געהערט דעם ראַדיאָ?"

„ניין, אַברהמל, נישט געהערט. נישט געהאַט דעם קאָפּ צום ראַדיאָ. וואָס קען זײַן ערגער פון מלחמה?"

„פּאַשיזם איז ערגער פון מלחמה", האָט אַברהמל גענומען אַ זיכערן טאָן. „מלחמה ענדיקט זיך און פּאַשיזם בלײַבט".

„אויך צו פּאַשיזם נעמט אַ סוף", האָט זי געזאָגט אָן צו טראַכטן און זיך אָפּגעשטעלט. „ווען דו וואָלסט זיך געקענט דערווײַסן אין דער מזכירות, צי עס וועט זײַן אָן אויטאָ קיין תל־אביב, וואָלסטו מיר געטאָן די גרעסטע טובה".

אָן צו פרעגן וואָס און ווען האָט זיך אַברהמל געלאָזט צו דער מזכירות. יהודית איז געבליבן אין דער מיט וועג אַהיים. זי האָט אַ שמעק געטאָן צו די בלומען, וואָס אַברהמל האָט איר געגעבן, און זיך אַרומגעקוקט. צום ערשטן מאָל זײַט לאַנגע טעג האָט זי דערזען די שיינקייט פון דעם גראָזפּלאַנט פונעם קיבוץ, אַרומגעזוימט מיט רויט־געלבלעכע בלומען ווי מיט אַ ראַם. דער אַלטער פּיקוס־בוים אין דער מיט האָט זיך צעצווײַגט אויף די זײַטן, און זײַנע גרויסע בלעטער, ווי האַנטפלאַכן, האָבן אויפגענומען דאָס זון־ליכט. אַ פרייד איז טראָפּנווײַז אויפּ־געגאַנגען אין איר, ווי עס גייט אויף פון דער ווײַטנס אַ געזאַנג און דו ווייסט נישט פון וואַנען עס קומט. אייגנטלעך האָט זי שוין לאַנג נישט באַמערקט די שיינקייט פונעם קיבוץ.

כאָטש דאָס פעלן פון הענט האָט באַשוועדט און פאַרלענגערט די אַרבעט פון די קיבוץ־חברים, האָבן יהודיתס הענט, אין די טעג זײַט דני איז נעלם גע־וואָרן, זיך נישט געלייגט צו אַרבעט. אירע מחשבות זענען געווען ערגעץ אַנדערש־ווו. צו מאָל האָט זי אַפילו נישט געטראַכט וועגן דני. אַ תוהו־ובוהו איז געווען אין איר מוח. די שלאָפלאָזע נעכט און די קאָשמאַרן אין די נעכט האָבן אין די טעג זי געהאַלטן אין אַ מצב פון שכרות מיט פּחדים. נאָר אַז זי האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אָן דני, זענען די פּחדים געוואָרן בהלהדיק. אין אַזאַ רגע וואָלט זי געלאָפן ווו די וועלט האָט קיין עק נישט, ווי דעמאָלט ווען אַביגדור איז געווען אין שפּיטאָל. ס'האָט זי געטריבן פונעם קיבוץ. דער אימפּעט פון לויפן האָט זי ווי־עס־איז געהאַלטן אויף די פיס. נאָר אין פאַל מיט דני האָט זי נישט געהאַט ווו צו לויפן, ווו אים צו זוכן. איז דער שטח פונעם קיבוץ געווען פאַר איר ווי אַ שטײַג, און איר צריף — אַ שטײַג אין שטײַג. די פּרווון פון די חברים זי צו באַרויִקן און זיך צו באַטייליקן אין איר לאַסט האָבן נישט געהאַט קיין פעולה. אַזאַ איז זי, יהודית — וואולקאַניש. טאָמער פרווט מען איר העלפן, אויפקלערן,

לײַכטער מאַכן, מײנט זי אַז מען האָט אויף איר רחמנות און זי ווערט ווילד. נאָר די ווילדקייט ברענגט זי נישט אַרויס אויף אויסן. זי דריקט זי אין זיך.

דער איינציקער וואָס ווערט נישט מיד איר צו העלפן איז אַברהמל. וויפל מאָל ער טראַכט וועגן זיך אַז ער איז אַליין, טראַכט ער וועגן יהודיתן, אַז זי איז נאָך מער אַליין. צו זײַן אַליינקייט איז ער פון אַלע מאָל צוגעווינט. ער ווייסט נישט פאַר וואָס, נאָר זײַט ער איז עולה געווען קיין פּאַלעסטינע... ווען איז עס געווען? ער געדענקט שוין אַליין נישט ווען ס׳איז געווען... פאַרן מבול... דעמאָלט האָט ער נאָך געקענט שרײַבן צו לאהן אין קאַסעווע און זי צורעדן זי זאָל קומען צו אים. פאַר אַ סערטיפיקאַט־וועגן זאָל זי פּיקטיוו חתונה האָבן מיט אַ חלוץ וואָס האָט אַ סערטיפיקאַט. ער וועט זי אָפּוואַרטן אין פּאָרט אין חיפה און ער וועט זי גלײַך פון פּאָרט אָוועקפירן אין קיבוץ, און זיי וועלן באַקומען אַ צריף פאַר אַ פּאָרפּאָלק. ווי זײַנע בריוו האָבן זיך איבערגעחזרט, אַז לאה זאָל קומען, אַזוי האָט לאה איבערגעחזרט אין אירע בריוו, אַז איר האַרץ ווערט צעריסן אַהין און אַהער. עס איז איר שווער איבערצולאָזן איר מאַמע די אַלמנה מיט יינגערע שוועסטער און ברידער, כאָטש איר האַרץ איז מיט אים, אַברהמלען, אין פּאַלעסטינע. דער־נאָך... אויס בריוו, אויס פּלענער, אויס דערוואַרטונג.

פריִער האָט אַברהמל זיך געהאַלטן אַליין. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַפילו אַ שמייכל צו אַן אַנדער פרוי איז ווי ער וואָלט פאַרשעמט לאהן דאָרט, אין קאַסעווע. ער האָט זיך געהיטן פאַר דעם נסיון ווי פאַר אַ גרויסער זינד. דערנאָך... איז ער געבליבן אַליין און ווידער מיט אַ געפיל, אַז ער איז פאַר עפּעס שולדיק. דערפאַר האָט ער אויסגעקליבן צו אַרבעטן אין רפת. דאָ ענדיקט זיך קיין מאָל נישט די אַרבעט. דאָ וועט ער קענען זײַן אַליין מיט די שטומע חיות. זיי פרעגן נישט. פאַר זיי דאַרפסטו זיך נישט פאַרענטפערן. פאַר אַ בלעטל קרויט לעקן זיי דיר די האַנט... שפּעטער האָט ער פּלוצים דערזען יהודית — אַ שטאָלצע, אַ זוניקע — ס׳דאַכט זיך דיר, אַז אַלץ גייט איר נאָך: די זון, די ביימער, די זאַכן, וואָס זי באַרירט מיט אירע הענט. אפשר, ווען נישט לאה, וואָס איז נאָך געווען לעבעדיק אין זײַן האַרץ, וואָלט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און ער וואָלט איר געזאָגט: ,יהודית, וואָס זאָל איך דאָ אַ סך ברײַען. איך פיל, אַז מיר ביידע זענען אַ געפּאַסט פּאָר און לאָמיר חתונה האָבן׳. ס׳האָט אים געפעלט כּוח צו זאָגן איר דאָס וואָס ער האָט געטראַכט ער וועט איר זאָגן, אָדער אפשר האָט ער מורא געהאַט טאָמער זי וועט זאָגן ,ניין׳ און ער וועט זיך דאַרפן באַגראָבן פאַר חרפּה...

דערנאָך איז געקומען אַביגדור. און ווי יהודית איז אים געוואָרן אײַנגעבאַקן אין האַרץ, אַזוי איז אים אויך אַרײַן אין זײַן האַרץ אַביגדור. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז אַביגדור האָט אים אַראָפּגענומען אַ שטיין פון האַרצן, כאָטש ווען ער טראַכט וועגן יהודיתן ווערט ער צעשפּאָרט פון בענקשאַפט... דערנאָך, נאָך אַביגדורס טויט, האָט ער שטאַרק רחמנות געהאַט אויף יהודיתן און ווידער זיך געפילט שולדיק. ער וואָלט אָוועקגעגעבן דאָס רעשט פון זײַן לעבן יהודית זאָל אים כאָטש איין מאָל געבן אַ געלעגנהייט, ער זאָל פאַר איר קענען אַלץ

אַרויסלייגן און איר זאָגן, אַז ער איז נישט שולדיק. ווען נאָר זי וועט אים אַרויס־ווײַזן דעם מינדסטן צייכן, וועט ער זײַן גליקלעך מיט איר חתונה צו האָבן. נישט זי וועט זײַן אַליין און נישט ער וועט זײַן אַליין. ניין, ער האָט זיך שוין ווי עס איז צוגעוווינט צו זײַן אַליינקייט, נאָר דאָס וואָס זי, יהודית, איז אַליין, און זײַט דעם טויט פֿון אַביגדורן איז זי קראַנק פֿון אַליינקייט — דאָס נעמט אים צו אַ שטיק לעבן.

ווען דער קיבוץ רוט, אײַלט יהודית צו אַביגדורס קבר. זי האָט דאַטעס: דאָס מאָל איז דער געבוירן־טאָג פֿון אַביגדורן; דאָס מאָל איז די דאַטע ווען אַביגדור איז אָנגעקומען אין קיבוץ; אַן אַנדערש מאָל איז די דאַטע ווען ער איז פֿאַרווונדעט געוואָרן ערב דער סיני־אַקציע, און ווידער — זײַן צוריקקער פֿון שפּיטאָל, און ווידער... ווידער... זי היט אָפּ אויף זײַן קבר זאָלן רײַפֿן בלומען. זי פֿאַרזעצט סעזאָן־בלומען און אייניאַריקע, כּדי צו דאַרפֿן פֿאַרזעצן אַנדערע און וועדליק איר געמיט. אין דער ערשטער צײַט פֿלעגט זי באַשטיין דערויף, אַז דני זאָל מיט איר מיטגיין צום טאַטנס קבר. האָט אים דער קבר געמאַכט טרויעריק און אויך אירע טרערן, וואָס ער האָט זיי אויסגעליטן אויך אין חלומות. אַזוי שנעל ווי זי האָט דערפֿילט, אַז דני האָט נישט קיין חשק אָפּט צו גיין צום פֿאָטערס קבר, האָט זי אים פֿאַרענטפֿערט: ער איז אַ קינד. ער וויל זײַן ווי אַלע קינדער. שפּילן אין פֿוסבאָל; לויפֿן צו שײַקען אין דער פֿערדשטאַל און בײַ אים ,אויסנאַרן׳ אַ רײַט אויף אַ פֿערד; אַרויפֿכאַפּן זיך אויף אַ טראַקטאָר און זיך לערנען די „געגנג״, אָדער גאָר כאַפּן אַ בוך און זיך פֿאַרשטופּן ערגעץ אין אַ ווינקל צו לייענען עס. אַז דאָס בוך איז שפּאַנענדיק בײַסט ער זײַנע נעגל און שפּײַט זיי אויס ווי שאָלן פֿון באַניעקערן. ער ווייסט אַפֿילו נישט דערפֿון.

אַז דני מיט זײַן חבר הד זענען נעלם געוואָרן פֿונעם קיבוץ אין די טעג ערב מלחמה, האָט זיך יהודיתס רעשט וועלט אײַנגעבראָכן איבער איר. אַברהמל איז געווען דער איינציקער אין קיבוץ, וואָס האָט געטראַכט, אַז דאָס איז דער סוף. זי וועט עס נישט אויסהאַלטן. און איר סוף איז אויך זײַן סוף. איז ער אַרומגע־גאַנגען אַרום איר ווי אַרום אַ קראַנקער און געווען צעקלעמט פֿון א י ר אַליינ־קייט.

28

ווי ערב אַן אָנקומענדיקן שטורעם פאַלן מענטשן אַרײַן אין שפּאַנונג און אין פּחדים, אַז עפּעס אויסטערלישס קלײַבט זיך געשען מיט זיי, און ווען דער שטורעם ברעכט אויס שווענקט ער אָפּ די שווערקייט פונעם געמיט און ברענגט מיט זיך דערלייזונג — אַזוי איז געשען אין יענעם פרימאָרגן: נאָך וואָכן פון פּחדימדיקער דערוואַרטונג, ווען דאָס באַוואָפנטע מענער־פאָלק אַנטקעגן דער גרענעץ פון סיני האָט אָנגעהויבן ווערן מיד און אויפגערייצט; ווען עס האָבן זיך באַוויזן די סימנים, אַז דער עגיפּטישער ראַיס אַבדול נאַצער חלומט צו צעברעכן די מדינה דורך האַלטן צוגעשמידט דאָס ישׂראל־פאָלק אַנטקעגן זײַנע דיוויזיעס — איז יענעם פרימאָרגן האָבן עסקאַדרעס פון ישׂראל־עראָפּלאַנען אין איין איינציקער שעה צעשמעטערט דעם מצרישן מיליטערישן כוח. אַלע מיליטערישע פליפעלדער, האַנגאַרן און אָפּגעדעקטע עראָפּלאַנען אויפן באָדן זענען באָמבאַרדירט און פאַרברענט געוואָרן. ס'האָט געברענט דער כוח פון מצרים. די אָפּטיילונגען פון די מצרישע טאַנקען אַנטקעגן די דורכגענג פון סיני צום נגב, פון רפיח ביז קוציימאַ, אַראָפּ אויף דרום, זענען געבליבן צום באַראָט פונעם פײַער פון דער ישׂראלדיקער אַרטילעריע און טאַנקען. זיי זענען ווי אומבאַהאָלפענע ביימער געשניטן געוואָרן פון דער ישׂראלדיקער אַוויאַציע. דער וועג צו אל־עריש איז געוואָרן צו אַן אַלייע פון ברענענדיקע טאַנקען און מאַשינען. אײַזן האָט געברענט אין דער מדבר. אין דער בהלה האָט די מצרישע אַרמיי געוואָרפן דאָס געווער און געלאָפן צום הייסן טויט אין די אומברחמנותדיקע, צעגליטע זאַמדן פון דער מדבר. און כאָטש די מלחמה האָט זיך נאָר וואָס געהאַט צעפלאַקערט, און כאָטש אין ירושלים האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן דער יאָרדאַנישער לעגיאָן מיט די ישׂראל־כוחות, האָבן די שפּאַנונג און די פּחדים נאָכגעלאָזט מיט איין מאָל, און אַ פײַערלעכע פרייד פון ישועה האָט אָנגעפילט די ביז־איצט צעקלעמטע הערצער פון אַ גאַנץ פאָלק.

אויף די גאַסן אין תל־אביב האָבן זיך פרעמדע מענטשן געקושט. שוין יאָרן ווי זעלטן אַ שמייכלדיק פּנים האָט זיך געוויזן אויף די גאַסן — איצט האָבן די פּנימער געשטראַלט. דאָס פאָלק פון ישׂראל איז ווי איבערגעבוירן געוואָרן פון נעכטן און אייערנעכטן. דער וואַקסנדיקער נצחון האָט דורך לידער און מלחמה־באַריכטן אַרײַנגעדרונגען אין יעדן הויז מיט קלעמענדיקער פרייד. די גאַסן־ליכטער האָבן זיך ווידער אָנגעצונדן, און די הײַזער האָבן לײַט צו דעם עלעקטרישן ליכט

אַנגעצונדן יום־טוב־ליכט, ווי אַ צווייטער חנוכּה, צו דערציילן די קינדער די ניסים וואָס זענען געשען פֿאַר זייערע אויגן. אַפילו די שווערע קאַמפן אין ירושלים האָבן די ישועה נישט פֿאַרשטערט. וואָרום אין די פֿאַרגאַנגענע טעג האָט זיך פֿון מויל צו מויל געטראָגן אַ פּינצטערע בשׂורה, אַז ביים ים־ברעג אין תּל־אביב, אַנטקעגן דער אַרלאָזאָראָוו־גאַס, נישט ווייט פֿון דעם אַמאַליקן אַראַבישן בית־הקברות, איז געהייליקט געוואָרן אַ שטח פֿאַר אַ בית־עלמין צו באַערדיקן צענדליקער טויזנטער גופֿים פֿון זעלנער, וואָס וועלן פֿאַלן אין דער מלחמה. און כאָטש קיינער האָט נישט געלייקנט, צי באַשטעטיקט די פינצטערע בשׂורה — זענען די געמיטער פֿאַר־פינצטערט געוואָרן. איצט זענען אַלע שווערע אַנוגגען אַוועק, ווי עס פֿאַטשן אַוועק שוואַרצע קראָען ווען די זון צעשיינט זיך.

דוד האָט פֿון דעם מאַגיסטראַט־בנין אין דער פֿאַרנומענער שטאָט עזה אָנגע־רופֿן טעלעפֿאָניש אין בערלס הויז אין ראשון. גראָד אין יענער שעה איז יוכבד געווען ביי אירע עלטערן צו זען דאָס קינד. ער האָט זיך נישט געריכט צו הערן איר שטים, נאָר אַז ער האָט זי דערהערט, איז אים דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן פֿון געררירטקייט. דאָס האָט זי, יוכבד, אים אויפֿגעוועקט: „גיבור מיינער, ווו ביסטו? פֿון וואַנען רעדסטו? פֿאַר וואָס ביסטו אַנטשוויגן געוואָרן? דו רעדסט פֿון מצרים, צי פֿון ישׂראל?"

דוד איז געקומען צו זיך:

„איך בין שיער נישט אויסגעגאַנגען פֿון בענקשאַפֿט. יוכבד, יוכבד", האָט ער געגלעט איר נאָמען. זיין שטים איז נישט קלאָר דערגאַנגען צו איר אויער און זי האָט איבערגעפֿרעגט:

„זאָג מיר נאָך אַ מאָל וואָס דו האָסט געזאָגט. כ'האָב נישט געהערט".

און ער האָט אַריינגעשריגן אין טעלעפֿאָן:

„איך וועל עס אַן אַנדערש מאָל איבערחזרן הונדערט מאָל. וואָס איז מיט אונדזער זון?"

„וואָס וועסטו איבערחזרן הונדערט מאָל?" האָט זי אים געפֿאָרשט.

„אַז איך גיי אויס פֿון בענקשאַפֿט צו דיר. צען יאָר דיך נישט געזען!"

„אויך איך, מיין טייערער קעמפֿער. אונדזער זון האָט נישט באַוויזן צו גיין פֿריי־וויליק אין דער אַרמיי און איצט שלאָפֿט ער אַן אַנטוישטער".

„זאָג אים אין מיין נאָמען, אַז דערווייל זאָל ער פֿישן אויף די שׂונאים און שיסן מיט עפּעס אַנדערש. קוש דיינע עלטערן און דאַנק זיי פֿאַר האָדעווען אונדזער זון. געפֿין מיין טאַטן אין דער היים, אָדער אין שפּיטאָל און גיב אים איבער אַ גרוס פֿון מיר. איך בין געזונט און טויט מיד. איך קוש דיינע אויגן און דיינע זיסע ליפּן, יוכבד, יוכבד!"

אסתּר איז געשטאַנען נעבן דער טאָכטער. איר איז איינגעפֿאַלן עפּעס צו זאָגן איר איידעם, נאָר ווען זי האָט אַרויסגענומען דאָס טעלעפֿאָן־טרייבל פֿון יוכבדס הענט און געגומען עס צום אויער, איז דער טעלעפֿאָן געווען שטום. דאָך האָט זי

גערופן: „דוד, דוד!״ זי איז געווען ביטער אַנטוישט. זי האָט געוואָלט אים דערציילן, אַז דורך די פּאָר וואָכן וואָס זײַן זון איז בײַ איר, האָט ער אָנגעהויבן פּלוידערן און זי פאַרשטייט יעדעס וואָרט אינעם פּלוידער. בערל ווייסט נישט ווי אַזוי ער וועט קענען לעבן אָן שלמהלע, ווען ער, דוד, און יוכבד וועלן אים צוריקנעמען צו זיך אַהיים, סײַדן אויך ער וועט זיך איבערקלײַבן צו זיי.

יוכבד האָט געדאַרפט צוריקאײַלן אין שפּיטאָל אין פּתח־תקווה צו איר דיזשור. פון דעסטוועגן האָט זי באַשלאָסן אויסצוזוגעפינען איר שוער. זי האָט אים נישט געפונען אין זײַן הויז און אויך נישט אין שפּיטאָל. אין טעלעפאָן צום שפּיטאָל איז איר לכתחילה נישט אײַנגעפאַלן צו פרעגן, צי דער דאָקטער האָט איבערגעלאָזט אַ מעלדונג אין וועלכן פלאַץ מען קען אים געפינען אין אַ נויט־פאַל, ווי עס איז דער שטייגער מיט רופאים. האָט זי געקלונגען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, ביז ס׳איז געוואָרן שפּעט און זי איז אַוועקגעפאָרן צו איר דיזשור. אויך פון דאָרטן האָט זי טעלעפאָנירט צו אליעזרן אַהיים און ווידער אין שפּיטאָל. דאָס מאָל האָט מען זי פאַרבונדן מיט אַ דאָקטער, וואָס האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי דער פרײַנד פון ד״ר אַרטאָפּאַנוס. דאָס איז געווען ד״ר אַרמאָזאַ. געהערט דעם נאָמען יוכבד אַרטאָפּאַנוס און אַז זי איז אליעזרס שנור, האָט ער איר פאַרטרויט, אַז זײַן פרײַנד איז אויף אַ טאָג אַרויסגעפאָרן אין אַ קיבוץ צו זײַן שנור.

דאָס מאָל איז אליעזר אַלאַרמירט געוואָרן פון דני. זײַט ער האָט צוריקגעקערט אין קיבוץ לעבט די מאַמע אין אַ כּסדרדיקן אומרו. זי וויל, ער זאָל נישט צוריקגיין אין יוגנט־הויז, נאָר ער זאָל בלײַבן מיט איר אין צריף. ס׳זענען איצט אַנדערע צײַטן, זאָגט זי, קינדער דאַרפן זײַן צוזאַמען מיט די עלטערן. זי גייט אים נאָך ווי ער וואָלט געווען אַן אומבאַהאָלפן קינד. דער מאַמעס אויפפירונג, איר נאָכגיין אים, דערדריקט אים, ווי ער וואָלט געווען פאַרפאַלגט. ער בעט דעריבער דעם זיידן, ער זאָל רעדן מיט דער מאַמען און זי באַרויִקן. צו אים, צום זיידן, האָט זי צוטרוי.

אין די צוויי טעג ווי דני מיט זײַן חבר הד האָבן פאַרבראַכט בײַ אליעזרן אין תל־אביב, האָט זיך צווישן זיידע און אייניקל פאַרבונדן אַ זעלטענע פרײַנדשאַפט, ווי צווישן צוויי גוטע חברים אינעם זעלבן עלטער. אליעזר האָט זײַן אייניקל ביז איצט נישט געקענט. בעת זײַנע באַזוכן אין קיבוץ האָט אים דני אויסגעזען ווי אַ פאַרשלאָסענער אין זיך און אַ שעמעוודיקער. דערצו, ווי אַ דערצויגענער אין אַ קיבוץ פון השומר־הצעיר, איז ער מסתּמא באַגרענעצט צום דאָגמאַטיזם פון דער תנועה און אפשר אויך מיט אומצוטרוי צו שטאָטישע. איצט האָט ער געפונען אין אים אַ יונגן אָפּענעם מענטש, גאַרנישט ווי אַ זעכצן־יאָריקער, און ווי ער וואָלט דערצויגן געוואָרן אין אַן אינטעלעקטועלער סביבה אין אַ גרויסער שטאָט, מיט אַ האַרטלעך, האַלדזיק אָבער רײַך לשון. אַז ס׳איז געקומען צו רייד וועגן השומר־הצעיר, האָט דני געזאָגט ספּאָנטאַן: „אידעאָלאָגיע איז נישט קיין רעליגיע. אידעאָלאָגיע איז אַ ציל. השומר־הצעיר ענדערט, אמת, זײַן טאַקטיק, אָבער קוקט אַלע מאָל אַריבער צום ציל. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע״.

מיט אַ ביסעלע אַ פּראָוואָצירנדיקן סאַרקאַזם האָט אליעזר געוואָלט אַ רייץ טאָן זײַן אייניקל ווי ער וואָלט געשטאַנען פֿאַר אַ שול־עקזאַמען:

„דעריבער איז השומר־הצעיר איין מאָל פֿאַר אַ בינאַציאָנאַלער מדינה, אַ צווייט מאָל פֿאַר צוויי פֿאָטערלענדער — אַ גײַסטיקס און אַ פּיזישס — און איצט אַ מאָנאָ־נאַציאָנאַלע מדינה, בלויז אַ ייִדישע, און מאָרגן?..."

מיט דער נאַטירלעכקייט פֿון אַ דערוואַקסענעם האָט דני אויפֿגענומען דעם זיידנס סאַרקאַזם, און מיט אַ קלוגן שמייכל געענטפֿערט:

„דאָס זענען וועג־זוכענישן צו איינעם און דעם זעלבן ציל. אין אמתן סאָציאַליזם וועט אַוודאי זײַן אַ מעגלעכקייט, אַז די צוויי פֿעלקער, ייִדן און אַראַבער, זאָלן לעבן צוזאַמען אונטער איין דאַך. אָט אַ שטייגער: אין קיבוץ לעבן נישט קיין מאַנעקינען, נאָר לעבעדיקע מענטשן, מיט באַזונדערע טעמפּעראַמענטן און אָפֿט מיט קעגנזעצלעכע מיינונגען אַפֿילו וועגן פֿראַגן פֿון סידור־העבודה. דאָס שטערט נישט דער קיבוץ זאָל זײַן אַ געאייניקטער. אויב ס'וועט קומען אַ צײַט, און אַזאַ צײַט מוז קומען, ווען דער נאַציאָנאַליסטישער פֿאַנאַטיזם און רעליגיעזע פֿאָראורטיילן וועלן פֿאַרשווינדן, דעמאָלט וועט זײַן אויך מעגלעך אַ בשותּפֿותדיקע מדינה פֿון ייִדן מיט אַראַבער. גרענעצן שאַפֿן שׂנאה און אומצוטרוי. פֿאַר וואָס נישט? צי זענען אַלע ייִדן פּאַטריאָטן פֿון דער מדינה? צי זענען נישטאָ קיין ייִדן וואָס שטעלן העכער זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן פֿון די אינטערעסן פֿון דער מדינה? צי זענען נישטאָ קיין ייִדישע פֿאַרברעכער קעגן דער מדינה? צי זענען אין דער ייִדישער רעגירונג נישטאָ קיין קאַריעריסטן, וואָס ווילן בלויז פּראָפֿיטירן פֿון דער מדינה? פֿאַר וואָס גלויבן ייִדן אַז משיח וועט קומען און פֿאַר וואָס זאָל מען נישט גלויבן, אַז ס'איז מעגלעך אַ מדינה, אין וועלכער ייִדן און אַראַבער זאָלן לעבן צוזאַמען אין שלום?"

„ביידע גלויבנס זענען איצט זייער רעאַל", האָט אליעזר באַמערקט מיט איבערטריבענער ערנסטקייט און ביידע ייִנגלעך האָבן זיס געשמייכלט. דני האָט געפּרוּווט פֿאַרריכטן:

„כ'האָב געגעבן אַ שלעכטן בײַשפּיל. אידעאָלאָגיע איז נישט קיין רעליגיעזער גלויבן".

„אויך מיט ד ע ר פֿעסטשטעלונג זײַ פֿאָרזיכטיק, דני", האָט אליעזר אויפֿגעהויבן אַ פֿינגער פֿאַר זײַן מויל. „אידעאָלאָגיע איז אַ פֿאָרם פֿון רעליגיע. די גלויביקע אין אַן אידעאָלאָגיע ווייסן נישט ווי זייער ציל וועט געראָטן, אָדער ווי העסלעך ער וועט אויסזען ווען זיי וועלן אים דערגרייכן, אָבער אויפֿן וועג צו דעם ציל זענען זיי גרייט צו פּראָוון אינקוויזיציע, אומברענגען פֿעלקער".

„דו מיינסט סאָוועט־רוסלאַנד, זיידע?" האָט דני געקוקט צו זײַן חבֿר הדד מיט אַ צווײדײַטיקן בליק.

„נישט בלויז סאָוועט־רוסלאַנד, נישט בלויז נאַציזם. די אַכזריות פֿון אַן אידעאָלאָגיע איז אָפּהענגיק פֿון דעם כּוח וואָס שטייט הינטער איר", האָט אליעזר געזאָגט און זיך פֿאַרטראַכט.

אויף דני האָט נאָכגעטראַכט און דערנאָך זיך געוואָנדן צו זײַן חבר:

„געדענקסט ווי מיר האָבן אויף דער טעמע דיסקוטירט אין דער שולע?"

„דאָרט איז נישט אַזוי געשטאַנען די פראַגע", האָט הד געענטפערט און זיך פּאַררויטלט ווי ער וואָלט זיך פאַרשעמט. „ס'האָט זיך גערעדט וועגן דעם פאַר וואָס אין סאָוועט־רוסלאַנד ווי אַ סאָציאַליסטישע מדינה האָט איין אַכזריותדיקער מענטש געקענט דערגיין צו אַזאַ מאַכט ער זאָל פאַרקריפּלען דעם קאָמוניזם און אומברענגען מיליאָנען מענטשן".

„און ווי איז געווען דער אויספיר?" האָט אליעזר געקוקט דאָ אויף דני און דאָ אויף הדן.

דני האָט אַ דיסקרעטן בליק געטאָן צו זײַן חבר:

„אין אַזעלכע דיסקוסיעס זענען קיין מאָל די אויספירן נישט קלאָר".

אויך אין דעם שמועס צווישן אליעזרן און די צוויי ייִנגלעך איז נישט געקומען צו קיין אויספיר, אָבער אליעזר האָט דערקענט זײַן אייניקל.ביידע זענען זיך געוואָרן נאָענט. דעריבער, ווען דני האָט טעלעפאָנירט צו אים וועגן דעם מצב פון יהודית, האָט אליעזר זיך באַפרײַט אויף אַ טאָג און איז אַוועק אין קיבוץ. ער האָט געפונען יהודיתן אין אַ געדריקטער שטימונג. זי האָט געהאַט אַ קאָנפליקט מיט דני. ער וויל זי נישט פאַרשטיין. ווי ער איז אַוועק פונעם קיבוץ אָן איר וויסן, כּדי זיך פרײַוויליק צו מאָביליזירן אין דער אַרמיי, אַזוי אינטערעסירט ער זיך נישט מיט איר נאָך זײַן צוריקקער אַהיים. פאַר איר שלווה־וועגן האָט זי געוואָלט ער זאָל זײַן צוזאַמען מיט איר. שוין יאָרן נאָך אַביגדורס טויט, און זי פילט זיך איצט אײנזאַמער און מער פאַרלוירן ווי מיט אַ יאָר און מער צוריק. די חברים אין קיבוץ זענען גוט צו איר, אָבער ס'איז נישט „דאָס". זי וויל דני זאָל שטיין נעבן איר ביז זי וועט זיך באַפרײַען פון דעם שאָק, וואָס זי האָט געליטן מיט זײַן נעלם ווערן. מיטן שׂכל פאַרשטייט זי, אַז דני איז צוגעוווינט צו זײַן יוגנט־געזעלשאַפט; ער האָט זײַן אייגן לעבן, אָבער אַ זון דאַרף האָבן אַ געוויסע אַחריות אויך פאַר זײַן מוטער. נישט אַזוי? איז ער דאָך קוים זעכצן יאָר אַלט. נישט אַזוי?

אליעזר האָט דיסקרעט נאָכגעפאָרשט אירע באַוועגונגען, די אויסדרוקן פון איר פּנים בײַם העפטיקן און נערוועזן רעדן, און לסוף האָט ער גענומען אירע הענט אין זײַנע און גערעדט צו איר ווי מען רעדט צו אַ קינד:

„אַ שאָד, אַ שאָד. דאָס גאַנצע לאַנד איז אין יום־טוב. כ'האָב געהאַט אַ תענוג צו פאָרן אין אויטאָבוס. אַ נײַ, פריידיק פאָלק איז געבוירן געוואָרן. דער שאָפער פון אויטאָבוס איז העפלעך ווי ער וואָלט דערצויגן געוואָרן אין אַ הויז פון ירושה־אַדל. „תסלח לי", „בבקשה" און „תודה" זענען איצט די צום מערסטן באַנוצטע ווערטער. טוט מיר וויי וואָס דו ביסט אין אַזאַ שלעכטער שטימונג און דו פאַר־זוימסט די פרייד. אַזוי וויניק פרייד האָבן מיר אין דער מדינה און דו פאַרזוימסט זי. ביסט אַליין אַ סאַברע און דו ווייסט, אַז ביי אונדז דאַרף מען „אַרײַנכאַפּן": אַרײַנכאַפּן די מילדע טעג פון ערב־זומער און ערב־רעגנצײַט; אַרײַנכאַפּן די טעג ווען עס זענען נישטאָ קיין איבערפאַלן אויף דער גרענעץ; אַרײַנכאַפּן די צײַט

ווען עס איז עקאָנאָמיש רויִק. איצט דאַרפֿן מיר אַרײַנכאַפּן די פֿרייד פֿון זײַן געראַטעוועט, פֿון דעם נצחון. פֿאַר וואָס זשע פֿאַרסמסטו זיך אַליין די זעלטענע שעה?"

„דני...", האָט יהודית אַ קרעכץ געטאָן. אליעזר האָט געדריקט אירע הענט:

„הער מיך אויס, טאָכטער. איך בין אַ סך, אַ סך עלטער פֿון דיר. מײַנע נסיונות זענען אין צאָל מער פֿון דײַנע. הער מיך אויס: כאָטש דו ביסט אַזוי פֿיל יאָרן אין קיבוץ, דו נעמסט, ווי מען זאָגט עס, אַנטייל אין בויען אַ נײַע וועלט און שאַפֿן אַ נײַעם טיפּ מענטש, פֿון דעסטוועגן האָט זיך אין דיר אָפּגערופֿן די אַלטע יידישע מאַמע. אייגנטלעך זענען אַלע מאַמעס יידישע מאַמעס. אַ מאַמע וויל דער זון זאָל זײַן זעלבשטענדיק און שטאַרק, כּדי צו האָבן פֿון אים נחת, און אין דער זעלבער צײַט וויל זי דער זון זאָל זײַן אַ קינד, ער זאָל מוזן אָנקומען צו איר, זי זאָל אים אָפּווישן דאָס נעזל און צוקנעפּלען די הייזעלעך. וואָס פֿאַר אַ גליק פֿון אַ מאַמען! מעגלעך דו ביסט אַלע מאָל געווען אַ יידישע מאַמע, נאָר דו האָסט זיך צוגעפּאַסט צו דעם שטייגער פֿונעם קיבוץ, דאָס קינד זאָל שלאָפֿן אונטער אַן אַנדער דאַך, אַן אַנדערע זאָל אים געבן צו עסן, אַן אַנדערע זאָל זאָרגן פֿאַר זײַן וואויל. איצט האָבן די אינסטינקטן גענומען די אויבערהאַנט. קוק נישט צום פֿענצטער נאָר הער זיך גוט צו וואָס איך רעד צו דיר: דני איז נישט מער קיין קינד. ער איז אַ רײַפֿער און באַוווסטזיניקער מענטש. ערשט ווען איך האָב אים דער־קענט האָב איך פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס ער איז אַוועק פֿון קיבוץ אַן אַ זײַ געזונט, זיך פֿרײַוויליק צו מאָביליזירן אין דער אַרמיי, און אויך פֿאַר וואָס ער האָט צו דעם צוגערעדט זײַן חבר. עלטערן קענען נישט זייערע קינדער. זײַן פֿרײַוויליקייט איז נישט געווען קיין אַוואַנטוריזם פֿון אַ יוגנטלעכן. ווילסט וויסן וואָס ער האָט מיר געזאָגט? ער האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט אים אַ מאָל דערציילט ווי אַזוי די אַראַבער האָבן אין דער אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה אָנגעגריפֿן דעם קיבוץ, אים באַשאָסן און געפּרוּווט אים אונטערצינדן. די מענער פֿון קיבוץ און צווישן זיי זײַן טאַטע האָבן געמאַכט אַ קעגן־אָנגריף פֿון ווינציקע קעגן אַ סך, כּדי פֿאַר קיין פֿאַל נישט צו לאָזן פֿאַרניכטן זייער היים און כּדי צו פֿאַרמײַדן די אַכזריות וואָס קאַוּוגדזשיס זעלנער פֿלעגן אָנווענדן צו געפֿאַנגענע יידן. און זײַן טאַטע — האָסטו אים דערציילט — האָט געיאָגט די באַוואָפֿנטע שונאים דורך טאָלן און בערג ביז צו דער גרענעץ פֿון לבנון. דײַן דערציילונג האָט זיך אײַנגעפּרעגט אין זײַן יונג האַרץ. אין דער איצטיקער מלחמה, מיט אַלע אירע סכּנות, האָט דײַן זון געוואָלט טאָן דאָס זעלבע וואָס זײַן טאַטע האָט געטאָן דעמאָלט — באַטייליקן זיך אין באַשיצן זײַן היים, זײַן קיבוץ, זײַן לאַנד. נישט קיין קינד האָט זיך אַרויסגעמאַכט פֿונעם קיבוץ, נאָר אַ באַוווסטזיניקער מאַן! איך בין געווען גליקלעך ווען איך האָב אים מיט זײַן חבר, וואָס האָט אים געדינט בלויז ווי אַ באַוויַיז פֿאַר דעם קיבוץ, אַז זײַן נעלם ווערן איז נישט צוליב אויסטערלישע סיבות, געפֿונען אין דער קריה אין תּל־אביב. ווען איך וואָלט פֿריִער געוווּסט זײַן מאָטיוואַציע, ווייס איך נישט, צי איך וואָלט בײַגעשטאַנען דעם נסיון אים אָפּצורעדן פֿון דעם וואָס

ער האָט זיך געגרייט צו טאָן. אויב נישט דאָס באַוווּסטזיַין האָט דער געזונטער אינסטינקט אים באַוויגן צו זיַין האַנדלונג".

„ער איז דער איינציקער ביַי מיר", האָט יהודית געזאָגט ווי זי וואָלט זיך געפילט שולדיק און זי פאַרענטפערט זיך.

„טאָכטער, מיר פאָרן אויף דעם זעלבן וואָגן. אויך דוד איז דער איינציקער ביַי מיר", האָט אליעזר נאָכגעטראַכט זיַינע ווערטער, „אַמאָל בין איך געווען ריַיך און גאַנץ, געהאַט דריַי זין און צוויי טעכטער און זייער מאַמען. זיי האָבן מיר אויסגעפילט די קאָנסטעלאַציע פון דעם ,קליינעם בער'. קענסט די קאָנסטעלאַציע? זייער אַ היימישע. אין דער פאַרטונקלונג פון תל־אביב איז זי געווען אַזוי בולט ווי אָנצורירן מיט די פינגער. דוד האָט אַ פרוי מיט אַ קינד. איך ווייס וועגן די געפאַרן פון מלחמה. מיר איז אָפילו נישט איַינגעפאַלן זיך צו באַמיִען ער זאָל נישט געשיקט ווערן צום פראָנט. ער איז אין אַן איינהייט, וואָס איז די ערשטע אַריַין קיין עזה און באַזעצט די שטאָט".

„אבא, איך פאַרשטיי נישט וואָס דו זאָגסט מיר וועגן אַ שטערן־קאָנסטעלאַציע", האָט יהודית זיך געוווּנדערט. „דני איז קוים אַלט זעכצן יאָר".

„קאַלענדאַרישע זעכצן יאָר", האָט אליעזר אויסגערופן, „ווי עלטערע מענטשן ווערן נישט גליַיך אַלט וועדליק זייערע יאָרן, אַזוי ווערן יוגנטלעכע נישט גליַיך ריַיף וועדליק זייערע יאָרן. דני איז אַ ריַיפער מאַן, בעת זיַין חבר הדד איז אַ יוגנטלעכער וואָס האָט, אמת, אויפגעהערט קרייען מיט דער שטים, אָבער ער קרייט נאָך אינטעלעקטועל. ווערסט זיך וווּנדערן, יהודית. אין זכות פון אָט די דניס, האָט אונדזער מדינה אַ קיום! דו קענסט נישט דיַין זון!"

„איך קען אים, איך ווייס. דערפאַר ציטערט מיר דאָס האַרץ אַפילו אויך היַינט ווען די סכּנות זענען פאַרביַי און ער איז צוריק אין קיבוץ", האָט יהודית גע־קרעכצט אונטער דער לאַסט פון אירע אייגענע ווערטער.

אליעזר האָט נישט געוווּסט, אַז אין דער זעלבער ציַיט ווי דני האָט אים אַלאַרמירט, האָט ער אויך אַלאַרמירט זיַין צווייטן זיידן מיט דער באַבען, יהודיתס עלטערן אין זכרון. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די מאַמע פאַלט אַריַין אין אַ קראַנקייט און ער האָט מורא געהאַט פאַר דער אַחריות, וואָס וועט פאַלן אויף אים. בעת אליעזר איז געזעסן אין יהודיתס צריף און געשמועסט מיט איר, האָט זיך געעפנט די טיר און עס האָבן זיך אַריַינגעשטעלט ביילע און ברוך. אויך זייער קומען איז פאַר יהודיתן געווען אומגעריכט און זי האָט געקוקט דאָ אויף אליעזרן און דאָ אויף אירע עלטערן, ווי זי וואָלט געהאַט אַ חשד, אַז זייער קומען איז אַן אָפּגערעדטס. זי האָט נערוועז זיך אויפגעהויבן פון איר פּלאַץ און געפרעגט:

„איז עפּעס געשען?"

„קודם, גוטנאָוונט, טאָכטער־לעבן. אַוודאי איז געשען. אַ הילף פון הימל. אויס מלחמה! אַלע אונדזערע שׂונאים זאָלן איַיננעמען אַ מיתה משונה", האָט ביילע מיט איין האַנט צו רעכט געמאַכט אירע האָר און דערנאָך מיט צוויי פינגער אָפּגע־ווישט די ליפּן, ווי זי וואָלט דערמיט פאַרענדיקט צו זאָגן צוליב וואָס זי איז

געקומען. ברוך האָט אָנגענומען זײַן װײַב בײַם אָרעם, װי אַ צײכן, אַז זי זאָל געדענקען, אַז נאָך עמעצער געפינט זיך אין צימער. יהודית האָט צוליב עפּעס זיך דערפילט אומבאַקװעם און זיך פאַרלוירן. קוקנדיק דאָ אויף די עלטערן און דאָ אויף אליעזרן האָט זי זײ פאָרגעשטעלט פאַר אײנאַנדער:

„ד״ר אליעזר אַרטאַפאַנוס, מײַן... פאָטער... שװער... אַביגדורס שװער... דאָס זענען מײַנע עלטערן... פון זכרון; זכרון־יעקב. אַזױ פיל יאָרן און נישט געהאַט קײן געלעגנהײט זיך צו באַקענען״.

אליעזר האָט זיך אויפגעשטעלט פון דער סאָפע און אויסגעשטרעקט די האַנט צו די אָרײַנגעקומענע.

„פון דעסטװעגן האָבן אַזעלכע צײַטן אויך אַ שטיקל מעלה. זײ פירן צוזאַמען מענטשן, װאָס לעבן אין אײן לאַנד אַזױ פיל יאָרן, קערן זיך אָן און קענען זיך נישט״.

ברוך האָט אָנגענומען אליעזרס האַנט, געזאָגט „גוטנאָװנט, מחותן״ און צוגעגעבן: „װי מען זאָגט: אַ באַרג מיט אַ באַרג באַגעגענען זיך נישט; אַ מענטש מיט אַ מענטש באַגעגענען זיך יאָ״. ער האָט אַ גלעט געטאָן זײַן באָרד און ממשיך געװען רײַבן אײן פינגער אָן צװײטן װי ער װאָלט צװישן זײ געװעלגערט אַ האָר פון זײַן באָרד.

„װאָס מאַכט דני?״ האָט ביילע װידער באַרירט אירע האָר און געקוקט אויף אליעזרן. „געלויבט צו גאָט װאָס ער דאַרף נאָך נישט גײן אין מיליטער״. אָפּגעזאָגט האָט זי זיך אַװעקגעזעצט אויפן ראַנד פון אַ שטול.

„בײַ די ענגלענדער...״ האָט ברוך אָנגעהויבן און פלוצים איבערגעריסן.

יהודית האָט געפרעגט:

„װאָס װעט איר טרינקען?״

„איכ׳ל טרינקען אַ גוט גלעזל טײ״, האָט ברוך אויפגעהויבן דאָס פּנים צו דער טאָכטער. „בײַ די ענגלענדער...״

„װאָס עפּעס האָסטו זיך הײַנט דערמאָנט אָן די ענגלענדער?״ איז אים ביילע אַרײַן אין די רייד, „מיר האָבן הײַנט אונדזערע אײגענע צרות״.

„דאָס װאָס איך זאָג״, האָט ברוך װידער אָנגעהויבן מיט אַ העכער קול. „בײַ די ענגלענדער זענען ייִדן געװען פּטור פון צװײ זאַכן: פון דינען אין מיליטער און פון צאָלן מס־הכנסה. זײַט זײ זענען אַרײַן קײן ארץ־ישׂראל ביז זײ זענען אַװעק פון ארץ־ישׂראל זענען קײן מלחמות נישט געװען. דעם טאָג װי זײ זענען אַרויס אַזױ האָט זיך עס אָנגעהויבן און אַזױ ביזן הײַנטיקן טאָג״.

„דערפאַר האָבן מיר אָן אײגענע מדינה״, האָט ביילע מיט צװײ פינגער אַ װיש געטאָן אירע ליפּן.

„װאָס װעסטו טרינקען?״ האָט יהודית געפרעגט אליעזרן.

„אויב דו האָסט קאַװע, װאָלט איך געטרונקען אַ זײער שטאַרקע״, האָט אליעזר געװוּנקען צו איר װי ער װאָלט געװאָלט מאַכן אַ פרײַערע שטימונג, „אַ האַרץ האָט ליב מ׳זאָל עס אויפװעקן״.

„זאָגט מען דאָך, אַז די דאָקטוירים פאַרבאָטן צו טרינקען קאַווע״, האָט זיך ביילע אַ הייב געטאָן פון איר שטול.

אליעזר האָט זיך אָנגעבויגן, מיט די אָפענע האַנטפלאַכן ביי ביידע זייטן מויל, און געזאָגט פאַרטרוילעך:

„גלויבט נישט די דאָקטוירים. איך בין אַ דאָקטער און איך הייס אַלע מיינע פּאַציענטן טרינקען נאָר קאַווע. איר ווייסט פאַר וואָס? ווייל די פּראָדוצענטן פון טיי זענען אומסימפּאַטישע מענטשן״.

„אַזוי גאָר?״ איז ביילע געוואָרן אויפגעלעבט. אליעזר האָט צוגעגעבן:

„די פּראָדוצענטן פון קאַווע זענען אויך נישט קיין בעסערע, די זעלבע זשולי־קעס, נאָר ווי זאָגן יידן: אַז מען דאַרף דעם גנב שניידט מען אים פון דער תליה און מען הייסט אים מאַכן אַ טערקישע קאַווע״.

ברוך האָט געלאַכט און פון פאַרגעניגן זיך געשאָקלט אויף דער שטול:

„בנאמנות, ס'איז דאָ וואָס צו הערן!״

ביילע איז אַוועק העלפן יהודיתן צוגרייטן טיי און קאַווע. די צוויי מענער זענען געבליבן אַליין. ברוך האָט נישט אונטערגעהאַלטן דעם שמועס. כדי עפּעס צו טאָן האָט ער מיט ביידע הענט זיך געפּאַטשט אין די קני, דעם קאָפּ פאַרריסן צום באַלקן און אונטערגעבאָמקעט אַ ניגון אָן אַ ניגון. אליעזר האָט געוואָלט מאַכן רעדעוודיק זיין מחותן און ער האָט געזאָגט סתם אַזוי, כדי עס זאָל זיך פאַרקניפּן אַ שטיקל שמועס:

„האָבן מיר הייסט עס נאָך אַ מלחמה הינטער זיך, און מיר זענען איצט גע־וואָרן אַ גרויסע מדינה, מיט ירושלים, מיט יריחו, מיט שכם און מיט דעם הר סיני. ריין געוואָרן!״

„איז מיט דעם, מיינט איר, וועט מער קיין מלחמה נישט זיין?״ האָט ברוך אָנגעשטעלט די אויגן אויף אליעזרן און די ברעמען האָבן זיך אים אויפגעהויבן הויך אויפן שטערן.

אין אַ לייכטן טאָן האָט אליעזר אים געענטפערט:

„מלחמה האָט ליב צו ענדיקן זיך מיט שלום. אָן שלום רוט זיך די מלחמה אָפּ אַ ביסל און זי הייבט זיך ווידער אָן״.

„פאַרקאָכט אַ קאַשע״, האָט ברוך פעסטגעשטעלט און זיך געקראַצט אונטער דער באָרד. „פאַר וואָס האָבן יידן אַמאָל געקענט לעבן מיט די אַראַבער, קויפן ביי זיי, פאַרקויפן, מאַכן שותפות, אַלץ אין שלום, סיידן כ'וויס, ס'רייסט זיך אָפּ אַ גנב און פירט ביי נאַכט אַרויס אַ קעלבל. פאַר וואָס קענען היינט יידן נישט לעבן מיט די אַראַבער בשלום? ס'זענען דאָך די זעלבע אַראַבער!״

„זעט איר!״ האָט אליעזר אויסגערופן, „איר האָט אָנגערירט די ווונד. ס'זענען נישט די זעלבע אַראַבער. די היינטיקע זענען נישט ווי די פון נעכטן, די מאָרגנ־דיקע וועלן נישט זיין די זעלבע ווי די היינטיקע. דאָ ליגט די שוועריקייט. די היינטיקע אַראַבער ווילן מער ווי קויפן, פאַרקויפן, אָדער מאַכן שותפות מיט יידן. זיי זענען פּאַלעסטינעזער ציוניסטן״.

„אָפּגעלערנט זיך פון ייִדן", האָט ברוך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

„אַזאַ איז די וועלט, איינער לערנט פונעם צווייטן. געזען, אַז ייִדן האָבן גע־שאַפן אַ מדינה — ווילן זיי אויך אַ מדינה", האָט אליעזר ווײַטער געזאָגט.

ביילע האָט אויף אַ מעשן אַראַביש טעצל אַרײַנגעבראַכט טיי און קאַווע אין ווײַסע טעפּלעך און דאָס טעצל אַוועקגעשטעלט אויף דעם נידעריקן טישל. יהודית האָט זיך באַוויזן און געזאָגט, אַז זי גייט רופן דני און זי איז פאַרשוווּנדן.

„ווו איז דאָ צוקער?" האָט ביילע געפרעגט און זיך אַרומגעקוקט אין דעם קליינעם צימער. „די קיבוצניקעס האָבן ליב ענגשאַפט. ס'פּאַסט זיי נישט ס'זאָל זיי זײַן באַקוועם. ווי רופן זיי עס?" האָט זי זיך געוואַנדן צו איר מאַן.

„קאַפּיטאַליסטיש", האָט אליעזר איר געפּרוווט אַרויסהעלפן.

„ניין, אַן אַנדער וואָרט", האָט ביילע אַרײַנגענומען אין מויל אַ פינגער.

„קליינבירגערלעך", האָט אליעזר איר געהאָלפן.

ביילע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

„איר זאָלט לעבן און געזונט זײַן. יאָ, יאָ, קליינבירגערלעך!"

„קליינבירגערלעך", האָט ברוך נאָכגעזאָגט, „ווערטער פעלן זיי נישט".

„געלויבט צו גאָט, הײַנט פעלט זיי גאָרנישט", האָט ביילע צוגערוקט אַ טעפּל קאַווע נענטער צו אליעזרן. „אַמאָל איז געווען קרוע־בלוע מיט ניכטערע שפּײַעכץ אַבי געהאַלטן פּאַסאָן".

„אַפילו אַ קעלבל ווערט מיט דער צײַט קליגער", האָט ברוך איר צוגעהאָלפן.

„שׂכל האָט זיי נישט געפעלט", האָט אליעזר אויסגעבעסערט ברוכן. „ס'האָט זיי בלויז געפעלט וואָס עס פעלט יעדן אָרעמאַן".

„גאָלדענע ווערטער!" האָט ביילע באַשטעטיקט.

נאָך אַ דערווײַטערט רעדן פון יענער זײַט טיר זענען נאָכגעקומען יהודית און דני. אליעזר האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז מאַמע און זון האָבן אויפן וועג זיך דורכגעווערטלט. אַרײַנגעקומען זענען זיי שטילע. דניס פּנים האָט זיך צעליכטיקט אויף דעם בילד וואָס ער האָט געזען — זײַנע ביידע זיידעס און די באָבע ביילע. זײַן יונגער פעסטער גוף האָט צעשפּאַרט דאָס ענגע ווײַסע ציכטיקע העמדל, וואָס ער האָט געטראָגן. פון די קורצע האַקי־הייזלעך האָבן אַרויסגעשטרעקט אַ פּאָר שטאַרקע, מיט רויטלעכע הערעלעך באַוואַקסענע פיס אין סאַנדאַלן. די נישט פאַר־קעמטע רויטע האָר אויף זײַן קאָפּ זענען געווען ווי ברענענדיקע אײַנגעשטילטע קוילן, וואָס מען דאַרף זיי נאָר אויפבלאָזן און זיי וועלן אויפפלאַקערן מיט העל פײַער. ער האָט חברהמאַניש געקוקט אויף אליעזרן, ווי זיי וואָלטן געהאַט אַ בשותּפותדיקן סוד, געשענקט אַ וואַרעמען בליק דער באָבען און אַ וואַרעמע האַנט אַרויפגעלייגט אויף ברוכס אַקסל.

„אמא, אויך איך וויל אַ טערקישע קאַווע", האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם ווײַסן טעפּל, וואָס איז געשטאַנען פאַר אליעזרן. „סוף־סוף, זענען מיר אַלע צוזאַמען".

„איך וועל דיר אויפבריִען אַ קאַווע", האָט זיך פאַרגעשלאָגן די באָבע און מיט אַ האַנט־באַוועגונג האָט זי אָנגעוויזן יהודיתן זי זאָל זיך זעצן אויף איר פּלאַץ.

„נו, זעסט״, האָט אליעזר אַ זופּ געטאָן פון זײַן קאַווע, און אָנגעווונקען צו דני, „נאָצער, כוסיין און סיריע האָבן באַקומען זייערס אָן אונדזער בײַדנס הילף״.

אויף אַן אויגנבליק איז אַ וואָלקן אַריבער איבער דניס פּנים און ס׳האָט זיך באַלד צוריק אויסגעלײַטערט:

„ס׳האָט אַנדערש נישט געקענט זײַן. די אַראַבער קענען פאַרשפּילן איין מאָל און נאָך אַ מאָל. מיר בשום אופן נישט. טאָמער וואָלטן מיר איין מאָל פאַרשפּילט, וואָלט נישט געווען קיין נאָך אַ מאָל. איצט, ווען דער נצחון איז פריש און די אַראַבער זענען דערשלאָגן, דאַרפן מיר מאַכן שלום מיט זיי. ס׳זאָל נישט דערגיין צו אַ נײַער מלחמה״.

„מ׳וויל דען שלום?״ האָט ברוך געפרעגט. „סתּם גערעדט. מ׳וויל נישט קיין שלום״.

„זיידע, מ׳טאָר נישט פאַראַלגעמיינערן. ווער וויל נישט? די מערהייט אין לאַנד וויל שלום״.

„דני איז גערעכט״, האָט אליעזר מיט צופרידנקייט געקוקט אויף זײַן אייניקל. „נאָר מאַזאָכיסטן און אַזעלכע, וועלכע האָבן גערן פאַטעטישן חורבן, ווילן נישט קיין שלום. זיי, אַז זיי רעדן וועגן מלחמה און בלוט, האָבן זיי אַ פול מויל מיט זאַפט. דם; קרב; מלחמות; כּיבושים. אויסגעהונגערטע באַרבאַרן. נישט אַנדערש נאָר זיי שטאַמען פון באַבעס, וואָס זענען פאַרגוואַלדיקט געוואָרן פון קאָזאַקן צי פון טאָטערן און איצט רופט זיך אָפּ אין זיי דאָס בלוט פונעם סטעפּ. נאָר מלחמות און דם גיט זיי! יידן, ווירקלעכע ייִדן, זענען רודפי שלום און נישט רודפי מלחמה. די פרייד איצט אין לאַנד איז נישט בלויז צוליב דעם נצחון איבער דער סכּנה צו פאַרלירן טײַכן בלוט, נאָר אויך דערפאַר, ווײַל מעגלעך אַז מיר וועלן איצט האָבן אַ פּאָר יאָר רו... יהודית, די קאַווע איז אויסגעצייכנט. דאָס האָט זי געווירקט אויף מיר איך זאָל אַזוי פיל רעדן״.

„זאָל אײַך זײַן צום געזונט״, האָט ביילע אים צוגעווונטשן.

„איז וואָס האָסטו באַשלאָסן?״ האָט אליעזר מיט דעם זעלבן אימפּעט זיך גע־וואָנדן צו דני, „וועסט זיך איבערקלײַבן צו וווינען צוזאַמען מיט דער אמא?״

„וואָס פּלוצים?״ האָט דני געפרעגט ערנסט. „דער סדר איז היינט אַ פאַר־קערטער? ביז איצט בין איך געווען ווי אַלע אין קיבוץ, און פון איצט אָן זאָל איך איבערגיין אין צריף פון דער אמא?״

„איך האָב מיט דער אמא געשמועסט איידער דו ביסט געקומען. זי מיינט נישט צו באַגרענעצן דײַן פרײַהייט. זי האָט שווער איבערגעלעבט דײַן נעלם ווערן...״

„וואָס אַזעלכס איז געשען?״ האָט ביילע נישט פאַרשטאַנען וואָס די צוויי רעדן צווישן זיך.

„דני האָט געוואָלט פּרײַוויליק זיך מאָביליזירן אין דער אַרמיי. דו ווייסט נישט, מאַמע, וואָס אַלץ איך האָב איבערגעלעבט״, האָט יהודית פאַרבראָכן די פינגער און געוואָרן אומרויִק.

„הערסט, ברוך? מיר האָבן גאָרנישט געוווּסט. פאַר וואָס האָבן מיר גאָרנישט געוווּסט?" האָטביילע געפרעגט מיט אַ טענה.

„איך האָב נישט געוואָלט אייַך אָנטאָן צער", האָט יהודית זיך פאַרענטפערט.

„זאָג מיר נאָר, ווי אַלט ביסטו?" האָט ברוך געפרעגט דניִן. „דאַכט זיך... וואָס זאָגסטו, יהודית, ס'איז אים נאָך נישט געוואָרן קיין זעכצן".

„זעכצן", האָט ביילע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. „איז צו זעכצן יאָר גייט מען אין מלחמה?"

אליעזר האָט געמאַכט אַן ערנסטע מינע און כדי נישט צו לאָזן אַראָפּפירן דעם שמועס וועגן דעם וואָס ער האָט געוואָלט דערגרייכן, האָט ער געזאָגט:

„פאַראַן אַפילו אַ פּלאַן, אַז די בעטן מיט די קימפּעטאָרינס זאָל מען גלייַך אַרייַנשטעלן אין לשכת-הגיוס, ווי עס איז איצט מייַן פּלאַן מ'זאָל דניס בעט צייַט-ווייַליק איבערפירן פון דעם הויז פאַר יוגנטלעכע אַהער, דאָ..." האָט אליעזר זיך אַרומגעקוקט ווי ער וואָלט געזוכט אַ פּלאַץ ווו אַוועקצושטעלן אַ בעט.

„כ'פאַרשטיי, אַז דער אמא איז איצט שווער צו זייַן אַליין", האָט דני פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט, „אָבער איך קען בשום אופן נישט טאָן וואָס די אמא און וואָס דער זיידע ווילן פון מיר. כ'דאַרף לערנען, איך האָב מייַן חברה, איך האָב מייַנע פּלענער... איך בין נישט מער קיין ייִנגל".

„אָבער די מאַמע דאַרף דייַן שוץ!" האָט אים אליעזר אַטאַקירט.

„די אמא איז נישט אין דער מדבר. זי איז אין קיבוץ. זי איז צווישן חברים. זאָל זי זיך נישט אָפּזונדערן. זאָל זי קומען צווישן מענטשן, ווי אַלע. זי וויל זיך פאַרפייַניקן אין איינזאַמקייט? פאַר וואָס? וואָס האָט זיך געענדערט? איך האָב טעלעפאָנירט צו דער באָבען אין זכרון, זי זאָל קומען אויף אַ פּאָר טעג, צי אויף אַ פּאָר וואָכן און זייַן מיט דער אמא, אויב זי דאַרף האָבן צערטלעכקייט. איך קען עס איר נישט געבן. זיידע", האָט ער זיך געוואָנדן צו אליעזרן, „א י ך קען עס נישט! אין מייַן עלטער, אין שטאָט, פאַרלאָזן קינדער זייערע עלטערן און גייען לעבן באַזונדער, כאָטש זייער גאַנץ לעבן זענען זיי געווען מיט די עלטערן צוזאַמען. איך בין נישט מסוגל צו גיין איצט אין דער פאַרקערטער ריכטונג".

ביילע האָט געזוכט די אויגן פון איר מאַן. זי האָט געוואָלט אויף שטום-לשון אים פרעגן וואָס ער זאָגט וועגן דניִן. ברוך איז געווען פאַרקוקט אויף זייַן אייניקל און געקראַצט אין האַנט אַן דער צווייטער פון צעטומלעניש. ס'האָט זיך אים דערמאָנט יהודית מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען זי איז באַנומען געוואָרן פונעם שגעון מיט דער תנועה פון השומר-הצעיר און קיין שום כוח האָט זי נישט געקענט פאַרהאַלטן אין דער היים. איצט הערט ער ענלעכע ווערטער פון איר זון. ס'דאַכט זיך אים, אַז יהודית האָט אַפילו באַנוצט די זעלבע ווערטער וואָס עס באַנוצט איצט דני.

„כ'וויל זייער ווינציק פון דיר", האָט זיך אָפּגערופן יהודית, „דאָס ווינציקע ביסטו מיר שולדיק".

„שולדיק?" האָט דני איבערגעפרעגט.

„פון דעסטוועגן ביסטו מיר עפּעס שולדיק", איז יהודית באַשטאַנען אויף אירס.

„בלויז דאַנקבאַרקייט וואָס דו האָסט מיך געבוירן", איז ער געוואָרן גערירט, אַרומגענומען יהודיתן און זי אַ קוש געטאָן.

יהודית איז געווען צו נידעריק אַרומצונעמען איר זון ווי ער האָט זי אַרומ־גענומען. האָט זי אים אַרומגענומען אַרום דער טאַליע און אַרויפגעקוקט צו אים:

„דו ביסט נישט אַזאַ שלעכטער זון ווי דו מאַכסט זיך".

„איך מאַך זיך נישט, אמא, דאָס איז עס".

„יִדישע שקצים", האָט ברוך געמורמלט, „מנאַ, אַזוי איז די וועלט געשטעלט געוואָרן".

29

זײַט דוד האָט צוריקגעקערט אַהיים האָט יוכבד נישט געקענט גענוג זיך זעטיקן מיט זײַן אָנוועזנהייט. אויסערלעך איז זי געווען באַהערשט ביז זײַן צוריקקומען. אין שפּיטאָל האָט זי אָנגעהאַלטן איר אײַנגעבוירענע געמיטלעכקייט. ווי אַ פרוי, וואָס האָט דאָס באַוווסטזײַן פון איר ווײַבלעכן רייץ, האָט זי שמייכלענדיק אויפגענומען די סעקסועלע אָנבאָטן פון די אַרומיקע שפּיטאָל־דאָקטוירים און זיי פאַרזיכערט, אַז וועגן „דעם” וועט מען רעדן אויף צו מאָרגנס נאָך דער מלחמה. אויך ווען זי איז אָפּט „אַרײַנגעשפּרונגען” צו דער מאַמען אין ראשון, כּדי צו זען דאָס קינד, האָט זי מיט קיין רמז נישט געלאָזט וויסן איר מוטער וועגן איר מצב. נישט מער, זי האָט זיך נישט געקענט גענוג אָנפרייען מיט איר קינד. אויך די פרייד איז געווען אַ דיסקרעטע; זי האָט די פרייד מיט איר פּנים אַרײַנגעלעבט אינעם עופעלע. זי האָט זיך פון שלמהלע נישט געקענט אָפּרײַסן. אסתּר, אַ פרוי מיט לעבעדיקע אינסטינקטן, און זי האָט אַלע מאָל אָפּגעפּילט אויף אַ מײַל, האָט באַמערקט:

„עס מיר נישט אויף דאָס קינד! וואָס איז געשען? דו קלײַבסט זיך אַוועקפאָרן קיין האָצעפּלאָץ?”

אַן אַנדערע איז יוכבד געווען אינערלעך. זי האָט דאָס קינד אַוועקגעפירט צו דער מאַמען און אַליין פרײַוויליק אַוועק אַרבעטן אין אַ שפּיטאָל, נישט אַזוי כּדי צו זײַן אַ הילף אין מלחמה־צושטאַנד, ווי דערפאַר ווײַל ס'האָט זי אַרויסגעטריבן פון איר היים. זי האָט איר היים ליב געהאַט, יעדעס ווינקעלע האָט זי געהאָדעוועט מיט אירע אייגענע הענט, אָבער אָן דודן איז דאָס הויז געוואָרן אומהיימלעך ליידיק, אַזוי ווי אַ הויז, וואָס מען האָט געוואַרעמט צענדליקער יאָרן און פּלוצים האָט מען עס אויסגעליידיקט ביז די נאַקעטע ווענט. ווען אויך צו איר איז דערגאַנגען, אַז אויפן ברעג ים אין תּל־אביב איז געהייליקט געוואָרן אַ שטח פאַר צענדליקער טויזנטער קברים פון זעלנער וואָס וועלן פאַלן אין דער מלחמה, האָט זי צום ערשטן מאָל אין איר לעבן גענומען פּילן צו שלאָפן, אָבער איר שלאָף האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום פון קאָשמאַרן. ערשט ווען דוד איז באַפרײַט געוואָרן, האָט זי זיך אויך באַפרײַט פון איר פאַרקלעמונג. זי האָט געוויינט און געלאַכט, געהאַלדזט אים און מיט די פויסטן געקלאַפּט אין זײַן ברוסט, ווי אַ פאַרצערטלט קינד און געזאָגט מער צו זיך ווי צו אים:

„כ׳ווייס, ס׳איז היסטעריע. זאָל עס זײַן! מיר איז גוט אַזוי! דוד, דוד, מער וועסטו נישט גיין אין מלחמות. איך האָס מלחמות!״

ער האָט נישט געקענט און צו מאָל נישט געוואָלט זי באַרויִקן. זאָל זי זיך אויסוויינען און זיך באַפרײַען פון דער אָנגעזאַמלטער שפּאַנונג.

יוכבדן איז אָנגעקומען שווער זיך צו באַפרײַען פון איר מצב. אין דער פרייד און אין דער אָנטשפּאַנונג אין לאַנד, האָט דאָ און דאָרט געהויערט טרויער און אומעט. יורם בן־נון, דער קליינטשיקער און דאַרער, מיט די אויסגעקליגלטע דינע וואָנסעלעך, וואָס אויף די פרײַטיק־צו־נאַכט־צוזאַמענקומען פלעגט ער ווי אַ קליינער האָן שפּרינגען צו די ווײַבערישע דעקאָלטן — איז פון דער מלחמה נישט צוריקגעקומען. אַ מצרישער אָפיציר האָט זיך גופא מיט יורמען אויפגעריסן מיט אַ גראַנאַט, ווען יורם האָט מיט דעם אויסגעשטרעקטן „עוזי״ אים באַפוילן אויפּ־צוהייבן די הענט און זיך איבערגעבן אין געפאַנגענשאַפט. יוכבד האָט צופעליק באַגעגנט דפנה, די יונגע אַלמנה, אין אויטאָבוס, און זי קוים דערקענט. זי איז אַלט און פאַרלאָשן געוואָרן, כאָטש זי איז נישט עלטער פון איר, פון יוכבדן. נתן שפּיל־בערגער, דער פריילעכער לץ אין די פרײַטיק־צו־נאַכט־מסיבות, האָט אין דעם אַרטילערישן געקנאַל און צווישן ברענענדיקע טאַנקען פאַרלוירן דאָס לשון. ער האָט אָנפּאַלן פון פחד און בעת די אָנפאַלן פּרווט ער אַנטלויפן פון שפּיטאָל. די און ענלעכע גרוסן אין איר סביבה האָבן יוכבדן שיִער נישט אַראָפּגעפירט פון זינען, אַז עפּעס ענלעכס האָט דאָך געקענט געשען מיט איר דודן.

כּדי זי זאָל צוריקבאַקומען איר גלײַכגעוויכט, האָט דוד זי באַשאָטן מיט צערט־לעכקייטן און איר דערציילט אַ מעשׂהלע, אַז ווי נאָר שלמהלע וועט ווערן אַ „מענטש״, וועט ער צורעדן דעם טאַטן, בערל סימקין, ער זאָל אויסברייטערן זײַנע גראַבּ־ און בוי־אַרבעטן אויך פאַר אויסלאַנד, ווי דאָס טוען אַנדערע גרויסע קבלנים. דעמאָלט וועט ער, דוד, איבערנעמען דעם אויפזע פון די אַרבעטן אין אויסלאַנד. וועלן זיי נעמען שלמהלע און זיי וועלן לעבן אין אויסלאַנד, וואָס ווייסט נישט פון קיין מלחמות און קיין פאַדאַיִנס. דאָרט, אין אויסלאַנד, וועלן זיי זיך אַרומקוקן און באַשליסן ווו צו באַזירן זייער לעבן. דאָ, אין לאַנד, איז אוממעגלעך. דאָ גייען אַוועק פון דער וועלט מער יונגע מענטשן ווי אַלטע. דאָס איז קעגן דער נאַטור. ער, דוד, האָט נישט מער בדעה מיטצומאַכן דאָס אומנאַטירלעכע. יוכבד האָט זיך געלאָזט אײַנוויגן פון זײַן מעשׂהלע, און נישט געזאָגט, נישט יאָ און נישט ניין; זאָל ער זײַן נעבן איר, זי זאָל פילן זײַן לײַב און זײַן אָטעם, און דעמאָלט איז איר אַלץ איינס ווו זיי זענען און ווו זיי וועלן זײַן.

גאָר אַנדערש איז געווען בײַ בערלען אין דער היים. ווי דער נצחון איבער די דרײַ שכנותדיקע אַראַבישע מדינות האָט געמאַכט יום־טוב אין לאַנד, אַזוי האָט זיך דער יום־טוב אומדערשיטערט געהאַלטן אין בערלס הויז. די זין זענען צוריק־געקומען פון דער מלחמה געזונטע, אָפּגעברענטע ווי די טאַטערן און זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך דעם ריח פון אָנגעהיצטע פעלזן. נאָך איידער די זין זענען צוריקגעקומען פון דער אַרמיי, האָט בערל מיט זײַן זון, דעם חבר־הכּנסת מרדכי

סימקין, געאײַלט קיין ירושלים צו דער באַפרײַטער אַלטשטאָט, צו דער כּותל מערבי. איצט, ווען צו דער קאָאַליציע־רעגירונג האָט אויך געהערט די „חרות״־באַוועגונג, האָבן זיך די סימקינס געפילט ווי די הויפט־מחותּנים אינעם נצחון. בערל האָט דאָך אַלע מאָל געזאָגט, און זײַנע זין זענען מיט אים מסכּים געווען, אַז די אַראַבער פאַרשטייען נאָר איין שפּראַך — אַ זבענג, און פאַרענדיקט. איצט זעט שוין אײַן אַפילו לוי אשכּול און די גאַנצע מפא״י, אַז זיי, די סימקינס, זענען געווען גערעכט. פון דעם זבענג אין איינציקע זעקס טעג, איז ישׂראל געוואָרן אַ גרויסע מדינה. דער סיני איז ישׂראל. ייִדן זיצן אויפן ברעג פון סועץ־קאַנאַל און זאָגן אַ דעה. נישטאָ מער קיין וויכּוח וועגן די וואַסער־קוואַלן פון ירדן — די קוואַלן זענען איצט אין די הענט פון ישׂראל. די סיריער וועלן מער נישט גראָבן קיין קאַנאַלן אָפּצווענדן די וואַסערן. זיי וועלן מער נישט שיסן. צה״ל האָט זיי אָפּגעהאַקט די פינגער און זיי קענען מער נישט שיסן. און דער קליינטשיקער מלך כוסיין? איר האָט געזען אַ קליין הינטל? — אַז ס׳באַקומט אַ קלאַפּ, בייגט עס אַרונטער דעם ווידל צווישן די פיס, פאַרקלײַבט זיך אין אַ ווינקל און קוקט אויף דער וועלט מיט טרויעריקע אויגן. דאָס איז דער מלך כוסיין. ביידע, פאָטער און זון, בערל און דער חבֿר־הכּנסת, האָבן געקושט די שטיינער פון דער כּותל מערבי און אין זייערע שפּאַלטן אַרײַנגעשטופּט קוויטלעך פאַר געזונט, פּרנסה, פאַר דער שטאַרקייט פון דער ישׂראל־אַרמיי און פאַר דער גרויסקייט פון מדינת ישׂראל.

אין איינעם אַ טאָג איז בערל אַהיימגעקומען און נאָך שטייענדיק אויף דער שוועל און צווישן דעם בעטנדיקן בילן פון בריטאַנען, דער באַלעבאָס זאָל אים געבן אַ גלעט, האָט ער גערופן:

„אסתרל, שטעל אַרויף אויפן טיש די בעסטע פלאַש ווײַן וואָס איז אונדז געבליבן!״

אסתּר האָט גוט געקענט בערלס שטים און לויט איר קלאַנג האָט זי אויך געוווּסט וואָס אַזעלכס זי איז מבֿשׂר. האָט זי אָפּגעווישט די הענט אין פאַרטעך און אים אַנטקעגנגעגאַנגען.

„דו היטסט דעם ווײַן און מיר הייסטו אים אַוועקשטעלן אויפן טיש?״ האָט זי אויף זײַן פּנים געזוכט דעם באַדײַט פון זײַן רוף.

„טאָ שטעל זיך דו אַליין אַרויף אויפן טיש און מיר וועלן ביידע טאַנצן״, האָט ער זי אַרומגעכאַפּט.

„וואָס, מײַנע שונאים, ביסט שיכּור? איך האָב נאָר וואָס אָפּגעשיילט ציבעלעס און דו ווילסט טאַנצן״, האָט זי זיך באַפרײַט פון זײַנע הענט.

„אסתּר, דו שמעקסט בײַ מיר אַפילו מיט ציבעלעס. איצט שטעלט זיך פאַר אונדז דער ריכטיקער סעזאָן. צה״ל האָט באַשלאָסן צו בויען אַ מאַזשינאָ־ליניע בײַם סועץ־קאַנאַל. ווייסט וואָס עס מיינט מאַזשינאָ־ליניע? דו ווייסט נישט. דאָס איז אַזאַ מין קייט פון פעסטונגען, אַז אַפילו אַ מצרישע קאַץ זאָל אַ לעבעדיקע זיך נישט קענען אַדורכרײַסן דעם סועץ־קאַנאַל אויף אונדזער זײַט. צו די מאַשינען

וואָס מיר האָבן, וועלן מיר דאַרפן האָבן נאָך דריי מאָל אַזוי פיל. פנחס ספּיר גיט קרעדיטן ביז אַהער", האָט ער אָנגעוויזן ביז איבערן קאָפּ. „מיר וועלן זיין שותּפים צו די זאַמד־אַרבעטן און צו די טראַנספּאָרטן שטיינער צום סועץ־קאַנאַל. האָסט געדאַרפט זען ווי אונדזער איידעם רעדט מיט די אַדוואָקאַטן — ווי ער אַליין וואָלט געווען אַן אַדוואָקאַט. פון וואַנען ווייסט ער עס, דער דוד, וועגן פּאַראַגראַפן, פּראָצענטער, טערמינען? אַלץ פון דער מס־הכנסה?"

„ער האָט דעם טאַטנס קאָפּ אויף זיך", האָט אסתר געזאָגט.

„דער טאַטע איז דאָך פאַרטאָן אין בייכער, אין הערצער, אין די געדערעם", האָט בערל אָפּגעפרעגט איר סברה און זי — אירס:

„אַז מען האָט אַ קאָפּ צו בייכער און הערצער, וועט מען גיין נישט האָבן קיין קאָפּ צו פּאַפּירלעך?"

„איי, אסתרל, אַ שאָד דו זיצסט נישט אין דער רעגירונג", האָט בערל גע־פּרוווט איר אַ פּאַטש טאָן אין הינטן און זי האָט זיך אַרויסגעמאַכט. „ביי מיר ביסטו אַ גאָלדע מאיר".

בערל האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל זיך צוצוגרייטן צו די גראָב־אַרבעטן. כּדי דודס הענט זאָלן זיין אַרבעטס־הענט און נישט נאָר ביי די ביכער אינעם משׂרד אין תּל־אביב, האָט ער אים געקויפט אַן אויטאָ, ער זאָל זיך קענען פריי באַוועגן. ער, בערל, דאַרף אים האָבן דריי טעג אין דער וואָך אין סיני, ביז ער וועט איינ־שטעלן דעם אַפּאַראַט פון טראַקטאָריסטן, שאָפערן און אַזעלכע וואָס קענען זיך באַגיין מיט בולדאָזערס. ער וואָלט אַפילו וועלן, אַז רפי זאָל אויך אַ צייט אָפּלאָזן די פּאַרטיי מיט די וואַלן צו דער כּנסת, מיט די אַלע בטלנישקייטן, און אים העלפן אין דער אַרבעט. ער פילט מיט דער נאָז אַז זי איז אַ גאָלדגרובן. נאָר רפי וויל נישט הערן. ער האָט איצט שאַנסן אַריינצוקומען אין דער כּנסת. די פּאַרטיי, אויב נאָר זי האָט אַריינגעשטעלט אַ פּוס אין דער קאָאַליציע, וועט פון איצט אָן גיין באַרג־אַרויף. מאָטל איז איצט אַ וויכטיקער מיטגליד אין דער פינאַנץ־קאָמי־סיע פון דער כּנסת און ער לעבט גוט מיט פּנחס ספּיר. ס'איז נישט דאָס זעלבע ישׂראל, וואָס נעכטן און אייערנעכטן. וועט ער, רפי, נישט מוותּר זיין אויף דעם, אויף וואָס ער האָט נישט מוותּר געווען פריִער, ווען די פּאַרטיי איז געווען אין דער אָפּאָזיציע.

וועגן גדעונען ווי אַ הילף אין די נייע געשעפטן, קען בערל אַפילו נישט טראַכטן. איצט, אַז די מדינה איז געוואָרן אַ גרויסע און אין דער גדה איז איינ־געשטעלט אַ מיליטערישע מאַכט ווי אַ גאַנצע רעגירונג, וועט ער גדעונען אַפילו מיט צוואַנגען נישט אַרויסשלעפּן פון דער אַרמיי. ער קלעטערט אַרויף צו ראַנגן אַזוי לייכט ווי לייכט ער לאָזט זיך אַראָפּ מיט אַ פּאַראַשוט. נייִן, גדעון וויל נישט קיין „דזשאָב" אין דער גדה און נישט אין עזה. ער האָט אַן אומרויִקן הינטן און ער וועט אויף קיין בענקל נישט איינזיצן. ער האָט ליב ס'חיות צו זיין אין פעלד, עס זאָל זיך אים ביי דער זייט באָמבלען אַ רעוואָלווער אין אַ טעשל און אויף דער צווייטער זייט — אַ וואַסער־פלעשל. דאָס האָט ער ליב. אַז ער הערט אַ שאָס

פון אַ „קאַלאַטשניקאָוו" אײַלט ער ווי אַ מדבר־שטורעם מיט זײַן דזשיפּ און ער איז פֿרײַער אויפֿן פּלאַץ, איידער די קויל איז אַרויס פֿון דער לופֿע. דאָס האָט ער ליב.

די צרה איז וואָס דווקא פֿון זײַן אייגענער טאָכטער האָט בערל שטערונגען. יוכבד וויל נישט בשום אופן, אַז דוד זאָל דרײַ טעג פֿון דער וואָך זײַן אין דער מדבר. זי איז, זאָגט זי, גענוג געווען אַליין אין די מלחמה־טעג און זיך אָנגעגעסן מיט צרות ביז דערשטיקט צו ווערן. טאָמער וואָלט די מלחמה געדויערט לענגער, וואָלט זי אָן ספק אַראָפּ פֿון זינען. דוד מוז זײַן מיט איר, בפֿרט איצט, ווען זי האָט ווידער פֿאַרשוואַנגערט. דער טאַטע מעג עס וויסן. בערל האָט געהאַט אַ פּאָר ענטפֿערונג:

„די מאַמע האָט מערער מאָל פֿון דיר געשוואַנגערט און זיך אַן עצה געגעבן. וואָס איז? שוואַנגערשאַפֿט איז שוין אויך אַ קרענק? דאָס געשעפֿט וועט פֿאַר דיר אויסהאַלטן אַן עוזרת אויף אַ גאַנצן טאָג; וועסט נישט דאַרפֿן טאָן קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער".

„ניין!" איז יוכבד באַשטאַנען אויף אירס. „איך וויל זײַן מיט דודן און נישט מיט אַן עוזרת!"

פֿון דעסטוועגן האָט דוד ביסלעכווײַז צוגעוווינט יוכבדן ער זאָל נישט יעדן טאָג זײַן אין דער היים. פֿון אָנהייב איז געקומען צו אויסברוכן. יוכבד האָט גע־דראָעט, אַז זי וועט נישט פֿירן קיין לעבן פֿון אַ ‚לעבעדיקער אַלמנה' און דעריבער איז זי גרייט צו גיין צום ראַבינאַט וועגן אַ גט. דוד האָט זיך יינגלעריש גערייצט מיט איר, אַז איצט, ווען זי איז אַ מאַמע פֿון אַנדערטהאַלבן קינדער — ווער וועט זי נעמען?

„כ'וועל חתונה האָבן מיטן טײַוול!" האָט זי אים געדראָעט.

„וואָס?" האָט ער זיך אָנגעגורט מיט געמאַכטן כּעס, „מײַנע קינדער וועלן האָבן פֿאַר אַ שטיף־טאַטן דעם טײַוול? ניין, איך וועל דיר נישט געבן קיין גט! דו וועסט בלײַבן אַן עגונה אין רמת־גן און איך וועל זײַן אין סיני צו פֿאַרשרײַבן וויפֿל לאַסט־אויטאָס שטיינער עס ווערן געפֿירט פֿון ירושלים צום סועץ־קאַנאַל".

ווי אַלע מאָל האָבן זיך די אויסברוכן געענדיקט מיט צערטלעכקייטן און מיט אָנרופֿן אים „סטעפּאַן". דאָך האָט דוד געשווירן בײַ זײַן לעבן, אַז זײַן פֿוס וועט זיך נישט דערנענטערן צום סועץ־קאַנאַל אויב פֿון דאָרט וועט דראָען וועלכע עס איז סכּנה. דוד האָט געאַרבעט שווער. די אַחריות האָט געדריקט אויף אים. ער האָט באַוווּנדערט בערלען און זײַן שוואָגער, צבי סימקין, מיט וואָס פֿאַר אַ לײַכט־קייט זיי האָבן באַוויגן די שאָפֿערן און טראַקטאָריסטן צו „רירן זיך", „אונטער־שטעלן אַ פּלייצע". פֿאָדערן אַזוי ווי זיי האָבן געפֿאָדערט פֿון די מענטשן, איז פֿאַר דודן געווען אַ פּײַן. ער פֿלעגט אַהיימקומען אַ טויט־מידער, ווי נישט די פֿיזישע אָנשטרענגונג, נאָר די ווערטער האָבן אים מיד געמאַכט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט בערל געזאָגט צו זײַן איידעם:

„דודל, צבי וועט אַ וואָך צײַט אָנפֿירן מיט דער אַרבעט און מיר וועלן דורך

דער וואָך ברענגען אין אָרדענונג די ביכער. האָסט אַ מאָל געזען ווי עס זעט אויס אַ קיך ווען די באַלעבאָסטע לאָזט איבער אויף אַ גאַנצע וואָך די ברודיקע כּלים און טעלערס?"

„נישט געזען", האָט זיך דוד מודה געווען און בערל האָט אַ צופרידענער אַ קראַץ געטאָן זיך אין קאָפּ.

„איך האָב יאָ געזען. פּרעג נישט. אַ מורא צו זען. דרייסט איבער אַ טעפּל — אַ דזשוק; דרייסט איבער אַ טעלער — צוויי דזשוקעס. און אַ מושב! פּרעג נישט. אַזוי איז מיט די ביכער. מאַכסטו זיי נישט צו רעכט אַ וואָך צוויי און די חשבונות ליגן דיר אַזוי־אַ אָפּן פּאַר אַן עינא־בישא, קענען דיר אַרײַנשפּרינגען די דזשוקעס פון מס־הכנסה און דיך לאָזן נקי. איך דאַרף דיר דערציילן? האָסט געהערט צו זיי און דו ווייסט עס בעסער פון מיר. איז צו וואָס אַרבעטן מיר? צוליב וואָס, פּרעג איך דיר, טליקעסטו זיך איבער די וועגן אין אַזעלכע היצן און דאָס זאַמד קריכט דיר אַרײַן אין די אויגן, אין דער נאָז, אַז שפּעטער האָסט עס אין עסן? מיינסט אַז פּנחס ספּיר וועט דיר דערפאַר זאָגן אַ דאַנק? ווייס איך וואָס! ער זאָרגט פאַר זײַן ביכעלע, דאַרפן מיר זאָרגן פאַר אונדזער ביכעלע".

אין דער וואָך צײַט איז די אַרבעט אין משׂרד פון דער פירמע „בערל סימקין את בנו בע"מ", אויף דער אחד־העם־גאַס, געווען שווערער ווי דאָס טרייסלען זיך אויף די וועגן אין דעם אָנגעהיצטן אויטאָ. בערל האָט אויפן טיש אויסגעשיט די חשבונות, קונציק זיי סעגרעגירט, וואָס יאָ פאַרשרײַבן און וואָס נישט פאַרשרײַבן און צו יעדן צוגעגעבן זײַן באַמערקונג: „מיט אים וועל איך דורכקומען", „מיט אים איז אַן עבירה אָנצוהייבן", „דאָס איז אין אָרדענונג, האָסט זיי אין דער אדמה". פאַר בערלען איז דאָס אַלץ געווען לײַכט, ער האָט נאָר געדאַרפט האָבן נעבן זיך אַ פּאָר פלעשלעך קאַלטן געטראַנק צו לעשן דעם אייביקן דורשט. אָבער דודן האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ און יעדער חשבון אַן אַ זײַט האָט זיך געלייגט אויף אים שווערער ווי די שטיינער אין די דראָטענע קוישן מיט וועלכע מען בויט די שוצ־ווענט פון די פעסטונגען בײַם קאַנאַל.

„מ'קען אַ מאָל נכשל ווערן", האָט זיך אַרויסגעכאַפּט בײַ דודן.

בערל האָט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט פאַרטריבן אַ פליג:

„נאַרעלע, אַלע טוען דאָס זעלבע. אַנדערש וואָלטן מיר געגאַנגען אַן הויזן. אַפילו די הויזן וואָלסטו אַליין געדאַרפט אָוועקטראָגן אין מס־הכנסה".

„ס'איז עפּעס..." האָט דוד געשטאַמלט און בערל האָט געהאַלטן בײַם פאַרלירן דאָס געדולד.

„ווי לאַנג ביסטו אין לאַנד?" האָט ער פלוצים געפרעגט און גענומען אַ פלעשל צום מויל.

„עפּעס מער פון אַ צוואַנציק יאָר, אַן אייביקייט", האָט דוד געזאָגט נישט אויפהייבנדיק די אויגן פון די ביכער.

„ווייסטו גאָרנישט", האָט בערל אים מבטל געמאַכט. „בײַ די ענגלענדער איז געגאַנגען אַן עסק: דו גנבעסט בײַ מיר, איך גנבע בײַ דיר, אַ שיבוש גיבן מיר

דעם פּקיד פון מס־הכנסה, דאָס רעשט לקחנט מען אַרויס פון די מיליטערישע מאַגאַזינען, דאָ אַ זעקל מעל, דאָרט אַ ביקס, קוילן, אײַזן — מ׳האָט זיך אויסגע־לערנט די מלאכה. אַנטקעגן דעמאָלט זענען מיר דאָ הײַנט צדיקים גמורים".

דוד האָט זיך פּלוצים אויפגעשטעלט, גענומען די פעדער צווישן די ליפּן און נערוועז מיט די הענט געזוכט אַרום דעם הויזן־רימען.

פון דער שנעלקייט מיט וועלכער דוד האָט זיך אויפגעשטעלט און נערוועז געזוכט, איז בערל געוואָרן אומרויִק:

„וואָס איז געשען? פאַרלוירן עפּעס?"

„איך זוך די כשרע ציצית פון דעם צדיק גמור", האָט דוד געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז טויט ערנסט.

בערל האָט זיך צעלאַכט אויפן קול:

„אוי, ממזר וואָס דו ביסט, דאַרפסט שפּילן אין ,הבימה', דאַרפסטו".

דוד איז דערנאָך געווען דיסקרעט אַפילו לגבי זיך אַליין. ער האָט נישט געוואָלט געדענקען די צווישנאַרבעט בײַ די חשבונות און ביכער אין משׂרד אין תל־אביב. פון צײַט־צו־צײַט פלעגט ער נאָך אַ מאָל דורכקאָנטראָלירן די חשבונות און די פּאָזיציעס אין די ביכער פון די פריִערדיקע פאַרשרײַבעכצן, טאָמער וועט ער אויסגעפינען אַ טעות אין אַ חשבון, וואָס אַ זײַטיק אויג קען זיך דערויף כאַפּן. יעדעס מאָל, ווען אַלץ האָט געשטימט, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין: „ביסט אַ פּראָפעסיאָנעלער". שפּעטער ווען די אַרבעטן זענען געוואָרן שיטערער און דוד האָט מער פאַרבראַכט מיט יוכבדן אין שטוב, האָט ער אין גוטן מוט געזאָגט:

„צי געדענקסטו, אַז איך האָב געהאַט אַ פּלאַן אַז די פירמע ,בערל סימקין את בנו בע"מ' זאָל אָנהייבן גראָבן און בויען אין אויסלאַנד?"

„מיר זאָלן קענען לעבן אין אויסלאַנד", האָט זי אים צוגעהאָלפן.

„האָסט אַ גוטן זכרון", האָט ער אַריבערגעלייגט זײַן אָרעם איבער איר אַקסל און זי צוגעדריקט צו זיך. „סיני איז דאָס בעסטע אויסלאַנד. אַז מיר וועלן פאַר־ענדיקן אַרויפלייגן די רעלסן פון דער דעמאַנטירטער באַן־ליניע עזה־קאַנטאַראַ אויף די בונקערס בײַם קאַנאַל און זיי פאַרשיטן מיט זאַמד — וועט מײַן טייל אין דער פירמע זײַן גענוג צו לעבן אַ היפּשע פּאָר יאָר אין אויסלאַנד. פריִער ביסטו געווען אַ רײַכע טאָכטער און איצט ביסטו דאָס ווײַב פון אַ רײַכן מאַן".

„מיט דיר בין איך אַלע מאָל רײַך", האָט זי זיך געטוליעט צו אים מיט ליבשאַפט און געזוכט זײַנע ליפּן. „איך וויל מיט דיר לעבן דאָ אין רמת־גן און נישט אין אויסלאַנד. צי האָב איך אַ מאַמע אין אויסלאַנד? האָב איך צוויי גוטע טאַטעס אין אויסלאַנד? ענטפער, נו? ענטפער", האָט זי מיט אירע ליפּן אים פאַרשלאָסן דאָס מויל.

צבי סימקין האָט זיך פון סאַמע אָנהייב אָן פאַרשניטן אויף דעם שטייגער פון זײַן פאָטער: אַרויפאַרבעטן זיך, געבוירן קינדער און וואַקסן. פון איין זײַט זײַן פאָטער, בערל, און פון דער צווייטער זײַט זײַן שווער, דער רחובותער קבלן,

משה הר־נבו, איז אים דער וועג אַרויפֿצו געווען לײַכט, כאָטש ער האָרעוועט שווער און גאָרנישט גייט אים אָן אויסער זײַנע געשעפֿטן. די גראָב־אַרבעטן אין נגב האָבן אים אין דער מערהייט טעג פֿון דער וואָך געהאַלטן אין דער מדבר.

נישט בלויז די מאַשינען און די פּראָיעקטן האָבן אים געהאַלטן אין סיני און אין נגב. ער האָט ליב די וויסטעניש, די קאַרבירטע ווענט פֿון די בערג, וואָס צו מאָל זעען זיי אויס ווי געשניטענע פֿאַרביקע טאָרטן און אַנדערע זעען אויס ווי חרוב געוואָרענע פּאַלאַצן, אין וועלכע עס באַהאַלטן זיך סודות. יעדע שעה אין טאָג ענדערן די בערג זייער אויסזע. אַ מאָל זענען זיי ראָז און פֿילן אָן דאָס מענטשלעכע האַרץ מיט דערהויבנקייט, און אַ מאָל ווערן זיי טונקל־גראָ און פֿילן אָן דאָס האַרץ מיט אומהיימלעכקייט. אָן אַנדערש מאָל ווערן זיי גאָלדיק. אַ שאַרף אויג דערזעט דעמאָלט די בלישטשענדיקע קרישטאָל־פּונקטן און שימערירנדיקע פֿאַרבן. דעמאָלט טראַכט צבי, אַז ער וועט זיך אַ מאָל דאַרפֿן נעמען צו אָט די בלישטשענדיקע פּונקטן, שנײַדן זיי, שלײַפֿן און פֿון זיי מאַכן האַלבע, אָדער אפשר גאָר גאַנצע איידלשטיינער. אַז ער פֿאָרט אַרײַן מיט זײַן שוואַרצן שעוראָלעט צווישן די בערג, אָדער ווען ער קלעטערט אַרויף מיט דער מאַשין אויף אַ הויכן פּונקט און עס דעקן זיך אָפּ פֿאַר דעם פֿענצטער די פֿון געוויטערן געשליפֿענע בערג, ווערט אים לופֿטיק אין די לונגען און אַ קינדערשע פֿרייד פֿילט אָן זײַן האַרץ. ער וואָלט שטאַרק געוואָלט, אַז אין אַזעלכע מינוטן זאָל זיצן נעבן אים זײַן שושנה. זי זאָל זען און פֿילן דאָס זעלבע וואָס ער זעט און פֿילט. שושנה האָט נישט קיין חשק סתּם צו קומען אין דער ווילדערניש, סײַדן זיי פֿאָרן אַדורך דעם נגב ווען זיי קלײַבן זיך אַ מאָל אויף אַ סוף־וואָך קיין אילת.

שושנה איז אַ שטאָטישע. זי האָט ליב דעם שפּיגל, מיט די פֿאַרביקע בלײַ־פֿעדערס, פּענדזעלעך, פּודערס און שמירעכצער צו איר שיין פּנימל. זי וואָלט יעדן אָוונט געגאַנגען פֿאַרברענגען. זי קען זיך קוים דערוואַרטן אויף אַ פּריװאַטיק־צו־נאַכט־מסיבה, אויב נאָר צבי האָט צײַט און כּוח צו גיין מיט איר. איר נײַגער צו וויסן וואָס עס טוט זיך בײַ דער און בײַ יענער, וועלכעס פּאָרפּאָלק ס׳האָט זיך שוין געגט און וועלכס עס קריגט זיך נאָך אַרום און וועט סוף־כּל־סוף דערגיין צום ראַבינאַט, שלאָגט זיך אָפּ אין די טעלעפֿאָן־חשבונות. יעדעס מאָל, ווען ער דערהאַלט אַ חשבון פֿאַר דעם טעלעפֿאָן, טוט ער דעם זעלבן שאָקל מיטן קאָפּ און גיט צו: „זאָל זי געזונט זײַן״.

ער האָט ליב זײַן שושנה. זי איז אַלע מאָל פֿריש פֿאַר אים, שמעקעדיק. ער קומט צו איר אַן אויסגעבענקטער, אַן אָנגעהיצטער פֿון דער מדבר, און זי לעשט זײַן היץ. דערנאָך עפֿנט ער דעם ראַדיאָ, זוכט אַ סטאַציע מיט שטילער מעלאָדי־שער מוזיק און ער באַמקעט נאָך דעם ניגון. נאָר איינס פֿעלט אים: שושנה זאָל אים געבן אַ קינד. ס׳האַרץ גייט אים אויס נאָך אַ קינד. ווען עס זאָל גיין גלאַטיק וואָלט ער שוין געהאַט עטלעכע קינדער. „ס׳מאָדערנע משוגעת״, ווי ער רופֿט עס, פֿון איין קינד, איז אים דערווידער. זײַן מאַמע האָט אַלע מאָל געזאָגט און זאָגט

עס ביזן היינטיקן טאָג, אַז קינדער זענען אַ געשענק פון גאָט, און גאָטס גאָב דאַרף מען נישט אָפּשטויסן.

פון אָנהייב האָט צבי אַפילו נישט געוווסט, אַז זיין שושנה נעמט פילן, טוט כּל מיני תּחבולות, כּדי נישט צו פאַרשוואַנגערן. די שלאַנקייט פון דער פיגור איז דאָס וויכטיקסטע. קינדער צעזעצן די פיגור, די בריסט פילן זיך אָן און ענדערן שפּעטער זייער מיידלשע שטייפקייט, און בכלל... וועגן די פילן און תּחבולות פון זיין שושנה האָט צבי זיך דערוווּסט צופעליק, ווען ער האָט אויף איר טואַלעט־טישל געפונען אַ שעכטעלע מיט די „אַלע מיני זאַכן". נישט אויסרעדנדיק אַ וואָרט האָט ער דאָס שעכטעלע מיט די „אַלע מיני זאַכן" צעטראָטן און צעמאַרשטשעט און עס אַריינגעוואָרפן אין דער קלאָזעט־שיסל. דערנאָך האָט ער געזאָגט האַרט און באַפעלעריש:

„שושנה, זאָל עס מער נישט אַריינקומען אין מיין הויז! וועלכער מענטש שלאָפט עס מיט פילן, מיט גומעלעך אָדער מיט אַנדערע פאַרשלעפּטע קרענק? ביי וועמען האָסטו עס געלערנט? ביי די חברטעס, וואָס האָבן חתונה כּדי זיך באַלד צו גטן, אָדער ביי די ווייבעלעך, וואָס קומען אויף די „נשף־חשקס"?"

שושנה האָט אין זיין שטים דערהערט שטורעם און זי האָט אויפן פּלאַץ אים צוגעזאָגט, אַז זי האָט מיט דעם אַלעמען פאַרענדיקט. ס'וועט זיין ווי ער וויל. און אַזוי איז געווען.

צבי איז געווען זיכער, אַז דאָס וואָס שושנה האָט ביז דעמאָלט געטאָן, איז די סיבה פאַר וואָס זי האָט אים ביז איצט נישט געגעבן קיין קינד. ער האָט געבענקט נאָך אַ קינד, געוואַרט זי זאָל אים אָנזאָגן די בשורה, אַז זי שוואַנגערט, און צום סוף האָט זי אים אָפּגענאַרט. האָט ער פון דעם טאָג ווי ער האָט זי געכאַפּט מיט די פילן און מיט די תּחבולות, געפירט דעם חשבון פון איר צייט און דעמאָלט פלעגט ער אָפּטער צוריקקערן אַהיים אין די אָוונטן און געלעבט מיט איר. אין די באַגינענס האָט ער זיך אַרויסגעשלייכט פון דער היים און מיט זיין שעוורער־לעט זיך אַוועקגעלאָזט אין נגב. אויפן וועג, אינעם איינוויגנדיקן געררויש פון דער מאַשין, האָט ער אין דמיון געזען זיין שושנהן ווי שלאָפנדיק האָדעוועט זי אים אַ קינדעלע. נאָר שושנה איז נישט געוואָרן שוואַנגער. ווי פריער איז זי געווען צופרידן מיט אירע פילן, וואָס פאַרמיידן פון איר שוואַנגערשאַפט, אַזוי האָט זי איצט געליטן דערפון וואָס זי שוואַנגערט נישט. זי האָט זיך געפילט שולדיק אַנטקעגן צבי. זי האָט מער נישט געהאַט קיין טענות פאַר וואָס ער וויל נישט גיין מיט איר אויף פריוואַט־צו־נאַכט־מסיבות. זי האָט רק געוואַרט אויף אים און אויף זיין רצון.

צבי האָט זיין שושנהן געטרייסט. ס'איז נישט עק וועלט. ס'איז נישט אַמאָל ווען איינע האָט געשיט מיט קינדער און די צווייטע איז געווען אַן עקרה. היינטיקע צייטן האָבן די דאָקטוירים עצהס פאַר אַזעלכע זאַכן ווי אַזוי מען זאָל נישט האָבן קינדער און ווי אַזוי מען זאָל יאָ האָבן קינדער. דער עיקר, מען דאַרף נאָר האָבן געלט פאַר די דאָקטוירים. די ממזרים האָבן ליב געלט סכּנת־נפשות. דערפאַר

קענען זיי די מלאָכה. האָט זיך צבי קודם־כּל דערוווּסט בײַ די דאָקטוירים, אַז עס גייט נישט בלויז אין זײַן שושנה, נאָר עס גייט אויך אין אים. עס קען גראָד זײַן, אַז דאָס וואָס זי שוואַנגערט נישט איז די סיבה נישט אין איר נאָר דווקא אין אים. די המצאָה פון די דאָקטוירים, אַז די שולד קען זײַן זײַנע, האָט אים צוגענומען די רו. אַזאַ זאַך איז אים גאָרנישט אײַנגעפאַלן. ווי קען עס געמאָלט זײַן? ער האָט שושנהן דערוועגן נישט דערציילט. ווי זי האָט פריִער אויסבאַהאַלטן פון אים אירע פּילן און אַנדערע תחבולות, אַזוי האָט ער פאַר איר איצט אויסבאַהאַלטן די סברה פון די דאָקטוירים אַז ער קען גאָר זײַן דער שולדיקער.

צום ערשטן מאָל זײַט זיי זענען צוזאַמען האָט ער אויסבאַהאַלטן פון איר אַ סוד: ער גייט צו דאָקטוירים זיי זאָלן אויסגעפינען צי ער איז אַ פאַלנער מאַנס־פּאַרשוין. און אַזוי, ביז די דאָקטוירים האָבן אים געזאָגט, אַז וועדליק זייער אַנאַליז קען ער, צבי, סטײַען פאַר אַ גאַנצן האַרעם ווײַבער, זיי זאָלן יעדעס יאָר ליגן אין קימפּעט. די דאָקטוירים האָבן אין אים אַרײַנגעזעצט אַ נײַע נשמה און ער איז געוואָרן אָפּטימיסטיש אויך לגבי זײַן שושנה.

איצט איז ער געוואָרן צו איר נאָך מער צערטלעך ווי פריִער און אָנגעהויבן גיין מיט איר צו דאָקטוירים, ביז ער איז געקומען אויף דעם ריכטיקן. באַלד נאָך דעם צווייטן, צי נאָכן דריטן וויזיט האָט דער דאָקטער געזאָגט: „האָרמאָנען". ער האָט פאַר צבי און שושנהן אַפילו געהאַלטן אַ לעקציע, אַז האָרמאָנען זענען אַזאַ ספּעציעלע פליסיקע סובסטאַנץ, וואָס ווערט פּראָדוצירט פון באַזונדערע דריזנ־אַרטיקע צעלן אָדער געוועבן. די האָרמאָנען, ווידער, דורך זייער השפּעה אויף אַנדערע צעלן און געוועבן, קאָאָפּערירן מיט דעם נערוון־סיסטעם אין דער אינטעגראַציע פון די כּלערליי פונקציעס פון דעם מענטשלעכן קערפּער. די האָרמאָנען, הייסט עס, סטימולירן די קאָמפּליצירטע פונקציעס און דאָס וואָס די גברת סימקין דאַרף האָבן זענען אײַנשפּריצונגען פון האָרמאָנען, וואָס אירע אייגענע טיילן זיך נישט אויס ווי געהעריק.

צבי האָט נישט פאַרשטאַנען קיין איינציק וואָרט פון דעם וואָס דער דאָקטער האָט אים דערקלערט. כאָטש שושנה האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, האָט אויך זי נישט פאַרשטאַנען, נאָר אָנגעיאָגט אויף איר אומזיכערקייט. האָט צבי סימקין פּראָסט און פּשוט געזאָגט דעם דאָקטער:

„ווען איך וואָלט אײַך דערציילט די מעשׂה ווי אַזוי עס אַרבעטן די לעוואָרן פון די הידראַולישע אָרעמס פון מײַנע גראַב־מאַשינען, וואָלט איר מסתּמא מער פאַרשטאַנען ווי איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך מיט די האָרמאָנען. און וואָס מיר גייט איז דאָס, מײַן פרוי זאָל מיר געבן אַ זון צי אַ טאָכטער — וואָס איר ווילט".

דער דאָקטער האָט אים צוגעזאָגט צו טאָן דאָס אַלץ וואָס עס ליגט אין דער מעגלעכקייט פון דער מעדיצין. פון דעמאָלט אָן האָבן שושנה און צבי אָנגעהויבן לעבן אין שפּאַנונג פון דערוואַרטונג: ווען?! שושנה האָט באַשווירן איר מאַן, די זאַך זאָל בלײַבן אַ סוד. זי וויל נישט זיך אַרײַנבאַקומען אין די מײַלער פון די

באַקאַנטע, וואָס אַז זיי קומען זיך צונויפֿ טוען זיי עמעצן אויס נאַקעט און זוכן אין אַלע ווינקעלעך פֿון זייַן אָדער איר גוף ווי ער, אָדער זי, וואָלט בײַ זיי עפּעס וואָס צוגעגנבֿעט. די פּנינה, דו ווייסט, די פֿון רחובֿ דובנובֿ, וואָס איר מאַן דער גנבֿ עקספּאָרטירט שטיינער און נעמט בײַ דער רעגירונג סובסידיעס פֿאַר מאַכן עקספּאָרט, זי, אַז זי דערוויסט זיך אַזאַ מין זאַך, זעצט זי זיך באַלד אַוועק שרײַבן בריוו צו אירע חבֿרטעס, וואָס זיי מיט זייערע מענער און קינדער זענען געוואָרן יורדים און זיך צעשפּרייט אין אַלע עקן וועלט. די רעגירונג פֿאַרדינט מער פֿון אירע פּאָסט־מאַרקן אויף די בריוו ווי פֿון איר מאַנס מס־הכנסה.

צבֿי איז גאָרנישט געקומען אויפֿן געדאַנק וועמען עס איז צו דערציילן וואָס איז נוגע בלויז אים און זייַן שושנה. נאָר שושנה אַליין האָט געאײַלט צו דער מאַמען אין רחובֿות און זיך פֿאַרטרויט פֿאַר איר וועגן אַלץ און אַלעמען.

די מאַמע, גבֿרת נחמה הר־נבֿו, האָט געהאַט שטאַרקע טענות צו דער טאָכטער הלמאַי זי האָט איר די גאַנצע צײַט נישט דערציילט קיין וואָרט וועגן איר צוזאַמענ־לעבן מיט צבֿי. אַ טאָכטער האָט זיך וואָס צו לערנען פֿון אַ מאַמען אין אַזוינע זאַכן. אָבער גאָרנישט איז צו שפּעט. זי ווייסט, מערטשעם געהאָלפֿן ווערן. הײַנטיקע צײַטן געשעט, אַז נאָך אַזעלכע האָרמאָנען געבוירן עקרות אַפֿילו צו דרײַ און צו פֿיר קינדער. אָבער עס וועט איר נישט שאַטן זי זאָל זוכן די געזעלשאַפֿט פֿון צבֿיס שוועסטער, יוכבֿד. זי האָט געהערט זאָגן, אַז זי איז אין די הויכע חדשים מיט אַ צווייט קינד. זיצן מיט איר און שמועסן און קוקן אויף איר בויך קען אַ מאָל העלפֿן. פֿאַרקוקן זיך איז געווען און איז ווײַטער נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט...

30

„כ׳האָב דיר שוין אַ מאָל געזאָגט, און נישט איין מאָל: ‚דער ירדן פֿאַלט אַרײַן אין ים המלח׳. זיַיַנע זיסע וואַסען ווערן דערטרונקען אין די זאַלציקע און ביטערע טיפֿענישן. דעם סדר פֿון דער וועלט וועסטו נישט ענדערן. אַזאַ איז געווען דער גורל פֿון אונדזער לאַנד און אַזאַ וועט ער אַלע מאָל זיַין. לעבט אַ פֿאָלק אַרום אַ ווולקאַן — צי קען עס אויפֿהייבן דעם ווולקאַן און אים איבערפֿירן אויף אַן אַנדער פּלאַץ, אָדער אים פֿאַרלעשן? ניין. און אַליין גייט דאָס פֿאָלק אויך נישט אַוועק. די היים פֿון אַ מענטש איז דאָרט ווו ער לאָזט טיפֿע וואָרצלען. מעג עס זיַין נעבן אַ ווולקאַן, אויף אַ פֿעלז, נעבן פֿאַרפֿלייץ־טײַכן״. אַזוי האָט אליעזר געזאָגט צו זיַין זון אין אַ רגע פֿון דודס באַנייַטע ספֿקות.

„פֿאַר וואָס זשע זענען מיר אַוועק פֿון פּוילן, דעמאָלט, נאָך... נאָך דעם אַלע־מען? צי האָבן מיר דאָרט נישט געהאַט געלאָזט קיין וואָרצלען? צי זענען מיר דאָרט נישט געוואָרן אַ פֿאָלק?״ האָט דוד געטראַכט אויף אַ קול. אין זעלבן טאָן פֿון נאָכטראַכטן האָט אליעזר געענטפֿערט:

„דאָרט געוואָרן אַ פֿאָלק. דאָרט געלאָזט וואָרצלען. טיפֿע וואָרצלען. נאָר דער חורבן האָט די וואָרצלען אַרויסגעריסן און זיי פֿאַרברענט ביז צום לעצטן הערעלע. דאָס וואָס איז פֿון ד אָ ר ט געבליבן האָבן מיר עס מיטגענומען מיט זיך, און דאָס איז אַלץ. אָבער אַהער האָבן ייִדן קיין מאָל נישט אויפֿגעהערט צו בענקען. זיי האָבן דאָ איבערגעלאָזט זייער זכּרון״.

„צו דעם זיסן וואַסער, וואָס ווערט דערטרונקען אין די זאַלציקע און ביטערע טיפֿענישן״, האָט דוד געמורמלט.

„צו דעם פּלאַץ, וואָס איז איַינגעבאַקן אין האַרצן און אין זכּרון״, האָט אליעזר איבערגעחזרט.

„טאַטע, ווו נעמט מען דיַין גלויבן?״ האָט דוד פֿאַרביסן די ליפּן און איַינ־געשלאָסן די פֿינגער פֿון איין האַנט אין דער צווייטער.

„גלויבן נעמט מען נישט. גלויבן — אָדער מען האָט אים, אָדער מען האָט אים נישט. ווי מיַין זון און ווי דער זון פֿון דיַין מאַמע לאה, האָסטו פֿון אונדז ביידן געירשנט גלויבן, נאָר דו האָסט אים פֿאַרלוירן. דאָס ווייס איך״, האָט אליעזר געזאָגט מיט צער און דיסקרעט געקוקט אויף דודס פּנים. „דאָס פּראָבלעם איז אַז דאָס פֿאַרלירן דעם גלויבן איז אַן אַבֿידה אויף אייביק. מיַין עצה איז: ווער אַ

פּאַטאַליסט. לעב מיטן טאָג. אַ סך און גאָר וויכטיקע מענטשן לעבן דאָ און שאַפן מיט פּאַטאַליזם. אַפילו די וועלכע האָבן אין בײַנצן אַכט און פּערציק פּראָקלאַמירט די מדינה קעגן דער מיינונג פון אַנדערע, נישט ערגערע פון זיי, האָבן עס געטאָן פּאַטאַליסטיש. ס׳וועט שוין זײַן! ס׳וועט זיך שוין מאַכן! בפרט דו, אַ יחיד. דו אַליין זאָגסט, אַז דו ביסט רײַך, אַז צוזאַמען מיט דײַן שווער און שוואָגער ביסטו אַרומגעוואַקסן. דו האָסט יוכבדן פּאַר אַ ווײַב און זי האָט דיר געגעבן צוויי געזונטע זין. גיסט זיך אָפּ אַ חשבון פון דײַן מעמד? ביסט יונג, דו האָסט דאָ י אָ געלאָזט וואָרצלען אַפילו דו האָסט זיך קעגנגעשטעלט. דו האָסט דאָ מער פון אַנדערע!״

„דעריבער, טאַטע. דאָס איז דאָס פּראָבלעם!״ האָט דוד אויסגערופן און ס׳האָט אים אַרויסגעהויבן פונעם פּאָטעל, אין וועלכן ער איז געזעסן. כ׳האָב צו פיל כּדי צו זײַן רויִק. כ׳האָב יוכבדן, כ׳האָב צוויי זין, כ׳בין אַ שותּף צו אַ גרויסע אונטערנעמונג, וואָס ווערט רײַכער מיט יעדן קוואַדראַט־מעטער ערד וואָס די בולדאָזערס הייבן אַרויס, נאָר קיין פּאַטאַליסט, אָדער ציניקער קען איך נישט ווערן, ווי אַ סך אין מײַן סביבה זענען עס. צו מײַנע אַמאָליקע ספקות איז צוגעקומען די אַחריות. די אַחריות פּאַר יוכבדן, די אַחריות פּאַר די קינדער. אַז מיר קומען אויף מסיבות און מיר זעען די יונגע אַלמנות נאָך געפאַלענע אין דער מלחמה, אָדער אין די לעצטע אויסמאַטערונג־צוזאַמענשטויסן אויף די גרענעצן, אָדער ווען מיר באַזוכן פאַרוווּנדעטע חברים אין שפּיטאָל, ווייס איך וואָס עס טראַכט יוכבד. ווידער מילואים און אָבער מילואים! פריִער האָט עס געהייסן, אַז די קרבנות זענען דערפאַר ווײַל דאָס לאַנד איז קליין, די גרענעצן זענען נאָענט. דאָס איז געווען שקר. איצט איז דאָס לאַנד גרויס, די גרענעצן זענען ווײַטע און די קרבנות מערן זיך. קיין סוף זעט מען נישט. צי האָסטו געזען ווי עס געזעגענען זיך אַביטוריענטן בײַם באַקומען זייערע מאַטורעס און ערב זייער אײַנרעקרוטירונג אין דער אַרמיי? נישט געהערט? ,להתראות במודעות אבל!׳ אַזוי געזעגענען זיי זיך, זיך ווידער צו זען אין די נעקראָלאָגן אין די צײַטונגען און אין קלעפּסידרעס אויף די מויערן. דאָס איז זייער דערוואַרטונג נאָך צוועלף יאָר זיצן אויף דער שולבאַנק. צי וועלן דאָס זעלבע זיך דערוואַרטן אויך מײַנע זין? זאָג מיר, טאַטע, איז דאָס די צוקונפט פאַר מײַנע קינדער?״

„קיינער האַלט נישט די צוקונפט אויף אַ קייט און קיינער האָט זי נישט אין טאַש. נישט בלויז אין די מלחמה־צוזאַמענשטויסן אויף די גרענעצן פאַלן מענטשן, זיי פאַלן אויך אין וועג־קאַטאַסטראָפעס, בײַ אַרבעט־אומגליקן אין פאַבריקן״, האָט אליעזר געפּרוּווט מיט דעם אַרגומענט, וואָס איז געוואָרן אַ טראַפאַרעט. דוד איז צוגעגאַנגען צום פאָטער, אים אַרומגענומען:

„ווילסט מיר פאַרקויפן ,אַקוואַ דעסטילאַטאַ׳, ווי דו פאַרקויפסט צו אַ פּרימיטיוון פּאַציענט וואָס וויל דווקא דו זאָלסט אים פאַרשרײַבן אַ רפואה צו אַן אײַנגערעדטער קראַנקייט? אפשר בין איך אַזאַ נודניק?״

„ביסט נישט קיין נודניק״, האָט אים דער פאָטער צוריקגעענטפערט מיט אַ

קוש. „מעגלעך, אַז ס'זענען גערעכט די וועלכע האַלטן, אַז אין יעדן וואָס האָט איבערגעלעבט דעם חורבן דאָרט, אונטער דער דײַטשער אָקופּאַציע, איז געבליבן אַ גײַסטיקע ווונד, וואָס פֿאַרהיילט זיך נישט. בײַ יעדן איינעם דריקט זיך עס אויס אַנדערש. אויך איך בין נישט פֿרײַ דערפֿון. לאָמיר דערפֿון נישט רעדן".

„צו קיין פּסיכאָלאָג וועל איך נישט גיין!" האָט דוד זיך אָפּגעטרייסלט.

„חלילה!" האָט אליעזר געזאָגט שאַרף. „קיין שום פּסיכאָלאָגן! טאָמער האָט אַ פּסיכאָלאָג אַליין איבערגעלעבט דעם חורבן, איז ער גופא נישט פֿרײַ פֿון דעם אומבאַלאַנס; האָט ער דעם חורבן נישט איבערגעלעבט, פֿאַרשטייט ער נישט דײַן אומבאַלאַנס. זײַ דײַן אייגענער פּסיכאָלאָג, נאָר גריבל זיך נישט צו פֿיל אין זיך. הער מײַן עצה: אַז דו ביסט גײַסטיק מיד פֿון דעם אַלעמען, דאָס איז מיר קלאָר. אַלע זענען מיד. נעם יוכבדן מיט די קינדער און פֿאָרט אַרויס אויף אַ חודש־צוויי קיין אויסלאַנד. אין די אַלפּן אין מערב־אייראָפּע צי ערגעץ אויף אַ צפֿונדיק ברעג פֿון דעם מיטללענדישן ים, איז נישטאָ קיין בר־לב־ליניע, קיין באָמבאַרדירונגען, קיין אויסמאַטערונגס־מלחמה, קיין מילואים, קיין פֿאַדאַיִנס. לאַנגווייליק זיך דאָרט אויס אַ צוויי חדשים ביז דו וועסט זיך פֿאַרבענקען צוריק אַהיים".

דוד האָט זיך אַנגעצונדן:

„ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז אַ דאָקטער קען נישט היילן זײַנע באַענט־סטע? טאַטע, זײַט דו האָסט מיך באַקענט מיט יוכבדן, האָסטו מיר אַזאַ גוטע אידעע נאָך נישט געגעבן ווי איצט!"

פֿון דעם וויזיט בײַם טאַטן, צו וועמען ער איז געקומען מיט אַ שווערן קאָפּ־ווייטיק און ערב אַ כאַמסין — און דאָס איז אייגנטלעך געווען די דירעקטע סיבה פֿון זײַן האַנדרע און באַנײַטע ספקות, איז ער אַהיימגעקומען אַ טויט־מידער און מיט אַ שטאַרקן באַגער צו לייגן זיך אין בעט אַרײַן.

ווערדליק זײַן אויסזע האָט יוכבד אויסגעפֿונען אַז דוד האָט אַהיימגעבראַכט אַ גריפּע. זאָל ער נאָר נישט וואָגן איצט אַרײַנגיין אין צימער פֿון די קינדער, נאָר — גלײַך אין בעט אַרײַן. זי וועט אים געבן אַן אַספּירין און אַ וואַרעמע גלאָז מילך. די מאַמע האָט פֿון תמיד אָן, אַז די ערשטע און בעסטע רפֿואה איז אַ גלאָז מילך. אַלע מאָל ווען אַ קינד פֿלעגט אָנהייבן זיך קרימען: דער קאָפּ, די פּלייצעס, ווייס איך וואָס — איז אַרײַן אין בעט אַרײַן און טרינקען אַ גלאָז מילך. זי, יוכבד, געדענקט פֿון איר קינדהייט, אַז דאָס האָט געהאָלפֿן. דוד האָט נישט גערן געהאַט דאָס אַרומגיין אַרום אים ווי אַרום אַ קראַנקן. זען אים אין אַ שעה פֿון שוואַכקייט איז פֿאַר אים אַ באַליידיקונג. האָט ער מבטל געמאַכט יוכבדס דיאַגנאָז — „נעם נישט צו בײַם טאַטן די פּראַקטיק" — אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די קליידער און אין די אונטערהויזן זיך אַוועקגעלייגט אויף דער קאַשעטקע. דער קאָפּ איז אים געווען בלײַ־שווער און עקבֿויערנדיק פֿון שלייף צו שלייף. די אויגנ־לעדלעך האָבן פֿאַרלוירן זייער כּוח און זיך אַראָפּגעלאָזט איבער זײַנע אויגן. יוכבד איז געשטאַנען איבער אים מיט אַ פֿיל אַספּירין און מיט אַ גלאָז מילך, און איידער זי האָט אים באַפֿוילן „נעם!" איז ער אײַנגעשלאָפֿן מיט אַ טיפֿן אָטעם.

זי האָט זיך אײַנגעקוקט אין זײַן פּנים און געוואָרן געריערט: די שטריכן פון זײַן פּנים זענען רעגולערע און אַנטשפּאַנט. זי זעט אין אים אַ גרויס קינד. די האָר פאַלן אים אַראָפּ אויפן שטערן ווי עס געשעט בײַ אַ שלאָפנדיק קינד. זײַנע שיין־געשניצטע ליפּן זענען עטוואָס אויפגעבלאָזן ווי בײַ אַ הונגעריק עופעלע וואָס זוכט דער מאַמעס ברוסט. נאָר זײַנע אָרעמס און פיס זענען לאַנגע און שטאַרקע מיט פאַררונדיקטע מוסקלען, כאָטש ווי לאַנג זי קען אים האָט זי נישט געזען ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט גימנאַסטיק. „סטעפּאַן", האָט זי געמורמלט און גענומען די גלאָז מילך צו אירע ליפּן. זי האָט ווײַטער געקוקט אויף זײַן פּנים דורך דעם ראַנד פון דער גלאָז און אַ תענוג־בענקשאַפטלעכע וואַרעמקייט האָט זיך צעריזלט אין איר.

יוכבד האָט אָפּגעוואַשן די הענט, זיי אײַנגעריבן מיט אַלקאָהאָל — נישט איבערצוטראָגן די אינפעקציע — און אַרײַן צו די קינדער. שלמהלע האָט פון פאַרביקע קלעצלעך געבויט אויפן טעפּיך קאָנסטרוקציעס. בײַם לייגן איין קלעצל אויפן צווייטן — זיך קאָנצענטרירט, געפּרוווט די שטאַרקייט פון דער אונטער־שטער ריי קלעצלעך, און אַזוי שנעל ווי ער האָט געהאַט פאַרטיק אַ קאָנסטרוקציע, האָט ער מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ חרוב געמאַכט דעם געבוי. די קלעצלעך האָבן זיך צעשאָטן איבערן טעפּיך, און ער האָט אָנגעהויבן אויף ס'נײַ. דער צווייטער זון, יואָב, האָט אין זײַן בעטל זיך געשפּילט מיט זײַנע אייגענע פיסלעך. אָנגעכאַפּט מיט אַ הענטעלע דאָ איין פיסל, אָנגעשפּאַנט עס און עס אָפּגעלאָזט, און באַלד געטאָן דאָס זעלבע מיט דעם צווייטן פיסל. יוכבד האָט זיך געשטעלט אויף די קני נעבן שלמהלען, זיך צוגעקוקט ווי פלײַסיק ער בויט און געזאָגט שטיל:

„דו בויסט אַ שטיבעלע פאַרן אבא?"

„פאַרן אבא און פאַר דער אמא", האָט שלמהלע געענטפערט, געוויזן דער מאַמען אַ פאַרביק קלעצעלע און עס אַרויפגעלייגט אויפן געבוי.

„דערווײַל בוי אַ שטיבעלע בלויז פאַר דעם אבא. דער אבא פילט זיך נישט גוט און ער דאַרף זײַן באַזונדער", האָט יוכבד צוגעגרייט דעם זון ער זאָל נישט וועלן אַרײַנגיין אין צימער צום אבא. דווקא איר באַמערקונג האָט אין שלמהלע אויפגעוועקט דעם חשק צו גיין זען דעם אבא. זי האָט אים פאַרהאַלטן, אַרומגע־נומען אים און צוגעדריקט איר נאָז צו זײַן נעזל:

„דער אבא שלאָפט. איצט טאָר מען אים נישט וועקן".

„וועל איך אים נאָר געבן אַ קוש און אים נישט שטערן", האָט שלמהלע זיך געריסן פון אירע אָרעמס.

„ניין, זיסקייט מײַנס! אַ קוש וועקט אויף. אוי, ווי אַ קוש וועקט אויף!" האָט זי דאָס קינד געהאַלטן פעסט און געצערטלט.

שלמהלע איז ווי אַ קאָפּיע פון איר גופא. אַפילו זײַנע קעצישאַרטיקע באַוועג־גונגען זענען ווי אירע. אָבער יוכבד זעט אין אים די פולע ענלעכקייט צו דודן. אַז זי נעמט אַרום דאָס קינד מיט אירע אָרעמס האָט זי דאָס געפיל, אַז זײַן שפּי־

לעוודיק לײַב איז דאָס לײַב פון דודן. אויך דער צווייטער, יואב, איז ענלעך צו איר, אָבער די פאַרב פון זײַנע האָר און פון זײַנע אויגן זענען ווי בײַ דודן.

די קינדער האָבן דעם טאָג נישט געזען מער זייער פאָטער.

ערשט אין אָוונט, ווען די קינדער זענען געשלאָפן, האָט זיך דוד אויפגע־כאַפּט אַן אָפּגעייענדיקער אין שוויס. אין פאַרשלאָפנקייט האָט ער נישט געוווּסט צי עס איז פאַר טאָג, אָדער אָוונט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. דורך די אָפענע פענצטער איז אַרײַנגעפאַלן דאָס ליכט פון דער גאַס. דער ראַדיאָ האָט פון דרויסן אַרײַנגעטומלט דזשאַז־מוזיק און עמעצער האָט אין דער מיט געררעדט מיט אַ שנעל און אומפאַרשטענדלעך לשון, ווי עמעצער וואָלט אים נאָכגעיאָגט. דוד האָט זיך אויפגעזעצט, מיט די הענט געקעמט זײַנע האָר און זיך ביסלעכווײַז אויסגעטשו־כעט. ער האָט געפּײַלט אין באָד־צימער. דער רעשיקער שטראָם פון וואַסער האָט אַלאַרמירט יוכבדן, וואָס איז געווען אין אַ ווײַטערדיק צימער און נישט געהערט דודס באַרוועסע טריט. אַז זי האָט נישט געפונען דודן אויף דער קאָשעטע, האָט זי אַלאַרמירנדיק אַנגעקלאַפּט אין דער טיר פונעם באָד־צימער:

„נישט מיט קאַלט וואַסער. דו האָסט אַ גריפּע!" האָט זי אים געוואָרנט.

אויף אַ רגע איז שוואַכער געוואָרן דער רעש פון וואַסער און דוד האָט גע־פרעגט:

„וואָס זאָגסטו האָב איך?!"

„אַ גריפּע. צי האָסטו אויך טעמפּעראַטור?" האָט זי אַנגעשטרענגט איר גע־הער, כּדי צו הערן זײַן ענטפער.

„זייער אַ הויכע טעמפּעראַטור! צו מײַן געליבטער", האָט ער געענטפערט און זײַן שטים איז פאַרטומלט געוואָרן פונעם באַנײַטן טוש־שטראָם.

„דער ראַדיאָ האָט אַנגעזאָגט אויף מאָרגן אַ כאַמסין!" האָט זי געוואָלט איבער־שרײַען דעם רעשיקן וואַסער־שטראָם.

„האָסט שוין באַצאָלט דעם חשבון פאַר ראַדיאָ? צאָל נישט!" האָט ער גע־שריגן. „וועגן דעם כאַמסין האָט זיך דער ראַדיאָ דערוווּסט פון מיר!"

„סטעפאַן!" האָט זי אַרײַנגעשריגן, „די מאַמע האָט אונדז פאַרבעטן אויף שבת מיט די קינדער".

דוד האָט נישט געהערט אירע ווערטער, בלויז איר שטים און אויך דעם צערטל וואָס באַגלייט איר שטים ווען זי איז אויפגעלייגט. אים דאַכט זיך, אַז בלויז ער אַליין איז אויפמערקזאַם אויף דעם ווייכן קלאַנג פון איר שטים, אַ קלאַנג וואָס איז פול מיט צענעמענדיקער מוזיק. דער צערטל־קלאַנג איז שטילער פון אירע ווערטער, אָבער ער איז דערגאַנגען צו אים דורך דעם רעש פון וואַסער, כאָטש וואָס זי האָט געזאָגט האָט ער נישט געהערט. דער צערטל־קלאַנג האָט אים געקרעפּ־טיקט און אַנגעפילט מיט מענערישער פרייד. ער האָט נאָך מער געעפנט דעם קראַן און זיך געקוויקט מיט דעם שאַרפן וואַסער־שטראָם, וואָס האָט געשמיסן זײַן לײַב מיט תענוג.

ווען ער איז אַרויס פון באָדצימער אַרומגעוויקלט מיט אַ האַנטעך אַרום די־

לענדן, איז יוכבד געשטאַנען אַנגעשפּאַרט אָנעם ביישטידל און ער האָט זיך אָן איר אָנגעשלאָגן. ביידע זענען זיך אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס מיט פרייד ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג זיך נישט געזען.

„ווי גוט איז מיר וואָס דו ביסט אַ גוי און דו ווערסט נישט קראַנק, דו סטעפאַן איינער", האָט זי זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, כדי צו דערגרייכן זיין פנים. „כ'בין געווען זיכער האָסט מיר געברענגט אַ גריפּע אין הויז".

מיט זיין נאָז האָט ער אָנגערירט איר נאָז און איר אַריינגערעדט אין מויל:

„קלאָר, אַז איך האָב געברענגט מיט זיך די גריפּע. דאָס האָט די גלאָז מילך זי פאַרטריבן. דיין מאַמע איז אַבסאָלוט גערעכט. נאָר מילך! און נישט קיין אַנדערע ווי די", האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן און איר אַ קוש געטאָן אין בוזעם.

„סטעפאַן, די מילך האָב איך דאָך אויסגעטרונקען!" האָט זי זיך געדריקט צו אים.

„פון דאַנען נעמט זיך מיין געזונט, דו שדיכע פון ראשון־לציון!"

שבת פאַר מיטאָג האָט דוד פאַרנומען יוכבדן און זיינע צוויי זין און געפאָרן קיין ראשון צו דער מאַמען. געהייסן האָט עס, אַז די מאַמע פאַרבעט זיי אויף טשאָלנט, און דער טאַטע גייט אויס נאָך די אייניקלעך. עס איז אַ טשאָלנט ווערליק די „אַלטע גוטע צייטן", ווען מ'האָט געמעגט אַריינלייגן אין אים אַלץ וואָס איז אַנטי־דיעטע. איין מאָל — האָט אסתר פאַרזיכערט — קען מען זיך דערלויבן, מ'זאָל געדענקען וואָס טשאָלנט דאַרף זיין.

בערל האָט זיך געפרייט מיט די אייניקלעך ווי ער וואָלט זיי געזען צום ערשטן מאָל. אויף דעם גראָז פאַרן הויז האָט ער געלאָזט שלמהלע זאָל טרעטן אויף אים, ער זאָל רייטן אויף זיין בויך און ער אַליין האָט זיך געהויבן צום ריטעם: „האָפּ, האָפּ!" אויף דעם צווייטן אייניקל, יואָב, האָט ער געהאַלטן אַן אויג, דאָך נישט געשטערט דעם קינד, עס זאָל אָפּצופּן גראָז און עס שטופּן אין מיילעכל אַריין. געענדיקט מיט דעם „האָפּ, האָפּ!" פאַר שלמהלע, האָט בערל, זעענדיק ווי יואָב צופּט דאָס גראָז, געפּרוּווט מעקען ווי אַ ציגעלע, נאָר עס איז נישט אַרויסגעקומען.

צו מיטאָגצייט איז אַרויס דער סוד פאַר וואָס די מאַמע האָט פאַרבעטן דודן און יוכבד מיט די קינדער דווקא אויף דעם שבת. אסתר האָט אַריינגערופן יוכבדן אין דער קיך און איר געזאָגט, אַז באַלד וועט קומען רפי מיט זיין באַשערטער. מיט פיר יאָר צוריק איז פנינה געווען וויצע־שיינהייט־קעניגין, זי איז אַ סטענאָ־טיפּיסטין אין „בית זשאַבאָטינסקי". רפי קען זי שוין פון לאַנג, נאָר דער גאַנצער קאָפּ איז אים ביז איצט געלעגן אין דער פּאַרטיי, האָט ער כסדר אָפּגעלייגט צו מאַכן אַ טאָלק. „הלוואי זאָל זי מיר געפעלן", האָט אסתר זיך געווונטשן און פרום צוגעלענט די אויגן. „די באָבע פעסע פלעגט זאָגן: ,ס'איז וווּיל און פיין אַ פּנימל אַ שיינס ווען ס'מוחל איז נישט קיין קליינס' ". אויך מאָטל קען זי פון דער פּאַרטיי. אָפּט שרייבט זי איבער אויף דער מאַשין זיינע רעדעס. נאָר צי זי איז אַ קעלבל, אָדער אַ מענטש — דאָס ווייסט ער נישט. זי האָט אַפילו נישט געקענט אַרויסבאַ־קומען פון דעם חבר־הכנסת צי דאָס מיידל געפעלט אים אָדער נישט. דער עיקר

איז אַז זי געפּעלט רפּי און זי, אסתר, וועט האָבן אַרויסבאַקומען פון הויז אַן אַלטן בחור. זי האָט נישט ליב קיין אַלטע בחורים. אין איר גאַנצער משפּחה זענען נישט געווען — נישט קיין אַלטע מיידן און נישט קיין אַלטע בחורים. געקומען אויף דער צײַט — אוישאַ! חתונה געהאַט און אַרויס פון שטוב.

דער ערשטער האָט זיך טאַקע אַרײַנגעשטעלט דער חבר־הכּנסת מרדכי סימקין. ער איז אַנגעקומען שטיל. בערל האָט אַפילו נישט באַמערקט ווי זײַן זון שטייט אַ פּאָר טריט פון אים און ער קוקט זיך צו ווי ער שפּילט זיך מיט זײַנע צוויי אייניקלעך און לאָזט מיט זיך טאָן וואָס דאָס קליינוואַרג וויל. מרדכי סימקין איז אָנגעקומען אומבאַמערקט, ווײַל ער איז געקומען מיט אַ שרות און פון דעם הויפּט־כּביש איז ער געגאַנגען צו פוס. „חרות" האָט אַ היפּשע צאָל ווײלער אין ראשון סײַ פון די מזרח־עדהס און סײַ פון די אַשכּנזים. זיי האַלטן פון דער „מסורת". דאַרף מען נישט די ווײלער פון „חרות" געבן אַ פּתחון־פּה, אַז דער חבר־הכּנסת מרדכי סימקין, אַליין אַ ראשונער, פּאָרט זיך אין ראשון מיט זײַן אויטאָ אום שבת ווי די וועלט וואָלט געווען הפקר. אויסער דעם, אַז ער גייט אַ צוויי הונדערט מעטער צו פוס אין אַזאַ טאָג ווען דער עולם האָט צײַט צו זען אַ מענטש, זעט אים דער און יענער און זיי דערציילן זייערע באַקאַנטע: „געזען דעם חבר־הכּנסת מרדכי סימקין. ער האָט מיך באַגריסט ווי אַן אייגענעם". איז ער גע־גאַנגען בנעימותדיק צו פוס, אָנגעטאָן אין אַ בלאַנק־ווײַס צעכראַסטעט העמדל, מיט אַ געדיכט באַוואַקסענער ברוסט, מיט די הענט אין די טאַשן און מיט אַ מענטשן־פרײַנדלעכן און טובה־טוענדיקן שמייכל אויף די ליפּן. „שלום, מאָטקע!" האָט אים באַגריסט אַן אַלטער תושב, וואָס געדענקט אים ווען ער איז נאָך געווען אַ צוציק. „שלום, אדון מרדכי!" האָט אַ פאַרבײַגייער פון די מזרח־עדהס געזאָגט אים היימישלעך. „שלום, אדון סימקין!" האָט אים באַגריסט אַן אַשכּנזי, וואָס איז מיט דער מאַסן־עליה עולה געווען קיין ישׂראל און שטאַמט ער פון פוילן, צי פון גאַליציע. דער טאַטע רופט אַזאַ איינעם „פּראַשען פּאַנאַ". צו אַזעלכן קען מען נישט האָבן קיין גרויסן צוטרוי ווען עס גייט אין וואַלן. בעת די פּוילישע זענען געקומען אין לאַנד אַרײַן, האָבן די פּאַרטייען זיך געוואָרפן אויף זיי ווי אויף איידלשטיינער, זיי אַרײַנגעכאַפּט, אַרײַנגעשטעקט פּאַרטיי־ביכעלעך, צו בים־לעך געגעבן דאָ אַ שיכּון, דאָ אַן אַרבעט, אָדער אַן אַנדער שטיקל פּראָטעקציע. אַז די לײַט האָבן געהאַט צו דרײַ ביכעלעך פון דרײַ פּאַרטייען און פון יעדער פּאַרטיי האָבן זיי עפּעס באַקומען, זענען זיי שנעל געקומען צו זיך און געוואָרן גאַנצע ותיקים־חכמים — צו לערנען זיך בײַ זיי! ענטפערן אַזעלכע מיט אַ פרײַנט־לעכן „שלום" קען אַ מאָל ברענגען אַ זיכערע שטים פאַר „חרות" אין די נאָענט־סטע וואַלן.

די עלטסטע טאָכטער, דינה, האָט נישט געהאַט קיין סיבה צו קווענקלען זיך און נישט צו קומען אין זייער אייגענעם אויטאָ. זי איז געקומען מיט איר גאַנצער פאַמיליע — מיט איר מאַן און פינף קינדער. די ייִנגערע קינדער האָבן זיך געוואָרפן אויפן זיידן און כּמעט גאָרנישט פון אים איבערגעלאָזט פאַר יוכבדס

צוויי פּיצעלעך. די עלטערע האָבן געקלעפּט צו דער באָבען און געזוכט אַ פּריינט־לעכן בליק פון זייער פעטער דוד.

דינהס מאַן, לעאָנאַרד אַבשלום, איז אַ געוועזענער מח״לניק, פון די וועלכע זענען געקומען העלפן אין דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה. ער איז געקומען פון דרום־אַפריקע, צוגעטיילט געוואָרן צום שטאָב פונעם יידיש־אַמעריקאַנישן קאָמאַנ־דיר דוד מאַרקוס, וואָס איז אומגעקומען ביים דורכברעכן דעם וועג צום באַלאַ־גערטן ירושלים. אויך אין דרום־אַפריקע איז לעאָנאַרד געווען אַ בית״רניק, גע־קומען קיין ישׂראל מיט אַ פּאָטאָ־בילד פון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי צווישן זיינע דאָקומענטן. ער איז געבליבן אין לאַנד, געענדערט זיין פריערדיקן נאָמען כאָסקיס אויף אַבשלום און באַקומען אַ פּאָזיציע אין די נאָפט־רעפינעריעס אין חיפה. מיט די יאָרן איז ער געוואָרן אַ „בכיר״, אַן אייגענער מענטש אינעם רעגירונגס־אַפּאַ־ראַט, פּאָרט מיט וויכטיקע משלחתן קיין אויסלאַנד אין נאָמען פון דער רעגירונג און איז אַ גוט־געזעענער אין דער געזעלשאַפט, וואָס שטופּט זיך נישט צו גיין אין דער כּנסת, אָדער אויף מיניסטעריעלע אַמטן, אָבער זיי בלייבן אויף זייערע פּראָספּערירנדיקע פּאָזיציעס ביי יעדער רעגירונג.

אין הויז פון די סימקינס פילט זיך לעאָנאַרד צווישן אייגענע. בערל טרעפט אים אַלע מאָל צו מיט דעם ריכטיקן „סקאָטש״, און אסתר — מיט אַ טרעפלעכער באַמערקונג. ער וואָלט געקומען צו זיי אָפט, אָבער ער האָט ווייניק צייט. זיינע טעג ווערן אויסגעפּילט מיט זיצונגען אָן אַ סוף. זייט ער האָט חתונה געהאַט מיט דינהן פאָרט ער אין אַ גרויסן שוואַרצן קרייזלער, וואָס אַלע מאָל זעט ער אויס ווי ניי. מיט דעם קרייזלער איז ער פאַרפאָרן צום הויז פון די סימקינס און דורך אַ קורצן סיגנאַל געלאָזט וויסן, אַז ער איז געקומען מיט זיין גאַנצער פאַמיליע.

מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז געקומען רפי מיט זיין באַשערטער.

„דאָס איז פּנינה פייגין״, האָט ער זי פאָרגעשטעלט פאַר אַלע בקול רם און באַלד נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט איר נאָמען, כּדי אַלע זאָלן האָבן געהערט. אַ רגע איז געוואָרן שטיל, די שטילקייט פון פאַרלעגנהייט ווי עס טרעפט ווען אַ ווילד פרעמדער קומט פּלוצים אַריין אין אַ הויז וווּ אַלע זענען היימיש און צע־שפּילט. דער חבר־הכּנסת מרדכי סימקין האָט זיך באַקענט צו איר ווי זיי וואָלטן געווען גוט־באַפריינדעט פון דער פּאַרטיי. כּדי זי זאָל זיך פילן פריי, האָט ער געזאָגט צו איר:

„פון היינט אָן בין איך פאַר דיר מאָטל, אָדער מאָטקע, און נישט עפּעס אַ חבר־הכּנסת מרדכי סימקין.

„דהאָט׳ס קאָרעקט״ האָט לעאָנאַרד אַבשלום געפּאַטשט בראַוואָ, „מיך זאָלסטו רופן לעאָנאַרד״.

פּנינה האָט זיך נישט גענויטיקט אין וועמענס הילף כּדי זי זאָל זיך פילן היימיש.

מיט איר בליענדיקער יוגנטלעכקייט און מיט דעם באַוווסטזיין פון איר שיינ־קייט האָט זי זיך געפילט אַזוי זיכער, אַז זי האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן ספק

בנוגע דעם אײַנדרוק וואָס זי וועט מאַכן אין הויז פון רפיס עלטערן. גלײַך נאָך דעם אומפּאַרמעלן באַקענען זיך מיט אַלע אין הויז, האָט זי פּאַרקנײטשט איר נעזל און געזאָגט מיט סאַברישער אוממיטלבאַרקייט:

„דאָ שמעקט מיט מאכלים אַז בלויז פון זייער רייך קומט צו אַ פּאָר קילאָ צו דער וואָג". זי האָט געמאַכט די באַמערקונג אַזוי, אַז אַלעמענס אויגן האָבן זיך געוואָנדן צו איר פיגור, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זען די פּאָר קילאָגראַם וואָג. אין איר דינעם ווײַסן און גלאַטן טוניק־אַרטיקן קלייד האָט געשפּילט אַ געטאָקטער יונגווײַבלעכער גוף. איר פולער פּאַרוּנדיקטער בוזעם האָט דורך דעם דינעם שטאָף פונעם קלייד פּאַרראַטן, אַז זי טראָגט נישט קיין ביוסטהאַלטער. אסתרן האָט די מעשׂה געגרימט. זי האָט געטראַכט, אַז מיט דער רגע ווי זי וועט ווערן מיט איר היימיש, וועט זי איר זאָגן:

„טאַכטערשי, כ'האָב נישט ליב דעם נײַעם שטייגער פון אַרויסלייגן אין שוק אַלץ וואָס מ'פּאַרמאָגט". דאָס וועט זי איר אם־ירצה־השם זאָגן.

אין אַ געהויבענער שטימונג זענען אָנגעקומען צבי און שושנה. ווען די מאַמע אסתר האָט געקלונגען צו צבי אַהיים אין תל־אביב, האָט שושנה אויפגעציטערט. זי איז געווען זיכער, אַז זי האָט איר שוויגערס טעלעפאָן אַרויסגערופן מיט אירע מחשבות. מיט אַ סעקונדע פריִער האָט זי געהאַט אַ גאָר שטאַרקן באַגער צו טעלע־פאָנירן צו אסתרן. זי האָט זיך קוים באַהערשט. האָט דער טעלעפאָן געקלונגען און זי האָט געהערט אסתרס שטים, אַז זי פּאַרבעט זי און צבי אויף שבת. זי מאַכט אַ גוטן טשאָלנט פאַר דער גאַנצער משפּחה.

בײַם טעלעפאָן האָט שושנה געביסן אירע פינגער, עס זאָל זיך איר נישט אַרויסכאַפּן דאָס וואָס זי האָט געוואָלט מבשׂר זײַן איר שוויגער. בעסער נישט!

פרײַטיק־צו־נאַכט, ווען זיי זענען אַהיימגעקומען פון אַ וויזיט בײַ אַ פרײַנד, האָט שושנה געזאָגט צו איר מאַן:

„צבי, שײַנט מיר, אַז איך ווער געהאָלפן. אַזאַ געפיל ווי איך האָב דעם אָוונט, האָב איך נאָך נישט געהאַט. עפּעס אַזוי ווי די אינגעווײדן וואָלטן מיר געציטערט".

אויסטוענדיק זיך האָט צבי באַמערקט:

„ביז וואַנען דו ביסט נישט אין גאַנצן זיכער, זאָג עס נישט קיינעם. זונטיק וועסטו גיין צום דאָקטער און ער וועט דיר זאָגן".

זונטיק איז צבי אַוועקגעפאָרן אויף דער גולן־הויכקייט צו זען דעם שטח פאַר אַ נײַעם פּראָיעקט פאַר מיליטערישע ערד־אַרבעטן. אײדער ער איז אַוועקגעפאָרן האָט ער אָנגעזאָגט שושנהן, אַז אַפילו דער דאָקטער זאָל באַשטעטיקן וואָס איר דאַכט זיך, זאָל זי צו זײַן מאַמען נישט טעלעפאָנירן. שבת וועלן זיי מערטשעם זיך אויסקלײַבן קיין ראשון און איבערראַשן די עלטערן.

דער דאָקטער האָט געדאַרפט האָבן אַ צוויי־דרײַ טעג צו זאָגן שושנהן אויף זיכער צי זי שוואַנגערט. אין די צוויי־דרײַ טעג האָט זי אַליין אָנגעזאָגט דעם דאָקטער, אַז זי איז זיכער — זי שוואַנגערט. נאָך דעם ווי זי האָט טעלעפאָניש אָנגעזאָגט די בשׂורה איר מוטער, איז איר באַפאַלן אַ באַגער צו לאָזן וויסן ווען

דעם אויף דער שוויגער. זי האָט גוט געדענקט וואָס צבי האָט איר אָנגעזאָגט. בלויז אסתרס טעלעפאָן האָט זי געשטאַרקט און זי האָט נישט אויסגעפּלאַפּלט די בשורה. דעריבער זענען זיי יענעם שבת פאַרפאָרן צו די עלטערן אויפגעלייגטע און פול מיט פריידיקן סוד.

כאָטש זײַן שוועראַלעט איז אַ געריימער און די טיר נעבן פאָדערשטן געזעס עפנט זיך ווי אַ טויער, האָט צבי באַמערקט שושנהן זי זאָל אַרויס פון דעם אויטאָ פאַרזיכטיק. זי מוז נישט, ווי אַלע מאָל, „אַרויסשיסן זיך״. וואָס זיכער איז זיכער. צבים באַמערקונג איז געווען איבעריק. אין די פּאָר טעג ווי שושנה איז זיכער, אַז זי שוואַנגערט, פירט זי זיך אויף ווי זי וואָלט געווען וויניקסטנס אין פינפטן חודש. זי האָט נישט אויפגעהערט טאַפּן איר בויך און געוואָרן איבערצײַגט, אַז אין די פּאָר טעג איז ער געוואַקסן. זי האָט געטראַכט באַצײַטנס צו באַשטעלן אַ שוואַנגער־קלייד. זי האָט געטאַפּט אירע ליטקעס טאָמער זענען זיי געוואָרן אָנגעשוואָלן. וואָרום געהערט האָט זי, אַז בײַ געוויסע פרויען ווערן די ליטקעס אָנגעשוואָלן בעת שוואַנגערשאַפט. האָט זי זיך אַרויסגעזעצט פונעם שוועראַלעט ווי זי וואָלט געווען פון איידעלען פאַרצעלײַ און געקוקט אויפן וועג פון אירע טריט, צי אויף אים זענען נישטאָ קיין שטערונגען.

די פולקייט אינעם הויז פון שווער און שוויגער האָט שושנהן אויף אַ רגע גע־מאַכט פאַרגעסן, אַז זי דאַרף זיך פירן ווי אַ שוואַנגערע אין די העכערע חדשים. זי האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט די שוועגערינס, מיט דער שוויגער און מיטן שווער ווי זי וואָלט יאָרן געבענקט צו זיי. דאָס נײַע שיינע פנימל, פון פנינה פייגין, האָט זי אַ קאַפּעלע צעטומלט. יאָ באַוווסטזיניק, צי נישט באַוווסטזיניק פלעגט שושנה קאָקעטירן איר שווער. ביז איצט איז זי געווען די איינציקע פון אויסן־אַרײַנגעקומענע יונגע פרוי אין דער משפחה סימקין. איצט, אַז זי האָט דער־זען פנינהן, האָט זי געוווסט — נאָך איידער זי האָט געהערט וואָס און ווער — אַז די פרעמדע וועט עפּעס וואָס צונעמען פון איר... יאָ, דאָס פנים געדענקט זי... אָ, יאָ, געוועזענע וויצע־שיינהייט־קעניגין. זי געדענקט דאָס בילד פון אַ פרויען־זשורנאַל.

אין זײַן גוטער שטימונג האָט צבי זיך געלאָזט ווילגיין:

„רפי, כ׳זע שוין, דו מאַכסט אַ קפיצת־הדרך. נישט דורך דער כנסת, נישט דורך זײַן אַ מיניסטער, נאָר וועסט באַלד ווערן אַ מלך. אַ מלכּה האָסטו שוין״.

„געדענק צבי, פנינה איז אַ וויצע־מלכּה און בײַ אונדז קען נישט זײַן קיין וויצע־מלך״, האָט רפי אים שאַכירט.

לעאָנאַרד אַבשלום האָט אים געפּרוווט פּראָוואַצירן:

„וואָרט, רפי. די וועלכע מיר האָבן פאַרטריבן פון דאַנען, די בריטן, האָבן יאָ געהאַט אַ וויצע־מלך. וויצע־מלך פון אינדיע. איצט, אַז מיר זענען אַ גרויסע מדינה מיט מער ווי אַנדערטהאַלבן מיליאָן אַראַבער, זענען מיר געוואָרן אַן אימפּעריע. וועלן מיר דיך באַשטימען ווי וויצע־מלך פון יהודה און שומרון״.

„יהודה און שומרון זענען נישט קיין קאָלאָניעס; ס׳האַרץ פון מלכות ישראל

זענען זיי און איין מלך וועט הערשן איבער אונדז״, האָט רפי כמעט ווי דעקלאַמירט, כאָטש געוואָלט האָט ער דאָס זעלבע זאָגן מיט הומאָר.

פנינה פייגין האָט איבערגעריסן די דיסקוסיע:

„רפי וועט נישט מאַכן קיין קפיצת־הדרך. איך בין געווען וויצע־מלכה מיט פיר יאָר צוריק. די קרוין האָט מען פון מיר צוגענומען דעם זעלבן אָוונט ווי איך בין אויסגעוויילט געוואָרן און די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם קאָנקורס האָבן זי באַהאַלטן אויף איבער אַ יאָר פאַר אַן אַנדער וויצע. איז בכלל איבעריק צו רעדן וועגן וויצעס.

בערל האָט געפּאַטשט בראַוואָ און געזוכט אסתרס אויגן איר אָנצוווינקען, אַז די מויד געפעלט אים.

ווי אַלע מאָל האָט זיך פּאַרשפּעקטיקט גדעון. ער איז צוגעפאָרן צום הויז מיט פולן גאַז און אַפילו ער האָט אויסגעשלאָסן די געגג, האָט ער אָנגעדריקט אויפן גאַזפּעדאַל צו לאָזן וועגן זיך הערן מיט רעש און ריח. בערל האָט דערפילט דעם בענזין־רויך און ער האָט אויסגערופן:

„אסתרל, אונדזער פּייטער איז דאָ! קענסט דערלאַנגען צום טיש״. בערל איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען. ער האָט ליב זיין יינגסטן זון. גדעון פאַרענטפערט אים אַלץ. וואָס? ער ווייסט נישט וואָס. נאָר טאָמער זאָל מען אים פרעגן וועגן דעם און יענעם — ער האָט גדעונען. איצט איז ער אין עזה. דער יונגער דור אין די פּאַלעסטינעזער פּליטים־לאַגערן איז געוואָרן טעראָר־צעווילדעוועט. אַ ייִד קען נישט פריי פאָרן מיטן הויפּט־כביש קיין רפיח, צי אל־עריש, אָדער קויפן עפּעס אויפן שוק אין עזה. דאָ אַ קויל, דאָרט אַ קויל, אַ גראַנאַט, אַ מינע און גיי זוך דעם ווינט אין פעלד. דער קאָמאַנדיר פון דעם דרום־ראַיאָן פון לאַנד האָט די פּליטים־לאַגערן „צוגעשטעלט אַ חשבון״ און אים איינגעמאָנט דורך שטראָף־עקספּעדיציעס. גדעון האָט אַפילו געהאַלטן מיט די „איידעלע נשמות״, ווי דער קאָמאַנדיר האָט אָנגערופן די פון השומר־הצעיר און שטאָטישע ליבעראַלן, זעלבער וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אָנטייל אין די קאָלעקטיווע האַרבע שטראָפן. הבא להרגך — השכם להרגו, אָבער שיסן צו אומשולדיקע, כדי צו שטראָפן די שולדיקע? — ייִדן טאָרן נישט פאַרגיסן אומשולדיק בלוט. אָבער כאָטש ער איז געווען קעגן, האָט גדעון זיך איבערצייגט, אַז דער קאָלעקטיווער טעראָר איז גורם, אַז די טעראָריסטן זאָלן מאַכן דעם חשבון, אַז דער טעראָר אויף די וועגן לוינט זיך נישט. דער וועג דורך עזה איז געוואָרן אַ זיכערער.

בערל האָט אַרומגענומען דעם זון און געכאַפּט אַ באַהאַלטענעם בליק אויף זיין אַקסל. „דער ‚ממזר׳ האָט שוין אַ בלעטל״, האָט ער געטראַכט אַ צופרידענער. „ער וועט מיר אם־ירצה־השם נאָך אַהיימברענגען אַ גענעראַל״.

בערל האָט זיך גענומען צו זיין „אַרבעט״ — צוטרעפן וואָס פאַר אַ משקה עמעצער וויל. אויסער לעאָנאַרדן זיין „סקאָטש״, האָט קיינער פון די זין נישט געוואָלט הערן פון טרינקען אַ שטאַרקן געטראַנק, סיידן בלויז אַ „לעק״ וויין לכבוד דעם טשאָלנט...

בנוגע די מאכלים האָט פּנינה געטראָפן. די פּאַנירטע באַנדזשינעס, די קוסע־לעך אויף זיס און זויער — אַ סוד אויסצוזאָגן. דינה האָט באַמערקט, אַז דעם סוד פון די פּאַנירטע באַנדזשינעס און די קוסעלעך אויף זיס און זויער ווייסט זי שוין זינט איר קינדהייט. נאָר זינט זי איז אַ באַלעבאָסטע פאַר־זיך פּרוווט זי די מאכלים נאָכמאַכן ווי בײַ דער מאַמען און עס געלינגט איר נישט. סײַדן די מאַמע באַהאַלט עפּעס וואָס זי טוט אַרײַן אין זיי.

„אמא, ווי אַזוי מאַכסטו די באַנדזשינעס?״ האָט יוכבד געפרעגט. „דוד ווישט אויס דעם טעלער״.

„מיר ווילן הערן, מיר ווילן הערן!״ האָט דוד צוגעהאָלפן אַנטאָן נחת אסתרן. אסתר האָט צו רעכט געמאַכט איר פאַרטעך און באַהאַלטן איר שמייכל:

„צום ערשט באַקט מען אײַן די באַנדזשינעס. אין אַ באַזונדער שיסל קלאַפּט מען אויף פינף אייער, מען גיסט אַרײַן אַ האַלבע גלאָז שמן, מען שיט אַרײַן אַ גלאָז מצה־מעל און צו דעם גיט מען צו אַ ביסעלע שׂכל...״

בײַם טיש איז אויסגעבראָכן אַ געלעכטער. גדעון האָט זיך געכאַפּט קושן די אמא:

„זעסט, דינה, איצט ווייסטו שוין דעם סוד פאַר וואָס בײַ דיר קומען נישט אַרויס די באַנדזשינעס ווי בײַ דער מאַמען״.

נאָך גרעסערע התפּעלות האָט דערוועקט דער טשאָלנט. לעאָנאַרד האָט זיך נישט געקענט באַרויִקן:

„עקסעלענט! דער בעסטער טשאָלנט איך האָב געגעסן אין מײַן לעבן. יו נאָו, איך וועל פאַרלייגן דעם טשאָלנט צו עקספּאָרטירן קיין אויסלאַנד. ווײַן פון ראשון־לציון און טשאָלנט פון ראשון־לציון! ס׳וועט פּראָספּערירן״.

צבי, אויסגעשמירט די ליפּן מיט דעם פעטן שטיק ברוין־געבאַקענע געפילטע קישקע, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף זײַן גאָפּל, האָט אַריבערגערעדט צום טאַטן פון דער צווייטער זײַט טיש:

„מאָרגן גיב איך אָן אויף אַ רשיון פאַר טשאָלנט־עקספּאָרט און עפן אין באַנק אַן אַקרעדיטיוו. לעאָנאַרד, כּ׳ל דאַרפן דײַן פּראָטעקציע שנעל אַרויסצובאַקומען דעם רשיון, דער טשאָלנט זאָל נישט קאַלט ווערן״.

בערל האָט געצוווּנגען די זין און דודן צו נעמען צו גלעזעלעך קאָניאַק, כּדי צו פאַרדייען דעם טשאָלנט, וואָרום ס׳גייט נאָך אַ געבראָטענע גאַנדז. די געבראָ־טענע גאַנדז איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַן אָוואַציע ווי אַ פּרימאַדאָנע אין טעאַטער. מאָטל, דער חבר־הכּנסת, האָט זיך פרײַוויליק אָנגעמאָלדן צו צעשנײַדן די גאַנדז, בתנאי מ׳זאָל אָנשטעלן אַ ווענטילאַטאָר. די מיטאָג־היץ, וואָס האָט אַרײַנ־געאָטעמט פון דרויסן דורך די אָפענע פענצטער האָט געהאָלפן דעם טשאָלנט צו צעהיצן די לײַבער. דער עולם איז אָפּגעגאַנגען אין שווייס. די גלעזעלעך קאָניאַק, כאָטש איינציקע, האָבן צוגעגעבן זייער בײַטראָג צו דער היץ. בערל האָט אָנגע־שטעלט צוויי ווענטילאַטאָרן און אויסגערופן:

„איצט, קינדערלעך, גענומען זיך צו דער מלאָכה!"

די פרויען האָבן זיך אָפּגעזאָגט איינע נאָך דער אַנדערער. פּנינה האָט געמאָלדן, אַז אַ וואָך צײַט וועט זי פֿאַסטן, כּדי אַראָפּצוּוואַרפֿן די קילאָגראַמען, וואָס דער טשאָלנט האָט איר צוגעגעבן. זי האָט געבעטן רשות זיך אויפֿצושטעלן פֿון טיש, וואָרום זי פֿילט, זי וועט נישט קענען בײַשטיין דעם נסיון. די געלעגנהייט האָט אויסגענוצט שושנה. זי איז אַרײַן אין קיך צו אסתרן און איר אײַנגערוימט דעם סוד פֿון איר שוואַנגערשאַפֿט. אסתר האָט זיך צעוויינט פֿון פֿרייד, מיטן פֿאַרטעך געווישט דאָס פּנים און אַ קוש געטאָן שושנהן. „זאָל מיר נאָר נישט פֿאַרשטערט ווערן", האָט זי געמורמלט. שושנה האָט איר געבעטן זי זאָל איצט גאָרנישט זאָגן וועגן דעם בײַם טיש. אסתר האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. „אַוודאי, כ'פֿאַרשטיי", האָט זי געזאָגט, אָבער שפּעטער ווען די מענער זענען געגאַנגען אין באָדצימער אָפּוואַשן די הענט פֿון דער פֿעטער גאַנדז, האָט שוין דער און יענער דיסקרעט געקוקט אויף שושנהס בויך. בערל האָט זײַן עלטסטן זון אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע: „זאָל זײַן מיט מזל. די העכסטע צײַט".

דער עולם איז אַרויס צום גראָז הינטערן הויז, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם אינעם שאָטן. ווי דער שטייגער האָבן די פֿרויען זיך באַלד פֿאַרקליבן באַזונדער און די מענער באַזונדער. צבֿי איז אַוועק אין דער קיך אויפֿקאָכן טערקישע קאַווע. גדעון האָט זיך אויסגעצויגן אויפֿן גראָז און אויסגעשטרעקט זײַנע פֿעסטע ברוינע הענט אין דער הייך.

„שבת איז אַ גוטער טאָג", האָט באַמערקט לעאָנאַרד, צוקוקנדיק זיך צו דער רו פֿון גדעונען. „אייגנטלעך וואָלט מען געדאַרפֿט, ווי אין דער גאַנצער וועלט, איצט אײַנפֿירן אַ סוף־וואָך פֿון צוויי רו־טעג, פֿרײַטיק און שבת אָדער שבת און זונטיק. איצט, ווען מיר האָבן רו און פּראָספּעריטי אין לאַנד איז די צײַט אײַנ־צופֿירן דעם שטייגער פֿון באַקוועמלעכקייט".

גדעון האָט זיך אויסגעדרייט אויף אַ זײַט צו זײַן שוואָגער, פֿאַרטריבן אַ פֿליג, וואָס האָט אים געקיצלט אין אויער, און געזאָגט:

„טאָמער וואָלט מען אײַנגעפֿירט צוויי רו־טעג צו די טעג, וואָס מיר אַרבעטן סײַ ווי נישט, וואָלטן ייִדן בכלל אויפֿגעהערט אַרבעטן אין זייער לאַנד. ייִדן האָבן פֿון דאַנען פֿאַרטריבן דעם פֿעאָדאַלן סיסטעם און אַליין זענען זיי געוואָרן עפֿענדיס. די אַראַבער פֿון די שטחים בויען די הײַזער, זיי אַרבעטן אין די פּרדסים, זיי אַרבעטן אויף אונדזערע פֿעלדער, זיי אַרבעטן אין אונדזערע פֿאַבריקן. פֿון דער צווייטער זײַט גיט אַמעריקע געלט־מתּנות, די ייִדן אין דער וועלט גיבן אויף די פֿאַרשיידענע מגביתן — אַ גן־עדן, אַ פּענסיאָן זיך אָפּצורוען נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות".

בערל האָט זיך אויפֿגעזעצט און גענומען זײַנע קני צווישן די אָרעמס:

„אוי, פֿײַטער מײַנער, דאַכט זיך אַז אָנשטאָט דו זאָלסט פֿון די השומר־הצעירניקעס מאַכן זעלנער, מאַכן זיי פֿון דיר אַ קאָמוניסט. ווען נישט די אַראַב־טשיקעס פֿון די שטחים וואָלסטו געדאַרפֿט אַ ייִדישן אַרבעטער טראָגן אויף דײַנע

פלייצעס צו דער אַרבעט און אים אַהיימטראָגן פון דער אַרבעט און דערצו אים געבן דײַן טשעקביכל אין בלאַנקאָ".

„גדעון, די פילאָזאָפיע וואָס דו האָסט אַרויסגעזאָגט איז דער געדאַנקענגאַנג פון דער אַרמיי, אָדער דו האָסט זיך אָנגעשטעקט פון די מילואימניקעס?" האָט דער חבר־הכּנסת געוואָלט וויסן.

„פרעגסט דאָס זעלבע וואָס דער טאַטע", האָט גדעון אים געענטפערט.

„וואָס דער טאַטע האָט געפרעגט איז לאָגיש, דעריבער פּעסטיק איך זײַן מיינונג מיט מײַן פראַגע", האָט מאָטל געזאָגט מיט אַ טאָן פון האַרבקייט.

„ס'איז איצט אין דער מאָדע צו זײַן ראַדיקאַל", האָט לעאָנאַרד באַמערקט.

„זינט די סטודענטן־אַוואַנטורעס אין פּאַריז, מיט דעם, ווי הייסט ער דאָרט, בענדיט כּהן, איז דער יונגער דור אין דער וועלט קראַנק געוואָרן אויף ראַדיקאַליזם, לינקיזם און אַנדערע צרות".

גדעון האָט אונטערגעשפּאַרט זײַן קאָפּ מיט די הענט און געזאָגט שטיל און אָנטשלאָסן:

„זען דעם אמת הייסט נישט זײַן ראַדיקאַל, אָדער זײַן אַ קאָמוניסט. איך בין אַ זעלנער און מיך האָט מען אויף אַלע קורסן געלערנט אָפּשאַצן אַ מצב ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט און נישט ווי איך וואָלט אים געוואָלט זען. אַ קאָמו־ניסט זעט נישט די ווירקלעכקייט. ער האָט פאַר זיך זײַן אידעאָלאָגיע און זי פאַר־טרעט אים די ווירקלעכקייט. לויט דעם געזעץ פון דער מדינה ווערט יעדער איינער באַטראַכט ווי אַ באַטייליקטער אין אַ פאַרברעך אויב ער זעט, אָדער ער ווייסט, אַז עמעצער באַגייט אַ קרימינעל פאַרברעך און ער שטערט אים נישט דעריך, אָדער ער מעלדעט נישט וועגן דעם פאַרברעך. איך זע, אַז די מדינה ווערט אָוועקגעפירט אויף פאַלשע וועגן. צי איז ציוניזם דאָס וואָס ייִדן ווילן נישט אַרבעטן, ווילן לײַכטע פאַרדינסטן? אַלע ווילן זײַן שליחים, אַמבאַסאַדאָרן, חברי־כּנסת, מיניסטאָרן, פאַרטיי־פירער, געלט־זאַמלער, אָבער נישט קיין אַרבעטער, די מדינה בויען אַראַבער. אַפילו דעם ציוניזם פאַרטרעטן זיי פאַר אונדז".

„בראַוואָ, גדעון!" האָט דוד אויסגערופן. „כ'האָב דערקענט אַ נײַעם גדעון".

„מאָטקע, רפי, זעט וואָס ס'איז געוואָרן פון אײַער ברודער?" האָט בערל גע־קוקט דאָ אויף דעם זון און דאָ אויף דעם צווייטן. „אַראַבער בויען די מדינה? פרעג דער מאַמען וויפל טעג אין דער וואָך איך בין אין נגב; פרעג צבי ווי ער טראַסקעט זיך אויס אויף די וועגן פון דער מדינה צו בויען פּראָיעקטן. אַראַבער בויען די מדינה, זאָגט ער, ציוניסטן, זאָגט ער, זענען זיי".

„טאַטע", האָט גדעון זיך אויפגעזעצט און צו רעכט געמאַכט זײַנע האָר. „דו פאָרסט זען ווי עס אַרבעטן דײַנע אַראַבישע אַרבעטער. אויב דו באַשעפטיקסט ווייניק אַראַבישע אַרבעטער איז עס דערפאַר ווײַל דו בויסט אויך מיליטערישע פּראָיעקטן. ריכטיק? קוק זיך צו צו די ,חלוצים' אין פּיתחת־רפיח און דו וועסט זען ווער עס אַרבעט אויף זייערע פעלדער און ווער עס קלײַבט די פּרוכטן פון

די פעלדער, און ווער עס לאָדט אָן די אויטאָס מיט גרינוואַרג צום מאַרק. ,חלוצים דע לוקס׳ און...״

„איך האָב אַלע מאָל געזאָגט, אַז מפא״י און השומר־הצעיר האָבן זייער פּראָ־פּאַגאַנדע אין דער אַרמיי״, האָט רפי אים איבערגעשלאָגן.

„נאַרישקייטן״, האָט גדעון אָפּגעוואָרפן. „כ׳האָב מיין מיינונג וועגן מפא״י און השומר־הצעיר. די אַרמיי איז פון אַלע פּאַרטייען, מיט אַלע מיינונגען. די מילואים זענען דאָס פאָלק. אין דער אַרמיי רעדט מען פריי וועגן אַלץ וואָס עס געשעט אין לאַנד. איך הער זיך צו וואָס די מילואימניקעס דערציילן איינער דעם צווייטן, זייערע וויכוחים און איך האָב זיך מיין בילד וועגן דעם אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד״.

„פּראָספּעריטי קומט פאָר״, האָט לעאָנאַרד פעסטגעשטעלט מיט זיכערקייט.

„אַוודאי פּראָספּעריטי״, האָט גדעון באַשטעטיקט. און דוד האָט צוגעגעבן:

„די פּראָספּעריטי איז פאַר די וואָס פּראָספּערירן אַלע מאָל. גדעון איז גע־רעכט: דער מצב אין לאַנד איז נישט קיין נאָרמאַלער. ווי פאַר די באַדינגונגען אין לאַנד...״

„וואָס פאַר אַ באַדינגונגען?״ האָט געפרעגט דער חבר־הכנסת. „נאָך קיין מאָל אַזעלכע גוטע באַדינגונגען נישט געווען. מיר האָבן איצט אַ גרויסע מדינה ווו מיר קענען זיך צוגרייטן צו אַ ווייטערדיקן שפּרונג. מיר זיצן אויפן ירדן־ברעג; מיר האָבן די וואַסער־קוואַלן אין אונדזערע הענט. מיר האָבן דעם נאָפט פון אַבו־ראָדעס. נישטאָ איצט קיין מיליטערישער כּוח אין דעם ראַיאָן וואָס זאָל אונדז דיקטירן וואָס און ווען. דער נייער מצרישער פּרעזידענט וועט מער נישט איבערחזרן נאַצערס טיפשות. מצרים האָבן מיר איינגעשטילט! זי דאַרף האָבן לכל־הפּחות נאָך צוואַנ־ציק יאָר זיך אויסצולעקן פון די ווונדן וואָס זי האָט באַקומען אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה און וואָס זי באַקומט איצט פון אונדז יעדן טאָג. איצט איז אַלץ אָפּהענגיק בלויז פון אונדז. ווען נישט גאָלדע מאיר וואָלט געווען ביי דער מאַכט, נאָר מנחם בעגין, וואָלטן מיר שוין היינט געווען אויף דער צווייטער זייט ירדן און דיקטירט כוסיינען אַזאַ שלום, אַז מיר זאָלן פּטור ווערן סיי פון אים און סיי פון די אַראַבישע פּליטים״.

„מיר האָבן דעם כּוח דערצו?״ האָט דוד געפרעגט מיט ספקות.

אויף אַ גרויסער אַראַבישער מעשענער טאַץ האָט צבי אַרויסגעבראַכט פון הויז קליינע טעפּעלעך טערקישע קאַווע. ער איז געגאַנגען מיט קליינע פּאַרזיכטיקע טריט נישט צו פאַרגיסן. גדעון איז אויפגעשפּרונגען, אַראָפּגענומען פון דער טאַץ אַ טעפּעלע און אויסשטרעקנדיק עס אין דער ריכטונג פון דודן, געזאָגט:

„האָסט געפרעגט צי מיר האָבן כּוח צו טאָן דאָס וואָס מאָטל האָט געזאָגט. מיר האָבן דעם כּוח. מיר זענען קיין מאָל נישט געווען אַזוי שטאַרק ווי מיר זענען היינט. קאַירא האָט אַפילו בלויז פון די ,בומען׳ פון אונדזערע ,מיראַזשן׳ געלערנט וועגן אונדזער כּוח. כוסיין איז פאַר אונדז נישט קיין פּראָבלעם. פאַרקערט, מיר היטן אים״.

„אַ שאָד די שמירה!" האָט רפי אויסגערופן. „איצט איז די בעסטע געלעגנ־הייט צו פּאַראײניקן ס'ארץ־ישׂראל וואָס די בריטן האָבן עס קינסטלעך צעטיילט. פאַר מיר איז דער גלעַד נישט ווייניקער ארץ־ישׂראל ווי שומרון און יהודה. ווי אַבדאַללאַ איז געווען אַ קינסטלעך געוויקס אין ארץ־ישׂראל אַזוי איז זײַן אייניקל כוסיין".

„האָסט פאַרגעסן, אַז אויך אַן יענער זײַט ירדן האָבן מיר פון דער זײַט מער ווי אַ מיליאָן אַראַבער?" האָט דוד געפרעגט און אַ זופּ געטאָן פון זײַן טעפּעלע קאַווע. „וואָס וועלן מיר טאָן מיט אַזאַ גרויסער אַראַבישער מינדערהייט? גדעון האָט גערעדט וועגן דעם אַז זיי בויען דאָס לאַנד. אויב נאָך מער אַראַבער וועלן זיי איבערנעמען דאָס לאַנד".

צבי האָט זיך צעלאַכט ווי ער וואָלט געהערט אַ גוטן וויץ:

„דוד קען נישט די אַראַבער. געווען אין עטלעכע מלחמות מיט זיי און ער האָט זיי נאָך אַלץ נישט דערקענט".

„די אַראַבער זענען פאַר אונדז נישט קיין פּראָבלעם", האָט דער חבר־הכּנסת אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט אָפּגעטריבן אַ זלידנע פליג. „דאָס פּליטים־פּראָבלעם איז זייער פּראָבלעם און נישט אונדזערס: וווּהין צו לויפן. אויך אין נײַנצן אַכט און פערציק האָבן מיר זיי נישט געוויזן ווו צו לויפן און זיי זענען געלאָפן. אויך איצט וואָלטן זיי געפונען אַ ריכטונג ווו צו לויפן. מזרחדיק פון גלעד איז אַ ליידיקער שטח פאַר הונדערט מיליאָן מענטשן".

„ביסט מסכּים מיט אַזאַ מיינונג?" האָט דוד זיך געוואָנדן צו גדעונען.

גדעון האָט אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען:

„דאָס איז אַ פּאָליטישע פראַגע. איך בין אַן אָפיציר און איך פאַרנעם זיך נישט מיט פּאָליטישע ספּעקולאַציעס. דעם דזשאָב לאָז איך איבער פאַר גאָלדע מאיר און איר זיכערהייט־מיניסטער משה דיין".

לעאָנאַרד האָט זיך אומגעדולדיק אויפגעשטעלט, אַ פּאַטש געטאָן איין האַנט אין דער צווייטער און זיך געוואָנדן אין דער ריכטונג צו די פרויען:

„דאַרלינג, האָסט פאַרגעסן, מיר האָבן היינט אַ קאָנצערט!"

דינה האָט זיך אויפגעשטעלט; נאָך ווײַטער גערעדט ווי זי וואָלט נישט געהערט וואָס איר מאַן האָט געזאָגט.

„וואָס איז ס'אײַלעניש?" האָט אסתר געוואָלט וויסן. „גראָד איצט האָב איך געוואָלט איר זאָלט פאַרזוכן פון מײַן עוגה".

פנינה האָט זיך אַ ריס געטאָן פון איר פּלאַץ:

„עוגה?! רפי, לאָמיר אַנטלויפן קיין תל־אביב. כ'הער עוגה, פיל איך כ'נעם צו וואָג", האָט זי געזאָגט מיט איר האַלדזיק סאַבריש לשון.

בערל האָט אײַנגעדרימלט אויפן גראָז.

31

צווישן די חברים וואָס האָבן נישט געקענט משלים זײַן מיט דער ענדערונג אין דער אידעאָלאָגישער אײַנשטעלונג אין קיבוץ, איז געווען אַברהמל. ער איז צווישן די עלטסטע חברים און ווי אַמאָל איז אויך ווײַטער געווען זײַן אידעאַל: בויען מיט אייגענע הענט און לעבן פון אייגענער אַרבעט. דאָך דאָס אויפשטעלן נײַע ישובים פון עולים פון די אַראַבישע לענדער נאָענט צו קיבוצים, האָט גע־רייצט חברים זיך אַרויסצוהעלפן מיט פרעמדער לוין־אַרבעט. ס'איז שווער געווען בײַצושטיין דעם נסיון אויך דערפאַר ווײַל די מאַסן־עליה איז נישט געווען קיין חלוצישע; יונגע כּוחות פון אויסן פאַר די קיבוצים זענען נישט צוגעקומען, און דאָס געלט און די מאַשינען פון די דײַטשע אַנטשעדיקונגען האָבן געעפנט גרויסע מעגלעכקייטן פאַר אַנטוויקלונג אויך אין די קיבוצים. אויך די קיבוצים האָבן געוואָלט געניסן פון דער פּראָספּעריטי. פון אייגענער אַרבעט קומט עס אָן שווער.

אַברהמל האָט זיך געוועהרט. ערשטנס איז דאָס געלט פון דײַטשלאַנד פאַר דעם בלוט פון זײַן גאַנצער משפּחה, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן פון די נאַציס. צווייטנס זענען אים טײַער די ווערטן, אויף וועלכע ער איז דערצויגן געוואָרן אין השומר־הצעיר; ס'איז נישט מאָראַליש צו לעבן פון פרעמדער פּראַצע. אַז ס'איז אויפגעקומען די מחשבה אויפצובויען אין קיבוץ אַן אינדוסטריעלע אונטערנעמונג, דערמיט, אַז די דײַטשע מאַשינען קען מען באַקומען פון דער רעגירונג כּמעט אומזיסט, אויסצוצאָלן ווען משיח וועט קומען, האָט אַברהמל געשטורעמט. חברים האָבן אים נישט דערקענט. זיי האָבן געזאָגט, אַז אַ הייליק פײַער האָט זיך אין אים אָנגעצונדן. וווּ איז עס געהערט געוואָרן?! סײַ מאַשינען פון דער דײַטשער אַנטשעדיקונג און סײַ אַרײַנפירן אין קיבוץ אַרבעטער פון אויסן, ווערן עקספּלאָאַ־טאַטאָרן? די טענה, אַז דער קיבוץ וועט באַשעפטיקן נײַע עולים, זיי פאַרוואַנדלען אין באַוווסטזיניקע פּראָלעטאַריער און דורך דער אַנטוויקלונג העלפן בויען די מדינה, האָט נישט גערעדט צו אים. אַזוי שנעל אָבער ווי די מערהייט חברים האָט אָפּגעשטימט די זאַך, איז אַברהמל אַנטשוויגן געוואָרן.

איצט, אַז ס'איז געקומען אַ פאָרשלאָג צו בויען אַ צווייטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונג, פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, איז אַברהמל דערויף מסכּים געווען.

אין דער צײַט װעגן װעלכער עס רעדט זיך, אַ פּאָר יאָר נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, איז אַבֿרהמל אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרביטערטער. ער האָט גע־טראַכט, אַז ער איז דער אײנציקער מענטש אין לאַנד װאָס אים האָבן פֿאַרגעסן די צײַט, דער קיבוץ און אַפֿילו יהודית. נישט ער האָט געטראַכט, אַז ער איז גע־בליבן אָן אַ זײַט, נאָר ער איז געװען זיכער דערין. אַלע זענען אױפֿגעריכט געװאָרן. דער יונגער דור לעבט אין קיבוץ װי ער װאָלט געװען אין שטאָט. װײַל עמעצער, לערנט ער אין אוניװערסיטעט, קען אַפֿילו אַרױספֿאָרן אין אױסלאַנד. די מעלאָדיעס װאָס טראָגן זיך פֿאַר נאַכט פֿון די ראַדיאָס דורך די אָפֿענע פֿענצטער זענען נישט פֿון זײַן װעלט — אַנדערע, פֿרעמדע. אַפֿילו די הלבשה פֿון די חברים איז געװאָרן אַן אַנדערע, אַ שטאָטישע. בלױז ער, אַבֿרהמל, איז געבליבן אין זײַנע גומי־שטיװל, מיט דעם הײגאָפּל, מיט דעם ריח פֿון מיסט און תּערובֿת אין רפֿת און אױך מיט זײַן נישט געשטילטער בענקשאַפֿט.

דאָך אױך אין זײַן פֿאַרביטערונג איז דאָס פֿײַערל פֿון האָפֿענונג נישט פֿאַר־לאָשן געװאָרן אין אים. ס'האָט געטליִעט, און אין אַ רגע װען ס'האָט אים צוגע־קלעמט, האָט ער דאָס פֿײַערל אױפֿגעבלאָזן: סוף־כּל־סוף װעט יהודית זיך אַרומ־זען, אַז ער איז איר דער נאָענטסטער מענטש. װי נאָר זי װעט קומען צו דער מסקנה װעגן איר אַלײניקײט און װעגן דעם װי ער שטרעקט פֿאַר איר דאָס לעבן מער װי פֿאַר זיך אַלײן, װעט זי אים זאָגן אָפֿן, װי עס איז איר שטײגער צו זאָגן אָפֿן: „אַבֿרהמל, נעם דײַנע בעבעכעס מיט די פּאָר ביכער פֿונעם שענקל און קלײַב זיך אַרײַן צו מיר אין צריף. כ'האָב נישט מער קײן כּוח צו דער אײנזאַמקײט”. ער, אַבֿרהמל, װײסט שױן פֿון לאַנג, אַז יהודית איז אײנזאַם. איצט נאָך מער װי תּמיד. אױף איר אײנציקן זון האָט זי נישט װאָס צו רעכענען. דני איז אין דער אַרמײ. אַ טאַנקיסט. ער האָט איר נישט געװאָלט הערן נישט צו גײן צו טאַנקען. פֿאַלט ער אַמאָל אַרײַן אױף אַ טאָג, צװײ טעג אורלױב, לױפֿט ער צום ערשט צו תּמרה, די אײנציקע מױד אין קיבוץ װאָס זאָגט אָפֿן אַז זי האַלט נישט מער פֿון סאָציאַליזם; זי האַלט מיט די ביטניקעס, קלײדט זיך װי די ביטניקעס און שפּילט אױף אַ גיטאַרע ניגונים װאָס פֿאַרטומלען און פֿאַרשרײַען, װי די װעלט װאָלט געברענט און זי גיסט צו נאַפֿט צו די פֿלאַמען. תּמרה איז אַ פֿײַער, זי איז קוים זיבעצן יאָר אַלט און זי רײצט אַפֿילו די בײמער, צי די עלעקטרישע סלופּעס אין קיבוץ. דאָ אַנומלט, דני האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט בלױז אױף אַ מעת־לעת, האָט אַבֿרהמל, גײענדיק אין אָװנט צום לײענזאַל אַרײַנצוקוקן אין אַ צײַטונג, געזען װי דער יונג שטײט מיט תּמרהן אונטער אַ בױם און זײ זענען אַזױ פֿאַר־נומען מיט זיך, אַז זײ קימערט נישט לחלוטין צי עמעצער זעט זײ יאָ אָדער נישט. זי האָט דניִן שיִער נישט משוגע געמאַכט. ער, אַבֿרהמל, װײסט, אַז װען אַ מױד באַקומט זיך אַרײַן אין אַ יונגס האַרץ, שטופּט זי פֿון דאָרט אַרױס די גאַנצע װעלט. פֿאַר יהודית איז קלאָר, אַז דאָס, װאָס דני קומט אױף די קורצע, אָפּט נישט־לעגאַלע אורלױבן, איז נישט פֿאַר אירעט װעגן, נאָר צו תּמרה קומט ער. צו דער מאַמען פֿאַלט ער אַרײַן אױף אַ רגע — „איך הַמַרגש, אמא?” —

און שוין ברײַען אים די זוילן. אַז ער ווערט נעלם בלײַבט יהודית מער אײַנזאַם ווי זי איז געווען אײדער ער איז אַרײַנגעפֿאַלן. איז אויף וואָס וואַרט זי, יהודית? ער אַליין קען דאָך נישט צוגײן צו איר און זאָגן: „אַזוי און אַזוי". טאָמער זאָגט ער איר אָפּן: „אַזוי און אַזוי", און זי וועט זאָגן ניין — איז כאָטש גיי און דער־טרינק זיך.

דאָס וואָס איז ווײַטער געשען איז געשען אין חדר־אוכל אויף דער פֿאַרזאַמ־לונג, אויף וועלכער ס'איז באַהאַנדלט געוואָרן דער פּראָיעקט אויפֿצובויען די צווייטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונג. יהודית איז געזעסן אַן אַ זײַט נעבן אַ פֿענצטער, און אַז זי האָט באַמערקט אַברהמלען, האָט זי צו אים אַ שמייכל געטאָן מיט איר בענקשאַפֿטלעכן שמייכל. אים איז ווייך געוואָרן אונטערן האַרץ. אָבער אין דער זעלבער רגע ווי זי האָט געשמייכלט צו אים, האָט אין אים אויפֿגעבליצט אַ חשד, אַז יהודית וויל אים יאָ און וויל אים נישט ווײַל אַלע יאָרן אַרבעט ער אין רפֿת און ער שטעקט מיט זײַנע שטיוול אין דעם מיסט פֿון בהמות. פֿאַר וואָס איז עס אים ביז איצט נישט אײַנגעפֿאַלן? אײדער ער איז געקומען צו דער פֿאַר־זאַמלונג האָט ער געמאַכט אַ הייסן און קאַלטן טוש און זיך איבערגעטאָן אין מלבושים, וואָס ער האָט פֿריִער גענומען פֿונעם מחסן. דאָך איצט, אַז ס'איז אים אײַנגעפֿאַלן דער חשד, האָט ער באַהאַלטענערהייט געשמעקט צו זײַנע הענט. ער האָט דערפֿילט דעם ריח פֿון רפֿת. דיסקרעט האָט ער אַראָפּגעשאַרצט דעם אַרבל פֿון דעם פֿרישן האַקי־העמדל, זיך אײַנגעשמעקט אינעם ריח פֿונעם געוועב און דערפֿילט רפֿת. דער שוויס אויף זײַן לײַב צוליב דער אויסערלעכער היץ איז אים פֿונעם ריח געוואָרן הייסער. ס'איז אים גאָר קיין מאָל נישט אײַנגעפֿאַלן צו טראַכטן, אַז דער ריח פֿונעם רפֿת קריכט אַרײַן טיף אין לײַב. יהודית איז אַזאַ אײדעלע און צאַרטע. כאָטש די יאָרן האָבן זיך אײַנגעשניטן אין איר פּנים און די טונקל־רויטקייט פֿון אירע האָר האָט זיך אויסגעמישט מיט בלאָנדער גרויקייט, איז די צאַרטקייט פֿון איר געשטאַלט נישט געמינערט געוואָרן אויף אַ האָר. אַז ער קומט אַרײַן צו איר אין צריף דערפֿילט זי מסתמא אין די אַלע יאָרן דעם ריח פֿון רפֿת, וואָס טראָגט זיך פֿון אים, און דאָס שטויסט זי אָפּ פֿון אים.

אַברהמל איז געווען אַרײַנגעטאָן אין זײַן חשד אַזוי טיף, אַז די ווערטער פֿון די רעדנער זענען נישט דערגאַנגען צו אים. אַ צאָרן קעגן זיך אַליין איז אויפֿגע־גאַנגען אין אים, הלמאי ער האָט אַלע די יאָרן געשטעקט אין רפֿת. קײנער האָט אים דערצו נישט געצוווּנגען. ער אַליין האָט אַלע מאָל אָפּגעוואָרפֿן יעדן רמז צו נעמען אַן אַנדער אַרבעט אין משק. ער האָט זיך צוגעבונדן צו די בהמות און קעלבלעך, ער האָט פֿאַרשטאַנען זייער לשון און ער האָט געפֿילט, אַז אויך זיי פֿאַרשטייען אים. פֿון דער ווײַטנס דערהערן די בהמות דעם שאָרך פֿון זײַנע גומענע שטיוול און הייבן אָן מעקען. ווי נאָר ער קומט אַרײַן אין רפֿת אַזוי דרייען אויס די בהמות זייערע קעפּ צו אים. ער טוט אַ פּאַטש אין הינטן דער און יענער: „נו, שחורה, ווען וועסטו אָפּוואַרפֿן דײַן קעלבל?" „גאולה, עפּעס ביסטו מיר קאַליע געוואָרן, פֿרעסט פֿאַר צוויי און מיט ליפֿערן מילך ביסטו נישט אַזוי אײַ־אײַ־אײַ".

אַברהמל האַלט ביידע הענט פֿאַר זײַן נאָז און שמעקט זיי אויס. דער ריח פֿון רפת פֿילט זיך פֿון זיי וואָס אַ מאָל שטאַרקער. ערשט איצט קומט ער קאַפּויער, דער ריח. ער האָט זיך אַליין פֿאַרפֿירט. ווי האָט עס אים געקענט אײַנפֿאַלן אַז יהודית, וואָס האָט געהאַט פֿאַר אַ מאַן אַביגדורן, וועט זיך פֿאַרבינדן מיט דעם ריח פֿון רפת? ער געדענקט ווויל, אַז פֿאַר אַביגדורן האָבן זיך אַלע פֿרויען אין קיבוץ געפּוצט. אַפֿילו ווען ער איז געווען אויסגעשמירט פֿון דער אַרבעט האָט זיך געטראָגן פֿון אים ציכטיקייט.

אַברהמל האָט געקוקט צו יהודית דאָרט, בײַם פֿענצטער, און דאָס פֿענצטער אַרום איר איז ווי אַ ראַם אַרום אַ געמעל. זי איז פֿאַרקוקט אויף דעם רעדנער. אויף דעם מרחק ווי ער זעט זי, שטראַלט זי מיט יונגקייט. זי איז געוועקט פֿון דעם וואָס זי הערט. ס'איז די זעלבע יהודית, וואָס אַמאָל! אַז זי צינדט זיך אָן פֿאַר עפּעס, ברענט אין איר יעדעס קעמערל פֿון איר לײַב. און אָט הערט ער: „יהודית, האָסט דאָס וואָרט!" אַברהמל וועקט זיך איבער פֿון זײַן פֿאַרזונקענקייט. ער באַגלייט זי מיט וואַרעמע בליקן. זי שטעלט זיך אַוועק פֿון דער צווייטער זײַט טיש און קוקט אַריבער דעם עולם. ער וואַרט איר בליק זאָל פֿאַלן אויף אים. מיט איין האַנט גלעטיקט זי אַרויף אירע האָר און מיט דער צווייטער שפּאַרט זי זיך אָן אָן דעם טישל. זי הייבט אָן שטיל, אַז קוים ס'דערגייען אירע ווערטער צו אַברהמלען:

„חברים", זאָגט זי, „איך ווייס נישט צוליב וואָס מיר דאַרפֿן אַזוי פֿיל דיסקוטירן וועגן אַן ענין וואָס איז לכתחילה קלאָר. אויך אונדזער ערשטע אונטערנעמונג האָט געהאַט קעגנער. געדענקט איר נישט ווי חברים האָבן געהאַט אידעאָלאָגישע באַוואָרעניש? דערמאָנט איר זיך נישט די טענות, ווי למשל, פֿון אַברהמלען — אָט זיצט ער דאָ", האָט זי מיט אַ פֿינגער אָנגעוויזן אויף אים, און אים איז געוואָרן גוט אויפֿן האַרצן. „באַשר די שילומים. ווי מיר וואָלטן זיי אויסגעטראַכט. באַשר עקספּלאָאַטאַציע פֿון פֿרעמדער אַרבעט. מיר האָבן דעמאָלט מורא געהאַט, אַז מיר גייען צעברעכן פֿאַרהייליקטע אידעאָלאָגישע ווערטן. איך האָב דעמאָלט נישט מורא געהאַט און האָב הײַנט נישט מורא. אונדזער באַוועגונג איז אַ סאָציאַליסטישע, וואָס עס מיינט, אַז מיר דאַרפֿן זיך כּסדר באַנײַען. פֿון דעם שטאַנדפּונקט האָט זיך די ערשטע אונטערנעמונג באַרעכטיקט. אונדזער באַוועגונג איזאָלירט זיך נישט פֿון דער ווירקלעכקייט אין דער מדינה. די פּראָבלעמען פֿון דער מדינה זענען אונדזערע. דאָס פּראָבלעם פֿון קליטה פֿון נײַע עולים איז אונדזער פּראָבלעם. די אַנטוויקלונג פֿון דער מדינה איז אונדזער פּראָבלעם. אַ נײַע אונטערנעמונג מיינט ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג, ווײַטערדיקע מעגלעכקייטן צו שאַפֿן אַרבעט־פּאָזיציעס פֿאַר נײַע עולים, לערנען זיי אַ פּראָפֿעסיע, גיבן זיי אַ מעגלעכקייט זיך מפֿרנס צו זײַן פֿון שפּעפֿערישער אַרבעט, און אויך לייזן דאָס פּראָבלעם פֿון אונדזערע אינערלעכע באַדערפֿענישן, דער יונגער דור זאָל נישט דאַרפֿן ציִען צו דער שטאָט, כּדי צו לערנען אין אַן אוניווערסיטעט, כּדי צו געניסן פֿון דעם ווילשטאַנד, וואָס די מדינה שאַפֿט פֿאַר דער שטאָטישער געזעלשאַפֿט. איך לייג דעריבער פֿאָר..."

„מ׳דאַרף נישט מער קיין דיסקוסיעס!״ האָט אַברהמל פּלוצים אויסגערופן גאָרנישט אין זײַן שטייגער.

יהודית האָט אַ שטראַלנדיקן שמייכל געטאָן:

„אַברהמל, איך האָב דאָס וואָרט און נישט דו. פּאַר וואָס כאַפּסטו מיר אַרויס די ווערטער פון מויל? האָסט נישט דײַנע אייגענע? א י ך לייג פאָר מיר זאָלן דער מזכּירות געבן דעם מאַנדאַט צו רעאַליזירן דעם פּראָיעקט. אַ דאַנק״.

אַברהמל האָט מיט אויפגעהויבענע הענט אַפּלאָדירט לאַנג און ענטוזיאַסטיש, ביז דער פאָרזיצער האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ס׳איז גענוג. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו יהודית און איר געזאָגט:

„יהודיתל, דו ביסט אונדזער גאָלדע מאיר״.

אויף צו מאָרגנס האָט אַברהמל זיך אַרײַנגעשטעלט אין דער מזכּירות אויף איבערצורעדן וועגן אַן אַנדער סידור־העבודה פאַר אים. אַזוי פיל יאָרן געאַרבעט אין רפת איז גענוג. אַ מענטש ווערט נישט ייִנגער, האָט ער געזאָגט, קומט אַ צײַט און מען דאַרף טאָן אַ לײַכטערע אַרבעט. איצט, אַז דער משק פאַרנעמט זיך פאַר אַ נײַער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג, קען ער אונטערשטעלן אַ פּלייצע. ס׳גייט וועגן לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און כּלים — ס׳איז אים נאָענט צום האַרצן דער ענין. וועט ער נעמען אַ צוויי וואָכן אָפּרו און זיך אונטערגאַרטלען צו דער אַרבעט מיט נײַע כּוחות. ער געדענקט אַפילו נישט ווען ער האָט זיך אָפּגערוט. דאַכט זיך זינט דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, אָדער עפּעס אַזוי אַ פיר יאָר ווי ער האָט נישט גערוט.

אַברהמל האָט מער נישט צו רו געלאָזט. ער איז אַרויס פון רפת. גענומען צוויי וואָכן אָפּרו און אויף אַ פּאָר טעג אַרויסגעפאָרן קיין חיפה און תל־אביב „זען די וועלט״. צום ערשטן מאָל פאַר די אַלע יאָרן האָט ער אין חיפה געקויפט אַ פּלעשעלע אָדעקאָלאָן און אַ פּאָר באָד־הייזעלעך און אַוועק אויף דער פּלאַזשע זיך באָדן אין ים. ווי עמעצער אויף דער פּלאַזשע וואָלט געוווסט זײַן סוד, האָט ער נאָכן באָדן זיך דיסקרעט געשמעקט צו זײַן לײַב און געזוכט דעם ריח פון רפת. דאָס זעלבע האָט ער געטאָן נאָך דעם ווי ער האָט מיט אַ שאַרפן טוש אַראָפּגעשווענקט פון זיך דעם זאַלץ פון ים. נאָך די פּאָר טעג איז ער צוריקגעקומען אין קיבוץ אַ יום־טובדיקער. ער האָט זיך מער נישט געקענט דערמאָנען דעם ריח פון רפת. ער האָט זיך אָנגעמאָלדן אין דער מזכּירות אַ גרייטער, כּאָטשבי איבערצונעמען די אָנפירונג פון דער נײַער אונטערנעמונג.

אַברהמל האָט איצט געהאַט אויך מער צײַט. די טעג זענען פאַר אים לענגער געוואָרן. ער האָט מער פאַרבראַכט אין דער ביבליאָטעק און זיך אָנגעהויבן צוהערן צו די ווירטשאַפטלעכע נײַס. אויך אין די צײַטונגען איז ער פון דער פּאָליטיק שנעל איבערגעגאַנגען צו דער אָפּטיילונג פאַר ווירטשאַפט. ער האָט אויך ביז איצט געוווסט, אַז דאָס לאַנד געפינט זיך אין פּראָספּעריטי; זי האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויפן קיבוץ, אָבער ער האָט ווייניק געוווסט ווי דאָס לאַנד האָט זיך ווירטשאַפט־לעך אַנטוויקלט. אַמאָל האָט מען גערעדט וועגן הונדערטער טויזנטער פונטן, צי־

מיליאָנען, איצט — מיליאַרדן פונטן. און דער עיקר, ער האָט זיך נישט פֿאַרגעסטעלט, אַז מיר זענען געוואָרן מיליטעריש אַזוי שטאַרק, אַז קיין שום אַראַבישן שכן וועט מער נישט איַינפֿאַלן אויף אונדז אַנצופֿאַלן, אָדער באַדראָען. די שכנים האָבן אַ ברירה צו קומען צו אונדז און בעטן מאַכן שלום. מיר דאַרפֿן נישט דעם שלום! מיר קענען לעבן אויך אָן אים! פֿון די באַריכטן פֿון רעדעס פֿון גאָלדע מאיר און פֿון דעם זיכערהייט־מיניסטער משה דיין דרינגט אַרויס, אַז נישט מצרים און נישט סיריע טראַכטן וועגן רעוואַנזשירן זיך פֿאַר דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. טאָמער וועלן זיי פּרוּוון אַ צווייט מאָל, וועלן זיי אַרויס מיט מער צעבראָכענע ביינער ווי דעמאָלט. זענען זיי איצט פֿאַרנומען מיט זייערע אינערלעכע פּראָגן. די נויט בלאָזט ביַי זיי פֿון אַלע ווינקלען. מיליאָנען מצרים האָבן נישט צו עסן קיין טעלער פֿול און קיין פּיטע, האָט אַנוואַר סאַדאַט, זייער פּרעזידענט, מיט זיך צו טאָן. ער וועט נישט איבערחזרן די נאַרישקייט פֿון זייַן פֿאַרגייער אַבדול נאַצער. מיר זיצן ביַים סועץ־קאַנאַל און אויב עס זאָל זיך אים פֿאַרגלוסטן אַ נייַע מלחמה־אַוואַנטורע, וועט אַפֿילו דאָס וואַסער אין סועץ־קאַנאַל זיך פֿאַרוואַנדלען אין פֿלאַמען.

אויף וויפֿל דער נייַער מעמד זייַנער האָט געשטאַרקט זייַן זעלבסטזיכערקייט, אַזוי איז ער געבליבן עניוותדיק און צוריקגעהאַלטן כּלפּי יהודית. ער איז איצט אָפֿטער אַריַינגעקומען צו איר, פֿאַרבונדן אַ שמועס דאָ וועגן דעם משק, דאָ וועגן דני און געפּרוּווט אַפֿילו אָנדייַטן וועגן זייער בשותּפֿותדיקער צוקונפֿט. אָבער נישט מער.

יהודית איז נישט געבליבן גלייַכגילטיק צו דער ענדערונג וואָס ס׳איז פֿאָרגעקומען אין אַברהמלען. איר איז דווקא געפֿעלן וואָס ער האָט זיך אַריַינגעוואָרפֿן מיט איבערגעגעבנקייט אין דעם פּראָיעקט מיט דער צווייטער אונטערנעמונג. איצט, אויב דער קיבוץ העלפֿט זיך אַרויס מיט פֿרעמדער לוין־אַרבעט, האָט נישט קיין זין ותיקים אין קיבוץ זאָלן זייער כּוח אַוועקגעבן פֿאַר דער שוואַרצער אַרבעט אין רפֿת. איין מאָל איז יהודית אַפֿילו אויפֿמערקזאַם געוואָרן אויף זייַן אָדעקלאָן. אַברהמל האָט זיך פֿאַררויטלט ווי אַ יונגער בחור און זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז ער האָט זיך נאָר וואָס אָפּראַזירט. פֿאַר אים איז עס געווען אַ גוטער סימן, אַז ער איז פּטור געוואָרן פֿון דעם ריח פֿון רפֿת אויף אַלע מאָל.

פֿאַר יהודית איז עס נישט געווען קיין סוד, אַז אַברהמל האָט זי ליב. זי האָט דערוועגן געוווּסט אַלע יאָרן. אויך דעמאָלט ווען אַביגדור האָט געלעבט און איז געווען געזונט. עס איז איר געווען אָנגענעם וואָס אַברהמל זוכט געלעגנהייטן צו באַדינען איר. פֿאַר איר איז ער אַלע מאָל גרייט. זי ווייסט, אַז דערמיט וואָס זי העלפֿט זיך אַרויס מיט אים, טוט זי אים נישט קיין עוולה. פֿאַרקערט, ער וואַרט דערויף. ס׳איז אים גוט ווען ער איז נאָענט צו איר. באַזונדער און מיט אָן אַנדער געפֿיל האָט זי אים געדאַרפֿט האָבן אין אַביגדורס קראַנקייט און נאָך זייַן טויט. ער איז איר דער נאָענטסטער מענטש אין קיבוץ. דאָך ווען זי ווערט צוגעקלעמט זעט זי נישט אין אַברהמלען קיין אָנלען. זי טעלעפֿאָנירט דעמאָלט צו איר שוועסטער,

ד"ר אליעזר, אין תל־אביב, פריִער ווי זי טעלעפאַנירט צו אירע עלטערן אין זכרון. מיט איר שווער דאַרף זי אַפילו נישט רעדן. זיי זענען זיך אַזוי נאָענט, אַז טאַמער טעלעפאַנירט זי צו אים, פאַרשטייט ער פון דעם טאָן פון איר „שלום, אבא" וואָס איר טוט וויי.

בעת דני איז גערופן געוואָרן אין מיליטער־דינסט און ער האָט זיך פרייַ־וויליק אָנגעמאָלדן צו דינען אין אַ טאַנקען־אָפּטיילונג, האָט זי אַלאַרמירט אליעזרן. איידער זי האָט אים געזאָגט אין וואָס עס גייט, האָט ער זי באַרויִקט: „דני. כ'וויס. ער האָט אַלע מאָל געוואָלט זייַן אַ פּאַראַשוטיסט, אָדער אַ טאַנקיסט. ער איז פול מיט ביטול פאַר די ,דזשאָבניקעס'. ווי זייַן מאַמע האָסטו רעכט צו מעלדן אין דער אַרמיי־אָנפירונג, אַז דני איז בייַ דיר אַן איין און איינציקער זון. האָסט נישט מער קיין קינדער, און ביסט נישט מסכּים דייַן זון זאָל זייַן אַ קאַמף־זעלנער".

יהודית האָט אַ קרעכץ געטאָן. אליעזר האָט פאַרשטאַנען דעם קרעכץ. ווי קען זי, אַ מאַמע פון קיבוץ, שרייַבן אין דער אַרמיי אַזאַ מין ווענדונג? אין דער אומ־אָפּהענגיקייטס־מלחמה, ווען דער קיבוץ איז באַדראָעט געוואָרן, האָבן אויך איינציקע זין געקעמפט מיט געווער. צי שטייט איר עס אָן איצט צו דערוויַיטערן איר אייגע־נעם זון פון אַ געפאַר, וואָס עס דראָעט אים דערווייַל נישט? נאָר דני גופא קען עס טאָן. ער האָט אַ מאָטיוו. זי איז אַליין. זי איז שוין נישט מער יונג און זי דאַרף האָבן די שוץ פון אַן אייגענעם זון אין קיבוץ.

אליעזר האָט איר געעצהט זי אַליין זאָל רעדן מיט דני און אויב זי וועט נישט פועלן בייַ אים, וועט ער, אליעזר, ווי דניס זיידע, זיך ווענדן צו דער אַרמיי, אַז זייַן איניקל איז דער איינציקער זון בייַ זייַן מוטער.

בעת דניס קורצע, געכאַפּטע וויזיטן אין קיבוץ, האָט יהודית געפּרוּווט שמועסן מיט אים וועגן דער זאַך. זי האָט אים אויפריכטיק דערקלערט, אַז אין איר שטאַנד אין קיבוץ פּאַסט איר נישט צו ווענדן זיך מיט אַ בקשה צו באַפרייַען אים פון דער טאַנקען־איינהייט. ער — קען דאָס טאָן. דני האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן דערוועגן. אויב עס פּאַסט נישט דער אַלמנה פון אַ געפאַלענעם אָפיציר — האָט ער געזאָגט — ווי פּאַסט עס פאַר דעם זון פון דעם געפאַלענעם אָפיציר?

יהודית האָט זיך אָנגעגורט און געזאָגט:

„מוטערס האָבן אַ קליינע השפּעה אויף זין. אויך אויף טעכטער. איך ווייס עס, דני. איך וואָלט דאָך געוואָלט רעדן צו דיר, דו זאָלסט מיר פאַרשטיין. אפשר זאָל איך צו דיר רעדן דורך... תמרה?"

אַ ליכטיקער פאַרזשעניִרטער שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף דניס פּנים, און יהודית האָט אין דעם שמייכל געזען אַביגדורן. זי האָט אַרומגעכאַפּט איר זון און אים געהאַלדזט ווי ער וואָלט לאַנג געווען אַוועק פון איר און איצט האָט ער צוריקגעקערט.

„דני טייַערער, איך האָב נישט מער פון דיך. איך וועל מער נישט האָבן אויסער דיך", האָט זי אים געקושט אין די באַקן, אין האַלדז, אין שטערן. „דני, טו עס פאַר מיר".

דני האָט אויפגענומען די צערטלעכקייטן פון זײַן מוטער און ווי ער וואָלט געווען אַ מאַן מיט נסיון געזאָגט:

„אמא, שטח איז רעלאַטיוו. דער צריף דאָ האָט שטח, דער קיבוץ האָט שטח און אויך די מדינה האָט שטח. בײַ דיר איז דער פאָטער אויך געווען אײנציק. יאָ אָדער נישט? צי האָט ער נישט פאַרטיידיקט דעם קיבוץ? צי איז פאַראַן אַן אונטערשייד אין וועלכן פּלאַץ עס איז געצילט די קויל ווען זי ווערט געצילט? די מדינה איז אַ גרויסער קיבוץ און אין דעם קיבוץ בין איך אַ גלײַכער חבר. יאָ אָדער נישט, אמא? זאָג מיר אַז ס'איז נישט אַזוי. וועסט עס מיר נישט זאָגן, איך בין גערעכט. פאַר דײַן רויִקייט וויל איך דיר נאָר זאָגן, אַז קעמפן אין אַ טאַנק איז זיכערער ווי קעמפן ווי אַ פוסגייער. אַ פוסגייער איז נישט געשיצט; דער פאַנצער פון אַ טאַנק איז אַ שוץ. אין אַ טאַנק פילט מען זיך זיכער ווי אין אַ פעסטונג".

„וואָס זאָגט תמרה?" האָט יהודית געזוכט דעם בליק פון איר זון.

ווידער ווערט זײַן פּנים פאַרגאָסן מיט פאַרזשעניִרטן שמייכל:

„תמרה... אירע מיינונגען זענען נישט מײַנע... אירע מיינונגען זענען אַנאַר־כיסטישע... זי האָט געהאַט פּלאַנירט צו פאָרן קיין פאַריז העלפן בענדיט־כּהן צו מאַכן די רעוואָלוציע. נאָר איידער זי האָט זיך אַנטשלאָסן צו בעטן אויף אַן עראָ־פּלאַן־קאַרטע, האָט זיך די רעוואָלוציע אין פאַריז פאַרענדיקט. זי האָפט אויף נאָך אַ רעוואָלוציע ערגעץ־ווו".

„זי איז מסכּים דו זאָלסט זײַן אַ טאַנקיסט?"

„איך האָב נישט געפרעגט בײַ איר קיין מיינונג און זי האָט מיר אויך נישט געזאָגט. וואָס איך האָב געהערט פון איר איז נאָר דאָס אַז זי אַליין וואָלט געוואָלט פירן אַ טאַנק, מסתּמא כּדי צו מאַכן אַ רעוואָלוציע", האָט דני געזאָגט מיט פריי־לעכקייט.

יהודית האָט אַנגעווענדעט איר לעצט געווער:

„דני, דער זיידע אליעזר וויל זיך ווענדן צו דער אָפּטיילונג פון מענטשן־כּוח אין דער אַרמיי, זי זאָל דיך באַפרײַען פון דער קאַמף־איינהייט".

דני האָט געשטורעמט:

„אמא, איך בין נישט מער קיין יִינגל! נאָר א י ך גופא קען באַשטימען מײַן אייגענעם גורל. ס'איז נישט מער יענע צײַט ווען דער זיידע האָט מיך אָוועקגע־פירט פון דער קריה ווי אַ יִינגל. וועסט אָנרופן דעם זיידן און אים בעטן ער זאָל גאָרנישט טאָן, וואָס קען ענדערן מײַן ווילן. וועסט עס טאָן, אמא!"

„דני, דו ביסט אַן עקשן. דו פאַרטיידיקסט אַ נישט־גערעכטע זאַך!" האָט יהודית געפּרוּווט ווירקן אויף אים.

„איך בין אַן עקשן אין פאַרטיידיקן זיך אַליין און מײַנע אָנשויונגען".

דערמיט האָט זיך געענדיקט דער וויכּוח צווישן מוטער און זון.

יהודית האָט זיך געטרייסט דערמיט, אַז אין די צוויי יאָר וואָס זענען געבליבן דנין צו פאַרענדיקן זײַן מיליטער־דינסט וועט נישט זײַן קיין מלחמה. די מיינונג

פון אָנפירנדיקע חברים אין קיבוץ איז אַן אָפּטימיסטישע. די זיכערהייט־אינסטאַנצן אין דער מדינה שאַצן אָפּ, אַז אין די נאָענטסטע פינף יאָר וועט קיין שום אַראַבישע מדינה נישט זײַן פעיִק אַרויסצוגיין אין אַ מלחמה. די מצרים דאַרפן נאָך האָבן אַ סך יאָרן, כּדי צו רעסטאַווירן זייער אַרמיי, באַפרײַען די אַרמיי פון דער טראַומאַ פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. זיכער, צוזאַמענשטויסן בײַם סועץ־קאַנאַל וועלן אויך ווײַטער זײַן. די אַראַבער קענען נישט אַנדערש. אויסער דעם, אויב אַפילו עס זאָל דעם מצרישן פירער אײַנפאַלן אַרויסצורופן אַן אָפענע מלחמה־אַוואַנטורע, וועט ער זיך גאָר שטאַרק אָפּבריִען: אויף דעם מזרחדיקן ברעג פונעם סועץ־קאַנאַל, לענגאויס דער בר־לב־ליניע איז אין געהיים אינסטאַלירט געוואָרן אַ קונציקע נעץ פון נאַפט־רערן מיט ברענערס. בײַ דעם מינדסטן פּרוּוו צו פאָרסירן דעם קאַנאַל פון דער מערב־זײַט, וועט דאָס וואַסער פונעם סועץ פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גיהנום, וואָס אין זײַנע פלאַמען וועלן פאַרברענט ווערן די דעסאַנט־שיפלעך מיט די מאַנשאַפטן, ווי אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה זענען פאַרברענט געוואָרן די מצרישע עראָפּלאַנען און טאַנקען מיט זייערע מאַנשאַפטן.

אין אָט דער שטימונג פון זיכערקייט און פּראָספּעריטי האָט זיך דער קיבוץ געשטעלט אויפבויען דעם בנין פאַר דער נײַער אונטערנעמונג. דער בנין איז גע־בויט געוואָרן אַ הונדערט מעטער נידעריקער פון דעם ווירטשאַפטלעכן טייל אינעם קיבוץ, כּדי עס זאָל זײַן גענוג פּלאַץ פאַר ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג. אַברהמל איז געוואָרן אויפזעער בײַ דער בוי־אַרבעט. פון אָנהייב איז עס אים אָנגעקומען שווער. ווי קען אַ מענטש שטיין ליידיק און זיך צוקוקן ווי אַנדערע אַרבעטן? אַ מענטש דאַרף אונטערשטעלן אַ פּלייצע. ביסלעכווײַז האָט ער זיך צוגעוווינט און ער האָט אײַנגעזען, אַז קאָנטראָלירן די אַרבעט מיינט רעכט „אונטערשטעלן אַ פּלייצע". און אַזוי פלעגט ער נאָך דער אַרבעט קומען צו יהודיתן איר דערציילן ווי עס האַלט. זי האָט אַ גרויסן חלק אין דער זאַך. ער וועט עס קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווי זי איז דעמאָלט אַרויסגעטראָטן אויף דער פאַרזאַמלונג.

„געדענקסט, יהודיתל?" האָט ער געגומען אַ טאָן ווי ער וואָלט וועלן נאָכמאַכן איר שטים, „איך ווייס נישט צוליב וואָס מיר דאַרפן אַזוי פיל דיסקוטירן וועגן אַן ענין, וואָס איז לכתחילה קלאָר". יהודיתל, שטעל זיך פאָר: דער פונדאַמענט און די זײַלן פון דעם בנין וועלן קענען אויסהאַלטן הייבערס פאַר צוואַנציק טאָן משׂא. אין דער הייך, אונטער דעם אַזבעסטענעם דאַך וועלן לויפן שינעס, וואָס וועלן אין איין רגע קענען איבערשיבן אַ שטייגער אַזאַ צריף ווי דעם, ווי איך טראָג איבער אַ שטול פון איין פּלאַץ צום צווייטן".

אַברהמל האָט געהאַט פאַר איר נאָך אַ בשׂורה: די מאַשינען וועלן נישט זײַן קיין דייטשע. אַמעריקאַנער מאַשינען וועלן עס זײַן. און אַלץ וועט זײַן מיט קנעפּ־לעך. דאָ אַ קוועטש און דאָרט אַ קוועטש און האָפּ! — די רעדער דרייען זיך, די שטאַנצן פּרעסן, די הידראָווּלישע האַמערס ניטעווען און די כּלים קומען אַרויס פאַרטיקע. ס'וועט אַפילו נישט זײַן נויטיק אַרײַנצוברענגען אַ סך לוין־אַרבעטער פון אויסן.

און אַזוי איז געשען, אַז איין מאָל, אין דער התלהבות פון איבערגעבן יהודיתן זײַנע באַריכטן, האָט ער זיך, אָן זײַן בפירושן ווילן, אַרויסגעכאַפּט מיט זײַן חלום:

„ס'וואָלט אַלץ גוט געווען ווען דו וואָלסט מיך בעסער פאַרשטאַנען, מיר זאָלן זיך זײַן נענטער. דאָס פעלט מיר". אַבּרהמל האָט נישט געקענט צוריקכאַפּן דאָס געזאָגטע. און אַז זי האָט געשוויגן איז ער ממשיך געווען, איצט שוין מיט מער מוט: „ווי לאַנג וועל איך זײַן פון איין זײַט און דו אין דײַן צריף פון דער צווייטער זײַט משק? דו ווייסט ווי אײַנגעבאַקן דו ביסט מיר אין האַרץ. דו ביסט אַליין און איך בין אַליין, פאַר וואָס זאָלן מיר נישט זײַן צוזאַמען. מיר דאַרפן זײַן צוזאַמען".

אַבּרהמלען האָט זיך שפּעטער געדאַכט, אַז דאָס וואָס ער האָט געזאָגט האָט ער געדאַרפט זאָגן אַנדערש. אָבער באַדויערט האָט ער נישט. ס'איז אַרויסגעקומען ווי יהודית וואָלט געוואַרט אויף דעם ער זאָל זיך אויסלאָדן פון דעם, וואָס זי האָט געפילט, אַז עס דריקט אים. אַלע מאָל, נאָך זײַן אַוועקגיין ווערט איר געמיט טריב, ווי זי וואָלט אים שולדיק געווען אַ חוב וואָס מיט זײַן יעדן וויזיט ווערט ער גרעסער. ער האָט איר אַזוי פיל געהאָלפן, געדינט איר מיט אַזאַ געטרײַשאַפט ווי קיין שום אַנדער מענטש, און זי — זי האָט אים נישט געהאָלפן ער זאָל זיך אַרויסרעדן. ווען ער רעדט צו איר, דערציילט איר וואָס עס פאַרלויפט זיך אין אַרום, ווייסט זי געגנוי, אַז דעם עיקר וואָס ער וויל איר זאָגן — זאָגט ער נישט. אַזוי ווי דאָס מאָל האָט עס אַרויסגעפּראַלט פון אים אָן שום פאַרבינדונג צווישן דעם וואָס ער האָט דערציילט און דעם וואָס איז נאָכגעקומען.

ווי אַבּרהמלען איז אי לײַכטער און אי שווערער געוואָרן, אַזוי איז געווען מיט איר געמיט. ער האָט געפּלאַטערט, געוואָלט הערן איר ענטפער און אין דער זעלבער צײַט געוואָלט איר ענטפער זאָל זיך פאַרזוימען, אויב ער דאַרף זײַן אַן אַנדערער ווי ער וויל אים הערן. און אַזוי איז איר שווײַגן געוואָרן טיפער, פאַר־קראַמפּט. ער האָט געקוקט אויף איר און זי האָט געקוקט אויף אים, ווי פון האָבן זיך צו זאָגן אַ סך זענען די ווערטער זיך צעפלויגן, זיי האָבן נישט קיין לשון.

קוקנדיק אויף זײַן פאַרברוינט און צו מאָל צעאַקערט פּנים, וואָס איז געווען פול מיט דערוואַרטונג, האָט זיך איר געמיט פאַרוואָלקנט, אַזוי ווי עס געשעט: די זון שײַנט, נאָר פּלוצים שוועבט אָן אַ כמאַרע, זי רוקט זיך ביסלעכווײַז אָן אויף דער זון, פאַרטונקלט איר ליכט און צום סוף ווערט דער אַרום געוויטערדיק.

די אַלע יאָרן נאָך אַביגדורס טויט האָט זי געטראָגן זײַן געשטאַלט אַ לעבע־דיקס. ער איז נישטאָ נעבן איר, ער איז ווײַט, נאָר זי פילט אים נעבן זיך. דניס קינדערשער שמייכל דערנענטערט אַביגדורס געשטאַלט. ווען זי באַגעגנט זיך מיט איר שווער און ער נעמט זי אַרום, איז ווי אַביגדור וואָלט זי אַרומגענומען מיט אַזאַ ים פון תּענוגדיקער וואַרעמקייט. אַביגדור איז געווען אַזוי ענלעך צו זײַן פאָטער! נײן, אייגנטלעך איז ער נישט געווען ענלעך, ווי דני איז נישט ענלעך צו זײַן פאָטער, אָבער אין געוויסע רגעס, אין דעם שמייכל זייערן, אין אַ האַנט־באַוועגונג, אין אַן אומגעריכטער ווענדונג, זענען אַלע דרײַ ענלעך צו זיך ווי דרײַ

גלײַכע רינגען אין אַ קייט. אליעזר איז איר אָנהאַלט. מיט אים איז זי נאָענט צו אַביגדורן. זי האָט געמיינט אַז אויך דני וועט זײַן פאַר איר אַן אָנהאַלט. איצט זעט זי די אײַטלקייט. דני געהערט שוין צו אַן אַנדערער. מעגלעך אַז ער איז אַלע מאָל געווען דערווײַטערט. געהאָדעוועט געוואָרן אין קינדערהויז. גענערט געוואָרן נישט פון איר. נישט זי האָט אים געבאָדן און נישט זי האָט אים געקליידט. זי פלעגט דאָך אים זען ווי קרובים זעען זיך אויף וויזיטן. זי האָט זיך געשפּילט מיט אים אין די פאַרנאַכטן, נאָך דער אַרבעט, אויפן גראָז. ער איז, אמת, אַלע מאָל איר אַנטקעגנגעלאָפן: „אמא׳לע, אמא׳לע!" ער האָט זיך פאַרקײַכט פון פרייד, פון בענקשאַפט, אָבער דער אָוונט האָט אים ווידער צוגענומען פון איר. מעגלעך, אַז דער קיבוצישער שטייגער פון האָדעווען קינדער איז נישט קיין ריכטיקער. אַ קינד דאַרף זיך האָדעווען נעבן דער מאַמען, וואַקסן אין איר וואַרעמקייט, געשיצט ווערן פון איר בליק. אַז עס פילט זיך באַדראָעט צי באַעוולט, זאָל עס אײַלן צו אירע אָרעמס. פאַר וואָס פאַרשטייען עס אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן און פאַר וואָס האָבן עס מענטשן אויפגעהערט צו פאַרשטיין? איצט איז שפּעט. אַזוי שנעל ווי ער וועט באַפרײַט ווערן פון דער אַרמיי וועט ער צוריקקומען נישט צו איר — צו דער ווילדער תמרה וועט ער צוריקקומען. תמרהן וועט קיין אַנדערע נישט פאַרטרעטן! זי וועט אים האָבן אין גאַנצן פאַר זיך: בײַ טאָג, בײַ נאַכט, בײַם עסן, בײַם רוען. ד ע ר לעבעדיקער טייל פון אַביגדורן וועט זיך האָבן אָפּגעריסן פון איר. איצט — זי האָט דאָך קיין מאָל דײַטלעך נישט געטראַכט וועגן אַזאַ מעגלעכקייט — אויב זי זאָל זיך פאַרבינדן מיט אַברהמלען, וועט זי איבעררײַסן מיט אליעזרן, דעם פאָטער פון אַביגדורן. זי וועט אויך ד ע ם לעבעדיקן טייל פון אים האָבן פאַרלוירן.

זי האָט געקוקט אויף אַברהמלס פּנים, אָבער אויסטערליש ווײַט איז געווען איר בליק. אַזוי ווײַט אַז אים האָט אַרומגענומען אַ רחמנות אויף איר, ווי ער וואָלט יהודיתן געזען אין פּײַן. ער האָט אָפּגעהוסטלט, כּדי זי צוריקצוברענגען אין צריף. אַ שמייכל איז אַריבער איבער איר פּנים, ווי זי וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט. דערנאָך האָט זי געזאָגט:

„דו ביסט אַ האַרציקער מענטש, אַברהמל, און אַ פרײַנד וואָס קיין צווייטן אַזאַ אין משק האָב איך נישט. וואָס דו האָסט מיר געזאָגט איז געקומען אַזוי פּלוצים, אַזוי אומגעריכט. דני דאַרף באַפרײַט ווערן פון דער אַרמיי. מסתּמא וועט ער גיין ווױנען מיט תּמרה. ווי קען איך טראַכטן וועגן זיך אויב מײַנע מחשבות זענען אין גאַנצן מיט דני? דאַרף איך דיר זאָגן וואָס ער איז פאַר מיר?"

„ניין, יהודיתל, דאַרפסט מיר נישט זאָגן. איך ווייס", האָט אַברהמל נישט אָפּגעלאָזט איר בליק. „וועל איך וואַרטן ביז דני וועט צוריקקומען און חתונה האָבן מיט תּמרה. אַבי איך האָב דײַן צוזאָג".

יהודית האָט געשוויגן. איר רירנדיקער שמייכל איז געווען פאַר אים דער ענטפער וואָס ער האָט געוואָלט הערן מיט ווערטער.

32

אין תוך אַ פֿילבאַרער, האָט אליעזר געטריבן פֿון זיך סענטימענטאַלקייט; מען טאָר זי נישט קעכלען, ווי אַ מענטש טאָר נישט קעכלען זײַן שלאַפֿקייט. ער האָט דעריבער געמיינט אַריבערהיפּערן די דאָטע פֿון פֿינף און צוואַנציק יאָר זײַט זײַן צוריקקער אַהיים. צו וואָס זיך אָפּשטעלן? צו וואָס זיך פֿאַרטיפֿן אין אָוועקגעגאַנגענע איבערלעבונגען און זיי צוריקרופֿן? אָפּט, ווען ער טראַכט בלויז וועגן דער אָנגעלאָדנקייט אין דעם פֿערטל יאָרהונדערט זײַט ער און דוד זענען אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער שיף בײַם ים־ברעג און ער האָט מיט זײַנע הענט דערפֿילט די ערד פֿון ארץ־ישׂראל, רופֿט זי בײַ אים אַרויס אַן אויסטערלישע אַסאָציאַציע: אַ חיה איז לאַנג פֿאַרקלעמט אין אַ שטײַג. אירע טעג פֿון אַרומשפּאַנען אין דער שטײַג ווערן אויסגעפֿילט מיט דער בענקשאַפֿט צו זײַן פֿרײַ. פּלוצים ווערט זי באַפֿרײַט. פֿון איר גרויסער פֿרייד ווערן אירע אינגעווײדן צעשפּאַרט פֿון דער באַדערפֿעניש צו לויפֿן און אַרויסצוברילן פֿון זיך אַלע אָנגעזאַמלטע קלעמענישן. אָבער שוין בײַם ערשטן שפּרונג קלאַפּט זי זיך ווידער אָן מיטן קאָפּ אָן די שטאַנגען פֿון אַ נײַער שטײַג. שטאָט אַרויסצוברילן פֿון זיך די קלעמענישן, שרײַט זי איצט פֿון איר נײַעם ווייטיק. ניין, אַ ייִדישער מענטש, ווי ער, אליעזר, נאָך דעם אַלעמען וואָס איז אַריבער איבער אים, טאָר זיך נישט אָפּשטעלן אויף צו מאַכן סך־הכּלען, ווי מען טאָר נישט פֿאַרסך־הכּלען און מאַכן דעם אויספֿיר פֿון שטורעמס און געוויטערס, אַז די נאַטור און דאָס מענטשלעכע לעבן איז בלויז געוויטער. וועמער איז שולדיק דערין אַז אַ מענטש אויף דער עלטער געפֿינט נישט דעם פּלאַץ פֿון זײַנע ערשטע אײַנדרוקן וועגן גרויסקייט און שיינקייט, אַזוי ווי זיי האָבן זיך אָפּגעזעצט אין זײַן זכרון? וועמער איז שולדיק אויב אַלץ אין דער ווירקלעכקייט איז דעמאָלט אײַנגעשרומפּן און קליין? אַפֿילו די זון שײַנט נישט ווי זי האָט געשײַנט דעמאָלט.

אין אַזאַ צײַט — שפּאַן אַריבער, קוק זיך נישט אום אויף צוריק. ס'איז דער וועג. און אַ וועג ווי אַ וועג: דאָ אַ שטיין, דאָ אַ לאָך, באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ. היט זיך פֿון שטרויכלונגען און גיי, גיי — וועסט דערגיין, ייִדישער מענטש!

אַזוי האָט געטראַכט אליעזר וועגן די אָפּגעלאָפֿענע פֿינף און צוואַנציק יאָר און געמיינט האָט ער די דאָטע אַריבערהיפּערן. נאָר דוד, און מיט אים יוכבד, זענען צוגעשטאַנען, אַז די דאָטע גיט אַן אויסערגעוויינטלעכע געלעגנהייט פֿאַר אַ

נישט שאַבלאָנער מסיבה. די פּריוואַטיק־צו־נאַכט־צוזאַמענקומען מיט זייערע יונגע פרײַנד חזרן זיך איבער סטערעאָטיפּיש, איינער ענלעך צום צווייטן אָדער ווי אַ המשך פון דעם זעלבן: באַנאַלער הומאָר אויף אַקטועלע פּאָליטישע געשעענישן. און ווידער וועגן מילואים, רעוואַנזש־אַקטן אויף די גרענעצן און אָבער וועגן שטײַערן; ווער עס האָט זיך שוין געגט און ווער עס קלײַבט זיך גטן; ווער עס פאַרראַט עמעצן און מיט וועמען. די מסיבה, פינף און צוואַנציק יאָר זײַט זיי זענען געקומען, וויל ער, דוד, ווידמען כאַטשבי יוכבדן און זײַנע צווייי זין. דאָס איז די פרייד. אַלץ אַנדערע האָט זיך אָפּגעזעצט ווי קוילן־שטויב. צי געדענקט נישט דער טאַטע ווי ער האָט זיך געשלאָגן קאָפּ אָן דער וואַנט? די וואַנט איז געבליבן און ס׳איז דאָ דער קאָפּ. איצט זענען צווישן זיי פאַראַן יוכבד, שלמה און יואב. און צו זיי טוליעט זיך דער קאָפּ...

אליעזר האָט נאָכגעגעבן. נישט מער, די אָפּמערקונג וועט זײַן בלויז צווישן נאָענטע. ווער זענען די נאָענטע? די וועלכע פאַרשטייען זענען נאָענטע. סײַ ווי קען ער נישט פאַרבעטן קיין סך מענטשן. זײַן דירה איז אַ קליינע, מוז ער פון צווישן די נאָענטע אויסקלײַבן די נאָענטסטע. ער וואָלט אוודאי וועלן האָבן בײַ זיך דעם יינגסטן דור — דני. ער וואָלט אויך פאַרבעטן זײַן חבר, הד, וואָס צוזאַמען מיט אים האָט ער זיך געהאַט געלאָזט אויף דער אַוואַנטורע אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. הד האָט מיט זײַן שטילקייט און קאָנצענטרירטקייט געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן רושם. אָבער ביידע זענען אין דער אַרמיי. דני אין גליל, בײַ טאַנקען, און הד אין לוטפלאָט ערגעץ ווו אין דרום. ד״ר אַרמאַזאַן מוז ער האָבן צו גאַסט דעם אָוונט. נישט בלויז דערפאַר וואָס ער האָט אים נאָך קיין מאָל נישט פאַרבעטן צו זיך. זײַט זיי האָבן זיך באַפרײַנדעט און די אומגעלומפּערטע אַשכנזי־ספרדי־מחיצה פון חשדים צווישן זיי איז נישט נישט געוואָרן, זעט אין אים אליעזר איינעם פון די אַלטע חכמי ספרד, וואָס האָבן גענומען דאָס גוטע פון זייערע אַראַבישע שכנים און דאָס אייגענע רײַכער געמאַכט. זײַן סטאָאישע רויִקייט און זײַן באַזאַכט רעדן, מאַכט ווערטיקער יעדעס וואָרט וואָס קומט אַרויס פון זײַן מויל. ער טראָגט מיט זיך אײַנגעזאַמלטע חכמה באַדעקט מיט דעם שטויב פון צײַט ווי ס׳איז באַדעקט אַלט גאָלד. וואָס עס פעלט אים כדי צו זײַן פולקאָם איז צו שרײַבן פּיוטים און אין דער זעלבער צײַט עראָטישע פּערזן.

יאָ, יהודית מוז אומבאַדינגט קומען. זי איז אים אַ טאָכטער. טאַמער וואָלטן זײַנע צוויי טעכטער דאָרט נישט אומגעבראַכט געוואָרן, וואָלט איינע זיכער געווען אַזאַ ווי עס איז יהודית. מסתמא וואָלט עס געווען נחמה, די עלטערע. זי איז געווען אַזאַ וואָס באַקומט זיך באַלד אַרײַן אין האַרצן און ווערט דיר נאָענט ביז טרערן. אַן אַנדערע איז געווען רחל, די יינגערע. נאָך אַ קינד, האָט זי באַצײַטנס געברענט אײַנצונעמען נישט ווינציקער ווי די גאַנצע וועלט אַן פּריִער אַרײַנצוקוקן אין איר צי זי איז עס ווערט. פינף קינדער און יעדעס אַ באַזונדער שטערן, מיט אַן אַנדער ליכט און מיט אַן אַנדער שימער.

אין דעם אָוונט האָט אליעזר אויך געוואָלט האָבן בײַ זיך אין הויז דאָס

קליינוואָרג, שלמה און יואב, דער זיידע זאָל זיך זיי אײַנקריצן אין זכּרון אין דעם פינף און צוואַנציקסטן יאָר פון ברענגען זייער פאָטער קיין ארץ־ישׂראל. יוכבד איז נישט מסכּים געווען. זי דערציילט זיי סײַ ווי אַלץ וועגן דעם זיידן. שלמה דאַרף אויף צו מאָרגנס גיין אין גן. מוז ער זיך גוט אויסשלאָפן, ווי אַ שיכּור. טאָמער שלאָפט ער זיך נישט אויס צו דער זעט, דעמאָלירט ער דעם גן מתוך ווילדקייט. דער פאָטער רופט אים כּולי־גן־טשיק. יואב איז אַ לעבעדיק זייגערל — עסן און שלאָפן מוז זײַן צו דער רגע. גייט אַריבער די רגע פון שלאָפן, שלאָפט ער אײַן שפּעט און מען מוז אים זינגען רק סענטימענטאַלע ניגונים; מאָדערנע פּאַרטראָגט ער נישט. אים רופט דוד קאָנסערוואַטיסט, רעאַקציאָנער. איז יוכבד באַשטאַנען, אַז זי וועט די צוויי ליבערשט אַוועקפירן צו דער באָבען אין ראשון; זי גיט זיך אַן עצה מיט ביידע, און זי אַליין, יוכבד, מיט דודן, וועלן האָבן אין גאַנצן אַ פרײַען אָוונט.

כאָטש ס׳איז שוין געווען לאַנג נאָך פּסח, האָט אליעזר צוגעגרייט אַ סעודה ווי צו אַ סדר. ער האָט באַשטעלט אויסגעזוכטע מאכלים, געקויפט פײַנע בלאַנקע־דיקע ווײַן־גלעזער און דווקא זיסן ווײַן ווי צו ארבע כּוסות. דעם טיש האָבן גע־דעקט אסתר און יוכבד, מיט בלומען און פאַרביקע ליכט. פינף ליכט — אײן לײַכטנדיקע ליכט פאַר יעדע פינף יאָר.

„אַ יחיד אין אַ דערפאַרן פאָלק לאָזט זיך נישט מבטל מאַכן”, האָט אליעזר באַרעכטיקט דעם רײַכן טיש. „יידן האָבן אַ קאָלעקטיווע יציאת־מצרים. אָבער יעדער איינציקער ייִד האָט זײַן אייגענע יציאת־מצרים — יציאת־פּוילן, אָדער יציאת־רוסלאַנד, אָדער יציאת־אַלזשיר...”

„אויסער יציאת־ארץ־ישׂראל”, האָט יוכבד נאָכגעזאָגט אין זעלבן טאָן ווי איר שווער.

אליעזר האָט צוגעלייגט דעם ווײַז־פינגער צו זײַן אונטערשטער ליפּ, ווי ער וואָלט זיך געקליבן שטראָפן זײַן שנור:

„אַ טעות, טאָכטער, מיר האָבן געהאַט און מיר האָבן אויך הײַנט אַ יציאת־ארץ־ישׂראל. מיט אַ זייער האַרבן אונטערשייד: יעדע יציאה פון וועלכער עס איז מצרים איז סײַ מיט פרייד און סײַ מיט לייד. יציאת־ארץ־ישׂראל איז געבונדן נאָר מיט לייד. נישט מער, כּדי זיך אײַנצוברענגען אַ ,להבדיל׳, ווי עס איז דער שטייגער בײַ יידן, רופט מען די יציאה פון ארץ־ישׂראל ,ירידה׳, כאָטש די וועל־כע זענען יורד טוען עס כּדי עולה לגדולה צו ווערן. זע וואָס פאַר אַ פילאָזאָפן יידן זענען?” ענדערנדיק פּלוצים דעם טאָן האָט ער זיך געוואָנדן צו ד״ר אַרמאָזאַ:

„פאַרנעמט, קאָלעגע, דעם פּלאַץ אַ דאָרט, אַנטקעגן מיר, און מיר וועלן זיך לאָזן באַדינען דורך די שענסטע פרויען וואָס איך פאַרמאָג; מײַנע ביידע שנורן”.

„כ׳שטעל זיך פאָר, קאָלעגע, אַז אײַך קומט אויס זיך פאַרענטפערן הלמאי איר האָט צוגענומען די שענסטע צוויי פרויען אין ישׂראל”, האָט ד״ר אַרמאָזאַ געמאָסטן זײַנע רייד און זיך געזעצט צום טיש.

„מיך נעמט אַרויס דערפון”, האָט יהודית זיך געוועדט. „אין מײַן עלטער רעדט

מען נישט מער ווי וועגן דער ,שענסטער׳, אַפילו נישט וועגן אַ ,שיינער׳. סײַדן ווי וועגן אַ גוטער און אַזאַ בין איך קיין מאָל נישט געווען״.

„גלויבט איר נישט, קאָלעגע!״ האָט אליעזר אויסגערופן אַנגיסנדיק ווײַן אין די גלעזער. „דאָס איז קיבוצישע באַשיידנקייט. נישט צוצונעמען די גוטסקייט פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו״.

דאָ האָט זיך אָפּגערופן יוכבד:

„יהודית, לייג נישט אַרויף אויף מיר די גאַנצע לאַסט. אויב מיר דאַרפן זײַן די שענסטע און דו זאָגסט זיך אָפּ אויך פון זײַן אַ גוטע, צווינגסטו מיך צו זײַן ביידע. צו שווער. העכסטנס...״

„...אַז דו ביסט אַ גוטע״, האָט זיך דוד אַ רייץ געטאָן מיט איר. ער האָט זיך אָנגעבויגן כּדי זי אַ קוש צו טאָן. זי האָט אָפּגעווענדט איר קאָפּ:

„דאָס איז אַ קאָמפּלימענט פון אַ מאָדערנעם מאַן״.

אליעזר האָט אויפגעהויבן זײַן גלאָז און אַזוי אויך ד״ר אַרמאַזאַ.

„איך צי זיך נישט צוריק״, האָט דער גאַסט אויפגעהויבן זײַן גלאָז נאָך העכער. „גוטסקייט איז אַ מאָראַלישע אייגנשאַפט; שיינקייט — אַ מתּנה פון הימל. בלויז פאַר די קאָנטראַסטיש אויסדערוויילטע אַקטיווע געבער און אָפּנעמער. ווען איך זע אײַך ווי די שענסטע — זענט איר עס. אײַער רייץ אַפּעלירט צו מיר. וואָס שײַך גוטסקייט — מוז איך עס לערנען. לחיים פאַר אײַער שיינקייט!״

„לערן זיך!״ האָט יוכבד אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַרויסגעשטעקט די צונג צו דודן.

„גוטסקייט און שיינקייט״, האָט מיט אַ נידעריקער שטים געזאָגט אליעזר. „איר זענט עס, טעכטער מײַנע. ד״ר אַרמאַזאַ איז גערעכט. די ערשטע דאַרף מען לערנען, די צווייטע זעט מען. איך האָב געזען און איך האָב געלערנט. איר זענט פאַר מיר דער לוין און די טרייסט פאַר אַלע מײַנע קלעמענישן אין די פינף און צוואַנציק יאָר זײַט מיר, איך און דוד, זענען אַהיימגעקומען. איך בין געקומען אַ צעוויייטיקטער, אַ שווער פאַרוואונדעטער, במילא אַ פּילבאַרער צו יעדן רייץ אין די וואונדן. אייגנטלעך האָב איך געהאַט בלויז איין איינציקן בענקשאַפטלעכן באַגער: צוריקקומען אַהיים, אין דער שלווה פון היים אַוועקלייגן דעם קאָפּ אויף איר ערד און צוריקגעבן דעם באַשעפער די נשמה. עמעצער וואָלט זיך געוווּנדערט: נאָר דאָס? יאָ, נאָר דאָס, ווײַל ס׳איז נישטאָ קיין טיפער געפיל פון בענקשאַפט. בענקשאַפט איז דער יסוד־עלעמענט פון אַלץ — פון ליבשאַפט, פון וויזיע, פון באַגערן, פון אַלע מענטשלעכע שטרעבונגען. אויב איך האָב איבערגעלעבט, האָב איך עס צו פאַרדאַנקען דער בענקשאַפט. צי איז דער אויפצומאַרגנס פון דעם רעאַליזירטן באַגער ענלעך צו דער נעכטיקער בענקשאַפט? ס׳איז אַן אילוזיע. פון די ווערטן און שיינקייטן, וועגן וועלכע איך האָב געחלומט, און פאַר זיי וואָלטן געלוינט די לײַדן און קלעמענישן — האָב איך נישט געפונען. האָב איך אײַך געפונען, טעכטער מײַנע. איר זענט די שיינקייט, די גוטסקייט און די באַלוינונג פאַר יעדער אַנטוישונג. לחיים!״

זעענדיק אַז זײַנע ווערטער האָבן אַראָפּגענידערט די פּריִערדיקע לײַכטע שטימונג, האָט אליעזר צוגעגעבן אַן אויסגעלײַטערטער:

„מיר האָבן געטרונקען ,לחיים', לאָמיר איצט געניסן פון די מאכלים לכּבוד דער שיינקייט, גוטסקייט און פּאָר אַ גוט געמיט!"

די מאכלים זענען ווירקלעך געווען ראַפינירטע. צוזאַמען מיט דעם ווײַן האָבן זיי מיט איין מאָל געגעבן יענע לײַכטע באַרוישונג, וואָס פירט בלויז אין איין ריכטונג — צו גוט געמיט.

„עסט מען איצט אין די קיבוצים אַזעלכע געקליבענע שפּײַזן ווי אין שטאָט?" האָט ד"ר אַרמאַזאַ אויפגעהויבן פון טעלער אַ שטיקל לאַקס, וואָס אויף דעם גאָפּל האָט עס אויסגעזען ווי אַ ראָז פּאָנעלע.

„די שטאָט האָט אַ גרויסע השפּעה אויף דעם קיבוץ", האָט יהודית ווי מיט זאָרג געענטפערט. „ווען דער ישוב איז געווען קליין און די באַפעלקערונג מער האָמאָגען, איז געווען אַ קעגנזײַטיקער אײַנפלוס. דער קיבוץ האָט אויך אַרויס־געשטראַלט צו דער שטאָט. הײַנט נישט מער. דאָס לאַנד איז געוואָרן גרויס, די באַפעלקערונג — אַ פעלקער־זאַמלונג, וואָס דער קיבוץ אַפּעלירט נישט צו איר. שאַרט זיך אַרײַן דער שטאָטישער שטייגער אין קיבוץ אַרײַן".

„דער קיבוץ איז מיד", האָט דוד פּראָוואָצירט.

„ניין. וויניקער מיד פון דער שטאָט, דערפאַר לגמרי באַפרײַט פון דער נער־וועזיטעט פון דער שטאָט", האָט יהודית אַקצענטירט. „ביז הײַנט שיצט זיך דער קיבוץ מיט דערפאַלג קעגן די נעגאַטיווע חולאתן וואָס זענען די לעצטע יאָרן באַפאַלן די שטעט. אויף דעם יונגן קיבוצישן דור האָט געמאַכט אַ דויערהאַפטיקן אײַנדרוק די זעקס־טאָגיקע מלחמה. ווי פּאָר יוגנט זענען די אָפּגעלאָפענע יאָרן פון דער מלחמה זייער פיל. אָבער דער שטאַרקער אײַנדרוק ווירקט ביז הײַנטיקן טאָג. זי איז נישט פאַרשיכּורט ווי אַנדערע מיט דער גרויסקייט פון דער מדינה. זי מאַכט נישט קיין אילוזיע־אויספירן, ווי די אילוזיעס ווערן געקעכלט אין די שטעט. די קיבוצישע יוגנט איז באַאומרויִקט מיט דעם פּאַלעסטינעזער פּראָבלעם, וואָס וואָרנט, אַז די מלחמות זענען נאָך ווײַט נישט פאַרענדיקט".

„און וואָס, אויב אַזוי, דריקט זיך אויס, ווי איר האָט געזאָגט, אַז דער שטאָ־טישער שטייגער שאַרט זיך אַרײַן אין קיבוץ אַרײַן?" האָט ד"ר אַרמאַזאַ אַריבער־געקוקט צו יהודיתן.

„ער שאַרט זיך אַרײַן מיט זײַן אָפּהילך. דער קיבוצישער יונגער דור נעמט נישט אָן דעם שטאָטישן ציניזם און קאַריעריזם. ווען יוגנטלעכע פאָרן אַרויס אין שטאָט אַרײַן, אָדער לערנען אין די אוניווערסיטעטן, טרעפן זיי זיך אָן מיט די דערשײַנונגען פון באַרוישן זיך מיט נאַרקאָטיקס ממש און אויך מיט אַ צווייטער, לויט אונדזער מיינונג נעגאַטיווער דערשײַנונג. דאָס איז דער לעוואַנטיניזירטער אַמעריקאַניזם..."

„אַן אַלטע ייִדישע קראַנקייט!" האָט אליעזר אויסגערופן, אַוועקלייגנדיק דעם גאָפּל און מעסער אויף זײַן טעלער, ווי ער וואָלט זיך געקליבן האַלטן אַ רעדע.

„אַמאָל, אַמאָל איז עס געווען העלעניסטישער לעוואַנטיניזם; היינט — אַנגלאָ־זאַקסישער לעוואַנטיניזם. אויך די מאַסן־ירידה פון לאַנד איז נישט בלויז צוליב דעם פּסדרדיקן זיכערהייטלעכן צי עקאָנאָמישן קדחת, וואָס טרייסלט דעם יונגן דור — אָדער מען רופט אים צו מילואים ענטוועדער אין שטייעראַמט. אין אַ גרויסער מאָס אימפּאָנירט אים דער אַמעריקאַנער לעבנסשטייגער. צו וואָס אים נעמען אַן אימפּאָרטירטן, פון דער צווייטער האַנט, אויב מען קען האָבן דעם אָריגינעלן — אין ניו־יאָרק, אין ברוקלין?"

„נישט בלויז יידן מאַכן נאָך", האָט זיך ד"ר אַרמאַזאַ באַוואָרנט. „אַלע קליינע פעלקער, וואָס באַדינען און לעבן אונטערן איינפלוס פון אַ גרויס פאָלק מיט אַ הויכער קולטור, מאַכן נאָך".

„נישט סתם קליינע פעלקער, נאָר פּרימיטיווע פעלקער", האָט אליעזר דערווידערט. „מיר זענען נישט קיין פּרימיטיוו פאָלק. אַנטקעגן די דריי הונדערט יאָר פון אַמעריקע שטייען מיר מיט דריי טויזנט יאָר, אויב צו זיין באַשיידן".

ד"ר אַרמאַזאַ האָט אַ שלונג געטאָן פון זיין גלאָז און אויסגעשטרעקט די האַנט צו אליעזרן:

„איך בין נישט קיין אָנהענגער פון דער אַמעריקאַנער קולטור. זי איז נישט באַלאַנסירט אַנטקעגן דעם געוואַלדיקן עקזאַקטן וויסן און טעכנישער אַנטוויקלונג. וויסן און טעכניק האָבן מיר אויך. אָבער קיין נאַציאָנאַלע קולטור האָבן מיר נישט. מיר האָבן גרופּן־קולטורן. די קולטורן פון די באַזונדערע גרופּן האָבן נישט קיין בשותּפותדיקן ישׂראלדיקן דענאָמינאַטאָר. דער געקומענער עולה האָט נישט מיט וואָס זיך צו באַרייכערן אין היגזיכט פון נאַציאָנאַלער קולטור. דעריבער גרייכן מיר צו אַמעריקאַניזם. אַמעריקאַניזם אין אונדזער ,פעלקער־בונד' איז ענלעך צו אַ דאַמע וואָס לעבט אין אַ טראָפּישן קלימאַט און זי טראָגט פאַר עלעגאַנץ אַ מינק־פעלץ".

„מיר האָבן היינט אַ דענאָמינאַטאָר — רעליגיע!" האָט אליעזר ליידנשאַפטלעך אויסגערופן. „אַפילו די קיבוצים ווערן פאַרכאַפּט פון דער רעליגיע".

„פאַר די ספרדים און מזרח־עדהס מוז מען נישט פאַרטיפן די רעליגיעזע קולטור. זייער גאַנץ לעבן איז סיי ווי באַזירט אויף רעליגיעזע טראַדיציעס". ד"ר אַרמאַזאַ האָט צוליב עפּעס זיך אָפּגעהאַלטן און צום סוף ממשיך געווען: „פאַרשטייט מיר נישט שלעכט. איך בין אַ ציוניסט. ווען איך וואָלט עס נישט געווען, וואָלט איך ווי דער גרעסטער טייל פון מיינע קאָלעגן עמיגרירט קיין פראַנקרייך. אויף צו זיין רעליגיעז מוז מען נישט לעבן אין אַן אייגענער מדינה. מ'קען עס אויך זיין אין ניו־יאָרק. אַנדערע נאַציאָנאַלע קולטור־כּלים זענען דאָ נישט צוגעגרייט געוואָרן".

„די כּלים זענען געווען", האָט אליעזר באַמערקט.

ד"ר אַרמאַזאַ האָט אָנגעשטעלט פאַרוווּנדערטע אויגן:

„וווּ?" האָט ער געפרעגט.

אליעזר האָט אויסגעשטרעקט זיין אָרעם אָנווייזנדיק אין אַ ריכטונג:

„דאָרט, אין מזרח־אייראָפּע. דאָרט איז געווען דער גרעסטער ייִדישער צענטער אין דער צאָל און אויך דער נאַציאָנאַלער קולטור־צענטער".

„פּאַראַדאָקסאַל!" האָט ד"ר אַרמאָזאַ אויסגערופן. „דאָ הערשן דאָך די אַשכּנזים, פאַר וואָס האָבן זיי נישט אַהערגעבראַכט זייער נאַציאָנאַלע קולטור?"

אליעזר האָט מיט די עלנבויגנס זיך אָנגעשפּאַרט אָן טיש און פאַרפלאָכטן די פינגער פון איין האַנט מיט דער צווייטער:

„אויפן וועג צו דער מדינה האָבן זיי אָוועקגעוואָרפן די רײַכע נאַציאָנאַלע קולטור פון מזרח־אייראָפּע און דערגאַנגען צו דער נאַציאָנאַלער מדינה מיט ליידיקע הענט".

„איך בין נישט מסכּים", האָט יהודית אַ דריק געטאָן איר שווערס אָרעם, ער זאָל איר לאָזן רעדן. „די אַשכּנזישע חלוצים זענען נישט געקומען מיט ליידיקע הענט. זיי זענען געקומען מיט חלוצישן אידעאַליזם צו בויען אַ נײַע נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיע און אַ נײַע נאַציאָנאַלע קולטור".

„דאָ ליגט דער קערן פון דער דראַמע!" האָט אליעזר אויסגערופן. „קולטור איז נישט קיין הויז און נישט קיין כּביש און נישט קיין ישוב, וואָס אַז מען האָט מיטלען און התלהבות קען מען זיי בויען אין יעדן באַליביקן פּלאַץ. מען קען זיי אויך צעשטערן און בויען אויף ס'נײַ, אין אַן אַנדער סטיל און אין אַן אַנדער ריכטונג. דאָס האָבן די יורשים פון יוסף חיים ברענער און בערל קאַצענעלסאָן נישט פאַרשטאַנען. זיי האָבן די זאַך גענומען סכעמאַטיש־אידעאָלאָגיש: צעשטערן דאָס עקזיסטירנדיקע ביזן יסוד און בויען אַלץ פון דאָס נײַ פון דעם טאָג פון דער רעוואָלוציע. אַזוי האָט אויך געטאָן דער רוסישער באָלשעוויזם, אָבער די אידעאָלאָגישע סכעמע האָט דער רוסישער באָלשעוויזם נישט אָנגעוואָנדן כּלפּי דער רוסישער קולטור, הגם אויך אין דער מאַטעריע וויל נישט אַרבעטן די אידעאָלאָגישע סכעמע. קולטור בויט זיך אויף דעם זעלבן אופן ווי עס איז געאָלאָגיש געבויט די ערד: שיכטנווײַז. יעדע העכערע שיכט פאַרמאָגט עלעמענטן פון די פריִערדיקע. אויף דעם העכסטן שיכט, וואָס ווערט באַווירקט פון געוויטערס, פאַרפלייצונגען און פון דער זון־ענערגיע פאַרמירט זיך אַ נײַער שיכט. די קאָמפּלעקטיווע אַשכּנזישע פירער דאָ, וועלכע האָבן אייגנטלעך געוואָלט אַנטלויפן פון זיך אַליין, זענען געווען זיכער, אַז דורך פאַרמיאוסן און פאַרניכטן די מזרח־אייראָפּעיִשע קולטור וועט דער געשאַפענער וואַקום פון זיך אַליין זיך אָנפילן מיט מדינת־ישׂראלדיקער קולטור. דאָס איז אַ לעכערלעכער עקספּערימענט פון צעשנײַדן אַ לעבעדיקן גוף, כּדי פון די אויסגעוויילטע שטיקלעך צו שאַפן אַ נײַעם טיפּ מענטש".

אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך אויסגעגאָסן אויף ד"ר אַרמאָזאָס פּנים, און ער האָט זיך געוואָנדן צו דודן:

„יונגער אַרטאַפּאַנוס. צי איז דײַן פאָטער אַן אַשכּנזי, אָדער ער איז אַ ספרדי וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אַשכּנזי. קאָלעגע אליעזר", האָט ער געוואָנדן זײַן פּנים צו אַרטאַפּאַנוס, „דאָס וואָס איר טענהט, טענהן מיר און די מזרח־עדהס,

אַז די אַשכּנזים האָבן צעבראָכן זייער קולטור און זייערע ווערטן און אונדז אַוועק־געשטעלט אין אַ פּאָזיציע פון ייִדן פון דער צווייטער, צי דריטער מדרגה — האַלצ־העקערס און וואַסער־טרעגערס, ווי אײַערע רופינס האָבן עס געוואָלט האָבן״.

„איר מאַכט אַ טעות, ד״ר אַרמאַזאַ!״ האָט דוד אויסגערופן אַ צעשפּילטער. „די האָלצהעקערס און וואַסער־טרעגערס זענען איצט די פּאַלעסטינעזער פון די שטחים״.

„ווײַל זייער אַרבעט איז ביליקער״, האָט ד״ר אַרמאַזאַ גענומען זײַן סערוועטל צו די ליפּן און עס צוריקגעלייגט אויף זײַנע קני. „די ספרדים וואַרפט מען צו דעם אָמט פון פּאָליציי־מיניסטער, ווײַל צו קיין אַראַבער האָט מען נישט דעם צוטרוי. במילא זענען די אַשכּנזישע מנהיגים יוצא פאַר די מזרח־עדהס״.

„זענט איר זיכער, דאָקטאָר, אַז די באַציִונג צו די ספרדים און מזרח־עדהס איז אַ בכיוון דיסקרימינירנדיקע?״ האָט יהודית זיך געוואַנדן צו אַרמאַזאַ. „אפשר איז פאַראַן אַן אַנדער סיבה?״

ד״ר אַרמאַזאַ האָט אָנגענומען יהודיתס האַנט וואָס זי האָט געהאַלטן אויפן טיש און זי געדריקט מיט פאָטערלעכער וואַרעמקייט:

„איך זע נישט קיין אַנדער סיבה. פון דער אַלטער באַקוועמלעכקייט פון ,דיווידע עט אימפּעראַ׳, פון טייל און הערש, האָט זיך נאָך קיין שום מאַכט אין דער וועלט נישט אָפּגעזאָגט. די קונסט האָבן אונדזערע פירער געלערנט זייער שנעל, אַנשטאָט זיך צו לערנען ווי אַזוי מען פירט באמת אַ דעמאָקראַטישע מדינה״.

„קאָלעגע אַרמאַזאַ״, האָט אליעזר געוואָלט האָבן זײַן אויפמערקזאַמקייט. „איך וועל צו דער קראַנקייט צוגיין מיט דעם מעדיצינישן מעטאָד — דערגיין צום אָנהייב פון איר אַנטוויקלונג. שײַנט מיר, אַז דער סיסטעם פון ,דיווידע עט אימפּעראַ׳, כּדי באַקוועמער צו הערשן, איז נישט די סיבה פון דער דיסקרימינאַציע, וואָס מען קען נישט לייקענען אַז זי איז פאַראַן. זי איז פאַראַן! די סיבה איז אַ פּיל טיפערע. אַ פּסיכאָלאָגישע. איר געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן מיט מער פון הונ־דערט יאָר צוריק. נישט אין ארץ־ישׂראל. אין אייראָפּע איז איר גענעזע. די אַזוי גערופענע ,אויפגעקלערטע אינטעליגענץ׳ צווישן די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן האָט געליטן פון דעם קאָמפּלעקס, וואָס עס האָבן אין זיי אַנטוויקלט די דײַטשע יאַהודים. עטנאָגראַפיש האָבן די ,אויפגעקלערטע׳ נישט געקענט זיך אָפּטרייסלען פון די ,אָסט־יודען׳, וואָס איז געווען אַ באַצייכענונג פאַר מענטשן, וואָס שטייען כּלומרשט נידעריק אין זייער קולטור־אַנטוויקלונג. זיי זענען אַליין געווען אַ טייל פון די ,אָסט־יודען׳. אַז די ,אויפגעקלערטע׳ פון צווישן די מנהיגים זענען דאָ געקומען צו מאַכט, האָבן זיי פאַר זייער געפיל פון כּלומרשטער העכערקייט אַליין זיך גע־בויטיקט אין אַ קלאַס, צו וועלכן זיי זאָלן קענען אַראָפּקוקן. די געלעגנהייט האָט זיי געגעבן אַ נײַע אויפלאַגע פון ,אָסט־יודען׳, דאָס זענען די עדהס פון אָסטן. די מזרח־עדהס״.

„קאָלעגע, איר וועט מיך נישט איבערצײַגן. איר זענט אַ ספרדי, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אַשכּנזי!״ האָט ד״ר אַרמאַזאַ אַפּלאָדירט זײַן פרײַנד.

„שײַנט מיר, אַז דער טאַטע טרײַבט איבער״, האָט זיך יהודית געוואָנדן צו דודן, ווי עפּעס וואָלט איר געשטערט צו ווענדן זיך דירעקט צו אליעזרן.

„ניין, טאָכטער. איך טרײַב נישט איבער״, האָט אליעזר געהערט יהודיתס ווערטער. „אין מײַן לאַנג לעבן האָב איך אויסגעהאַלטן אַ סך רעזשימען. פון זיי אַלע האָב איך געלערנט אַז דער שווערסטער רעזשים איז דער ,תחת עבד כי ימלוך׳. אויך דער ייִדישער פילאָזאָף פון משלי איז געווען אַזאַ מין אליעזר אַרטאַפּאַנוס, וואָס האָט געלערנט פון נסיונות. ווען נישט די פּסיכאָלאָגיע פון דעם עבד, וואָס וויל איבערשטײַגן דעם האַר ווי נאָר ער באַפרײַט זיך, וואָלטן מיר אין אונדזער אייגענער מדינה געהאַט אַ נײַעם, אידעאַלן רעזשים״.

„איז פאַראַן אַ מער דעמאָקראַטישער רעזשים ווי מיר האָבן?״ האָט געפרעגט יוכבד. „די ,מגילת העצמאות׳ איז די דעמאָקראַטישסטע קאָנסטיטוציע אין דער וועלט״.

„טײַערע, שיינע טאָכטער מײַנע״, האָט אליעזר זיך אָנגעבויגן צו יוכבדן. „נישטאָ קיין נישט־דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע. יעדע קאָנסטיטוציע איז אַן אַמטלעך געשריבענע פּאָעזיע. אין דער ווירקלעכקייט איז דער שטייגער אַזאַ, אַז וואָס מער פרײַהייט און רעכט אין דער געשריבענער קאָנסטיטוציע, אַלץ ווייניקער ווערן די ווערטן צוגעטיילט צו די בירגער. ווען ייִדן אין פּוילן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה וואָלטן געהאַט די רעכט און פרײַהייטן וואָס עס האָט זיי צוגעזאָגט און אַפילו ,גאַראַנטירט׳ די פּוילישע קאָנסטיטוציע, וואָלטן זיי געלעבט אין אַ מוסטער־דעמאָקראַטיע. טאָמער, למשל, וואָלסטו געלייענט די סאָוויעטישע קאָנ־סטיטוציע, וואָלסטו געוואָרן איבערצײַגט, אַז דאָס לעבן אין רוסלאַנד איז אַזאַ ווי עס זינגט זיך אין זייער ליד, וואָס ווערט בײַ אונדז געשפּילט אויף חתונות: ,נישטאָ נאָך אַזאַ לאַנד וווּ דער מענטש אָטעמט אַזוי פרײַ׳. דער מחבר פון דער ,מגילת העצמאות׳ איז זיכער געווען אַ פּאָעט, אַלנפאַלס זייער אַ ברייטהאַרציקער — פרײַהייט און גלײַכהייט פאַר אַלע בירגער, פאַר אַלע שפּראַכן, פאַר אַלע רעליגיעס און קולטורן. אַלע גלײַך פאַר דעם געזעץ און נאָך און נאָך. איז עס אונדזער ווירקלעכקייט? אַפילו נישט אַלע ייִדישע קאָנגרעגאַציעס האָבן רעכט אין אונדזער דעמאָקראַטישער מדינה. די שפּעטערדיקע געזעצן האָבן פּאַקטיש ליקווידירט די פּאָעזיע פון דער ,מגילת העצמאות׳, וואָס איז אַגב קיין מאָל נישט דערקלערט געוואָרן ווי אַ פאַרפליכטנדיקער דאָקומענט. קען בײַ אונדז אַ נישט־ייִד זײַן אַ מיניסטער, אַן אַמבאַסאַדאָר, אָדער ווייניקסטנס אַ דירעקטאָר אין אַ מדינה־אינסטי־טוציע, ווי ייִדן קענען עס יאָ זײַן אין דעמאָקראַטישע קריסטלעכע מדינות?״

„אונדזער מדינה איז פאַר ייִדן״, האָט יוכבד געזאָגט מיט נאַיִוון חן.

„ביסט גערעכט, טאָכטער. אַ מדינה פאַר ייִדן. דערמיט שליסטו אויס די בירגער נישט־ייִדן. נישט ריכטיק?״ האָט אליעזר געפרעגט.

ד״ר אַרמאָזאַ האָט זיך געוואָנדן צו יוכבדן:

„אויך נישט אַלע ייִדן זענען גלײַך. די מזרח־עדהס זענען איצט די מערהייט אין לאַנד; אין דער כּנסת זענען זיי אַ פאַרשווינדנדיקע מינדערהייט. אויסער דעם

פּאָליציי־מיניסטער, וויפל נישט־אַשכּנזים זענען פאַרטראָטן אין דער רעגירונג?"

„אויך נישט יעדער אַשכּנזי האָט אַ לייַכטן וועג", האָט אים יוכבד געענטפערט, און דוד האָט, מאַכנדיק דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט ממשיך געווען איר געדאַנק, געזאָגט:

„ווי צום בייַשפּיל מרדכי און רפי סימקין".

יוכבד האָט אויף אים אַ שטראָפנדיקן קוק געטאָן, און דוד האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי ער וואָלט פאַר איר מורא געהאַט:

„שלאָג, שלאָג, דייַן איינציקן מאַן".

ד"ר אַרמאָזאַ האָט זיך צעלאַכט פון דודס פּאָזע און זיך פאַרהוסט:

„אייַער זון האָט אַ שוישפּילערישן טאַלאַנט, זענט איר מסכּים מיט מיר, קאָלעגע?"

אָנשטאָט אליעזר האָט געענטפערט יוכבד:

„דערווייַל איז ער גוט נאָר אין איין ראָל, אין דער ראָל פון אַ טאַטן".

דוד האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון כּעס:

„און די ראָל פון אַ מאַן? שפּיל איך זי שלעכט? זי איז שווערער פון שפּילן האַמלעט. בייַ האַמלעט איז דאָס פּראָבלעם מיט אַ ברירה — ,זייַן אָדער נישט זייַן'. אַ מאַן האָט נישט די ברירה — ער מוז זייַן... אַ מאַן".

„אויסגעצייכנט, אויסגעצייכנט", האָט ד"ר אַרמאָזאַ אַפּלאָדירט. „ד"ר אליעזר, דער אָוונט איז פאַר מיר אַ גרויסע סאַטיספאַקציע פון פּערפעקטקייט: אַן ערשט־קלאַסיק אָוונטברויט, אַ שמועס וואָס באַפרייַט פון קלעמענישן, אַ פייַנער טעאַ־טראַלער עפעקט און דער עיקר — אַ פּערפעקטע געזעלשאַפט. אייַער זון דערוואַרט אַ שוישפּילערישע קאַריערע".

יהודית האָט געקוקט מיט פאַרערונג אויף דודן:

„פון דער זייַט האָב איך נישט געקענט מייַן שוואָגער. קען אַ מאָל געשען אַז אַ טעאַטער־אַנסאַמבל זאָל קומען אין קיבוץ און איך זאָל אין דעם אַנסאַמבל זען מייַן שוואָגער".

„דאָס קען געשען נאָר ווען די פירמע ,דב סימקין את בנו בע"מ' זאָל באַנק־ראָטירן", האָט דוד שפּילנדיק אַראָפּגעקוקט אויף יוכבדן.

„די סימקינס באַנקראָטירן נישט!" האָט יוכבד אויסגערופן.

אליעזר האָט זיך פאַרנומען נאָך אַ מאָל אָנצופילן די גלעזער. ד"ר אַרמאָזאַ האָט אויף זייַן גלאָז אַרויפגעלייגט די האַנט:

„אַ דאַנק, נישט מער. איך בין איצט אויף דעם ריכטיקן באַלאַנס, דאָקטאָר".

„אויך נישט פאַר מיר", האָט יהודית צוגענומען איר גלאָז.

דורך דעם פענצטער איז פון ערגעץ־ווו געקומען דער סיגנאַל פון די ראַדיאָ־נייַעס. ד"ר אַרמאָזאַ האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער:

„אָ, גאָט, שוין עלף!" האָט ער אויסגערופן. „אויך איר, קאָלעגע, מוזט זיבן אין דער פרי זייַן אין שפּיטאָל".

„נישט געפּערלעך", האָט אים אליעזר באַרויִקט, „איין מאָל אין פינף און צוואַנציק יאָר קען מען זיך דערלויבן".

„מיט אײַער דערלויבעניש, קאָלעגע", האָט אַרמאַזאַ אַוועקגעלייגט דאָס ווײַסע סערוועטל און זיך אויפגעשטעלט פון טיש, „איך פאַרבעט זיך באַצײַטנס אויף אַ צווייטער געלעגנהייט. געהאַט גרויס הנאה. אַ זעלטענע סאַטיספאַקציע".

„איך האָף צו האָבן אײַך אַלס גאַסט מערערע מאָל אין די צווייטע פינף און צוואַנציק יאָר".

„זיכער, זיכער!" איז אַרמאַזאַ מסכים געווען, „מיר מוזן האָבן געלייזט אַלע פּראָבלעמען פון דער מדינה".

„איך בין אין ספק, צי מ י ר וועלן זיי לייזן. ז י י", האָט אליעזר אָנגעוויזן אויף דודן און יוכבדן, „וועלן מ ו ז ן לייזן דאָס האַמלעטישע פּראָבלעם פון ,זײַן אָדער נישט זײַן'".

„ווי האָט אײַער אינטעליגענטער זון געזאָגט?" האָט ד"ר אַרמאַזאַ אויסגעשטרעקט די האַנט צו געזעגענען זיך, „דער ,נישט־זײַן' ווערט בטל; דער ,זײַן' איז אַן אָן־ברירהדיקער!"

33

ווי אַ חיה אין פעלד פילט דעם שטורעם אַ סך פריִער ווי ער דערנעענטערט זיך, אַזוי האָט אסתר פּאָרויסגעפילט, אַז „עפּעס" קלײַבט זיך געשען. ס'איז געווען אַ וואָכעדיקער געווינטלעכער דינסטיק נאָך מיטאָג. די זומערדיקע היץ האָט גע־ברענט ווי נעכטן און אייערנעכטן. די פײַכטקייט אין דער לופט האָט געפּרעסט. צעגרינטע פולע ביימער און די בלומען־בייטן אַרום אסתרס הויז האָבן געשמאַכט אין דער היץ. סעדיה האָט מיט אַ גומי־שלויך באַוואַסערט דאָס גראָז און צוגע־רעדט בריטאַנען, דעם הונט, ער זאָל זיך לאָזן מאַכן אַ טוש. „קום אַרויס, דו כּלב, וועסטו וויסן פון אַ לעבן און נישט ליגן ווי אַ בר־מינן". אַזוי האָט סעדיה גערעדט צום הונט וואָס איז געלעגן אַ העלפט אין דער בודע און די צווייטע העלפט אויסער דער בודע מיט דער מאָרדע אויף זײַנע צוויי פאָדערשטע פיס. „לא רוצה, לא צריך" — האָט סעדיה אָפּגעהאַקט דעם וויכּוח מיטן הונט און געצויגן נאָך זיך דעם שלויך.

בערל איז אָנגעקומען פון תּל־אביב אין זײַן פּאָנטיאַק. סעדיה האָט באַמערקט, אַז דער מאַשין פעלט אַ לאַמטערן פון פאָרנט. האָט ער אויפגענומען דעם באַלעבאָס מיט אַ „ימח שמם, גנבים", אַז גנבים הייסט עס, האָבן אַראָפּגעגנבעט די לאַמטערן כּאָטש אַפילו אַ בלינדער וואָלט געזען, אַז נישט קיין גניבה איז געווען דערבײַ.

„זיי ווערן משוגע אויף די וועגן!" האָט בערל געזאָגט הויך, סײַ ווי אַן ענטפער סעדיהן און סײַ כּדי צו לאָזן וויסן אסתרן, אַז ער איז געקומען. „הײַנט גיט מען רשיונות צו פירן אויטאָס יעדן ראָצער וואָס ווייסט אַפילו נישט ווי צו פירן אַ מאַשין". אין דער ווירקלעכקייט איז ער אַליין צו שנעל אַרײַנגעפאָרן אין אַ זײַטיקער גאַס, געמאַכט אַ צו קורצן בויגן, אַרויף אויפן טראָטואַר און אַרײַן מיט דער לאַמטערן פון דער מאַשין אין אַ בוים.

אסתר האָט די ידיעה מיט דעם צעהאַקטן לאַמטערן אויפגענומען מיט דער־לײַכטערונג: „זאָל עס זײַן אַן אָפּקומעניש" האָט זי געזאָגט. דאָך די דערלײַכטע־רונג האָט פון איר האַרץ נישט אַראָפּגענומען דעם שטיין. ס'איז געווען בלויז אַ טיפּערער אָטעם. אַז בערל האָט איר געזאָגט, ער מוז גלײַך צופאָרן אין גאַראַזש אַרויפזעצן אַ נײַעם לאַמטערן, האָט זי אים דערפון אָפּגערעדט:

„ס'ברענט נישט. ביסט אויפגערעגט פונעם קלאַפּ — רו זיך אָפּ, רײַס נישט פון זיך קיין שטיקער. פנחס ספּיר שטייט נישט איבער דיר".

„אסתרל, באַגינען מוז איך צופאָרן קיין רפיח. די חברה זאָל זיך צואײַלן. כ׳דאַרף האָבן די כּלים אין ירוחם, און זיי באָברען זיך דאָרט״.

ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין דעם אַז בערלס בולדאָזערס און טראַקטאָרן האָבן אין רפיח צוגעגרייט אַ שטח אויף צו בויען בלאָקן־הײַזלעך פאַר פּאַלעסטינעזער פון די פּליטים־לאַגערן אין דער סביבה. די רעגירונג האָט זיך אַרומגעזען, אַז די ענגשאַפט אין די לאַגערן איז נישט קיין סגולה פאַר דער זיכערקייט. דאַרף מען די פּליטים געבן שטיקלעך באָדן זיי זאָלן פאַר זיך אַליין און פאַר זייערע פאַמי־ליעס בויען בלאָקן־הײַזלעך, זיי זאָלן פילן, אַז זיי האָבן וואָס צו פאַרלירן. די פירמע „דב סימקין את בנו בע״מ״ האָט זיך אונטערגענומען אויסצוגלײַכן דעם באָדן אויף אַ פּאָר הונדערט דונאַם בערגלעך און וואָדיס. בערלען האָט עס אויס־געזען, אַז ער דאַרף די אַרבעט צואײַלן, כּדי ער זאָל באַצײַטנס קענען איבערפירן די כּלים אין נגב.

נישט ווי אַלע מאָל האָט אסתר אים אָפּגערעדט:

„בערל, עמעצער האָט דיר געמאַכט אַ שאָדן אין דער מאַשין, אײַל זיך נישט. דער שאָדן איז דער בעסטער סימן. טאָמער וואָלסטו זיך נישט געאײַלט, געפאָרן געלאַסן, ווי אַלע מענטשן פאָרן, וואָלט מען דיך נישט צעקלאַפּט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק״.

„אסתרל, הײַנט איז נישט מאָנטיק און נישט דאָנערשטיק, נאָר דינסטיק איז איבער דער וועלט. נישט איך אײַל זיך, נאָר די מאַשין פירט מיך. ווייסט וויפל עס קאָסט מיר אַ טאָג האַלטן די כּלים אין רפיח? קלינג אָן צו דײַן איידעם וועט ער דיר זאָגן״.

דאָס אַלץ האָט אסתר געזאָגט ווײַל דאָס האַרץ איז איר געווען שווער פון דעם אויסטערלישן אומרו, וואָס זי פילט אַ גאַנצן טאָג. זי האָט עטלעכע מאָל אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער צום הימל. דער הימל, ווי יעדן טאָג אין די היצן — אַ גרוי־בלויער, און די זון — אָן אָנגעגליטער בעקן.

„סעדיה, ס׳קלײַבט זיך אויף אַ כאַמסין?״ האָט זי געפרעגט, נישט וויסנדיק צי סעדיה געפינט זיך נאָענט אָדער דערווײַטערט.

סעדיה האָט אַ גוטע שמיעה. אַז אסתר ווענדט זיך צו אים הערט ער אויף אַ מײַל.

סעדיה האָט פאַרדעכלט דעם שטערן, אַ קוק געטאָן צום הימל און געענטפערט מיט זײַן ציגן־שטימעלע:

„ניין, גברת, ס׳קלײַבט זיך נישט אויף קיין כאַמסין״.

„דו פילסט זיך גוט, סעדיה?״ האָט זי ווײַטער געפרעגט.

„ברוך־השם״, האָט ער אויפגעהויבן די רעכטע האַנט אין דער לופטן און מיט צוויי פינגער געזוכט אַ מזוזה אַ קוש צו טאָן. נישט געפונען אין דער לופטן קיין מזוזה, האָט ער אַ קוש געטאָן די צוויי פינגער און ווײַטער געזאָגט: „מ׳דאַרף נאָר בעטן צו גאָט אויף געזונט. פאַראַן געזונט, דאַרף אַ מענטש זײַן שמח בחלקו״.

די צײַט וואָס בערל האָט פאַרבראַכט אין גאַראַזש, צו ענדערן דעם צעהאַקטן

לאַמטערן, האָט אסתּר טעלעפאָנירט צו יוכבֿדן, צו שושנהן און צו דינהן, צו הערן אַז אַלץ איז בסדר. זי האָט אַפּילו געפּרוּווט זיך פֿאַרבינדן מיט אירע זין. נאָר גיי און זוך דעם ווינט אין פֿעלד. דער איז אין ירושלים, דער צווייטער איז ערגעץ־ווּ אויף זיצונגען, דער דריטער, גדעון — זי ווייסט אַפּילו נישט ווּ זי האָט זיי צו זוכן.

בערל איז צוריקגעקומען פֿונעם גאַראַזש אַן אויפֿגעלייגטער, אַ פֿריילעכער. ס'האָט אים אָפּגעגליקט — דער גאַראַזשניק האָט צופֿעליק געהאַט ביי זיך אַ לאַמטערן צו אַ פֿאָנטיאַק, ווי ער וואָלט געוווּן מיט אַ יאָר פֿריִער צוגעגרייט, אַז בערל וועט צו אים קומען. בערלס גוטע שטימונג האָט נישט לייכטער געמאַכט אסתּרס געמיט.

אסתּר איז געשלאָפֿן שלעכט און אַראָפּ פֿון בעט פֿאַר טאָג צוזאַמען מיט בערלען. אין דער לעצטער מינוט, ביים דערלאַנגען אים פֿרישטיק, האָט זי אים געפּרוּווט אָפּרעדן פֿון פֿאָרן. ליבערשט נאָך מיטאָג צופֿאָרן צו צבֿי זען זיין נחת, דעם צווילינג. זי האָט נעכטן פֿאַר נאַכט גערעדט מיט שושנה און געהערט די חכמות פֿון איר זון און ס'געלעכטער פֿון איר טאָכטער, וואָלט זי מיט פֿליגל געפֿלויגן קיין תּל־אָבֿיבֿ זיי זען.

„אם־ירצה־השם שבת", האָט בערל איר צוגעזאָגט און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

די ישׂראלדיקע באַגינענס אויף די אָפֿענע וועגן זענען אַ באַלוינונג פֿאַר די הייסע צעפּאַרעטע טעג. די נעפּלען איבער די פֿעלדער דעמפֿן זיך אויס מיט דעם ריח פֿון ערד און פֿרישקייט. די ברוסט ווערט צעשפּאַרט פֿון דער רחבֿות וואָס רייסט זיך אַריין אין איר פֿון די אָפֿענע פֿליינען. די גרינקייט פֿון די פֿעלדער, כאָטש דו זעסט זי בלויז פֿון דער לויפֿנדיקער מאַשין פֿילסטו זי אויף דיין פּנים ווי זי וואָלט דיך סאַמעטיק געגלעט. די צעטשוויטשערטע פֿייגל שפּילן זיך מיט דיר פֿאַר דער ווינטשויב. פֿליִען פֿאַרביי דער שויב מיט אַזאַ קונדייסישער ריזיקע אַז ס'דאַכט זיך דיר: אָט קלאַפּן זיי זיך אָן אין דער שויב און ווערן צעממיתט. נייך, זיי יאָגן נאָך די מאַשין, בערל דריקט דעם עקצעלעראַטאָר. דער שנעלקייט־זייגער ווייזט 90, 95, 100 קילאָמעטער — די פֿייגל זענען דאָ. זיי האַלטן נאָך און שוועבן פֿאַרביי דער שויב. בערל לאָזט נאָך די שנעלקייט. „זאָלן זיי זיין געזונט, די פֿייגל, ממזרים", טראַכט בערל און ס'איז אים גוט. ער עפֿנט דעם ראַדיאָ, היפּערט איבער אַראַבישע אוידיציעס. ער וווּנדערט זיך וואָס פֿאַר אַ ים מיט אַראַבישע אוידיציעס עס זענען פֿאַראַן, איידער מ'הערט אַן עבֿרית־וואָרט. „אינשאַללאַ!" כאַפּט זיך ביי אים אַרויס. ס'לשון איז אים היימיש. ס'דערמאָנט אים אַ ווייטע צייט, וואָס פֿאַרשאַפֿט אים פֿרייד, דאָך היפּערט ער עס איבער און אין דעם אופֿן פֿון זינגען דערקענט ער: — „מיינס". ער איז צופֿרידן, בערל. נאָר פֿאַר וואָס שלאָגן זיך אָן דער שויב די פֿאַרשיידנערליי אינזעקטן? — איינער קלעפּט זיך צו, דער צווייטער ווערט צעשפּריצט, דער דריטער צאַפּלט נאָך מיט אַ פֿליגעלע. ווייסן

זיי נישט, די ממזרים, אַז זיי וועלן געהרגעט ווערן? קיינער שטופּט זיי נישט — פֿליִען אַליין צום טויט. נאָר מיט וואָס האָט ער, בערל, זיך פֿאַרשולדיקט וואָס זיי באַפֿלעקן אים די ווינטשויב? ער לאָזט נאָך די ווישערס מיט וואַסער. אַ וואָלקן פֿאַרדעקט די שויב, נאָר ביסלעכווײַז ווערט זי קלאָרער און קלאָרער. אַ קלאָרע שויב — איז דער אָטעם פֿרײַער. אַ מענטש זעט די וועלט. אַ שיינע וועלט. בערל ווערט נישט זאַט פֿון דער שיינקייט פֿון ארץ־ישׂראל. ער איז אַ צוויי, צי דרײַ מאָל געווען אין אַ מוזיי אין תּל־אָביב, געזען ווי מענטשן שטופּן זיך צו זען בילדער. פֿאַרשטייט ער נישט וואָס די מענטשן זעען דאָרט. די בערגלעך פֿון נגבֿ, דער טאָל פֿון ים המלח, צי דער סטעפּ איידער דו קומסט צו צו אילת — נישטאָ קיין שענערס. און דאָ? אָט פֿאָרט ער דורך אַן אַלייע פֿוןביימער. דאָ לויפֿט דער פֿאָנטיאַק אַליין, ווי די ביימער וואָלטן אים פֿון הינטן אונטערגעשטופּט, געשפּילט זיך מיט אים. די קרוינען פֿון די ביימער — ווי זיי וואָלטן באַרירט די מאַשין, מאַכן אַ וואַרע פֿאַר אים. אַלץ אייגנס — די ביימער, דער וועג, די פֿעלדער פֿון ביידע זײַטן כּבֿיש. אַ שאָד קיינער זיצט נישט בײַ זײַן זײַט. ער וואָלט זיך געטיילט מיט אים פֿון דעם וואָס עס איז אים גוט אויפֿן האַרצן. דער וועג איז אַ לערער, זײַט ער איז אַריבערגעפֿאָרן דעם וועג־קנופּ נעבן אשקלון, איז אים אָנגעפֿאָרן אַנטקעגן בלויז איין מאַשין — אַ מיליטערישע. נישט שלעכט צו זײַן אַליין אויפֿן כּבֿיש. דאַרפֿסט נאָר האַלטן אַ פֿינגער אויפֿן רעדל און די מאַשין לויפֿט אַליין, האַלט זיך גלײַך ווי אַ ווירע. זי איז אַ זעקס און זעכציקער די מאַשין, פֿון אַלע זײַטן האָט זי קנייטשן, די טאָמבאָנען זענען שוין אַ פֿיר־פֿינף מאָל אויסגעגלײַכט געוואָרן, נאָר ער וואָלט זי נישט אײַנגעטוישט אויף אַ נײַע. צוליב עפּעס איז אים פּלוצים געקומען אויפֿן רעיון אסתּר און ער האָט זיך צעלאַכט. אַמאָל האָט זי געלעבט בלויז פֿאַר די קינדער — הײַנט איז זי פֿאַרטאָן מיט די אייניקלעך, כאָטש זי זעט זיי גענוג זעלטן און הערט וועגן זיי בלויז דורכן טעלעפֿאָן. פֿון דעסטוועגן איז זי פֿאַרפֿאָרעט מיט זיי, ווי זי וואָלט פֿאַר זיי געקאָכט און געוואַשן. רו זיך אָפּ, לאָמיר אַ מאָל אַרויספֿאָרן אין אַ פּענסיאָן — צפֿת, טבֿריה, אילת, ס׳איז קיין עין־הרע אַ גרויסע מדינה און ס׳איז פֿאַראַן ווו צו פֿאָרן און פֿאַרברענגען. און זי, כאָטש האַק און בראָק. דער בעסטער פּענסיאָן, זאָגט זי, איז אין דער היים. זי איז נישט מחויבֿ, זאָגט זי, צו הערן ווי בײַ אַ צווייט טישל צמאָטשקעט עמעצער די ביינדלעך פֿון אַ שלעכט געקאָכטער הון. די טעכטער זענען געראָטן אין דער מאַמען. שטרעקן דאָס לעבן פֿאַר זייערע קינדער. גאָרנישט ווי הײַנטיקע יונגע פּרויען, וואָס הײַנט האָבן זיי חתונה און אויף צו מאָרגנס זענען זיי ווידער אין ראַבינאַט זיך צו גטן. זײַן יוכבֿד — ער האָט אַלע מאָל געוווּסט, אַז זי איז אַ גאָלדן קינד. זי האָט דער מאַמעס האַרץ. דער איידעם גייט אויס נאָך איר. טאָמער טעלעפֿאָנירט ער, בערל, פֿון ערגעץ־ווו אין משׂרד אויף אחד־העם אין תּל־אָביב, איז דער טעלעפֿאָן אַלע מאָל פֿאַרנומען. דוד רעדט מיט יוכבֿדן, אָדער יוכבֿד רעדט מיט דודן. ער זעט עס פֿון די חשבונות פֿאַרן טעלעפֿאָן. חלילה, ער רעדט זיי נישט אויס. זאָלן זיי רעדן וויפֿל זיי ווילן. די קינדער האָבן

זיך ליב. מיט דעם אײדעם האָט ער געטראָפֿן. אַפֿילו מער ווי מיט דעם מח״לניק לעאָנאַרד, וואָס קען זיך נישט אויסטשוכען פֿון זײַן ענגלישקייט.

דער פּאָנטיאַק לויפֿט איבער דעם שיידוועג צו עזה און אײַלט ווײַטער, אויף דרום. די זון איז שוין אויפֿגעגאַנגען העכער און זי באַווײַזט מיט איר שפּיזלדי־קער היץ, אַז די נאַכט האָט זי נישט אָפּגעקילט. בערל לאָזט ווידער די ווישערס מיט וואַסער אָפּצורייניקן די ווינטשויב. מסתּמא וועט זײַן אַ כאַמסין, טראַכט ער, צו פֿיל פֿליגעלעך אויפֿן וועג. די זון טריקנט שנעל די שויב און עס בלײַבן אויף איר שטויביקע פֿעטלעכע בויגנס. ער שווענקט די שויב ווײַטער ווי פֿלוצים האָט עפּעס פֿאַר אים אַ שווינדל געטאָן. בערלען איז הייס געוואָרן מער ווי מיט אַ רגע פֿריִער, און פֿון דעם רעכטן אַקסל האָט געטאָן אַ בלענד אַ רויטער פֿלעק. אין ווינקל פֿון דער ווינטשויב איז דאָס גלאָז צעשפּריצט. אויף אַן אויגנבליק האָט ער פֿאַרלוירן די שליטה איבערן רעדל און די מאַשין האָט זיך אַ דריי געטאָן אויף לינקס פֿון וועג. ער האָט דערהערט אַ ביקסן־שאָס, ווי דעם פֿײַף פֿון אַ בײַטש. בערל האָט די מאַשין מער נישט אויסגעגלײַכט. ער האָט זי אויסגעקערעוועט אויף צוריק. האַלטנדיק די פֿאַרווונדעטע האַנט אויפֿן רעדל און דריקנדיק מיט דער לינקער אויף דעם בלוטיקן פֿלעק, האָט ער צוריקגעאײַלט אין דער ריכטונג פֿון עזה. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט: ער הערט ווײַטערדיקע שאָסן. אַ נעפּל איז אים אויפֿגעגאַנגען אין מוח, ווי אין שיכּרות. דורך די פֿינגער, מיט וועלכע ער האָט געדריקט דעם אַקסל האָט זיך אַדורכגעזײַעט בלוט און אים פֿאַרגאָסן די פֿינגער. ער האָט דערפֿילט ווי די רעכטע האַנט ווערט פֿאַרשטײַפֿט, ווי זי וואָלט אײַנגע־שלאָפֿן. דער נעפּל אין קאָפּ ווערט געדיכטער. ער האָט דאָס געפֿיל, אַז דאָס לעבן עקט זיך אים. ער פֿאַרהאַלט די מאַשין אויפֿן ראַנד פֿונעם כּביש און פֿאַרלעשט דעם מאָטאָר. ציט אַרויס דאָס העמד פֿון די הויזן, רײַסט עס אויף און מיט דעם שטאָף פֿרוווט ער פֿאַרהאַלטן דעם בלוט־שטראָם. מיט דער פֿאַרווונדעטער האַנט דריקט ער אויף דעם האָרן־קנאָפּ. פֿון אָנהייב צעהילכט זיך דער האָרן אין אַן אַלאַרם, וואָס הילכט אָפּ מיט טויטשרעק אין דער אויסטערלישער אַרומיקער ליידי־קייט. אין דעם נעפּל אין מוח בלינצלט בהלה אַז מיט דעם אַלאַרם גיט ער צו וויסן די טעראָריסטן ווו ער געפֿינט זיך מיט זײַן אויטאָ. לאָזט ער אָפּ דעם האָרן־קנאָפּ און פּרוווט אויפֿהייבן די האַנט. דער אָרעם איז אים שווער און מיט אַ טעמפּן ווייטיק. דער ראַדיאָ הילכט אַרויס צו אים דזשאַז־מוזיק. אַ זינגער זינגט מיט אַ הייזעריקע שטים. דער נעפּל אין מוח ווערט שווערער. בערל קוקט אַראָפּ צום ראַדיאָ־בלעטל און אים דאַכט זיך, אַז די מוזיק קומט נישט פֿון דאָרט. ער קוקט אויף די זײַטן, אויבן־אַרויף און דער בליק פֿאַלט אים אויפֿן שפּיגעלע איבער אים. אים דאַכט זיך, אַז ס׳דערנענטערט זיך אַן אויטאָ. ניין, נישט קיין אויטאָ, נאָר אַ הויז דערנענטערט זיך. ער רײַסט אָפּ די פֿאַרבלוטיקטע האַנט פֿונעם אַקסל און דריקט דעם האָרן־קנאָפּ. דער ווייטיק אין אַקסל צעפֿלאַקערט זיך, דאָס הויז, צי דער אויטאָ הינטער אים, דערנענטערט זיך. אָט באַלד וועט עס אַרויפֿפֿאָרן אויף אים. ער פֿאַרוואַרפֿט דעם קאָפּ אויף הינטן, די אויגן, פֿול מיט נעפּל, זענען גע־

שלאָסן. דער אָפּהילך פון זײַן אַלאַרם פאַרשאַפט אים װײטיק, נאָר די האַנט פון דעם האַרן־קנאָפּ נעמט ער נישט אַװעק.

„װאָס איז געשען מיט אײַך?" האָט אַ שטים גאָר נאָענט צו זײַן אויער אַרײַנ־גערעדט אין אים. „לאָזט אָפּ דעם אַלאַרם!"

בערל האָט געעפנט די אויגן. ער האָט געזען פאַר זיך אַ גרויס פאַרנעפּלט פּנים אין אָפענעם פענצטער.

„פאַרװונדעט", האָט בערל געזאָגט מיט אַ קראַנקער שטים. „אַ דאָקטער". געזאָגט און פאַרװאָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן אין פאַרלוירנקייט.

די צװיי מיליטער־לײַט, װאָס האָבן פאַרהאַלטן זייער לאַסטאויטאָ הינטער בערלס טאַנטיאַק האָבן דעם פאַרװונדעטן אַריבערגעטראָגן אין דער קאַבינע פון זייער מאַשין. זיי האָבן גערעדט צװישן זיך שטיל און באַהערשט, װי דאָס װאָס זיי האָבן געפונען אַ פאַרװונדעטן אין זײַן אויטאָ אין דעם פאַרװאָרפענעם העק נעבן דעם פּאַלמען־װאַלד, און זיי קלײַבן זיך אים אָװעקפירן צו מעדיציניִשער הילף, װאָלט געװען זייער טאָג־טעגלעכקייט. אײנער פון די צװיי האָט גענומען זײַן „עוזי" פון דער לאַסט־מאַשין און זיך אַרײַנגעזעצט אין פאַנטיאַק: „כ'פאָר הינטער דיר", האָט ער געזאָגט צום צװייטן. בײדע מאַשינען האָבן זיך צערוישט און אַװעק אין דער ריכטונג צו עזה. פון דעם אָפענעם ראַדיאָ אין פאַנטיאַק האָט ממשיך געװען די דזשאַז־מוזיק. די הייזעריקע נעגערישע שטים איז פאַרטומלט געװאָרן פון דעם גערויש פון דעם גרויסן לאַסטאויטאָ. דער מיליטערמאַן בײַם רעדל פון פאַנטיאַק האָט פאַררויכערט אַ ציגאַרעט און אָפּגעשלאָסן דעם ראַדיאָ. אין דעם ליידיקן אַרום און פון דעם גערויש פון דער לאַסט־מאַשין האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די אויטאָס פאָרן אין אַן אומענדלעכקייט.

בערל איז געקומען צו זיך אינעם צריף פון דעם מיליטערישן פּאָסטן פאַרן אַרײַנפאָר קיין עזה. דער דאָקטער האָט אויסגעפונען, אַז די קויל האָט דורכגע־שאָסן בערלס אַקסלבײן און אַז ער האָט נישט פאַרלוירן צו פיל בלוט. דאָך מוז ער אָנקומען צו באַהאַנדלונג אין אַ שפּיטאָל. אַ מיליטערישער העליקאָפּטער װעט אים אַװעקפירן אין שפּיטאָל אין באר־שבע.

בערל האָט זיך קעגנגעשטעלט:

„אויב די װונד איז נישט קיין געפערלעכע, איז דער בעסטער שפּיטאָל די הײם און דער בעסטער דאָקטער — מײַן אסתר. מײַן טאָכטער איז אַ קראַנקן־שװעסטער. װאָס איז מיט מײַן מאַשין?" האָט ער זיך דערמאָנט אָן זײַן פאַנטיאַק.

„אײַער מאַשין געפינט זיך דערנעבן".

„אויב אַזוי, חברים, גיט מיר אַ שאָפער פאַר מײַן פאַנטיאַק, ער זאָל מיך אַװעקפירן אַהײם קיין ראשון".

„ס'איז בעסער פאַר אײַך איר זאָלט אָנקומען אין אַ שפּיטאָל", האָט דער דאָקטער געעצהט, און בערל — זײַנס:

„אויב כ'ל דאַרפן אַ שפּיטאָל, האָב איך אַ נעענטערן, אין רחובות. פירט מיך

אַהיים. נאָר פֿריִער מוז איך רעדן מיט מײַן אײדעם אין תל־אביב. זאָל ער מיך אָפּוואָרטן אין דער היים. ווײַזט מיר אַ טעלעפֿאָן״.

בערל האָט זיך פֿאַרעקשנט. ער וויל אַ טעלעפֿאָן. ער וויל נישט הערן דערפֿון, אַז דער טעלעפֿאָן איז אַ מיליטערישער און קען נישט גענוצט ווערן פֿאַר פּריוואַטע געשפּרעכן. וואָס הייסט ,מ׳קען נישט?׳ זײַן זון איז אַ קבֿוע אין דער אַרמיי, און ער, בערל סימקין, איז זײַן טאַטע. טאָמער וואָלטן די פּאַלעסטינעזער באַנדיטן אים אַוועקגעהרגעט וואָלט שוין יאָ געוועזן אַ טעלעפֿאָן צו לאָזן וויסן זײַן משפּחה? מוז זײַן אַ פֿרײַער טעלעפֿאָן אויך פֿאַר דעם לעבעדיקן בערל סימקין.

כאָטש דער דאָקטער האָט אים געמאַכט אײַנשפּריצן קעגן ווייטיקן, האָט בערל געפֿילט ווי אַן עקבויער וואָלט געאַרבעט אין זײַן אייבערשטן אָרעם. דאָך אַז דער באַקומענער שאָק האָט אָפּגעטראָטן, איז ער צוריק געוואָרן בערל סימקין, און ער האָט אויסגעפֿירט זײַנס: ער האָט טעלעפֿאָנירט צו דודן און זיך באַמיט צו רעדן ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען:

„הער דוד, די פּאַלעסטינעזער ממזרים האָבן מיך געפּאַקט צווישן עזה און חן־יוניס און מיר דורכגעשאָסן דעם אַקסל. מנוּוולים... ניין, כ׳האָב שוין ווער ס׳זאָל פֿירן די מאַשין... מילואימניקעס וועלן האָבן אַ טרעמפּ... הער, דוד, נעם דײַן מאַשין און פֿאָר צו קיין ראשון צוצוגרייטן די מאַמע, זי זאָל מיר נישט מאַכן פֿריילעך... די שטים?... דורכן טעלעפֿאָן איז מײַן שטים שוואַכער. ס׳איז גאָר־נישט... דער עיקר די מאַמע. זאָג איר, אַז דו האָסט גערעדט מיט מיר ווי מיר רעדן אין שטוב״.

אַז אסתר האָט דערזען פֿאַר זיך אין אַ וואָכעדיקן טאָג איר מחותן, ד״ר אליעזר, און איר אײדעם דוד, האָט זי, נישט ענטפֿערנדיק אויף זייער שלום, געפֿרעגט:

„ס׳איז געשען?״ זי האָט געפֿרעגט ווי זי וואָלט פֿאַרויס געווען צוגעגרייט צו עפּעס וואָס מוז געשען און זי ווערט נישט איבערראַשט. זי האָט בלויז דיסקרעט פֿאַרבראָכן די הענט און געזוכט אין די פּנימער דעם ענטפֿער.

„באַרויִקט זיך, ס׳איז גאָרנישט געשען״, האָט אליעזר אויסגעשטרעקט צו איר אַ האַנט.

„מיט וועמען?״ האָט זי געוואָלט וויסן און איר שטים איז ערשט איצט גע־וואָרן אומרויִק.

„דער טאַטע איז אָפּגעקומען מיט אַ לײַכטן פֿאַרפֿאַל... צווישן עזה און חן־יוניס... אײדער מיר וועלן זיך אומקוקן וועט ער דאָ זײַן צוריק״.

„זאָגסט מיר דעם אמת?״ האָט זי פֿאַרשעריש געקוקט אין דודס אויגן און איר בליק איבערגעפֿירט צו אליעזרן, ער זאָל איר העלפֿן.

„דוד זאָגט אײַך דעם אמת״, האָט אליעזר געדריקט אירע בײדע אָרעמס. „איך וועל אײַך איבערחזרן גענוי ווי דוד האָט גערעדט מיט אײַער מאַן דורכן טעלע־פֿאָן. אַ קויל האָט דורכגעשאָסן זײַן אַקסל און דאָס וואָס מען האָט אים נישט

אָפּגעפירט אין אַ שפּיטאָל, נאָר ער קומט אַהיים מיט זײַן אייגענער מאַשין — איז אַ סימן, אַז גאָרנישט ווערט פון אײַך אויסבאַהאַלטן".

„כ'האָב געוווּסט ס'וועט געשען! פון נעכטן אָן האָב איך געוווּסט", האָט איר שטים געציטערט. „כ'האָב אים געבעטן ער זאָל נישט פאָרן. דער וועג פון עזה איז פול מיט מערדער. נישטאָ קיין וואָך עפּעס זאָל דאָרט נישט געשען. האָט ער זיך פאַרעקשנט ,דווקא'. ער מוז זײַן אין רפיח, ווי מיר וואָלטן חלילה נישט געהאַט מיט וואָס די וואָך איבערצולעבן".

„אויך אין תל־אביב, געשעען פאַרפאַלן; וועג־קאַטאַסטראָפעס אויף אַלע וועגן", האָט דוד געפּרוּווט פאַרענטפערן זײַן שווער. „זאָל מען אויפהערן פאָרן?"

„מ'מוז נישט פאָרן ווען דאָס האַרץ זאָגט פאַרויס", האָט אסתר געטענהט. „אַ האַרץ פילט פאַרויס. אויסער דעם האָט ער געהאַט אַ שלעכטן סימן. נעכטן האָט ער אויפן וועג פון תל־אביב צעהאַקט אַ לאַמטערן. איז ער באַלד געלאָפן פאַרריכטן ווי דאָס אומגליק וואָלט אים געיאָגט".

ערשט אין שפּעטן נאָך מיטאָג איז פאַרפאָרן דער פאַנטיאַק. בערלען האָבן געבראַכט צוויי מילואימניקעס. זיי האָבן געהאָלפן בערלען אַרײַנגיין אין שטוב. אויף דעם רעש פונעם מאָטאָר איז אסתר אַרויסגעלאָפן און דערזען איר מאַן אין אַ מצב, ווי ער וואָלט אין דעם איינציקן טאָג געוואָרן אַלט און צעבראָכן. די פאַר־פלעקטע באַנדאַזשן, דער האַלב־נאַקעטער גוף, אָן אַ העמד, האָבן אים פאַרענ־דערט, ווי ער וואָלט געווען אַ פאַרנאַכלעסיקטער בעטלער. אסתר האָט זיך מיט די לעצטע כּוחות אײַנגעהאַלטן נישט צו וויינען און נישט צו שרײַען, כּדי נישט צו ווירקן נאָך מער אויף דער צעבראָכנקייט פון בערלען. זי האָט זיך אויך באַ־הערשט צוליב אליעזרן, וואָס איז געשטאַנען נעבן דער טיר און געקוקט ווי די צוויי מיליטערלײַט פירן אַרײַן זײַן מחותּן.

בערל האָט געפּרוּווט שמייכלען, נאָר דער שמייכל איז אַרויסגעקומען ווי פון אַ שווער קראַנקן מענטש:

„כ'האָב זיך ערשט הײַנט דערוווּסט וואָס פאַר אַ מאַטערניש עס איז דאָס פאָרן אין אַן אויטאָ", האָט ער געזאָגט צו אליעזרן. „אַזוי פיל יאָרן אין אַן אויטאָ און קיין איבער האָט מיר קיין מאָל נישט געטאָן ווי דאָס מאָל... געלויבט צו גאָט איך בין שוין אין דער היים... אַזעלכע ממזרים... כ'האָב זיי אַפילו נישט באַמערקט. מסתּמא זיך אויסבאַהאַלטן הינטער אַ טייטלבוים... כ'דאַרף אַ בעט..." האָט ער צום סוף געזאָגט.

אסתר איז געלאָפן צוגרייטן דאָס בעט און אויפן וועג געזאָגט צו דודן:

„טו מיר אַ טובה, מ'דאַרף די גוטע מענטשן דערכאַפּן דאָס האַרץ. ווייסט ווּו עס שטייט די קאַווע? מאַך אַ גוטע קאַווע".

די מילואימניקעס האָבן געדאַנקט. זיי אײַלן אַהיים. אַ חודש צײַט נישט געזען די פרויען, די קינדער, פון דער פּרנסה ווערט אַ תּל. אויפן הויפּט־כּביש וועלן זיי כאַפּן אַ טעקסי, אָדער אַ טרעמפּ. דער עיקר: זיי האָבן דעם פאַרוווּנדעטן מיט זײַן מאַשין געבראַכט אַהיים.

אַז די מילואימניקעס זענען אַוועק, האָט אליעזר געבעטן אסתר זאָל אים ברענגען אַלקאָהאָל, וואַטע, גאַזע. ער וועט זיך פּרוּוון דערמאָנען די באַהאַנדלונג פון פאַרווונדעטע אויפן פראָנט, האָט ער געזאָגט. אסתר האָט אַלץ געהאַט אין דער היים. פון דער צייַט ווען די קינדער זענען געווען קליין, געקראָכן איבער שטעכלדראָט, זיך צעשטאָכן בייַם אַראָפּנעמען סאַברעס פון די קאַקטוסן און אַנדערע צרות, האָלט זי אין שטוב יאָדין, אַלקאָהאָל, באַנדאַזשן. הלוואי מען זאָל עס נישט דאַרפן.

„איצט דאַרף מען טרינקען ,לחיים'", האָט אליעזר געזאָגט. „פאַר אַ פאַרוווּנדעטן אויפן פראָנט איז נישטאָ קיין בעסערע רפואה ווי אויסטרינקען אַ גלעזל שנאַפּס. אויב אַלקאָהאָל איז גוט פאַר דער ווונד אויסערלעך, איז אַ גוטער שנאַפּס נישט ערגער פאַרן האַרץ אינערלעך. דערלאַנגט, מחותּניתטע, אייַער מאַן אַ גלעזל בראָנפן, אָדער קאָניאַק, אָדער וויסקי, און פאַר מיר אַ קלענערע פּאָרציע".

„אויך פאַר מיר", האָט דוד געמאָנט.

„פאַר דיר נישט, דוד. מיר דאַרפן צוריקפאָרן קיין תּל־אביב".

„זאָל ער טרינקען", האָט זיך אָפּגערופן בערל. „פון איין גלעזל ווערט מען נישט שיכּור".

פאַרזיכטיק האָט אליעזר אַראָפּגענומען דעם פאַרפלעקטן באַנדאַזש נישט רירנדיק דעם טאַמפּאָן אויף דער ווונד. מיט אַלקאָהאָל האָט ער אַראָפּגעוואַשן די פאַרטריקנטע בלוטפלעקן, אַרומגעלייגט מיט מאַרלע און געזאָגט צו בערלען ווי ער וואָלט פאַר אים געהאַלטן אַ לעקציע:

„אין אונדזער קלימאַט, אַז עס הייבט אָן בייַסן אונטער דעם באַנדאַזש, איז זייער נישט אָנגענעם. דער קראַנקער דערקראַצט זיך אַ מאָל ביז דער ווונד. דאַרף מען דעם שטח אַרום דער ווונד אייַנרייַבן מיט אַלקאָהאָל און אַרויפלייגן מאַרלע. זאָל זי אייַנזאַפּן דעם שוויס און עס בייַסט נישט מער. איר פילט ווייטיק?"

„ניין, כ'האָב באַקומען אַן אייַנשפּריצונג", האָט בערל געזאָגט ווי אַ געהאָרכזאַמער פּאַציענט.

אליעזר האָט גענומען בערלס האַנט אין זייַנער און זיך אייַנגעפילט אין זייַן דופק, קוקנדיק אין ערגעץ נישט.

„מעגלעך אַ ביסעלע טעמפּעראַטור נאָך אַזאַ איבערלעבונג, אָבער צו אַ ,לחיים' שטערט זי נישט".

אסתר האָט זיך געפּעדערט און צוזאַמען מיט די געטראַנקען געבראַכט דרייַ פון אירע בלאַנקענדיקע ליאַמפּקעס, וואָס זאָגן עדות אויף אַ גוטער באַלעבאָסטע. זי איז געווען אי פאַרזאָרגט און אין דער זעלבער צייַט אויפגעוועקט ווי נאָך אַן איבערגעלעבטן קריזיס. דאָס פּנים האָט איר געפלאַמט. בערל האָט געקוקט אויף איר מיט אַ פאַרשולדיקטן שמייכל:

„נו, אסתרל, לחיים", האָט ער פון אליעזרס האַנט גענומען אַ ליאַמפּקע שנאַפּס. „אַזוי איז עס אַז מ'האָט צו טאָן מיט די פּאַלעסטינעזער ממזרים. לאָזן דעם אָטעם נישט אָפּכאַפּן. לחיים, מחותּן, לחיים דוד. אַזוי איז עס!"

„אַזוי איז עס", האָט אסתר אַ וויש געטאָן אונטער דער נאָז, „אַז מען הערט נישט אַן אייגן ווײַב. איצט כאָטש מעגסטו זיך מודה זײַן, אַז כ'האָב דיך געבעטן: ,בערל, פאַר נישט הײַנט. ס'עט דיר גאָרנישט אַנטלויפן'. האָב איך דיר געזאָגט?"

„לחיים!" האָט אליעזר אויסגערופן.

אַז אסתר האָט צוגענומען פון בערלס האַנט די ליידיקע ליאַמפּקע, האָט ער, רעדנדיק דאָ צו אליעזרן און דאָ צו דודן, זיך פאַרענטפערט:

„האָסט געזאָגט. אַוודאי האָסטו געזאָגט. איז וואָס? טאָמער ס'טע ווײַזן די ממזרים, אַז דו האָסט מורא צו פאָרן אויסער תל־אביב, און אַ מענטש וועט זיך נישט ווײַזן אויף די שטחים, וועסטו אויך אין תל־אביב נישט קענען אַרויסשטעקן די נאָז".

„אויך אויפן כביש פון תל־אביב קיין ירושלים קומען פאָר אומגליקן", האָט אים אליעזר צוגעהאָלפן.

„אָבער קריכן ס'אומגליק אין פּיסק אַרײַן?" האָט אסתר געהאַט טענות. „האָסט מענטשן, די כּלים זענען אויפן פּלאַץ — לאָז די מענטשן אַרבעטן. רײַס נישט אײַן קיין וועלטן. ווערסט נישט ייִנגער, בערל".

„אָט האָסטו דיר, מײַן ווײַב מאַכט מיך שוין פאַר אַ זקן אויך", האָט בערל אַרויפגעקוקט צו איר.

דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט דוד און געזאָגט מיט פריילעכקייט:

„די חשבונות מאַך איך אין דער פירמע סימקין. צו וואָס זאָלט אויך איר מאַכן חשבונות?"

אַ טעלעפאָן־קלונג האָט איבערגעריסן דעם וויכּוח. ס'האָט געקלונגען יוכבד. זי איז געווען אומרויִק. אין משׂרד האָט איר קיינער נישט געענטפערט און דוד איז נישט אַהיימגעקומען. וואָס טוט ער בײַ דער מאַמען אין ראשון? וואָס איז געשען?"

כּדי יוכבד זאָל נישט אַרײַנפאַלן אין בהלה האָט דוד אַרײַנגערעדט אין טרײַבל מיט אַ לײַכטן ייִנגלערישן טאָן:

„זאָלסט עס האַלטן בסוד, יוכבד. גאָלדען האָבן אירע קלוגע עצה־געבערס פון דער קיך אָפּגערעדט צו פירן ערנסטע געשפּרעכן מיט כוסיינען וועגן שלום, איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן פאַר ראש־הממשלה אַן אַנדער פּרוי. בין איך גע־קומען פאַרלייגן די מאַמע אסתר זאָל איבערנעמען דעם אַמט פון פּרעמיער־מיניס־טער און מיך באַשטימען פאַר איר עצה־געבער. מעגלעך, אַז די צווייטע וואָך..."

יוכבד האָט אים נישט געגלויבט פאַרענדיקן. זי איז צוגעשטאַנען, ער זאָל איר זאָגן וואָס עס איז געשען, אָדער ער זאָל צורופן די מאַמע צום טעלעפאָן. האָט דוד געזאָגט:

„די מאַמע קען נישט צוגיין. זי העלפט דעם טאַטן פירן מלחמה מיט טעראָ־ריסטן אין עזה. אינעם קאַמף מיט די טעראָריסטן איז דער טאַטע פאַרוווּנדעט געוואָרן. זייער לײַכט פאַרוווּנדעט געוואָרן. איצט ליגט ער אין בעט. ער האָט אַ זייער גוטע מעדיצינישע באַהאַנדלונג. מײַן טאַטע זיצט נעבן אים".

„מאַך נישט חוזק פון מיר, דו סטעפּאָן!" האָט אָפּגעהילכט אין טרײַבל.

„איך מאַך נישט חוזק. דאָס איז דער אמת“, האָט דוד איר פאַרזיכערט. יוכבד האָט ערנסט געפּאָדערט די מוטער זאָל צוגיין צום טעלעפאָן. אסתר האָט איבער־גענומען דאָס טרײַבל און מיט אַ שטים פול מיט זאָרג באַשטעטיקט, אַז דער פאָטער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן, אַזוי ווי דוד האָט געזאָגט, נעבן עזה. ד״ר אליעזר זיצט בײַ זײַן בעט. דער טאַטע פילט זיך בעסער. יוכבד האָט פאַרלוירן ס׳לשון. זי האָט געוווּסט, אַז די מאַמע מאַכט נישט קיין וויצן פון דעם שטייגער, אָבער נאָך דודס לײַכטן טאָן האָט זי מער גאָרנישט פאַרשטאַנען:

„אמא, ס׳איז אמת וואָס דו זאָגסט?!“ האָט יוכבד צוריקבאַקומען ס׳לשון. „נעם מיר נישט אַרויס די נשמה“.

מאָטל סימקין אין ירושלים און רפי סימקין אין תל־אביב האָבן אין די ראַדיאָ־נײַעס פון 7 אַ זייגער נאָך מיטאָג געהערט, אַז דער זויטאָ פון זייער פאָטער איז באַשאָסן געוואָרן אויפן וועג צווישן עזה און דעיר־אַל־באַלאַך, ווען ער איז געפאָרן אין דער ריכטונג פון חן־יוּניס. דעם לײַכט־פאַרוווּנדעטן דב סימקין האָט מען אָפּגעפירט אין זײַן היים אין ראשון־לציון. ביידע ברידער האָבן געאײַלט קיין ראשון. כאָטש אין ראַדיאָ האָבן זיי געהערט, אַז דער פאָטער איז לײַכט־פאַר־וווּנדעט, דאָך זענען זיי געווען צוגעגרייט צום ערגסטן. ס׳טרעפט אַז צוליב זיכער־הייט־מאָטיוון גיט נישט אָן דער ראַדיאָ די צאָל פאַרוווּנדעטע און זייער מצב. פּאָליטיק איז פאַליטיק און מיט די אַראַבער דאַרף מען וויסן ווי זיך צו באַגיין.

געפונען זייער פאָטער אין בעט אַ וואַכן און באַרעדעוודיקן, האָט זייער אומרו כּהרף־עין זיך פאַרוואַנדלט אין ווילדער אויפרעגונג. גאָלדע מאיר מיט איר ראַט־געבער אין דער קיך, ישׂראל גלילי, און זייערע ביידנס זיכערהייט־מיניסטער משה דיין דאַרפן זיך גלײַך אָנגעבן אין דעמיסיע. זיי, די ברידער, האָבן שוין פון לאַנג געמאַכט דעם אויספיר, וואָס איז איבעריקנס דער אויספיר פון דער באַוועגונג, אַז די פּאָליטיק פון אַריק שרון האָט זיך באַרעכטיקט. והראיה — דער טאַטע הײַנט. מעגסט רעדן צו די אַראַבער אַראַביש, טערקיש, גריכיש — איז גערעדט צו דער וואַנט. איין שפּראַך וואָס זיי פאַרשטייען יאָ איז זבענגיש. טאָמער גיסטו זיי אַ זבענג — ווערן זיי שטיל, ווי זיי וואָלטן געבוירן געוואָרן שטומע. כּל־זמן אַריק האָט געזבענגעט האָט מען ווידער געקענט אַרײַנפאָרן קיין עזה, פאַרבײַפאָרן עזה — זיכער ווי אויף דער אַלנבי־גאַס אין תל־אביב. נאָר אַז די איידעלע נשמות פון השומר־הצעיר און פון די אַנדערע לינקע האָבן געמאַכט אַן אַלאַרם, אַז ישׂראל ווענדט אָן קאָלעקטיווע שטראָפן כּלפּי די פּאַלעסטינעזער אָנשטאָט צו פאַנגען און צו משפּטן די אמתדיקע שולדיקע, האָט זיך גאָלדע מאיר דערשראָקן. פאַר אַלץ שרעקט זי זיך. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר וויליאַם ראָדזשערס און אים אַנטקעגנ־געטראָגן די רעזאָלוציע 242, גרייט אָפּצוגעבן שטחים פון ארץ־ישׂראל; זי שרעקט זיך פאַר די באַנדס־קויפער אין ניו־יאָרק און זי האָט זיך דערשראָקן פאַר אַ טעלעפאָן פון דער ירקון־גאַס אין תל־אביב, ווײַל אַריק שרון האָט געמאַכט אָרדע־

נונג אין די פּליטים־לאַגערן אין עזה־פּאַס. איצט — האַסטו! דער טאַטע ליגט אין בעט מיט אַן אַדורכגעשאָסענעם אַקסל. אויב מפּא״י וועט ווײַטער בלײַבן בײַ דער מאַכט ווי אין די אַלע יאָרן, האָט נישט די מדינה קיין צוקונפט. די מפּא״ישע מיניסטאָרן גייען אַרום גאוודיקע ווי קאַלעקוצקע הענער: אויס! — מלחמה וועט מער נישט זײַן: מצרים לעקט אירע וואונדן, אירע שטעט בײַם סועץ־קאַנאַל און בײַ דער סועץ־בוכטע ליגן אין חורבות; סיריע ציטערט טאָמער וועט משה דיין אויפוועקן בײַ נאַכט דמשק, און כוסיין האָט נישט קיין רוקן טאָג טאָמער קלינגט דער טעלעפאָן פון גאָלדע מאיר. אָט האָסטו דיר: ,ס׳וועט מער נישט זײַן קיין מלחמה׳. פּונקט ווי צו באַקומען אַ קויל אויפן וועג פון עזה צו חן־יוניס וואָלט נישט געהייסן מלחמה.

רפיס עצה איז געווען, דער ברודער זאָל וואָס שנעלער צוזאַמענרופן די חרות־פראַקציע אין דער כנסת און אָננעמען אַ באַשלוס אַרײַנצוטראָגן אַן אומצוטרוי־פאָרשלאָג דער רעגירונג פאַר איר אוממעכטיקייט צו באַהערשן דעם טעראָר. ער, מאָטל, האָט איצט אַן אויסגעצייכנטן „קעיס״. זיין אייגענעם טאַטן האָט עס געטראָפן אויפן וועג קיין רפיח אויסצופירן אַנטוויקלונגס־אַרבעטן פאַר דער מדינה און אויסליידיקן די פּליטים־לאַגערן פון דעם כוליגאַניזם. דאָס וועט דעם מפקד מנחם בעגין געבן אַ געלעגנהייט צו האַלטן אַ פּאַטעטישע רעדע פון דער כנסת־טריבונע. „דער אַראַבישער טעראָר דרינגט אַרײַן אין יעדן ייִדישן הויז אין דער מולדת, וואָס אירע בעסטע זין זענען געגאַנגען צו דער תליה פאַר דער פרײַהייט פון ייִדן אין זייער באַנײַט מלכות״.

„ס׳איז אַן אויסגעצייכנטער זאַץ!״ האָט רפי סטימולירט זײַן ברודער. „איך וואָלט דעם זאַץ דערלאַנגט בעגינען. ער איז ווי ער וואָלט אַרויס פון זײַן אייגן מויל. איך אַליין וואָלט פון דער כנסת־טריבונע אָנגעוויזן אויף דיר: ,אָט זיצט פאַר אונדז אַ שליח פון דער אומה, מרדכי סימקין. זײַן פאָטער, דב סימקין, וואָס די בעסטע זין פון דער מולדת האָבן זיך געראַטעוועט אין זײַן הויז אין דער צײַט פונעם חרפּהדיקן סעזאָן — דער טײַערער ייִד איז געוואָרן אַ קרבן פון דעם פאַר־ברעכערישן טעראָר פון די פּאַלעסטינעזער באַנדיטן׳. דאַרפסט געדענקען דעם זאַץ און אים סוגערירן אין דער פראַקציע״.

אויך דער ראַדיאָ זיבן אַ זייגער אין אָוונט האָט אין די נײַעס געלאָזט וויסן, אַז אויפן הויפּט־כביש צווישן עזה און דעיר־אַל־באַלאַך האָבן פּאַטאַך־טעראָריסטן באַשאָסן דעם אויטאָ פון דעם קבלן דב סימקין און אים לײַכט פאַרוואונדעט. דער טעלעפאָן אין הויז פון די סימקינס האָט נישט גערוט. פון אומגעדולד און פון נישט קענען זיך דערקלינגען זענען געקומען צו פאָרן צבי און דינה, די משפּחה פון רחובות און פון פּתח־תקווה, באַקאַנטע פון תל־אביב און פון גדרה. אין דעם וואָכעדיקן אָוונט איז בײַ די סימקינס אין הויז געוואָרן יום־טובדיק. די קרובים פון רחובות זענען געקומען מיט זייער עצה, אַז ווי נאָר בערל וועט קענען אַרויס פון בעט אַזוי זאָל ער גיין אין בית־כנסת און בענטשן גומל.

פון דעם אַנפאַר פון מענטשן און פון דעם צעקלינגעניש פונעם טעלעפאָן האָט

אסתר באַקומען נײַ לעבן. זי האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש אַלע רעשטלעך עוגות, וואָס זענען איר געבליבן פון שבת, געשטעלט אויפן טיש ווײַן, קאָניאַק און סיפאָנען סאָדע־וואַסער. זי האָט אָנגעשטעלט דעם גרויסע עלעקטרישן סאַמאָוואַר, אַז ווער עס וויל זאָל נעמען טיי, וואָרום אין דער היץ אין דרויסן איז נישטאָ עפּעס בעסערס ווי אַ הייסע גלאָז טיי. אסתר האָט נישט פאַרפעלט צו זאָגן, אַז איר מחותּן ד״ר אליעזר אַרטאָפּאַנוס איז צוזאַמען מיט איר איידעם אָנגעקומען פריִער ווי מען האָט געבראַכט בערלען אַ פּאַרווונדעטן. ער האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן. ער האָט גאָלדענע הענט. אַזעלכע דאָקטוירים זענען שוין הײַנט אַ זעלטנקייט. נישט אַ דאָקטער — אַ מאַמע.

אַ מידער און אַנטשפּאַנטער פון די איבערלעבונגען איז בערל סימקין פלוצים אײַנגעשלאָפן מיט אַ שטאַרקן שלאָף אין מיטן פון רעדן מיט די געסט אַרום זײַן בעט. טאַקע אין דער מיט פון רעדן. אָט האָט ער עפּעס געזאָגט און אָט שנאָרכט ער ווי נאָך אַ טאָג אַרבעטן מיט דער טוריִע. איינציקוויַיז האָבן די געסט זיך אַרויסגעשאַרט פונעם שלאָף־צימער. בײַם טיש האָט נאָך דער און יענער גענומען אַ גלעזעלע משקה, פאַרביסן מיט אַ שטיקל וואַפלע, צי מיט אַ האַרט קיכל, וואָס אסתר האַלט אַלע מאָל אין אַ גרויסן בלעכענעם שעכטל טאָמער וועט איר אויס־פעלן פון דער שבתדיקער עוגה. ווי די קרובים און באַקאַנטע האָבן זיך אַרויסגע־שאַרט פונעם שלאָף־צימער, אַזוי האָבן זיי איינציקוויַיז זיך געזעגנט מיט אסתרן, איר געוווּנטשן מזל און ברכה און זענען אַוועק.

די צוויי ברידער, דער חבר־הכּנסת מרדכי און רפי, זענען אַוועק נאָך פריִער. זיי זענען געקומען צום אויספיר, אַז דער פאַל מיטן טאַטן קען גוט אויסגענוצט ווערן פאַר דער פּאַרטיי, צו מאַכן צו אַש און צו בלאָטע די מפא״י־רעגירונג, וואָס מאַכט נישט קיין סוף צום פּאַטאַך־טעראָר. דער עיקר, איצט, נאָך דעם ווי דער ראַדיאָ האָט שוין עטלעכע מאָל אָנגעגעבן וועגן דעם אָנפאַל אויפן טאַטן און דער־מאָנט, אַז דער פאַרווונדעטער איז דער פאָטער פון דעם חבר־הכּנסת מרדכי סימ־קין, דאַרפן זיי ביידע זײַן אין מצודת־זאב אין תּל־אביב. זאָלן מענטשן זיי זען און באַגריסן.

אסתר איז געבליבן אַליין מיט די ליידיקע גלעזער, טעלערלעך און האַלב־אויסגעליידיקטע פלעשלעך אויפן טיש. פון טיש האָט זיך געטראָגן אַן אויסטער־לישער אומעט. פון שלאָף־צימער איז דערגאַנגען בערלס בהלהדיק שנאָרכן מיט געוואַלדיקע פלוצימע איבעררײַסן, און באַלד ווידער די בהלה, דאָ אויף אַ הויכער און דאָ אויף אַ נאָך העכערער אָקטאַווע. האָט אסתר שנעל אָפּגערייניקט דעם טיש, פאַרטריבן דעם אומעט, אָפּגעבונדן דעם פאַרטעך און זיך אַוועקגעזעצט נעבן ליידיקן טיש. אויך זי איז געווען טויט מיד, נאָר דער אימפּעט האָט זי ביז איצט געהאַלטן. איצט קומט קאַפּויער די מידקייט. מיט דעם קאָפּ צווישן די הענט האָט זי אָנגעשפאַרט אירע עלנבויגנס אָנעם טיש און צוגעלענט די אויגן. די באָבע פעסע פלעגט זאָגן: „גאָט גיט דעם מענטשן כּוח צוזאַמען מיט די צרות״. איצט זעט אסתר ווי גערעכט די באָבע עליה־השלום איז געווען. ווען עמעצער זאָל איר פריִער האָבן

געזאָגט, אַז זי וועט זיך האַלטן אויף די פיס ביז איצט — ווען זי האָט שוין צוריק בערלען אין דער היים, וואָלט זי אַוודאי געזאָגט אַז יענער איז חסר־דעה. נאָר קיין כּוח האָט זי נישט מער זיך אויפצוהייבן פון טיש, פאַרמאַכן די פענצטער, פאַר־קייטלען די טיר און זיך אויסטאָן.

ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי הערט פון ערגעץ דאָס געוויין פון אַ קינד, אָדער אפשר איז עס ס׳געוויין פון שאַקאַלן? ניין, ס׳איז ס׳געוויין פון אַ קינד, וואָרום אַז ס׳וויינען שאַקאַלן — צעבילט זיך בריטאַן פון שרעק ווי ער וואָלט זיך געעקט. האָט זי זיך אײַנגעהערט אינעם ווײַטן געוויין פון אַ קינד און ס׳איז איר ווייך געוואָרן אונטערן האַרץ און ס׳איז איר זיס געווען אײַנצושלאָפן בײַם טיש, דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף אירע אָרעמס...

34

ס׳איז געווען אַ הייסער אויסמאַטערנדיקער זומער־טאָג. דוד איז אַהיימגעקו־ מען פֿרי. ער האָט זיך געפֿילט ווי ערב אַ כאַמסין, און ערב אַ כאַמסין איז ביי אים ווי ערב דעם אויסברוך פֿון אַ מלחמה. שוואַכקייט און אומרו בייטן זיך אָפּ און ביידע ווערן באַגלייט מיט קאַפּווייטיק. אין אַזאַ מצב ווערט ער ענלעך צו אַ שיף אויף אַן אומזיכערן ים; ער זוכט אַ רעטונג — אַ פּאָרט. זיין פּאָרט איז יוכבד. אַלע מאָל ווען עס קלעמט אים צו און ער פּאַלט אַריין אין זיינע שטימונגען צו אַנטלויפֿן — אַפֿילו פֿון זיך אַליין, איז גענוג ער זאָל יוכבדן דערפֿילן לעבן זיך און ער ווערט באַפֿרייט פֿון דער שפּאַנונג. אויך אליעזר האָט געהאַט אויסגעפֿונען דעם סוד. ווי נאָר דוד הייבט אָן רעדן וועגן דער שטיקעניש אין לאַנד, די פּאַדאַי־ נישע איבערפֿאַלן אויף די גרענעצן, די רעוואַנזש־אַקטן, די טאָגטעגלעכע קליינ־ טשיקע גזירהלעך פֿון דער רעגירונג, וואָס באַלד אויף צו מאָרגנס ווערן זיי בטל, כּדי צו פֿאַרבייטן זיי מיט אַנדערע, קלענערע און זלידנע, און זיין אויספֿיר איז: „אַנטלויפֿן" — איז גענוג אליעזר זאָל דערמאָנען דעם נאָמען יוכבד, און גאָרנישט איז מער וויכטיק.

אויך פֿאַר דעם פֿאַל מיט זיין שווער אויפֿן כּביש צווישן עזה און חן־יוניס, האָט דוד געהאַט אין זיין זכּרון אַ לאַזאַרעט און אַ בית־הקברות: אַ טייל זעלנער פֿון זיין מיליטערישער איינהייט זענען, דורך די יאָרן, געוואָרן פֿאַרווונדעט, אָדער געפֿאַלן, ווער אין אַ מלחמה, ווער ביים אָנטייל נעמען אין אַ רעוואַנזש־אַקט, אָדער גאָר מתּוך אומפֿאַרזיכטיקייט אַרויפֿגעטראָטן אויף אַ מינע. אויך אין דער געזעלשאַפֿט אין וועלכער ער פֿאַרברענגט מיט יוכבדן, פֿעלט דורך דער צייט דער און יענער, אָדער דער און יענער איז אַן אינוואַליד. ערשט נעכטן, אַראָפּ־ גייענדיק פֿון זיין ביוראָ האָט ער געהערט ווי עמעצער רופֿט זיין נאָמען. אויפֿן טראָטואַר איז געשטאַנען אַ קליינע רויטע מאַשין מיט אַ שילדל מיט דריי פּונקטן אין אַ קרייז ווי אַ צייכן פֿון אַ מלחמה־אינוואַליד. ביים רעדל איז געזעסן אַ מאַן פֿון אַ דרייסיק יאָר. מיט יאָרן צוריק האָט ער זיך געהאַט מיט אים צונויפֿגעחברט בעת ביידע זענען געווען ווי מילואימניקעס אין דער זעלבער איינהייט. זייט דעמאָלט האָבן זיי זיך מער נישט געטראָפֿן. איצט האָט ער אים געפֿונען ביים רעדל אָן ביידע פֿיס. אָן דעם צווייטן געזעס איז געווען אָנגעשפּאַרט אַ צוזאַמענ־ געלייגט אינוואַלידן־וועגעלע.

„דוד, אַזוי לאַנג דיך נישט געזען! אַיך המרגש?״ האָט יענער געפרעגט מיט אַ גוזמהדיק לוסטיקער שטים.

געזען דעם מצב פון זײַן אַלטן באַקאַנטן, האָט דוד ספּאָנטאַן געענטפערט:

„המצב? זיפּתי!״ זײַן ענטפער איז געווען נישט בלויז כּדי צו פאַרענטפערן זיך אויף אַזאַ אופן פאַר דעם וואָס ער, דוד, שטייט אויף זײַנעביידע פיס, נאָר ווײַל זײַן שטימונג איז אויף אַן אמת געווען „זיפּתי״: אַ יונגער מענטש און זײַן זכּרון איז אַ לאַזאַרעט און אַ בית־הקברות ווי אַ צולאָג צו דעם וואָס אין אים קומט אָפּט קאַפּויער די וואַרשעווער געטאָ, ווען ער איז געווען נאָך אַ ייִנגל.

נאָך דעם פאַל מיט זײַן שווער האָט דוד רעדוצירט זײַנע שבתדיקע שפּאַצירן מיט יוכבדן און מיט די קינדער אין זײַן אויטאָ. ער האָט זיך פאַרענטפערט דער־מיט, אַז אין ישׂראל ווערן מענער אַלט אין זייער יוגנט. אַ סימן דערויף איז דאָס וואָס איז אייגנטימלעך פאַר זקנים אַז זיי זעען אין זייער סביבה וואָס אַ מאָל ווייניקער פון זייערע אַמאָליקע חברים און באַקאַנטע, און די וועלכע זיי זעען יאָ זענען קראַנק אָדער שוואַך — דאָס זעלבע איז אייגנטימלעך פאַר יונגע מענטשן אין ישׂראל. אומבאַוווּסטזיניק איז דער מאָטיוו געווען: יוכבד און די קינדער. ווי ער האָט יוכבדן ליב געהאַט איידער זי האָט אים געבוירן די צוויי זין, אַזוי האָט ער נישט אויפגעהערט פלאַטערן איבער איר אַלע יאָרן נאָך דעם. נישט ווי אַנדערע יונגע פרויען אין דעם ישׂראלדיקן קלימאַט, וואָס נאָך דער בליציײַט און נאָך געבורטן ווערן זיי שנעל פאַרוועלקט — האָט יוכבד נאָך יעדן געבורט זיך אויף ס׳נײַ צעבליט, איר גאַנצער גוף איז געווען ווײַבלעכער און עסטעטישער רייך. זי האָט אַרום זיך פאַרשפּרייט אַ ריח וואָס האָט אַרויסגערופן אַ געפיל פון יונגקייט און ווילן צו זײַן בראַווו.

אין יענעם הייסן זומערטאָג האָט ער אַהיימגעבראַכט זײַן ערב־כאַמסין־אומרו און זײַן קאַפּווייטיק. פון דעם קלאַפּ פון דער טיר פון זײַן אויטאָ האָט יוכבד פאַר־שטאַנען, אַז „עפּעס״ איז מיט איר דודן. זי האָט אַראָפּגעקוקט פונעם פענצטער און אים אָבסערווירט ווי ער פאַרשליסט דעם אויטאָ און גייט אין דער ריכטונג צום אַרײַנגאַנג אין הויז. באַלד גייט ער צוריק, שליסט אויף דעם אויטאָ און נעמט אַרויס אַ פּעקעלע. ער פאַרמאַכט צוריק די טיר און — אין דער טיר זענען נישטאָ די שליסלען. ער זוכט די שליסלען אויף דער ערד, בײַם ראַנד פון טראָטואַר. יוכבד שרײַט אַראָפּ צו אים: „סטעפּאַן, אין דער קעשענע, אין דער קעשענע!״ דוד קוקט אַרויף צו איר, שטעקט אַרײַן די האַנט אין דער קעשענע און ציט אַרויס די שליסלען. זי האָט אים אָפּגעוואַרט אין דער אָפענער טיר, אויסגעשטעלט צו אים אירע ליפּן און אַרויסנעמענדיק דאָס פּעקעלע פון זײַנע הענט האָט זי געזאָגט, ווי ער וואָלט געווען אַ קליין ייִנגל, וואָס קומט אַרויף פון דער גאַס אַ פאַרשטויב־טער און פאַרבלאָטיקטער:

„צום טוש! שנעלער צום טוש!״

„איך פאַרליר דעם קאָפּ פון ווייטיק״, האָט ער זיך געקלאָגט.

יוכבד האָט נישט געוואָלט הערן; זי האָט אים אָפּגעקנעפּלט דאָס העמד,

אַרויסגעצויגן עס פון די הויזן; דערנאָך אָפּגעקנעפּלט אים די הויזן, געהייסן אים אויפהייבן די פיס, זי זאָל אים קענען אויסטאָן, אַראָפּגעצויגן פון אים די אונטער־הייזלעך און אַ נאַקעטן אין די סאַנדאַלן געפּעטשלט אים אין רוקן:

„צום טוש!"

אָן אויסצורעדן אַ וואָרט איז דוד אַרײַן אין באָדצימער. אַזוי שנעל ווי יוכבד האָט געהערט דעם גערויש פון וואַסער איז זי צוגעגאַנגען צום שפּיגל און זיך אָנגעקוקט. זי האָט גאָרנישט געהאַט וואָס אויסצובעסערן. זי האָט הנאהדיק זיך אָנגעקוקט, מיט אַ שפּיץ פון אַ נאָגל אַראָפּגעקראַצט אַ ביסעלע רויטס פון דער אייבערשטער ליפּ, וואָס ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז ס'איז אַרויס פון דער גרעניץ, און מאַכנדיק אַ טריט הינטערווײַלעכץ, האָט זי באַקוקט אירע בריסט, ווי זי וואָלט געקוקט אויף די בריסט פון אַ צווייטער. דערנאָך איז זי אַרײַן אין שלאָפצימער, געבראַכט אַ לײַלעך און אים אויסגעשפּרייט אויפן טעפּיך אין סאַלאָן. אַזוי שנעל ווי דוד איז אַרויס פון באָדצימער אַרומגעוויקלט מיט אַ האַנטעך אַרום די לענדן, איז זי אים אַנטקעגנגעקומען, זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, אַ קוש געטאָן אים אין די ליפּן און באַפעלעריש געזאָגט, אָנווײַזנדיק מיט אַ פינגער אויף דעם אויסגעשפּרייטן לײַלעך:

„דאָ איז דײַן פּלאַץ!"

„האַו, האַו", האָט דוד זיך געשטעלט אויף אַלע פיר אויפן אויסגעשפּרייטן לײַלעך און ווי אַ צייכן פון געהאָרכזאַמקייט איבערגעחזרט דעם ביל: „האַו, האַו".

מיט אַ געמאַכטער טויט־ערנסטקייט איז יוכבד אַוועק און צוריקגעקומען מיט אַ גלאָז מילך:

„טרינק!" האָט זי אים באַפוילן, אַראָפּשטעלנדיק זיך אויף די קני צו דערלאַנגען אים די גלאָז. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ הכנעהדיקן בליק, צי ער מוז טרינקען און אַז ער האָט פאַרשטאַנען אַז ער מוז, האָט ער די קאַלטע מילך אויסגעטרונקען ביז צום לעצטן טראָפּן, די ליידיקע גלאָז האָט ער אַוועקגעשטעלט אָן אַ זײַט און יוכבדן צוגעצויגן צו זיך. נאָך אַ רגע ליגנדיק צוגעדריקט צו איינאַנדער, האָט זי אים אַ פּליסטער געטאָן אין אויער:

„האָסט נאָך קאַפּווייטיק?"

„ניין", האָט ער געענטפערט אויך פּליסטערנדיק. „ס'וועט נישט זײַן קיין כאַמסין". ער האָט אָפּגעדעקט אירע בריסט און זיי געצערטלט. זי האָט זיך געצויגן צו אים און ער האָט ווײַטער געזאָגט אין פּליסטער: „דו ביסט פאַר מיר די בעסטע רפואה".

„ווי אַ זון פון אַ דאָקטער דאַרפסטו ווייניקסטנס וויסן, אַז איך בין נישט קיין רפואה; כ'בין אַן אַנטידאָטום".

„וואָס איז דער אונטערשייד?" האָט ער געפרעגט און זי געקושט אין דער זעלבער צײַט.

טוליענדיק זיך צו אים, האָט זי באַפרײַט זײַן שטערן פון די נאַסע האָר און געענטפערט מיט אַ כלומרשט באַלערנדיקן טאָן:

„כמעט יעדע רפואה האָט נעגאַטיווע באַגלייט־דערשײַנונגען; אַן אַנטידאָטום אַטאַקירט דירעקט און אָן נעגאַטיווע באַגלייט־דערשײַנונגען די סיבה וואָס קלײַבט זיך קראַנק מאַכן דעם טײַערן גוף פון סטעפאַנען".

„האָסטו אין מיר ליב דעם גוי וואָס דו רופסט מיך סטעפאַן".

„איך האָב אין דיך ליב אַלע דרײַ", האָט זי אים מיט אַ קוש פֿאַרשלאָסן זײַנע ליפּן און נישט געלאָזט אים ווײַטער זאָגן אַ וואָרט. ווי זיי וואָלטן געווען דער־ווײַטערט פון זיך וואָכן לאַנג און אויסגעבענקטע צו איינאַנדער, האָבן זיך די צוויי לײַבער צעפלאַקערט אין ליבשאַפט. דער גערויש וואָס איז דורך דעם אָפענעם פענצטער געקומען פון דער גאַס, האָט דאָ, אויפן טעפּיך, זיך פאַרוואַנדלט אין אַ צאַרטן ניגון, וואָס האָט זיי ביידן אײַנגעוויגט אין אַן אומענדלעכן זיסן וואָר־חלום. דער טעלעפאָן האָט געקלונגען איין מאָל און נאָך אַ מאָל, דורך דער גאַס איז מיט אַן אַלאַרם פון גרילצן און ווילדן געוויי פאַרבײַגעלאָפן אַ מאַשין פון פײַער־לעשער, אָדער אַן אַמבולאַנס — זייערע לײַבער האָבן אויף ביידע נישט רעאַגירט, נאָר בלויז אויף זייער אייגענעם פלאַקער און פלאַטער. אַז זיי האָבן זיך אויסגע־ברענט, זענען זייערע געמיטער געוואָרן לויטער, ענלעך צו אַ דרויסן וואָס נאָך דונערן און בליצן אין אַ זומער־געוויטער, שײַנט־אויף די מילדע געלאָשענע זון און איבער דעם הימל פאַרוואָרפט זיך אַ רעגנבויגן. דוד האָט נישט געוואָלט אַרויס־לאָזן יוכבדן פון זײַנע אָרעמס, ווי ער וואָלט מורא געהאַט די לויטערקייט פון זײַן געמיט זאָל נישט נעלם ווערן. מיט די פינגער האָט ער געקעמט אירע האָר און געזאָגט שטיל:

„איך וואָלט וועלן אַ מאָל דערגיין ווער אָדער וואָס האָט מיך באַוויגן צו דער באַשערטקייט מיט דיר. ווען איך וואָלט צו דיר נישט דערגאַנגען וואָלט איך מסתּמא געווען אומגליקלעך, און איך וואָלט נישט געוווּסט פאַר וואָס איך בין אומ־גליקלעך. פרעג אַ מאָל מײַן טאַטן און ער וועט דיר דערציילן ווי איך האָב פון יִיאוש געקלאַפּט מיטן קאָפּ אָן דער וואַנט. אַפילו פון זיך אַליין האָב איך געוואָלט אַנטלויפן. איצט ווייס איך עס, אַז דאָס איז געווען דער שווערער וועג דיך צו געפינען".

„גאָט איז דער ווער און דער וואָס", האָט יוכבד אים אַרײַנגעקושט אין אויער.

„גאָט?" האָט ער פּלוצים באַפרײַט יוכבדן, כּדי צו קענען איר אַרײַנקוקן אין די אויגן פון אַ דיסטאַנץ, „גאָט רופט נישט בײַ מיר אַרויס קיין ברעקל אַסאָציאַ־ציע פון ליבשאַפט און חסד. אויף צו באַוועגן מיט אַזאַ איידלקייט ווי ליבשאַפט און צאַרטקייט איז גאָט צו מעכטיק און צו מגושמדיק. זײַנע גלידער זענען צוגע־פּאַסט אַ טרייסל צו טאָן מיט בערג און ימים און אומברענגען טויזנטער מענטשן אין דער ערד־ציטערניש. ער איז פעיִק צו באַוועגן לאַנגע צוגן מיט קאַלך־אָנגע־שאָטענע פראַכט־וואַגאָנען, וואָס זענען אויסגעפּולט מיט פאַרפּײַניקטע מענטשן צו פאַרניכטן זיי אין גאַזקאַמערן. ער איז פעיִק אַרײַנצוהאַקן אַ דונער אין אַ הויז ווו צוויי ליבן זיך. ער איז פעיִק אָנצושיקן פּאַדאַיִנס זיי זאָלן אין אַ ישוב בײַ נאַכט

אויסמאָרדן אַ משפחה, וואָס האָט זיך ליב געהאַט. אָבער ער איז נישט פעיִק גורם צו זײַן ליבשאַפט און צאַרטקייט, ווי אַ שמיד איז מיט זײַנע שטאַרקע מוסקלען, מיט דעם שווערן האַמער און אײַזן אין זײַנע שטאַרקע, מגושמדיקע הענט נישט פעיִק אויסצופאָרעמען אַן איידעלן ברעלאָק פאַר דעם שמעקעדיקן האַלדז פון מײַן געליבטער".

„דו לעסטערסט", האָט זי אים געזאָגט, פירנדיק מיט אַ פינגער איבער זײַן שיין־געשניצטער נאָז.

„ווי קען איך לעסטערן ווען איך גלויב באמונה שלימה?" האָט ער געפרעגט.

„אין גאָט?" האָט זי געוואָלט וויסן.

„ניין, איך גלויב אין דיר", האָט ער געענטפערט. „אין צוויי קען מען נישט גלויבן, ווי מען קען נישט אין דער זעלבער צײַט ליב האָבן צוויי פרויען".

„נישט ריכטיק", האָט יוכבד דערווידערט. „אַ מאַן האָט ליב זײַן פרוי און זײַן מוטער".

„דער באַגריף איז איינער: ,האָט ליב' ", האָט ער דערנענטערט זײַן פנים צו איר פנים, „אָבער דאָס געפיל פון ליב האָבן אַ מאַמען און ליב האָבן אַ פרוי ווי אַ פרוי איז פון צוויי קעגנזעצלעכע דימענסיעס. דער זון האָט ליב זײַן מאַמען ווײַל זי האָט אים אָפּגעטיילט פון זיך און אים געגעבן אַ באַזונדער לעבן; אַ פרוי האָט מען ליב ווײַל מען וויל זיך מיט איר צוזאַמענגיסן אין איין גוף, זי זאָל זײַן אין אים און ער — אין איר. פאַרשטייסט דעם אונטערשייד?"

„איך פאַרשטיי אים נישט, נאָר פילן פיל איך דעם אונטערשייד, טײַערער, איינציקער סטעפאַן מײַנער".

„אָבער פאַרשטיין פאַרשטייסטו יאָ פאַר וואָס מען קען נישט גלויבן אין צוויי?" האָט ער געפרעגט און ווײַטער געזאָגט: „ווען איך הײַנטיקס יאָר, פאַר די לעצטע כאַמסינען, נעמען מײַן גאָט און מיט אים, מיט איר דאָ, נעבן מיר, מאַכן אַ שפּאַציר אין איירעפּע. די זין וועלן מיר איבערלאָזן בײַ דער מאַמען. נישטאָ נאָך אַזאַ זיכערער פּלאַץ אין דער וועלט פאַר אונדזערע צוויי זין ווי בײַ די סימקינס אין ראשון. מיר וועלן אַרומוואַנדערן איבער איירעפּע. ביסט שוין אַ מאָל געווען אין אויסלאַנד?"

„קיין מאָל נישט", האָט יוכבד זיך פּלוצים פאַרטראַכט. „זע, ביז דו האָסט מיר געזאָגט וואָס דו האָסט מיר דאָ געזאָגט, איז מיר נישט אײַנגעפאַלן בכלל צו פרעגן זיך אַליין פאַר וואָס איך בין נאָך נישט געווען אין אויסלאַנד".

„ווילסטו איך זאָל דיר זאָגן וואָס מיך ציט קיין אויסלאַנד? ענטפער, ווילסט איך זאָל דיר זאָגן?" האָט ער געפרעגט ווי אַ רעטעניש.

„זאָג!" איז זי באַשטאַנען.

„איך וויל מיטנעמען אָט דעם ליכטיקן זומער, וואָס ליגט נעבן מיר און זען דעם גאָלדענעם האַרבסט אין איירעפּע. זען די פאַלנדיקע קאַשטאַנעס פון די ביי־מער, ווי זייערע שאָלן פּלאַצן און ס'פאַלן אַרויס פון זיי די ברוינע גלאַנציקע

פּרוכטן, און כ'וויל טרעטן איבער די אָפּגעפּאַלענע גאָלדענע קאַשטאַן־בלעטער ווי איבער אַ טעפּיך, און פילן ביי דער זייט מיין מילדן, צאַרטן זומער".

פון יענעם נאָך מיטאָג האָבן יוכבד און דוד געלעבט מיט די צוגרייטונגען צו זייער שפּאַציר אין אייראָפּע. צום ערשטן מאָל אין איר לעבן האָט יוכבד גענייט קליידער ביי אַ שניידער, אַנשטאָט צו קויפן גרייטע מלבושים ווי זי פלעגט עס טאָן ביז דעמאָלט. אַז אליעזר האָט געהערט, די קינדער גרייטן זיך צו פאָרן אין אויסלאַנד, איז ער געוואָרן ענטוזיאַסטיש, ווי אים אַליין וואָלט דערוואַרט אַ שטאַרקע איבערלעבונג. ער האָט געוווּסט ווי שטאַרק דוד האָט ליב יוכבדן און אַז נאָר זי בינדט אים צו צו ארץ־ישראל. זיין באַגער איז אָבער געווען, זיין איינציקער זון זאָל אַליין זיין געבונדן מיט דעם לאַנד צו וועלכן ער, אליעזר, האָט זיין גאַנץ לאַנג לעבן געבענקט. האָט ער דאָך זיין זון אַרויסגעריסן פון אייראָפּע נאָך דער מלחמה ווי ער וואָלט אים אַרויסגעראַטעוועט פון אַ שׂריפה. וועט ער דאָס מאָל זען אייראָפּע און דאָס געפיל פון אָפּגעריסנקייט וועט אפשר נעלם ווערן פון אים.

די לאַנגע חדשים פון די צוגרייטונגען און דערוואַרטונגען זענען פלוצים אַוועק אין ניוועץ. דוד און יוכבד האָבן פּלאַנירט אַרויסצופאָרן צוויי טעג נאָך סוכות, כדי דעם יום־טוב צו פאַרברענגען צוזאַמען מיט די קינדער ביי די עלטערן אין ראשון. אויך אליעזר וועט דעם יום־טוב זיין ביי די סימקינס כדי צו געזעגענען זיך מיט די קינדער. אָבער ווי די פאַרפּלייצונגען אין סטעפּ פונעם נגב לויפן אָן פון די בערג אומגעריכט, פאַרשווענקען די אויסגעקוואַרטע וואַדיס און רייסן אַוועק פעלזן, אַזוי לויפן אָן גורלדיקע געשעענישן אין ישׂראל מיט דער פלוצימדיקייט פון שטורעם און געוויטער.

ס'איז געשען אין דעם טאָג פון יום־כּיפּור. די גאַסן אין תל־אביב זענען געווען אויסגעליידיקט און באַהערשט פון אַ שווערער כאַמסיניקער היץ. בלויז ערגעץ־ווו, דאָ און דאָרט, האָבן צעהיצטע ייִנגלעך געוואָרט טאָמער וועט פון ערגעץ־ווו אָנלויפן אָן אויטאָ, זיי זאָלן אים באַוואַרפן מיט שטיינער, ווי אַ ספּאָרט אָפּצוהיטן דעם הייליקן טאָג. ווייל דער ראַדיאָ האָט אויף דעם טאָג איבערגעריסן זיינע אוידיציעס, האָט די שטילקייט פון די אָפענע פענצטער געגעבן אַ געפיל ווי די הייזער וואָלטן געוואָרן פאַרלאָזט פון זייערע איינוווינער, און זיי האָבן פאַרגעסן צו פאַרמאַכן די פענצטער. פאַר די בתי־מדרשים זענען געשטאַנען געזעמלעך יונגע און אַלטע לייט מיט פאַרוואָרפענע טליתים אויף די אַקסלען, כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם פון דער היץ אינעווייניק. די ביימער אויף די טראָטואַרן זענען געווען פאַרחלשט, קיין צווייגל און אַפילו קיין בלעטל האָט זיך נישט באַוועגט. די היץ האָט געדריקט אויף די הייזער, אויף דעם אַספאַלט פון די כּבישים, אויף די ביימער. אַלץ איז געלעגן פאַרשמאַכט און מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. און ווי אַ לאַנגער איינגעהאַלטענער אָטעם ווערט איבערגעריסן פון אַ האַסטיקן לופט־שטראָם, אַזוי איז די הייסע פאַרשמאַכטקייט פון דעם יום־כּיפּור איבערגעריסן געוואָרן פון אַ פּלוצימער באַוועגונג פון אויטאָמאָבילן. עס האָבן זיך איבערגעוועקט די טראַפיק־ליכטער, רויט־געל־גרין, רויט־געל־גרין — מלחמה־מאָביליזאַציע! די

געזעמלעך יינגלעך וואָס ביז יענער רגע האָבן זיי אויסגעקוקט טאָמער וועט זיך באַווייַזן אַן אויטאָמאָביל, כּדי אים צו באַוואַרפן מיט שטיינער, זענען פון דער פּלוצימער באַוועגונג פון מאַשינען זיך צעלאָפן ווי איבערגעשראָקענע פייגל. פון די בתּי־מדרשים זענען אַרויסגעלאָפן יונגעלייט, וואָס די פאַרהאַנגענע טליתים אויף זייערע אַקסלען האָבן זיך אויסגעשפּרייט ווי פליגל, און די יונגעלייט זענען אַוועק צו זייערע היימען אין בהלה.

די ראַדיאָ־אוידיציעס האָבן זיך באַנייט. מיט זייערע געהיימע פּאַראָלן רופן זיי צו מאָביליזאַציע. „רויטער עפּל״; „בלויער בליץ״; „אמנון און תמר״; „באַ־פרייַטער קנעכט״ — מאָביליזאַציע, מאָביליזאַציע! די מצרים האָבן פאַרסירט דעם סועץ־קאַנאַל און זיי אַטאַקירן און פאַרשווענקען די בר־לבֿ־ליניע. די סירישע אַרמיי האָט אָנגעהויבן אַ מאַסיווע אַטאַקע מיט טאַנקען אויף דער גולן־הויכקייט. פון דער היץ אויף די פּלוצים־אויפגעוואַכטע גאַסן פון תּל־אָבֿיבֿ איז אויפגעגאַנגען דער ריח פון פאַרברענטן בענזין און פּולווער. פון דעם ווי די מאַשינען האָבן געאײַלט, די אַהער און יענע אַהין האָט זיך געדאַכט, אַז זיי ווייסן נאָך נישט ווו ס׳האָט אויסגעבראָכן די שׂריפה און וואָהין זיי דאַרפן אײַלן. זוכן זיי, לויפן, מײַדן זיך אויס, פאַלן אַרויס פון דער שטאָט אויף דרום און אויף צפון, אַנדערע לויפן צום כּביש צו ירושלים. פון די הײַזער הילכן אַרויס די פּאַראָלן: „רויטער עפּל״, „בלויער בליץ״, „רײַפע פּרוכט״, „אָדם און חוה״.

קיין צייכן פון יום־כּיפּור איז מער נישט געבליבן. בתּי־כּנסת האָבן זיך אויס־געליידיקט. די הייליקייט איז נעלם געוואָרן. די צו מאָביליזאַציע־גערופענע פּאַקן זיך, כאַפּן אַ ביס און אַ טרונק. ווער ווייסט ווען זיי וועלן דערגרייכן זייערע מאָביליזאַציע־פּונקטן. כּהרף־עין האָט זיך די הויפּטגאַס פון דער קריה אין תּל־אָבֿיבֿ פאַרוואַנדלט אין אַ מיליטערישן לאַגער. מלחמה, אַן אומגעריכטע מלחמה.

וואָס איז פּלוצים געשען? נעכטן און אייערנעכטן האָבן די פירער פון דער מדינה גערעדט מיט שטאָלץ און זיכערקייט, אַז די אַראַבישע שכנים זענען נישט פעיִק צו מלחמה. די ישׂראל־אַרמיי דערשלאָגט זיי מיט איר כּוח און וואַכזאַמקייט. ישׂראל־„מיראַזשן״ פליִען פרײַ און קונדייסיש איבער קאַיראָ, שלאָגן אויס די שויבן פון הײַזער מיט זייער אַריבעראײַלן די שנעלקייט פון קול. די סיריער היטן זיך פון יעדער באַוועגונג אינעם שטח פון דער גולן־הויכקייט נישט צו פּראָוואָצירן אַ קלאַפּ פון ישׂראל. זאָלן זיי נאָר פּרוּוון, די שכנים, זיי וועלן ווערן צו פאַר־ברענטן שטויב. וואָס איז געשען הײַנט, דווקא בײַם צעזונטן טאָגליכט, הײַנט, אין דעם הייליקסטן טאָג, ווען עס ציטערן די פיש אין וואַסער פון פאַרכטיקייט?

פון די באַריכטן אין אָוונט האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט אַ דראַמע פון ערבֿ־חורבן. די עגיפּטער מאַרדן־אויס די ווייניקע ישׂראל־זעלנער, וואָס זענען געזעסן אין די בונקערס פון דער בר־לבֿ־ליניע. די ווייניקע, נישט צוגעגרייטע ישׂראל־טאַנקען זענען לײַכטע צילן פאַר מצרישע ראַקעטן. די סירישע טאַנקען ראָלן אין דער ריכטונג פון טבֿריה און זיי באַדראָען באַלד חיפה. אין עמק הילכן אָפּ

די אַרטילעריש באָמבאַרדירונגען. וואָס איז געשען? ווי אַזוי איז זי געשען, די קאַטאַסטראָפע?

דוד איז געזעסן בײַם אָפענעם ראַדיאָ און געוואַרט צו הערן זײַן מאָביליזאַציע־פּאַראָל. ער איז געזעסן אַ שעה און צוויי, נישט דורכגעלאָזט קיין איינציקן רוף און דאָך האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט אין דער מיט עפּעס וואָס פאַרהערט. אפשר דערפאַר ווײַל אין דער זעלבער צײַט ווי ער האָט זיך צוגעהערט צום ראַדיאָ האָט ער זיך אויך צוגעהערט צו יוכבדס טעלעפאָן־געשפּרעכן מיט אירע עלטערן אין ראשון. ס'האָט געדויערט אַן אייביקייט ביז זי האָט באַקומען אַ פאַרבינדונג. דער טעלעפאָן בײַ די עלטערן איז כסדר געווען פאַרנומען. און אַז זי האָט ענדלעך באַקומען אַ פאַרבינדונג, איז דער פאָטער געווען אַזוי צעטומלט, אַז זי האָט בלויז געהערט דעם „שלום" און דעם נאָמען גדעון, און די פאַרבינדונג האָט זיך אָפּגעהאַקט. און ווידער האָט זי נישט געקענט זיך פאַרבינדן ווײַל ווען זי האָט אויפגעהויבן דאָס טרײַבל אַנצודרייען דעם נומער, האָט דער פאָטער געטאָן דאָס זעלבע, ביז ער האָט די פאַרבינדונג באַקומען און זײַן ערשטע פראַגע איז געווען:

„וואָס איז מיט דודן?"

„ער זיצט בײַם ראַדיאָ און וואַרט צו הערן זײַן מאָביליזאַציע־פּאַראָל", האָט יוכבד זיך באַמיט צו רעדן רויִק. „וואָס איז אין דער היים?"

„יוכבד, ס'איז אַ גרויס אומגליק. אַ גרויסער דורכפאַל", האָט בערל אַרײַנגעשריגן אין טעלעפאָן. „אַן אומגעריכטע מלחמה".

„וואָס איז אין דער היים? ווייסטו עפּעס וועגן גדעונען? איז רפי מאָביליזירט? כ'האָב געקלונגען צו צבי. ס'איז נישטאָ קיין ענטפער", האָט יוכבד געוואָלט מיט איין מאָל אַלץ פרעגן און אַלץ וויסן.

גדעון איז מיט צוויי טעג פאַר יום־כיפור געקומען אַהיים אויף אַ וואָכיקן אָפּרו. אין די פאַרמאַציע־שטאָבן איז מען געווען אַזוי זיכער, אַז עס דראָעט נישט קיין שום געפאַר דער מדינה, אַז די איבערוויגנדיקע צאָל מיליטערלײַט האָט באַקומען אורלויב צו פאַרברענגען דעם יום־כיפור און די ערשטע טעג פון דעם נאָכקומענדיקן סוכות אין זייערע היימען. אַזוי איז אויך אַהיימגעקומען גדעון אַ רויִקער און אויפגעלייגטער צו קענען זיך גוט אויסשלאָפן אין אַ ווייך בעט בײַ דער מאַמען אין הויז.

„און וואָס איז מיט די ממזרים?" האָט בערל אויסגעפרעגט דעם זון, מיינענדיק די אַראַבער.

גדעון האָט מיט אַ האַנט־באַוועגונג פון ביטול געענטפערט לײַכט, עפּעס אַזוי אַז די אַראַבער פירן זיך איצט אויף ווי גוט אויסדרעסירטע געשלאָגענע הינטלעך, וואָס וועלן אַפילו קיין דריי מיטן וויידל נישט טאָן אָן דעם באַפעל פון דעם באַלעבאָס. דער באַלעבאָס זענען מיר. צו „כל נדרי" איז ער געגאַנגען אין בית־כנסת מיטן טאַטן, מער פאַרן טאַטן איידער פאַר זיך, כדי ראשונער זאָלן אים זען אין זײַן אָפיצירישן מונדיר מיט די פליגל פון אַ פּאַראַשוטיסט. אויף צו מאָרגנס

אין דער פרי איז ער נישט געגאַנגען אין בית־כּנסת. ער האָט ליבערשט געוואָלט אַריינשלאָפן אין פריִען פּאַרמיטאָג. איידער אויך אסתּר איז אַוועק אין בית־כּנסת האָט זי שטיל, ווי עמעצער וואָלט אונטערגעהערט, אָנגעדייט גדעונען, אַז אויב אים ווּעט איינפאַלן נישט פאַסטן, שטייען אין אײַזקאַסטן גוטע זאַכן און ער זאָל זיך אַליין באַדינען.

אַ טעלעפאָן־קלונג האָט אים אַרויסגעריסן פון בעט. פונעם שטאַב פון זיין אײַנהייט אין גליל איז אים געמאָלדן געוואָרן, אַז ס׳איז אויסגעבראָכן מלחמה, סירישע טאַנקען־קאָלאָנעס באַוועגן זיך כּמעט אומגעשטערט אין דער ריכטונג צו קונייטראַ און אויך צו דער בנות־יעקב־בריק איבערן ירדן. אין סיני האָבן די מצרים פאַרשוועגקט די בר־לב־ליניע. אויב ער האָט אַ מעגלעכקייט זאָל ער אײַליק צוריקקערן צו זיין שטאַב מיט אַ העליקאָפּטער פון שׂדה־דוב־פליפעלד אין תּל־אביב. גדעון האָט געכאַפּט אויף זיך די האַקי־הויזן מיט דער בלוזע, די רעשט זאַכן נאָכלעסיק אײַנגעוויקלט אין אַ פּעקל, נישט פאַרגעסן פון דעם אײַז־קאַסטן צו באַזאָרגן זיך מיט שפּייַז און אויף זיין מאַשין אַוועק צום בית־כּנסת. אַז מתפּללים, וואָס זענען געשטאַנען פאַר דעם אַרייַנגאַנג, האָבן געזען בערלס זון צופאָרן מיט אַ מאַשין אום יום־כּיפּור, האָבן זיי געקוקט אויף אים שטומע און דערשיטערטע.

„מלחמה!" האָט ער אויסגערופן.

דאָס געזעמל דערשטוינטע מענטשן האָט זיך געטאָן אַ באַוועג אויף פאָרויס:

„מלחמה?! אין יום־כּיפּור?"

„אויף דער גולן־הויכקייט און אויך אין סיני", האָט גדעון קורץ געענטפערט און ער איז אַריין אין בית־כּנסת. נאָך איידער ער האָט געפונען דעם פאָטער און אויסגערעדט אַ וואָרט, האָט די מלחמה־בשׂורה שוין געהאַט דערגרייכט ביז צום חזן. די תּפילה איז איבערגעריסן געוואָרן, די מתפּללים האָבן זיך געשטופּט צום אַרויסגאַנג. ווי די עזרת־נשים וואָלט זיך פּלוצים אַראָפּגעלאָזט, אַזוי זענען די ווייַבער געווען צווישן די מענער. און נעבן גדעונען — אסתּר. זי האָט אים דערזען פּנים אויבן און בלויז פון זיין אופן אַרייַנקומען, האָט דאָס האַרץ איר געזאָגט אַז זי דאַרף זיין אונטן. באַהערשט און רויִק האָט גדעון געזאָגט צו די עלטערן:

„אָן בהלה. זיי האָבן אונדז געכאַפּט אין די גאַטקעס. מיר וועלן זיי באַצאָלן דערפאַר. איך אײַל איצט אין גליל, צו מיין אײַנהייט".

אסתּר האָט גענומען זיין קאָפּ אין אירע הענט און אַ צעטומלטע געפרעגט:

„אָן עסן? אָן גאָרנישט? אָט אַזוי אַ?"

און בערל האָט צוגעגעבן:

„נעם מיט זיך אַ פּאָר פונט".

„אַלץ האָב איך גענומען. אַלץ איז בסדר. ווי נאָר איך וועל קענען וועל איך טעלעפאָנירן אַהיים".

אסתּר האָט נישט אויסגעהאַלטן. זי איז אַרויפגעפאַלן מיטן קאָפּ אויף גדעונס אַקסל און זיך צעכליפּעט אויפן קול. פון איר כליפּען זענען בערלס אויגן געוואָרן

אויסטערליש גרויס און טרערן האָבן זיך אים אָנגעהויבן גיסן פון זײַנע אויגן צו די באַקן.

„אמא, רויִק; אבא, זאָג דער אמא, אַז זי האָט נישט וואָס צו זאָרגן", איז גדעון גופא אומרויִק געוואָרן. ער האָט זיך אָפּגעריסן און אַוועק נאָכציִענדיק נאָך זיך די עלטערן.

אין די זײַטיקע גאַסן ווי אויף דעם הויפּט־כּביש איז שוין נישט געווען מער קיין צייכן פון יום־כּיפּור. בלויז דאָ און דאָרט איז נאָך עמעצער געלאָפן אַ פּאַר־שפּעטיקטער מיט אַ טלית אויף די אַקסלען. פון ביידע זײַטן פונעם הויפּט־כּביש האָבן גרופּן יונגעלײַט מיט פּעקלעך, טאָרבעס און בײַטלען געוואָרט אויף „טרעמפּן" צו דערגרייכן די מאָביליזאַציע־פּונקטן. פון דעם דרומדיקן מיליטער־רישן פּליפּעלד האָבן אין דער ריכטונג צו צפון אַוועקגעגראַגערט העליקאָפּטערס. מיט אַ לופט־פּײַף האָט ערגעץ־ווו אין דער הייך זיך פאַרבײַגעטראָגן אַ דזשעט־עראָפּלאַן.

ווי יוכבד האָט טעלעפאָנירט צו איר ברודער צבי און קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן, אַזוי אויך האָט אויף בערלס רוף צו זײַן עלטסטן זון קיינער זיך נישט אָפּגערופן. אין יענע מינוטן האָט צבי געאײַלט מיט זײַן מאַשין זיך צוצושטעלן צו זײַן מאָביליזאַציע־פּונקט, ער האָט געהאַט אין זײַן מאַשין שושנהן מיט דעם צווילינג. ער האָט זיי געפּירט צו אירע עלטערן, זיי זאָלן אין אַזאַ צײַט נישט בלײַבן אַליין אין שטוב. שפּעטער האָט אַהיים, אין ראשון, טעלעפאָנירט רפי. ער האָט נאָר וואָס געהערט זײַן מאָביליזאַציע־פּאַראָל, מוז ער אײַלן צו זײַן איינהייט. אַ צעטומלטע האָט אסתר געבעטן דעם זון ער זאָל קומען אַהיים זיך געזעגענען. רפי האָט דערפון נישט געטראַכט. ווי קען ער קומען אַהיים ווען ער מוז וואָס שנעלער זיך צושטעלן צו זײַן איינהייט? די מלחמה וועט דויערן נישט מער ווי צוויי־דרײַ טעג און ער וועט ווידער זײַן אין דער היים.

„ניין, ניין", האָט אסתר אַרײַנגעיאָמערט אין טעלעפאָן. „איך פיל, אַז איצט איז נישט גוט. רפי, ס׳גייט אַ גרויס אומגליק".

„מאַמע, מיר האָבן אַ גענעראַל־שטאַב. פאַרלאָז זיך אויף אים. אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך צוריק אין דער היים". רפי האָט אָפּגעהאַקט, נישט געדענקענדיק אַפילו, צי ער האָט לסוף געזאָגט דער מוטער „שלום", אָדער נישט.

ווי אליעזר האָט געהערט אַז ס׳איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה, איז ער אָן צו טראַכטן אַוועק צו דודן אין רמת־גן. דער אופן ווי דער ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן די באַריכטן האָט אין אים אַרויסגערופן די אַסאָציאַציע פונעם מלחמה־אויסברוך דעם 1טן סעפּטעמבער 1939. ראַדיאָ וואַרשע. אַן ענלעכע בהלה אין דער שטים פונעם ספּיקער, אַן ענלעך געפּיל פון ציטערניש אין די אינגעווייידן פאַר דעם אומבאַקאַנטן וואָס קומט אָן. דוד! דעמאָלט האָט ער געהאַט פינף קינדער און צום סוף איז ער געבליבן בלויז מיט דודן. האָט עס אים אַרויסגעטראָגן פון זײַן שטוב, ווי אַ שטורעם וואָלט זיך אַרײַנגעריסן אין זײַן הויז און אים אַרויסגעטראָגן. ער האָט געפונען זײַן זון בײַם ראַדיאָ־מכשיר. געמיינט אַז אין דער צײַט ווי ער

באַמיט זיך אָנצוקומען קיין רמת־גן, וואָס איז פּלוצים געוואָרן וועלט־ווײַט פון תל־אביב, איז דער זון גערופן געוואָרן. ער האָט מסתמא געקלונגען צום טאַטן צו געזעגענען זיך, אָבער ער, אליעזר, איז דעמאָלט געווען אויפן וועג קיין רמת־גן. איז דוד אַוועק צום מלחמה־שטורעם אָן צו געזעגענען זיך מיט אים. דערזען דעם זון בײַם ראַדיאָ־מכשיר, האָט ער זיך דערפילט אַזוי פאַרקלעמט אין זײַן געמיט, אַז ער האָט אפילו נישט געקענט רעאַגירן אויף דעם ווי זײַן אייניקל, שלמהלע, האָט אַרומגענומען זײַן פוס און געבעטן אַ טראָפּן צערטלעכקייט. אַ צעטומלטע און שווײַגנדיקע האָט יוכבד געקוקט אויף אליעזרן. ער האָט אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף איר קאָפּ:

„זײַ נישט אַזוי צעשראָקן", האָט ער זי באַרויִקט אָן צו קענען באַרויִקן זײַנע אייגענע אינגעווײדן, וואָס האָבן געציטערט אין אים.

„מלחמה", האָט יוכבד געמורמלט און נישט אַראָפּגעלאָזט איר בליק פון אליעזרס פּנים, וואָס האָט איר אויסגעזען צו זײַן פאַרענדערט.

„נאָך אַ מלחמה", האָט אליעזר צוגעגעבן.

„איצט איז זי אַן אַנדערע", האָט יוכבד נאָכגעלאָזט דעם אָטעם. „אַזוי אומגעריכט".

„טאָכטער טײַערע, אַלע מלחמות ברעכן אויס אומגעריכט, אָבער זיי רײַסן אַ סך פריִער. וואָס איז מיט דיר?" האָט ער זיך געוואָנדן צו דודן.

דוד האָט אָנגעוויזן אויפן ראַדיאָ־מכשיר:

„איך וואַרט מ'זאָל מיך רופן. מעגלעך, אַז מײַן געזונט־פּראָפיל האָט מיך אַוועקגעשטעלט אין רעזערוו אויף דער צײַט ווען אויך איך וועל זײַן גוט פאַר אַ קאַנדידאַט פאַר יענער וועלט".

„נאַרישקייטן!" האָט אליעזר אויסגערופן אַ געריצטער.

„ס'איז נישט קיין נאַרישקייט; ס'איז אַן עווענטואַליטעט. ווער עס גייט אין מלחמה גייט ער נישט אויף צו טרינקען אַן עספּרעסאָ", האָט דוד נידעריקער געמאַכט די שטים פון ראַדיאָ און ווײַטער זיך אײַנגעהערט.

„מאַך העכער דאָס קול", האָט אליעזר געבעטן, „כ'וויל הערן די באַריכטן".

אין דער רגע האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. דעם טעלעפאָן האָט אָפּגענומען יוכבד. באַלד נאָך איר „האַלאָ" איז איר פּנים פּלוצים ווי פאַרלאָשן געוואָרן און צעטומלט געזוכט ווערטער:

„יהו... יהודית... אַן... אויגנבליק... דער טאַטע איז בײַ אונדז... יהודית... יהודית..."

זי האָט אויסגעשטרעקט דאָס טרײַבל אין צימער אַרײַן אַ פאַרלוירענע, ווי זי וואָלט נישט געוווסט ווער עס דאַרף איבערנעמען דאָס געשפּרעך.

„יהודית", האָט זי געזאָגט און אליעזר האָט אַרויסגענומען דאָס טרײַבל פון אירע הענט.

נאָך איידער ער האָט צוגעטראָגן דאָס טרײַבל צו זײַן אויער, האָט ער געהערט יהודית אויסטערליש רופן: „טאַטע, טאַטע, דני איז מאָביליזירט".

באַהערשט און געלאַסן האָט אליעזר געזאָגט:

„יהודית, נאָר נישט אין בהלה. איך הער דיך. איך בעט בײַ דיר דו זאָלסט רעדן רויִק. איצט דאַרף מען רעדן רויִק מיר זאָלן זיך פאַרשטיין. אין בהלה איז מען עלול אָפּצוטאָן נאַרישקייטן".

„דני איז מאָביליזירט!" האָט אין טעלעפאָן אָפּגעהילכט אַזוי, אַז דוד האָט געהערט דעם אויסרוף פון דער ווײַטנס.

„טאָכטער, אַלע יונגע מענער ווערן איצט מאָביליזירט", האָט אליעזר ווײַטער געזאָגט מיט אַן אײַנגעהאַלטענער שטים, כאָטש אַלץ אין אים האָט זיך געטרייסלט פון גערירטקייט.

„אבא!" האָט זי אַרײַנגעכליפּעט אין טעלעפאָן מיט אַ קול, וואָס ער האָט פון יהודיתן געהערט צום ערשטן מאָל. „דני איז דער איינציקער בײַ מיר!"

די טעלעפאָן־פאַרבינדונג האָט זיך אָפּגעהאַקט. אליעזר איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער מיט דעם טויטן טרײַבל אין דער האַנט, געקוקט אויף דעם ווי עס וואָלט אַ לעבעדיק באַשעפעניש פּלוצעם אָפּגעשטאָרבן אין זײַן האַנט. נאָך אַ רגע איז ער אויפגעקומען פון צעטומלונג, פאַרזיכטיק אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל אויפן מכשיר און זײַן אויסגעשטרעקטע האַנט האָט זיך פאַרפויסט און פאַרגליווערט געוואָרן.

ערשט מיט אַ וואָך צוריק זענען דני מיט זײַן חברה תמרה געווען בײַ אים צו גאַסט. נאָך דעם ווי זײַן אייניקל איז באַפרײַט געוואָרן פון מיליטער־דינסט האָט דער זיידע אים צוגעזאָגט אַ מתנה וועדליק זײַן ווונטש. זיי וועלן צוזאַמען קויפן די מתנה אין תל־אביב. האָבן זיך אין יענעם טאָג, אין אַ ליכטיקן נאָכ־מיטאָג, אַרײַנגעשטעלט צו אים דני און תמרה. זיי האָבן זיך אַרײַנגעשטעלט צו אים האַפּערדיקע און אויפגערודערטע ווי אַ פּאָר טויבן וואָס רײַסן זיך אָפּ פון דער טשאַטע און צעוואָרקען זיך אין ליבשאַפט.

אין דער צײַט פון זײַן מיליטער־דינסט האָבן זיך דניס גלידער נאָך מער געשטאַרקט פון דעם ווי זיי זענען געווען שטאַרק אויך פריִער, מיט געזונטע אַקסלען ווי בריקן, מיט פעסטע יאַדערדיקע אָרעמס און אַ הויכן שטאַרקן האַלדז ווי פון מאַרמאָר אויסגעהאַמערט. געדאַכט האָט זיך, אַז יעדער באַזונדער האָר פון זײַן פײַנעם קאָפּ צאַפּלט מיט לעבן. אַ לאָק האָר אויפן שטערן ציטערט־אויף בײַ דניס יעדער באַוועגונג. תמרה, אין אירע קרוש־בלוע־קליידער און צעשויבערטע האָר, נישט ווי אַ מיידל פון קיבוץ נאָר ווי אַ היפּי־טיפּ, האָט אַנטקעגן דנין אויס־געזען ווי אַ מיניאַטור, נאָר די מיניאַטור איז ווילד. איר ליכטיק פּנימל, אירע טונקל־בלויע אויגן מיט אַ פײַערל אין זייער מיט, האָבן געגעבן דעם אײַנדרוק פון אַ קלוג און רויִק מיידל. אַז זי האָט געעפנט אירע ווי קינסטלעך־אויסגע־שניצטע, אַ ביסל אויפגעבלאָזענע ליפּעלעך — איז זי מער נישט געווען קיין מיניאַטור. זי איז ווי געוואָרן העכער, כאָטש אויך דעמאָלט האָט זי דנין געגרייכט בלויז ביז צו דער ברוסט. אין רעדן איז זי געוואָרן קוועקזילבערדיק און איר

לשון — ווי אַ באַרג־שטראָמל, נישט צו פאַרהאַלטן. ווען זי האָט גערעדט האָט דני געשוויגן מיט אַ פאַרגעבנדיק שמייכעלע.

„דני האָט מיר זייער אַ סך אָנדערציילט וועגן זײַן זיידן", זענען געווען אירע ערשטע ווערטער צו אליעזרן.

„און איך וועל דיר זייער אַ סך דערציילן וועגן דני", האָט אליעזר איר אָפּגעצאָלט.

„דני איז גאָרנישט קאָמפּליצירט; ער איז ווי אַ סידור־העבודה", האָט זי אַרויפגעקוקט צו דנין און מיט אַ פינגער באַרירט דעם רויטן לאָק אויף זײַן שטערן, ווי ער וואָלט געווען אַן אומרו. באַלד האָט זי זיך מישב געווען: „ניין, נישט ווי אַ סידור־העבודה; ווי אַ בעסטסעלער. מ׳לייענט אים פון אָנהייב ביזן סוף אָן שוועריקייטן".

„פון מײַן דערפאַרונג ווייס איך, אַז אַ בעסטסעלער לייענט מען איין מאָל און מען לייגט אים אַוועק אויף תמיד", האָט אליעזר פּראָוואָצירט.

תמרה האָט באַהאַלטן אַ קונדייסישן שמייכל און רעאַגירט מיט געמאַכטן ערנסט:

„אַזוי איז מיט אַן אַמעריקאַנער בעסטסעלער. אַנדערש מיט דעם בעסטסעלער פון עמק. מ׳לייענט אים נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל און יעדעס מאָל איז ער מער אינטערעסאַנט".

„נעם זי נישט ערנסט", האָט דני אַ טרייסל געטאָן מיט זײַן רויטן קאָפּ. „באַלד קען זי איבערצײַגן פונקט פאַרקערט".

„דאָס איז דווקא אינטערעסאַנט", האָט אליעזר געריצט זײַן אייניקל. „אַ יונגער מענטש, וואָס הייבט אָן לערנען דאָס לעבן דאַרף נישט זײַן דאָגמאַטיש, נאָר דעם־קעריש־ספּעקולאַטיוו. ער דאַרף לערנען אויך דאָס פאַרקערטע און ערשט שפּעטער מאַכן אויספירן. דאָגמאַטיקערס זענען אַלע מאָל אַ העלפט באַגרענעצט און אַ העלפט עם־האָרציש".

תמרה האָט דנין געוויזן די צונג און ער האָט זײַן חברה אַרומגערייפט מיט אַן אָרעם ביז ווייטיק.

„כ׳בין נישט קיין אַראָבער!" האָט זי אויסגעשריגן.

אליעזר האָט מיט ליבשאַפט געקוקט אויף זײַן אייניקל און זײַן מענערישן שטייגער. דני האָט תמרהן דאָ באַפרײַט און דאָ זי ווידער געדריקט צו זיך מיט אַ לײַכטקייט ווי זי וואָלט געווען אַ ראַפינירט שפּילצײַג אין זײַנע הענט. אין די צוויי קאָנטראַסטן — אין דעם באַהאַלטענעם כּוח פון דני און אין דעם קוועקזיל־בערדיקן לעבן פון תמרהן האָט אליעזר געזען דעם נײַעם דור אין ישׂראל — אַ דור פון וויטאַלע מידות, וואָס זוכט אַ האַנט געפּירט צו ווערן.

אין די פיר חדשים זינט ער איז באַפרײַט געוואָרן פון דער אַרמיי ביז דער יום־כּיפּור־מלחמה האָט דני באַוויזן אַרײַנצוגיין טיף אין די ענינים פון דער נײַער אונטערנעמונג. אין דער תקופה האָט זיך די אונטערנעמונג געפונען אין דער סטאַ־דיע פון מאָנטירן די פּראָדוציר־מאַשינען און אינסטאַלאַציעס. פון דער אַרמיי האָט

דני מיטגעבראַכט איבערגעגעבנקייט צו טעכניק און צו דער אויסגעקליגלטער פאַרבינדונג, וואָס ער האָט געפונען אין זייַן טאַנק צווישן דעם מעכאַנישן כּוח און דער מענטשלעכער חכמה. ער האָט אויסגעפונען, אַז אָט די פאַרבינדונג האָט נישט קיין גרענעצן. ער וועט זי העלפן פּערפעקציאָנירן אין דער נייַער אונטערנעמונג.

די מזכּירות פונעם קיבוץ, וואָס איז אויפמערקזאַם געוואָרן אויף דניס התמדה און פאַראינטערעסירונג מיט די דעטאַלן פון די מאַשינען, האָט פאָרגעשלאָגן ער זאָל פאָרן קיין חיפה לערנען. דער קיבוץ מוז האָבן אייגענעם נאָכוווקס פון מאַשינען־ און עלעקטראָניק־אינזשינערן. נאָך אַ פאָר יאָר און אויך די אַגריקולטור אין קיבוץ וועט ווערן אָפּהענגיק פון קאָמפּיוטער־קנעפּלעך און עלעקטראָנישע אינסטאַלאַציעס. גלייַך ווי ס׳איז פּאַרטיק געוואָרן די האַלע פאַר דער נייַער אונטערנעמונג, האָט דער פרייַער פּלאַץ צווישן דעם ווירטשאַפטלעכן טייל פונעם קיבוץ און דעם נייַעם פּראָיעקט ווי זיך געבעטן אויסגענוצט צו ווערן פאַר ווייַטערדיקער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. דער קיבוץ מוז אויסנוצן די קאָניונקטור פאַר אַנטוויקלונג אויך כּדי צו הייבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד און געבן דעם יונגן דור די זעלבע מעגלעכקייט, מיט וועלכע עס לאָקערט אים די שטאָט.

דני איז נישט מסכּים געווען אָנצוהייבן לערנען אין חיפה אין דעם נאָענטסטן אַקאַדעמישן יאָר. ער מוז זיך פריִער אַרומזען, האָט ער געטענהט. זיך אַליין קאָנטראָלירן, צי זייַן פאַראינטערעסירונג איז אַ בלייַביקע, אָדער נישט מער ווי אַ פלאַם פון שטרוי. די ווירקלעכע סיבה האָט ער נישט מגלה געווען: תמרה. זייַט ער איז פרייַ געוואָרן פון מיליטער־דינסט קלעפּן צו זיך די צוויי יונגע מענטשן ווי זיי וואָלטן זיך געהאַט פאַרלוירן און על־פּי־נס צוריק זיך אָפּגעפונען. ציטערן זיי איבער אַנאַנד נישט צו צעשיידן זיך, אַפילו אויף אַן איינציקן טאָג. נישט ער און נישט זי האָבן פאַר פרעמדע אויגן אַרויסגעוויזן זייער פלאַטערניש, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט אַרויסצווייַזן זייערע געפילן צו אייננאַנדער. אָבער אין זייער נאָענטקייט, בלויז מיט זיך אַליין, האָבן זיי געפלאַמט און געפלאַקערט צו זיך, ווי זיי וואָלטן געווען די ערשטע און די איינציקע, וואָס צו זיי איז אַנטפּלעקט געוואָרן דער סוד פון ליבשאַפט.

אין יהודיתן איז נאָך פון פריִער אויפגעגאַנגען אייפערזוכט צו דער קליינער תמרהן. ס׳האָט זי אַוודאי געפרייט, וואָס דאָס מיידל האָט ליב איר איינציקן זון, ווי עס האָבן איר געפרייט די באַוווּנדערונג־שמייכלען פון יעדן איינציקן, וואָס איז באַשטראַלט געוואָרן מיט דעם חן פון דניק. אָבער זי איז געווען פאַרקלעמט דערפון וואָס אָט דאָס קליינע באַשעפעניש אין אירע אויף־צו־להכעיס קרוע־בלוע קליידער האָט דניקן אין גאַנצן צוגענומען פאַר זיך. גאָרנישט, גאָרנישט איבערגעלאָזט פאַר איר, פאַר זייַן מאַמען. טאָמער איז יהודיתן געלונגען אַרייַנצולאָקערן צו זיך דניקן אויף אַ קאַווע מיט קוכן, כּדי זיך אָנצופרייען מיט אים, פילן אויף זיך זייַן זיסע וואַרעמקייט, איז ער תּמיד געקומען מיט תמרהן. יהודית האָט געפילט, אַז אַפילו ווען ער ענטפערט איר אויף פראַגן, אַפילו ער שמועסט מיט איר — שמועסט ער אייגנטלעך מיט תמרהן.

יהודית האָט געהאַט פאַר איר זון אַזוי פיל פּלענער! זי וואָלט נישט געקענט זאָגן אין וואָס די פּלענער באַשטייען, זי האָט זיי נישט געקאָנט אויסדריקן אין ווערטער. ס'וואָלט איר סײַ ווי נישט געהאָלפן, וואָרום יעדער אַזאַ וויזיט האָט זיך געענדיקט מיט די פּלענער, וואָס די צוויי יונגע מענטשן האָבן פאַר זיך באַשלאָסן. יהודית איז מסכים געווען מיט די חברים פון דער מזכירות דני זאָל לערנען אין טכניון אין חיפה שוין פון דעם נאָענטסטן לערן־יאָר. מיט איר פלאַמיקייט האָט זי געפּרוּווט איבערצײַגן דניַן פאַר וואָס ס'איז וויכטיק ער זאָל שוין צופאָרן קיין חיפה זיך פאַרשרײַבן אין טכניון און אויפן אָרט זיך צוגרייטן צו די אײַנטריט־עקזאַמענס. ער איז טאַקע יונג, האָט יהודית געטענהט, ער האָט דאָס גאַנצע לעבן פאַר זיך, אָבער ער האָט אַוועקגעגעבן דרײַ יאָר פון זײַן בעסטער לערן־צײַט אין דער אַרמיי. דאָס זענען די יאָרן אין וועלכע דאָס לערנען קריצט זיך אײַן אינעם מענטש טיפער און שאַרפער. יהודית, וואָס האָט מיט איידעלער פּילבאַרקייט פאַר־געפילט די מחשבות פון אַנדערע, האָט פאַר זיך אַליין נישט אָפּגעגעבן זיך קיין חשבון, אַז נישט בלויז די זאָרג פאַר דער אויסבילדונג פון איר זון באַוועגט זי אים צוצורעדן ער זאָל שוין זיך איבערקלײַבן קיין חיפה, זײַן דערווײַטערט פונעם קיבוץ. דאָס האָט די אייפערזיכטיקע מאַמע געמיינט אַז אַזוי אַרום וועט אים תמרה נישט צונעמען פון איר אין גאַנצן.

אַזוי צי אַזוי איז געבליבן נישט ווי יהודית האָט געוואָלט, נאָר ווי דני און תמרה האָבן צווישן זיך באַשלאָסן: ער בלײַבט דערווײַל אין קיבוץ. דורך דעם יאָר וועט ער אויף די נײַע און אויסגעקליגלטע מאַשינען זיך לערנען פאַרשטיין זייער קאָמפּליצירטן געבוי. דאָס וועט אים לײַכטער מאַכן צו פאַרשטיין די טעאָריע, מיט וועלכער ער וועט זיך מסתמא אָנפאַשען אין טכניון.

דער אויסברוך פון דער יום־כיפור־מלחמה און די מאָביליזאַציע האָט אַ סוף געמאַכט סײַ צו דני־תמרהס פּלענער און סײַ צו די קעגנפּלענער פון יהודית. ס'האָבן זיך געשטעלט טעג פון קאָשמאַר און קלעמענדיקער דערוואַרטונג: ווו איז דני אין דער רגע? וואָס טוט ער? אוי, גאָט, ער איז דאָך נאָך אַ קינד! — האָט יהודית מתפּלל געווען נישט וויסנדיק צו וועמען. דאַכט זיך נעכטן איז ער געזעסן אויף די קני פון זײַן פאָטער אין דעם אינוואַלידן־וועגעלע און זיך גע־טוליעט צו אים, ווי אַן עופעלע טוליעט זיך צו דער ברוסט פון זײַן מאַמען, כדי צוזאַמען מיט דער מילך אַרויסצוזויגן פון איר די ליבשאַפט, און איצט איז ער ערגעץ־ווו אַליין, אויף אַ פעלד פון הריגה, צווישן פלאַמען און טויט. אוי, גאָט, באַשירעם מײַן קינד ווו ער איז איצט אין זײַן איינזאַמקייט אין מלחמה־פעלד!

דער מזרחדיקער ברעג פונעם סועץ־קאַנאַל איז באַהערשט געוואָרן פון דער מצרישער אַרמיי. די רערן־אינסטאַלאַציעס, וואָס האָבן מיט זייער נאַפט געזאָלט פאַרוואַנדלען די וואַסערן פונעם קאַנאַל אין פלאַמען, זענען געוואָרן צו אילוזיע, ווי עס זענען געוואָרן צו אילוזיע די אײַנרעדענישן אַז „מיר זענען נישט צום

באַזיגן״. דער באַזעצטער שטח פון סיני איז געוואָרן צו אַ בית־הקברות פון יונגע קינדער און יאָרן פון מענטשלעכער פּראַצע. צווישן די דיונעס פון דער מדבר האָבן טאַנקען געברענט ווי שײַטערס — מזבחות פון אומשולדיקע קרבנות.

אויף דער גולן־הויכקייט האָבן ווינציקע און איבערראַשטע קעמפער מיט ציין און נעגל זיך אײַנגעביסן אין דער ערד צו פאַרצוימען דעם וועג פון די סירישע טאַנקען צו די אָפענע וועגן פון דעם לאַנד. צוויי טעג און צוויי נעכט האָבן דאָ געפלאַקערט די שײַטערס פון טאַנקען, פון אַראָפּגעשאָסענע עראָפּלאַנען און פון יונגע לײַבער אין די צעגליטע טאַנקען. צום קיבוץ זענען אַראָפּגעפלאָסן די ידיעות ווי אַ פײַערדיקע לאַווע וואָס שמעלצט זיך אַרויס פון אַ ווולקאַן־קראַטער און יאָגט אָן פחד און פאַרניכטונג: אַ דערשלאָגענער האָט דער זיכערהייט־מיניסטער משה דיין געלאָזט פאַלן דאָס וואָרט: „חורבן״. אַלץ, זעט אויס, איז פאַרענדיקט. די מצרישע און סירישע זעלנער אַנטלויפן נישט מער באַרוועסע; זיי וואַרפן נישט מער זייער געווער; זיי זענען געוואָרן קעמפער מיט מאָטיוואַציע, און מיר — מיר האָבן געלעבט מיט אַ פאַרעלטערטער אײַנשטעלונג, אַז מיר זענען נישט צום באַזיגן.

גאָלדע מאיר, די פרוי וואָס האָט אויף אויסן אַרויסגעוויזן עקשנותדיקע שטאַנדהאַפטיקייט און זיך געהאַלטן קאַלטבלוטיקער ווי איר זיכערהייט־מיניסטער, האָט מורא באַקומען צו בלײַבן מיט זיך אַליין. זי האָט געזוכט הילף בײַ די וואָס אין איר סביבה. פון אויער צו אויער האָט מען זיך איבערגעגעבן: „גאָלדע האָט געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד״. אירע פרײַנד האָבן פאַר איר נישט געהאַט קיין טרייסט־וואָרט. זיי האָבן קיין טרייסט־וואָרט פאַר זיך אַליין נישט געהאַט. זיי גופא זענען געווען די שולדיקע פאַר זייער פאַרריסנקייט און אומבאַרעכטיקטער זעלבסט־זיכערקייט. זיי האָבן זיך אַליין פאַרשיכּורט מיט דעם ביטול כּלפּי דער מעגלעכ־קייט, אַז די אַראַבישע שכנים זענען פעיִק צו פירן מלחמה. זיי האָבן זיך געגערט מיט די בילדער פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה ווען מצרישע זעלנער האָבן אין סיני געוואָרפן דאָס געווער און באַרוועסע זיך געלאָזט צו די הייסע זאַמדן פון דער מדבר, כּדי דאָרט צו געפינען דעם טויט.

איצט זענען די פירער אַליין געשטאַנען נאַקעטע, אויסגעטוענע פון אילוזיעס און אײַנרעדענישן און געמורמלט צווישן זיך: „חורבן בית שלישי?״

אליעזר האָט זיך אין יענע טעג געפילט ווי ער וואָלט געווען פאַרשפּאַרט אין אַ שטײַג. ער האָט די שטײַג מיטגעטראָגן מיט זיך — זײַן ראַדיאָ־טראַנזיסטאָר. ער האָט אים געהאַלטן אָפן בײַ דער אַרבעט, בײַם עסן, אויף זײַן שפּאַציר און בײַ זײַן בעט. אָפט איז ער אײַנגעשלאָפן אָן אויסצושליסן דעם ראַדיאָ און ער האָט אַרײַנגעהילכט אין אים און געשטאַרקט די קאָשמאַרן אין זײַנע חלומות. צי איז עס ווירקלעך דער סוף? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט — צי איז מיר באַשערט איבערצולעבן אַלע חורבנס, אַלע אומגליקן? צי וועט אַפילו מײַן תּפילה — אין שלווה אַוועקצולייגן מײַן קאָפּ אויף דער ערד פון ארץ־ישׂראל און צוריק־געבן מײַן נשמה דעם באַשעפער נישט מקוים ווערן? ביין! אַזוי לעכערלעך קען

נישט זײַן מײַן גורל! מײַן לאַנגער װעג אין װײַטיקן און אין פֿריידן קען נישט זײַן קיין אומזיסט געגאַנגענער.

אויך דוד האָט זיך אין יענע טעג געפֿילט װי ער װאָלט געװען פֿאַרשפּאַרט אין אַ שטײַג. די שטײַג איז געװען זײַן אייגענע היים. ער האָט געליטן פֿון דעם שולד־געפֿיל הלמאי ער איז נישט מאָביליזירט געװאָרן אין דער אַרמיי. באַשר — דער פּראָפֿיל. ער פֿילט זיך געזונט, לײַדט נישט פֿון שװאַכקייט, נאָר בײַ „זיי״ האָט ער אַ נידעריקן פּראָפֿיל. האָט ער זיך געשעמט אַרויסצוגיין פֿון שטוב. אויף די גאַסן האָט מען קיין איינציקן יונגן מאַן נישט געזען און די דערשלאָגענע פֿאַרבײַגייערס װאָלטן געקוקט אויף אים װי אויף אַ דעזערטער. װען אַנדערע װערן פֿאַרברענט אין די טאַנקען, שפּאַצירט ער אויף די צעזוניקטע און שטילע גאַסן. איז אים די פֿרייד צו זײַן מיט יוכבדן און מיט די קינדער אינעם זיכערן הויז אין רמת־גן פֿאַרשטערט געװאָרן. אויף דער ראַדיאָ און דער טעלעפֿאָן רײַסן די נערװן. דאָ קלינגט די מאַמע אסתר, װאָס זוכט בײַ די טעכטער און בײַם נישט־מאָביליזירטן איידעם אַ טרייסט. דרײַ זין האָט זי אין דער מלחמה און זי הערט פֿון קיין איינעם נישט קיין צייכן. דאָ קלינגט דער פֿאָטער און דערציילט אים װעגן יהודיתן װאָס װייטיקט אַרײַן אין טעלעפֿאָן אירע װייטיקן.

מרדכי סימקין, דער כנסת־דעפּוטאַט, האָט זיך אין איינציק מאָל אַרײַנגע־כאַפּט צו זײַנע עלטערן אין ראשון זיי צו באַרויִקן. שטאָט זיי צו באַרויִקן האָט ער זיך צום סוף אַרויסגעכאַפּט, אַז די צאָל געפֿאַלענע זעלנער בײַם סועץ־קאַנאַל און אויף דער גולן־הויכקייט דערגרייכט טויזנטער. די צאָל פֿאַרלוירענע עראָפּלאַ־נען און טאַנקען רופֿט אַרויס שװערע זאָרג אין גענעראַל־שטאַב. אַ ליאַדע טאָג װעט די אַרמיי בלײַבן אָן אַרטילערישער אַמוניציע און פֿאַרבײַט־טיילן. די אַלאַר־מען צו אַמעריקע נאָך הילף אין געװער און אַמוניציע לאָזן קאַלט די פּאָליטיקער אינעם סטייט־דעפּאַרטמענט אין װאַשינגטאָן. ס׳איז אַ שעת־כּושר אָפּצושװאַכן די מאָראַל פֿון די ישׂראל־מנהיגים זיי זאָלן זיך באַפֿרײַען פֿון דעם גרויסקייט־קאָמ־פּלעקס. זיי דערגרייכן עס מיט יעדן טאָג פֿון אָפּלייגן די הילף. גאָלדעס פּנים איז װי דאָס פּנים פֿון אַ מאַמען בײַם בעט פֿון איר מסוכּן קראַנק קינד, װאָס די דאָקטוירים האָפֿן אויף אַ נס ס׳זאָל איבערװוּרגן דעם קריזיס. משה דיין איז נישט פֿעיִק אויסצובאַהאַלטן זײַן יאוש און גאָלדע האָט אים פֿאַרבאָטן אַרויסצוטרעטן אין דער טעלעװיזיע, כּדי זײַן פֿאַרצװייפֿלונג זאָל זיך נישט איבערטראָגן צום פֿאָלק. אַ נס איז געשען װאָס די קאָמאַנדירן אויף די באַזונדערע פֿראָנט־אָפּשניטן האָלטן־אויף זייער קאַלטבלוטיקייט. אין די בונקערס פֿון די פֿראָנט־שטאַבן שפּילן זיך אָפּילו אָפּ קאָנפֿליקטן און אינטריגעס צװישן די קאָמאַנדירן. אָט דאָס אַלץ האָט מרדכי סימקין אַרײַנגעבראַכט אינעם הויז פֿון זײַנע עלטערן אין ראשון און געמיינט דערמיט צו באַרויִקן זײַן צעשראָקענע מאַמען. אָבער דאָס געהערטע האָט נישט נאָר נישט אײַנגעשטילט דאָס פּלאָנטעריש פֿון אסתרן פֿאַר דעם לעבן פֿון אירע זין, נאָר זי געמאַכט נאָך מער אומרויִק.

אויפֿן פֿינפֿטן טאָג פֿון דער מלחמה איז אליעזר געפֿאַלן צו בעט. דער גאַנצער

גוף איז אים געוואָרן צו לאַסט, און די פיס האָבן אים נישט געטראָגן. ער האָט געהאַט דאָס אויסטערלישע געפיל, אַז אָט גייט מקויים ווערן זײַן אַלעמאָליקע האָפענונג אַוועקצולייגן זײַן קאָפּ אויף דער ערד פון ארץ־ישראל און צוריקגעבן דעם באַשעפער זײַן נשמה, אָבער אָן דעם מינדסטן ברעקל שלווה צו וועלכער ער האָט געגאַרט זײַן גאַנץ לאַנג לעבן. ערב חורבן איז ער געבוירן געוואָרן און ערב חורבן וועט ער פאַרלאָזן די וועלט.

כּדי נישט צו איבערשרעקן דודן, וואָס האָט זיך בעל־כּורחו פאַרשטײַגט אין זײַן הויז, האָט אליעזר טעלעפאָנירט צו זײַן פרײַנד ד״ר אַרמאָזאָ, ער זאָל אים העלפן. קוים ער האָט באַוויזן אַוועקצולייגן דאָס טעלעפאָן־טרײַבל און ד״ר אַרמאָזאָ איז געווען בײַ זײַן בעט. ד״ר אַרמאָזאָ האָט געבראַכט מיט זיך אַ געזונטדיקע רויִקייט:

„אין יעדן בייז וואָס דער באַשעפער איז גוזר, מוז זײַן אַ ניצוץ פון פּאָזי־טיווקייט״, האָט ער געזאָגט זיך אַוועקזעצנדיק אויפן ראַנד פון אליעזרס בעט. ער האָט די ווערטער געזאָגט מיט דער אויפגעלעבטקייט וואָס דאָקטוירים פון דעם אַלטן טיפּ זענען זיך נוהג צו ברענגען זי מיט זיך, כּדי צו הייבן די שטימונג פון די שטוביקע און פון דעם קראַנקן.

„וואָס איז די פּאָזיטיווקייט פון דער איצטיקער שלימזלדיקער מלחמה? האָט זי בכלל אַ זין?״ האָט אליעזר געפרעגט:

ד״ר אַרמאָזאָ האָט אָנגענומען אליעזרס האַנט אָפּצופילן זײַן דופק און געזאָגט שטיל:

„די ערשטע פּאָזיטיווקייט איז די וואָס בײַ די אויסגעליידיקטע גאַסן און פוסטע וועגן קענט איר פאָרן מיט אײַער אויטאָ אַפילו ווען איר האָט צוויי לינקע הענט און איר הייבט נישט אָן צו אונטערשיידן צווישן אַ ברעמזע און אַן עקסצע־לעראַטאָר. זײַט די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז קיין איין איינציקער מענטש נישט געהרגעט געוואָרן אין אַ וועג־קאַטאַסטראָפע״.

„די מלחמה רעקאָמפּענסירט דעם מלך־המוות אויף די וועגן מיט וווּכער־פּראָצענטער״, האָט אליעזר געפּרוּווט רעדן מיט אַ קול פון אַ געזונטן.

„צי הערט איר נישט אָט די כּלי?״ האָט ד״ר אַרמאָזאָ אָנגעוויזן אויף דעם ראַדיאָ־טראַנזיסטאָר אויף אַ שטול נעבן בעט. „אויפן גולן באַקומען די סיריער קלעפּ און זייער אָפענסיווע איז אַבסאָלוט פאַרהאַלטן. זייער פּלאַן צו אָקופּירן חיפה און טבריה איז צעשטערט. אַבסאָלוט, קאָלעגע! אין סיני — איך האָף אַז די נײַס איז נישט קיין פיקטיווע — כ׳פאַרלאָז זיך אויף אונדזערע אָפיצירן. הלוואי עס זאָל זיך באַשטעטיקן, אַז די ייִדן האָבן אויף ס׳נײַ אַרײַנגעשטעלט אַ פוס אין מצרים. דאָס מאָל קומען זיי מיט טאַנקען איבער אַ פּאָנטאָן־בריק. אין אַזעלכע טעג ווי אונדזערע, קאָלעגע, דאַרף מען האַלטן דעם טראַנזיסטאָר בײַם אויער, ווי מען האַלט די פינגער אויפן דופק פון אַ שווער קראַנקן״.

„וואָס איז די צווייטע פּאָזיטיווקייט וועגן וועלכער איר האָט אָנגעמערקט?״ האָט אליעזר געוואָלט וויסן.

ד״ר אַרמאַזאַ האָט באַפרײַט אליעזרס האַנט און געזאָגט מיט אַ געוויסער נאַכלעסיקייט:

„די צווייטע פּאָזיטיווקייט איז דאָס וואָס איר האָט נישט קיין פיבער, און די דריטע איז נישט ווייניקער וויכטיק: פון דער מלחמה וועלן אונדזערע פירער אפשר לערנען, אַז וויסן אַז מען ווייסט נישט הייסט וויסן אַ סך. זיי האָבן, צום באַדויערן, נישט געהאַט דעם מינדסטן ספק, אַז זיי ווייסן, ווייסן זייער אַ סך. און בעיקר אַז דאָס וואָס זיי ווייסן איז אַבסאָלוט. זיי האָבן נישט געלערנט, אַז יעדער ראַציאָנעלער פּראָצעס האָט אי־ראַציאָנעלע עלעמענטן, וואָס זענען עלול צו צע־שטערן דעם גאַנצן ראַציאָנעלן פּראָצעס. אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט האָט אחד־העם אויסגעפונען, אַז אין פּאַלעסטינע לעבט אַ פּאַלעסטינעזער נאַציע, וואָס דער ציוניזם האָט זי סטימולירט. אָבער אין צווייטן צענדליק פון דעם יאָרהונ־דערט האָט דוד בן־גוריון געצווייפלט, צי אין פּאַלעסטינע לעבט אַן אַראַביש פּאָלק. ער האָט מסכּים געווען, אַז עס זענען דאָ פאַראַן פּאַלאַכן, וואָס זענען אייגנטלעך נישט שעדלעך, ווײַל, האָט בן־גוריון געוואָלט, די פּאַלאַכן שטאַמען פון ייִדישע אָבות. שפּעטער האָבן זיי זיך באַקערט צום קריסטנטום און מיטן אויפקום פונעם איסלאַם זענען זיי געוואָרן מאַכמעדאַנער. דער אויספיר האָט זיך אַליין געמאַכט: ,די פּאַלאַכן זענען נישט שעדלעך פאַר דעם ציוניסטישן ארץ־ישׂראל־ווערק׳. שפּעטער האָט בן־גוריון אײַנגעזען, אַז אין פּאַלעסטינע זענען יאָ פאַראַן אַראַבער מיט אַ געוועקטן נאַציאָנאַליזם. אָבער ווי אַ כּוח זענען זיי גאַרנישט מיט נישט. והראיה: כּמעט מיט ליידיקע הענט האָט דער ייִדישער ישוב, וואָס האָט דעמאָלט געציילט ווייניקער פון אַ האַלבן מיליאָן מענטשן, באַזיגט אין דער אומאָפּהענגי־קייט־מלחמה זעקס אַראַבישע אַרמייען. אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה איז די אַרמיי פון דער גרעסטער אַראַבישער מדינה, מצרים, זיך צעלאָפן באָרוועס און אומגעקומען אין דעם הייסן מדבר. וואָס אָבער אונדזערע פירער האָבן פאַרגעסן איז דאָס, אַז דער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם איז ענלעך צו אַ קינד, וואָס מיט איין מאָל לערנט זיך עס גיין, לערנט זיך אַ שפּראַך, לערנט זיך איבערקליגלען, און די אַנטוויקלונג קומט פאַר ראַשיק פאַר די אויגן פון אַ דערוואַקסענעם, בעת דער ציוניזם איז שוין ווײַט נאָך דער חלוצישער תּקופה. ער געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון זײַנע וועקסל־יאָרן און ער האָט נישט מער דאָס הינטערלאַנד, וואָס ער האָט געהאַט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. געווער איז בלויז איין עלעמענט פון כּוח, און נישט אַלע מאָל דער שטאַרקסטער כּוח. דאָס האָבן אונדזערע פירער פאַרזען, אָדער נישט געוואָלט זען, כּדי נישט צו צווייפלען אין דעם בילד, וואָס זיי האָבן פאַר זיך געצייכנט. דאָס איז די איצטיקע מלחמה. איצט, קאָלעגע, לאָמיר צוריקגיין צו אײַך״.

ד״ר אַרמאַזאַ איז אַרײַן אין דער ראָל פון אַ מעדיקער. ער האָט אליעזרן אויסגעקלאַפּט די ברוסט, די פּלייצע, אַרײַנגעלויכטן אין די אויגן, אויסגעטאַפּט דעם בויך, דורך דעם סטעטאָסקאָפּ אויסגעהערט זײַן האַרץ און די לונגען, און געקומען צום אויספיר, אַז זײַן קאָלעגע איז ,אַנטלאָפן אין אַ קראַנקייט, כּדי פּטור

צו ווערן פון דער מלחמה׳. דאָס האַרץ איז אַוודאי נישט ווי בײַ אַ יונגן מענטש, אָבער עס קלאַפּט מיט תקיפות, ווי עס וואָלט זיך איצט רעכט פאַרמאָסטן אויף נאָך אַ הונדערט יאָר. אין אַזעלכע צײַטן איז מעגלעך אַ געהעכערטער בלוטדרוק. ווי קען מען בײַ אַזאַ שפּאַנונג נישט האָבן אַ געהעכערטן בלוטדרוק? צי האָט ער, אליעזר, אַ מאָל געליטן פון צוקער־סימפּטאָמען? האָט ד״ר אַרמאַזאַ געוואָלט וויסן.

בײַ אַזאַ דיאַגנאָז האָט אליעזר געענטפערט:

„צוקער־סימפּטאָמען? — יאָ. לעצטנס איז צוקער געשטיגן. וואָס איך בין מסכים מיט אײַך, קאָלעגע, און איך האָב וועגן דעם געטראַכט: איך מוז זיך דיס־ציפּלינירן צו אַ געוויסן סטאָיציזם. די גײַסטיקע שפּאַנונג פּרעסט מיך אויף. די תהומיקע אַנטוישונג, אײַנרעדן זיך אַליין, אַז עס דראָעט אונדז נישט אַ מלחמה אין די נאָענטסטע יאָרן, בלאָזן פון זיך און מאַכן דעם פאַלשן אויספּיר, אַז בײַ דעם אידעאַלן מצב דאַרפן מיר בכלל נישט זוכן קיין וועג צו אַ שלום, קודם־כּל מיט די פּאַלעסטינעזער וואָס לעבן צווישן אונדז — דאָס האָט דערפירט צו דער איצטי־קער קאַטאַסטראָפע. אין דער פּערמאַנענטער מלחמה האָב איך פאַרלוירן מײַן עלטסטן זון, וואָס איך האָב אים על־פּי־נס געהאַט אָפּגעפונען. ער איז געהאַט אַנטלאָפן פון די נאַצים דאָרט און געפאַלן דאָ. איצט איז זײַן זון, מײַן דני, אויפן פראָנט. איר וואָלט אים באַדאַרפט זען, דאָקטער. דאָס איז די שענסטע און גע־זונטסטע פּרוכט וואָס די מדינה האָט געצײַטיקט. ניין, אפשר נישט די מדינה, דער קיבוץ, וואָס איז דאָס שענסטע ווערק פונעם ציוניזם. וויפל קאַטאַסטראָפעס איז אַ פאָלק פעיִק איבערצולעבן אין איינע דרײַ צענדליק יאָר?״

ד״ר אַרמאַזאַ האָט באַרירט אליעזרס אָרעם:

„שוואַך, שוואַך, קאָלעגע. נישט מיט אַזאַ היץ. איר ליגט דערפאַר אין בעט. כּדי צו לעבן און איבערלעבן מוזן מיר צו ביסלעך ווערן פילאָזאָפן. צו וואָס קלאָגן איבער אויסגעגאָסענע מילך? יעדער דור האָט אַזעלכע פירער אויף וועלכע ער פאַרדינט. והראיה: ער האָט קיין בעסערע נישט אַרויסגעגעבן. אונדזערע פירער זענען נישט קיין אינטעלעקטואַלן און די אינטעלעקטואַלן, וואָס מיר פאַרמאָגן — און מיר פאַרמאָגן אַזעלכע! — זענען פּאַסיוו. געפינט זיך דער רודער פון דער מדינה אין די הענט פון פּאָליטישע עסקנים, מיט אידעאָלאָגיעס וואָס האָבן נישט דעם מינדסטן אַנהאַלט אין דער ווירקלעכקייט פון דער מדינה, מיט אַנאַכראָניס־טישע פּאָליטישע פּאַרטייען וואָס זענען מיט דער צײַט פּראָפעסיאָנאַליזירט גע־וואָרן. מיר זענען הײַנט ווייניקער צעמענטירט ווי אַ פאָלק ווי מיר זענען עס געווען מיט יאָרן צוריק. זעט איר נישט, אַז מיר ווערן צעברעקלט? זעט איר נישט, אַז דער קאָנפליקט צווישן עדהס ווערט אַקוטער?״

„טײַערער פרײַנד״, האָט אליעזר אים איבערגעריסן מיט היץ, „קוקט אַרויס אויף דער גאַס. ווערדליק דעם ווי זי איז אויסגעליידיקט זענען מיר דווקא יאָ אַ פאָלק. דאָס פאָלק איז אין סיני, אויפן גולן. האָט איר זיך מיט אַ וואָך צוריק פאַרגעשטעלט אַזאַ אייניקייט בײַ אַזאַ צעריסנקייט?״

„דאָס איז אמת, אָבער נישט דער גאַנצער אמת. אַזוי איז אויך געווען אין

דער זעקס־טאָגיקער מלחמה", האָט ד"ר אַרמאָזאַ אָפּגעשלאָגן מיט רויִקייט. „די מאָס פון געמיינזאַמער געפאַר איז נישט די ריכטיקע מאָס פאַר אַ פאָלק. אַ באַן־קאַטאַסטראָפע, וואָס פון איר ליַידן די פּאַסאַזשירן פון פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן, קולטור־אונטערשיידן, שפּראַכן און קאָלירן, פאַרוואַנדלען נישט די ליַידנדיקע אין אַ פאָלק. די מאָס פאַר אַ פאָלק איז דער קאָלעקטיווער ריטם אין באַדינגונגען פון שלום און רעלאַטיווער סטאַביליטעט".

„מיט דעם בין איך מיט אײַך מסכּים", האָט אליעזר כּמעט ווי אַ קרעכץ געטאָן און זײַן שטים איז געוואָרן שוואַכער. „אויב מיר וועלן נישט געפינען שנעל דעם וועג צו אַ שלום מיט אונדזערע שכנים, לכל־הפּחות מיט די נאָענטסטע שכנים, וועלן מיר נישט פאַרמײַדן דעם חורבן נאָך איידער מיר וועלן אויף אַן אמת ווערן אַ האָמאָגען פאָלק".

„ווילט איר הערן מײַן דעה?" האָט ד"ר אַרמאָזאַ פאַרפלאָכטן די פינגער פון די הענט אויף זײַן אָפּשטייענדיקן בויך, „פאַראַן ראַסן בעלי־חי וואָס האַלטן־אויף זייער מין נאָר אַ דאַנק כּסדרדיקע סכּנות. לאָזט זיך זיי פּאַשען אַ צוויי־דרײַ דורות אין פּאַסטאָראַלע באַדינגונגען און זיי וועלן דעגענערירט ווערן און פאַרשווינדן. מיר, אַ קליין פאָלק אין צאָל, מיט אַ באַזונדער גלויבן, צווישן מיליאַרדן מענטשן פון אַנדערע פעלקער, אַגדערע אין זייער שטייגער און אין רעליגיעזן גלויבן — לאָזט אונדז איבער אין פּאַסטאָראַלע באַדינגונגען אַ הונדערט יאָר און מיר וועלן זיך אויפלייזן ווי אַ לעפל זאַלץ אין אַ באַסיין וואַסער. דאָס איז דער קערן פון דעם פּראָבלעם, דאָקטער, קענט איר לייזן דאָס פּראָבלעם?"

35

שווערע טעג האָבן זיך געשטעלט פאַרן קיבוץ. די יונגע מענער זענען אַוועק צו די פראָנטן. די גאַנצע לאַסט איז געפאַלן אויף די עלטערע מענער, אויף די פרויען און אויף די ייִנגערע קינדער. זיי האָבן דעריבער געפירט דיווירטשאַפט אויף אַן אופן ווי זיי וואָלטן זי געראַטעוועט — די הינער אין לול זאָלן נישט פאַרברענט ווערן פון דורשט; די בהמות אין רפת זאָלן נישט פאַרהונגערט ווערן און זייערע אײַטערס זאָלן נישט צעשפּאַרט ווערן; די גרינס־פעלדער זאָלן נישט פאַרוועלקט ווערן פון טרוקנקייט. אַברהמל איז אַרײַן אין זײַנע אַלטע גומי־שטיוול, מיט דעם טעמבעל־היטל אויפן קאָפּ, און אַוועק צו דער רפת און באַוויזן אויך אויפצוהאַלטן דעם לול. יהודית האָט געאַרבעט אין דער קיך, כּדי צו באַפרײַען ייִנגערע פון איר צו וויכטיקע אַרבעטן אין משק.

כּאָטש דער קאַלענדאַר האָט געוויזן אויף האַרבסט, האָט די היץ געפלאַקערט ווי עס וואָלט זיך געשטעלט אַ נײַער זומער מיט כאַמסינען. אין דעם טאָג ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן זענען צום קיבוץ דערגאַנגען די אַרטילערישע קנאַלן פון דער גולן־הויכקייט. זיי האָבן דערמאָנט דאָס ווײַטע דונערן פון אַן אָנקומענדיקן געוויטער. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זיך דאָס דונערן דערווײַטערט. דאָך דווקא די שטילקייט האָט געדריקט אויפן קיבוץ, אַזוי ווי דאָס געוויטער וואָלט זיך ערגעץ־ווו פאַרטשאַטעוועט, אָפּצוּוואַרטן די רגע צו וועלכער ער צילט, און דעמאָלט וועט ער אומגעריכט זיך אַראָפּלאָזן מיט זײַן צעשטערערישן כּוח.

פאַרנאַכט־צײַט האָט אַברהמל איבערגעלאָזט די אַרבעט אין לול און צוריקגעגאַנגען צום רפת אָנצופילן די קאָריטעס אויף בײַנאַכט. פון די גרינס־פעלדער איז צוריקגעקומען אַ קלײנער טראַקטאָר, וואָס האָט אַהיימגעבראַכט די יוגנטלעכע, וואָס האָבן באַוואַסערט דאָס פאַרחלשטע גרינס. תּמרה, וואָס איז געווען צווישן די צוריקגעקומענע פון פעלד, איז אַראָפּ פונעם טראַקטאָר און געלאָפן אין דער ריכטונג צו אַברהמלען. זי האָט געוווּסט, אַז ער אײַלט עטלעכע מאָל אין טאָג צו יהודית צו הערן אפשר האָט זי אַ גרוס פון דני. זײַט ער איז אַוועק צו זײַן איינהייט הערט מען נישט פון אים. געווײנטלעך איז זײַן טאַנקען־איינהייט געשטאַנען אין גליל און דאָרט האָט ער אָפּגעדינט די דרײַ יאָר. אָבער אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן אומגעריכט, בײַ האַלב לײדיקע בונקערס און פאַרפעסטיקונגען, ווער קען קאַווירן, אַז דניס איינהייט איז נישט איבערגעוואָרפן געוואָרן צום סיני?

פון אַנהייב איז תמרה אַליין געקומען צו יהודית פרעגן, צי דני האָט זיך אָפּגערופן. שפּעטער האָט זי צוליב אַ סיבה, וואָס זי אַליין האָט נישט געקענט פאַר זיך דערקלערן, אויפגעהערט באַזוכן יהודיתן. זי איז געווען אין פאַרלעגנהייט.

„חבר אַברהמל", האָט תמרה אים אָפּגעשטעלט מיט איר רוף, „איז געווען אַ..."

אַברהמל האָט אַרויפגערוקט דאָס טעמבעל־היטל הויך אויפן קאָפּ און דער־גאַנצט וואָס תמרה האָט אָנגעהויבן אים פרעגן:

„גרוס פון דני? ניין, תמרהלע. ווען מען ליגט דאָרט אין זיבעט אַ גרוס, אַ טעלעפאָן?" האָט ער מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף דער ווײַט.

„געהערט ראַדיאָ?" האָט תמרה ווײַטער געפרעגט.

„קענסט דען אַנדערש?" האָט אַברהמל געענטפערט מיט אַ פראַגע. „די לעצטע ידיעות זענען גוטע. צה"ל איז אַריבער דעם סועץ־קאַנאַל און אַרומגערינגלט די דריטע אַרמיי?"

„וועמעס אַרמיי?" האָט תמרה נישט פאַרשטאַנען.

אַברהמל האָט נאָך העכער אַרויפגערוקט זײַן טעמבעל־היטל:

„תמרהלע, אַז אונדזערע האָבן אַרומגערינגלט, וועמעס דריטע אַרמיי האָבן זיי געקענט אַרומרינגלען? אונדזער אייגענע?"

„גערעכט, חבר אַברהמל. אַלץ צעמישט זיך מיר". אַן אומעטיקער שמייכל־בליץ איז אַריבער איבער איר פּנימל: „אפשר וועט איצט זײַן לײַכטער אַ טעלע־פאָן־פאַרבינדונג, אַ גרוס..."

„אפשר", האָט אַברהמל געווישט דעם שטערן. „קודם לאָמיר וויסן וווּ דני געפינט זיך, אין סיני, אָדער דאָרט אין דער הייך, אויפן גולן. פון קיינעם פון אונדזער חברה ווייסט מען גאָרנישט".

ווידער איז איבער תמרהס פּנימל אַריבער אַן אומעטיקער שמייכל־בליץ און זי איז אַוועק אין דער ריכטונג, אין וועלכער ס'איז נעלם געוואָרן דער טראַקטאָר.

תמרהס דערשײַנען האָט צוגעאײַלט אַברהמלען אין זײַן אַרבעט. איצט האָט ער אַלץ געטאָן שנעל: דאָ האָט ער אָנגעפילט די קאַריטעס מיט פּאַשע, דאָ אַוועק־געשטעלט אַן עמער אין אַ ווינקל, כאָטש ער האָט אים די גאַנצע צײַט געשטערט. דאָ ווידער האָט ער צום עמער אין ווינקל צוגעוואָרפן אַ ליידיק זעקל. דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעקוקט ווי ער וואָלט עפּעס פאַרלוירן, אָדער פאַרגעסן און אַוועקגעאײַלט צו דער קיך.

יהודית איז גראָד געווען רויִקער. דער ראַדיאָ־טראַנזיסטאָר אין דער קיך האָט מבשׂר געווען גוטע בשׂורות: צה"ל האָט אַריבערגעוואָרפן איבערן סועץ־קאַנאַל צוויי פּאָנטאָן־בריקן און אַריבערגעפירט אויף דער זײַט פון מצרים טאַנקען און פּאַנצער־געווער. דער וועג קיין קאַירא איז אָפן פאַר די ישׂראל־כּוחות. דער אַרום־געריינגלטער דריטער אַרמיי דראָעט הונגער און דאָרשט. די פרויען אין דער קיך האָבן געפּאַטשט בראַוואָ. אויף אַ רגע האָט זיך יהודיתס פּנים צעשטראַלט:

„אונדזערע קינדער. אמתע גיבורים", האָט זי געשעפּטשעט און געזוכט אויף די אַנדערע פּנימער פרייד.

יהודיתס רויִקייט האָט אַברהמל אויפֿגענומען ווי אַ נס, וואָרום אין די לעצטע טעג איז איר פּנים געוואָרן גריק, ווי דאָס בלוט אין איר וואָלט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט נערוועז און באַהאַלטן געבראָכן די פֿינגער.

„איך בין געקומען העלפֿן", האָט אַברהמל זיך אָנגעבאָטן.

„ס'פֿעלט דיר אַרבעט?" האָט יהודית געפֿרעגט נישט קוקנדיק אויף אים.

„העַנט פֿעלן מיר", האָט ער געזאָגט לעבעדיק און געזוכט איר בליק.

זי האָט אַ קוק געטאָן צו אים.

„עס'ט זען, יהודיתל, אַלץ ט'זייַן גוט!" האָט זיך בײַ אים אַרויסגעכאַפּט.

„כ'בין זיכער אין דעם", האָט זי אמונהדיק באַשטעטיקט זייַנע ווערטער.

אויף צו מאָרגנס פֿאַר מיטאָג איז צו דער מזכירות פֿונעם קיבוץ צוגעפֿאָרן אַ מיליטערישער טענדער. צוויי אָפֿיצירן, מיט שוואַרצע בערעטן פֿאַרלייגט אונטער די עפּאָלעטן האָבן נאָכגעפֿרעגט אויפֿן מזכיר. דאָס מיידל, וואָס האָט אין אָט די טעג דיזשורירט בײַם טעלעפֿאָן, איז צעטומלט געוואָרן פֿון דעם אופֿן ווי די צוויי האָבן זיך אַרײַנגעשטעלט און זי איז געלאָפֿן רופֿן דעם מזכיר. דערווײַל האָבן די אָפֿיצירן שווײַגנדיק געלייענט אויף דער וואַנט דעם סידור־העבודה, מעלדונגען פֿאַר די קיבוץ־חברים, אַ באַריכט פֿון אַ פֿאַרזאַמלונג, די רשימה פֿון די מאָבילי־זירטע — אַלץ זאַכן געוועזענע און איצט נישט וויכטיקע. אַז זיי האָבן געהערט ווי עמעצער דערנענטערט זיך מיט אַ הויך רעדן, האָבן די אָפֿיצירן אויפֿגעגעבן דאָס לייענען. ס'איז אַרײַנגעקומען אַ מאַן מיט אַ ברוינלעך צעאַקערט פּנים און בלויע אויגן, וואָס האָבן געמאַכט דעם אײַנדרוק אַז זייער פֿאַרב איז אָפּגעבליאַקע־וועט געוואָרן פֿון דער שטאַרקער זון. מיט אַ קאַלטן פֿאַרשערישן בליק האָט ער אָנגעקוקט דאָ איינעם און דאָ דעם צווייטן, און ער האָט געפֿרעגט ווי ער וואָלט עפּעס פֿאַרויסגעפֿילט:

„שלום, חברים. נו?"

„מיר זענען שליחים פֿון אכ"א", האָט איינער פֿאַרריכט זייַנע האָר און געקוקט אויף דעם מאַן אַנטקעגן אים. „אייגנטלעך זענען מיר געקומען צו יהודית אַרטאַ־פּאַנוס..."

„אוי איז מיר!" האָט אויסגערופֿן דאָס מיידל די טעלעפֿאָניסטין און מיט ביידע פֿויסטן זיך פֿאַרשטעלט דאָס פּנים.

„אַ שלעכטע בשורה", האָט שטיל פֿאַרגעזאָגט דער מזכיר.

„אַ שלעכטע בשורה", האָט באַשטעטיקט דער צווייטער אָפֿיציר. „דני אַרטאַ־פּאַנוס איז געפֿאַלן אין קאַמף ווי אַ העלד. זייַן טאַנק האָט פֿאַרניכטעט פֿינף סירי־שע טאַנקען".

דער ערשטער האָט צוגעגעבן:

„מיר ווילן דאָס אָפֿיציעל איבערגעבן דער מוטער".

דער מזכיר האָט זיך נערוועז אויפֿגעוועקט:

„אַ רגע. וואַרטס. איר קענט נישט צו איר צוגיין און אָנזאָגן די בשׂורה ווי איר האָט זי מיר אָנגעזאָגט. בשום אופן נישט. באַלד, אַ רגע... זעצט אײַך דער־ווײַל. פֿאַר וואָס שטייט איר? מ׳דאַרף זען... אפֿשר צונויפֿרופֿן אַ פּאָר חברים... איר ווייסט אַוודאי... זײַן פֿאָטער דער רב־סרן... זיצט״.

דער מזכּיר איז אַוועק. מיט אײַליקע טריט האָט ער דורכגעשניטן דעם גראָז־פּליין צו דעם חדר־אוכל. אַנטקעגנאיבער איז אַנגעלאָפֿן אַ צווייטער מאַן אין קור־צע האַקי־הויזן. אין דער מיט וועג, איידער ער האָט דערגרייכט דעם מזכּיר האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן, געביטן די ריכטונג און איז נעלם געוואָרן. פֿון אַ ווינקל, גע־דיכט באַוואַקסן מיט קוסטן, האָט זיך באַוויזן אַ פֿרוי. אויך זי איז געווען אָנגעטאָן אין קורצע האַקי־הויזן, מיט אַ טיכל אויפֿן קאָפּ. זי האָט זיך אַרומגעקוקט ווי זי וואָלט דאָ געווען אַ פֿרעמדע און זי זוכט דעם ריכטיקן וועג. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן לויפֿן מיט קורצע שפּאַנען, ווי עס לויפֿט אַ פֿרוי אין אַ שמאָל קליידל. זי איז געלאָפֿן אין אַן אַנדער ריכטונג. ווי זי וואָלט אויפֿגעטויכט פֿון דעם גראָז־פּליין האָט זיך באַוויזן יהודית. און ווי עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט פּלוצים אויפֿגעטויכט, אַזוי איז זי פֿון דעם פּלאַץ אָפּגעשפּרונגען, אויף אַן אויגנבליק זיך פֿאַרהאַלטן און דערנאָך אַוועקגעאײַלט מיט שנעלע שפּרײַזן צו דער מזכּירות. אַ צען טריט הינטער איר האָט לויפֿנדיק צוריקגעקערט דער מזכּיר. פֿון ערגעץ האָט זיך ווידער באַוויזן די פֿרוי אין די קורצע האַקי־הייזלעך און אויך זי האָט געאײַלט צו דער מזכּירות.

אַז יהודית האָט דערזען פֿאַר זיך די צוויי אָפֿיצירן מיט די שוואַרצע בערעטן אונטער די עפּאָלעטן, איז זי ווי אָפּגעשפּרונגען הינטערווײַלעכץ און געבליבן צוגעשמידט צום פּלאַץ. זי האָט געקוקט אויף די צוויי מיליטערלײַט און געשוויגן. אויך זיי, קוקנדיק אויף איר, האָבן געשוויגן. דאָס מיידל בײַם טעלעפֿאָן האָט געביסן איר אייגענע פֿויסט. זי האָט געגלאָצט אויף יהודיתן מיט אַ צעשראָקן פּנים. באַלד איז אַרײַן דער מזכּיר און אויך די פֿרוי אין קורצע האַקי־הייזלעך. זייער אָנקום, ווי זיי וואָלטן געבראַכט מיט זיך אַ נישט געפֿילטן שטורעם, האָט אַ טרייסל געטאָן מיט די שווײַגנדיקע.

„ווען?״ האָט זיך פֿון יהודיתן אַרויסגעריסן אַ קרעכץ און איר פּנים איז געבליבן פֿאַרגליווערט, ווי זי וואָלט מיט די ליפּן איבערהויפּט נישט באַוועגט.

„אויף צו מאָרגנס נאָך יום־כּיפּור. דעם צווייטן טאָג פֿון דער מלחמה״, האָט איין אָפֿיציר געזאָגט מיט אַ ביסל אַ פֿײַערלעכער שטים. דער צווייטער האָט צוגע־געבן:

„דני אַרטאַפּאַנוס איז געפֿאַלן ווי אַ העלד. ער האָט פֿאַרניכטעט און פֿאַר־ברענט פֿינף סירישע טאַנקען...״

„און אַליין פֿאַרברענט געוואָרן אין זײַן טאַנק?״ האָט יהודית געפֿרעגט מיט איר פֿאַרגליווערט פּנים. די אָפֿיצירן האָבן געשוויגן.

מיט בהלה איז אין צימער אַרײַן די קליינע תּמרה. אָטעמענדיק שנעל פֿון

לויפן האָט זי מיט אַ צעטומלטן בליק געזוכט אין דער שטילקייט און אַרויפגעפאַלן אויף יהודיתס האַלדז.

דער מזכיר האָט מיטביידע הענט דורכגעקעמט זײַנע האָר און זיך געוואָנדן צו די אָפיצירן:

„איז ער געקומען צו קבורה?"

„אויף אַ צײַטווײַליקן בית־הקברות", האָט איינער פון די אָפיצירן געענטפערט און דער צווייטער האָט באַשטעטיקט:

„צײַטווײַליק. ווי אַלע געפאַלענע".

אינעם צימער איז אַרײַן אַברהמל. ער איז אַרײַן אַזוי ווי עמעצער וואָלט אים אַרײַנגעשלײַדערט און ער האָט זיך פאַרהאַלטן אויף זײַנע אייגענע פּיס. דערזעענדיק יהודיתן און תמרהן פאַרהאַלדזטע מיט זייערע אָרעמס און פאַרשטײַפטע ווי סטאַטועס, האָט ער מיטן טעמבעל־היטל געווישט דעם שוויס פון זײַן שטערן און געזוכט עמעצנס בליק. קיינער האָט אויף קיינעם נישט געקוקט. קיינער האָט קיינעמס בליק נישט אויפגעכאַפּט. האָט אַברהמל אָנגערירט דעם אָרעם פון דעם מיידל בײַם טעלעפאָן. ווי ער וואָלט אָנגערירט און אויפגעוועקט אַ ווונד האָט דאָס מיידל אַ געשריי געטאָן און זיך צעכליפּעט מיט אַן אויסטערליש קול, ווי עס וואָלט נישט געווען אירס.

אויפגעוועקט פונעם געכליפּ פונעם מיידל האָט יהודית געזאָגט מיט אַ טרוקן קול:

„איך וויל אים זען".

איינער פון די אָפיצירן האָט געענטפערט:

„ער איז באַערדיקט צײַטווײַליק. שפּעטער וועט דער אָרון איבערגעפירט ווערן ווו איר וועט פאָדערן".

„איך וויל אים זען", האָט זי איבערגעחזרט ווי דער ענטפער וואָלט צו איר נישט דערגאַנגען.

„דאָס איז אוממעגלעך. דער צײַטווײַליקער בית־הקברות איז איצט אין אַ געשלאָסענעם ראַיאָן", האָט דער אָפיציר זיך אָנגעבויגן צו איר.

„ס'איז מײַן קינד", האָט זי ווידער געזאָגט.

דער סעקרעטאַר האָט אַרומגענומען יהודיתן און גערעדט צו איר ווי צו אַ קינד:

„האָסט געהערט. איצט איז אוממעגלעך. ווי נאָר עס וועט זיך ענדיקן די מלחמה וועלן מיר דעם אָרון ברענגען אַהיים".

נישט פאַרמעל האָבן זיך ביידע אָפיצירן פאַרנייגט און איינער הינטערן צווייטן האָבן זיי פאַרלאָזט די מזכירות. אַ רגע האָט געהויערט אַ שטילקייט ווי קיין לעבעדיק נפש וואָלט אין צימער נישט געווען. יהודית האָט געהאַלטן אַריבערגעלייגט איר אָרעם איבער תמרהן, וואָס האָט אויסגעזען נאָך קלענער ווי זי איז געווען. פּלוצים האָט זיך יהודית אײַנגעבראָכן. זי איז געפאַלן און מיטגעריסן מיט זיך תמרהן. „וואַסער!" האָט אויסגערופן דער מזכיר און זיך אַראָפּגעבויגן צו יהודיתן.

תמרה האָט זיך צעשריגן: „יהודית, יהודית!" אַברהמל איז געלאָפֿן נאָך וואַסער און אים איז נאָכגעלאָפֿן די פרוי אין די קורצע האָקי־הויזן: „פֿון דער ממטרה, פֿון דער ממטרה!" האָט זי אים נאָכגעשריגן, און אַברהמל האָט געענדערט די ריכטונג פֿון זײַן לויפֿן. יהודית איז געקומען צו זיך אָן צו ראַטעווען זי. ווען אַברהמל האָט געבראַכט אַ שעפּ וואַסער, איז זי געזעסן אויף אַ שטול באַגאָסן מיט קאַלטן שווייס. תמרה האָט געגלעט איר פּנים. אַברהמל האָט צוגעטראָגן די שעפּ וואַסער צו אירע ליפּן און זיך געבעטן בײַ איר:

„נעם, יהודיתל, אַ שלונג וואַסער".

כאָטש ד"ר אַרמאַזאַ האָט נישט געפֿונען בײַ אליעזרן קיין אַקוטע קראַנקייט, דאָך איז אים שווער געווען צו האַלטן זיך אויף די פֿיס. ער האָט אַליין דיאַגנאָזירט, אַז ער איז פֿיזיש און גײַסטיק אָפּגעשוואַכט. ס'וואָלט אים צו נוץ געקומען ענדערן די אַטמאָספֿער און באַפֿרײַען זיך פֿון פֿליכטן. נאָר ווי אַזוי קען ער אין אַזאַ צײַט פֿאָרן אין אַ פּענסיאָן? איבעריקנס זענען אַלע פּענסיאָנען געשלאָסן און די האָטעלן זענען אויסגעליידיקט פֿון געסט. ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו בלײַבן אַ צוויי־דרײַ טעג אין בעט און נישט עפֿענען דעם ראַדיאָ־טראַנזיסטאָר. וועגן זײַן באַשלוס האָט ער טעלעפֿאָניש געלאָזט וויסן דודן און אים געבעטן יוכבד זאָל פֿאַר אים אײַנקויפֿן שפּײַז אויף אַ פּאָר טעג און ער, דוד, זאָל מיט זײַן אויטאָ אים ברענגען דעם אײַנקויף. אין די טעג איז די גאַס ליידיק און ער וועט קענען אָוועקשטעלן דעם אויטאָ פֿאַר דעם אַרײַנגאַנג, קיינער זאָל נישט באַמערקן אַ יונגן מענטש אַ נישט־מאָביליזירטן.

יוכבד איז באַשטאַנען דערויף דער פֿאָטער זאָל די פּאָר טעג זײַן בײַ זיי, אין רמת־גן. עס וועט אים זײַן באַקוועמער. אליעזר האָט דעם פֿאָרשלאָג בשום אופֿן נישט געוואָלט אָננעמען. ער וויל נישט אַז זײַנע אייניקלעך זאָלן אים זען אין זײַן שוואַכקייט און אַרויסרופֿן אין זיי רחמנות צו אים. זיי דאַרפֿן געדענקען זייער זיידן אַ געזונטן און שטאַרקן. אויסער דעם מוז ער כאָטש אויף אַ פּאָר טעג אויסשליסן זיך פֿון דער וועלט — נישט הערן ראַדיאָ, נישט לייענען צײַטונגען. ייִדן האָבן נישט קיין קלויסטער — וועט ער זיך אויף אַ פּאָר טעג פֿאַרקלויסטערן אין זײַן וווינונג.

אליעזר האָט קוים אָוועקגעלייגט דאָס טרײַבל ווי דער טעלעפֿאָן האָט געקלונגען. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס קלינגט יוכבד צו פֿרעגן אים וואָס פֿאַר אַ פּראָדוקטן ער וויל האָבן. אָבער אַנשטאָט דער יונגער שטים פֿון יוכבדן האָט ער אָן אַנטוישטער דערהערט אַ הייזעריקן קרעכץ. נאָך דעם איז געקומען אַ קורצע פּויזע און באַלד אַ העכערער קרעכץ:

„אבא, אבא..."

די ווענדונג האָט אים צעטומלט.

„ווער רעדט?"

„איך, יהודית", איז די שטים געוואָרן קלאָרער.

„יהודית? קוים איך דערקען דײַן שטים. רעד אַ ביסל העכער".

„אבא, אבא, העלף מיר, איך בין געבליבן ליידיק", זענען אירע ווערטער געקומען אָפּגעריסענע.

„יהודית, איך דערקען נישט דײַן שטים. וואָס הייסט ליידיק?"

אַ ווײַלע איז נישט געקומען קיין ענטפער. אַ ווײַטער קלאַנג־זשום האָט וויברירט אין דער טעלעפאָן־ליניע. דערנאָך האָט זיך דערהערט די זעלבע הייזעריקע שטים:

„אבא, ער איז מער נישטאָ. ער איז פאַרברענט געוואָרן אין צווייטן טאָג פון דער מלחמה".

„טאָכטער מײַנע, וועגן וועמען רעדסטו?" האָט אליעזר זיך אויפגעזעצט אין בעט און אין דער רגע האָט ער צוריקבאַקומען די כּוחות אין זײַן גוף.

„מײַן דני, אבא. אונדזער דני איז מער נישטאָ! זיי האָבן געזאָגט ער איז געפאַלן ווי אַ העלד. הערסט, אבא?!"

נאָך די ווערטער איז געקומען אַ קורצער כליפּ. אליעזר האָט געהערט עטלעכע ווײַטע שטימען. אַ מענלעכע שטים האָט פּלוצים אַרײַנגערעדט אליעזרן אין אויער:

„דאָקטער אַרטאַפּאַנוס, יהודית איז נישט אין שטאַנד מער צו רעדן. זײַט רויִק, מיר פאַרנעמען זיך מיט איר".

„איז אמת וואָס יהודית האָט מיר געזאָגט? פון וואַנען די ידיעה?" האָט אליעזר געפרעגט מיט אַ באַהערשטער שטים.

„אָפיצירן פון אכּ"א האָבן נאָר וואָס געמאָלדן יהודיתן, אַז דני איז געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט. מיר זענען דאָ אַלע דערשלאָגן".

דאָס געשפּרעך האָט זיך איבערגעריסן. אליעזר האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל אויפן קישן און זיך גענומען אָנטאָן. די פיס האָבן אים געטראָגן, כאָטש די אינגעווייטן האָבן געצאַפּלט אין אים. מיט די הענט האָט ער בודק געווען ווי ווײַט ער איז נישט ראַזירט און אַוועק אין באָדצימער. נאָר אַז ער האָט געפּרוווט זיך ראַזירן האָבן אים די הענט געציטערט. האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן צו דער וואַש־שיסל און געלאָזט אויף זײַן נאַקן אַ שטראָם קאַלט וואַסער. דערנאָך האָט ער צוריקגעקערט אין שלאָפצימער און זיך אָנגעטאָן, ווי ער וואָלט זיך געקליבן גיין צו דער אַרבעט אין שפּיטאָל.

מיט אַ וועלכער שעה שפּעטער האָט דוד געבראַכט צום פאָטער אַ קויש שפּײַז, וואָס יוכבד האָט אײַנגעהאַנדלט אין דער שפּײַז־קראָם. אינעם קויש איז אַפילו געווען אַ פלאַש קאָניאַק. דוד האָט זיך צוגעגרייט צו זײַן אויפגעלייגט, צו שטאַרקן די שטימונג פונעם פאָטער, וואָס אָבסערווירט אים תּמיד אין זײַנע שטימונגען. אַ קינסטלעך־אויפגעלייגטער האָט ער אָנגעקלונגען אין דער טיר פון זײַן פאָטערס וווינונג מיט קורצע קלינגלעך און נאָך דעם האָפערדיקן „שלום" אויסגערופן:

„נו, טאַטע, וועדליק דעם ווי צה"ל הערשט אין גושן איז זיכער אַז גאָלדע מאיר וועט בקרוב ווערן אַ קלעאָפּאַטראַ און הערשן בּיד־חזקה איבער מצרים".

דער פּאַטער האָט נישט רעאַגירט. ער האָט זיך אויסגעדרייט און צוריקגע־גאַנגען פון דער טיר. דוד איז אים נאָכגעגאַנגען מיט זײַן פּלוצימער צעטומלונג.

„אַז דו פילסט זיך אַזוי שלעכט, פאַר וואָס האָסטו זיך אָנגעטאָן ?"

אליעזר האָט נישט געענטפערט. דוד האָט ווײַטער געפרעגט :

„אפשר וואָלסטו דאָך אַריבערגעגאַנגען צו אונדז ? דו ווייסט נישט ווי שטאַרק יוכבד וויל דו זאָלסט זײַן בײַ אונדז".

אין זײַן אויפנעם־צימער האָט אליעזר שווער זיך אַראָפּגעלאָזט אין זײַן פאָטעל, מיט אַ פאַרזאָרגטן בליק אַרויפגעקוקט צו זײַן זון, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן אים און געזאָגט מיט אַ טרוקן קול :

„דני איז געגאַנגען אין דעם וועג פון זײַן טאַטן".

דודן האָט זיך אויסגעדאַכט ער האָט פאַרהערט וואָס דער פּאַטער האָט גע־זאָגט און ער האָט איבערגעפרעגט :

„וואָס האָסטו געזאָגט ?"

„איך האָב געזאָגט, אַז דני איז מער נישטאָ. ער איז געפאַלן אינעם צווייטן טאָג פון דער פאַרשאָלטענער מלחמה !" האָט אליעזר אויסגערופן מיט אַ געשטײַ־גערט קול.

דוד האָט אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף דעם פּאַטערס אַקסל און אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום באַלקן, אליעזר זאָל נישט זען זײַן דערשיטערונג. זײַן האַנט אויפן פּאַטערס אַקסל האָט געציטערט. אַזוי האָבן זיך פּאַטער און זון געהאַלטן אין שווײַגעניש. צום סוף האָט דוד זיך באַהערשט און געזאָגט אין צימער אַרײַן :

„ס'אַ שחיטה. גדעון סימקין, דער אָפיציר, ליגט אין שפּיטאָל אַ פאַרווונדע־טער. אויף מײַן גאַס, אין מײַן הויז און אין די שכנותדיקע הײַזער, הערן מיר די געוויינען נאָך די אָנגעזאָגטע פינצטערע בשורות. די אומשולדיקע זענען די קרבנות פאַר די שולדיקע. ווי האָסטו מיר אַ מאָל געזאָגט : ,דער ירדן פאַלט אַרײַן אין ים המלח', אין ים המוות".

אַ רגע, נײַן, אַן אייביקייט איז געווען שטיל אין צימער. אַ פליג האָט זיך אַרײַנבאַקומען און געפלויגן דאָ אַרום דעם און דאָ אַרום דעם אַנדערן, אַוועק און ווידער אָנגעפלויגן. אויך איר פלי איז געווען אַ שטילער. פּלוצים האָט זיך אליעזר אויפגעשטעלט, זיך אויסגעצויגן אין זײַן גאַנצער הייך, אויף די שפּיץ פינגער, ווי ער וואָלט זיך געקליבן צו שוועבן און געזאָגט מיט אַ טאָן פון עקשנות :

„ריכטיק מײַן זון, דער ירדן פאַלט אַרײַן אין ים המלח, און דאָך הערט ער נישט אויף צו שטראָמען פון אייביק אין דער אייביקייט אַרײַן".

ביכער פון מ. צאַניִן

„וויוואַט, לעבן!" נאָוועלן, וואַרשע, 1933

„אויף זומפּיקער ערד", ראָמאַן, וואַרשע, 1935

„וווהין גייט יאַפּאַן?" רײַזע־רעפּאָרטאַזש, תל־אביב, 1943

„איבער שטיין און שטאָק", רײַזע איבער 100 חרוב געוואָרענע ייִדישע קהילות אין פּוילן, תל־אביב, 1952

„שבתדיקע שמועסן", פּעליעטאָנען, תל־אביב, 1957

פּולער העברעיִש־ייִדישער ווערטערבוך, תל־אביב, 1960

„צווישן געטער און מענטשן", רײַזע־רעפּאָרטאַזשן, תל־אביב, 1962

„שיר השירים", איבערדיכטונג אין ייִדיש, תל־אביב, 1962

„מגילת רות", איבערדיכטונג אין ייִדיש, תל־אביב, 1962

„אויף די וועגן פון ייִדישן גורל", עסייען, תל־אביב, 1966

„די דעקאַדענץ פון אַ משיח", קריטישע מאָנאָגראַפיע, תל־אביב, 1967

„אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים", ייִדישער ראָמאַן, תל־אביב, 1966

„פּרעמדע הימלען", ייִדישער ראָמאַן, תל־אביב, 1968

„ליבשאַפט אין געוויטער", ייִדישער ראָמאַן, תל־אביב, 1972

„גרענעצן ביז צום הימל", רײַזע־באַשרײַבונג פון אַ פּליט איבער דער וועלט קיין ארץ־ישׂראל, תל־אביב, 1970

„די מרידה פון מעזשיבאָזש", ייִדישער ראָמאַן, תל־אביב, 1976

„דער שליסל צום הימל", מעשׂיות פון פּאַרצײַטנס, תל־אביב, 1979

מאָדערנער ייִדיש־העברעיִשער ווערטערבוך (גרייט צום דרוק)

אין העברעיִש:

„תל עולם", מסע על פני מאה קהילות חרבות בפולין, תל־אביב, 1962

„אַרטפנוס חוזר הביתה", סיפור, תל־אביב, 1968

„דרכי הגורל היהודי", מסות, תל־אביב, 1967

אין ענגליש:

"Artapanos Comes Home", A. S. Barnes and Co. Corp., Brunswick and New York, 1980

אין פראַנצויזיש (אין דרוק):

"La Revolte de Miedzyborz", Edition Jean-Clode Lattes, Paris.

M. TSANIN

THE JORDAN RIVER DROPS INTO THE DEAD SEA

novel

Tel-Aviv 1981